2.00

גוסטאַוו פלאָבער

נמ״ר

געזאמלטע ווערק

פֿון

גוסטאַוו פלאָבער

I

וואַרשע

ביבליאָטעק מאַרק ראַקאָווסקי

גוסטאוו פלאבער

מאַדאַם באָוואַרי

ר אָ מ א ן

פון פראַנצויזיש: מאַרק ראַקאָווסקי

ווינדזאר, 814 אירי, איסט
ביי דער י. ל. פרץ-שול

1 9 2 8

ב י ב ל י אָ ט ע ק מ אַ ר ק ר אַ ק אָ ו ו ס ק י

GUSTAVE FLAUBERT
MADAME BOVARY

Zakłady Graf. „REKORD"
Warszawa. Dzika 18.

(1821 — 1880)



ווינדזאר, 814 איר, איסט
ביי דער י. ל. פרץ-שול

גוסטאַוו פלאָבער

פון עמיל זאָלא

גוסטאַוו פלאָבער איז געבוירן געוואָרן אין רואַן אין 1821 יאָר. זיין טאַטע איז געווען אַ כירורג אין איינעם פון די גרעסטע שפיטאָלן אין רואַן. פלאָבער האָט צוערשט שטודירט יוריספּאָנדענץ. נאָכדעם האָט ער עס אַוועקגעוואָרפן און זיך אָפּגעגעבן דער ליטעראַטור. ער האָט געלעבט אָפּגעשלאָסן. דעם גרעסטן טייל פון יאָר האָט ער געאַרבעט אין פּאַריז און די איבעריקע צייט אין רואַן, אויפן ברעג פון דער סענע. גוסטאַוו פלאָבער און זיינע ביכער זענען איין זאַך. אומזיסט וועט איר אים זוכן ערגעץ אַנדערש. ער האָט נישט קיין, ליידנשאַפט. ער איז נישט קיין זאמלער, קיין יעגער, קיין פאנגער ער שרייבט זיינע ביכער און גענוג. ער איז אַריינגעטראָטן אין דער ליטעראַטור, פּונקט ווי מען פלעגט אַמאָל אריינטרעטן אין די הייליקע אָרדנס, כדי דאָרט צו געניסן פון פרייד און דאָרט, נאָכדעם, שטאַרבן. און אַזוי האָט ער געפירט אַן אָפּגעשלאָסן לעבן, צען יאָר געשריבן אַ בוך, דורכגעלעבט עס יעדע שעה אין טאָג, געאָטעמט, געגעסן און געטרונקען מיטן בוך. איך האָב נישט געקענט קיין מענטשן, וועלכער זאָל זיך האָבן מער פאַרדינט דעם טיטל שריפטשטעלער. זיין גאַנץ לעבן האָט ער געווידמעט דער קונסט.

גוסטאַוו פלאָבער איז געווען זייער געטריי זיין אַרבעט. ער האָט זיך געשטיצט בלויז אויף באַשטימטע נאָטיצן, אין וועלכע ער האָט זיך אַליין איבערגעצייגט, אַז זיי זענען ריכטיק. האָט זיך עס געהאַנדלט וועגן אַ שטעל אין אַ ווערק, פלעגט ער זיך קענען וואָכנלאַנג גריבלען אין ביבליאָטעקן, ביז ער פלעגט געפינען דאָס, וואָס ער האָט געזוכט. ווען ער פלעגט, למשל, דאַרפן אָנשרייבן אַן עפּיזאָד אין עטלעכע זייטלעך וועגן מענטשן, וועלכע האָבן זיך באַשעפטיקט מיט ערד־אַרבעט, פלעגט ער קענען איבער דער פראַגע איבערלייענען אַ צוואַנציק, דרייסיק ביכער; נאָכמער, ער פלעגט גיין און זיך נאָכ־

פרעגן ביי מענטשן. האָט עס זיך ווידער געהאַנדלט וועגן אַ באַשרייבונג, פלעגט ער אַרויסאָרן אויפן געהעריקן אָרט און דאָרט לעבן.

אָט אַזוי ערנסט האָט ער זיך באַצויגן צו זיין אַרבעט. וועגן יעדער קלייניקייט האָט ער געמאַכט די גרעסטע אויספאָרשונגען. ער האָט שטודירט גראַוויורן, ציייטונגען, ביכער, מענטשן, זאַכן. ס׳איז ביי אים געווען רעכט די גאַנצע וועלט אויסצופאָרן צוליב איין איינציק ווערק. אין „מאַדאַם באָוואַרי״ האָט ער אויסגענוצט די באַאָבאַכטונגען פון זיין יוגנט, אין נאָרמאַנדיע און געשילדערט די מענטשן, וועלכע ער האָט געקענט ביז זיין דרייסיק־יעריקער עלטער.

געוויסנהאַפטיקייט—דאָס איז די הויפט־כאַראַקטעריסטיק אין פלאָבערס ווערק. דער פאַנטאַזיע זיינער האָט ער גאָרנישט צו פאַרדאַנקען; פאַר אים עקזיסטירן נאָר די זאַכן, וואָס ער זעט אין לעבן. ווען ער שרייבט, וויל ער תמיד האָבן דעם געפיל, אַז יעדער געביט, וואָס ער באַרירט, געהערט צו אים. ער וויל זיך פילן ווי אַ מושל אויף אַ באַזיגטן געביט. און דאָס איז אַלץ דערפאַר, ווייל ער שטרעבט צו שלמות. ער פאַרטראָגט נישט דעם קלענסטן פעלער. ער מוז זיין ביי זיך זיכער, אַז דאָס ווערק איז פולשטענדיק גוט. פון קלענסטן פעלער האָט ער שטאַרק געליטן און באַרויקט האָט ער זיך ערשט דעמאָלט, ווען ער האָט געפילט, אַז אַלע נישט פינקטלעכקייטן זענען באַזייטיקט. דערמיט דערקלערט זיך דאָס, וואָס נישט געקוקט אויף זיין אַרבעטזאַמקייט, האָט ער זייער ווייניק אָנגעשריבן אין זיין לעבן. אויף זיין ווערק, „דער נסיון פון הייליקן אַנטאָני״, האָט ער געאַרבעט אַ יאָר צוואַנציק, און האָט עס איבערגעאַרבעט אַ מאָל פינף.

דאָסזעלבע איז מיט פלאָבערס סטיל. ער שאַרפט, ער שניצט און ער פיילט אים אָן אַ סוף. ער גריבלט זיך איבער דער פונקטאציע; ער פאַרברענגט גאַנצע טעג אויף איין זייטל, צו דערגרייכן דאָס, וואָס ער וויל. עס דערגייט אַזוי וויית, אַז צוליב אַ וואָרט־איבערחזרונג מאַכט ער איבער צוואַנציק אָדער דרייסיק זייטן.

גוסטאַוו פלאָבער האָט געשטרעבט צום אמת; קלאָרקייט איז געווען זיין פאַרלאַנג. ער האָט געהאַט דעם כוח פון אַ ווינט־מאַשין, וועלכע פלעגט יעדעס וואָרט פון זיין ווערק דורכזיפן, אַז אין יעדער שורה הערט זיך דאָס העכלעכע רוישן פון גרויסן סטיל. די טרוקענע דורכזיכטיקע פאָרם פון אַכצעטן יאָרהונדערט איז פאַר אים פרעמד.

מיר שטייען נאָך אַלץ פאַר דעם סוד פון זיין טאַלאַנט און פון זיינע נייע פאָרמען, וועלכע ער האָט אַרויסגעוויזן אין זיין ווערק.

אין פלאָבערס ווערק זעט מען אַרויס זיין אָריגינאַליטעט און זיין גלאַנצפולן סטיל. זיין סטיל דריקט זיך אויס אין ריכטיקע און הערליכע בילדער. ער איז — דער אמת, געקליידט אין געוואַנט פון דיכטונג. אין זיין באַגלייטונג טרעט מען אויף אַ פעסטן באָדן, מען פילט זיך אויף דער ערד, אָבער מען גייט באַקוועם אין דעם ריטם פון דער העכסטער שיינקייט. גוסטאַוו פלאָבער האָט דורכגעלויכטן דעם אומדורכדרינגלעכן באַלזאַקער וואַלד. אין זיין פאָרם האָבן זיך פאַראייניקט די ביידע גאונים פון 1831: דער געניויער אַנאַליז פון באַלזאַקן און דער גלאַנצפולער סטיל פון וויקטאָר הוגאָ.

* *

*

דאָס דערשיינען פון „מאַדאַם באָוואַרי" אין 1856 יאָר האָט אַרויסגערופן אַ געוואַלדיקע ליטעראַרישע באַוועגונג. דער מוסטער פון אַ מאָדערנעם ראָמאַן, וועלכער איז אין באַלזאַקס ריזיקע ווערק באַצייכנט בלויז טיילווייז, טרעט דאָ ביי פלאָבערן אַרויס אין אַ גרויסן בוך מיט דער גאַנצער בולטקייט. ערשט איצט באַווייזט מיר דעם געזעץ פון דער נייער קונסט שוואַרץ אויף ווייס. „מאַדאַם באָוואַרי" ווייזט אַרויס אַזאַ קלאָרקייט און שלמות פון או סדרוק, אַז דער דאָזיקער ראָמאַן קען דינען אַלס טיפּ, אַלס מוסטער פון אַ גאַנצער ריכטונג. אַלע אָנפאַנגער פון יענער צייט האָבן פון „מאַדאַם באָוואַרי" געצויגן זייער יניקה, און צווישן די יונגע שרייבער איז נישטאָ איינער, וועלכער זאָל נישט אָנערקענען, אַז פלאָבער האָט דורכגעלייגט אַ נייעם וועג. ער האָט אין די באַלזאַקישע, טיילמאָל אומדורכדרינגלעכע וואַלדטונקעלע שטעלן אַריינגעבראַכט ליכט. פלאָבער האָט אַרויסגעזאָגט דאָס אמתע ריכטיקע וואָרט, אויף וועלכן די גאַנצע וועלט האָט געוואַרט.

„מאַדאַם באָוואַרי" איז אַ טיפּ פון אַ נאַטוראַליסטישן ראָמאַן, אַ געטרייע קאָפּיע פון לעבן, אָן שום ראָמאַנטישע עלעמענטן. די קאָמפּאָזיציע פונם ווערק באַשטייט אינם אויסוואַל פון איינצלנע סצענעס און אַנטוויקלט זיך אין אַ געוויסן האַרמאָנישן סדר. די סצענעס זענען גענומען פונם אַלטעגלעכן לעבן, אָבער דער מחבר האָט זיי אַזוי געשניצט און געפּיילט, אַז זיין ווערק איז געוואָרן אַ דענקמאָל פון קונסט און וויסנשאַפט. דאָס איז אַ שטיק לעבן אין אַ ווונדערבאַרער אויספירונג. מיר געפינען נישט אין „מאַדאַם באָוואַרי" קיין אויסערגעוויינלעכע דערפינדונגען, עס פעלט דאָ אפילו די פשוטע אינטריגע. קלאָר און דייטלעך איז זיין ראָמאַן, ער דערציילט די געשעענישן פון דעם

און יענעם טאָג, נישטא דאָ קיין שום איבערראַשונגען, נאָר ער רעדט פשוט וועגן פאַרשידענע זאַכן. קומט מען צו צום סוף, איז גלייך ווי מען פאַרלאָזט די גאַס, כּדי צו גיין אַהיים.

די שיינקייט פון דעם ווערק דריקט זיך נישט אויס אין אַ גוזמאדיקער פאַרגרעסערונג פון חסרונות אָדער מעלות פון עפּעס אַ געשטאַלט, נאָר דאָס איז אַן אמתער מענטשלעכער דאָקומענט, מיט אַבסאָלוט-ווירקלעכע שילדערונגען ביז צו די קלענסטע פּרטים.

דער נאַטוראַליסט מוז זיך תּמיד האַלטן הינטער דער האַנדלונג, וועלכע ער דערציילט. ער בלייבט פּונקט ווי דער רעזשיסער הינ-טער דער סצענע, ער ווייזט זיך קיינמאָל נישט אַרויס אין זײַנע זאַצן, מען הערט אים נישט לאַכן און נישט וויינען מיט זיינע פּערזאָנען און ער דערלויבט זיך אפילו נישט צו באַטראַכטן זייערע האַנדלונגען. אומ-זיסט זוכט מען דאָרט א פּועל-יוצא, אַ מוסר-השכּל; דאָס זענען שיל-דערונגען, בילדער, פּשוטע פאַקטן; און עס גייט אים נישט אָן, צי די פאַקטן וועט מען רימען אָדער טאַדלען. דער אויטאָר אַיז נישט קיין מאָראַליסט, נאָר אַן אַנאַטאָם, וועלכער באַנוגנט זיך מיט דער שילדערונג פון דעם, וואָס ער האָט געפונען אינם מענטשלעכן קערפּער. זאָל דער לעזער אַליין זוכן אַ פּועל-יוצא און ציען אַ מוסר-השכּל. ווייל דער ראָמאַניסט, אַז זיין ווערק זאָל פון קינסטלערישן שטאַנדפּונקט טראָגן א פּערזענלעכע אַיינהייטלעכקייט, אַז זיין ווערק זאָל תּמיד זיין מאָדערן, מוז ער זיך האַלטן אָן א זייט. ווייל זיינע געפילן און זיין אורטייל וועלן ווירקן צעשטערענדיק אויף זיינע פיגורן.

גוסטאַוו פלאָבער האָט אונטערגעוואָרפן דעם ראָמאַן אונטער שטרענגע געזעצן פון באַאָבאַכטונג, האָט אים באַפרייט פון די אויס-בערנאַטירלעך-אָנגעוואָרפענע פערזאָנען, האָט אים פאַרוואַנדלט אין אַ ווערק פון האַרמאָנישער אומפּערזענלעכער קונסט.

דאָס דערשיינען פון „מאַדאַם באָוואַרי״ איז געווען אַ גרויס געשעעניש. אייגנטלעך איז דער סיוזשעט פון בוך אין די אינטרי-גע זייער ווייניק ראָמאַנטיש. מען קען עס באַשרייבן אין דרייסיק שורות. אָבער מען מוז דאָס גאַנצע בוך לעזן, כּדי צו באַקענען זיך מיטן פולסירנדיקן לעבן. דער קלענסטער פּרט האָט אַ געוואַלדיקן אינטערעס, ווייל דאָס וואַרפט אַ ליכט אויף דער דראַמע פון אַל-טעגלעכן לעבן. די שילדערונגען דרינגען אונדז אַריין טיף אין האַרצן, ווי אַ טעאַטער-שטיק, וואָס גייט פאַרביי אונדזערע אויגן. אין „מאַדאַם באָוואַרי״ געפינען מיר זיך אין אונדזערע ספערן און

די פערזאָנען זענען אונדז גוט באַקאַנט. אָט דעריבער מאַכט אויף אונדז דאָס ווערק אַזאַ גרויסע רושם.

• •
•

די פיגור פון דער מאַדאַם באָוואַרי, אַ טיפּ, וועלכן פלאָבער האָט מסתּם קאָפּירט און שטודירט, איז געוואָרן אַ וועלט־טיפּ. מען זאָגט: „דאָס איז אַ מאַדאַם באָוואַרי,‟ פּונקט ווי מען האָט אין זיבעצטן יאָרהונדערט געזאָגט: „דאָס איז אַ טאַרטיף‟. דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס הגם מאַדאַם באָוואַרי איז אַזוי אינדיווידועל, שטעלט זי דאָך מיט זיך פאָר אַן אַלגעמיינעם טיפּ. מען קען זי געפינען אומעטום אין אַלע קלאַסן, אין אַלע קרייזן. מאַדאַם באָוואַרי, אַלס פרוי פון איר שטייגער, האָט באַקומען א צו הויכע דערציונג. דעריבער איז זי נישט צופרידן מיט איר גורל, וויגט זיך תּמיד אין פּוסטער סענטימענטאַליטעט און פאַרגעסט איר חוב אַלס מוטער און ווייב. דער פאַרראַט מוז דורכאויס קומען, צוערשט טראָגט דער פאַרראַט אַ פאָרזיכטיקן פּאָעטישן כאַראַקטער, נאָכדעם צעוואַקסט ער ער זיך. פלאָבער פאַרגעסט נישט קיין איין שטריך פון דערדאָזיקער פרוי. ער שילדערט איר גאַנצן יוגנט, איר סביבה, אירע ערשטע תּאווה־געפילן, אירע אינערלעכע קאַמפן. דערמיט וויל ער באַווייזן אַז נישט עמע אַליין איז שולדיק אין איר פאַלן, נאָר די גאַנצע סביבה.

שאַרלס פיגור איז אפשר נאָך בעסער געצייכנט. מען מוז אַליין זיין אַ שריפטשטעלער, כּדי צו וויסן, ווי שווער ס'איז צו שאַפן אַ נאַרישן העלד אין זיין פולער באַלויכטונג. דאָס גאַנצע בוך אַנטהאַלט שילדערונגען פון זיין מיטלמעסיקייט; אויף יעדן זייטל זעט מען דעם נעבעכדיקן דאָקטאָר, דעם נעבעכדיקן מאַן, — תּמיד נעבעכדיק. ער איז נישט אויסטערליש גוזמאדיק; ער איז תּמיד דער אמתער טיפּ. דער אומגליקלעכער רופט אַפילו צו זיך אַרויס סימפּאַטיע, מען באַציט זיך צו אים זייער צערטלעך. שאַרל איז נאַריש, בעת עמעס ביידע געליבטע, ראָדאָלף און לעאָן, זענען שרעקלעכע עגאָיסטן. דאָס איז די ליבע, ווי פלאָבער האָט זי דערקענט; דאָס איז יוגנט, פאַרלאַנגען, געלעגנהייט, מיט איין וואָרט — אַלץ, וואָס דערפירט צו פאַרראַט. וויפל אויפריכטיקע מענער וואָלטן זיך מודה געווען, אַז זיי האָבן אין זייער לעבן געהאַט איינע אָדער צוויי

עמעס! דאָס איז אַ מענטשלעכער דאָקומענט פון אוניווערזעלן אמת, אַ בלעטל פון דער געשיכטע פון אַן אַנדערער געזעלשאַפט. לעאָן און ראָדאָלף זענען דורכשניטלעכע מענטשן. שרעקלעך און רירעוודיק זענען באָוואַריס ווערטער צו ראָדאָלפן נאָכן טויט פון זיין ווייב „איך בין אויף אייך נישט אין כעס". דאָס איז דער נישטיקער מענטש, פונקט אַזויווי ער איז.

אין „מאַדאַם באָוואַרי" זענען דאָ פיגורן פון צווייטן ראַנג, וועלכע זענען פאַראייביקט: דער קליין-שטעטלדיקער גלח, אין וועלכן ס'זענען קאָנצענטרירט אַלע געמיינקייטן פון גייסטלעכע; פּראָווינציאַלן, וועלכע פירן אַ קליינלעך לעבן. אָבער צווישן זיי אַלע טיילט זיך אויס די פיגור פונם אַפּטייקער אָמע. אָמע איז די פּראָווינציעלע וויכטיקייט, די חכמה פון שטעטל און די אָנגענעמע נאַרישקייט פון דער גאַנצער געגנט.

דערצו איז ער אַ פרייַדענקער, אַ יעזויטן-פרעסער. זיינע קינדער גיט ער באַרימטע נעמען: נאַפּאָלעאָן און אַטאַליע. ער האָט פאַרפאַסט אַ בראָשור „איבער עפּל-ווין", מיט באַמערקונגען. ער שרייבט אין דער צייטונג „דאָס ליכט פון רואָן". דער־דאָזיקער טיפּ איז אַזאַ וויכ־טיקער, אַז דער נאָמען „אָמע" איז געוואָרן אַ שם-דבר. ער כאַראַק־טעריזירט אַ געוויסן קלאַס פון שוטים.

אָבער צוליב גאָר אַ באַזונדערן טעם האָט „מאַדאַם באָוואַרי" צוגעצויגן צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פוןברייטן עולם. די פּראָקו־ראַטור האָט פלאָבערן צוגעצויגן צום געריכט, פאַר באַליידיקן די עפנטלעכע מאָראַל און רעליגיע. וועגן דעם גאַנג פון פּראָצעס האָבן אַלע צייטונגען געפויקט און דערמיט אַליין איז ער שוין געוואָרן באַפּולער ביים ברייטן עולם. די אָנקלאגע פון פּראָקוראָר ערנעסט פּינאַר און די פאַרטיידיקונגס-רעדע האָט פלאָבער פאַרעפנטלעכט אין דער לעצטער אויסגאַבע פון זיין ראָמאַן.

גוסטאַוו פלאָבער איז אָבער נאָך דער גייסטרייכער רעדע פון אַדוואָ־קאַט סענאַר פרייגעשפּראָכן געוואָרן. די קונסט האָט, אַלזאָ, געזיגט. די טענטענצן פון געריכט האָבן נישט געקענט אויפהאַלטן דעם לויף פון די מענטשלעכע געדאַנקען.

מאַדאַם באָוואַרי פאַרבלייבט דאָס מייסטער-ווערק פון אונדזער יאָרהונדערט.

ע ר ש ט ע ר ט י י ל

אידישע ...
ווינדזאר, 814 אוו. מאנט.
ביי דער י. ל. פרץ-שול

I

מיר זענען געזעסן און געלערנט, ווען דער דירעקטאָר איז אַריינגעקומען מיט א פּנים-חדשות, אָנגעטאָן אין שטאָטישע מלבושים; מיט זיי איז אויך מיטגעגאַנגען דער דינער פון דער שולע, וואָס האָט געטראָגן אַ גרויסן טאַפל. די, וועלכע האָבן איינגעדרעמלט, האָבן זיך אויפגעכאַפּט, און יעדערער האָט זיך אויפגעהייבן מיט אַזאַ מינע, פּונקט ווי מען וואָלט אים אָפּגעריסן פון זיין אַרבעט.

דער דירעקטאָר האָט אונדז אַ ווונק געטאָן, מיר זאָלן זיך צוריק אַנידערזעצן; נאָכדעם האָט ער זיך אויסגעדרייט צום לערער און האָט זיך שטיל אָנגערופן:

— הער ראָזשע, דאָס איז דער תלמיד, וועלכן איך רעקאָמענדיר אייך, ער טרעט אַריין אין פינפטן קלאַס. אויב ער וועט זיך אויסצייכענען מיט זיין אַרבעט און מיט זיין אויפפירונג, וועט ער אַריבערגיין אין דער העכערער אָפּטיילונג, וועלכע איז צוגעפּאַסט פאַר זיין עלטער.

דאָס פּנים חדשות, וואָס איז געשטאַנען אין א ווינקל, הינטער דער טיר, אַזוי, אַז מען האָט אים קוים באַמערקט, איז געווען אַ דאָרפישער יונג פון אַ יאָר פופצן, עטוואָס העכער פון אונדז אַלע. זיינע האָר זענען געווען גלייך אָפּגעשניטן, ווי ביי אַ דאָרפישן משורר פון אַ קירכע; אויסגעזען האָט ער אַפילו גאַנץ מיושבדיק, אָבער אַ ביסל פאַרשעמט. הגם ער

האָט זיך נישט אויסגעצייכנט מיט ברייטע אַקסלען, דאָך האָט אים זיין גרין-טוכענע קורטקע מיט די שווארצע קנעפּ געדריקט אונטער די אָרעמס, און פון אונטער די אַרבל האָבן זיך אַרויסגעזען רויטע הענט, וועלכע זענען נישט געווען צוגעוויינט צו הענטשקעס. זיינע פיס אין בלויע זאָקן האָבן אַרויסגעשטאַרצט פון אונטער די געלע הויזן, וואָס זענען געווען שטאַרק ארויפגעצויגן פון די שעלקעס. ער האָט געטראָגן זייער שווערע שיך, שלעכט געפּוצט און אונטערגעקלאַפּט מיט טשוועקעס.

די לעקציע האָט זיך ווידער אָנגעהייבן. ער האָט זיך צוגעהאָרכט מיט אָנגעשפּיצטע אויערן, אויפמערקזאַם ווי ביי אַ דרשה אין דער קירכע; ער האָט נישט איבערגעלייגט די פיס און זיך נישט אָנגעלענט אויף די עלנבויגנס, און ווען דער גלאָק האָט צוויי אַ זייגער געקלונגען, האָט דער לערער אים געמוזט אויפמערקזאַם מאַכן, ער זאָל זיך אויסשטעלן מיט אונדז אין דער ריי.

ביי אונדז איז געווען אַ מנהג, אַז ווען מיר פלעגן אריינקומען אין קלאַס, פלעגן מיר אַוועקוואַרפן די היטלען אויף דער ערד, כדי אונדזערע הענט זאָלן בלייבן פריי. מען האָט עס געדאַרפט באַלד פון דער שוועל אַ שליידער טאָן אונטערן באַנק, אויף אזאַ אופן, אַז עס זאָל זיך אָפּשלאָגן אָן דער וואַנט און אויפהייבן אַ וואָלקן מיט שטויב; אזאַ מנהג איז שוין ביי אונדז געווען.

אָבער צי דאָס פּנים-חדשות האָט דעמדאָזיקן מאַנעוור נישט באַמערקט, צי ער האָט נישט געהאַט די העזה עס נאָכצוטאָן, נאָר געשען איז אזוי, אז די תּפילה האָט זיך פאַרענדיקט און ער האָט נאָך אַלץ געהאַלטן דאָס היטל אויף די קני. ס'איז געווען אַ היטל פון אזאַ מין קאָמפּליצירטער קאָנסטרוקציע, אַז מען האָט דאָרט געקענט געפינען די עלעמענטן פון אַ קיילעכדיקן הוט, פון אַ באָבער-קאַסקע און פון אַ נאַכט-מיץ — ענלעך צו יענע אָרעמע שמאָכטעס, וואָס זייער שטומע העסלעכקייט האָט אין זיך אַ טיפן אויסדרוק, ווי דאָס פּנים פון אַן אידיאָט. ענלעך, ווי אַן איי און אנגעצויגן אויף פישביין, האָט זיך דאָס היטל אָנגעהויבן מיט דריי קיילעכדיקע קישקעס;

און געטיילט דורך אַ רויטן באַנד, האָבן זיך געצויגן דריי עקן, דאָ פון סאַמעט און דאָ פון קעניגלעך־פעל; נאָכדעם איז געהאָנגען אַ מין זאַק, וועלכע האָט זיך פאַרענדיקט מיט הארטע שפיצן, באַדעקט מיט אויסטערלישע האַפטונגען; פון די־דאָזיקע האַפטונגען איז אויף אַ לאַנגן דינעם שניר אַראָפּגע־האָנגען אַ בינטל גאָלדענע פעדעם, ענלעך צו אַ פרענזל. דאָס היטל איז געווען א נייס; דער דאשעק האָט געגלאַנצט.

— הייבט אייך אויף! — האָט געזאָגט דער לערער.

ער האָט זיך אויפגעהייבן. זיין היטל איז אַראָפּגעפאַלן. דער גאַנצער קלאַס האָט זיך צעלאַכט.

ער האָט זיך איינגעבויגן. געוואָלט עס אויפהייבן. אַ שכן האָט עס אָבער אַראָפּגעוואָרפן מיט א שטופּ פון עלנבויגן; ער האָט עס ווידער אויפגעהייבן.

— באַפרייט אייך שוין אמאָל פון אייער קאַסקע, — האָט זיך אָנגערופן דער לערער, וועלכער האָט נישט פיינט געהאַט קיין שפּאַס.

די תּלמידים האָבן זיך ווידער הויך צעלאַכט, וואָס האָט שטאַרק צעחושט דעם אָרעמען יינגל, אַזוי, אַז ער האָט נישט געוווּסט, צי ער זאָל האַלטן דאָס היטל אין האַנט, צי ער זאָל עס אַראָפּלאָזן אויף דער ערד, צ ער זאל עס גאַר אָנטאָן אויפן קאָפּ. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט און עס אַרויפגעלייגט אויף די קני.

— הייבט אייך אויף, — האָט דער לערער געזאָגט, — און זאָגט מיר ווי איר הייסט.

דער נ יי ע ר תּלמיד האָט אַרויסגעשעפּטשעט עפּעס אַן אומפאַרשטענדלעכן נאָמען.

— זאָגט נאָכאַמאָל!

ס׳האָט זיך ווידער דערהערט א שעפּטשען פון ווערטער, אויסגעמישט מיטן געלעכטער פון גאַנצן קלאַס.

— העכער! — האָט דער לערער געשריִען. — נאָך העכער!

צולעצט האָט דער נייער תּלמיד זיך געמאַכט האַרץ, אויפגעעפנט אַ גרויס מויל, און פונקט ווי ער וואָלט עמיצן

גערופן, האָט ער מיט אַלע כּוחות ארויסגעוואָרפן דאָס וואָרט: שאַרבאָוואַרי.

ס'איז געוואָרן אַ מוראדיקער טומל, וואָס האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן און האָט זיך צעגאָסן אין הילכיקע קולות (מען האָט געריטשעט, געבילט, געטופּעט מיט די פיס און געחזרט: שאַרבאָוואַרי! שאַרבאָוואַרי!) נאָכדעם האָט מען געהערט בלויז איינצלנע געשרייען, און אַז זיי האָבן זיך סוף־כּל־סוף איינגעשטילט, האָט זיך ווידעראַמאָל געלאָזט הערן אַ פאַרשטיקט געלעכטער, פּונקט ווי אַ פעטאַרדע, וועלכע מען האָט שלעכט פאַרלאָשן.

אָבער אונטער אַ האָגל פון קלעפּ און אַנדערע בּשטראַ־פונגען, איז די אָרדענונג, ביסלעכווייז איינגעשטילט געוואָרן אין קלאַס, און דעם לערער, וועלכן ס'איז נאָך גרויס מי געלונגען צו כאַפּן דעם נאָמען שאַרל באָוואַרי, נאָכדעם, ווי ער האָט עס געהייסן אָנשרייבן, אויסלייגן און איבערלייענען, האָט באַפוילן דעם אָרעמען יונג זיך אַנידערצוזעצן אויף דער באַנק פון די פוילע, אונטער דער קאַטעדרע. דער יונג האָט שוין אַפילו געמאַכט אַ באַוועגונג, אָבער איידער ער האָט אויפגע־הייבן דעם פוס, האָט ער זיך אַ וואַקל געטאָן.

— וואָס זוכט איר? — האָט דער לערער געפרעגט.

— מיין קאַס... — האָט יענער ציטערנדיק געזאָגט, וואַרפנ־דיק אַרום זיך אומרויִקע בליקן.

— „פינפהונדערט פערזן דעם גאַנצן קלאַס!" — איז הויך און בייז אויסגעשריען געוואָרן, און דאָס האָט אָפּגעשטעלט דעם נייעם שטורעם. — זייט רויק! — האָט דער אויפגערעגטער לערער ווייטער געזאָגט, ווישנדיק דעם שטערן מיט אַ טיכל, וואָס ער האָט אַרויסגענומען פון אונטער זיין מיץ,—איר, נייער, ווידער, וועט מיר צוואַנציק מאָל איבערשרייבן דאָס צייט־וואָרט: „ridiculus sum"

נאָכדעם האָט ער צוגעגעבן אַ ביסעלע ווייכער:

— נו! איר וועט געפינען אייער היטל! מען האָט עס אייך דאָך נישט צוגעגנבעט.

ס'איז געוואָרן שטיל. די קעפּ האָבן זיך איבערגעבויגן איבער די העפטן, און דער נייער תּלמיד האָט זיך ביי אַ פּאָר שעה זייער גוט אויפגעפירט, הגם די פּאַפּיר-קיילעכלעך, וועלכע מען האָט אַ שאָס געטאָן אויף אים מיטן שפּיץ פּעדער, האָבן אים נישט איינמאָל פאַרשפריצט דאָס פּנים. אָבער ער האָט זיך אָפּגע-ווישט מיט דער האנט, אַראָפּגעלאָזט די אויגן און איז ווידער געבליבן זיצן אומבאַוועגלעך.

אין אָוונט, ביים לערנען, האָט ער אַרויסגענומען די אויבער-אַרבל פון שרייב-טיש, אַלץ צורעכט געמאַכט און אויס-געלינירט דאָס פּאַפּיר. מיר האָבן געזען, ווי ער האָט מיט גרויס התמדה געאַרבעט, כּסדר געזוכט ווערטער אין ווערטער-בוך און שטאַרק זיך אָנגעשטרענגט. צוליב זיין התמדה האָט מען אים, קענטיק, נישט אַריבערגעפירט אין אַ נידעריקערן קלאַס; הגם ער האָט נישט שלעכט געקענט די כּללים, דאָך איז זיין זאַץ געווען נישט איבעריקס פיין. לאַטיין האָט מיט אים אָנגעהייבן צו לערנען דער גלח פון דאָרף, מחמת די עלטערן האָבן אים געוואָלט אַריינגעבן וויאָס שפּעטער אין גימנאַזיע, צוליב קאַרגשאַפט.

זיין טאַטע, מסיע שאַרל-דעניס-באַרטאָלאָמיי באָוואַרי, אַ מיליטערישער פעלדשער אין רעזערוו, וועלכער האָט זיך קאָמ-פּראָמעטירט אין יאָר 1812 ביי דער רעקרוטן-ווערבירונג און האָט צו יענער צייט געמוזט פאַרלאָזן זיין דינסט, האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אין אַן אַנדער זייט און דערוויייל געפּאַקט אַ נדן פון אַ 60.000 פראַנק, צו וועלכן מען האָט צוגעלייגט אַ מיידל, אַ טאָכטער פון אַ קירזשנער, וואָס האָט זיך פאַרליבט אין זיין האַלטונג. אַ שיינער יונגערמאַן, אַ פּלאַפּלער, וועלכער פלעגט תּמיד קלינגען מיט די שפּאָרן, טראָגן באַקנבערדלעך פאַריי-ניקט מיט די וואָנצעס, די פינגער תּמיד באַפּוצט מיט רינגען, אָנגעטאָן אין שרייענדיקע מלבושים, האָט ער געהאַט אַ בראַוו אויסזען מיט דער צעפּרידנקייט פון אַ קאָמי-וואָיאַזשער. אז ער האָט חתונה געהאַט, האָט ער אַ צוויי-דריי יאָר געלעבט פון דעם ווייבס פאַרמעגן: געגעסן גוט, זיך אויפגעהייבן שפּעט, געריוכערט פון גרויסע פּאָרצעלייענע ליולקעס און קיינמאָל

נישט געקומען באַציימנס אַ היים: ער האָט געמוזט באַזוכן פּריער אַ טעאַטער אָדער אַ קנייפּע. דער שווער איז געשטאָרבן, איבערלאָזנדיק זיי אַ שיבוש; שטאַרק אויפגערעגט דערפון, האָט ער זיך אַ נעם געטאָן צו פאַבריקאַציע. ער האָט פאַרלוירן אַ טייל געלט און איז אוועק אין דאָרף, כדי זיך צו פאַרנעמען מיט דאָרף-באַלעבאַטישקייט. אַזוי ווי ער האָט אָבער אין ערד-אַרבעט געהאַט אַזאַ השגה, אַ שטייגער, ווי אין ציץ, און אַזוי־ווי ער האָט בעסער געריטן אויף זיינע פערד, אַנשטאַט זיי צו שיקן אויף דער אַרבעט, האָט אויסגעטרונקען דעם עפּל־וויין, אַנשטאָט אים צו פאַרקויפן, אויפגעגעסן זיינע שענסטע עופות און געשמירט די יאַגד-שטיוול מיטן שמאַלץ פון זיינע חזרים, האָט ער זיך בקרוב אַרומגעזען, אַז ער דאַרף בעסער מאַכן אַ סוף מיט זיינע ספּעקולאַציעס.

אויף די גרענעצן פון קאָ און פּיקאַרדיע איז אים פאַר צוויי הונדערט פראַנק אַ יאָר געלונגען אָנצודינגען אין אַ דאָרף אַ מין וווינונג, וואָס איז געווען ענלעך צו אַ פערמע און צו אַ באַלעבאַטיש הויז; און אַ פאַרביטערטער, אַן אויסגעפּייניקטער פון בענקשאַפט, בייז אויף גאָט און אויף דער וועלט האָט ער זיך צו פינפאונפערציק יאָר פאַרשלאָסן ביי זיך אין שטוב; ער האָט געפילט אן עקל צו מענטשן און האָט באַשלאָסן צו לעבן אַ רייך לעבן.

זיין ווייב איז אַמאָל געווען משוגע פון ליבע צו אים; זי האָט אים געליבט מיט אַזאַ קנעכטשאַפט, וואָס האָט אים בלויז אָפּגעשטופּט פון איר. אַמאָל אַ פריילעכע, אַן אָפנהאַרציקע און אַ ליבנדיקע, איז זי איצט, אַ פאַרעלטערטע — ווי אַלטער וויין, וואָס פאַרוואַנדלט זיך אין עסיג, — געוואָרן אַ שווערמוטיקע, אַ שרייערקע און אַ נערוועזע. זי האָט זיך לכתחילה שטאַרק אָנגעליטן און זיך נישט באַקלאָגט, צוזעענדיק, ווי ער לויפט נאָך אַלע דאָרפישע קליידלעך און ווי מען ברענגט אים אינאָווענט צופירן פון פאַרשידענע שענקען, אַן אויסגעמאַטערטן און אַ שיכּורן! נאָכדעם האָט זיך אויפגעהייבן איר שטאָלץ. זי איז אַנטשוויגן געוואָרן, איר כעס

האָט זיך פאַרוואַנדלט, אין א שטומער גלייכגילטיקייט, און אַזוי האָט זי שוין געשוויגן ביזן טויט אַריין. זי איז תמיד געווען פאַרטאַראַמט. זי איז געלאָפן צו אַדוואָקאטן, צו ריכטער. האָט אַלעמאָל געדענקט די טערמינען פון די צאָלונגען און אויסגעפועלט, מען זאָל איר אָפּלייגן דעם חוב; און אין שטוב האָט זי כסדר געלאַטעט, געניייט, געוואַשן, אויפגעפאַסט די אַרבעטער, באַצאָלט די רעכענונגען, בעת מסיע באָוואַרי האָט קיין שום זאָרג נישט געהאַט אויפן קאָפּ, איז אַלעמאָל געווען פאַרזונקען אין עפּעס א מין בייזער שלעפעריקייט, פון וועלכער ער פלעגט טיילמאָל אַרויסקריכן בלויז דערויף, ער זאָל איר קענען א זאָג טאָן עפּעס אַ גראָבקייט, — און זיך ווייטער געוויכערט די ליולקע ביים קאמין, שפּייענדיק אין אַש אַריין.

ווען זי האָט געבוירן אַ קינד, האָט מען עס געדאַרפט אָפּגעבן צו אַן אַם. ווען מען האָט עס אָפּגעבראַכט צוריק צו די עלטערן אַהיים, האָט מען אים צעלאָזן, ווי אַ פּרינץ. די מאמע האָט אים געשטאָפּט מיט קאָנפיטורן; דער טאַטע האָט אים געלאָזט אַרומלויפן באָרוועס, און אפילו מעשה־פילאזאָף געטענהט, אז ער קען גיין נאַקעט, ווי אַ חיהלע. אויף צו להכעיס דער מאַמעס שטרעבונגען, האָט ער זיך אַריינגעשלאָגן אין קאָפּ אַריין עפּעס אַ מענלעכן אידעאַל פון קינדער־דערציונג: ער האָט געוואָלט פאַרהאַרטעווען דאָס קינד אויפן ספּאַרטישן אופן, כדי אים צו געבן אַ געזונטן גוף. ער האָט אים געשיקט שלאָפן אין א פינפטערן צימער, האָט אים געלערנט טרינקען ראָם מיט גרויסע זופּן און אָפּצולאַכן פון פראָצעסיעס. אבער אַ שטילער פון דער נאַטור, האָט דאָס יינגל נישט געהאָרכט דעם פאָטער. די מאַמע פלעגט אים תמיד מיטשלעפּן מיט זיך; זי פלעגט אים אויסשניידן צאַצקעס פון טעקטור. פלעגט אים דערציילן מעשהלעך, פלעגט אים אַריינציען אין אַ לאַנגן שמועס, וואָס איז געווען אָנגעזאַפּט מיט מעלאַנכאָלישער פרייד און שפּילעוודיקע צערטלעכקייטן. אין איר איינזאַמקייט האָט זי אַריבערגעטראָגן אויף איר קינד אירע צעשטרייטע, צעבראָכענע האָפענונגען. זי האָט געחלומט פון אַ הויכער

קאַריערע פאַר אים, און אין דמיון האָט זי אים געזען אַ דער־וואקסענעם, אַ שיינעם, אַ קלוגן, וואָס פאַרנעמט אַ ווש בן פאָסטן ערגעץ ביי די בריקן, ביי די וועגן, אָדער אין געריכט. זי האָט אים געלערנט לייענען און אויסגעלערנט אים אַפילו זינגען אַ צוויי, דריי קליינע ראָמאַנסן לעבן איר פּאָרטעפּיאַן. אָבער מסיע באָוואַרי, וואָס האָט געהאַט אַ גאַנץ קליינע נטיה צו ליטעראַטור, האָט געטענהט, אַז די גאַנצע טירחה איז אַן אומזיסטע! צי וועלן זיי דען אַמאָל האָבן די מעגלעכקייט אים אויפצוהאַלטן אין אַ רעגירונגס־שולע אָדער צו קויפן אים אַ שטעלע אין עפּעס אַ געשעפטס־הויז? איבעריקנס, דער, וואָס לאָזט זיך נישט שפּייען אין דער קאַשע, וועט זיך שטענדיק דורכשלאָגן אַ וועג אין לעבן. מאַדאַם באָוואַרי האָט זיך געביסן די ליפּן. און דאָס יינגל האָט אַרומגעבלאָנקעט איבערן דאָרף.

ער האָט ליב געהאַט צו קוקן אויף ערד־אַרבעטער און געיאָגט מיט שטיקער בלאָטע די קראָען, אַז זיי זאָלן זיך צעפליען. ער פלעגט עסן יאַגדעס אין די גראָבנס, געיאָגט אינדיקעס מיט אַ לאַנגער רוט, שניט־צייט אויפגעטרייסלט דאָס היי, געלאָפן איבער וועלדער, בשעת אַ רעגן געשפּילט אין מיל לעבן קלויסטער און אין גרויסע ימים־טובים זיך איינגעבעטן ביים גלאָקן־קלינגער, ער זאָל אים לאָזן קלינגען, כדי צו בלייבן הענגען אַ ביסל אויף די לאַנגע שטריק און צו פילן, ווי זיי טראָגן אים אַוועק.

ער איז געוואַקסן ווי אַ דעמב. ער האָט באַקומען געזונטע הענט און שיינע רויטע באַקן.

ווען אים איז געוואָרן צוועלף יאָר, האָט די מאַמע אויסגעפועלט, מען זאָל אים אָנהייבן צו לערנען. דערמיט האָט זיך פאַרנומען דער גלח. אָבער די לעקציעס זענען געווען אַזעלכע קורצע און אַזוינע זעלטענע, אַז זיי האָבן קיין שום פּעולה נישט געבראַכט. די לעקציעס זענען געגעבן געוואָרן צופעליק, אין אַ ייטיקן קירכע־צימערל, שטייענדיקערהייט, הענדום־פּענדום, צווישן די הפסקות פון טויפן אַ ניי געבוירן קינד, אָדער אַ לוויה; אָדער דער גלח פלעגט שיקן נאָך זיין תלמיד נאָך דער אָוונט־תפילה, ווען ער פלעגט שוין נישט קענען אַרויסגיין פון שטוב.

מען האָט זיך אַריינגעפּאַקט אין זיין צימערל און דאָרט זיך אַנידערגעזעצט. נאַכטפליגן און זומערפייגעלעך פלעגן זיך דרייען ארום דעם פלעמל פונם ליכט. ס'איז געווען הייס, דאָס קינד פלעגט איינדרעמלען; און דער גוטער גלח פלעגט באַלד דערנאָך אויך אָנהייבן צו שנאָרכן מיט אַן אָפענעם מויל און די הענט פאַרלייגט אויפן בויך. טיילמאָל, ווען דער גלח פלעגט זיך צוריקקערן פון א ווידוי ביי א גוסס און ער פלעגט באמערקן זיין תלמיד, ווי ער שטיפט ארום אין דאָרף, פלעגט ער אים צורופן, אַריינזאָגן אים אַ פּאָרציע מוסר, וואָס האָט געדויערט אַ גוטע פערטל שעה, און ביי דער געלעגנהייט פלעגט ער אים צווינגען צו בויגן אַ צייטוואָרט אין שאָטן פון אַ בוים. א רעגן אָדער אַ באַקאַנטער פארבייגייער פלעגט איבעררייסן דעם דאָזיקן לימוד. איבעריקנס, איז דער גלח תמיד געווען צע־פרידן מיט זיין תלמיד און אפילו געטענהט, אַז דער בחור האָט אַ גוטן זכרון.

שאַרל האָט אָבער נישט געקענט בלייבן שטיין דערויף. מאַדאַם באָווארי איז געווען זייער ענערגיש. פאַרשעמט, אָדער ריכטיקער, אויסגעמאַטערט, האָט מסיע באָווארי איר אָפּגעטראָגן דעם פּלאַץ אַן אַ שום ווידערשטאַנד און מען האָט אָפּגעוואַרט נאָך אַ יאָר, ווען דער יונג איז רייפער געוואָרן און איז צום ערשטן מאָל געגאַנגען צום גלח זיך מתוודה זיין.

נאָך זעקס חדשים זענען אַדורכגעלאָפן און אין אַ יאָר אַרום איז שאַרל אַנטגילטיק אריינגעגעבן געוואָרן אין דער רואַנער גימנאַזיע, וווהין זיין טאַטע האָט אים אָוועקגעפירט סוף אָקטאָ־בער, אין דער צייט פון סען־ראָמענער יריד.

איצט וואָלט אונדז געווען זייער שווער צו דערמאָנען עפּעס וועגן אים. ער איז געווען אַ שטילער יינגל, וועלכער האָט זיך געשפּילט בעת די הפסקות, געאַרבעט אויף די לעקציעס, גוט געהערט די לערער אין קלאַס, גוט געשלאָפן און געשמאַק געגעסן אין עסצימער. ער האָט געהאַט אַ באַקאַנטן, אַן אייזן־סוחר אויף דער גאַנטערי־גאַס, וועלכער פלעגט אים איינמאָל אין חודש, זונטיק, נאָכן צושליסן דעם געשעפט, אָוועקפירן

ערגעץ, גיין מיט אים שפּאַצירן אין פּאַרט, באַווייזן אים דאָרט די שיפן און דערנאָך, זיבן אַ זייגער אינאָוונט, פאַרן אוונט־ברויט, פלעגט ער אים ברענגען צוריק אין גימנאַזיע. אַלע דאָנערשטיק אין אָוונט פלעגט ער שרייבן אַ לאַנגן בריוו צו זיין מאַמען, מיט רויטן טינט און מיט דריי קלעפּ־בלעטעלעך; נאָכדעם פלעגט ער איבערקוקן די העפטן פון היסטאָריע אָדער ער פלעגט לייענען אין אַלטן באַנד פון אַנאַכאַרסיסן, וועלכער האָט זיך אַרומגעוואַלגערט אין קלאַס. אויפן שפּאַציר פלעגט ער שמועסן מיטן משרת, וועלכער האָט געשטאַמט פון דאָרף, פּונקט ווי ער.

צוליב זיין התמדה פלעגט ער תמיד זיין פון די מיטעלע תלמידים אין קלאַס; איינמאָל האָט ער אפילו באַקומען די צווייטע פּרעמיע פאַר נאַטור־געשיכטע. אָבער אַז ער האָט געהאַלטן ביי פאַרענדיקן דעם דריטן קלאַס, האָבן אים די עלטערן אַרויס־גענומען פון גימנאַזיע. זיי האָבן געוואָלט, ער זאָל שטודירן מעדיצין, זייענדיק זיכער, אַז ער וועט זיך אַליין קענען צו־גרייטן צום באַקאַלאָרעאַט*).

זיין מאַמע האָט אים אָנגעדונגען אַ צימער, אויף אָ־דע־ראָבעק, אויפן פערטן שטאָק, ביי אַ באַקאַנטן פאַרבער. זי איז מושווה געוואָרן בלויז פאַרן פּענסיאָן; נאָכדעם האָט זי איינגע־שאַפט מעבל, — אַ טיש מיט צוויי שטולן, געבראַכט פון דער היים אַן אַלטע בעט פון קאַרשן־האָלץ, געקויפט אַ קליין אייזערן אויוועלע מיט אַ ביסל האָלץ, וואָס האָט געדאַרפט וואַרעמען איר אַרעם קינד. נאָכדעם, צום סוף פון דער דריטער וואָך, איז זי אָוועקגעפאָרן, באַקומענדיק פון אים טויזנטער הבטחות, אַז ער וועט זיך גוט אויפפירן, אַפילו אָן שום השגחה איבער זיך.

איבערגעלייענט דאָס פּראָגראַם פון זיין קורס, איז ער געבליבן שטיין, ווי אַ צוגעשמידטער. אַ קורס פון אַנאַטאָמיע,

---

1) באַקאַלאָרעאַט: אַן אַקאַדעמישע מדרגה פון בילדונג, פאַר אַ־זעלכע וואָס ענדיקן אַ העכערע בילדונג־אַנשטאַלט.

אַ קורס פון פּאַטאָלאָגיע, אַ קורס פון פּסיכאָלאָגיע, אַ קורס פון פאַרמאַציע, פון כעמיע, פון באָטאַניק, פון קליניק, פון טעראַפּיע, חוץ היגיענע און פאַרמאַקאָלאָגיע — אָט די אַלע נעמען, פון וועלכע ער האָט נישט געוווּסט זייער באַדייטונג, האָבן זיך אים פאָרגעשטעלט, ווי טירן צו א טעמפּל, וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט הערלעכע סודות.

ער האָט פון דעם אַלעם גאָרנישט פאַרשטאַנען; אומזיסט האָט ער זיך צוגעהאָרכט, ער האָט עס נישט משיג געווען. אָבער ער האָט געאַרבעט. זיינע העפטן זענען געווען געבונדן, ער האָט אָפּגעהיט יעדן קורס, ער האָט נישט אַדורכגעלאָזט קיין איין לעקציע. ער האָט געמאַכט זיינע קליינע טאָג-טעגלעכע איבונגען, פונקט ווי א פערד אין מאַנעזש, וואָס דרייט זיך אויף איין אָרט מיט פאַרבונדענע אויגן, נישט וויסנדיק וואָסער מלאכה עס טוט.

כדי צו פאַרקלענערן זיינע הוצאות, פלעגט אים זיין מאַמע, דורך אַ שליח, יעדע וואָך צושיקן אַ שטיק געקאָכט קאַלב־פלייש, וואָס ער פלעגט עס עסן אַלע אינדערפרי צו פרישטיק, קומענדיק פון שפּיטאָל און קלאַפּנדיק מיט דער פּאָדעשווע אין די ווענט. נאָכדעם פלעגט ער לויפן אויף לעקציעס אין אַנאַטאָמישן טעאַטער, ווידער אין שפּיטאָל און ווידער קומען אַהיים, אַדורכשפּרייזנדיק איבער אַלע גאַסן. אָוונטצייט, נאָכן מאָגערן מיטאָג פון זיין באַלעבאָס, פלעגט ער אַרויף צו זיך אין צימער און זיך געזעצט צו דער אַרבעט אין זיינע פייכטע בגדים, וועלכע האָבן זיך גערויכערט אויף זיין קערפּער, פאַרן אָנגעברענטן אויוון.

אין די שיינע זומעראָוונטן, אין די שעהן, ווען די אָנגעטוואַרעמטע גאַסן זענען אָפּגעליידיקט, ווען די דינסטן שפּילן אין אַ „פייגעלע פליט" אויף די שוועלן פון זייערע הייזער, פלעגט ער עפענען דעם פענסטער און זיך אָנלענען דערויף. דער טייך, וואָס פאַרמירט דאָרט אין יענער געגנט אַ מין קליינע שמוציקע ווענעציע, איז אונטער זיינע אויגן געפלאָסן און בעת מעשה געשימערירט מיט געלע, וויאָלעטע און בלויע קאָלירן.

צווישן דער בריק און די שלוזן. אַרבעטער, זיצנדיק אויפן ברעג, האָבן געוואַשן זייערע הענט אין וואַסער. אויף שטאַנגען, וועלכע האָבן אַרויסגעשטעקט פון די בוידעמס, האָבן זיך געטריקנט בינטלעך פלאַקס. דאָרט הענער, איבער די דעכער, האָט זיך פאַנאַנדערגעשפּרייט אַ גרויסער רייַנער הימל, מיט אַ רויטער שקיעה־זון. אַך, ווי גוט ס'האָט דאָרט געמוזט זיין! ווי קיל ס'איז דאָרט אונטער די בוקן־ביימער! און ער האָט צעשפּרייט די נאָזלעכער, כּדי אַריינצוציען די גוטע דאָרפישע ריחות, וועלכע זענען נישט דערגאַנגען צו אים.

ער איז געוואָרן מאָגער, זיין גוף האָט זיך אויסגעצויגן און זיין פּנים האָט באַקומען עפּעס אַן אויסדרוק פון ליידן, וואָס האָט אים אָבער געמאַכט אינטערעסאַנטער.

אויף אַ גאַנץ נאַטירלעכן אופן איז ער געוואָרן אַ ביסל פויל און זיך אָנגעהייבן צו באַפרייען פון זיינע האַרבע פליכטן. איינמאָל האָט ער אַדורכגעלאָזט דעם לימוד אין קליניק, אויף צומאָרגנס איז ער נישט געקומען אויף אַ לעקציע, און נאָכדעם, ווי ער האָט טועם געווען פון דער פוילקייט, האָט ער לגמרי אויפגעהערט צו קומען.

ער האָט זיך צוגעוויינט צום שענק און באַקומען גרויס תאווה צו דאָמינאָ. יעדן אָוונט האָט ער זיך פאַרשלאָסן אין אַ שמוציקן חדר, געקלאַפּט אויף אַ מאַרמאָר־טיש מיט די קליינע ביינדלעך, און דערביי געפינטלט מיט די שוואַרצע אויגן: דאָס איז ביי אים געווען פאַררעכנט פאַר אַ טאַט פון העכסטער פרייהייט, וואָס האָט אים דערהייבן אין זיינע אייגענע אויגן. דאָס זענען געווען, אַזוי צו זאָגן, די ערשטע טריט אינם וועלטלעכן לעבן, אַ צוטריט צו פאַרבאָטענע תענוגים; און, אַריינקומענדיק אַהין, פלעגט ער אַרויפלייגן זיין האַנט אויף דער קליאַמקע פון דער טיר כּמעט מיט אַ ליידנשאַפטלעכער שמחה. דעמאָלט האָבן זיך אין אים אַנטוויקלט אַ סך אייגנשאַפטן, וועלכע ער האָט ביז אַהער דערשטיקט; ער האָט אויסגעלערנט אויף אויסנווייניק קופּלעטן, וועלכע ער האָט געזונגען ביי אַ

שנעפּסל, האָט געכאַפּט התפעלות פון בראַנזשע, זיך אויסגעלערנט צוגרייטן פּונש און, לסוף, דערקענט די ליבע.

צוליב דער פאַרנאַכלעסונג פון די לעקציעס, איז ער דורכגעפאַלן אויף זיין מעדיצינישן עקזאַמען. און אין דעמזעלבן אָוונט האָט מען אים אָפּגעוואַרט אינדערהיים, כדי צו פייערן זיין דערפאָלג!

ער איז אַוועק צופוס און באַלד, אין אָנהייב דאָרף, האָט ער אַרויסגערופן זיין מאַמען און האָט איר אַלץ פאַרציילט. זי האָט אים מוחל געווען, אַרויפוואַרפנדיק די גאַנצע שולד אויף די עקזאַמינירער און א ביסל אים באַרויִקט, צוזאָגנדיק אַלץ איינצואָרדענען. אין פינף יאָר אַרום האָט זיך ערשט מסיע באָוואַרי דערוווּסט דעם אמת; היות אָבער די מעשה איז שוין געווען אן אַלטע, האָט ער דערפון קיין וועזן נישט געמאַכט, נישט קענענדיק דערלאָזן אויפן געדאַנק, אז אַ מענטש פון זיין אָפּשטאַמונג זאָל קענען זיין אזאַ אידיאָט.

שאַרל האָט זיך ווידער גענומען צו דער אַרבעט און אָן אויפהער זיך געגרייט צום עקזאַמען, אויסלערנענדיק אַלץ אויף אויסנווייניק. ער איז אַדורך מיט זייער גוטע באַלן. וואָס פאַר אַ מין יום-טוב-טאָג עס איז געווען פאַר זיין מאַמען! מען האָט געמאַכט אַ סעודה.

ווו וועט ער פּראַקטיצירן? אין טאָסט. דאָרט איז בלויז געווען אן אַלטער דאָקטאָר. שוין לאַנג האָט מאַדאַם באָוואַרי געוואַרט אויף זיין טויט, און דער זקן האָט נאָך גאָרנישט געהאַט בדעה צו פּאַקן זיך אין וועג אריין, ווי שאַרל האָט זיך שוין איינגעאָרדנט אַנטקעגן אים, אַלס זיין קינפטיקער יורש.

אָבער ס'איז נאָך ווייניק צו דערציען אַ זון, צו געבן אים די מעגלעכקייט אויסצולערנען מעדיצין און אויסצוגעפינען טאָסט, ווו צו פּראַקטיצירן: מען דאַרף אים געבן א ווייב. און זיין מאַמע האָט פאַר אים אויסגעזוכט אן אלמנה פון א געריכטס-אָנגעשטעלטן פון דיעפּ, וועלכע איז געווען אַלט אַ יאָר פינפ-און-פערציק און האָט געהאַט א רענטע פון טויזנט מיט צוויי הונדערט פראַנק אַ יאָר

מאַדאַם דיביק איז אַפילו געווען זייער אַ מיאוסע, טרוקן, ווי אַ שפּענדל און געשפּרינקלט, ווי דער פרילינג, דאָך אָבער האָבן אויף איר קיין בעלנים נישט געפעלט. כּדי צו דער-גרייכן איר ציל, איז פרוי באָוואַרי אויסגעקומען ארויסצושטופּן אַלע קאָנקורענטן און זי האָט אפילו זייער קונציק צונישט גע-מאַכט די אינטריגעס פון איינעם אַ וווּרשט-קרעמער, וואָס האָט דווקא געפונען הילף ביי אַלע גלחים.

אויף זיין שידוך האָט שאַרל געקוקט, ווי אויף אַן ענין, וואָס וועט אים פאַרלייכטערן דאָס לעבן, טראַכטנדיק דערביי, אַז איצט וועט ער זיין פרייער און וועט האבן א גרעסערע דעה איבער זיך און איבער זיין געלט. אָבער זיין ווייב האָט געטראָגן די הויזן: פאַר מענטשן האָט ער געדאַרפט דרייען מיט דער צונג, פאַסטן אַלע פרייטיק, קליידן זיך לויט איר געשמאַק און מרמז זיין יענע פאַציענטן, וועלכע צאָלן נישט. זי פלעגט אויפעפענען זיינע בריוו, נאָכגעקוקט יעדן טריט זיי-נעם און אונטער דער טיר זיך צוגעהערט צו זיינע שמועסן אין קאַבינעט, ווען דאָרט האָבן זיך געפונען פרויען פאַציענטקעס.

אַלע אינדערפרי האָט זי געמוזט האָבן שאָקאָלאַד און נאָך טויזנטער פאַרשידענע גוטע זאַכן. זי האָט זיך כּסדר באַקלאָגט אויף אירע נערוון, אויפן האַרץ, אויף איר שטימונג. דער גערויש פון טריט האָט זי אויפגערעגט; איז מען אַוועקגעגאַנגען, האָט זי געליטן פון איינזאַמקייט; איז מען אָבער געקומען, איז עס דאָך מסתמא דערפאַר, ווייל מען וויל זען, ווי זי שטאַרבט. ביינאַכט, ווען שאַרל פלעגט קומען אַהיים, פלעגט זי אַרויסשטעקן פון אונטער דער קאָלדרע אירע לאַנגע אויסגעמאגערטע הענט, אַרומנעמען מיט זיי זיין האַלדז, און אַנידערזעצנדיק אים אויפן ראַנד פון בעט, פלעגט זי אים אָנ-הייבן אויסצורעכענען אַ צעטל מיט פאָרוווּרן: ער האָט זי פאַר-געסן, ער האָט ליב אַן אַנדערע! יאָ, מען האָט איר פאָרויסגע-זאָגט, אַז זי וועט זיין אומגליקלעך; און זי פלעגט פאַרענדיקן דעם שמועס, בעטנדיק עפּעס א זאַפט און א ביסל מער ליבע.

II

איינמאָל, ביינאַכט, א זייגער עלף, האָט זיי אויפגעוועקט דאָס טופּען פון אַ פערד, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן זייער טיר. די דינסט האָט געעפנט א פענסטערל אויפן בוידעם און אַ לענגערע צייט זיך אויסגעטענהט מיט אַ מענטשן, וועלכער איז געשטאַנען אונטן, אויף דער גאַס. ער איז געקומען נאָכן דאָקטאָר; ער האָט געהאט אַ בריוו צו אים. נ אַ ס ט אַ ז י איז אַראָפּגעלאָפן פון די שטיגן, און ציטערנדיק פון קעלט, האָט זי גענומען עפענען די שלעסער און די ריגלען איינעם נאָכן צווייטן. דער אָנגעקומענער מענטש האָט איבערגעלאָזט דאָס פערד און פלוצלונג אַריין אין שטוב צוזאמען מיט דער דינסט. פון זיין וואָלענעם היטל מיט גרויע פרענדזלען האָט ער אַרויסגעשלעפט אַ בריוו, איינגעוויקלט אין אַ שמאַטקע, און דערלאַנגט שאַרלען, וועלכער האָט זיך אָנגעלענט אויפן קישן מיט דער כוונה צו לייענען. נאַסטאַזי איז געשטאַנען לעבן בעט און געהאַלטן אַ ליכט. פון חרפּה האָט זיך מאַדאַם באָוואַרי אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער וואַנט און אויפגעדעקט איר פּלייצע.

דערדאָזיקער בריוו, פאַרחתמעט מיט בלויען טריוואַקס, האָט שטאַרק געבעטן מסיע באָוואַרי — ער זאָל תּיכף קומען אין בערטאָס פערמע, כדי אויסצוגלייכן א צעבראָכענעם פוס. אָבער פון טאָסט ביז בערטאָ זענען געווען גוטע זעקס מייל, פאָרנדיק דורך לאָנגוויל און סען-וויקטאָר. ס'איז געווען שטאָקפינסטער. מאַדאַם באָוואַרי האָט שטאַרק מורא געהאַט פאַר איר מאַן. מען האָט באַשלאָסן, אַז דער קוטשער וועט אַרויספאָרן פאָרויס. שאַרל, ווידער, וועט ארויספאָרן שפּעטער, אין דריי שעה אַרום, ווען די לבנה וועט אויפגיין. אים אַנטקעגן וועט מען אַרויסשיקן אַ יינגל, וואָס וועט אים ווייזן דעם וועג צו דער פערמע און עפענען פאַר אים דעם טויער.

פינף אַ זייגער פאַרטאָג איז שאַרל, גוט איינגעטולעט אין אַ מאַנטל, אַרויסגעפאָרן קיין בערטאָ. נאָך איינגעוויגט פון

דער וואָרעמער בעט, האָט ער איצט אויך צוגעדרעמלט אונטער די רויקע טריט פון זיין פערד. ווען עס האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר די גריבער, אַרומגערינגלט מיט דערנער, מיט וועלכע מען האָט באַצוימט די עקן פון די גאָרטן=קייטן, האָט שאַרל זיך פלוצלונג אויפגעכאַפּט און זיך דערמאָנט אין דעם צעבראָכענעם פוס; ער האָט געפּרוווט אָנשטרענגען דעם זכרון וועגן אַלע פאַלן פון אַ ברוך, וואָס ער האָט געהאַט אין זיין פּראַקטיק. דער רעגן האָט אויפגעהערט צו פאַלן; ס'האָט אָנגעהייבן צו טאָגן. און אויף די נאַקעטע צווייגן פון די עפּל=ביימער זענען געזעסן פייגל אומבאַוועגלעך און אָנגעבלאָזן זייערע קליינע פעדערלעך אויף דער אינדערפריענדיקער קעלט. דער פלאַכער האָט זיך געצויגן אָן אַ סוף, און די שיטערע וועלדלעך אַרום די פערמעס האָבן דאָ און דאָרט אויף דעמדאָזיקן גרויסן גרויען שטח זיך אויסגעשיילט, ווי שוואַרץ-בלויע פלעקן, וועלכע האָבן זיך פאַרלוירן ביים האָריזאָנט אויפן טריבן פאָן פון הימל. שאַרל האָט פון צייט צו צייט אויפגעמאַכט די אויגן; זיין רעיון איז מיד געוואָרן און ער פלעגט אויפסניי איינדרעמלען; זיינע נייע איינדרוקן האָבן זיך אויסגעמישט מיט זיינע זכרונות, ער האָט זיך אַליין געזען אַ טאָפּעלן, — אַ סטודענט און אַ באַווייבטן; אָט ליגט ער אין בעט, ווי דאָ ערשט נישט לאַנג, און אָט גייט ער אַרום איבערן אָפּעראַציע=זאַל, ווי אַמאָל. דער ריח פון די וואַרעמע פלאַסטערס האָט זיך אויסגעמישט אין זיין זכרון מיטן פרישן ריח פונעם טוי; ער האָט געהערט, ווי ס'פאָרן די בעטן אויף זייערע אייזערנע רעדלעך און ווי זיין ווייב שלאָפט... ווען ער איז פאַרבייגעפאָרן וואַסאָנוויל, האָט ער געזען, ווי עס זיצט אַ יינגל אין גראָז, ביים ראַנד פון אַ גראָבן.

— צי זייט איר עס דער דאָקטאָר? — האָט אים דאָס יינגל געפרעגט.

און באַקומענדיק אַ תשובה פון שאַרלען, האָט ער גענומען זיינע קלומפּעס אין די הענט און זיך געלאָזט לויפן פאָרויס.

אויפן וועג האָט דער דאָקטאָר פאַרשטאַנען פון די ווערטער פון זיין פירער, אַז מסיע רואָ איז איינער פון די פאַר-

מעגלעכסטע ערד־באַזיצער. נעכטן אינאָוונט האָט ער זיך צעבראָכן אַ פוס, גייענדיק פון אַ שמחהלע ביים שכן. זיין ווייב איז אים געשטאָרבן מיט אַ צוויי יאָר צוריק. איצט וווינט מיט אים אַ פריילן, וואָס פירט אים די ווירטשאַפט אין שטוב.

די פאַסן פון די רעדער האָבן זיך טיפער איינגעגראָבן אין דער ערד. מען האָט זיך דערנענטערט צו ברעטאָ. דאָס יינגל האָט זיך אַדורכגעשמוגלט דורך אַ לאָך פון פלויט און איז נעלם געוואָרן; דערנאָך האָט ער זיך ווידער באַוויזן אין עק הויף און האָט געעפנט דעם טויער. דאָס פערד האָט זיך געגליטשט איבערן פייכטן גראָז; שאַרל האָט זיך איינגעבויגן, כדי די צווייגן זאָלן אים נישט פאַרטשעפען. די הויף־הינט האָבן שטאַרק געבילט, רייסנדיק זיך אויף די קייטן. ווען ער איז אַריינגעפאָרן אין ברעטאָ, האָט זיך דאָס פערד פלוצלונג איבערגעשראָקן און זיך אַ וואָרף געטאָן אָן אַ זייט.

עס איז געווען אַ שיינע פערמע. דורך די אָפענע טירן פון די שטאַלן האָט מען געזען גרויסע אַרבעט־פערד, וועלכע האָבן רויק געגעסן פון זייערע נייע קאָריטעס. לעבן די ווענט פון די בנינים האָבן זיך געצויגן לאַנגע קופּעס מיסט, וועלכע האָבן גערויכערט, און צווישן די הינער און די אינדיקעס האָבן גאַווהדיק אַרומגעשפּאַצירט אַ פינף־זעקס פּאַוועס — דער רייך פון די נאָרמאַנדישע הויפן. לאַנגע שעפּסן־שטאַלן, הויכע שפּייכלערס מיט גלאַטע ווענט, ווי אַ דלאָנע. אונטער אַ שאָפּע זענען געשטאַנען צוויי גרויסע וואָגנס און פיר אַקערס מיט זייערע בייטשן, מיט זייער געשפּאַן, מיט די אַלע נייטיקע מכשירים אין בלויע ציכלעך, באַדעקט מיט אַ לייכטן שטויב, וואָס איז געפאַלן פון די בוידעמס. דער הויף האָט זיך געהייבן באַרג־אַרויף, סימעטריש באַפלאַנצט מיטביימער, און דער פריילעכער געשריי פון אַ טשאַטע געגנדז האָט זיך געלאָזט הערן ביי דער סאַדזשאַווקע.

אַ יונגע פרוי, אין אַ בלויע מערינאָסן־קלייד מיט דריי פאַלדן, האָט זיך באַוויזן אויפן שוועל און האָט אויפגענומען דעם דאָקטאָר באָווארי; זי האָט אים אַריינגעפירט אין קיך, וווּ

ס'האָט געפּלאַקערט אַ גרויס פייער. עס האָט זיך געקאָכט דער־פרישטיק פאַר אַרבעטער אין גרעסערע און קלענערע טעפּ. פייכטע בגדים האָבן זיך געטריקנט איבער דער פּליטע. אַ לאָ־פּאַטקע, צוואַנגען, אַ מישער — אַלץ משונה גרויס, — האָבן געגלאַנצט, ווי אויסגעפּאָלירטער שטאָל, און לענגאויס די ווענט זענען געהאנגען די קיך־מכשירים און דאָס געפעס, אויף וועלכע ס'האָט זיך אָפּגעשפּיגלט דער העלער פלאַם פון דער פּליטע צוזאַמען מיט די ערשטע שטראַלן פון דער זון, וואָס האָבן אַריינגעדרונגען דורך די שויבן פון די פענסטער.

שאַרל איז אַרויף אויפן ערשטן שטאָק — ער האָט גע־וואָלט באטראַכטן דעם חולה. ער האָט אים געטראָפן אין בעט, שוויצנדיק אונטער דער קאָלדרע און זיין לייוונטענע נאַכטמיץ איז געווען ווייט אַוועקגעשליידערט. ס'איז געווען אַ קליינער דיקער מענטש פון אַ יאָר פופציק, מיט אַ ווייס פּנים, מיט בלויע אויגן, מיט אַ פּליך פון פאָרנט און מיט אוירינגלעך אין די אויערן. לעבן אים, אויף אַ שטול, איז געשטאַנען אַ גרויסער גראַפין בראָנפן, פון וועלכן ער האָט פון צייט צו צייט זיך אָנגעגאָסן א ביסל, צו דערהאַלטן די כּוחות. אָבער דערזען דעם דאָקטאָר, איז ער באַלד געפאַלן ביי זיך, און, אָנשטאָט צו שילטן מיט זידלווערטער, ווי ער האָט עס געטאָן צוועלף שעה נאָכאַנאַנד, האָט ער אָנגעהייבן שוואַך צו קרעכצן.

דער ברוך איז געווען אַ לייכטער, אָן שום קאָמפּליקאַ־ציעס. שאַרל האָט זיך גאָרנישט געקענט ווינטשן קיין לייכטערן פאַל. ער האָט זיך דערמאָנט, וויאַזוי ס'האָבן זיך פאַרהאַלטן זיינע לערער ביים בעט פון אַ פאַרוווּנדעטן, און ער האָט קודם באַרויקט דעם חולה מיט גוטע ווערטער, מיט כירורגישע צערט־לעכקייטן, וועלכע זענען אזוי ווי דאָס אייל, מיט וועלכן מען באַשמירט די לאַנצעטן. כּדי אַרומצובינדן דעם פוס, האָט מען געבראַכט פון שייער אַ בינטל ברעטלעך. שאַרל האָט אויס־געקליבן איינס, צעשניטן עס אויף שטיקלעך און ארומגעשאָבן עס מיט אַ שטיק גלאָז; די דינסט, ווידער, האָט געריסן שטי־קער ליילעך אויף באַנדאַזשן, און פריילן עמע האָט גענייט

קישעלעך. מחמת זי האָט נישט באַלד געפונען איר ניי-שאַכטל, איז איר פאָטער אַרויס פון געדולט; זי האָט נישט געענט-פערט; אָבער גייענדיק, האָט זי זיך צעשטאָכן די פינגער, וועלכע זי האָט נאָכדעם צוגעטראָגן צום מויל און אויסגעזויגן דאָס בלוט.

שאַרל איז נתפעל געוואָרן פון אירע ווייסע נעגל. ענלעך צו מאַנדלען און דין פאַרשפּיצט, האָבן זיי געגלאַנצט און זענען געווען גלאַטער פון דיעפּישן העלפאַנד-ביין. דאָך איז איר האַנט נישט געווען שיין; זי איז געווען נישט גענוג ווייס און עט=וואָס צו טרוקן ביים עלנבויגן; זי איז אויך געווען צו לאַנג און ווייניק בויגעוודיק אין די קאָנטורן. אָבער שענער פון אַלץ זענען געווען אירע אויגן; דידאָזיקע אויגן זענען אַפילו געווען ברוין, גרויסע, אָבער צוליב די לאַנגע ברעמען האָבן זיי אויס-געזען שוואַרץ; איר בליק איז געווען אַן אָפנהאַרציקער, אָנגעזאַפּט מיט אומשולדיקער דרייסטקייט.

נאכן פאַרבאַנדאַזשירן האָט מסיע רואָ געבעטן דעם דאָק-טאָר, ער זאָל עפּעס איבערבייסן פאַרן אַוועקפאָרן.

שאַרל איז אַראָפּגעגאַנגען אין אונטערשטן זאַל. צוויי טערווירונגען מיט זילבערנע בעכערס זענען שוין געשטאַנען אויף אַ קליינעם טיש, לעבן אַ גרויסער בעט מיט אַ באַלדאַכין, באַ=דעקט מיט צייכענונגען און אויסגעמאָלטע טערקן. מען האָט געפילט אַ ריח פון איריס און פון פייכטן וועש, וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט פון דער דעמבענער שאַפע קעגן פענסטער. אויף דער פּאָדלאָגע, אין די ווינקלען, זענען געשטאַנען זעק מיט תבואה. דאָס איז געווען די תבואה, פאַר וועלכער מען האָט שוין נישט געפונען קיין אָרט אין דעמדאָזיקן שפייכלער, מיט זיינע צוויי שטיינערנע טרעפּ. אויף דער גרינער וואַנט, וואָס איז אָפּגעקראַכן פון סעליטרע, איז געהאָנגען אַ קאָפּ פון אַ מינערווע, געצייכנט מיט שוואַרצן קרייט, איינגעפּאַסט אין אַ גאָלדענער ראַם און אונטן איז געווען אָן אויפשריפט מיט גאָטישע אותיות: „מיין טייערן פאָטער".

צוערשט האָט מען גערעדט וועגן חולה, נאָכדעם וועגן

וועטער, וועגן די גרויסע קעלטן און וועגן וועלף, וואָס לויפן ארום ביינאכט איבער די פעלדער. פריילן רואָ ווײלט זיך נישט אין דאָרף, באזונדערס איצט, ווען אויף איר איז ארויפגעפאלן דער גאנצער יאָך פון דער דאָרפישער באלעבאטישקייט. אזוי ווי אין זאל איז געווען קאלט, האָט זי אויפגעציטערט ביים עסן, פון וואָס ס׳האָבן זיך עטוואָס אויפגעעפנט אירע אויפגעבלאָזענע ליפלעך, וועלכע זי האָט ליב געהאט צו בייסן, בשעת זי האָט געשוויגן.

איר האלדז האָט זיך ארויסגעהייבן פון א ווייסן אָפּגעלייגטן קאָלנער. אירע שוואַרצע האָר, שטאַרק אויסגעגלעט, אזוי, אַז זיי האָבן געמאכט אַן איינדרוק פון איין גאנצן שטיק, וענען אינמיטן געווען איבערגעטיילט מיט א דינעם שרונט, וועלכער האָט זיך לייכט פארטיפט איבערן בויג פונם קאָפּ. א שטיקעלע אויער האָט זיך ארויסגערוקט פון אונטער די האָר, שטאַרק געדיכט פון הינטן און ביי די שלייפן אָנדולירט; אזא מין פריזור האָט דער דאָרפישער דאָקטאָר געזען צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן. זי האָט געהאט ראָזע בעקלעך. ווי א מאנספארשוין האָט זי געטראָגן צווישן ביידע קנעפּ פון איר קאָרסעט א שילדקרעטענעם לאָרנעט.

ווען שארל האָט זיך אויבן צעזעגנט מיטן פאָטער רואָ און איז פארן אוועקפאָרן נאָכאמאָל אראָפּגעגאנגען אין זאל, האָט ער זי געטראָפן שטייענדיק, צוגעדריקט מיטן שטערן צום פענסטער; זי האָט געקוקט אין גאָרטן, וווּ דער ווינט האָט איבערגעקערט די שטעקנס מיט די באָבעס. זי האָט זיך אויסגעדרייט.

— איר זוכט עפּעס? — האָט זי געפרעגט.

— מיין בייטשל, פריילן, — האָט ער געענטפערט.

און ער האָט אָנגעהייבן זוכן אין בעט, ביי דער טיר, אונטער די שטולן; ס׳בייטשל איז אראָפּגעפאלן אויף דער ערד, צווישן די זעק און דער וואנט. פריילין עמע האָט עס באמערקט; זי האָט זיך איבערגעבויגן איבער די זעק. פון העפלעכקייט האָט זיך שארל א וואָרף געטאָן פאָרויס, און אזוי

זיי ער האָט אין דערזעלבער רגע אויסגעצויגן אויף זיין האַנט, האָט ער דערפילט, אַז זיין ברוסט האָט זיך אָנגערירט צו דעם אַקסל פון דעם יונגן מיידל, וואָס האָט זיך אָנגעבויגן פאַר אים. זי האָט זיך אויסגעגלייכט און אַ פאַררויטיקטע אַ קוק געטאָן אויף אים פון הינטערן אַקסל, דערלאַנגענדיק אים דאָס בייטשל.

אנשטאט צו קומען קיין בערטאָ אין דריי טעג אַרום, ווי ס'איז אָפּגערעדט געוואָרן, איז ער געקומען אויף צומאָרגנס, נאָכדעם רעגולער צוויי מאָל אַ וואָך, נישט רעכענענדיק די אומגעריכטע וויזיטן, וועלכע ער האָט פון צייט צו צייט געמאַכט, פונקט ווי זיי וואָלטן געווען צופעליק.

איבעריקנס, איז אַלץ געגאַנגען זייער גוט; דער חולה איז געקומען צו די כוחות און אין זעקסאונפערציק טעג אַרום, אַז מ'האָט דערזען, ווי דער פאָטער רואָ הייבט אָן אַליין אַרומצושפּאַצירן איבער זיין כאַטקע, האָט מען שוין שטאַרק געהאַלטן פונם דאָקטאָר. דער פאָטער רואָ האָט געטענהט, אַז אַפילו די דאָקטוירים פון איוועטאָ און פון רואַן וואָלטן אים בעסער נישט אויסגעהיילט.

וואָס שייך שאַרלען, האָט ער זיך אַפילו קיין איינמאָל נישט געפרעגט, למאי ווילט זיך אים אַזוי אָפט קומען קיין בערטאָ. ווען ער וואָלט זיך געשטעלט אַזאַ מין פראַגע, וואָלט ער זי אוודאי פאַרענטפערט מיט דער ערנסטקייט פון דער מחלה, אָדער אפשר מיט דער האָפענונג אויף אַ גוטער באַלוינונג. און דאָך, פאַרוואָס האָבן אָט די וויזיטן אין דער פערמע — ביי זיינע אַלע נישטיקע באַשעפטיקונגען אין לעבן — געהאַט עפּעס אַ באַזונדערן רייץ פאַר אים? אין דידאָזיקע טעג פלעגט ער זיך אויפהייבן גאַנץ פרי, באַלד אַוועקגאַלאָפּירן און עפּטער צוגעשמיסן דאָס פערד; נאָכדעם פלעגט ער אַראָפּקריכן, כדי אָפּצווישן זיינע פיס אויפן גראָז און פאַרן אַריינגיין אין הויף פלעגט ער אָנטאָן זיינע שוואַרצע הענטשקעס. ער האָט ליב געהאַט אַריינצופאָרן אין הויף און פילן, ווי דער טויער סקריפּעט ביי זיין אַקסל; ער האָט ליב געהאַט דעם האָן, וואָס האָט געקרייעט, שטייענדיק אויף דער וואַנט און די קליינע

קינדער, וועלכע זענען אים געלאָפן אנטקעגן. ער האָט ליב געהאט די שייערס און די שטאַלן; ער האָט ליב געהאַט דעם פאָטער רואָ, וועלכער האָט אים געקלאפּט אין פּלייצע, אָנרופנדיק אים זיין רעטער; ער האָט ליב געהאַט די קליינע קלומפּעס פון דער פּריילן עמע ווען זי האָט געקלאַפּט מיט זיי איבער די אויסגעוואַשענע פּליטעס פון דער קיך; צוליב די הויכע אָפּצאַסן האָט זי אויסגעזען אַ ביסל העכער, און אַז זי איז געגאַנגען פאר אים. האָבן זיך די הילצערנע פּאָדעשוועס שנעל אויפגעהייבן און מיט טרוקענעם גערויש זיך געריבן אָן דעם לעדער פון שוך.

זי פלעגט אים יעדעס מאָל באגלייטן ביז צום ערשטן טרעפּל פון גאנעק. אויב מען האָט אים נאָך נישט צוגעפירט דאָס פערד, פלעגט זי בלייבן שטיין מיט אים. מען האָט זיך אָפּגעזעגנט און מער שוין נישט גערעדט; אַ שאַרפער ווינט האָט געבלאָזן, צעפלוישנדיק אירע האָר אויפן נאַקן, אָדער ער האָט באַוועגט ביים פאַס די בענדלעך פון איר פאַרטוך, וועלכע האָבן געפלאַטערט, ווי לענטעס. איינמאָל, אין אַן אָדליגע, האָט די קאָרע פון דיביימער געשוויצט אויפן הויף און דער שניי איז צעגאַנגען אויף די דעכער. זי איז געשטאַנען אויפן שוועל; זי איז געגאַנגען נאכן שירעם און האָט אים געעפנט. די זון האָט זיך דורכגעזיפּט דורך דעם גלאַנציקן זיידנס, און האָט מיט באַוועגלעכע ליכט=פלעקן באלויכטן די ווייסע הויט פון איר פנים. זי האָט געשמייכלט אונטערן שירעם, פילנדיק די וואַרעמקייט פון דער זון; און מען האָט געהערט ווי טראָפּנס וואַסער טריפן איינער נאָכן צווייטן אויפן אנגעצויגענעם זיידנס.

די ערשטע צייט, ווען שאַרל האָט אָנגעהייבן צו פאָרן אין בערטאָ, האָט מאַדאַם באָוואַרי, די יינגערע, יעדעס מאל זיך נאָכגעפרעגט אויפן קראַנקן. און אין איר בוך האָט זי אפילו איבערגעלאָזט אַ שיין ריין בלעטל פאַרן מסיע רואָ. אָבער ווען זי האָט זיך דערוווּסט, אַז ער האָט אַ טאָכטער, האָט זי אָנגעהייבן צו מאַכן אויספאָרשונגען; און זי איז דערגאַנגען, אַז פריילן רואָ איז דערצויגן געוואָרן אין אַ קלויסטער פון אורסולינעס און

האָט באַקומען, אַזוי צו זאָגן, אַ גוטע דערציִונג, ד. ה. זי האָט געקענט טאַנצן, האָט געלערנט געאָגראפיע, צייכענען, האפטן און האָט געשפּילט קלאַוויר. דאָס איז שוין געווען צופיל!

— אָט דעריבער שיינט ער אַזוי, ווען ער פאָרט צו איר, און אָט פארוואָס ער טוט אָן אַ נייע ווּעסט און האָט גאָרנישט מורא עס איינצונעצן אויפן רעגן! אַך, דידאָזיקע פרוי! דידאָזיקע פרוי!

און זי האָט איר אינסטינקט־ווּ פיינט געקריגן. צוערשט האָט זי זיך געטרייסט מיט רמזים; שאַרל האָט זיי נישט פאַרשטאַנען; נאָכדעם מיט צופעליקע באַמערקונגען, אויף וועלכע ער האָט נישט געענטפערט, מורא האָבנדיק פאר אַ קריג; צולעצט אָבער האָט זי אים מכבד געווען מיט גיפטיקע ווערטער, אויף וועלכע ער האָט נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. וואָס פאָרט ער כסדר קיין בערטאָ, אויב מסיע רואָ איז שוין געזונט? אגב, האָבן דידאָזיקע לייט אפילו נאָך נישט באַצאָלט. מסתמא איז דאָרט פאַראַן עמעץ, וואָס קען שמועסן, וואָס קען האפטן, א חכמה. אָט וועמען ער האָט ליב! ער דאַרף האָבן שטאָטישע מאַמזעלן! און זי האָט געזאָגט:

— דעם פאָטער רואָס מיידל איז אַ שטאָטישע מאַמזעל! גוטע יאָרן דערלעבט! זייער זיידע איז געווען אַ פאַסטוך, און זיי האָבן אַ קוזין, וועלכער איז שיער נישט אַריינגעפאַלן אין אַ פראָצעס צוליב אַ מיאוסן געשלעג. וואָס בלאָזט זי אַזוי פון זיך און וואָס קומט זי אַלע זונטיק אין קלויסטער — אין אַ זיידענעם קלייד, פונקט ווי אַ גרעפין! איבעריקנס, איז ער דאָך א קבצן, און ווען נישט דער פאַראַיאָריקער רעפּאָק, וואָלט ער דאָך נישט געהאט מיט וואָס צו באַצאָלן די שטייערן.

שאַרלען איז עס נמאס געוואָרן און ער האָט אויפגעהערט צו פאָרן קיין בערטאָ. נאָך אַ סך טרערן און קושן, נאָך מגושמדיקע ליבע־אויסברוכן, האָט אים עלאָאיז געצוווּנגען, אַוועקצולייגן די האַנט אויף אַ תּפילה־ספרל און שווערן, אַז ער וועט שוין קיינמאָל אַהין נישט פאָרן. ער האָט געפאָלגט; אָבער זיין דרייסטער פאַרלאַנג האָט פּראָטעסטירט קעגן אַזאַ מין

פאַרשקלאפּטער האַלטונג, און, צוליב עפּעס אַ נאַיווער פּאַלש. קייט, האָט ער באַשלאָסן, אַז דערדאָזיקער פאַרבאָט זי צו זען גיט אים דאָס רעכט זי צו ליבן. הוצדעם, איז די אַלמנה געוועזן מאָגער; זי האָט געהאַט לאַנגע ציין; דאָס גאַנצע יאָר האָט זי געטראָגן אַ קליינעם שוואַרצן שאַל, וואָס זיין עק האָט זיך איר געבאַלאַנטערט אויפן אַקסל. איר טרוקענע פיגור איז געוועזן איינגעפּאַסט אין קליידל, פונקט ווי אין אַ ציכל, זייער אַ קורץ קליידל, וואָס האָט אויפגעדעקט אירע פּיס צוזאַמען מיט די גראָע זאָקן, אויף וועלכע ס'האָבן זיך איבערגעקרייצט די לאַנטעס פון אירע ברייטע שיך. שאַרלס מאַמע פלעגט זיי קומען באַזוכן פון צייט צו צייט; אָבער אין עטלעכע טעג אַרום האָט איר די שנור שוין געפּירט פאַרן נאָז; און דע-מאָלט האָבן זיי, פונקט ווי מיט צוויי מעסערס, אים אָנגעהייבן צו שניידן מיט זייערע באַמערקונגען און באַאָבאַכטונגען. צו וואָס עסט ער אַזויפיל! פאַרוואָס איז ער מכבד דעם ערשטן בעסטן באַקאַנטן מיטן ביטערן טראָפּן? וואָס פאַר אַ מין עקשנות דאָס איז — נישט צו טראָגן פלאַנעלענע לייבלעך!

ס'האָט גראָד פּאַסירט, אַז דער אונגעווילער נאָטאַריוס, ביי וועמען ס'איז געלעגן דער אַלמנהס קאַפּיטאַל, האָט זיך אָנהייב פרילינג אַוועקגעלאָזט אין אַ לאַנגער ים-נסיעה, מיטנעמענדיק מיט זיך דאָס גאַנצע געלט, וואָס איז ביי אים געווען איינגע-לייגט. אמת, חוץ דעם חלק אין דער שיף, וואָס איז ווערט געווען אַ זעקסטויזנט פראַנק, האָט עלאָאיז געהאַט נאָך אַ הויז אויף דער גאַס סען-פראַנסואַ; און דאָך, פון דעם גאַנצן פאַרמעגן, וועגן וועלכן מען האָט אַזוי געקלונגען, האָט מען מער נישט געזען ווי אַ ביסל מעבל און עטלעכע שמאַ-טעס. מען האָט עס אַלץ געדאַרפט אויפקלערן. דאָס הויז אין דיעפּ איז געווען פאַרזעצט און פאַרמשכונט; וויפל געלט זי האָט פאַרבאַהאַלטן ביים נאָטאַריוס האָט נאָר איין גאָט געוווסט, און איר חלק אין דער שיף האָט נישט איבערגעשטיגן די סומע פון טויזנט פראַנק. צוויאַרום האָט דידאָזיקע דאַמע פּשוט אָפּגענאַרט! דער אַלטער באָווארי האָט פון כעס צעבראָכן אַ

שטוי. ער האָט באַשולדיקט דאָס ווייב, אַז זי האָט אומגליק־לעך געמאַכט זייער זון, צושפּאַנענדיק אים צו אַזאַ מין קליאַ־טשע, וואָס איר פעל איז נישט ווערט דעם געשפּאַן. זיי זענען געקומען קיין טאָסט. מען האָט זיך דורכגעשמועסט. ס׳זענען פאָרגעקו־מען סצענעס. מיט גרויסע יללות האָט זיך עלאָאיז געוואָרפן אין די אָרעמס פון איר מאַן און אים פאַרשווירן, ער זאָל זי באַשיצן פאַר זיינע עלטערן. שאַרל האָט צוגעוואָרפן אַ גוט וואָרט פאַר איר. די עלטערן זענען אין כעס געוואָרן און אַוועקגעפאָרן.

אָבער דער קלאַפּ איז געבליבן אַ קלאַפּ. אין אַ וואָך אַרום, ווען זי האָט אויפגעהאַנגען וועש אויפן הויף, האָט זי געקריגן אַ בלוטשטורץ, און אויף צומאָרגנס, ווען שאַרל האָט זיך אָפּגעדרייט פון איר, כדי אַראָפּצולאָזן דעם פאָרהאַנג פון פענסטער, האָט זי אַ זאָג געטאָן: „אַך! גאָט מיינער!“ זי האָט אַרויסגעלאָזט אַ קרעכץ און איז אַוועקגעפאַלן. זי איז געווען טויט! וואָס פאַר אַן אומגעריכט אומגליק!

ווען אויפן בית־עולם איז אַלץ פאַרענדיקט געוואָרן, האָט זיך שאַרל צוריקגעקערט אַהיים. ער האָט דאָרט קיינעם נישט געטראָפן; אַרויף אויפן ערשטן שטאָק, אין זיין צימער, האָט ער דערזען איר קלייד ביי דער טיר פון אַלקער; דעמאָלט האָט ער זיך אָנגעלענט אויפן שרייב־טיש און איז אַזוי דעם גאַנצן טאָג אָפּגעזעסן, פאַרזונקען אין טרויערדיקע זכרונות. סוף־כל סוף האָט זי אים דאָך ליב געהאַט.

III

איינמאָל, אינדערפרי, האָט דער פאָטער רואָ געבראַכט שאַרלען דאָס געלט פאַרן היילן דעם פוס: פינפאונזיבעציק פראַנק, אויסגעלייגט אין פערציק־סוטדיקע מטבעות, און אַן אײַ־

דיק. ער האָט געוווּסט פוּן זיין אוּמגליק אוּן האָט זיך באַמיט אים צוּ טרייסטן אויף וויפל ער האָט נאָר געקענט.

— איך ווייס, וואָס דאָס הייסט! — האָט ער געזאָגט, קלאַפּנדיק אים איבערן אַקסל. — איך בין אויך געווען אין אייער לאַגע! ווען איך האָב פאַרלוירן מיין אַלטיטשקער, האָב איך אַרוּמגעבלאָנקעט איבער פעלדער, כדי צו בלייבן אַליין; איך פלעג צוּפאַלן צו אַ בוים אוּן פלעג וויינען, שרייען צו גאָט, רעדן נארישקייטן; איך האָב געוואָלט זיין אַ נבֿלה, אין וועלכן ס׳קריכן אַרוּם ווערעם, איך האָב געוואָלט שטאַרבן. אוּן ווען איך האָב געטראַכט, אַז אָט איצט זיצן זיך אַנדערע מיט זייערע געליבטע ווייבעלעך אוּן קוּשן זיי, האָב איך אָנגעהייבן צוּ קלאַפּן מיטן שטעקן אין דער ערד; איך בין אַרוּמגעגאַנגען, ווי אַ משוּגענער. איך האָב אַפילוּ נישט געוואָלט עסן; שטעלט אייך פאָר, אַז דער איין געדאַנק צוּ גיין אַליין אין אַ קנייפּע, האָט אַרויסגערוּפן ביי מיר אַן עקל. אוּן אָט, ביסלעכווייז, אַ טאָג נאָך אַ טאָג, אַ וויאָסנע נאָך אַ ווינטער, אַ הערבסט נאָך אַ זוּמער איז עס טריט ביי טריט אויסגעוועבט געוואָרן. אַלץ איז אַוועק, פאַרוויאַלעט, איך וויל זאָגן... זיך אָפּגעזעצט, ווייל טיף אין האַרצן, אַזוי צוּ זאָגן... בלייבט תמיד עפּעס אַ משא! היות ס׳איז דאָך אוּנדזער אַלעמענס גורל, דאַרף מען נישט פאַלן פוּן מוּט אוּן מען דאַרף נישט וועלן שטאַרבן, ווען אַנדערע שטאַרבן... איר דאַרפט אייך אויפמוּנטערן, מסיע באָוואַרי, דאָס אַלץ וועט אַריבער! קוּמט צוּ אוּנדז; איר ווייסט, מיין טאָכטער דערמאָנט אייך פוּן צייט צוּ צייט אוּן זאָגט, אַז איר האָט זי פאַרגעסן. אָט ווערט ש׳וין באַלד וויאָסנע; מיר וועלן אייך נעמען אויף יאַגד פוּן קראָליקעס, וועט איר אייך אַ ביסל אויפמוּנטערן.

שאַרל האָט אים געפאָלגט. ער איז געקוּמען קיין בערטאָ; אַלץ איז געווען, ווי פריער, ווי מיט פינף חדשים צוּריק. די באַרנביימער האָבן זיך שוין פאַנאַנדערגעבליט, אוּן דער אַלטער רואָ איז אַרוּמגעלאָפן הין אוּן צוּריק, וואָס האָט אויפגעלעבט אַ ביסל די פערמע.

האַלטנדיק פאַר זיין חוב, אַרויסצוּווייזן דעם דאָקטאָר וואָס מער העפלעכקייט, צוּליב זיין טרויעריקער לאַגע, האָט ער אים געבעטן, ער זאָל נישט אַראָפּנעמען דאָס היטל, האָט זיך שטיל איבערגעשעפּטשעט מיט אים, פּונקט ווי מיט אַ חולה, און אַ סך מאָל, ביים טיש, פלעגט ער אַפילוּ מאַכן אָן אָנשטעל, אַז ער בייזערט זיך, לּמאי מען דערלאַנגט נישט צוּם טיש אַ לייכטע זאַך, ווי קרעם, אָדער אַ קאָמפּאָט פוּן באַרנעס. ער האָט אים דערציילט אַנעקדאָטן. שאַרל פלעגט אָנהייבן צוּ לאַכן; אָבער דערמאַנענדיק זיך אין זיין ווייב, פלעגט ער ווידער אַריינפאַלן אין עצבות. מען האָט דערלאַנגט קאַווע, און ער האָט שוין ווידער פאַרגעסן אין זיין טרויער.

און וואָס מער ער האָט זיך צוּגעוויינט צוּ לעבן אַליין, אַלץ ווייניקער האָט ער געטראַכט פוּן איר. דער אָנגענעמער געדאַנק, אַז ער איז איצט אַ פרייער, האָט אים פאַרלייכטערט די איינזאַמקייט. ער האָט איצט געקענט ענדערן די שעהן פוּן מיטאָג, אַרויסגיין און קומען, נישט רעכענענדיק זיך מיט קיינעם, און ווען ער האָט זיך גוּט איינגעמידט, האָט ער זיך אַריינגעלייגט אין בעט אַריין אַזוי ווי ער שטייט און גייט. ער האָט זיך געצערטלט און געפּיעשטשעט און אָנגענוּמען די טרייסטווערטער, מיט וועלכע מען האָט אים פאַרשאָטן. זיין ווייבס טויט האָט אים אין פלוּג באַרייכערט די פּראַקטיק, ווייל אַ גאַנצן חודש צייט האָבן אַלע געהאַלטן אין איין טענהן: „סאַראַ אוּמגליק, נעבעך, אַ רחמנות אויפן אָרעמען יוּנגנמאַן!“ זיין נאָמען איז געוואָרן באַוווּסט, זיין פּראַקטיק האָט זיך פאַרגרעסערט; און אין בערטאָ פלעגט ער פאָרן, ווען עס האָט זיך אים נאָר געגלוּסט. אין אים האָט געשפּילט עפּעס אַן אוּמפאַרשטענדלעכע האָפענוּנג, ער האָט געפּילט עפּעס אַ נעבלהאַפט גליק; צוּקאַטענדיק זיינע באַקענבאַרדן פאַרן שפּיגל, האָט ער איינגעפוּנען, אַז ער איז נאָך שענער געוואָרן.

איינמאָל איז ער געקומען קיין בערטאָ אַ זייגער דריי; אַלע זענען געווען אין פעלד; ער איז אַריין אין קיך, אָבער ער האָט

תּחילת עמען נישט באַמערקט, די לאָדנס זענען געווען צו־געמאַכט. דורך די שפּאַלטן, האָט די זון אַריינגעוואָרפן אויף דער פּאָדלאָגע אירע לאַנגע, דינע שטראַלן, וועלכע האָבן זיך איבערגעבראָכן ביי די ווינקלען פון דעם מעבל און געשפּרונגען איבערן סופיט. די פליגן פון טיש זענען אַריינגעקראָכן אין נישט-אויסגעוואַשענע גלעזער און געזשומט, טרינקענדיק זיך אויפן דעק, אין דעם איבערגעבליבענעם עפּל-וויין. דאָס ליכט, וואָס איז אַריינגעדרונגען דורכן קוימען, האָט צוגעגעבן אַ סאַמעטענעם גלאַנץ דער אָפּגעזעצטער סאַזשע אויפן בלעך און לייכט געבלויט דעם אָפּגעקילטן אַש. צווישן פענסטער און דער פּליטע איז עמע געזעסן און גענייט; זי האָט נישט געטראָגן קיין טיכל אויפן קאָפּ, און אויף אירע נאַקעטע אַקסלען האָבן זיך געזען טראָפּעלעך שווייס.

לויטן מנהג פון דאָרף, האָט זי אים פאָרגעלייגט עפּעס אַ געטראַנק. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט, זי איז צוגעשטאַנען און מיט אַ שמייכל האָט זי, ענדלעך, ביי אים געפּועלט, ער זאָל מיט איר אויסטרינקען אַ גלעזל ליקער. זי האָט אַרויסגענומען פון שאַפע א פלאש קוראַסאָ, צוויי גלעזלעך, פון וועלכע זי האָט איינס אָנגעגאָסן פול, אינם צווייטן אַ ביסל און, צוטראָגנ־דיק אַ גלעזל צו אַ גלעזל, האָט זי עס אויפגעהייבן צום מויל. דאָס גלעזל איז געווען כמעט ליידיק, און דעריבער האָט זי פאַר־וואָרפן דעם קאָפּ, כדי אויסצוטרינקען; און מיטן קאָפּ אַהינטער, מיט אויסגעצויגענע ליפּן, מיט אַן אויסגעשטרעקטן האַלדז, האָט זי הויך געלאַכט דערפון, וואָס זי פילט גאָרנישט; איר שפּיץ צונג, אַדורכגערוקט דורך די ציין, האָט געלעקט דעם דעק פונם גלעזל.

זי האָט זיך אַנידערגעזעצט און זיך ווידער גענומען צו דער אַרבעט; זי האָט געצירעוועט אַ ווייסן זאָק; זי האָט גע־אַרבעט, האַלטנדיק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געשוויגן; שאַרל האָט אויך נישט גערעדט. דער ווינט, וואָס האָט זיך אַריינגע־ריסן פון הינטער דער טיר, האָט אַ בלאָז געטאָן דעם שטויב איבער דער פּאָדלאָגע; שאַרל האָט זיך צוגעקוקט, ווי עס הייבט

זיך דער שטויב און ער האָט געהערט ווי עס רוישט אים אין קאָפּ און ווי ערגעץ ווייט אויף אַ הויף קוואָקעט אַ הון, וואָס דאַרף לייגן אַן איי. פון צייט צו צייט האָט עמע אָפּגעפרישט אירע ליפּן, צוליגנדיק צו זיי אירע דלאָנעס, וועלכע זי האָט נאָכדעם אָפּגעקילט אין די אייזערנע גאַלקעס פון קוימען.

זי האָט זיך באַקלאָגט, אַז פון אָנהייב פרילינג אָן ליידט זי אויף קאָפּ־ווייטיק; זי האָט געפרעגט, צי זי נייטיקט זיך נישט אַמאָל אין ים־בעדער; דערנאָך האָט זי אים דערציילט וועגן דעם מאָנאַסטיר און שאַרל האָט גערעדט פון זיין גימנאַזיע; זיי האָבן זיך שטאַרק צעשמועסט. זיי זענען אַרויף צו איר אין צימער. זי האָט אים באַוויזן אירע אַלטע נאָטן, די קליינע ביכער, וועלכע זי האָט באַקומען אַלס אויסצייכענונג און די קרענץ פון דעמבענע בלעטער, וועלכע זענען געלעגן אין שאַפע. זי האָט אים אויך דערציילט פון איר מאַמען, פון בית־עלמין, און זי האָט אים אפילו באַוויזן די בייטן אין גאָרטן, וווּ זי האָט געריסן בלומען, יעדן ערשטן פרייטיק פון חודש, כדי זיי אַוועקצוטראָגן אויפן קבר. אָבער דער גערטנער האָט זיך דערויף נישט פאַרשטאַנען; זיי האָבן אַ שלעכטע דינערשאַפט! זי וואָלט געוואָלט, לכל־הפחות, ווינטער וווינען אין שטאָט, הגם, עס קען זיין, אַז אין די לאַנגע זומער־טעג איז אויפן דאָרף נאָך אומעטיקער; — און אָפּהענגיק פון דעם, וועגן וואָס זי האָט גערעדט, איז איר שטימע געוואָרן דאָ קלאָר און שאַרף, דאָ גאָר פאַרחלשט און שטיל, מיט פאַרשידענע מאָדולאַציעס, און צולעצט זיך גאָר פאַרוואַנדלט כמעט אין אַ מין שעפּטשען, בשעת זי האָט זיך פאַרטראַכט; מיטאַמאָל איז זי פריילעך געוואָרן און אויפגעעפנט אַ פּאָר נאַיִווע אויגן, באַלד דערויף אָבער צוריק אַראָפּגעלאָזט די ברעמצן און געקוקט מיט אַ טרויעריקן בליק, אַרומבלאָנקענדיק העט ווייט מיט אירע רעיונות.

קומענדיק אַהיים, ביינאַכט, האָט שאַרל איינציקווייז איבערגעחזרט אַלע אירע פראַזן; ער האָט אָנגעשטרענגט דעם זכרון, קאָמפּלעטירט דעם זין פון אירע ווערטער, כדי צו באַקומען אַ

פאָרשטעלונג וועגן יענער צייט פון איר לעבן, ווען זיי האָבן זיך נאָך נישט באַגעגנט. ער האָט זי אָבער בשום אופן נישט געקענט זיך פאָרשטעלן נישט אַזעלכע, ווי ער האָט זי געזען צום ערשטן מאָל, אָדער נישט אַזאַ, ווי ער האָט זי איצט פאַר־לאָזן. נאָכדעם האָט ער זיך געשטעלט אַ שאלה, ווי אַזוי וועט זי אויסזען, ווען זי וועט האָבן אַ מאַן, און ווער וועט זיין איר מאַן? לײדער! דער פאָטער רואָ איז אַזוי רייך, און זי!... זי איז אַזוי שיין! אָבער עמעס פנים פלעגט שטענדיק אויס־וואַקסן פאַר זיינע אויגן, און איר מאָנאָטאָנע שטימע, ווי דאָס זשומען פון אַ דריידל, האָט געקלונגען אין זיינע אויערן: „ווען דו וואָלסט מיט איר חתונה געהאַט! ווען דו וואָלסט מיט איר חתונה געהאַט!" ביינאַכט האָט ער נישט געשלאָפן, ס'איז אים געווען טרוקן אין האַלדז, ער איז געווען דורשטיק; ער איז אַוועק צום קרוג זיך אָנצוטרינקען און האָט אויפגעעפנט דאָס פענסטער. דער הימל איז געווען באַשאָטן מיט שטערן, אַ וואַרעם ווינטל האָט געבלאָזן, פונדערווייטנס האָבן הינט געבילט. ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ אין דער ריכטונג צו בערטאָ.

טראַכטנדיק, אַז נאָך אַלעמען ריזיקירט ער מיט גאָרנישט, האָט שאַרל באַשלאָסן ביי דער ערשטער געלעגנהייט צו מאַכן אַ פאָרשלאַג, אָבער יעדעס מאָל, ווען עס האָט זיך געמאַכט אַ געלעגנהייט, האָט דער פחד, אַז עס וועלן אים אויספעלן ווער־טער, אים צוגעשלאָסן די ליפּן.

דער פאָטער רואָ האָט גאָרנישט געהאַט דאַקעגן, צו באַ־פרייען זיך פון אַ טאָכטער, וועלכע האָט אים געבראַכט ווייניק נוצן אין שטוב. טיף איז האַרצן האָט ער איר מוחל געווען. ער האָט איינגעזען, אַז זי איז צופיל געלערנט פאַר ערד־אַר־בעט, אַ פאַך, וואָס איז מער פאַרשאָלטן פון גאָט, וואָרים מען האָט דאָך נישט געזען, אַז עמעצער זאָל דערפון אָנשאַרן מיל־יאָנען. אָנשטאָט רייך צו ווערן, האָט דער אַלטער פון יאָר צו יאָר נאָך זיינס פאַרלוירן; ווייל אויב ער האָט זיך געטויגט צו מסחר, ווו ער האָט אויסגענוצט זיינע איינפאַלן און המצאות, האָט ער אָבער זיך לגמרי נישט געטויגט צו ערד־אַרבעט און צו

דער אינערלעכער אָנפירונג פון דער פערמע. ער פלעגט נישט אַרויסנעמען די הענט פון די קעשענעס, און קיינמאָל נישט געזשאַלעוועט קיין געלט אויף די שטוב=הוצאות, ווייל ער האָט ליב געהאַט גוט צו עסן, גוט צו טרינקען און גוט צו שלאָפן, ער האָט ליב געהאַט שטאַרקן עפּל=וויין, רויט שעפּסן־פלייש קאַווע געמישט מיט בראָנפן. איינער אַליין פלעגט ער זיצן אין קיך קעגנאיבער דער פליטע, ביי אַ קליינעם טיש, וועלכן מען פלעגט אַריינטראָגן אַ סערווירטן, פונקט ווי אין טעאַטער.

ווען ער האָט באַמערקט, אַז שאַרל רויטלט זיך אין דע געזעלשאַפט פון זיין טאָכטער, וואָס מיינט, אַז אין אַ שיינעם פרימאָרגן וועט ער מסתמא בעטן איר האַנט, האָט ער פריער גוט באַטראַכט דעם גאַנצן ענין. דעם אמת געזאָגט, האָט ער איינגעפונען, אַז דער דאָקטאר איז אַ ביסל צו מאָגער, און נישט אַזאַ איידעם האָט ער געוואָלט; אָבער מען האָט געשמועסט, אַז ער פירט זיך גוט אויף, אַז ער האָט דעם גראָשן, איז שטאַרק גצלצרנט, און וועט אוודאי נישט פאָדערן קיין גרויסן נדן. אַזוי ווי דער פאָטער רואָ האָט געדאַרפט פאַרקויפן צוויי אונצוואַנציק אקער ערד פון זיין גוט, ווייל ער איז געווען א גרויסער בעל־חוב דעם מולייער, דעם רימער, און האָט נאָך געדאַרפט אַריינשטעלן אַ נייעם וויין־פּרעס, האָט ער געטראַכט:

— אויב ער וועט בעטן איר האַנט, וועל איך אים נישט אָפּזאָגן.

פאַר דעם טאָג פון הייליקן מישעל איז שאַרל געקומען אויף דריי טעג קיין בערטאָ. דער לעצטער טאָג איז אַדורכגעלאָפן, ווי תמיד, און יעדעס מאָל האָט ער אָפּגעלייגט דעם שמועס נאָך אויף א פערטל שעה. דער פאָטער רואָ האָט אים באַגלייט; זיי זענען געגאַנגען איבער אַ שמאָלן שטעגל. באַלד האָבן זיי זיך געדאַרפט צעשיידן. ס'איז אָנגעקומען די ריכטיקע מינוט. שאַרל האָט באַשלאָסן צו שווייגן ביז צום עק פון פלויט, און ווען זיי זענען אים פאַרבייגעגאַנגען, האָט ער אַ שעפּטשע געטאָן:

— מסיע רואָ, איך האָב געוואָלט מיט אייך עפּעס רעדן.

זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט. שאַרל איז אנטשוויגן געוואָרן.

– נו, רעדט שוין ווערטער! צי ווייס איך דען נישט איך וואָס עס גייט? -- האָט דער פּאָטער רואָ גערעדט מיט א לייכטן שמייכל.

– פּאָטער רואָ... פּאָטער רואָ... – האָט שאַרל געשטאַמלט.

– איך האָב גאָרנישט דאַקעגן, – האָט דער פּערמער געזאָגט. הגם איך ווייס, אַז די קליינע איז מיט מיר איינשטימיק, דאָך דאַרף מען זי אויך פרעגן. גייט אייך איצט אַוועק, און איך וועל מיר גיין אַהיים. אויב זי וועט זאָגן „יאָ“, דאַרפט איר נישט צוריקקומען... פאַר דער וועלט... זי וועט זיך שעמען. אָבער כדי איר זאָלט אייך נישט קאַליע מאכן דאָס בלוט, וועל איך אויפמאַכן דעם לאָדן: איר וועט אַלץ קענען זען פון דערווייטנס איבערן פּלויט.

און ער האָט זיך דערווייטערט.

שאַרל האָט צוגעבונדן זיין פערד צו א בוים. ער איז אוועקגעלאָפן און זיך אַנידערגעלייגט אויפן וועג; ער האָט געוואַרט. עס איז אַוועק א האַלבע שעה, נאָכדעם האָט ער אָפּגעציילט נאָך ניינצן מינוט אויף זיין זייגער. פּלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ גערויש ביי דער וואַנט; דער לאָדן האָט זיך אויפגעעפנט, דאָס לאַדנאייזן האָט נאָך עטוואָס געציטערט.

אויף צומאָרגנס איז ער שוין ניין אַ זייגער געווען אויף דער פערמע. ווען ער איז אַריינגעקומען, איז עמע רויט געוואָרן און, וועלנדיק האַלטן פאַסאָן, האָט זי געשמייכלט. דער פּאָטער רואָ האָט געדריקט זיין קינפטיקן איידעם. אַלע געשעפטלעכע ענינים האָט מען אָפּגעלייגט אויף שפּעטער; איבעריקנס, איז דאָך נאָך געווען גענוג צייט, ווייל די חתונה האָט דאָך סיי־ווי נישט געקענט פאָרקומען, כּל־זמן שאַרלס טרויער האָט זיך נישט געענדיקט, ד. ה, דעם נאָנטסטן פרילינג.

דער ווינטער איז אַדורך אין דערוואַרטונג. פריילין רואָ איז געווען פאַרנומען מיט איר אויסשטייער. א טייל איז באַשטעלט געוואָרן אין רואַן, און אַליין האָט זי זיך גענייט העמדער און הויבעס, לויט די געליִענע מוסטערן. בעת שארלס

וויזיטן אויף דער פערמע, האָט מען געשמועסט וועגן די הכנות צו דער חתונה; מען האָט זיך געשפּאַרט אין וואָסער צימער מען זאָל פּראַווען דעם מאָלצייט; מען האָט לאַנג געשמועסט וועגן דער צאָל מאכלים און וואָס מען זאָל, אַ שטייגער, דערלאַנגען אויף צוצובייסן.

עמע וואָלט בעסער געוואָלט, אַז די חתונה זאָל פּאָרקומען נאָך האַלבער נאַכט, ביי דער שיין פון שטורקאַצן; אָבער דער פאָטער רואָ האָט נישט געהאַלטן פון אַזאַ מין שמחה. און אָט האָט מען אָפּגעשפּילט די חתונה, אויף וועלכער ס'זענען געקומען דרייאונפערציק פּאַרשוין. מען איז אָפּגעזעסן זעכצן שעה נאָכאַנאַנד ביים טיש; דאָסזעלבע איז איבערגעחזרט געוואָרן אויף צומאָרגנס און נאָך עטלעכע טעג שפּעטער.

IV

די געסט זענען אָנגעקומען פרי — אין קאַרעטעס, אין עקיפּאַזשלעך, געשפּאַנט מיט איין פערד, אין שאַראַבאַנעס אויף צוויי רעדער, אין אַלטע קאַבריאָלעטן אָן ביידלעך, אין דיליזשאַנסן מיט לעדערנע פאָרהאַנגען, און די יונגע בחורים פון די שכנותדיקע דערפער — אין וועגנס; זיי זענען געשטאַנען הינטער איינאנדער, האַלטנדיק זיך מיט די הענט פאַר די דרענגלעך, כדי נישט אַראָפּצופאַלן פון דער שטאַרקער טראַסקעריי. מען איז אָנגעקומען פון ווייטע מקומות, פאַר גאַנצע צען מייל, פון גאָדערוויל, פון נאָרמאַנוויל און פון קאַני. מען האָט פאַרבעטן אַלע קרובים פון ביידע משפחות, מען האָט זיך איבערגעבעטן מיט שונאים. מען האָט געשריבן צו אַזעלכע באַקאַנטע, וועלכע מען האָט שוין לאַנג געהאַט פאַרגעסן.

פון צייט צו צייט האָט מען געהערט אַ קנאַקעריי פון בייטשן הינטערן פּלויט; תיכף האָט זיך דער טויער געעפנט

און אַ נײַ עקיפּאזשל איז אַרײַנגעפאָר. צוגאַלאָפּירנדיק צו די ערשטן טרעפּל פון גאַנעק, האָט מען זיך פלוצלונג א שטעל אָפּ געטאָן און אַרויסגעוואָרפן די מענטשן, וועלכע האָבן זיך געשאָטן פון אַלע זייטן, רײַבנדיק די קני און אויסציענדיק די הענט. ווײַבער אין הויבעס האָבן געטראָגן קליידער אויפן שטאָטישן פאַסאָן, גאָלדענע זייגער-קייטעלעך, פעלערינעס מיט די עקן געקרייצט ביים גאַרטל, אָדער קליינע קאָלירטע קאָפּ-טיכלעך, צוגעשפּיליעט מיט אַ שפּילקע אויפן פּלייצע, אויפ-דעקנדיק פון הינטן דעם האַלדז. קינדער, אָנגעטאָן ווי זייערע טאַטעס, האָבן זיך זייער שלעכט געפילט אין זייערע נייע בגדימלעך (אַ סך פון זיי האָבן אָנגעטאָן שטיוול צום ערשטן מאָל אין לעבן), מען האָט געזען לעבן זיי גרויסע מיידלעך פון א יאָר פערצן-זעכצן, וועלכע האָבן נישט אַרויסגערעדט קיין איינציק וואָרט; זיי האָבן געטראָגן ווייסע קליידלעך, וואָס האָבן נאָך געשטאַמט פון זייער ערשטן ווידוי ביים גלח און וואָס זענען איצט פאַרלענגערט געוואָרן צוליב דערדאָזיקער שמחה; דאָס זענען מסתמא געווען זייערע קוזינקעס אָדער על-טערע שוועסטער, רויטע, איבערגעשראָקענע, די האָר אָנגעשמירט מיט ראָזער פּאָמאַדע; זיי האָבן די גאַנצע צייט מורא געהאַט, טאָמער וועלן זיי, חלילה, איינשמוצן זייערע הענטשקעס. אַזוי ווי ס'האָבן אויסגעפעלט קוטשערס, וואָס זאָלן אויסשפּאַנען די פערד, האָבן די מאַנסלייט פאַרשאַרצט זייערע אַרבל און זיך גענומען אליין צו דער מלאכה. מען האָט געטראָגן פראַקן, סורדוטן, קאַמיזעלקעס, קורטקעס, יעדער לויט זיין סאָציאַלער שטעלונג. דידאָזיקע קליידער זענען געווען זייער חשוב ביי דער גאַנצער משפּחה און אַרויסגענומען פון דער שאַפע האָט מען זיי נאָר אויף גרויסע שמחות. עס זענען געווען סורדוטן מיט גרויסע פּאָלעס, וואָס האָבן זיך צעשפּרייט אויפן ווינט, מיט רונדיקע קאָלנערס און מיט קעשענעס, ברייטע ווי זעק. מאַרינאַרקעס פון גראָבן טוך, צו וועלכע מען האָט על פּי רוב געטראָגן אַ היטל מיט אַ מעשענעם קאַנט אַרום דאַשעק; קורצע קורטקעס, מיט צוויי קנעפּ אויפן פּלייצע, ווי אַ

פּאָר אויגן, און מיט אַ פּאָר זייטן, וואָס זענען געווען אַזוי ווי אויסגעהאַקט פון איין מאַסע מיט דער האַק פון אַ טשעשלער. נאָר עטלעכע (נאַטירלעך, די יעניקע, וועלכע האָבן געמוזט עסן ביים עק טיש) האָבן געטראָגן יום־טובדיקע בלוזעס, ד. ה. מיט אָפּגעלייגטע קאָלנערס אויף די אַקסלען, מיט אַ געפּאַלדעוועטער פּלייצע, מיט אַ שמאָלער טאַליע און מיט אַן אויסגעהאָפטן גורט.

און די אָנגעקראָכמאַליעוועטע העמדער האָבן זיך געוועלבט אויף די ברוסטן, ווי פּאַנצערס! אַלע זענען געווען אָפּגעשאָרן, מיט אָפּגעשטאַנענע אויערן, אַלע זענען געווען ריין אָפּגעראַזירט; די וואָס זענען אויפגעשטאַנען באַגינען און זיך געראַזירט אינ־דערפינסטער, האָבן זיך אַפילו איינגעשניטן אונטערן נאָז אָדער זיך אָפּגעריסן אויף די באַקן שטיקער הויט, די גרויס ווי אַ דריי פראַנקעדיקע מטבע; דאָס אַלץ איז אויפן וועג צעפלאַמט געוואָרן פון ווינט, און ראָזע פלעקן האָבן באַשפּרינקלט די דיקע, ווייסע אויפגעלעבטע פּנימער.

מחמת דער מאַגיסטראַט האָט זיך געפונען ביי אַ האַלבן מייל פון דער פערמע, איז מען אַוועק צופוס אַהין און צוריק, ווי נאָר די קלויסטער־צערעמאָניע האָט זיך פאַרענדיקט. דער צוג, וואָס האָט זיך תחילת צונויפגעגאָסן, ווי אַ בונטע לענטע, וועלכע האָט זיך געשלענגלט דורך די פעלדער איבער אַ שמאָלן שטעגל, צווישן גרינע תבואות, האָט זיך באַלד צעשפּרייט, און זיך איינגעטיילט אין גרופּעס; די גרופּעס זענען עפּטער געבליבן שטיין, כדי צו כאַפּן אַ שמועס. פּאָרויס איז געגאַנ־גען אַ קלעזמער מיט אַ פידל, באַפּוצט מיט קאָלירטע סטענגעס; נאָכדעם האָט געשפּאַנט דאָס יונגע פּאָרל, די עלטערן, פריינט, און קרובים; און די קינדער זענען געגאַנגען אין עק; זיי האָבן געריסן קאָרנבלימלעך אין די תבואות, אָדער געכאַפּט אַ שטיפ, אַז קיינער זאָל נישט זען. עמעס קלייד, וואָס איז געווען זייער לאַנג, האָט זיך געשלעפּט איבער דער ערד; פון צייט צו צייט פלעגט זי זיך אָפּשטעלן, אונטערהייבן עס אַ ביסל און דעליקאַט אַרויסגעצויגן פון די טרוקענע גרעזלעך, צווייגלעך,

און שאַרל האָט בעת מעשה אַרױסגעלאָזט די הענט און געוואַרט
ביז זי וועט עס פאַרענדיקן. דער פֿאָטער רואָ, אין אַ נײעם
זײדענעם הוט און אין אַ שוואַרצן פראַק, וואָס זײנע אַרבל
האָבן אים פאַרדעקט די הענט ביז די נעגל, האָט געפירט
אונטערן אָרעם באָוואַריס מוטער. דער אַלטער באָוואַרי,
ווידער, וואָס האָט פון גאַנצן האַרצן פײנט געהאַט דידאַזיקע
כנופיא, איז געקומען פשוט אין אַ סורדוט, מיט אײן שורה קנעפּ,
אויפן מיליטערישן שטײגער, און באַשאָטן מיט בילקע העכ=
לעכע ווערטער אַ יונגע בלאָנדע פויערטע. זי האָט געשאָקלט
מיטן קאָפּ, זיך געוויטלט און נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן.
די איבעריקע חתונה-געסט האָבן געשמועסט פון זײערע געשעפטן,
אָדער געמאַכט חוזק אײנער פון צווײטן, און זיך מכין געווען
לכתחילה צו לאַכן; מען האָט כסדר געהערט דאָס רימפּלען
פון קלעזמער, וועלכער האָט געהאַלטן אין אײן שפּילן. האָט ער
נאָר באַמערקט, אַז דער עולם איז פאַרבליבן ווײט הינטער אים,
האָט ער זיך באַלד אָפּגעשטעלט, אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, לאַנג
געריבן זײַן סמיטשעק מיט קאַניפאָל, אַז די סטרונעס זאָלן בעסער
קלינגען, און זיך ווידער אַוועקגעלאָזט אין וועג אַרײַן, אַראָפּ=
לאָזנדיק און אויפהײבנדיק כסדר דאָס העלדזל פון פידל, כדי
בעסער צו פילן דעם טאַקט. דאָס רימפּלען פון זײַם אינסטרו-
מענט פלעגט פונדערווײטנס צעיאָגן די קלײנע פײגעלעך.

מען האָט סערווירט אַ טיש אין דער שאָפּע, און מען
האָט אַוועקגעשטעלט פיר טאַצן מיט געבראָטנס, זעקס הינער-
פריקאַסע, געדעמפּט קאַלב-פלײש, דרײ שעפּסן-פיסלעך; אינמיטן
איז געלעגן אַן אויסגעצײכנטער פעטער חזיר, גוט אויסגעבראָטן,
מיט פיר וווּרשטלעך פון שטשאַוו בײ די זײַטן. בײ די עקן
זענען געשטאַנען קאַראַפקעס מיט בראָנפן. דער זיסער עפּל-ווײַן
האָט געשוימט אַרום די קאָרקעס, און אַלע גלעזער זענען שוין
פון פריער געווען אָנגעפילט מיט ווײַן. אויפן געלן קרעם, וואָס
איז געלעגן אין גרויסע טעלער און געציטערט בײ דער קלענ=
סטער באַוועגונג פון טיש, זענען געשטאַנען די איניציאַלן פונם
יונגן פּאָרל, באַפּוצט מיט אָרנאַמענטן. פאַר די טאָרטן און

מאַנדל־קוכן האָט מען אַראָפּגעבראַכט אַ קאָנדיטער פון איוועטאָ. אזוי ווי דאָס איז געווען זיין ערשטער דעביוט אין דידאָזיקע מקומות, האָט ער זיך זייער געפלייסט; ער האָט אפילו געבראַכט צום דעסערט זיינע אייגענע דערפינדונג, פון וועלכער דער עולם איז גאָר נתפעל געוואָרן. די באַזע פון דערדאָזיקער דערפינדונג איז באַשטאַנען פון אַ קוואַדראַט פון בלויען קאַרטאָן, און דערויף האָט זיך געהייבן אַ טעמפּל מיט פּאָרטיקעס, קאָלאָנאַדעס, גיפּסענע סטאַטועטקעס און נישעס, באַפּוצט מיט שטערן פון גאָלדענעם פּאַפּיר; אויפן צווייטן שטאָק, ווידער, האָט זיך געהייבן אַ טורעם פון סאַוואָיער טייג, ארומגערינגלט מיט קלײנע פעסטונגלעך, פון אנגעליקע, מאַנדלען, ראָזשינקעס, שטיקלעך פּאָמעראַנצן; און, צולעצט, אויף דער אויבערשטער פּלאַטפאָרמע, וואָס האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ גרינע לאָנקע מיט צעוואָרפענע פעלזן, מיט אָזיערעס פון קאָנפיטור און מיט שיפן פון ניס־שאָלעכץ, האָט מען געזען אַ קליינעם אמור, זיך וויגנדיק אויף אַ שאָקאָלאַד־הושטאַווקע, און אירעביידע סלופּקעס האָבן זיך פאַרענדיקט מיט צוויי בוקעטלעך פון לעבעדיקע רויזן.

מען האָט געגעסן ביז פאַרנאַכט. ווען עמיצער איז אָפּגעמאַטערט געוואָרן פון זיצן, איז ער אַוועק שפּאַצירן אויפן הויף, אָדער שפּילן אין שייער א פאַרטיע קאָרעק און דערנאָך זיך צוריקגעקערט צום טיש. צום סוף זענען אפילו עטלעכע איינגעשלאָפן און געגומען שנאָרכן, אָבער ביים קאַווע האָבן אַלע אויפגעלעבט. מען האָט אָנגעהייבן צו זינגען, ארויסגעוויזן פאַרשידענע קונצן, געטראָגן משאות, אויפגעהייבן גאַנצע וועגנס אויף די פּלייצעס, געשאָטן מיט גלייכווערטלעך, געקושט די דאַמען. אינאָוונט, ווען מען האָט געדאַרפט אַוועקפאָרן, האָבן די אָנגעפרעסענע פערד נישט געוואָלט אַריין אין די אָגלאָבליעס; זיי האָבן געקאָפּעט, זיך אָנידערגעשטעלט אויף די הינטערשטע פיס, געבראָכן דעם געשפּאַן; די באַלעבאַטים האָבן זיי געשאָלטן אָדער געלאַכט; און אַ גאַנצע נאַכט, ביים שיין פון דער לבנה, האָבן זיך איבער אלע וועגן געטראָגן קאָטשן און וועגנס; מען איז געפלויגן העגדום־פּענדום, געשפּרונגען איבער גריבער, אי־

בער שטיינער, און פּאַרטשעפּעט קוסטעס ביים וועג; די חייבער פלעגן זיך ארויסבויגן פאָרויס דורך די טירלעך און זיך געכאַפּט פאַר די לייטשעס.

די, וועלכע זענען פארבליבן אין בערטאָ, האָבן אַ גאנצע נאַכט געשיכורט אין קיך. די קינדער זענען איינגעשלאָפן אויף די בענק.

די כלה האָט געבעטן דעם טאַטן, מען זאָל איר לאָזן צורו מיט די וויצן, מיט וועלכע מען איז על פּי רוב מכבד אַ יונג פּארפאָלק. אָבער איינער, אַ קרוב, אַ פיש־סוחר (וואָס האָט אַפילו געבראַכט אַ פּאָר קאַמבאַלעס אלס דרשה־געשאַנק) האָט שוין אַפילו אָנגעהייבן מיטן מויל אַריינצושפּריצן וואַסער דורכן טיר־לאָך, נאָר דער פּאָטער רואָ האָט עס באַמערקט און אים אָפּגעהאַלטן. ער האָט אים דערקלערט, אַז פאַר דער הויכער שטעלונג פון זיין איידים פּאַסטן זיך נישט אזעלכע המצאות. דער קרוב האָט זיך אָבער אַזוי לייכט נישט געלאָזט איבעררעדן. טיף אין האַרצן האָט ער חושד געווען דעם פּאַטער רואָ אין גאווה און האָט זיך צוגעזעצט צו פיר אָדער פינף געסט, אין אַ ווינקל, וועלכע מען האָט ביים טיש עטלעכע מאָל איינגעטיילט שלעכטע פּאָרציעס פלייש. איצט זענען זיי געקומען צו דער דעה, אַז מען האָט זיי שלעכט אויפגענומען און האָבן זיך דעריבער געשושקעט אויפן חשבון פון באַלעבאָס. מען האָט אים אינדערשטיל געווונטשן, ער זאָל גיין איבער די הייזער.

די אַלטע באָוואַרי האָט אַ גאַנצן טאָג דאָס מויל נישט געעפנט. מען האָט זיך מיט איר נישט מישב געווען מכּוח דער שנורס טואַלעט און מכּוח דער חתונה; זי איז פרי אַוועקגעפאָרן. איר מאַן, אָנשטאָט איר נאָכצופאָרן, האָט אָבער געשיקט אין סען־וויקטאָר נאָך ציגאַרן און גערויכערט ביז טאָג, גיסנדיק אין זיך גראָג אויף קאַרשן־זאַפט, אַ געמיש, וואָס איז דעם חתונה־עולם נישט געווען באַקאַנט און וואָס ס'האָט אים געוואַלדיק דערהייבן אין זייערע אויגן.

שאַרל האָט בטבע נישט געהערט צו די פריילעכע מענטשן,

און דעריבער האָט ער זיך לגמרי נישט אויסגעצייכנט אויף דער חתונה. ער האָט שוואך געענטפערט אויף די המצאהלעך, קאַלאַמבורן, צווייַדייטיקע ווערטלעך, קאָמפּלימענטן און פּעטעוויצן, מיט וועלכע מען האָט אים אָנגעהייבן מכבד צו זיין, ווען מען האָט דערלאַנגט די זופּ.

צומאָרגנס אָבער האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק פון גאָר אַן אַנדער מענטש. מען האָט אים גיכער געקענט אָננעמען פאַר דער נעכטיקער בתולה, בעת די יונגע האָט קיין שום זאַך נישט ארויסגעוויזן דאָרט, ווו מען האָט זיך אויף עפּעס געקענט אָנשטויסן. די סאַמע גיפטיקע האָבן נישט געוווסט, וואָס צו זאָגן, און ווען זי איז פאַרבייגעגאַנגען, האָבן זיי אויף איר געקוקט און בעת מעשה זיך אומזיסט געבראָכן דעם קאָפּ. אָבער שאַרל האָט קיין זאַך נישט פאַרבאָרגן. ער האָט זי אָנגערופן: מיין וויבעלע, האָט איר געדוצט, ביי יעדן זיך נאָכגעפרעגט אויף איר, געזוכט זי אומעטום, אָפט זי אַוועקגעפירט אין הויף, ווו מען האָט אים געקענט זען פונדערווייטנס, צווישן די ביימער, ווי ער האָט איר ארויפגעלייגט די האַנט אויף דער טאַליע, און אַזוי גייענדיק, מיטן קאָפּ זיך געדריקט צו איר ברוסט־שלייער.

צוויי טעג נאָך דער חתונה זענען מאַן און ווייב אַוועקגעפאָרן; צוליב זיינע פּאַציענטן האָט שאַרל אויף לאַנג נישט געקענט אַוועקפאָרן. דער פאָטער רואָ האָט זיי אָפּגעפירט אין זיין עקיפּאַזשל און זיי באַגלייט ביז וואַסאָנוויל. דאָ האָט ער א קוש געטאָן זיין טאָכטער צום לעצטן מאָל, אויסגעשטיגן פון עקיפּאַזשל און צופוס אַוועק אהיים. אָפּגעגאַנגען ביי א הונדערט טריט, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און, זעענדיק ווי דאָס עקיפּאַזשל דערווייטערט זיך און די רעדער דרייען זיך שנעל אין שטויב, האָט ער טיף אָפּגעקרעכצט. ער האָט זיך דערמאַנט אין זיין חתונה, אין די אַלטע גוטע צייטן, די ערשטע שוואַנגערשאַפט פון זיין ווייב; ער איז אויך געווען גליקלעך אין יענעם טאָג, ווען ער האָט זי צוגענומען פון איר טאַטן צו זיך אהיים, רייטנדיק מיט איר אויפן פערד איבערן שניי; ס'איז דעמאָלט געווען ווייַנאַכט, און די פעלדער זענען געלעגן באַדעקט מיט שניי; זי איז געזעסן הינ־

טער אים אויפן פערד, מיט איין האַנט זיך אָנגעהאַלטן אָן אים און צו דער צווייטער האַנט איז געווען צוגעבונדן אַ קערבל; דער ווינט האָט באוועגט די לאַנגע שפּיצן פון איר נאָרמאַנדי־שער הויבע, וועלכע האָבן זיך עפּעטער צוגערירט צו אירע ליפּן, און יעדעס מאָל, ווען ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, האָט ער געזען לעבן זיך, הינטער זיין פּלייצע, איר ראָז פּנימל, וואָס האָט שטיל געשמייכלט אונטער דער גאָלדענער בלעך פון איר הויבע. כדי צו דערוואַרעמען די פינגער, פּלעגט זי אים פון צייט צו צייט אריינלייגן די האַנט אין בוזעם. אך! ווי לאַנג דאס איז געווען! זייער זון וואָלט שוין איצט אַלט געווען דריי־סיק יאָר! איצט האָט ער ווידער אויסגעדרייט דעם קאָפּ, אָבער ער האָט שוין גאָרנישט געזען אויפן וועג. ס'איז אים געוואָרן אומעטיק, ווי אין אַ אָפּגעליידיקטער שטוב; און צאַרטע זכרונות האָבן זיך אויסגעמישט מיט שוואַרצע רעיונות אין זיין מוח, וואס איז געווען פאַרנעפּלט פון דער חתונה, און אים האָט זיך פאַרוואָלט פאַרבייגיין לעבן קלויסטער. ער האָט אָבער מורא געהאַט, אַז דאָסדאָזיקע בילד וועט אים נאָכמער פאַרביטערן, און ער איז אַוועק גלייך אַהיים.

דאָס יונגע פּאָרל באָוועריי איז ארום זעקס אַ זייגער אָנגע־קומען קיין טאָסט. די שכנים האָבן זיך געשטעלט אין די פענ־סטער, כדי אָנצוקוקן דעם דאָקטאָרס ווייבל.

די אַלטע דינסט איז ארויסגעגאַנגען, זיי באַגריסט, זיך אַנטשולדיקט, וואָס דאָס עסן איז נאָך נישט פאַרטיק, און פאַר־בעטן דער מאַדאַם, זי זאָל זיך דערווייל באַקענען מיט איר הויז.

V.

דער ציגלנער פראָנט־בנין האָט זיך געצויגן לענגאויס דער גאַס, אָדער, ריכטיקער, לענגאויס דעם וועג. הינטער דער טיר איז געהאָנגען א מאַנטל מיט אַ קליינעם קאָלנער, א צוים, אַ קאַשקעט פון שווארצן לעדער; אין אַ ווינקל, אויף דער ערד איז געלעגן אַ פּאָר שיך, נאָך באדעקט מיט אויסגעטריקנטער בלאָטע; רעכטס האט זיך געפונען דער זאַל, ד. ה. דער אפּארטאַמענט, ווו מען האט געגעסן און פארבראכט. די העל־געלע טאַפּעטן, פארענדיקט אינדערהויך מיט אַ גירליאַנדע פון בלאַסע בלומען, האָבן ערטערווייז געציטערט, אָפּשטייענדיק פון דער וואַנט; פאָרהאנגען פון ווייסן פערקאַל מיט אַ רויטן זוים, האָבן זיך געקרייצט אויף די פענסטער, און צווישן צוויי פלאַטינענע קאַנדעליאַברעס, אונטער אָוואַלפארביקע קליאָשן, איז אויפן שמאָלן קאַמין געשטאַנען אַ זייגער מיט א קאָפּ פון אַ היפּאָקראַט. אין דער צווייטער זייט קאָרידאָר האָט זיך געפונען שארלס קאַבינעט, אַ קליין חדרל פון אַ זעקס טריט די ברייט. דארט איז געשטאַנען אַ טיש, דריי שטולן און אַ ביוראָ־פאָטעל. די בענדער פון „מעדיצינישן ווערטערבוך“, וואס זענען נישט געווען צעשניטן, אָבער שטארק צעקנייטשט פון די פארשידענע הענט, דורך וועלכע זיי זענען ביי אַ סך אויספארקויפן דורכגעגאנגען, האבן כמעט אליין באצירט אלע זעקס פּאָליצעס פון דעם סאָסנאָוון ביכער־שראנק. די קיך־ריחות זענען אהער אריינגעדרונגען דורך דער וואנט בשעתן אויפנעמען די פאציענטן, פונקט ווי אין קיך האט מען געהערט, ווי די פאציענטן הוסטן אין קאבינעט און דערציילן זייערע מעשיות. ווייטער, צום הויף צו, נישט ווייט פון די פערדשטאלן, איז געשטאנען אַ גרויסער אָפּגעלאָזענער צימער מיט אַן אויוון, וועלכער האט איצט געדינט פאר אַ האָלץ־שטאַל, פאר א קעלער, פאר אַ שפּיזשארקע, אָנגעפּאקט מיט אַלטן אייזן, פוסטע פעסער, צעבראָכענע דאָרף־מאַשינעס און אַ סך אנדערע פארשטויבטע זאַכן, וועלכע מען האט נישט געקענט דערקענען צוואָס זיי האבן אמאָל גענוצט.

דער גאָרטן, לענגער ווי ברייטער, האט זיך געצויגן צווישן צוויי שטרוי־ליימענע ווענט, באדעקט מיט אבריקאָסן-שפּאַלערן, ביז צו דעם שטעכעדיקן פּלויט, וועלכער האט אים אָפּגעצוימט פון די פעלדער. אינמיטן גאָרטן איז אויף אַ שטיינערנעם פּיע־דעסטאַל געשטאַנען אַ זון-זייגער; פיר בייטן, באַזוימט מיט ווילדע רויזן, האבן סימעטריש ארומגערינגלט דעם נוצלעכסטן קוואַד־ראט פון די גאָרטן-גרינס. טיף אין גאָרטן, אונטער קליינע סאָס־נעס, האט אַ גיפּסענער גלח ארייגעקוקט אין אַ תּפילה-ספר.

עמע איז ארויף אין די אויבערשטע צימערן. דער ערשטער צי־מער איז געווען ליידיק, אָבער אינם צווייטן, אין שלאָף-צימער, אין אַ רויט דראפּירט אַלקערל, איז געשטאַנען אַ בעט פון רויטן האלץ. אַ שאַכטל, באַדעקט מיט מושלען האט באַפּוצט דעם קאָמאָד; און אויף אַ שרייב-טיש לעבן פענסטער, איז אין אַ קאַראַפקע געשטאַנען אַ בוקעט פון פּאָמעראַנצן-בלומען, איבערגעבונדן מיט ווייסע אַטלאַס-לענטעס. דאס איז געווען דער חתונה־בוקעט, דער בוקעט פון יענער! זי האָט אים באטראַכט. באַמערקנדיק עס, האט אים שאַרל ארויפגעטראָגן אויפן בוידעם. שפּעטער, זיצנדיק אין פאָטעל, בשעת מען האט אויסגעפּאַקט אירע זאַכן, האט עמע געטראַכט פון איר חתונה-בוקעט, וועלכער איז געווען איינגעפּאַקט אין אַ שאַכטל, און שטאַרק פארחלומט, האט זי זיך געשטעלט די שאלה, וואס, אַ שטייגער, וואלט מען מיט אים געטאָן, ווען זי וואלט צופעליק געשטאָרבן.

פון די ערשטע טעג אָן האָט זי געטראַכט פון די שינויים אין שטוב. זי האָט אַראָפּגענומען די קלאָשן פון די קאַנדע־ליאַברעס, געהייסן איבערקלעפּן די טאַפּעטן, איבערמאָלן די שטיגן און אוועקשטעלן בענק לעבן זון־זייגער; זי האָט אפילו געטראַכט פון אַ פאָנטאַן און פון אַ באַסיין מיט פיש. איר מאַן האָט געוווסט, אַז זי האָט ליב אַרומצופאָרן, האָט ער ביי אַ געלעגנהייט געקויפט אַ קאַבריאָלעט, וועלכער איז מיט זיינע נייע לאַמטערנעס און לעדערנע פליגלען געווען ענלעך צו אַ טילבערי *).

*) טילבערי — אַ מין ענגלישע קארעטע.

ער איז געווען גליקלעך, נישט וויסנדיק פון קיין זאָרג
זאָרג אויף דער וועלט. א מיטאָג מיט איר אַליין, אַ שפּאַצירל
אָוונטצייט אויפן הויפּט־טראַקט, אַ גלעט מיט דער האַנט איבער
אירע לאָקן, אַ קוק אויף איר הוט, וואָס איז געהאַנגען אויפן
פענסטער, און נאָך אַנדערע זאַכן, אין וועלכע שאַרל האָט קיינ־
מאָל נישט געפונען קיין שום פאַרגעניגן, — דאָס אַלץ איז
איצט געווען אַ קוואַל פון אומענדלעכן גליק. אינדערפרי, אין
בעט, זייט ביי זייט אויף איין קישן, האָט ער געזען, ווי אַ זון־
שטראַל גלעט דעם פוך פון אירע ראָזע באַקן, אויף דערהעלפט
באַדעקט מיט די פליגלען פון איר הויבע. קוקנדיק פונדערנאָנט,
האָבן אירע אויגן אויסגעזען גרעסער, באַזונדערס, ווען זי האָט
עטלעכע מאָל אויפגעהייבן אירע ברעמען, ביים אויפכאַפּן זיך;
שוואַרץ אין שאָטן און טונקל־בלוי אין ליכט, האָבן זיי געמאַכט
דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטן געהאַט עטלעכע פאַכן פאַרב, וואָס
טיפער, אַלץ געדיכטער, און העלער, וואָס נענטער צו דער אויי־
בערשטער עמאַל. זיין אויג איז פאַרטרונקען געוואָרן אין די־
דאָזיקע טיפקייטן; ער האָט זיך אין זיי געזען גאָר אַ קליי־
ניטשקן ביז צו די אַקסלען, מיט אַ טיכל אויפן קאָפּ און מיט
אַ פאַנאַנדערגעשפּילעטע העמד. ער פלעגט אויפשטיין. זי
פלעגט צוגיין צום פענסטער און זיך צוקוקן, ווי ער פאָרט
אַוועק; און זי פלעגט בלייבן שטיין, אָנגעלענט אויפן ראַנד,
צווישן צוויי גערא־ניום־וואַזאָנעס, אָנגעטאָן אין איר פעניואַר,
וועלכער האָט זיך געפּאַלדעוועט אַרום איר לייב. אויף דער
גאַס פלעגט שאַרל צובינדן זיינע שפּאָרן; און זי פלעגט נאָך
פירן מיט אים דעם שמועס פונדערהויך, אָפּבייסנדיק מיט די
ציין אַ בלימל אָדער אַ בלעטל, וואָס זי האָט אים צוגעוואָרפן —
און אינדערלופטן איז עס געפלויגן, זיך אָפּגעשטעלט, זיך גע־
דרייט ווי פייגל, און איידער עס איז אַראָפּגעפאַלן, האָט עס זיך
פאַרטשעפּעט אין דער צעפלווישטער גריווע פון דער אַלטער ווייי־
סער שקאַפּע, וועלכע איז אומבאַוועגלעך געשטאַנען ביי דער
טיר. פון פערד פלעגט איר שאַרל שיקן א קוש; זי פלעגט
אים ענטפערן מיט דער האַנט. נאָכדעם האָט זי צוגעמאַכט דאָס

פּענסטער, און ער איז אַוועקגעפאָרן. און אויפן הויפּט-טראַקט, וואָס האָט אומענדלעך געצויגן זיין לאַנגע שטויביקע לענטע, איבער צעגראָבענע וועגן, ווו די ביימער האָבן פאַרמירט גע־וועלבן איבערן קאָפּ, און איבער שטעגן, ווו די זאַנגען האָבן אים דערגרייכט ביז צו די קני, האָט ער זיך געבאָדן אין זון, וואָס האָבן אים געוואָרעמט די אַקסלען, געזופּט די פרישע אינ־דערפריענדיקע לופט, מיט א האַרץ, אָנגעזאָפּט מיט תענוג פון דער נאפּט, מיט אַ רויִקן גייסט און מיט אן אָנגעזעטיקטן גוף. ער האָט געריטן, איבערקייענדיק זיין גליק, ווי די נאַשערס, וועלכע פלייסן זיך נאָכן מיטאָג איינצוהאַלטן דעם געשמאַק פון די אויפגעגעסענע טרופלעס.

וואָסער גליק האָט ער ביז איצט געהאַט אין זיין לעבן? אפשר די צייט אין דער גימנאַזיע, ווען ער איז געווען איינגע־שלאָסן צווישן די הויכע ווענט, איינער אליין צווישן חברים, וואָס זענען געווען רייכער אָדער שטאַרקער פון אים, וועלכע האָבן געמאַכט חוזק פון זיין אויסשפראַך, געלאַכט פון זיינע בגדים און געגעסן צוקערלעך, וואָס זייערע מאַמעס האָבן געבראַכט אין די מופּטעס? אָדער שפּעטער, ווען ער האָט שטודירט מע־דיצין און קיינמאָל נישט געהאַט קיין פּרוטה צו באַצאָלן פאַר אַ טאַנץ אויף אַ באַל, אָדער אן ארבעטאָרין, וועלכע איז גע־וואָרן זיין געליבטע? נאָכדעם האָט ער פערצן חדשים געלעבט מיט אן אַלמנה, וואָס אירע פיס זענען געווען קאַלט אין בעט, ווי אייז. אָבער איצט באַזיצט ער אויפן גאַנצן לעבן אַ שיינע פרוי, וואָס ער האָט זי זייער ליב. די גאַנצע וועלט האָט זיך ביי אים פאַרענדיקט הינטער די זיידענע פאַלדן פון איר קלייד; און ער האָט זיך אפילו פאַרגעוואָרפן, אַז ער האָט זי נישט ליב; ער האָט זי געוואָלט תּיכּף ווידער זען; ער פלעגט זיך צוריקקערן אהיים און מיט הארצקלאַפּעניש פלעגט ער ארויפ־גיין אויף די שטיגן; עמע פלעגט זיצן אין שלאָפצימער ביים טואַלעט. ער פלעגט זיך צוגנבענען אויף די שפּיץ פינגער און איר אַ קוש טאָן אין פּלייצע; זי פלעגט אויסשרייען.

ער האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן און האָט זיך תמיד־

געמוזט צורירן צו איר קעמל, צו אירע רינגען, צו איר קאָפּ-טיכל; טײלמאָל פלעגט ער איר נעמען קושן אין די באַקן, אָדער ער פלעגט באשיטן מיט קושן איר נאַקעטע האַנט פון די פינגער ביזן אָרעם; און זי פלעגט אים אָפּשטויסן, דאָ מיט א געלעכטער, דאָ מיט א בייזער מינע, פונקט ווי מען באַגייט זיך מיט קינדער, פון וועלכע מען קען זיך נישט אָפּטשעפּען.

ביז דער חתונה האָט זי געטראכט, אַז זי איז פאַרליבט; אָבער זי האָט נישט געזען דאָס גליק, וואָס דידאָזיקע ליבע האָט איר געדאַרפט ברענגען, און זי האָט געטראַכט, אַז זי האָט זיך מסתמא טועה געווען. און עמע האָט זיך געוואָלט דערוויסן, וואָס די וועלט פאַרשטייט אונטער די ווערטער גליק, תאווה, שיכרות, פון וועלכע זי פלעגט אַזוי נתפעל ווערן אין די ביכער.

VI

זי האָט איבערגעלייענט „פּאָל און ווירגיניע” און האָט געחלומט פון א באַמבוס-הייזל, פונם נעגער דאָמינגאָ, פונם הונט פידל, און דער עיקר — פון דער זיסער פריינט-שאפט פון עפּעס א קליינעם ברודער, וועלכער קלייבט פאר אייך רויטע פירות פון ביימער, וואָס זענען העכער פון א גלאָקן-טו-רעם, אָדער וועלכער לויפט באָרוועס, כדי אייך צו ברענגען א פייגלש נעסטעלע.

ווען זי איז אלט געוואָרן דרייצן יאָר, האָט איר דער טאַטע אוועקגעפירט אין שטאָט, כדי אָריינצוגעבן איר אין א מאָנאסטיר. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין א שיינק, אין קוואַר-טאַל סען-זשערווע, ווו מען האָט זיי דערלאַנגט אונטערוויט אויף געמאָלטע טעלער, וועלכע האָבן געשילדערט די געשיכטע פון פריילן דע-לאַ-וואַליער. די לעגענדאַרישע דערקלערונגען, ער-

טערוויז צעקראצט פון מעסער, האָבן געלויכטן און גערימט די רעליגיע, די צערטלעכקייט פון געפילן און דאָס ברייטע לעבן פון הויף.

אין מאָנאַסטיר האָט זי תחילת זיך נישט געלאַנגווייליקט. זי האָט זיך גוט געפילט אין דער געזעלשאַפט פון די גוטע שוועסטער, וועלכע האָבן זי געוואָלט ווײַלן, און זי געפירט אין דער קאַפּליצע דורך אַ לאַנגן קאָרידאָר, וואָס האָט זיך אָנגעהייבן פון עס־צימער. זי האָט זיך זייער ווייניק געשפּילט בעת די הפסקות און האָט גוט פאַרשטאַנען דעם קאַטעכיזם, און דעם וויקאַר פלעגט זי תמיד אויסגעצייכנט ענטפערן אויף די שווערסטע פראַגן. לעבנדיק כסדר אין דער וואַרעמער אַטמאָספערע פון די קלאַסן און צווישן דידאָזיקע בלאַסע פרויען מיט די מעשענע צלמים, איז זי ביסלעכווייז אַרײַנגעפאַלן אין אַ מיסטישן רייץ, וואָס ווערט אויסגעהויכט פון די מזבח־ריחות, פון דער פרישקייט פון די הייליקע פאַנען און פון דעם שײַן פון די ליכט. אַנשטאָט צו הערן די מעסע, פלעגט זי בעסער אַרײַנקוקן אין איר תפילה־ספרל אויף די הייליקע בילדלעך, אײַנגעפאַסט אין בלויע רעמלעך. איר איז געווען געפעלן דאָס קראַנקע שעפּסעלע, דאָס הייליקע האַרץ, דורכגעשטאָכן מיט שאַרפע פײַלן, אָדער דער אָרעמער יעזוס, וואָס פאַלט אונטער דער משא פון זײַן צלם. זי האָט געפאַסט אַ גאַנצן טאָג, און געפּרוווט אָפּטויטן איר גוף. זי פלעגט אויסטראַכטן פאַרשידענע נדרים.

ווען זי פלעגט גיין צום גלח זיך מתוודה זײַן, פלעגט זי אויסטראַכטן פאַרשידענע חטאים, צו קענען דאָרט, אין דער טונקעלער לופט, לענגער קניען, מיט געקרייצטע הענט, צוגעדריקט מיטן פּנים צו די קראַטעס, הערנדיק דאָס שעפּטשען פון גייסטלעכן. די מיסטישע פאַרגלייכונגען מיט אַ חתן, מיט אַ מאַן, מיט אַ הימלישן געליבטן, מיט אַן אייביקער חתונה וואָס ווערט תמיד איבערגעחזרט בײַ די קלויסטער־דרשות, האָבן אַרײַנגעגאָסן אין איר נשמה עפּעס אַן אומבאַקאַנטע מתיקות.

אָוונטצייט, פאַר דער תּפילה, פלעגט מען לייענען עפּעס
פון הייליקע ספרים. אינדערוואָכן פלעגט מען לייענען אַן איבער-
זיכט פון דער הייליקער געשיכטע, אָדער די „שמועסן“
פון אַבּאַט פרייסינג, און זונטיק, צוליב אָפּרו — פראַגמענטן
פונם „גייסט פון קריסטנטום“. אַך, מיט וואָס פאַר אַ חשק
האָט זי צום ערשטן מאָל אויסגעהערט די קלינגענדיקע קלאָגערייען
פון דער ראָמאַנטישער מעלאַנכאָליע, וועלכע ווערן איבערגעחזרט
דורך אַלע ערדישע און הימלישע עכאָס! ווען איר קינדהייט
וואָלט אַדורכגעלאָפן אין עפּעס אַ געוועלבל, ערגעץ אין אַ סוחרי-
שע סביבה, וואָלט אפשר איר נשמה זיך געעפנט פאַר דער לי-
רישער התפעלות איבער דער נאַטור, אַ זאַך, וואָס מיר ווערן
געוואָר בלויז פון ביכער. אָבער זי האָט צו גוט געקענט דאָס
דאָרף; זי האָט געוווּסט, ווי עס מעקען שעפּסן, ווי מען מעלקט
קי, ווי מען שניירט היי. צוגעוויינט צו רויִקע בילדער, האָט עס
איר געצויגן צו פּאַסירונגען. זי האָט ליב געהאַט דעם ים צוליב
זיינע שטורעמס, און צמחים האָט זי ליב געהאַט נאָר דעמאָלט,
ווען זיי זענען געווען צעוואָרפן צווישן חורבות. פון אַלץ האָט
זי אַזוי ווי געוואָלט אַרויסציִען פערזענלעכע נוצן; און אַלץ,
וואָס איר האַרץ פלעגט אוממיטלבאַר נישט פאַרדייען, פלעגט זי
אַוועקוואַרפן ווי אַן אומנוצלעכע זאַך, — ווייל איר טעמפּעראַ-
מענט איז געווען מער סענטימענטאַל, ווי אַרטיסטיש, זוכנדיק
עמאָציעס און נישט קיין פּייזאַזשן.

אין מאָנאַסטיר איז געווען אַן אַלטע בתולה, וועלכע פלעגט
יעדן חודש קומען אויף גאַנצע אכט טעג צו פאַרריכטן די וועש.
פּראָטעזשירט דורכן אַרציבישאָף, מחמת זי האָט אָנגעהערט צו אַן
אַלטער פּריצישער משפּחה, וואָס איז רויִנירט געוואָרן בעת דער
רעוואָלוציע. זי האָט געגעסן ביי איין טיש מיט די גוטע שוועס-
טער און נאָך יעדן מיטאָג, פאַרן גיין צו דער אַרבעט, פלעגט
זי מיט זיי פּלוידערן. אָפט פלעגן די תּלמידות אַנטלויפן פון דער לעק-
ציע, כדי זיך מיט איר צו זען. זי האָט געקענט אויף אויסנ-
ווייניק די אַלע ליבע-לידלעך פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט,
און זי האָט זיי אינדערשטיל צוגעזונגען ביי דער אַרבעט. זי

פלעגט דערציילן מעשיות, נייס, אויסגעפירט אין שטאט פארשידענע שליחותן און די עלטערע מיידלעך געליען בגניבה אַ ראָמאַן, וועלכן זי האט תמיד געהאט גרייט אין קעשענע פון איר פאַרטוך; אין די הפסקות פון דער ארבעט פלעגט די אַלטע בתולה שלינגען איין קאַפיטל נאָכן צווייטן. די ראָמאַנען זענען געווען פול מיט ליבע, מיט געליבטע, מיט פארפאָלגטע פרויען, וועלכע פאלן אין חלשות אין אָפגעזונדערטע אַלטאַנעס, מיט פאָסטשטאַליאָנען, וועלכע ווערן געטויט אויף יעדער סטאציע, מיט פערד, וועלכע פאלן אוועק אויף יעדן בלאַט פונם בוך, מיט טונקעלע וועלדער, מיט הארץ-קלעמענישן, מיט שבועות, מיט געוויינען, מיט טרערן, מיט קושן, מיט שיפלעך אין לבנה-ליכט, מיט נאַכטיגאַלן אין וועלדער, און ריטערס, וואס זענען דרייסט ווי לייבן און שטיל ווי שעפסעלעך און דערביי געוואלדיק צניעותדיק, און תמיד פיין געקליידט און וויינען, ווי אורנעס. צו פופצן יאָר האט עמע גאַנצע זעקס חדשים געשמוצט אירע הענט אינם שטויב פון אלטע ביבליאָטעקן. שפעטער, לייענדיק וואַלטער סקאָטן, האָט זי באקומען אַ ליידנשאפט צו היסטאָרישע ראָמאַנען, האט געחלומט פון נסיעות, פון געהיימע חדרים, פון מינסטרעלן. זי וואלט געוואָלט ווינען אין עפעס אַן אַלטן שלאָס, ווו די פאַלאַץ=דאַמען, אין לאַנגע קאָרסעטן, פארברענגען זייערע טעג אונטער גאָטישע געוועלבן, אָנלענענדיק זיך אויף אַ שטיינערנער פליטע און מיט דער גאָמבע אין האַנט קוקן זיי צו, צי ס'באַווייזט זיך נישט פונדערווייטנס אַ ריטער, וואס טראגט זיך אויף אַ שווארץ פערד מיט אַ ווייסן פעדער אין דער הוט. זי האט אין יענער צייט שטארק פארגעטערט מאַריאַ סטואַרט און איז געווען באגייסטערט פון אלע באַרימטע אומגליקלעכע פרויען. זשאַנע ד'ארק, עלאָאיזע, אגנעסע סאָרעל, די שיינע פעראָניער, קלעמענס, איסאָר האָבן פאר איר געשיינט, ווי קאָמעטן אויף די טריבע שטחים פון דער געשיכטע, וו ס'האבן דא און דארט, נאָך אנדערע געלויכטן, אָבער פארלוירענע אין שאָטן, אָן שום צוזאַמענהאַנג צווישן זיך — דער הייליקער לוי-

מיט זיין דעמב, באיאר, דער גוסס, עטלעכע אכזריותדיקע טיילן פון לוי דעם XI, עטלעכע פרטים פון דער בארטאָלאָמיי-נאכט, בעארנעס פרענזל, און צווישן דעם אלעם — די ערי-נערונגען פון די געמאָלטע טעלער, ווו לוי דער XIV ווערט געלויבט און גערימט.

אויף די לעקציעס פון מוזיק, אין די לידלעך, וועלכע זי האָט געזונגען, האָט זיך גערעדט וועגן קליינע מלאכים מיט גאָלדענע פליגלען, וועגן מאַדאָנעס, וועגן לאגונעס, וועגן גאָנ-דאָליערן — אלץ בלאַסע זאכן מיט א באנאלן סטיל, מיט א נארישער מעלאָדיע. אָבער זי האָט אין זיי געפילט עפעס א צוציענדיקע פאנטאַסמאַגאָריע פון א סענטימענטאלער ווירק-לעכקייט. עטלעכע פון אירע חברטעס פלעגן ברענגען אין קלאַס פרעכטיקע ביכער, וואָס מען האָט זיי צוגעשיקט אויף יום-טוב. מען האָט זיי געדארפט פארבאהאלטן. ס'איז געווען נישט פון די לייכטע זאכן; מען האָט זיי געלייענט אין שלאָף-צימער. צורירנדיק זיך דעליקאַט צו זייערע שיינע אַטלאַסענע בענדער, פלעגט זי, א פארגאַפטע, צושמידן אירע בליקן צו די נעמען פון די אומבאַקאַנטע מחברים, וועלכע האָבן על פי רוב אונטערגעשריבן זייערע ווערק מיטן טיטל גראף אָדער וויקאָנט.

זי האָט געציטערט, אויפהייבנדיק מיט איר אטעם דאָס זיידענע פאַפיר פון די בוך-בילדער, וועלכע פלעגן זיך א הייב טאָן אויף דער העלפט, זיך איינבויגן און לאנגזאַם זיך אראָפ-פאלן צוריק אויפן בלאַט. אָט, הינטער דער באַלוסטראַדע פון א באַלקאָן שטייט א יונגערמאַן אין א קורצן מאַנטל און דריקט צו דער ברוסט א יונג מיידל, אין א ווייס קלייד מיט א זעקעלע ביים גארטל; אָדער גאָר אַנאָנימע פאָרטרעטן פון ענגלישע לעדיס מיט בלאָנדע לאָקן, מיט גרויסע קלאָרע אויגן, וואָס קוקן אויף אייך פון אונטער זייערן שטרויענעם הוט. אנדערע זענען געלעגן אויסגעצויגן אין זייערע קארעטעס, וועלכע האָבן זיך געטראָגן צווישן פארקן, אָנגעפירט דורך צוויי קליינע קוטשערס אין ווייסע הויזן און פארן געשפאַן איז פא-רויס געשפרונגען א כארט. אנדערע זענען געזעסן פארטראַכט

אויף אַ סאָפע, פאַר אַן אויפגעריסענעם בריוו און געקוקט אויף דער לבנה דורכן האַלב-אָפענעם פענסטער, אויף דער העלפט פארדראפירט מיט אַ שוואַרצן פאַרהאַנג. נאַיווע בתולות האָבן זיך געקושט מיט אַ טירקלטויב דורך די קראַטעס פון אַ גאָטישן שטייגל, אָדער איינגעבויגן מיט אַ שמייכל דעם קאָפּ אויפן אַקסל, האָבן זיי געצופּט מאַרגאַריטקעלעך מיט זייערע דינע פינגער. אויפגעהייבן ביי די שפּיצן, ווי די נעזלעך פון שיך. און איר זענט דאָרט אויך געווען, סולטאַנען מיט לאַנגע, ליולקעס, אָפּגעחלשטע אונטער די אַלטאַנעס, אין די אָרעמס פון באַיאַדערעס, און גויאַרן, און טערקישע שווערדן, און גריכישע פאסקעס, און באַזונדערס איר, אָפּגעבליאַקירטע פּייזאַזשן פון די פאַרכישופטע לענדער, וועלכע באַווייזן אונדז גלייכצייטיק אי פאַלמען, אי סאָסנעס, אַ טיגער אויף רעכטס און אַן לייב אויף לינקס, טאַטערישע מינאַרעטן אויפן האָריזאָנט אורוימישע חורבות אין פראנט, און נאָכדעם אויסגעצויגענע קעמלען; — דאָס אַלץ, איינגעפאַסט אין אַ בתולה=וואַלד, ווו עס איז זויבער און ריין, מיט א גרויסן זון-שטראַל, וואָס פאַלט אַריין גלייך אין וואַסער, און אויפן גרוי=שטאָלענעם פאָן שיילן זיך אויס דאָ און דאָרט די ווייסע פלעקן פון שווימענדיקע שוואַנען.

און דאָס לעמפל מיטן אַבאַזשור, וואָס הענגט אויף דער וואַנט איבער עמעס קאָפּ, האָט באַלויכטן דידאַזיקע אַלע בילדער פון דער וועלט, וועלכע זענען איינס נאָכן צווייטן פאַרבייגעגאַנגען פאַר אירע אויגן, ביי דער טויטער שטילקייט פון דעם שלאָפצימער און ביי אַ ווייטן גערויש פון עפּעס אַ פיאַקער, וועלכער האָט זיך נאָך געקוילערט אויף די בולוואַרן.

ווען איר מוטער איז געשטאָרבן, האָט זי די ערשטע טעג זייער פיל געוויינט. זי האָט באַשטעלט אַ בילד פון די האָר פון דער פאַרשטאָרבענער, און אין אַ בריוו, וואָס זי האָט געשריבן קיין בערטאָ, פול מיט טרויערדיקע רעיונות איבערן לעבן, האָט זי געפאָדערט, מען זאָל זי מקבר זיין אינם זעלבן קבר. דער אַלטער האָט געמיינט, אַז זי איז קראַנק,

איז ער אַראָפּגעקומען צו איר. טיף אין האַרצן איז עמע געווען צעפּרידן, פֿילנדיק, אַז זי האָט זיך מיטאַמאָל דערהייבן צו דעם זעלטענעם אידעאַל פֿון די בלאַסע וועזנס, וואָס זענען נישט צוטריטלעך פֿאַר אַ פּשוט האַרץ. זי איז אַרויף אויף לאַמאַרטינס וועגן, זי האָט געהערט קלאַנגען פֿון האַרפּעס אויף אַזיערעס, די לעצטע שירה פֿון שטאַרבנדיקע שוואַנען, דעם שאָרך פֿון פֿאַלנדיקע בלעטער, דעם הימן פֿון אומשולדיקע בתולות, וואָס פֿליען אַרויף אויפֿן הימל, און די מעכטיקע שטים פֿון בורא, וואָס שאַלט איבער טאָלן. דאָס אַלץ איז איר סוף כּל סוף פֿאַרמיאוסט געוואָרן. זי האָט זיך נישט געוואָלט מודה זיין, איז זי ווייטער פֿאַרבליבן אין דעם צושטאַנד, צוערשט אויס רגילות, דערנאָך פֿון אַמביציע, און צום סוף האָט זי מיט גרויס חידוש דערפֿילט, אַז זי האָט זיך איינגאַנצן באַרויקט און אַז אין האַרצן טראָגט זי אַזוי וויניק צער, וויפֿל קנייטשן אויף איר שטערן.

די גוטע מאָנאַשקעס, וועלכע האָבן אַזויפֿיל גערעדט וועגן איר באַרוף, האָבן זיך אַרומגעזען, צו זייער גרויסן חידוש, אַז פֿריילן רואָ גליטשט זיך אַרויס פֿון זייער השגחה. און מחמת, זיי האָבן איר אַזוי פֿיל אָנגעזעטיקט מיט זייער פֿרומקייט, מיט זייערע תּפֿילות, דרשות, אַזויפֿיל אין איר אַריינגערעדט וועגן דעם, אַז מען דאַרף שעצן און אַכטן הייליקע און מאַרטירער, און געגעבן אַזויפֿיל גוטע עצות וועגן דער ריינקייט פֿון גוף און וועגן דער רעטונג פֿון דער נשמה, אַז זי איז געוואָרן, ווי אַ פֿערד, וואָס מען ציט פֿאַרן צוים; זי האָט זיך אָבער פּלוצלונג אָפּגעשטעלט און די צוים איז איר אַרויסגעפֿאַלן פֿון מויל. דערדאָזיקער שכל, וואָס איז קיינמאָל נישט מיטגעשלעפּט געוואָרן פֿון אירע געפֿילן, וואָס האָט ליב געהאַט דעם קלויסטער פֿאַר זיינע בלומען, די מוזיק פֿאַר די ווערטער פֿון ראָמאַנסן און די ליטעראַטור פֿאַר אירע תּאוותדיקע אויפֿרעגונגען, האָט אָבער פּראָטעסטירט קעגן די סודות פֿון גלויבן און איז געווען זייער אויפֿגערעגט קעגן דער דיסציפּלין, וועלכע זי האָט פֿיינט געהאַט מיט לייב און לעבן.

ווען דער טאַטע האָט די אַרויסגענומען פון פענסיאָן, האָט קיי־נער נישט באַדויערט, וואָס זי פאַרט אוועק. די אָנפירערין האָט אַפילו איינגעפונען, אַז די לעצטע צייט האָט זי זיך באַ־צויגן מיט ביטול צו אַלעמען.

געקומען אהיים, איז עמען תחילת זייער געפעלן געווען צו באַלעבאַטעווען איבער דער דינערשאַפט, באַלד אָבער איז איר נמאס געוואָרן דאָס דאָרף און זי האָט אָנגעהייבן בענקען נאָכן מאָנאַסטיר. ווען שאַרל איז צום ערשטן מאָל אָנגעקומען קיין בערטאָ, האָט זי געקוקט אויף זיך, ווי אויף אַן איבער־געזעטיקטער, וואָס ווייסט אַלץ און קען שוין מער גאָרנישט פילן.

אָבער די שטרעבונג איבערצוטוישן דעם מצב, אָדער אפשר די אויפרעגונג, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך דעמדאָזיקן מאנסביל, איז געווען גענוג, זי זאָל זיך אַליין איינ־רעדן, אַז זי האָט סוף כל סוף דאָך דערשפּירט יענע מערק־ווירדיקע תאווה, וועלכע האָט ביז אַהער, פונקט ווי אַ ריזיקער פויגל מיט ראָזע פעדערן, געשוועבט איבער איר, אינם גלאַנץ פון פּאָעטישן הימל; און זי האָט זיך נישט געקענט פאָר־שטעלן, אַז די דאָזיקע מנוחה, אין וועלכער זי איז איצט אַריינ־געפאַלן זאָל זיין דאָס גליק, וועגן וועלכן זי האָט געחלומט.

VII

צייטנווייז האָט זי זיך דערמאָנט, אַז די שענסטע טעג אין איר לעבן זענען דאָך געווען די אַזויגערופענע האָניק־חדשים. כדי צו פאַרזוכן זייער זיסקייט, האָט מען, בלי ספק, געדאַרפט זיך אוועקלאָזן אין יענע לענדער מיט קלינגענדיקע נעמען, וווּ די טעג נאָך דער חתונה גייען פאַרביי אין אַ פאַר־חלומטער זיסקייט. אין אַ פּאָסט־קאַרעטע, הינטער בלויע זיידע־

נע פאָרהאַנגען, הייבט מען זיך אויף טריט ביי טריט איבער שטיינערנע וועגן, צוהערנדיק זיך צום געזאַנג פונם פאָסטאַליאָן, וועלכער קלינגט אָפּ אין די בערג צוזאַמען מיט די שאָף-גלעקלעך און מיטן טויבן גערויש פונם וואַסער-פאַל. ווען די זון גייט אונטער, פּילט מען דעם ריח פון פּאָמעראַנצן אויף די ברעגן פון גאָלף; נאָכדעם, אין אָוונט, אויף דער טעראַסע פון די ווילעס, האַלט מען די האַנט פון געליבטן, מען קוקט אויף די שטערן און מען בויט לופטשלעסער. איר האָט זיך געדאַכט, אַז אויף זיכער ערד זענען פאַראַן אַזעלכע ערטער, וווּ דאָס גליק שפּראָצט אַרויס, פּונקט ווי צמחים, וואָס וואַקסן אויף איין אָרט און נישט ערגעץ אַנדערש. פאַרוואָס זאָל זי זיך נישט קענען אָנלעקשטעלן אויף אַ באַלקאָן פון אַ שווייצאַרישער כאַטקע, אָדער פאַרשליסן איר אומעט אין עפּעס אַ שאָטלענדישן קאָטעדזש, צוזאַמען מיט אַ מאַן, וואָס טראָגט אַ שוואַרצן סאַמעטענעם מאַנטל מיט לאַנגע פּאָלעס, ברייטע ווייסע שטיוול, אַ שפּיציקן הוט און געצוימטע מאַנזשעטן?

ס׳קען זיין, אַז זי האָט געוואָלט עמעצן אָנפאַרטרויען די אַלע געדאַנקען. אָבער ווי גיט מען איבער אָט דעם לופטיקצאַרטן אומעט, וואָס ענדערט זיין געשטאַלט, ווי דער וואָלקן און וואָס טראָגט זיך דורך ווי אַ ווינט? זי האָט נישט געהאַט קיין ווערטער, קיין צופאַל, קיין מוט.

אָבער ווען שאַרל וואָלט נאָר געוואָלט, ווען ס׳וואָלט אים איינגעפאַלן אַ חשד, ווען זיין בליק וואָלט זיך כאָטש איינמאָל באַגעגנט מיט איר געדאַנק, וואָלט אָט די גאַנצע פולקייט אָפּגעפאַלן פון איר האַרץ, פּונקט ווי ס׳פאַלן אָפּ די צייטיקע פּירות פון בוים, ווען מען ר״רט זיך צו צו אים. אָבער וואָס מער עס האָט זיך אַנטפּלעקט די אינעווייניקסטע זייט פון זייער לעבן, אַלץ טיפער איז געוואָרן דער תהום, וואָס האָט זיי צעשיידט.

שאַרלס שמועס איז געווען פלאַך, ווי דער גאַס-טראָטואַר, און זיינע אויסגעריבענע געדאַנקען האָבן זיך אויף דעמדאָזיקן טראָטואַר באַוועגט אין זייערע טאָג-טעגלעכע פאַרבן, נישט אַרויסרופנדיק קיין שטאַרקע איבערלעבונגען, קיין שמייכל, קיין

חלומות. ער האָט געזאָגט, אַז בשעת ער האָט געווינט אין רואַן, איז ער קיינמאָל נישט געוועזן נייגעריק צו גיין אַ קוק טאָן אין טעאַטער אויף די פּאַריזער אַקטיאָרן. ער האָט נישט געקענט שווימען, פעכטן, שיסן פון אַ פּיסטאָלעט, און איינמאָל האָט ער איר אפילו נישט געקענט דערקלערן עפּעס אַ טערמין, וואָס זי האָט אויסגעפונען אין אַ ראָמאַן.

אָבער צי דאַרף אַ מאַנסביל נישט וויסן אַלץ, זיין געשיקט אין פאַרשידענע ספּאָרטן, קענען אַריינפירן אַ פרוי אין ליידנשאַפטלעכער ענערגיע, אין דער ראַפינירטקייט פון לעבן און אַנדערע סודות? אָבער ער, איר מאַן, האָט גאָרנישט געלערנט, גאָרנישט געקענט און גאָרנישט פאַרלאַנגט. זי האָט געמיינט אַז זי איז גליקלעך; און זי איז אויף אים געווען אין כעס פאַר זיין רויקייט, פאַר זיין צופרידענער טעמפּקייט, אַפילו פאַר דאָס גליק, וואָס זי האָט אים געגעבן.

עפּטער פלעגט זי צייכענען; שאַרל האָט ליב געהאַט צו שטיין הינטער איר און זיך צוקוקן, ווי זי שטייט איבערגעבויגן איבערן פּאַפּיר, זשמורעט מיט די אויגן, כּדי בעסער צו זען איר אַרבעט, אָדער מיטן פינגער פלעגט זי מאַכן קייקעלעך פון ווייכן ברויט. ביים קלאַוויר, ווידער, פלעגט ער האָבן גרויס תענוג דערפון, וואָס אירע פינגער פלעגן לויפן שנעל איבער די קלאַווישן. מיט גרויס זיכערקייט פלעגט זי אַ קלאַפּ טאָן איבער די קלאַווישן און, נישט איבעררייסנדיק, אַדורכלויפן איבער דער גאַנצער קלאַוויאַטור, פון אונטן ביז אַרויף. און דער אַלטער אינסטרומענט מיט די צעטרייסלטע סטרונעס האָט געדונערט איבערן גאַנצן דאָרף, אויב די פענסטער פלעגן זיין אָפן; און נישט איינמאָל פלעגט דער פּאָליציישרייבער, פאַרבייגייענדיק איבערן הויפּט-וועג, אָן אַ היטל, אין שטעקשיך, בלייבן שטיין מיט אַ פּאַפּיר אין דער האַנט און זיך צוהערן צו דער מוזיק.

נישט געקוקט אויף דעם אַלעם, האָט אָבער עמע אויך געקענט פירן דאָס הויז. די פּאַציענטן פלעגט זי אין בריוועלעך צושיקן די חשבונות פאַר די וויזיטן, אָבער אַזוי דיפּלאָמאַטיש אָנגעשריבן, אַז ס'האָט זיי לגמרי געפעלט דער סוחרישער טאָן. פלעגט

עמעצער קומען זונטיק צו מיטאָג, פּלעגט זי תּמיד אויסגעפינען עפּעס אַן עקסטרע-מאַכל; זי האָט געקענט אויסלייגן אויף וויין-בלעטער גאַנצע פּיראַמידן פון פּירות, און קאָנפּיטורן האָט זי דערלאַנגט אין סלויען איבערגעדרייט אויף טעלער. און האָט אַפילו געטראַכט צו קויפן ספּעציעלע מכשירים, מען זאָל קענען אויסשווענקען דאָס מויל נאָכן דעסערט. דאָס אַלץ האָט אַרויסגערופן גרויס דרך-ארץ צו דער משפּחה באָוואַרי.

האָבנדיק אַזאַ ווייב, האָט שאַרל אַליין גענומען קוקן אויף זיך מיט גרויס דרך-ארץ. אין זאַל פּלעגט ער עפּטער באַווייזן מיט שטאָלץ אירע צוויי בלייפעדער-סקיצן, וועלכע ער האָט געגעבן איינפאַסן אין צוויי משונה-ברייטע ראַמען און זיי אויפגעהאָנגען אויף דער וואַנט אויף לאַנגע גרינע לענטעס. אַרויסגייענדיק פון קלויסטער פון דער מעסע, פּלעגט מען אים זען שטיין אויף דער שוועל אין שיינע אויסגעהאַפּטענע שטעקשיך.

ער פּלעגט קומען שפּעט אַהיים, צען אַ זייגער און אַמאָל אויך צוועלף. ער פּלעגט זיין הונגעריק, און מחמת די דינסט איז שוין געשלאָפן, פּלעגט אים עמע דערלאַנגען עסן. ער פּלעגט אויס-טאָן זיין סורדוט, כּדי זיך פרייער צו פילן. ער פּלעגט איר אויס-רעכענען כּסדר אַלע מענטשן, וועלכע ער האָט באַגעגנט, אַלע דער-פער, ווו ער איז געווען, אַלע רעצעפּטן, וועלכע ער האָט פאַרשריבן און, שטאַרק צופרידן מיט זיך, פּלעגט ער אויפעסן די רעשטלעך פלייש, אָפּגעשיילט דעם קעז, אויפגעגעסן אַן עפּל, אויסגעטרונקען וויין, נאָכדעם אוועק אין בעט, זיך אויסגעצויגן אויפן פּלייצע און גענומען כראַפּען.

ער איז געווען צוגעוווינט צו שלאָפן אין אַ נאַכט-מיץ, אָבער דער פולאַר פּלעגט זיך ביי אים נישט האַלטן אויף די אויערן; דעריבער האָט ער אינדערפרי געהאַט צעפלויסטע האָר, באַדעקט מיט פוך פונם קישן, וואָס זיינע בענדלעך פּלעגן זיך ביינאַכט אויפ-בינדן. ער פּלעגט תּמיד טראָגן גרויסע שטיוול מיט צוויי פאַלדן ביים פוס-בויג, אָבער די כאָליעווע איז געשטאַנען גלייך, פּונקט ווי אויף אַ הילצערנעם פוס. ער פּלעגט זאָגן, אַז פאַר אַ דאָרף איז עס גענוג.

זיין מאַמע איז געווען צופרידן מיט דערדאָזיקער שפּאָרזאַמקייט; זי פלעגט קומען צו זיי, ווי פריער, דער עיקר אָבער נאָך אַ מחלוקה אין שטוב; און דאָך איז די מאַמע-באָוואַרי נישט געווען שטאַרק געניגט צו דער שנור. זי האָט געהאַלטן, אַז א י ר ע מ אַ נ י ר ן ז ע נ ע ן צ ו ב ר י י ט ע פ אַ ר ז י י ע ר מ צ ב; האָלץ, צוקער און ליכט פלעגן זיי פאַרניצן ווי די גרעסטע נגידים, און די קוילן, וואָס מען פלעגט פאַרברענען אין קיך, וואָלטן געקלעקט אויף גאַנצע פינפאונצוואַנציק מאכלים! זי האָט איינגעלייגט די וועש אין שאַפע און געלערנט איר, ווי אַזוי אָפּצוהיטן דעם קצב, ווען ער ברענגט פלייש. עמע פלעגט אויסהערן די לעקציעס און די מאַמע באָוואַרי האָט זיי געשאָטן פון אַרבל. און די ווערטער „מיין טאָכטער" און „מיין מאַמע" האָט מען געהערט אַ גאַנצן טאָג; זיי זענען באַגלייט געוואָרן מיט אַ לייכטן ציטער פון די ליפּן; יעדע פון זיי האָט געשאָטן מיט זיסע ווערטער, אָבער די שטימע האָט בעת מעשה געציטערט פון כעס.

ווען זיין ערשטע ווייב, מאַדאַם דיביק, האָט געלעבט, האָט די אַלטע באָוואַרי זיך געפילט אויפן פערד; אָבער איצט האָט זי זיין ליבע צו עמען באַטראַכט, ווי אַ פאַרראַט קעגן איר ליבע, פונקט ווי מען וואָלט ביי איר צוגענומען עטוואָס אַזוינס וואָס האָט בלויז צו איר אָנגעהערט; און זי האָט זיך צוגעקוקט צום גליק פון איר זון מיט אַ טרויעריקן שטילשווייגן, ווי אַ רוינירטער וואָס קוקט אַריין דורך די שויבן אויף די-יעניקע, וועלכע האָבן זיך איינגעאָרדנט ביי אים אין שטוב. אומישנע האָט זי אים אָפּט דערמאָנט דעם עבר און אַזויאַרום מרמז געווען אויף די צרות און יסורים, וואָס זי איז צוליב אים אויסגעשטאַנען און, פאַרגלייכנדיק זיי מיט עמעס זאָרגלאָזיקייט, איז זי אַלעמאָל געקומען צו דעם אויספיר, אַז עמע איז גאָרנישט ווערט, מען זאָל זי אַזוי פאַרגעטערן.

שאַרל האָט נישט געוואוסט וואָס דערויף צו ענטפערן; ער האָט געהאַט גרויס דרך-ארץ פאַר זיין מאַמען, אָבער ער האָט שטאַרק געליבט זיין ווייב; די מיינונג פון דער ערשטער איז אים געווען אומבאַשטרייטלעך, אָבער דאָך איז די צווייטע געשטאַנען העכער פון יעדן פאָרוואורף. ווען די מאַמע איז אַיועקגעפאָרן, האָט

ער איר געפּרוּווט פאָרזיכטיק אַריינוואַרפן עטלעכע באַמערקונגען, וועלכע ער האָט געהערט פון דער מאַמען; אָבער עמע האָט אים מיט איין וואָרט באַוויזן, אַז ער איז זיך טועה און האָט אים אָפּ-געשיקט צו די פּאַציענטן.

שטיצנדיק זיך אויף די טעעאָריעס, אין וועלכע זי האָט גע-גלויבט, האָט זי געוואָלט דערוועקן אין זיך ליבע. ביים שיין פון דער לבנה, אין גאָרטן, האָט זי דעקלאַמירט אַלע ליידנשאַפטלעכע לידלעך, וועלכע זי האָט געקענט אויף אויסנווייניק און אַ פאַרבענקטע געזונגען מעלאַנכאָלישע אַדאַדזשיאָס; אָבער זי איז נאָכדעם פאַרבליבן אַזוי רויק ווי פריער, און שאַרל איז דערפון נישט געוואָרן מער פאַר ליבט און נישט מער גערירט.

אומזיסט האָט זי געוואָלט עטלעכע מאָל פאַרוואַרפן אַ פונק אין זיין האַרץ, וואָס איז אָבער געווען אומפעיק צו פאַרשטיין דאָס, וואָס זי האָט אַליין נישט איבערגעלעבט, ווי עס האָט נישט געקענט גלויבן אין דעם, וואָס ס'האָט זיך נישט אויסגעדריקט אין באַנאַלע פאָרמען, און עמע האָט זיך שנעל איבערצייגט, אַז אין שאַרלס ליידנשאַפט ליגט נישט עפּעס אומגעוויינלעכס. זיין ליבע-עקסטאַז איז וואָכע-דיק געוואָרן. ער האָט זי געקושט אין באַשטימטע שעהן. ס'איז ביי אים געוואָרן אַ געוויינהייט, פּונקט ווי אַלע אַנדערע געוויינ-הייטן, ווי אַ גענוי באַשטימטער דעסערט נאָך אַן איינטאָניקן מיטאָג.

אַ געוויסער וואַלד-שומר, וועלכן דער דאָקטאָר האָט אויס-געהיילט פון אַ לונגען-אָנצינדונג, האָט געשענקט דער מאַדאַם אַ קליי-נעם איטאַליענישן כאַרטעלע; זי פלעגט עס נעמען מיט זיך אויפן שפּאַציר; עפטער פלעגט זי שפּאַצירן, כדי אַ מינוט צו פאַרבלייבן אַליין און נישט צו האָבן תמיד פאַר די אויגן דעמזעלבן גאָרטן מיט דעם שטויביקן וועג.

זי פלעגט צוגיין ביז דעם באַנווילער וועלדל, לעבן אַ פאַרלאָזטן פּאַווילאָן, וועלכער האָט ביי דער זייט פון די פעל-דער פאַרמירט אַ ווינקל אין אַ מויער. אין אַ גראָבן, האָבן געוואַקסן צווישן גראָזן לאַנגע ראָרן מיט שניידנדיקע בלעטער. צוערשט האָט זי זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן, צי-

אידישע ... ווינדזאר, 814 אירי, איסט

ס'האָט זיך גאַרנישט פאַרענדערט פון דער צייט אָן, ווען זי איז דאָ געווען צום לעצטן מאָל. אָבער אַלץ האָט זי געפונען אויפן זעלבן אָרט — די פינגער-קרויט, די געלע לעווקאָען, די הויפּנס פּאָקשיוועס אַרום די גרויסע שטיינער און גאַנצע פלעקן מאָך לענגאויס די דריי פענסטער, אויף וועלכע די לאָדנס, תמיד צוגעמאַכטע, זענען צעפוילן געוואָרן און זיך געשאָטן אונטער די פאַרזשאַווערטע אייזערנע ריגלען. צוערשט האָט איר געדאַנק אַרומגעבלאָנקעט אָן אַ ציל, פונקט ווי איר הינטל, וואָס איז אַרומגעלאָפן איבער די פעלדער, געבילט אויף געלע זומער-פייגעלעך, זיך געיאָגט נאָך פעלד-מייז, אָדער געצופּט מאָן ביים ברעג פון אַ תבואה-פעלד. נאָכדעם האָבן זיך אירע רעיונות ביסלעכווייז אויסגעלייטערט, זי האָט זיך אַנידערגעזעצט אויפן גראָז, און קלאַפּנדיק שטיל מיטן שפּיץ שירעם אויף דער ערד, האָט זי געחזרט:

— אך, גאָט מיינער! צו וואָס האָב איך חתונה געהאַט?

זי האָט זיך געשטעלט אַ פראַגע, צי האָט נישט געקענט זיין דער פאַל, זי זאָל זיך, ביי אַנדערע באַדינגונגען, טרעפן מיט אַן אַנדער מאַנסביל; און זי האָט געפּרוווט זיך פאָרצושטעלן די נישט געשעענע פּאַסירונגען, דאָסדאָזיקע אַנדערע לעבן, דעמדאָזיקן מאַן, וועלכן זי האָט אינגאַנצן נישט געקענט. און, באמת, קיינער איז נישט געווען ענלעך צו דעם. ער האָט געקענט זיין שיין, קלוג, עלעגאַנט, רייצנדיק — אַזעלכע, ווי עס זענען בלי־ספק געווען די יעניקע, מיט וועלכע איר חברטעס פון מאָנאַסטיר האָבן חתונה געהאַט. ווי גייט עס זיי איצט? אין שטאָט, אין גערויש פון די גאַסן, אין הו־האַ פון די טעאַטערס און דעם גלאַנץ פון די באַלן, פירן זיי אַ לעבן, ווו דאָס האַרץ צעוואַקסט זיך און עס צעבליִען זיך די געפילן. אָבער איר לעבן איז קאַלט, ווי אַ בוידעם, וואָס זיינע פענסטער גייען אַרויס אין דער צפון-זייט, און אַן אומעט, באַדעקט איר שטיל, פונקט ווי אַ שפּין מיט שפּינוועבס, אַלע ווינקעלעך פון איר האַרץ. זי האָט זיך דערמאָנט אָן די טעג, ווען מען האָט געטיילט די פּריזן, ווי זי איז אַרויף אויף דער עסטראַדע נאָך אירע

קליינע קרענצלעך. זי איז געווען זייער שיין, די האָר פאַרפלאָכטן אין אַ צאָפּ, און געטראָגן האָט זי אַ ווייס קלייד און אָפענע פּרובעלענע פאַנטאָפל. ווען זי האָט זיך אומגעקערט אויף איר אָרט, האָבן זיך מאַנסלייט פאַרנייגט פאַר איר און איר געמאַכט קאָמפּלימענטן; דער הויף איז געווען פול מיט קאַרעטעס, דורך די טירלעך האָט מען איר געשיקט „זיי־געזונטן"; דער לערער פון מוזיק, וואָס איז פאַרבייגעגאַנגען מיט זיין פידל, האָט זי באַגריסט. אך, ווי לאנג דאָס איז געווען! ווי לאַנג דאָס אַלץ האָט פאַסירט!

זי האָט צוגערופן דזשאַלין, גענומען אים אויף די קני און דורכגעפירט אירע פינגער איבער זיין לאַנג דין קעפל, זאָגנדיק:

— טו אַ קוש דיין באַלעבאָסטע, דזשאַלי, דו האסט דאָך נישט קיין דאגות.

און קוקנדיק אויף דעם אומעטיקן פיסקל פון דער פיינער חיה, וואָס האָט אָפּגעגענעצט מיט אַ לאַנגן געגעץ, האָט זי געמאַכט אַ פאַרגלייך צווישן איר און זיך, און בעת מעשה הויך גערעדט צו איר, ווי מען רעדט מיט אַ פאַרבענקטן מענטשן, וועלכן מען וויל טרייסטן.

טיילמאָל האָט זיך אויפגעהייבן אַ ווינט; אַ ים־ווינט וואָס האָט זיך אַדורכגעטראָגן איבערן פליין פון קאָ, און אויסגעשאָטן אויף די ווייטע פעלדער דעם געזאַלצענעם ריח פון ים. די ראָרן האָבן זיך איינגעבויגן נידעריק ביז צו דער ערד, און איבער די בוק־בלעטער האָט זיך דורכגעטראָגן אַ פלעצלעכער ציטער. אָבער דאָרט, אויבן, אינדערהויך, האָבן די שפּיצן זיך כסדר געשאָקלט און געראַוישט. עמע פלעגט גוט איינהילן אירע אַקסלען אין שאַל און פלעגט זיך אויפהייבן.

אַ גרינער שטראַל, וועלכער פלעגט זיך דורכשלאָגן דורך די בלעטער פון דער אַלעע, פלעגט באַלייכטן דעם קורצן מאָך, וואָס האָט לייכט געסקריפּעט אונטער אירע פיס. די זון האָט זיך געזעצט; דער הימל איז געווען רויט צווישן די צווייגן, און די גלייכע ביימער־שטאַמען, אויסגעשטעלט אין אַ גלייכער ליניע, האָבן געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ טונקעלער קאָלאָנאַדע,

וועלכע האָט זיך אויסגעשיילט אויף אַ גאָלדענעם פאָן; אַ שרעק האָט איר אַרומגעכאַפּט, זי האָט אַ רוף געטאָן דזשאַלין, און אוועק שנעל קיין טאָסט מיטן הויפּט-וועג, נאָכדעם, אינדערהיים, זיך אַריינגעזעצט אין פאַטעל און אַ גאַנצן אָוונט קיין איינציק וואָרט נישט אַרויסגערעדט.

אָבער סוף סעפּטעמבער, איז אין איר לעבן פאָרגעקומען עפּעס אַן אויסערגעוויינלעכער פאַל. זי האָט באַקומען אַן איינלאַדונג קיין וואָביעסאַר, צום מאַרקיז ד'אַנדערווילייע.

זייענדיק אַ מלוכה-סעקרעטאַר אין די רעסטאַוראַציע-צייטן, האָט דער מאַרקיז איצט געוואָלט באַנייען זיין פּאָליטישע טעטיקייט, און דעריבער האָט ער אָנגעהייבן צוצוגרייטן זיין קאַנדידאַטור צו דער דעפּוטאַטן-פּאַלאַטע. ווינטער האָט ער מיט אַ ברייטער האַנט צעטיילט האָלץ, און אין גענעראַל-ראַט האָט ער תמיד מיט גרויס היץ געפאָדערט — מען זאָל בויען נייע וועגן אין זיין געגנט. בעת די גרויסע היצן האָט זיך אים געמאַכט אַ געשוויר אין מויל; שאַרל האָט אים ממש על פּי נס געראַטעוועט, עפענענדיק דעם געשוויר מיט אַ לאַנצעט. זיין פאַרוואַלטער, וואָס איז געקומען קיין טאָסט, צו באַצאָלן פאַר דער אָפּעראַציע, האָט אינאָוונט דערציילט, אַז ער האָט געזען אין דעם דאָקטאָרס גאָרטן פּרעכטיקע קאַרשן. אַזוי ווי די קאַרשן האָבן שלעכט געוואָקסן אין וואָביעסאַר, האָט דער מסיע מאַרקיז געבעטן עטלעכע יונגע בײמלעך ביי באָוואַרין, און נאָכדעם האָט ער געהאַלטן פאַר זיין חוב אָפּצודאַנקען דעם דאָקטאָר פּערזענלעך; דערזען עמען, האָט ער איינגעפונען, אַז זי האָט אַ שיינע פיגור און אַז זי באַגריסט זיך נישט אויפן דאָרפישן שטייגער; זי האָט אַזוי אויסגענומען, אַז אין פּאַלאַץ האָט מען באַשלאָסן צו פאַרבעטן דאָס יונגע פּאָרל; מען האָט איינגעזען, אַז מיט דערדאָזיקער איינלאַדונג וועט מען לגמרי נישט איבערטרעטן די גרענעצן פון עטיקעט און דאָס וועט אונך נישט זיין קיין אומגעשיקטקייט.

און אָט, איינמאָל אין אַ מיטוואָך, אַרום דריי אַ זייגער נאָכמיטאָג, האָט זיך דאָס פּאָרל באָוואַרי אַריינגעזעצט אין אַן

עקיפּאזשל און ער האָט זיך אוועקגעלאָזט קיין וואָביעסאר, מיט א גרויסער וואַליזע צוגעבונדן פון הינטן און מיט אַ הוט-שאַכטל, וואָס איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אונטערן עקיפּאַזש-פאַרטוך. שאַרל האָט נאָך, אויסערדעם, געהאַט אַ טעקטור-שאַכטל צווישן די קני.

זיי זענען אָנגעקומען פאַרנאַכט, ווען אין פּאַרק האָט מען שוין אנגעהייבן אנצוצינדן די שטורקאַצן, כדי צו באַלייכטן דעם וועג פאַר די קאַרעטעס.

VIII

דער שלאָס, געבויט אויפן מאָדערנעם פאַסאָן, אין איטאַ-ליענישן סטיל, מיט צוויי פליגלען און דריי גאַניקלעך איז גע-שטאַנען צווישן גראָזן, ווו ס'האָבן זיך געפאַשעט עטלעכע קי צווישן אַלטעביימער: קלומבעס פון פאַרשידענע געוויקסן, ראָדאָדענדרעס, בעז און ווייסע קאַלינעס האָבן אויסגעבויגן זייערע גרינע קוסטעס איבער דער גאנצער געשלענגלטער לענטע פון וועג, וואָס איז געווען באַשאָטן מיט זאמד. אַ טייכל האָט געפלאָסן אונטערן בריק; דורכן נעפּל האָט מען אַרויסגעזען בנינים מיט שטרויענע דעכער, צעזייט איבער דער לאָנקע, צווישן צוויי משופּעדיקע, מיט וואַלד באַדעקטע היגלען, און פון הינטן האָבן זיך אין צוויי פּאַראַלעל-ליניעס געצויגן שטאַלן פאַר פערד און וואָגן-שירים פון אַלטן רויִנירטן שלאָס.

שאַרלס עקיפּאַזשל האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַרן מיטלסטן גאַניק. ס'איז אַרויסגעלאָפן די דינערשאַפט, דער מאַרקיז אַליין איז אויך אַרויס, דערלאַנגט די האַנט דעם דאָקטאָרס פרוי און זי אַריינגעפירט אין וועסטיבול.

דער וועסטיבול איז געווען זייער הויך, אויסגעפּלאַסטערט מיט מאַרמאָרנע פּליטעס, און דאָס גערויש פון טריט און פון

שטימען האָט דאָ אָפּגעקלונגען, ווי אין אַ קלויסטער. קעגנ־
איבער האָבן זיך געהייבן ברייטע שטיגן, און אויף לינקס האָט
זיך געצויגן אַ גאַלעריע, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אין גאָרטן;
דידאָזיקע גאַלעריע האָט געפירט צום ביליאַרן־זאַל, פון וואַ־
נען ס'האָט זיך נאָך ביי דער טיר געלאָזט הערן, ווי עס קלאַפּן
די באַלן פון העלפאַנט־ביין. דורכגעגאַנגען די גאַלעריע
פארן סאַלאָן, האָט עמע באַמערקט די ביליאַרד־שפּילער, מאַנס־
לייט מיט ערנסטע פּנימער, מיט גאָמבעס, אונטערגעשפּאַרט
אויף הויכע קראַוואַטן מיט מעדאַלן אויפן דער ברוסט. זיי
האָבן שטיל צוגעשמייכלט, שטופּנדיק דעם שטעקן. אויף די
שוואַרצע פּאַנעלן זענען געהאָנגען גרויסע באַגילטע פּאָרטרעטן
מיט אונטערשריפטן פון אונטן אין שוואַרצע אותיות. זי האָט
איבערגעלייענט: „זשאַן־אַנטואַן ד'אַנדערווילייע ד'איווערבאָנ־
וויל, גראַף דע לאַ וואָביעסאַר און באַראָן דע לאַ פרענע,
אומגעקומען אין שלאַכט ביי קוטראַ דעם 20 אָקטאָבער 1587".
און אויף אַ צווייטן: „זשאַן־אַנטואַן־אַנרי־גוי ד'אַנדערווילייע
דע לאַ וואָביעסאַר, אַדמיראַל פון פראַנקרייך און קאַוואַלער פון
אָרדען סען־מישעל, פאַרווונדעט געוואָרן אין שלאַכט ביי הוג־
סען־וואַסט דעם 29 מאַי 1692, געשטאָרבן אין וואָביעסאַר דעם
23 יאַנואַר 1693". אויף די ווייטערדיקע פּאָרטרעטן האָט מען קוים
געקענט עפּעס באַמערקן, ווייל דאָס ליכט פון די לאָמפּן, אָפּ־
שלאָגנדיק זיך אויף דעם גרינעם טוך פונעם ביליאַרד, האָט איבער־
געלאָזט אין שאָטן דעם איבעריקן טייל פון צימער. אַרויסרוקנדיק נאָך
שוואַרצער דעם טונקעלן פאָן פון די בילדער, האָט זיך דאָס
ליכט איבערגעבראָכן אויף זיי אין דינע שטראַלן, לויט די
שפּאַלטן פון דעם לאַק; און פון דידאָזיקע אַלע שוואַרצע
קוואַדראַטן, באַראָדירט מיט גאָלד, האָבן זיך דאָ און דאָרט גע־
וואָרפן אין אויג די העלע פלעקן פונעם בילד: דאָ אַ בלאַסער
שטערן, דאָ אַ פּאָר אויגן, וועלכע האָבן אויף אייך געקוקט,
און דאָ פּאַרוקן, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן אַקסל פּאַר־
הילט אין רויטן שטאָף, אָדער אַ שפּראַנגשטעקע פון אַ פוסבענדל איבער
דער רונדיקער קני.

דער מאַרקיז האָט געעפנט זײ טיר אין סאַלאָן; איינע פון די דאמען האָט זיך אויפגעהייבן — די מארקיזין אַליין; זי איז געגאַנגען אַנטקעגן עמען, אנידערגעזעצט זי לעבן זיך אויף א סאָפקע און אָנגעהייבן מיט איר פריינטלעך צו שמועסן, פונקט ווי זי וואָלט איר שוין גאַנץ לאַנג געקענט. זי איז געווען א פרוי פון אַ יאָר פערציק, מיט שיינע אַקסלען, מיט אַן אָד־לער־נעזל און מיט א הילכיק שטימעלע; אויף די קאַשטאַן־האָר האָט זי געטראָגן אַן איינפאַך גיפּיורן־טיכל, וואָס איז געלעגן פון הינטן אין אַ דרייעק. לעבן איר, אין אַ הויכן שטול, איז געזעסן אַ יונגע בלאָנדינקע; און מאַנסלייט מיט קליינע בלומען אין די פראַקן האָבן געפירט א שמועס מיט די דאַמען, שטייענדיק ביים קאַמין.

זיבן אַ זייגער האָט מען דערלאַנגט מיטאָג. די מאַנס־לייט, וועלכע זענען געווען אין אַ גרעסערער צאָל, האָבן זיך געזעצט ביים ערשטן טיש, אין וועסטיבול, און די דאַמען ביים צווייטן טיש, אין עס־זאַל, צוזאמען מיטן מאַרקיז און דער מאַר־קיזין.

אריינקומענדיק, האָט עמע דערפילט א וואַרעמע אַטמאָס־פערע, אָנגעזאַפּט מיט ריחות פון בלומען און פון טייערן וועש, אויסגעמישט מיט די דאמפן פון פלייש און טריפליעס. די ליכט פון די קאַנדעלאַבּרעס האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין די זילבערנע קלאָשן; דער קאַרבירטער קרישטאָל, באדעקט מיט אַ מאַטער פאַרע, האָט געגלאַנצט מיט בלאַסע שטראַלן; אין דער גאַנצער לענג פון טיש זענען געווען אויסגעשטעלט בוקעטן, און אין די טעלער מיט ברייטע בראָדירונגען זענען געווען איינגע־לייגט סערוועטקעס אין דער פאָרם פון אַ בישאָף־היטל און צווישן די אויבערשטע פאַלדן האָבן זיי פאַרבאָרגן אין זיך קליינטשיקע לענגלעכע שטיקלעך ברויט. די רויטע פיסלעך פון די ים־ראַקעס האָבן אַרויסגעשטעקט פון די טעלער; גרויסע פירות זענען געווען אויסגעלייגט אין דורכזיכטיקע קאַרבלעך אויף גרינעם מאָך; פעלדהינדלעך זענען דערלאַנגט געוואָרן אין זייערע פעדערן, ס'האָט זיך געצויגן א רויך; און דער

הויז־פערוואַלטער, אין זיידענע זאקן, קורצע הויזן און אין אַ געשפּיצטן קראַוואַט, האָט ערנסט, ווי אַ שופט, אדורכגערוקט צווישן די אַקסלען פון די געסט טעלער מיט אָנגעשניטענע מאכלים; מיט איין קלאַפּ פון זיין לעפל האָט ער אַרויסגעוואָרפן אין טעלער דאָס שטיקל, וואָס דער גאַסט האָט זיך אויסגעקליבן. אויפן גרויסן פּאָרצעלאַיענעם אויוון מיט מעשענע שטאַנגען איז געשטאַנען אַ סטאַטוע פון אַ פרוי, איינגעהילט ביז צו דער גאָמבע און האָט אומבאַוועגלעך געקוקט אויפן זאַל, וואָס איז געווען אָנגעפּאַקט מיט מענטשן.

מאַדאם באָוואַרי האָט באמערקט, אַז עטלעכע דאַמען האבן נישט אַריינגעלייגט זייערע הענטשקעס אין די גלעזער.

אויפן חשובן ברעג פון טיש איז געזעסן אַ זקן; ער איז געזעסן און געגעסן צווישן דידאָזיקע אַלע דאמען, איבערגעבויגן איבער אַ פולן טעלער, אַרומגעבונדן מיט אַ סערוועטקע, ווי אַ קינד, און טראָפּנס סאָוס האָבן זיך אים געגאָסן פון מויל. ער האָט געהאט רויטע אויגן. די האָר פאַרפלאָכטן אין אַ צעפּל און איבערגעבונדן מיט אַ שוואַרצער לענטע. דאָס איז געווען דער שווער פון מארקיז, דער אַלטער הערצאָג דע לאַווערדיער, אַ געוועזענער ליבלינג פון גראַף ד׳אַרטוא, אין די צייטן פון די יאַגדן אין וואָטרייל, און ווי מען האָט געשמועסט, איז ער אַפילו, אין דער הפסקה צווישן די הערן דע קואַני און דע לאָזען, געווען אַ געליבטער פון דער מלכה מאַרי־אַנטואַנעט. ער האָט געפירט אַ שטורמיש אויסגעלאַסן לעבן, מיט דועלן, געוועטן, מיט אַוועקלקחענען פרויען, ער האָט צעפּטרט זיין גאַנץ פאַרמעגן און אָנגעוואָרפן אַ פּחד אויף זיין גאַנצער משפּחה. אַ דינער, שטייענדיק הינטער זיין שטול, האָט אים אינדערהויך אויפן אויער אָנגערופן אַלע מאכלים, אויף וועלכע דער אַלטער האָט אָנגעוויזן מיטן פינגער, צוואָרטשענדיק עפּעס אונטער דער נאָז; און עמעס אויגן האָבן אָן אויפהער געקוקט אויף דעמדאָזיקן זקן מיט די אַראָפּגעהאָנגענע ליפּן, פּונקט ווי זי וואָלט געזען עפּעס אומגעוויינלעכס און דערהייבנס. אָט, ער האָט געוווינט אין קייזערלעכן הויף און געלעגן אין בעט פון דער מלכה!

מען האָט אָנגעגאָסן געפּרוּירענע שאמפּאנער. עמע האָט אַ ציטער געטאָן מיט אירע אַלע אברים, דערפילנדיק דידאָזיקע קעלט אין איר מויל. זי האָט קיינמאָל נישט אָנגעקוקט קיין מילגרוימען און קיינמאָל נישט געגעסן קיין אַנאַנאסן. אפילו דער געשטויסענער צוקער האָט אויסגעוויזן אין אירע אויגן ווייסער און דינער, ווי ערגעץ אַנדערש.

נאָכדעם זענען די דאַמען אַוועק אין זייערע צימערן, כדי זיך צוצוגרייטן צום באַל.

עמע האָט געמאַכט איר טואַלעט מיט דעם גאַנצן קליינלעכן פלייס פון אן אַקטריסע, וואָס טרעט אַרויס צום ערשטן מאָל. זי האָט געמאַכט איר פריזור, לויט די אָנווייזונגען פון פריזירער און אָנגעטאָן אירע באַרעזש-קלייד, וואָס איז געלעגן אויסגעצויגן אויפן בעט. שארלען האָבן די הויזן געדריקט אין בויך.

— די פוס-רימענס וועלן מיר שטערן צו טאַנצן — האָט ער געזאָגט.

— טאנצן? — האָט עמע געפרעגט.

— יאָ.

— צי ביזטו חסר־דעה? מען וועט דאָך חוזק מאַכן פון דיר. זיץ אויף דיין אָרט. און דאָס איז אויך אנשטענדיקער פאַר אַ דאָקטאָר, — האָט זי מוסיף געווען.

שאַרל איז אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט ארומגעשפּרייזט איבער דער לענג און ברייט פון צימער, וואַרטנדיק ביז עמע וועט זיך אָנטאָן.

ער האָט איר געזען פון הינטן, אין שפּיגל, צווישן צוויי ליכט. אירע אויגן האָבן אויסגעזען נאָך שוואַרצער. אירע האָר, לייכט אויסגעבויגן ביי די אויערן, האָבן געלויכטן מיט אַ בלוילעכן גלאַנץ; אין אירע לאָקן האָט געציטערט אַ רויז אויף אַ ביייגעוודיקן שטענגל, מיט אַ קינסטלעכן טוי ביים שפּיץ פון אירע בלעטלעך. עמע האָט געטראָגן אַ בלאַס-שאַפראַן קלייד, באַפּוצט מיט דריי בוקעטלעך רויזן, אויסגעמישט מיט גרינס.

שאַרל איז צוגעגאַנגען און געוואָלט איר אַ קיש טאָן אין פּלייצע.

— לאָז מיך צורו! — האָט זי געזאָגט. — דו וועסט מיך צעקנייטשן דאָס קלייד. עס האָבן זיך דערהערט די קלאַנגען פון אַ פידל און פון אַ קאָרנעט. זי איז אַראָפּ פון די שטיגן, קוים איינהאַלטנדיק זיך נישט צו לויפן.

דער קאַדריל האָט זיך שוין אָנגעהויבן. עס זענען אָנגעקומען אַלץ מער מענטשן. עס איז געווען ענג. זי האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ בענקל לעבן טיר.

ווען דער קאָנטראַדאַנס האָט זיך פאַרענדיקט איז געוואָרן אַ פרייער אָרט פאַר די מאַנסלייט, וועלכע זענען געשטאַנען אינמיטן און געשמועסט און פאַר די דינער אין ליוורייען, וואָס זענען אַרומגעלאָפן מיט גרויסע טאַצן. אויף דער גאַנצער ליניע פון די דאַמען, וועלכע זענען געזעסן, האָבן זיך באַוועגט אויסגעמאָלטע פעכערס; בוקעטן האָבן אויף דער העלפט פאַרבאָרגן שמייכלענדיקע פנימער, און פלאַקאָנען מיט גאָלדענע פּראָפּנס האָבן זיך באַוועגט אין די האַלב־אָפענע הענט; ווייסע הענטשיקלעך האָבן באַצייכנט די פאָרם פון די נעגל, און אויפגעדריקט די פינגער ביים האַנט־געלענק. געשפּיצטע גאַרניטורן, דימענטענע בראָשן, בראַנזאָלעטן מיט מעדאַליאָנען האָבן דאָ און דאָרט געציטערט אויפן לייב, געגלאַנצט אויף ברוסטן, געקלונגען אויף נאַקעטע הענט. די האָר, גוט פאַרגלאַטיקט ביים נאַקן, זענען געווען באַפּוצט מיט קרענצלעך, צווייגלעך, הענגלעך — מיט פאַרגעסמיכנישט, מיט זשאַסמין, מיט זאַנגען אין מיט קאָרן־בלימלעך. די מאַמעס זענען געזעסן אומבאַוועגלעך אויף די ערטער, מיט אָנגעכמורעטע פנימער, און מיט רויטע טורבאַנען אויף די קעפּ.

עמעס האַרץ האָט לייכט אַ צאַפּל געטאָן, ווען איר קאַוואַליער האָט זי אַריינגעפירט צווישן די טענצער, האַלטנדיק איר ביי די שפּיץ פינגער; ער האָט געוואַרט אויפן צי פון סמיטשיק, כדי אָוועקצושווימען מיט איר אין אַ טאַנץ. אָבער באַלד איז איר באַאומרויקונג פאַרשוונדן געוואָרן; באַוועגנדיק זיך אין

ריטם פון דער מוזיק, האָט זי זיך געגליטשט פאָרויס מיט א לייכטן שאָקלען פון איר בייגעוודיקער האלדז. עפטער, ווען די פידל האָט זיך שטארק צעגאָסן און צעפּיעשטשעט אין א סאָלאָ, האָט זיך א שמייכל באוויזן אויף עמעס פנים. פונם שכנותדיקן צימער האָט זיך דערהערט א קלינגען פון גאָלדענע מטבעות, וועלכע מען האָט געוואָרפן אויפן טיש; נאָכדעם האָבן אַלע כלים ווידעו׳ גענומען שפּילן צוזאמען, דער קאָרנעט האָט אַרויסגעגאָסן הויכע קלאנגען, די פיס האָבן זיך באוועגט אין טאקט, די ליידער האָבן זיך אָנגעבלאָזן און געריבן איינאנדער, הענט האָבן זיך צונויפגעפלאָכטן און אפגעפלאָכטן, און אויגן האָבן זיך דאָ אראָפגעלאָזט און דאָ אויפגעהייבן.

א מאן פופצן, אין עלטער פון פינפאונצוואנציק ביז פערציק, וואָס זענען געווען צוזייט צווישן די טענצער אָדער זענען געשטאנען ביי די טירן, אריינגעטאָן אין א שמועס, האָבן זיך אויסגעטיילט פון גאנצן איבעריקן עולם מיט זייער פאמיליע-ענלעכקייט, ווי פארשידן זיי זענען נישט געווען לויט די יאָרן, בגדים און אויסערלעכקייט. זייערע פראקן, אויסגעצייכנט אָפּגענייט, זענען געווען געמאכט פון ווייכסטן טוך און זייערע האָר, אָנגעפּריזירט ביי די שלייפן, זענען געווען אָנגעשמירט מיט די פיינסטע פּאָמאדעס. אויפן פנים איז זיי געלעגן יענע פארב, וואָס מען טרעפט נאָר ביי רייכע מענטשן — א מאטער פארב, וואָס שיילט זיך באזונדערס אויס דורך דער ווייסקייט פון פאָרצעליי, דורכן גלאנץ פון סאמעט, דורכן לאק פון רייכן מעבל, און וואָס ווערט דערהאלטן דורך ראפינירטע אויסגעוויילטע מאכלים. זייערע העלדזער האָבן זיך פריי באוועגט אין די נידעריקע קראוואטן, און די לאנגע באקנבארדן האָבן זיך אראָפּגעלאָזט אויף די אָפּגעלייגטע קעלנער; זיי האָבן אָפּגעווישט זייערע ליפּן מיט ברייט געהאָפטענע טיכלעך, פון וועלכע ס'האָט זיך געטראָגן אן אנגענעמער ריח. די יעניקע פון זיי, וועלכע האָבן זיך שוין גענומען עלטערן, האָבן אויסגעזען יו[illegible], בעת אויף די פּנימער פון די יונגע איז דווקא געלעגן עפּעס א מין אָפּגעלעבטקייט. אין זייערע גלייכגילטיקע בליקן האָט מען געקענט באמערקן

די רויקייט פון תמיד באַפרידיקטער תאווה; אָבער פון זיי־
ערע פיינע מאַנירן האָט אַרויסגעקוקט אַ באַזונדערע גראָבקייט,
וואָס קומט פון לייכטע באַשעפטיקונגען, אין וועלכע עס אַנט־
וויקלט זיך דער כוח און עס ווייַלט זיך דאָס כבוד־געפיל —
ווי, למשל, דאָס אָפּגעבן זיך מיט ראַסאָווע פערד און מיט אויס־
געלאַסענע פרויען.

ביי אַ דריי טריט פון עמען האָט אַ קאַוואַליער אין אַ
בלויען פראַק געשמועסט וועגן איטאַליע מיט אַ יינגער בלאַ־
סער דאַמע, באַפּוצט מיט פערל. זיי האָבן שטאַרק גערימט
די דיקע זיילן פון דעם הייליקן פעטער, טיוואָלי, דעם וועזוב,
קאַסטעלמאַרע און די קאַסינעס, די זשענעווער רויזן און דעם
קאָליזעאום ביי דעם שיין פון דער לבנה. מיטן צווייטן אויער
האָט זיך עמע צוגעהערט צו אַ געשפּרעך, פון וועלכן זי האָט
גאַנצע פראַזן נישט פאַרשטאַנען. אַ גרופּע מענטשן האָט אַ־ומ־
גערינגלט אַ יונגנמאַן וועלכער האָט פאַריקע וואָך געשלאָגן
דער מיס אַראַבעל און ראָמולוס, און געוווּנען צוויי
טויזנט לוידאָרן פאַרן איבערשפּרינגען אַ גראָבן אין ענגלאַנד.
איינער האָט זיך באַקלאָגט אויף זיינע לויף־פערד, וואָס ווערן
דיק; אַן אַנדערער ווידער האָט זיך באַקלאָגט אויף אַ דרוק־טעות,
וועלכער האָט פאַרדרייט דעם נאָמען פון זיין פערד.

אין זאַל איז געווען דושנע. די פייערן פון די לאָמפּן
זענען בלאַסער געוואָרן. די געסט האָבן זיך געשטופּט צום ביי־
ליאַרד־זאַל. אַ דינער איז אַרויף אויף אַ שטול און צעבראָכן
צוויי שויבן; דערהערט אַ קלאַפּ פון גלאָז, האָט מאַדאַם באָוואַרי
אויסגעדרייט דעם קאָפּ און דערזען אין גאָרטן, לעבן די פענ־
סטער, פויערישע פנימער, וועלכע האָבן אַריינגעקוקט. דאָס־
דאָזיקע בילד האָט איר דערמאָנט בערטאָ. זי האָט פאַר אירע
אויגן דערזען די פערמע, די בלאָטיקע סאַדזשעווקע, איר פאָטער
אין אַ בלוזקע אונטער די עפּל־ביימער און זיך אליין, ווי זי
נעמט אַראָפּ מיטן פינגער דעם קרעם פון די קריג. אָבער ביי
דעם שווינדלדיקן גלאַנץ פון דער איצטיקער רגע איז איר
גאַנץ לעבן, ביז איצט אַזוי קלאָר, פלוצלונג פאַרנעפּלט געוואָרן

און זי האָט אָנגעהויבן צו צווייפלען, צי זי האָט, בכלל, אַמאָל געלעבט. זי האָט זיך געפונען דאָ; הינטער די ווענט פון אָט דעם זאַל איז אַלץ געשטאַנען אונטערן שאָטן, וועלכער האָט איינגעהילט די גאַנצע וועלט. זי האָט געגעסן אַ פּאָרציע מאַראַסקינער אייז-קרעם, וואָס זי האָט געהאַלטן אין איר לינקער האַנט, אין אַ באַגילטער שאָל און, צוטראָגנדיק דאָס לעפעלע צום מויל, האָט זי געזשמורעט מיט די אויגן.

אַ דאַמע, וואָס איז געזעסן לעבן איר, האָט אַראָפּגעלאָזט דעם פעכער. אַ טענצער איז גראָד פאַרבייגעגאַנגען.

— אַנטשולדיקט, הייבט מיר אויף דעם פעכער, — האָט זי געזאָגט. — ער איז אַרונטערגעפאַלן הינטערן דיוואַן.

דער הער האָט זיך איינגעבויגן, און בעת ער האָט געוואָלט אויסציען די האַנט, האָט עמה באַמערקט, ווי די יונגע פרוי האָט אַריינגעוואָרפן אין זיין הוט עפּעס אַ ווייסע זאַך, איינגעלייגט אין אַ דרייעק. אויפגעהויבן דעם פעכער, האָט דער קאַוואַליער העפלעך אים דערלאַנגט דער דאַמע; זי האָט אים באַדאַנקט מיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ און האָט גענומען שמעקן איר בוקעט.

נאָכן אָוונטברויט, אויף וועלכן מען האָט דערלאַנגט אַ סך שפּאַנישע ווייַנען און ריין-ווייַנען, ראַקעס-זופּ און מאַנדל-זופּ, פּודינג אַ לאַ טראַפאַלגאַר און פאַרשידענע קאַלטע פליישן מיט זשעלע, וואָס האָט געציטערט אויף די טעלער, האָבן די קאַרעטעס איינע נאָך די אַנדערע אָנגעהויבן אַוועקצופאָרן. אויפהייבנדיק דעם ברעג פון די מושלינענע פאָרהאַנגען, האָט מען געקענט זען, ווי ס'שווימט אין שאָטן דאָס ליכט פון די לאַמטערנעס. אין די זאַלן איז גראַמער געוואָרן, עטלעכע מוזיקאַנטן זענען נאָך פאַרבליבן; זיי האָבן אָפּגעפרישט זייערע פינגער, לעקנדיק זיי מיט דער צונג; שאַרל האָט געדרעמלט אָנלענענדיק זיך מיטן רוקן צו דער טיר.

דריי אַ זייגער פאַרטאָג האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאָטיליאָן. עמה האָט נישט געטאַנצט קיין וואַלס. אַלע האָבן געטאַנצט אַפילו פרייַלין ד'אַנדערווילייע און די מאַרקיזין אַליין; ס'זענען

בלויז פארבליבן די געסט פון שלאָס, בערך א צוועלף פּערשוינ־
איינער פון די טענצער, וועלכן אַלע האָבן פאַמיליער
אָנגערופן „וויקאָנט" און וואָס זיין אָפענער וועסט איז געלעגן
ווי אויסגעגאָסן אויף זיין ברוסט, איז צוגעקומען א צווייט מאָל
צו מאַדאַם באָוואַרי, איינצולאַדן זי אויף א וואַלס; ער האָט זי־
פארזיכערט, אַז מיט אים וועט זי טאַנצן גוט.

זיי האָבן אָנגעהייבן לאַנגזאַם, נאָכדעם זענען זיי אַוועק
אַלץ שנעלער און שנעלער. זיי האָבן זיך געדרייט און אַלץ
האָט זיך געדרייט אַרום זיי: די לאָמפּן, דאָס מעבל, די טאַפּעטן,
דער פּאַרקעט, ווי א ראָד אויף אַן אַקס. פארבייטראָגנדיק זיך
פאַר דער טיר, האָט עפּעס קלייד פון אונטן אַרומגעוויקלט זיי־
נע הויזן; זייערע פיס האָבן זיך צוזאַמענגעדריקט; ער האָט
געקוקט אויף איר און זי אויף אים; זי האָט געפילט עפּעס א
פארגליווערונג אין די גלידער, און זי האָט זיך אָפּגעשטעלט.
דערנאָך האָבן זיי זיך ווידער אוועקגעטראָגן, און דער וויקאָנט,
אוועקציענדיק זי מיט א שנעלער באַוועגונג, איז מיט איר
פארשוונדן געוואָרן ביים עק פון דער גאַלעריע, ווו זי איז, אַ
פארסאַפּעטע, שיער נישט אומגעפאַלן און א רגע זיך צוגעדריקט
מיטן קאָפּ צו זיין ברוסט. נאָכדעם, דרייענדיק זיך כסדר,
אָבער שוין לאַנגזאַמער, האָט ער זי צוגעפירט צו איר אָרט;
זי האָט זיך אָנגעלענט אָן דער וואַנט און מיט די הענט פאַר־
שטעלט די אויגן.

ווען זי האָט זיי אוימגעעפנט, האָט זי אינמיטן זאַל דער־
זען א דאַמע, פאַר וועלכער דריי טענצער זענען געשטאַנען
אויף די קני. זי האָט אויסגעקליבן דעם וויקאָנט, און די פידל
האָט אָנגעהייבן פונדאָסניי צו שפּילן.

אַלע האָבן אויף זיי געקוקט. זיי האָבן זיך געטראָגן
אַהער און אַהין; זי אומבאַוועגלעך, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ,
און ער תּמיד אין דערזעלבער פּאָזע, — דער גוף איינגעבויגן,
די עלנבויגנס פאָררונדיקט און דאָס פּנים פאָרויס. אָט, די פרוי קען
וואַלסירן! זיי האָבן לאַנג געטאַנצט און פארמאַטערט די צוקוקער.
מען האָט נאָך א ביסל געשמועסט, נאָכדעם זיך געזעגנט,

געזאָגט א גוטע נאַכט, אָדער, בעסער, אַ גוטן טאָג, און מען איז אַוועק שלאָפן.

שאַרל האָט זיך געהאַלטן אָן די פּאָרענטשעס, די קני האָבן זיך אים געבויגן. ער האָט פאַרבראַכט גאַנצע פינף שעה, שטייענדיק לעבן די גרינע טישן, און, גאָרנישט פאַרשטאַנען, האָט ער זיך צוגעקוקט, ווי מען שפּילט אין וויסט. א טיפער זיפץ פון פאַרלייכטערונג האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיין מויל, ווען ער האָט צולעצט געקענט אַראָפּציען זיין שטיוול.

עמע האָט אַרויפגעוואָרפן אַ שאַל אויף אירע אַקסלען, אויפגעעפנט דאָס פענסטער און זיך אָנגעלענט דערויף.

ס׳איז געווען שטאָקפינסטער, און עס איז געפאַלן אַ קליין רעגעלע. זי האָט אָפּגעאָטעמט מיט דער פייכטער לופט, וועלכע האָט אָפּגעפרישט אירע ברעמען. די באַל-מוזיק האָט נאָך געקלונגען אין אירע אויערן, און זי האָט זיך אָנגע-שטרענגט נישט אנטשלאָפן צו ווערן, כדי צו פאַרלענגערן די אי־וזיעס פון יענעם פּרעכטיקן לעבן, וואָס זי האָט געדאַרפט באַלד פאַרלאָזן.

ס׳האָט אָנגעהייבן צו טאָגן. זי האָט לאַנג באַטראַכט די פענסטער פון שלאָס, וועלנדיק טרעפן, וואָסערע צימערן ס׳האָבן פאַרנומען די אַלע, וועלכע זי האָט נעכטן באַגעגנט. זי האָט געוואָלט וויסן זייער גאַנץ לעבן, אַריינדרינגען דערין, זיך צו-נויפגיסן מיט זיי.

אָבער זי האָט געציטערט פון קעלט. זי האָט זיך אויס-געטאָן און אונטערן קאָלדרע זיך צוגעדריקט צו שאַרלען, וועל-כער האָט שוין געשלאָפן.

צום פרישטיק זענען געווען אַ סך מענטשן. דאָס עסן האָט געדויערט צען מינוט; מען האָט נישט דערלאַנגט קיין שום ליקערן, וואָס ס׳האָט שטאַרק פאַרחידושט דעם דאָקטאָר. נאָכ-דעם האָט פריילן ד׳אנדערווילייע אויפגעקליבן אין אַ קערבל די שטיקלעך ברויט, כדי אַוועקצוטראָגן עס די שוואַנען, וועל-כע זענען אַרומגעשווומען אין דער סאַדזעווקע; און אַלע זע-נען אַוועק שפּאַצירן צו דער אַראַנזשעריע, ווו אויסטערלישע

צמחים, באַוואַקסן מיט האָר, האָבן זיך געהייבן פּיראַמידנאַרטיק איבער הענגענדיקע וואַזעס, וואָס האָבן פּונקט ווי איבערגעפּול=טע שלאַנגען=נעסטן, אַרויסגעלאָזט לאַנגע גרינע איבערגעפלאָכ-טענע פאַסן. די אָראַנזשעריע, וועלכע האָט זיך געפונען אין עק, האָט געפירט ביז צו די הינטערשטע בנינים פון שלאָס. דער מאַרקיז, וואָס האָט געוואָלט אַ ביסל אויפמונטערן דעם דאָקטאָרס ווייב, האָט זי געפירט ווייזן די פערד=שטאַלן. איבער די קאָר=בעס, ענלעך צו קערב, זענען געווען צוגעשלאָגן פאָרצעלייענע טאָוולען מיט די נעמען פון די פערד. ווען מען איז פאַרבייגע=גאַנגען, האָט זיך יעדעס פערד אומרויק באַוועגט אויף זיין אָרט און געקנאַקט מיט דער צונג. די פּאָדלאָגע אין שטאַל האָט געגלאַנצט, ווי דער פּאַרקעט אין סאַלאָן. די שפּאַן-מכשירים פון די קאַרעטעס זענען געהאָנגען אינמיטן אויף צוויי באַוועגלע-כע סלופּעס, און די צוימען, בייטשן, שפּיצרוטן און פוס=האַל=טערס זענען געלעגן אין אַ שורה לענגאויס דער וואַנט.

שאַרל איז דערווייל אוועק בעטן אַ דינער, מען זאָל אים איינשפּאַנען דאָס עקיפּאַזשל. די דינער האָבן דאָס עקי=פּאַזשל צוגעפירט צום גאַנעק, און אַריינגעלייגט דערין דאָס געפּעק. דאָס פּאָר פאָלק באָוואַרי האָט זיך צעזעגנט מיטן מאַרקיז און דער מאַרקיזין און אַוועקגעפאָרן קיין טאָסט.

אַ שווייגנדיקע, האָט עמע געקוקט אויף די רעדער, ווי זיי דרייען זיך. שאַרל, זיצנדיק ביים ברעג, האָט אָנגעטריבן דאָס פערד מיט צעשפּרייטע הענט; דאָס קליינע פערדל איז געגאַנגען מיט דראָבנע טריט אין די צו ברייטע אָגלאָבלעס. די אָפּגעשוואַכטע לייטשעס האָבן אים געקלאַפּט איבער די זייטן, באַדעקנדיק זיך מיט שוים, און די וואַליזע, צוגעבונדן פון הינטן צום עקיפּאַזשל, האָט רעגלמעסיק געקלאַפּט אין געזעס-קאַסטן.

זי זענען שוין אַרויפגעפאָרן אויפן טיבורווילער באַרג־וועג, ווי מיטאַמאָל זענען פאַר זיי אויסגעוואַקסן עטלעכע רייטערס מיט ציגאַרן אין מויל. עמען האָט זיך געדאַכט, אַז אין איינעם פון זיי דערקענט זי דעם וויקאַנט; זי האָט זיך אויסגעדרייט.

אָבער אויפן האָריזאָנט האָט זי בלויז באמערקט באַוועגונגען פון קעפּ, וועלכע האָבן זיך דאָ אויפגעהייבן און דאָ אראָפּגעלאָזט, לויט דעם אומרעגלמעסיקן טאָקט פון טראָט אָדער פון גאַלאָפּ.

ביי אַ פערטל מייל וויטער האָט מען זיך באַדאַרפט אָפּשטעלן, צו פאַרבינדן מיט אַ שטריק דעם צעריסענעם גע־שפּאַן.

וואַרפנדיק דעם לעצטן בליק אויפן געשפּאַן, האָט שאַרל באמערקט עפּעס אויף דער ערד, צווישן דעם פערדס קאָפּי־טעס: ער האָט אויפגעהייבן אַ פּאַפּיראָסן־טאַש, באַרדירט מיט גרי־נעם זייד און באַפּוצט מיט אַ הערב, פּונקט ווי אויפן טירל פון א קאַרעטע.

— דאָ ליגן גאַנצע צוויי ציגאַרן, — האָט ער געזאָגט, — ס׳וועט זיין אויף היינט אינאָוונט, נאָכן מיטאָג.

— דו רויכערסט דען? — האָט זי געפרעגט.

— צייטנווייז, ווען ס׳מאַכט זיך אַ געלעגנהייט.

ער האָט אַריינגעלייגט זיין מציאה אין קעשענע און אַ שמיץ געטאָן דאָס פערד.

ווען זיי זענען אָנגעקומען אהיים, איז דער מיטאָג נאָך נישט געווען פאַרטיק. עמע האָט זיך צעבייזערט. נאַסטאַזיע האָט איר העזהדיק אָפּגעענטפערט.

— אַרויס! — האָט עמע געשריי געטאָן. — איר מאַכט חוזק פון מיר, איך טרייב אייך אַרויס.

אויף מיטאָג איז געווען אַ ציבעלע־זופּ און אַ שטיקל קאַלבס־פלייש מיט שטשאַוו. זיך אַנידערגעזעצט קעגן עמען, האָט שאַרל זיך געריבן די הענט און מונטער אַ זאָג גע־טאָן:

— אַך, ווי גוט ס׳איז צו זיין ביי זיך!

מען האָט געהערט ווי נאַסטאַזי האָט געוויינט. ער האָט אַ ביסל ליב געהאַט דאָסדאָזיקע אָרעמע מיידל. דאָ נישט לאַנג איז זי געווען זיין איינציקער חבר, וועלכער פלעגט אים בשעת זיין אלמנשאַפט ווײלן אין די לאַנגע נודנע אָוונטן. זי אי־

צוויי ערשטער חולה און זיין ערשטע באַקאַנטע אין יע־נע מקומות.

— דו האָסט זי טאַקע באמת אוועקגעיאָגט? — האָט ער, צולעצט, א פרעג געטאָן.

— יאָ, ווער קען מיר זאָגן א דעה? — האָט זי געענט־פערט.

נאָכדעם, בעת מען האָט זיי צוגעגרייט דאָס בעט, האָבן זיי זיך געוואָרעמט אין קיך. שאַרל האָט פאַררויכערט א ציגאַר. ער האָט גערויכערט מיט אַרויסגערוקטע ליפּן, ווייל־עווייז גע־שפּיגן און ביי יעדן צי זיך אָפּגערוקט פון רויך.

— ס'וועט דיר עקלען, — האָט זי געזאָגט מיט פאַראַכטונג. ער האָט אַוועקגעוואָרפן דעם ציגאַר, און אַוועקגעלאָפן צום קראַן, — אַריינצוגיסן אין זיך אַ גלאָז קאַלט וואַסער. עמע האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם פאַרטציגאַר און אים שנעל אַריינגעוואָרפן טיף אין דער שאַפע.

צומאָרגנס האָט זיך דער טאָג געצויגן אָן א סוף. זי האָט אַרומגעשפּאַצירט איבערן גערטנדל, גייענדיק אַהין און צוריק אי־בער דיזעלבע אַלעען, זיך אָפּגעשטעלט פאַר די קלומבעס, פאַר די שפּאַלערן, פאַרן גיפּסענעם גלח, און באַטראַכט מיט גרויס חידוש די אַלע זאַכן, וועלכע זי האָט אַמאָל גוט געקענט. סאַראַ וויטקייט עס טיילט זי אָפּ פון דעם נעכטיקן באַל! ווער האָט עס אַוועקגעלייגט אַזאַ גרויסן שטח צווישן דעם אייערנעכטיקן פרימאָרגן און דעם היינטיקן אָוונט? איר נסיעה קיין וואָביעסאַר האָט גע־שאַפן אַ תהום אין איר לעבן, פּונקט ווי דידאָזיקע גרויסע שפּאַלטן, וועלכע דער ווינט רייסט טיילמאָל אויס אין איין נאַכט צווישן די בערג. זי האָט זיך אָבער אונטערגעוואָרפן איר גורל; זי האָט מיט גרויס יראת-הכבוד איינגעלייגט אין קאָמאָד איר שיינעם טו־אַלעט, אַפילו איר אטלאַסענע פּאַנטאָפל, וואָס זייערע פּאָדעשוועס זענען געוואָרן געל פון גליטשיקן פּאַרקעט־וואַקס. איר האַרץ האָט זיך אויך באַדעקט מיט עפּעס: עס האָט זיך צוגעריבן צו עשירות און אויף איר האַרץ איז אָנגעוואַקסן עטוואָס אַזוינס, וואָס האָט זיך נישט אָפּגעמעקן.

די זכרונות פון באַלד זענען געווען עמעס הויפט-באַשעפטיקונג. אַלע מיטוואָך פלעגט זי זיך זאָגן, אויפשטייענדיק פון שלאָף: „אך! מיט אַ וואך צוריק... מיט צוויי וואָכן צוריק, מיט דריי וואָכן צוריק בין איך דאָרט געווען!“ און ביסלעכווייז האָבן זיך אַלע פנימער אויסגעמישט אין איר מוח, זי האָט פאַרגעסן די אַריעס פון די קאָנטראַדאַנסן, זי האָט שוין אַזוי דייטלעך נישט געזען פאר זיך די ליווירן פון די דינער און די אַפאַרטאַמענטן; מאַנכע פרטים זענען פאַרשוואונדן געוואָרן, אָבער די בענקשאַפט איז פאַרבליבן

XI

גאַנץ אָפט, ווען שאַרל פלעגט אַוועקגיין, פלעגט זי אַרויסנעמען פון שאַפע, פון אונטער די וועש, דעם גרינעם זיידענעם פאָרטציגאַר, וועלכן זי האָט דאָרט פאַרבאַהאַלטן.

זי האָט אים באַטראַכט, אויפגעעפנט, האָט אים אַפילו צוגעטראָגן צו דער נאָז און האָט דערשפירט אַ ריח פון טאַבאַק און אייזן-קרויט. צו וועמען האָט ער געקענט געהערן?... צום וויקאָנט. ס'איז אפשר א מתנה פון זיינער אַ געליבטע. אויף פאַליסאַנדער-ראַמען האָט מען אפשר געוועבט דאָסדאָזיקע צאַצקעלע, באַהאַלטן און פאַרבאָרגן פון אַלעמען, און געאַרבעט האָט מען אויף דעם לאַנג, און גישט איינמאָל זענען געפאלן דערויף די ווייכע לאָקן פון דער פאַרחלומטער אַרבעטערין. דער הויך פון ליבע איז אַדורכגעגאַנגען דורך די לעכלעך פון דער קאַנווע; יעדער שטאָך מיטן נאָדל האָט דאָרט פאַרשטאַרקט אַ האָפענונג אָדער א ערינערונג, און אַלע דורכגעפלאָכטענע זיידענע פעדעם זענען געווען א המשך פון דערזעלבער שווייגנדיקער ליידנשאפט. און שפעטער, אין אַ שיינעם פרימאָרגן, האָט עס דער וויקאָנט צוגענומען און אַוועקגעטראָגן. וועגן וואָס האָבן זיי גערעדט, ווען דער פאָרט-

ציגאַר איז געלעגן אויף דעם ברייטן טאַפּל פון קאַמין, צווישן וואַזעס מיט בלומען און אַ פּאָמפּאַדור-זייגער? איצט איז זי אין טאָסט, און ער איז ווייט אין פּאַריז! ווי זעט אויס פּאַריז? אַ נאָמען, וואָס זאָגט א סך! זי האָט זיך עס געחזרט אינדערשטיל, בלויז פון פאַרגעניגן וועגן; דערדאָזיקער נאָמען האָט געקלונגען אין אירע אויערן, ווי אַ קלויסטער-גלאָק, ער האָט געגלאַנצט אין אירע אויגן אפילו ווען זי האָט אים געזען אויף אַ פּאָמאַדע-פלעשל.

ביינאַכט, ווען די פישער פלעגן פאַרבייפאָרן לעבן אירע פענסטער און זינגען „La marjolaine“ פלעגט זי זיך אויפכאַפּן און, זיך צוגעהערט צו דער טראַסקעריי פון די געשמידטע רעדער, וועלכע זענען אונטער דער שטאָט אויף דער ווייכער ערד שטילער געוואָרן, — פלעגט זי זיך אַ זאָג טאָן:

— מאָרגן וועלן זיי דאָרט זיין!

און זי האָט זיי נאָכגעפאָלגט מיט אירע געדאַנקען, דורך בערג און טאָלן, דורך שטעט און דערפער, זיך געטראָגן איבער גרויסע טראַקטן ביים שיין פון די שטערן. און ערגעץ, ביים סוף פון עפּעס אַן אומבאַשטימטן שטח פלעגט זיך תמיד געפינען אַ מטושטש ווינקעלע, ווו עס פלעגן זיך ענדיקן אירע חלומות.

זי האָט זיך געקויפט אַ מאַפּע פון פּאַריז, און פירנדיק איבער איר מיט די פינגער, האָט זי אַרומגעשפּאַצירט איבער דער הויפּטשטאָט. זי איז געגאַנגען איבער די בולוואַרן, זיך אָפּגעשטעלט ביי יעדן ווינקל, צווישן די ליניעס פון די גאַסן, פאַר די ווייסע קוואַדראַטן, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר הייזער. צולעצט האָט זי איינגעמאַטערט די אויגן, אַראָפּגעלאָזט די ברעמען, און געזען אינדערפינסטער, ווי דער ווינט בלאָזט די גאַז-לאָמפּן, און געזען, ווי די קאַרעטעס, עפענען זיך אויף מיט אַ טראַסקעריי פאַר די זיילן פון די טעאַטערס.

זי האָט אַבאָנירט „די קאָרב“, אַ פרויען-זשורנאַל און די „סאַלאָנען-סילפע“. זי האָט זיי געשלונגען, נישט אדורכגעלאָזן קיין שום זאַך: אַלע באַריכטן וועגן פאַר טעלונגען, וועגן וועט-

לויפן, וועגן אָוונטן; זי האָט זיך אינטערעסירט מיטן ער שטן אַרויסטריט פון אַ זינגערן, מיט אַ ניי געעפנטן געשעפט. זי האָט געוווּסט וועגן אַלע נייע מאָדעס, די אַדרעסן פון די בעסטע שניידערס, די אַריסטאָקראַטישע טעג אין בולאָנער וואַלד און אין דער אָפּערע. אין אויגעניע סיו האָט זי זיך אַריינגעלאָזט מיט לייב און לעבן אין די באַשרייבונגען פון מעבל; זי האָט איבערגעלייענט באַלזאַקן, זשאָרזש זאַנדן, געזוכט אין זייערע ווערק אַ פּלאַטאָנישע באַפרידיקונג פאַר אירע תאוות. אַפילו צום טיש פלעגט זי ברענגען אַ בוך און עס געבלעטערט בעת שאַרל האָט געגעסן און גערעדט צו איר. אפילו ביים לייענען האָט זי געטראַכט פון וויקאָנט. זי האָט געזוכט אַ התקרבות צווישן אים און אירע אויסגעטראַכטע געשטאַלטן. אָבער דער קרייז, פון וועלכן ער איז געווען דער מיטל-פונקט, האָט זיך ביסלעכווייז פאַרברייטערט און דאָס ליכט, וואָס איז געפאַלן בלויז אויף אים, האָט זיך דערווייטערט פון זיין פּנים, כּדי צו באַלויכטן אַנדערע חלומות.

ברייטער ווי דער ים, האָט פּאַריז געגלאַנצט פאַר עמעס אויגן אין אַ ראָזער אַטמאָספער. דאָס פילפאַכיקע לעבן, אויסגעמישט מיט באַוועגונג און טומל, האָט זיך דאָך געטיילט אויף חלקים, קלאַסיפיצירט אין באַזונדערע בילדער. עמע האָט בלויז געזען צוויי־דריי פון זיי, וועלכע האָבן פאַרשטעלט פאַר איר אַלע אנדערע, די גאַנצע וועלט. די אַמבאַסאַדאָרן-וועלט איז געגאַנגען איבער גלאַנציקע פאַרקעטן, אין סאַלאָנען מיט שפּיגלען, מיט אָוואַלע טישן, באַדעקט מיט גאָלד־געזוימטע סאַמעטענע טישטוכער. דאָרט זענען געווען קליידער מיט לאַנגע שלייפן, גרויסע סודות און דאגות, פאַרמאַסקירטע מיט אַ שמייכל. נאָכדעם איז געגאַנגען אַ געזעלשאַפט פון הערצאָגיניעס; דאָרט איז מען געווען בלאַס; מען שטייט אויף פיר אַ זייגער נאָכמיטאָג; און די פרויען — אָרעמע מלאכים! זיי טראָגן קליידער, אַרומגענייט מיט אַלאַנסאָנער שפּיצן; און די מאַנסלייט, וואָס פאַרבאַהאַלטן זייערע פעיקייטן אונטער אַ מאַסקע פון פוסטקייט, פּייניקן זייערע פערד אויס פאַרגעניגן, פאַרברענגען אַ גאַנצן זו-

מער אין באַדן-ראָדן און צו פערציק יאָר האָבן זיי, סוף כל סוף, חתונה מיט רייכע יורשטעס. אין די רעסטאָראַן-קאַבינעטן, ווו מען עסט ביי אַ ליכט ביז שפּעט אין דער נאַכט, לאַכט אַ בונטער עולם פון ליטעראַטן און אַקטריסעס. דידאָזיקע לייט זענען פארשווענדעריש, ווי מלכים, פול מיט אידעאַלער אַמביציע און פאַנטאַסטישער משוגעת. דאָס איז אַ לעבן, העכער פון אַלע איבעריקע לעבנס, אַ לעבן, וואָס הענגט צווישן הימל און ערד, וואָס טראָגט זיך צווישן שטורעם-ווינטן, — עפּעס אויסערגעוויינ-לעכס. די איבעריקע וועלט, ווידער, האָט זיך ערגעץ פארלוירן, זי האָט נישט קיין באַשטימטן אָרט, פּונקט ווי זי וואָלט אינ-גאַנצן נישט עקזיסטירט. איבעריקנס, וואָס נענטער ס'האָט זיך עפּעס געפונען לעבן איר, אַלץ ווייטער האָט איר געדאַנק עס אָוועקגעשטויסן. אַלץ, וואָס האָט זי אוממיטלבאַר אַרומגערינגלט — דאָס לאַנגווייליקע דאָרף, די קליינע באַגרענעצטע בירגער, דאָס גרויע לעבן, — דאָס אַלץ האָט אין אירע אויגן אויסגעוויזן, ווי עפּעס אַן אויסנאַם אויף דער וועלט, ווי אַ צופעליקייט, אין וועלכער זי איז פארפּלאָנטערט געוואָרן, בעת ווייטער האָט זיך פאַנאַנדערגעשפּרייט אַן אָנסופיקע וועלט פון גליק און תאווה. אין אירע אומבאַשטימטע פאַרלאַנגען האָט זי אויסגעמישט דעם ליידנשאַפטלעכן לוקסוס מיט דער מנוחה פון הארץ, די עלע-גאַנץ פון רגילות — מיט דער צאַרטקייט פון געפילן. צי דען דאַרף די ליבע נישט האָבן, א צוגעגרייטן באָדן, אַ באַזונדערע טעמפּעראַטור, ווי אַ שטייגער, אַן אינדישע פלאַנצונג? דאָס בענקן ביים שיין פון דער לבנה, דאָס טוליען זיך צו איינאַנ-דער, די טרערן, וואָס גיסן זיך אויף אָפּגעשוואַכטע הענט, דער גאַנצער פלאַם פון גוף, די גאַנצע ליבע-שיכרות קענען נישט אָפּגעשיידט ווערן פון באַלקאָנען פון אַלטע שלעסער, פול מיט תעניג, פון אַ בודואַר מיט זיידענע שטאָרן, מיט ווייכע טעפּי-כער, מיט פולע בלומען-טעפּ, מיט אַ געלעגער אויף אַן עס-טראַדע פון טייערע שטיינער און פון ליווריע-גאַלאָנען.

אַ שומר פון דער פּאָסט-סטאַציע פלעגט אַלע אינדערפרי אַריינקומען אויספּוצן די שקאַפּע און בעת מעשה געקלאַפּט

איבערן קאָרידאָר מיט זיינע גרויסע קלומפּעס; ער האָט גע־ס־אָגן אַ צעריסענע בלוזע און די באָרחעסע פיס האָבן גע־שטעקט אין קלומפּעס. און זי האָט זיך געמוזט באַנוגענען מיט אַזאַ קוטשער, אָן הויזן! אָפּגעטאָן זיין אַרבעט, פלעגט ער זיך אַ גאַנצן טאָג שוין נישט באַוויַיזן; קומענדיק אהיים, פלעגט שאַרל אַליין אָפּפירן דאָס פערד אין שטאַל, אַראָפּציען דעם זאָטל און אָנטאָן דאָס צוימל, בעת די דינסט פלעגט ברענגען אַ הויפן שטרוי און עס אַריינוואַרפן אין קאָריטע אַריין.

אויף נאַסטאַזיעס אָרט, וואָס איז צולעצט אַוועקגעפאָרן פון טאָסט מיט גרויסע טרערן אויף די אויגן, האָט עמע צוגענומען אַ מיידל פון פערצן יאָר, אַ יתומה מיט אַ סימפּאַטיש פנימל. עמע האָט איר פאַרווערט צו טראָגן באַוולנע הויבעס, האָט איר אָנגעזאָגט, אַז מען דאַרף זיך ווענדן צו יענעם אין דער דריטער פערזאָן, אַז אַ גלאָז וואַסער דאַרף מען אַריינטראָגן אין אַ שעלכל, אַז מען דאַרף אָנקלאַפּן אין טיר, איידער מען קומט אריין, און אַז מען דאַרף פרעסן, קראָכמאַלעווען, אָנטאָן זי. עמע האָט געוואָלט מאַכן פונם מיידל אַ גוטע קאַמער-פריילן. די נייע דינסט איז געווען געהאָרכזאַם אויס מורא, מען זאָל איר נישט משלח זיין; די מאַדאַם האָט אָבער געהאַט אַ רגילות איבערצו־לאָזן דעם שליסל אין בופעט, און דעריבער פלעגט פעליסיטע אַלע אָוונט אַרויסשלעפן פון דאָרט אַ ביסל צוקער, און נאָך דער אָוונט-תפילה, ליגנדיק אַליין אין בעט, פלעגט זי עס אויפ־עסן.

טיילמאָל, נאָכן מיטאָג, פלעגט זי אַוועקלויפן כאַפּן אַ שמועס מיטן פּאָסטשטאַליאָן, בעת איר באַלעבאָסטע פלעגט זיצן אינדערהויך אין איר צימער.

עמע האָט געטראָגן אַן אָפענעם שלאָפראָק, און אין אויס־שניט פון ליפטשיק האָט מען אַרויסגעזען אַ העמדל אין פאַלדן מיט דריי גאָלדענע קנעפּלעך. זי האָט אויך געטראָגן אַ שנור ווי אַ גאַרטל, מיט גרויסע פרענזלעך, און אירע בלויע פאַנטאָפל וענען געווען באַפּוצט מיט גרויסע סטענגעס. זי האָט זיך גע־קויפט אַ פרעס-פּאַפּיר, שרייב-פּאַפּיר, אַ פעדער-האַלטער, קאָנ־

ווערטן, הגם זי האָט נישט געהאַט צו וועמען צו שרייבן; אַראָפּ־געווישט דעם שטויב פון דער עטאַזשערקע, האָט זי אַ קוק געטאָן אויף זיך אין שפיגל, גענומען אַ בוך אין דער האַנט און, דערנאָך זיך פאַרחלומט ביי די שורות, פלעגט זי עס לאָזן אַראָפּפאַלן אויף אירע קני. איצט האָט זי געוואָלט מאַכן עפּעס אַ נסיעה אָדער גאָר אַוועקגיין צוריק אין מאָנאַסטיר. זי האָט געוואָלט שטאַרבן און גלייכצייטיק וווינען אין פּאַריז.

און שאַרל פלעגט דערוויילע אַרומפאָרן אין שנייען און אין רעגנס איבער די דאָרפישע טראַקטן. ער פלעגט עסן פּיינקוכנס ביי פרעמדע טישן, אין די פערמעס און פלעגט אַריינרוקן זיין האַנט אין פייכטע בעטן. ער פלעגט לאָזן בלוט ביי די קראַנקע און זיך אויסשמירן דערמיט; ער פלעגט אויסהערן דאָס כאָרכלען אין גסיסה, פלעגט אַריינקוקן אין די הינטערשטע טיילן פון קערפּער, און איבערוואַרפן נישט ווייניק שמוציקע וועש; אָבער קומענדיק אַהיים, פלעגט ער אַלע אָוונט געפינען אַ העל פריילעך פייער, אַ סערווירטן טיש, ווייכע מעבל און אַ ווייב אין אַ פיינעם טואַלעט, פול מיט רייץ און מיט פיינע בשמים־ריחות און האָט נישט געקענט משיג זיין, פונוואַנען נעמען זיך די דאָזיקע ריחות. צי איז עס נישט דער אַראָמאַט פון איר הויט, וואָס טראָגט זיך איבער אויך אין אירע וועש?

זי פלעגט אים תמיד פאַרחידושן מיט פאַרשידענע צאַרטע קלייניקייטן; דאָ פלעגט זי מאַכן פון פּאַפּיר אַ נייע ראָזעטקע אויף די ליכט, דאָ אַ נייע פאַלבאַנע צו איר קלייד, און דאָ, ווידער, פלעגט זי געבן אַן אויסטערלישן נאָמען דעם איינפאַכסטן מאַכל, וועלכן די דינסט האָט, אגב, קאַליע געמאַכט, אָבער שאַרל האָט אים אַלעמאָל געשלונגען מיט גרויס הנאה. אין רואַן האָט זי געזען דאַמען, וועלכע האָבן געטראָגן ברעלאָקן אויפן זייגערל, האָט זי זיך אויך איינגעקויפט ברעלאָקן. זי האָט געוואָלט, אַז אויף איר קאַמין זאָלן שטיין צוויי וואַזעס פון בלויען־גלאָז און אַ ביסל שפּעטער האָט זי באַקומען חשק צו אַ נעסעסער פון העלפאַנדביין מיט אַ באַגילטן פינגערהוט. וואָס ווייניקער שאַרל האָט זיך פאַרשטאַנען אויף די דאָזיקע קלייניקייטן, אַלץ מער האָט זי אים פאַרכישופט

מיט זיי. דאָס אַלץ האָט אים שטאַרק דערהייבן און האָט פאַר־שטאַרקט די מתיקות פון זיין שטוב־לעבן. ס'איז געווען ענלעך צו אַ גאָלדענעם זאַמד, מיט וועלכן מען האָט באַשאָטן דאָס קליינע שטע־געלע פון זיין לעבן.

ער האָט זיך געפילט זייער גוט און האָט אויסגעצייכנט אויס־געזען; ער האָט באַקומען אַ גוטע רעפּוטאַציע. די פּויערים האָבן אים ליב געהאַט דערפאַר, וואָס ער האָט זיך נישט געהאַלטן גרויס ביי זיך. ער פלעגט גלעטן זייערע קינדער, פלעגט נישט אַריינ־שמעקן אין אַ שענק און, בכלל, דערוועקט גרויס צוטרוי מיט זיין הנהגה. באַזונדערס האָט ער זיך קונה שם געווען מיט זיין היילן קאַטאַרן און האַרץ־קראַנקהייטן. אויס מורא אַוועקצוהרגענען זיינע פּאַציענטן, פלעגט ער זיי צושרייבן בלויז באַרויקונגס־מיטלען און פון צייט צו צייט אָפּפירונגס־מיטלען, פוס־וואַנעס אָדער פּיאַווקעס. דערפאַר האָט אים די כירורגיע נישט איבערגעשראָקן; ער האָט געלאָזט בלוט זיינע קראַנקע, פונקט ווי מען לאָזט בלוט פון פערד, און אויף צו רייסן ציין האָט ער געהאַט אַ האַנט פון אַ טייוול.

כדי נישט אָפּצושטיין, האָט ער צולעצט אויסגעע־שריבן דעם „מעדיצינישן בינשטאָק”, אַ נייעם זשורנאַל, פון וועלכן ער האָט באַקומען אַ פּראָספּעקט. ער האָט אים געלייענט נאָכמיטאָג, אָבער די וואַרעמקייט פון צימער צוזאַמען מיטן פאַרדייונגס־פּראָ־צעס האָבן אויף אים אַזוי געווירקט, אַז אין פינף מינוט אַרום האָט ער שוין איינגעדרעמלט. און ער איז אַזוי געבליבן זיצן מיט דער גאָמבע צווישן ביידע הענט, די האָר פאַנאַנדערגעוואָרפן ביזן גע־שטעל פון לאָמפּ, פונקט ווי ביי אַ פערד די גזשיווע. עמאַ האָט געקוקט אויף אים און געצוקט מיט די אַקסלען. פאַר־וואָס האָט זי נישט חתונה מיט איינעם פון יענע שווייגנדיקע און פאַרעקשנטע מענטשן, וועלכע זיצן גאַנצע נעכט איבער ספרים, און צו זעכציק יאָר, ווען ס'קומט אָן די עלטער אין די צייט פון רעוומאַטיזם, טראָגן זיי אויף זייערע שוואַרצע, שלעכט אויפגענייטע בגדים אַ לענטע מיט אָרדנס? זי וואָלט געוואָלט, אַז דער נאָמען באָוואַרי, וועלכער איז איצט געווען אירער, זאָל

ווערן באַרימט, מען זאָל אים אַרויסשטעלן אין אַלע בוכהאַנ-
דלונגען, אין זשורנאַלן, און מען זאָל רעדן פון אים אין גאַנץ
פראַנקרייך. אָבער שאַרל האָט אינגאַנצן נישט געהאַט קיין
אַמביציע! אַ געוויסער דאָקטאָר פון איוועטאָ, מיט וועלכן ער
האָט זיך לעצטנס באַגעגנט אויף אַ קאָנסיליום, האָט אים אַ ביסל
פאַרשעמט ביים בעט פון א חולה, אין די אויגן פון זיינע
קרובים. ווען שאַרל האָט אין אָוונט דערציילט עמען וועגן
דערדאָזיקער מעשה, האָט זי זיך שטאַרק אויפגערעגט קעגן
דער אויפפירונג פון זיין קאָלעגע. שאַרל איז געווען גערירט.
מיט טרערן אין די אויגן האָט ער זי אַ קוש געטאָן אין
שטערן. אבער זי איז געווען שטארק אויפגעבראַכט פאַר חרפּה;
זי האָט אים געוואָלט שלאָגן. זי איז אריין אין קאָרידאָר, אויפ-
געעפנט דאָס פענסטער און איינגעאָטעמט די פרישע לופט,
כדי זיך צו באַרויקן.

— ס'אַרא שלים-מזל! ס'ארא שלים-מזל! — האָט זי אַלץ
שטיל געחזרט בייסנדיק זיך די ליפּן.

און תמיד איז זי געווען אויפגערעגט אויף אים. מיט די
יאָרן איז ער אריינגעפאַלן אין מיאוסע געוויינהייטן; ביים דע-
סערט, אַ שטייגער, פלעגט ער צעשניידן דעם קאָרעק פון אַ
ליידיק פלעשל; נאָכן עסן פלעגט ער זיך באַלעקן; די זופּ
פלעגט ער שלינגען און בעת מעשה טשאַמקען, און אַזוי ווי ער
האָט נאָך אָנגעהויבן דיק צו ווערן, האָט זיך אויסגעוויזן, אַז
זיינע אויגן, קליינע בטבע, אַנטלויפן אין די שלייפן, צוליב די
אָנגעבלאָזענע באַקן.

טיילמאָל פלעגט אים עמע אַריינשטופּן אונטערן וועסט דעם
רויטן ברעג פון זיין לייב-העמד, אויסגעגלייכט אים דעם קראַ-
וואַט, אָדער אַוועקגעשליידערט זיינע אָפּגעטראָגענע הענטשקעס,
וועלכע ער האָט געוואָלט אָנטאָן; און געטאָן האָט זי עס נישט
פאַר אים, ווי ער האָט געטראַכט, נאָר פשוט פאַר זיך אַליין,
פון עגאָיזם און פון אויפרעגונג. אַמאָל פלעגט זי אים דער-
ציילן זאַכן, וואָס זי האָט געלייענט, אַ סצענע פון אַ ראָמאַן,
פּרטים פון אַ פּיעסע אָדער סתּם אַ מעשה פון אַריסטאָקראַטישן

לעבן, אַרויסגעלייענט פון עפּעס אַ פּעליעטאָן; שאַרל איז דאָך געווען אַ מענטש מיט אַן אָפּענעם אויער, גרייט צו כאַפּן התפּעלות. צי האָט זי דעם וויניק סודות פּאָרטרויט איר הינטל? זי װאָלט אַפילו גערעדט מיטן האָלץ פון קאַמין און מיטן זייגער-אומרו.

טיף אין איר נשמה האָט זי דאָך געוואַרט אויף עפּעס אַ געשעעניש. פּונקט ווי מאַטראָזן ביי אַן אומגליק, אַזוי האָט זי אַרומגעפירט אירע פאַרצווייפלטע אויגן איבערן מדבר פון איר לעבן, זוכנדיק עפּעס אַ ווייסן זעגל אינם ווייטן נעפּל פון האָריזאָנט. זי האָט נישט געוווסט וואָסער געשעעניש דאָס וועט זיין, וואָסער ווינט וועט עס ברענגען צוטראָגן, צו וואָסערע ברעגן וועט עס זי דערפירן, צי דאָס וועט זיין אַ לאָדקעלע, צי אַ דריי-זעגלדיקע שיף, פול מיט אומעט, אָדער איבערגעלאדן מיט תאווה. אָבער אַלע אינדערפרי האָט זי געהאָפט, אַז דאָס וועט היינט געשען. זי פלעגט זיך צוהערן צו יעדן גערויש, פלעגט זיך אַ ריס טאָן שנעל פון אָרט, און פלעגט זיך וווּנדערן, וואָס ס'האָט גאָרנישט פּאַסירט; נאָכדעם, ווען די זון איז פאַרגאַנגען, פלעגט זי ווערן אומעטיקער: זי האָט געוואָלט, אַז דער מאָרגן זאָל שוין קומען.

ווידער איז אָנגעקומען דער פרילינג. ביי די ערשטע היצן, ווען עס האָבן זיך צעבליט די באַרנביימער, האָט זי דערפילט, אַז זי ווערט דערשטיקט.

אין אָנהייב יולי האָט זי שוין געציילט אויף די פינגער, וויפל וואָכן ס'איז נאָך פאַרבליבן ביז אָקטאָבער, טראַכטנדיק, אַז דער מאַרקיז ד'אַנדערווילייע וועט אפשר ווידער מאַכן אַ באַל אין וואָביעסאַר. אָבער גאַנץ סעפּטעמבער איז אַריבער אָן בריוו און אָן וויזיטן.

נאָך דער דאָזיקער שרעקלעכער אַנטטוישונג, איז עמעס האַרץ ווידער אויסגעליידיקט געוואָרן און ס'איז אָוועק אַ לאַנגע שורה פון גרויע טעג.

איצט וועלן זיך שוין כסדר ציען טעג, ענלעך איינער צום צווייטן, און זיי וועלן גאַרנישט ברענגען מיט זיך! אַנ-

דערע מענטשן, ווו אומעטיק עז זאָל זיי נישט זיין, האָבן זיי דאָך אַ האָפענונג אויף עפּעס אַ פּאַסירונג. אַ פּאַסירונג פירט עפּטער צו פאַרשידענע צופאַלן, און די דעקאָראַציע ענדערט זיך. אָבער פאַר איר וועט שוין גאָרנישט זיין! גאָט האָט אַזוי געוואָלט! די צוקונפט — איז אַ לאַנגער פינסטערער קאָ־רידאָר מיט צוגעמאַכטע טירן ביים עק.

זי האָט אָוועקגעוואָרפן די מוזיק. צוואָס שפּילן? ווער וועט זי הערן? אַזוי ווי עס וועט איר קיינמאָל נישט אויסקו־מען צו זיצן אין אַ קאָנצערט־זאַל, ביי אַן עראַרד־קלאַוויר, אין אַ סאַמעטן קלייד, מיט נאַקעטע הענט, און קלאַפּן איבער די קלאַווישן מיט שנעל־באַוועגלעכע פינגער, און פילן בעת מעשה ווי אַרום איר צעשפּרייט זיך אַ שושקעריי פון אַנטציקונג, פונקט ווי אַ ווינטל, — טאָ צו וואָס זאָל זי זיך אומזיסט פאַרדרייען דעם קאָפּ מיט לערנען שפּילן? זי האָט געלאָזט ליגן אין שאַפע אירע צייכענונגען אין די העפטן. צוואָס? צוואָס? דאָס נייען האָט איר אויפגערעגט.

— איך האָב אַלץ איבערגעלייענט, — האָט זי זיך געזאָגט.

שעהן־לאַנג פלעגט זי אָפּזיצן ביים אויוון און אָנגליען רויט די קאַמין־צוואַנגלעך, אָדער זיך צוקוקן ווי דער רעגן פאַלט.

ווי אומעטיק איז איר געווען אין אַ זונטיקדיקן טאָג, ווען מען פלעגט קלינגען צו דער אָוונט־תפילה! זי פלעגט זיך צוהערן מיט אַן אָנגעשטרענגטער אויפמערקזאַמקייט, צו די איינצל־נע קלאַנגען פונם געשפּאַלטענעם גלאָק. אַ קאַץ פלעגט פּאַ־מעלעך קריכן ערגעץ אויף אַ דאַך, אויסבויגנדיק איר רוקן אויף די בלאַסע זונשטראַלן. דער ווינט האָט אָנגעטראָגן אויפן הויפּט־וועג וואָלקנס שטויב. ערגעץ ווייט האָט זיך צעבילט אַ הונט. און דער גלאָק האָט אין גלייכע הפסקות איינטאָניק געקלונגען, און דידאָזיקע טענער זענען אָפּגעשטאָרבן אויף די ווייטע פעלדער.

דער עולם איז דערווייל אַרויס פון קלויסטער. די פרויען אין אויסגעפוצטע שיך, די פויערים אין נייע בלוזעס, און די

קינדער זענען אַרומגעשפּרונגען פאַר זיי מיט נאַקעטע קעפּ — אַלע זענען געגאַנגען אַהיים. און אַ פינף־זעקס מענטשן, תּמיד דיזעלבע, פלעגן ביז ביינאַכט שפּילן אין קאָרעק, פאַר דער טיר פון אַ שענק.

דער ווינטער איז געווען אַ קאַלטער. אינדערפרי זענען די שויבן באַדעקט געוואָרן מיט פראָסט, און דאָס ווייסלעכע ליכט, וואָס פלעגט זיך דורכשלאָגן דורך זיי, פּונקט ווי דורך מאַטן גלאָז, פלעגט זיך אַ גאַנצן טאָג נישט ענדערן. פיר אַ זייגער אינאָוונט פלעגט מען שוין דאַרפן אָנצינדן אַ לאָמפּ.

אין אַ גוטן וועטער פלעגט זי אַרויסגיין אין גאָרטן. די פאַרפרוירענע ראָסע האָט איבערגעלאָזן אויף די קרויט־בלעטער זילבערנע שפּיצן מיט לאַנגע העלע פעדעם, וועלכע פלעגן זיך ציען פון איין קוסט צום צווייטן. פייגל האָבן אויפגעהערט צו זינגען; ס'האָט זיך געדאַכט, אַז אַלץ שלאָפט; דער שפּאַלער איז געווען באַדעקט מיט שטרוי און די שורה וויין־קוסטעס, ענלעך צו אַ גרויסער קראַנקער שלאַנג, האָבן זיך צוגעטוליעט צו דער וואַנט, וו מען האָט געקענט זען, ווי עס שלעפן זיך פיל־פי־סיקע קעלער־ווערעם. צווישן די יעגלביימער, ביים פלויט האָט דער גיפּסענער גלח מיט זיין דרייקאַנטיקן הוט, וואָס לייענט זיין ספר, פאַרלוירן דעם רעכטן פוס, און דער גיפּס אָפּשפּאַלטנ־דיק זיך פון פראָסט, האָט פאָרמירט ווייסע קנייטשן אויף זיין פּנים.

נאָכדעם איז זי אַרויף צו זיך אינדערהויך, פאַרשלאָסן די טיר, פאַנאַנדערגעשאַרט די קוילן אין קאַמין, זיך געשמאָלצן פון היץ, און בעת מעשה געפילט, אַז דער אומעט מאַטערט זי נאָכמער. זי וואָלט גערן אַראָפּ צו דער דינסט און זיך אַדורכגעשמועסט מיט איר, אָבער זי האָט זיך געשעמט.

אַלע טאָג, אינדערזעלבער שעה, פלעגט דער שול־לערער, מיט אַ שוואַרצן זיידענעם טשעפּטשיק אויפן קאָפּ, אויפעפענען די לאָדנס פון זיין הויז און דער פּאָליציאַנט פלעגט פאַרבייגיין, טראָגנדיק דעם שווערד איבער זיין בלוזע. אינדערפרי און פאַרנאַכט פלעגן די פּאָטשט־פערד, צו דריי אין אַ שורה, אַדורכשפּאַנען די גאַס,

כדי זיך אָנצוטרינקען ביי דער סאַדזעווקע. פון צייט צו צייט פלעגט קלינגען דאָס גלעקל ביי דער טיר פון שענק, און ווען ס'האָט געבלאָזן אַ ווינט, האָט מען געהערט סקריפּען ביים שע-רער די קליינע מעשענע טאַצן, וואָס זענען געהאָנגען אויף צוויי האָקעס און אים געדינט פאַר אַ שילד. אין פענסטער האָט דער שערער אַרויסגעשטעלט פאַר אַ באַזונדער פּוץ אַן אַלטמאָדיש בילדל און דערביי איז געשטאַנען אַ וואַקסענער ביוסט פון אַ פרוי מיט געלע האָר. אויך, ער, דער שערער האָט זיך באַקלאָגט אויף זיין ביטערער פּראָפעסיע, אויף זיין צרהדיקער צוקונפט; ער האָט געחלומט פון אַ פּריזורע ער-געץ אין אַ גרויסע שטאָט, אין רואַן, אַ שטייגער, ביי אַ פּאָרט, לעבן אַ טעאַטער; דערווייל אָבער האָט ער גאַנצע טעג אַרומגעשפּאַצירט מיט גרויס מרה-שחורה איבערן גאַס, פון מאַ-גיסטראַט ביזן קלויסטער און אַלץ געוואַרט, טאָמער וועט זיך ווייזן עפּעס אַ גאַסט. אויפהייבנדיק די אויגן, פלעגט פרוי באָ-וואַרי אים תמיד זען פאַר זיך, זיין גריכיש היטעלע אויף דער זייט און מיט זיין ברעזענטענער קורטקע; ער איז געשטאַנען, ווי אַ שומר אויף דער וואַך.

אַמאָל, נאָכמיטאָג, פלעגט זיך באַווייזן הינטער די פענ-סטער פונם זאַל אַ קאָפּ פון אַ מאַנסביל, מיט אַ פאַרברענטן פּנים, מיט שוואַרצע באַקנבאַרדן; ער פלעגט שמייכלען מיט אַ ברייטן זיסן ווייסציינינקן שמייכל. באַלד דערויף האָבן זיך דערהערט די קלאַנגען פון אַ וואַלס, געשפּילט אויף אַ שאַר-מאַנקע, און אין אַ קליין צימערל האָבן זיך גענומען דרייען טענ-צער אין דער גרויס פון אַ פינגער, פרויען אין ראָזע טורבאַ-נען, טיראָלער אין קורטקעס, מאַלפּעס אין שוואַרצע קליידער, קאַוואַלערן אין קורצע הויזן; זיי האָבן זיך געדרייט און גע-דרייט אָן אויפהער צווישן פאָטעלן, קאַנאַפּעס, טישן און זיך אָפּגעשפּיגלט אויף שטיקלעך שפּיגל, צונויפגעקלעפּט ביי די ברעגן מיט שטיקלעך פּאַפּיר. דער שאַרמאַנשטשיק האָט גע-דרייט פאַר אַ הענטל און געקוקט אויף רעכטס און אויף לינקס אין די פענסטער. פון צייט צו צייט פלעגט ער טאָן אַ לאַז-

אַרויס אָן אַ זייט אַ לאַנגען שטראָם פון שוואַרצן שפּייעכץ, אונ־
טערגעבויגן מיט דער קני זיין אינסטרומענט, און דער האַרטער
פּאַס האָט אים געריבן אין פּלייצע; די מוזיק פון דער שאַר־
מאַנקע, אמאָל אומעטיק און צוצויגן, אַמאָל לעבעדיק און פריי־
לעך, האָט זיך מיט געוויש אַרויסגעריסן דורכן טאַפּעטענעם
ראָזאָווען פאַרהאַנג, אונטערגעהייבן מיט אַן אויסטערלישער מע־
שענער שפּאָנע. דאָס זענען געווען מעלאָדיעס פון טעאַטער,
מעלאָדיעס, וואָס מען זינגט אין סאַלאָנען, וועלכע מען טאַנצט
אויף אָוונטן, ביי באַלויכטענע שפּיגלען, — אָפּקלאַנגען פון דער
וועלט, וועלכע דערגרייכן צו עמען. אומענדלעכע סאַראַבאַנדעס
האָבן זיך איר געמישט אין קאָפּ, און פונקט, ווי אַ באַיאַדערע
איבער די בלומען פון אַ טעפּיך, אזוי איז איר געדאַנק גע־
שפּרונגען מיט די נאָטן, געפלויגן פון איין חלום צום צווייטן,
פון טרויער צו טרויער. ווען דער שאַרמאַנשטשיק האָט באַקומען
צוגעוואָרפן אַ נדבה אין היטל, האָט ער באַדעקט זיין אינסטרו־
מענט מיט אַן אַלטער בלויער שמאַטע, אַרויפגעטאָן אים אויף זיין
פּלייצע און זיך אַוועקגעשלעפּט מיט שווערע טריט. זי האָט
אים באַגלייט מיט אירע אויגן.

אומדערטרעגלעך זענען אָבער געווען די מיטאָג־שעהן
אינם קליינעם צימערל פון אונטערשטן שטאָק, ווו דער אויוון
האָט גערויכערט, די טיר האָט געסקריפּעט, די ווענט געשמעקט
מיט שימל און די פּאָדלאָגע איז געווען באַדעקט מיט פייכט־
קייט; ס'האָט זיך איר געדאַכט, אז מען האָט איר דערלאַנגט
אויף אַ טעלער די גאַנצע ביטערקייט פון איר לעבן און ביי
דער פּאַרע פון דער זופּ האָט זיך אויפגעהייבן טיף אין איר
נשמה אַן אַנדער דאַמף, אַ מין דאַמף פון עקל. שאַרל פלעגט
עסן זייער לאַנגזאַם; בשעת מעשה פלעגט זי קנאַקן ניס, אָדער,
אָנגעלענט אויפן עלנבויגן, פלעגט זי צייכענען מיטן שפּיץ מע־
סער אויף דער צעראַטע.

זי האָט איצט פאַרלאָזט אירע גאַנצע באַלעבאַטישקייט,
און די אַלטע באָוואַרי, אַז זי איז געקומען קיין טאָסט לכבוד
דעם גרויסן פּאָסט־ווגא, האָט זי זיך שטאַרק געחידושט אויף

ווינדזאָר, 814 אירי
ביי דער י. ל. פּרץ־שול

עמעס פאַרענדערונג. עמע, וואָס איז תמיד געווען אַזוי פּינקטליך און עלעגאַנט, גייט איצט אַרום גאַנצע טעג נישט אָנגעטאָן, טראָגט גרויע באַוולנע זאָקן, ברענט וואַקסענע ליכט. זי האָט אויך געזאָגט, אַז מען דאַרף זיין שפּאָרזאַם, מחמת זיי זענען נישט רייך, און האָט בעת מעשה צוגעגעבן, אַז זי איז זייער צעפרידן, ממש גליקלעך, אַז טאָסט געפעלט איר זייער, און האָט צוגעשאָטן נאָך אַ סך נייע ווערטער, וועלכע האָבן פאַרשטאָפּט דער שוויגערס מויל. איבעריקנס, איז עמע נישט געווען געשטימט אויסצוהערן אירע עצות; איינמאָל אַפילו האָט די אַלטע באָוואַרי איר באַמערקט, אַז די באַלעבאַטים דאַרפן אַכטונג געבן אויף דער פרומקייט פון די דינער, אָבער עמע האָט איר אָפּגעענטפערט מיט אַזאַ גיפטיקן בליק און מיט אַזאַ קאַלטן שמייכל, אַז די גוטע זקנה האָט זיך שוין גאָרנישט אַריינגעמישט.

עמע איז געוואָרן קאַפּריזנע, בייז. זי האָט זיך באַשטעלט ספּעציעלע מאכלים און זיך ניט צוגערירט צו זיי איין טאָג פלעגט זי טרינקען בלויז מילך, צומאָרגנס טיי, זין צענדליקער טעפלעך. אָפטמאָל פלעגט זי נישט וועלן אַרויסגיין פון צימער. שפּעטער אָבער, אַז עס פלעגט איר אָנהייבן צו שטיקן, פלעגט זי עפענען די פענסטער און אָנטאָן אַ לייכט קלייד. האָט זי אַמאָל גוט אויסגעזידלט די דינסט, פלעגט זי איר נאָכדעם געבן מתנות און אָפּלאָזן זי צו די שכנים; עפטער פלעגט זי אַרויסוואַרפן פאַר אָרעמעלייט דאָס גאַנצע ביסל געלט פון איר בייטל, הגם זי איז גאָרנישט געווען אַזוי גוט, און נישט אַזוי פילבאַר צו יענעמס ליידן, ווי ס'רוב מענטשן פון דאָרף. דידאָזיקע מענטשן דערהאַלטן תמיד אין האַרצן עפּעס אַן אכזריות, וואָס גייט זיך איבער בירושה פון דור צו דור.

סוף פעברואַר האָט דער פאָטער רואָ אַליין געבראַכט זיין איידעם אַ שיינעם אינדיק, צום אָנדענק פון זיין געוועזענער קראַנקהייט און איז פאַרבליבן צוויי טעג אין טאָסט. שאַרל איז אַוועקגעפאָרן צו זיינע חולאים און עמע איז פאַרבליבן אַליין מיטן טאַטן. ער האָט גערויכערט אין צימער, געשפּיגן

אין אויוון, געשמועסט פון זריעה, פון קעלבער, פון קי, פון היגער פון שטאָט-ראַט; און ווען ער איז אַוועקגעפאָרן, האָט זי פאַר-שלאָסן די טיר מיט אַ געפיל פון פאַרלייכטערונג, און זי האָט זיך אליין געחידושט דערויף. איבעריקנס, האָט זי שוין איצט נישט פאַרבאָרגן איר שנאה צו אַלץ און צו אַלעמען; טיילמאָל פלעגט זי ארויסזאָגן משונהדיקע געדאנקען, חוזקן איבער דעם, וואָס אַלע רימען און דווקא ליבן שמוציקע אוממאָראַלע זאַכן. דער מאַן פלעגט אויסשטעלן אויף איר אַ פּאָר פאַרחידושטע אויגן.

צי וועט דען דאָס צרהדיקע לעבן זיך ציען אָן א סוף? צי האָט זי שוין נישט קיין אַנדער אויסוועג? זי האָט דאָך אַזוי פיל פארדינט, ווי יענע אַלע, וואָס לעבן גליקלעך! אין וואָביעסאר האָט זי געזען הערצאָגינעס, וועלכע האָבן האַמעט-נענע פנימער און גרעבערע מאַנ״רן, ווי זי, און זי האָט פאַר-שאָלטן גאָטס אומגערעכטיקייט; זי האָט אנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָן דער וואַנט און האָט געוויינט; זי האָט מקנא געווען דאָס שטורמישע לעבן, די מאַסקן-בעלער, די אומפאַרשעמטע תענוגים, ביי וועלכע מען פאַרגעסט זיך. זי האָט עס שוין געוווּסט און וועגן דעם האָט זי אַלץ געחלומט.

זי איז בלאַסער געוואָרן און אָנגעהייבן צו ליידן אויף האַרץ-קלאַפעניש. שאַרל האָט איר פאַרשריבן וואַלעריאַן-טראָפּנס און קאַמפאָר-וואַנעס. אָבער אַלץ, וואָס ער האָט איר פאַרשריבן, האָט איר נאָכמער אויפגערעגט.

ס'זענען געווען טעג, ווען זי האָט נישט צוגעמאַכט דאָס מויל. נאָך אַזאַ מין געהייבענער שטימונג פלעגט זי מיטאַמאָל אריינפאַלן אין אַפּאַטיע, פלעגט נישט רעדן און זיך נישט באַוועגן. בלויז מיט איין זאַך פלעגט מען זי קענען אויפמונ-טערן: מיט קעלניש וואַסער, וואָס מען פלעגט איר גיסן אויף די הענט.

מחמת זי האָט זיך כסדר באַקלאָגט אויף טאָסט, האָט שאַרל געמיינט, אַז די סיבה פון איר מחלה איז נישט מער ווי אַ לאָקאַלע ווירקונג, און שטיצנדיק זיך אויף דעמדאָזיקן גע-

דאַנק, האָט ער ערנסט אָנגעהייבן צו טראַכטן, אַז מען דאַרף זיך אַרויסציען פֿונדאַנען ערגעץ אַנדערש.

זי האָט אָנגעהויבן צו טרינקען עסיג — זי האָט זיך געוואָלט אָפּצערן. דערפֿון האָט זי באַקומען אַ טרוקענעם הוסט און האָט לגמרי פֿאַרלוירן דעם אַפּעטיט.

שאַרלען איז נישט געווען לײַכט צו פֿאַרלאָזן טאָסט, נאָכדעם, ווי ער האָט דאָ פֿאַרבראַכט גאַנצע פֿיר יאָר צײַט און זיך דאָ אַ ביסל אײַנגעוואָרצלט. אָבער עס איז קיין אַנדער עצה נישט געווען! ער האָט זי אַוועקגעפֿירט קיין רואַן צו זײַן אַלטן לערער. ס'איז געווען אַ נערוון-קראַנקהייט, און מען האָט געדאַרפֿט בײַטן די לופֿט.

זוכנדיק דאָ און דאָרט, איז שאַרל דערגאַנגען, אַז אין דער נעוושאַטעלער געגנט געפֿינט זיך אַ שטעטל יאָנוויל-ל'אַבע; דער דאָקטאָר פֿון דעמדאָזיקן שטעטל, אַ פּוילישער עמיגראַנט, איז אַקוראַט יענע וואָך אַוועקגעפֿאָרן. שאַרל האָט תּיכּף אָנגעשריבן צו דעם דאָרטיקן אַפּטייקער אַ בריוו, און זיך נאָכגעפֿרעגט אויף דער צאָל פֿון דער באַפֿעלקערונג, ווי ווײַט, אַ שטייגער, איז פֿון דאָרט צו דעם נאָענטסטן קאָלעגע, וויפֿל יערלעכע הכנסה האָט געהאַט דער פֿריערדיקער דאָקטאָר, א. אַז. וו; און באַקומענדיק אַ גינסטיקן ענטפֿער, האָט ער באַשלאָסן זיך אַריבערצופּעקלען אַהין פֿרילינג-צײַט, אויב עמעס געזונט וועט זיך נישט פֿאַרבעסערן.

האַלטנדיק בײַם אַרויספֿאָרן פֿון טאָסט, האָט עמע איינמאָל עפּעס געזוכט אין אַ שופֿלאָד און זיך בעת מעשה צעשטאָכן די פֿינגער. דאָס איז געווען דער דראָט פֿון איר חתונה-בוקעט. די קנאָספּן פֿון די פּאָמאַראַנצן-בלומען זענען געל געוואָרן און די סאַמעטענע לענטעס מיט די זילבערנע בענדלעך האָבן זיך אָפּגעריבן בײַ די עקן. זי האָט אים אַרײַנגעשליידערט אין פֿײַער. ער האָט זיך שטאַרק צעפֿלאַקערט, ווי טרוקענער שטרוי. באַלד האָט ער זיך פֿאַרוואַנדלט פֿון אַ רויטן קוסט אין אַש און האָט לאַנגזאַם געטליעט. זי האָט זיך צוגעקוקט צו דערדאָזיקער שׂרפֿה. די קליינע טעקטורענע יאַב־

דאָס האָבן געפּלאַצט, די דראָטן האָבן זיך צונויפגעדרייט, די שפּיצן זענען צעשמאָלצן געוואָרן; און די פּאַפּירענע בלעטלעך האָבן זיך געקאָרטשעט, געפּלאַטערט אין אויוון, ווי שוואַרצע זומער־פייגעלעך, און, צולעצט, אַוועקגעפלויגן אין קוימען.

ווען זיי זענען אין מערץ אַרויסגעפאָרן פון טאָסט, איז מאַדאַם באָוואַרי געווען מעוברת.

צווייטער טייל

I

יאָנוויל־ל׳אַבע (האָט באַקומען איר נאָמען פון דער אמאָליקער קאַפוצינישער אַבאַטורע, וואָס אירע חורבות עקזיסטירן שוין נישט מער) איז אַ שטעטל, אַכט מייל פון רואַן, אויפן וועג קיין אַבעוויל און באָווע; עס ליגט אין אַ טאָל, אין וועלכן עס לויפט דאָס טייכל ריעל, וואָס פאַלט אַריין אין אַנדעל, נאָכדעם ווי עס ברענגט אין באַוועגונג דריי מילן ביי איר לעפצונג; דאָרט געפינען זיך אַ ביסל פאָרעלן, און אַלע זונטיק קומען אַהין יינגלעך צו ווילן זיך ביים פיש־פאַנג.

ביי בואַסיער פאַרקירעוועט מען פון טראַקט און מען פאָרט מיט זייטיקע וועגן ביז צו די הויכקייטן פון לע, פונוואַנען מען זעט דעם גאַנצן טאָל. דער טייך צעטיילט אים אויף צוויי פאַרשידנאַרטיקע געגנטן; אַלץ, וואָס ליגט לינקס, איז באַדעקט מיט צואַקערטער ערד. די לאָנקעס ציען זיך צופוסנס מיט נידעריקע היגלען און דאָ גיסן זיי זיך צונויף מיט די פאַשע־פעלדער פון דער געגנט ברע; פון דער מזרח־זייט, ווידער, הייבט זיך לייכט אויף אַ פליין, וואָס צעשפרייט זיך ברייט, און דאָס אויג זעט ווייט אַרום זיך זיינע העלע תבואה־פעלדער. דער טייך, וואָס פליסט צווישן די גראָזן, טיילט אָפּ מיט אַ ווייסן פאַס די לאָנקעס פון די פעלדער־בייטן, און דאָס גאַנצע לאַנד מאַכט אַן איינדרוק פון אַ גרויסן אויסגעשפרייטן

מאַנטל מיט א גרינעם סאַמעטענעם קאָלנער אַרומגעזוימט מיט אַ זילבערנעם גאַלאָן.

אין עק פון האָריזאָנט זעט מען די דעמבעס פון ארגיילער וואלד מיט די רוקנס פון די סען=זשאַן=הויכקייטן, דורכגעשניטן פון אויבן ביז אַראָפּ מיט לאנגע רויטע, נישט גלייכע פאסן; דאָס זענען די שפּורן פון רעגנס; און די ציגלנע שאטירונגען, וואָס שלענגלען זיך, ווי דינע פעדים איבן גרויען פאָן פונם באַרג, שטאַמען פון די אייזן-קוואַלן, וואָס פליסן אַראָפּ אין די שכנותדיקע טאָלן.

דאָ געפינט איר זיך אויף די גרענעצן פון נאָרמאַנדיע, פּיקאַרדיע און איל-דע-פראַנס, — אַ ווילדע געגנט, ווו די שפּראַך איז נישט קיין אויסדריקלעכע, פּונקט ווי דער פּייזאזש, וואָס האָט נישט קיין שום כאַראַקטעריסטישע שטריכן. אָט דאָ, אין דער גאַנצער געגנט מאַכט מען דאָס טאקע די ערגסטע נעפשאַטעלער קעזן, און דאָ קאָסט אויך זייער טייער די קולטיווירונג פון די פעלדער, מחמת מען דאַרף פאַרברויכן אַ סך מיסט, אַז מען זאָל קענען צוגעבן אַ ביסל חיות די מאָגערע פעלדער, וואָס זענען איבערגעפּאַקט מיט זאַמד און מיט שטיינדלעך.

ביזן יאָר 1835 איז בכלל נישט געווען קיין גוטער וועג קיין יאנוויל; ערשט מיט דער צייט האָט מען דאָרט אויסגעלייגט אַן אויסגעצייכנטן שאָסיי, וואָס פאַרייניקט דעם אַבעווילער וועג מיטן אַמיענער; איבער דעמדאָזיקן שאָסיי ציען זיך עפּטער די פורן פון רואַן קיין פלאַנדריע. אָבער נישט געקוקט אויף אירע נייע וועגן, איז יאָנוויל דאָך שטארק אָפּגעשטאַנען. אנשטאָט אויסצובעסערן דעם אַקער=באָדן, פאַרנעמט מען זיך כסדר מיט די לאָנקעס, וואָס האָבן א קנאַפּן ווערט, און דאָס פוילע שטעטל, עטוואָס אָפּגעלעגן פון פליין, האָט זיך אויף אַ נאַטירלעכן אופן פארגרעסערט לענגאויס דעם טייך. שוין פונדערווייטנס קען מען זען, ווי דאָס שטעטל האָט זיך אויסגעזעצט ביים ברעג, ווי אַ פּאַסטוך, וואָס רוט זיך דאָ אָפּ ביי זיינע וואַסערן.

אונטערן באַרג, ביי דער בריק הייבט זיך אָן דער שאָסיי, באַזייט מיט יונגע אָסינעס, וועלכע פירן אייך אין א גלייכער ליניע צו די ערשטע הייזער: די הייזער זענען ארומ-

געצוימט מיט פלויטן, און אַרומגערינגלט מיט הויפן. ווו נישט ווו פאַרשידענע בנינים, קעלערס, שטאַלן, שייערס, צעזייט און צעוואָרפן אונטער פאַרצווייגטעביימער, אויף וועלכע עס הענגען לייטערס, שטאַנגען, קאָסעס. די שטרויענע דעכער, פונקט ווי פוטערנע היטלען, אַראָפּגערוקטע אויף אויגן, לאָזן זיך אַראָפּ כמעט ביז צו דער העלפט פון די נידעריקע פענסטער, וואָס זייערע גראָבע, אָנגעדראָלענע שויבן האָבן אינמיטן עפּעס א מין קרייזל. ענלעך צו אַ דעק פון אַ פלשאַ. צו די געטינקעוועטע ווענט, דורכגעשניטן אין דער קווער מיט שווארצע באַלקנס, טוליעט זיך טיילמאָל צו א מאָגערער בארנבוים, און די אונטערשטע שטאָקן האָבן ביי דער טיר א קליינעם באוועגלעכן באריער, — א מין שוץ קעגן הינער, וועלכע קומען אויף דער שוועל פיקן ברעקלעך ברויט, דורכגענעצט אין עפּל-וויין. אָבער וואָס ווייטער, ווערן די הויפן אַלץ שמעלער, די הייזער אַלץ צונויפגעפּרעסטער, און די פלויטן פאַרשווינדן; אַ הויפן מאַהאָלדער שאָקלט זיך אונטער אַ פענסטער אויף אַ שטעקן פון א בעזעם; אָט זעט מען א קוזניע, אַ סטעלמאַכעריי מיט אַ צוויי-דריי נייע וועגלעך, וואָס זענען אַרויסגעשטעלט אין דער ריכטונג צום וועג. ווייטער שווימט אַרויס פון אונטער שטאכעטן אַ ווייס הייזל, און פאַר אים אַ רונדיקער גאַזאָן, באַפּוצט מיט אַן אַמור-סטאַטוע, האַלטנדיק אַ פינגער אין מויל; צוויי טשוהונענע וואַזעס שטייען ביי ביידע זייטן פונם גאַנעק; איבער דער טיר גלאַנצט אַ הערב; דאָס איז דאָס הויז פונם נאטאריוס, דאָס שענסטע אין שטעטל.

דער קלויסטער שטייט אויף יענער זייט גאַס, ביי אַ צוואַנציק טריט ווייטער פון מאַרק-פּלאַץ. דער קליינער בית-עלמין ארום אים, אַרומגעצוימט מיט אַ נידעריקער וואַנט, איז אַזוי געדיכט פאַרשאָטן מיט קברים, אַז די אַלטע שטיינער, וואָס זענען שוין אויסגעגלייכט מיט דער ערד, האָבן געשאַפן אַ מין שטיינערנע פּאָדלאָגע, איבער וועלכער די גראָזן האָבן פון זיך אַליין אָנגעצייכנט גלייכע גרינע קוואַדראַטן. דער קלויסטער איז איבערגעבויט געוואָרן און די לעצטע יאָרן נאָך פון שאַרל X צייטן זיין הילצערנער געוועלב הייבט שוין אָן צו פוילן פון דערהויך, און אין

זיין בלויער פאַרב זעט מען שוין דאָ און דאָרט שוואַרצע שפּאַלטן. איבער דער טיר, ווו ס'האָט באַדאַרפט זיין דער אָרגל, שטייט אַ כאָר-עסטראַדע פאַר מאַנסלייט, מיט געדרייטע שטיגן, וועלכע טראָס-קען אונטער די פיס.

דאָס העלע ליכט, וואָס שלאָגט זיך אַדורך דורך די שויבן, צעלייגט קרומע שטראַלן איבער די בענק, וועלכע זענען אויסגע-שטעלט מיט דער זייט צו די ווענט; דאָ און דאָרט ליגט אַ שטרוי-טעפּיכל צוגעשלאָגן מיט טשוועקעס, מיט אַ גרויסער אויפשריפט איבער זיי: „די באַנק פון פלוני בן פלוני". עטוואָס ווייטער, ווו די נאַווע *) פאַרשמעלערט זיך, שטייט אַ קאָנפעסיע-חדרל**), וואָס איז גלייכצייטיק אויך אַ געשטעל פאַר דער הייליקער מוטער, אין אַ סאַמעטענעם קלייד, מיט אַ טיולענעם שלייער, פאַרשאָטן מיט זילבערנע שטערן; זי האט רויטע בעקלעך, פונקט ווי אַן אָפּגאָט פון די סאַנדוויטש־אינדזלען; די טיפקייט פון דער פערספּעקטיוו פאַרענדיקט די קאָפּיע פון דער הייליקער משפחה, אַ מתנה פון אויסערן-מיניסטער, וואָס הענגט איבערן אַלטאַר, צווישן פיר קאַנדעליאַברעס. די כאָר־עסטראַדע פון סאָסנאָוון האָלץ האָט מען שוין נישט אויסגעמאָלט.

דער מאַרק, אָדער פשוט געזאָגט, עטלעכע צענדליק סלופּעס, באַדעקט מיט דאַכאָוועקעס, פאַרנעמט כמעט אַ העלפט פון דעם גרויסן יאָנוויל-פּלאַץ. דער מאַגיסטראַט, אויסגעבויט לויט די צייכנונגען פון אַ פּאַריזער אַרכיטעקטאָר, איז ענלעך צו אַ גריכישן טעמפּל, וועלכער רוקט זיך אַרויס מיט אַ ווינקל ביי דער זייט פון דער אַפּטייק. אונטן האָט ער דריי יאָנישע קאָלאָנעס, אויפן צווייטן שטאָק אַ האַלב קיילעכדיקע גאַלע-ריע און דער שפּיץ איז באַפּוצט מיט אַ גאַלישן האָן, אָנגעשפּאַרט מיט איין פיסל אויף דער קאָנסטרוקציע-קאַרטע און מיט דער צווייטער האַלט ער די וואָג פון גערעכטיקייט.

איבערהויפּט אָבער וואַרפט זיך אין די אויגן מסיע אָמעס אַפּטייק, וואָס שטייט אַנטקעגן דעם שענק פון דעם „גאָלדענער לייב".

---

*) נאַווע: דער מיטן פון אַ קלויסטער.

**) קאָנפעסיע-חדרל: ס'חדרל, ווו מען איז זיך מתוודה פאַרן גלח.

באַזונדערס שיין איז זי אינאָוונט, ווען איר לאָמפּ איז אנגעצונדן גוּן די רויטע און גרינע אורנעס, וואָס באַפּוצן דאָס שויפענסטער, וואַרפן ווייט אויף דער ערד זייערע קאָלירטע שאָטנס, און דורך זיי, פונקט ווי דורך בענגאַלישע פייערן, זעט מען דעם שאָטן פון אַפּטייקער, אָנגעשפּאַרט אויף זיין פּולט. זיין הויז איז פון אויבן ביז אַראָפּ באַדעקט מיט אויפשריפטן, געשריבן אין ענגליש, מיט אַ רונדן דיקן כתב: „ווישי־וואַסער סעלצער=וואַסער, באַרעזשער אָפּפירונג-סאָקן, ראַספּאַילערוואַסער, אראַבער ראַקאַוּט, דאַרסער, אפּלאַטקעס, פּאַסטע רעניאָ, באַנדאַזשן, וואַנעס, געזונט-שאָקאָלאַד, א. אז. וו. אויף דער שילד, וואָס ציט זיך לענגאויס דעם גאַנצן געשעפט, איז אָנגעשריבן מיט גאָלדענע אותיות: אָ מ ע, אַ פּ ט ײ ק ע ר. אין דער אַפּטייק, ווידער, הינטער דער גרויסער שאָל, וואָס איז צוגעפעסטיקט צום טישל, געפינט זיך נאָך אַן אויפשריפט: ל אַ ב אָ ר א ט אָ ר־ י ו ם; און איבער דער גלעזערנער טיר איז ווידעראַמאָל מיט גאָלדענע אותיות גויף אַ שוואַרצן פאָן איבערגעחזרט: „אָ מ ע".

מער איז נישטאָ וואָס צו באַקוקן אין יאָנוויל. די איינציקע גאַס, וואָס איז לאַנג ווי דער שטח פון אַ ביקסן=שאָס און פאַרמעגט עטלעכע קראָמען, פאַרענדיקט זיך שנעל ביי דעם אויסבויג פון וועג. אויב איר לאָזט זיך אַוועק לענגאויס דעם סען=זשאַן=היגל, איבערלאָזנדיק די גאַס אויף רעכטס, קומט איר אַרויס צום בית־עלמין.

ווען מען האָט געדאַרפט פאַרגרעסערן דעם בית־עולם אין דער כאָלערע-צייט, האָט מען איין זייט וואַנט פאַנאַנדערגעוואָרפן, און צוגעקויפט דריי אַקער ערד; אָבער דערדאָזיקער צוגעקומענער שטח איז כמעט נישט פאַרברויכט געוואָרן, ווייל אַלע קברים האָבן זיך, ווי פריער, געפּרעסט צום טויער צו. דער שומר, וואָס איז אי קברן אי שמש ביים קלויסטער, און וואָס האָט אַזויאַרום פון בר־מינן אַ טאָפּעלע הכנסה, האָט אויסגענוצט דאָס שטיקל ערד און דאָרט פאַרזייט קאַרטאָפל. אָבער פון יאָר צו יאָר האָט זיך זיין פעלד פאַרקלענערט, און בעת אַן עפּידעמיע וויס ער אַליין נישט, צי זאָל ער זיך פרייען

מיט די מתים אָדער זיך מצער זיין, וואָס זיין שטיקל ערד ווערט פאַרקלענערט.

— איר נערט זיך מיט מתים, לעסטיבודואַ, — האָט אים איינמאָל דער גלח באַמערקט.

ער האָט זיך פאַרטראַכט איבער דידאָזיקע טרויעריקע ווערטער; ער האָט אויף אַ צייט אָפּגעשטעלט די ערד־אַר־בעט; אָבער היינט זייט ער ווידער זיינע קאַרטאָפל און האַלט אין איין טענהן, אַז זיי וואַקסן פון דער נאַטור.

פון יענע צייטן, ווענן וועלכע עס וועט נאָך ווייטער גע־רעדט ווערן, האָט זיך אין יאָנוויל גאָרנישט געענדערט. דער בלעכענער דרייפאַרבן־פלוגער דרייט זיך נאָך אַלץ אופן גלאָקן־טורעם פונם קלויסטער, איבערן געשעפט פון „מאָדישע סחורות" פלאַטערן נאָך אַלץ אויפן וואַנט צוויי שטיקלעך ליווונט, און ביים אַפּטייקער פוילן נאָך אַלץ אין שמוציקן אַלקאָהאָל עמבריאָ־נען און שטיקלעך ווייסער צונטער, און איבערן גרויסן טויער פון דער אכסניה קוקט אויף אייך אַן אַלטער לייב, אָפּגעבליאַ־קירט פון רעגן, און ווייזט כסדר די פאַרבייגייער זיין הינטישע פריזור.

אינאָווענט, ווען באָווארי מיטן ווייב האָבן געדאַרפט אָנ־קומען קיין יאָנוויל, איז מאַדאַם לעפראַנסואַ, די באַלעבאָסטע פון דער אַכסניה, געווען אַזוי פאַרטאַראַראַמט ביי די פאַנען, אַז עס האָבן זיך איר געגאָסן טרערן שוויס. מאָרגן האָט געזאָלט זיין אַ מארק־טאָג. מען האָט געדאַרפט באַצייטנס אָנשניידן פלייש, צורעכט מאַכן די הינער, קאָכן זופּ און קאַווע. זי האָט געדאַרפט צוגרייטן עסן פאַר אירע שטענדיקע געסט און אויך פאַרן דאָקטאָר, זיין ווייב און דינסט; פון ביליאַרד־צימער האָט אַרויסגעשטראָמט אַ הויך געלעכטער; דריי מילנערס פון קליינעם צימער האָבן געפאָדערט בראָנפן; דאָס האָלץ אין אויוון האָט געפלאַקערט; די קוילן האָבן געקנאַקט, און אויפן לאַנגן קיך־טיש, צווישן שטיקער רויע שעפסן־פלייש, האָבן זיך געהייבן בערג מיט טעלער, וועלכע האָבן געקאַפּט אַ ציטער, ווען מען האָט געהאַקט שפּינאַט אויפן ברעטל. הינטערן הויפל

האָבן געשריען הינער, נאָך וועלכע עס האָט זיך געיאָגט די דינסט, אַראָפּצוהאַקן זיי די קעפּלעך.

אַ מענטש אין בלויע לעדערנע שטעקשיך, מיט סימנים פון פּאָקן אויפן פּנים, אין אַ סאַמעטענעם היטל מיט אַ גאָלדן פּרענדזל, האָט זיך געוואַרעמט לעבן אויוון. זיין פּנים האָט, חוץ צופרידנקייט מיט זיך, גאָרנישט אויסגעדריקט; ער האָט אויסגעזען אַזוי צופרידן מיט זיין לעבן, ווי דער שטיגליץ, וואָס איז געהאָנגען אין שטייגל איבער זיין קאָפּ; דאָס איז געווען דער אַפּטייקער. — ארטעמיז! — האָט די באַלעבאָסטע פון דער אכסניה געשריען. — האַק אָן שפּענדלעך, פיל אָן די קאַראַפקעס, ברענג בראָנפן, שנעלער אַ ביסל! וואָלט איך כאָטש געוווּסט וואָסער דעסערט צוצוגרייטן פאַר אייערע געסט! גאָט אין הימל! די אָנגעשטעלטע רייסן זיך שוין ווידער אין ביליאַרד־צימער! און זייער עקיפּאַזשל שטייט ביים טויער! „די שוואַלב" קען נאָך, חלילה, אַרויפפאָרן אויף אים! רוף אַריין פּאָליטן, זאָל ער עס אַוועקשטעלן אויפן אָרט!... שטעלט אייך פאָר, מסיע אָמע, פון אינדערפרי אָן האָט מען אָפּגעשפּילט פופצן פּאַרטיעס און אויסגעטרונקען אַכט קאַראַפקעס עפּל־וויין!... זיי וועלן מיר נאָך אוודאי צעררייסן דעם טוך, — האָט זי ווייטער גערעדט, קוקנדיק אויף זיי פונדערווייטנס, מיטן לעפּל אין דער האַנט.

— קיין בייז, — האָט אָמע געענטפערט. — וועט איר קויפן אַן אַנדערן.

— אַן אַנדער ביליאַרד! — האָט די אלמנה געשריען.

— ווייל דער טויג שוין סיי ווי נישט, מאַדאַם לעפראַנסואַ. איר מאַכט אייך פיל שאָדן! זייער פיל שאַדן! אויסער דעם פאָדערן איצט די שפּילער שמאָלע לעכער און שווערע שטעקנס. מען שפּילט שוין איצט נישט מיט די באַלן; אַלץ האָט זיך געענדערט! מען דאַרף נישט אָפּשטיין פון דער צייט! נעמט ביישפּיל פון טעליען...

די באַלעבאָסטע איז רויט געוואָרן פון כּעס. דער אַפּטייקער האָט מוסיף געווען:

— זאָגט, וואָס איר ווילט, זיין ביליאַרד איז שענער פון אייערן. און מען קען גאָרנישט האָבן קעגן דעם, אַ שטייגער, ווען מען זאָל מאַכן ביי יעדן שפּיל א פּאַטריאָטישע זאַמלונג פאַר פּוילן אָדער פאר די פאַרפלייצונג=געליטענע אין ליאָן...

נישט פאַר אזעלכע קבצנים שרעקן מיר זיך! — האָט די באַלעבאָסטע איבערגעריסן, הייבנדיק מיט איר׳ע גרויסע אקסלען. -- גייט שוין, גייט! מסיע אָמע, כל=זמן דער גאָלדענער לייב וועט לעבן, וועט אַלץ גיין אַהער. מיר שטייען פעסט אויף אונדזערע פיס! און, זעט איר, אייער פראַנצויזישע קנייפּע וועט אין איין שיינעם פרימאָרגן צוגעקלאַפּט ווערן, מיט אַ פיינער מעלדונג אויף די לאָדן!... טוישן! אַ קלייניקייט, טוישן א ביליאַרד... — האָט זי שוין געטענהט צו זיך אַליין. -- אַזאַ גאָלדענער טיש: מען קען אויף אים איינלייגן וועש. אין דער צייט פון יאַגד קענען דאָך שלאָפן אויף אים גאנצע זעקס פארשוין געסט!... אָבער וואָס איז געוואָרן מיט איווערן, פאַרוואָס קומט ער נישט, דער שלאַק!

— וואָס! איר וואַרט אויף אים מיטן מיטאָג פון אייערע געסט? — האָט דער אַפּטייקער געפרעגט.

-- וואַרטן גאָר אויף אים! און וואָס וועט דערויף זאָגן בינע? שלאָגט דער זייגער זעקס, וועט איר אים שוין זען דאָ, ווייל ס׳איז אויף דער גאַנצער וועלט נישטאָ אזא פּינקטלעכער מענטש. און תמיד וויל ער נאָר זיצן אויף זיין אָרט אין קליינעם זאַל! שטאַרבן וועט ער, און אויף קיין אַנדער אָרט וועט ער נישט עסן! און ס׳ארא מפונק ער איז! ס׳איז אים שווער צוצופּאַסן מיטן עפּל-ווין! ס׳איז נישט מסיע לעאָן: דער קומט אַמאָל זיבן אַ זייגער, אָדער גאָר האַלב אַכט, און זעט קיינמאָל נישט, וואָס ער עסט. ס׳ארא טייערער יונגערמאַן! קיין הויך וואָרט וועט איר פון אים נישט הערן! איר ווייסט דאָך מסתמא, אַז ס׳איז דאָ אַ גרויסער חילוק צווישן אַ ווייל־דערצויגענעם מענטשן און איינעם, וואָס איז געוואָרן אַ בעאַמטער פון שטייערן.

דער זייגער האָט געשלאָגן זעקס. בינע איז אַריינגעקומען.

ער האָט געטראָגן א גראַנאַט-סורדוט, וואָס איז געהאָנגען לויז אויף זיין מאָגערער פיגור, און פון אונטער דעם אויפגעהייבענעם דאַשעק פונם לעדערנעם היטל מיט אויערן, וואָס זענען געווען צוגעפּעסטיקט אויבן צום שפּיץ, האָט מען אַרויסגעזען אַ פּליכעוואַטן שטערן, צונויפגעדריקט פון טראָגן לאַנג דאָס היטל. ער האָט געטראָגן אַ וועסט פון שוואַרצן טוך, אַ האָריקן קראַוואַט, גרויע הויזן, און אַ פּאָר גוט אויסגעפּוצטע שטיוול, וואָס ער האָט געשלעפּט אין אַלע פיר צייטן פון יאָר מיט צוויי פּאַראַלעלע זייטן ביים שפּיץ, צוליב די גראָבע פינגער, וואָס האָבן אַרויסגעשטאַרצט. קיין איין איינציק הערעלע האָט ניִשט איבערגעטראָטן די גלייכע ליניע פון זיין בלאָנדער באָרד, וואָס האָט באַזוימט, ווי אַ בראָדיור אַ בלומען בייט, זיין אָפּגעבליאַקירט פּנימל מיט קליינע אייגעלעך און מיט אַ האָרבאַטער נאָז. בטבע אַן אויסגעצייכנטער קאָרטנשפּילער, אַ גוטער יעגער און אַ זעלטענער קאַליגראַף, האָט ער אויך פאַרמאָגט אַ טאָק-מאַשין, אויף וועלכער ער האָט, פון וויילונג בלויז, אויסגעטאָקט רינגעלעך צו סערוועטקעס; מיט דידאָזיקע רינגעלעך האָט ער אָנגעפּאַקט זיין שטוב, אַרויסווייזנדיק דערביי די אייפערזוכט פון אַן אַרטיסט און דעם עגאָיזם פון אַ בירגער.

ער איז גלייך אַוועק אין קליינעם זאַל; אָבער פון דאָרט האָט מען צוערשט געמוזט אַרויספירן די דריי מילנער, און די גאַנצע צייט, בעת מען האָט דאָרט געגרייט צום טיש, איז בינע שטיל געשטאַנען אויף זיין אָרט ביים אויוון; נאָכדעם האָט ער פאַרמאַכט די טיר און אַראָפּגענומען, ווי די טבע זיינע, דאָס היטל.

— נו, דערגעהערט נישט צו די יעניקע, וואָס האָבן ליב צו שישן מיט העפלעכקייטן! — האָט דער אַפּטייקער געזאָגט, ווען ער איז נאָר פאַרבליבן אַליין מיט דער באַלעבאָסטע.

— אוּן ער רעדט טאַקע נישט מער, — האָט זי געענטפערט. — פאָריקע וואָך זענען אַריינגעקומען צוויי טוך-רייזנדער

אזוינע פריילעכע יונגען; א גאנצן אָוונט האָבן זיי געהאַלטן אין איין שיטן וויצן, אַז איך האָב מיך צעוויינט פון געלעכ־טער; און, שטעלט אייך פאָר, ער איז די גאַנצע צייט גע־זעסן, שטום ווי אַ פּ ש.

— יאָ, האָט דער אַפּטייקער זיך אָפּגערופן, — ער איז אָן אַ ברעקל פאַנטאַזיע, אָן אַ פּיצעלע שאַרפזין, אָן דעם אַלעם, וואָס מאַכט אַ מענטשן וועלטלעך!

— מען זאָגט אָבער, אַז ער איז אַ פעיִקער, — האָט די באַלעבאָסטע באַמערקט.

— אַ פעיִקער! — האָט דער אַפּטייקער זי איבערגעשפּאַרט. — ער! אַ פעיִקער? סיידן אין זיין פאַך, — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ רויִקערן טאָן.

און ער האָט ווייטער געזאָגט:

- אך! ווען, אַ שטייגער, אַ סוחר, וועלכער האָט גרויסע פאַרבינדונגען, אָדער אַ יוריסט, אַ דאָקטאָר, אַן אַפּטייקער זענען אַזוי פאַרזונקען אין זייער אַרבעט, אַז זיי ווערן אויס־טערליש, מרה־שחורהניקעס, לייגט זיך עס נאָך אויפן זינען; אַזוינע זאַכן פאַסירן עפּטער! אָבער דידאָזיקע מענטשן טראַכטן דאָך, לפּחות, פון עפּעס. אָט איך, למשל, וויפל מאָל איז מיר שוין אויסגעקומען צו זוכן די פעדער אויפן טיש, ווען איך האָב באַדאַרפט אָנשרייבן אַן עטיקעטל, און אויסגעלאָזט האָט זיך גאָר, אַז זי האָט מיר געשטעקט אין אויער!

לעפּראַנסואַ איז דערווייל אַרויס אויף דער שוועל, אַ קוק צו טאָן, אפשר פאָרט שוין „די שוואַלב“. זי האָט אויפ־געציטערט. אַ מענטש אין שוואַרצן איז אַריין אין קיך. ביי די לעצטע שקיעה־שטראַלן האָט מען געקענט זען זיין רויטלעך פּנים און זיין אַטלעטישע פיגור.

מיט וואָס קען איך אייך דינען? — מסיע קיורע *) — האָט די באַלעבאָסטע, א פרעג געטאָן, אָנצינדנדיק איינעם פון די קופּערנע קאַנדעליאַבערס, וואָס זענען געשטאַנען אויפן קאַמין

*) קיורע — גלח.

אין א גלייכער שורה, ווי אַ קאָלאָנאַדע. — ווילט איר עפּעס טרינקען? אַ גלעזעלע ווישניאַק, אַ גלאָז ווייַן אפשר?

דער גלח האָט זיך זייער העפלעך אָפּגעזאָגט. ער איז געקומען נאָך זיין שירעם, וואָס ער האָט נעכטן פאַרגעסן אין ערנעמאָנער קלויסטער; ער האָט געבעטן מאַדאַם לעפראַנסוּא, זי זאָל דעם שירעם אינאָוונט אָפּשיקן אין קלויסטער-הויז, און מיט דידאָזיקע ווערטער איז ער אַוועק אין דער ריכטונג פון קלויסטער, וווּ מען האָט געקלונגען צו דער אָוונט-תפילה.

ווען זיינע טריט זענען אָפּגעשטאָרבן אינדרויסן, האָט דער אַפּטייקער אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג, אז דער גלח האָט זיך נישט אנשטענדיק באַרהאַלטן. דאָס, וואָס ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פונם פאָרגעלייגטן כיבוד, איז אין פלוג נישט מער ווי פאַלש-קייט; די גלחים שיכורן אלע אינדערשטיל און האַלטן נאָך אין איין טראַכטן וועגן די צייטן פון מעשר.

די באַלעבאָסטע האָט אפילו גענומען פאַרטיידיקן איר גלח.

— ער וואָלט דאָך גאַנצע פיר, אַזעלכע ווי איר, אנידער-געלייגט אויפן קני. פאַראיאָרן האָט ער צוגעהאָלפן אונדזערע לייט אַראָפּצונעמען די שטרוי, האָט ער געטראָגן זעקס בינט-לאַך פאַראַמאָל, אַזוי שטאַרק איז ער!

בראַוואָ! — האָט דער אַפּטייקער געזאָגט. — נו, טאָ שיקט טאָקע אייערע טעכטער, זיי זאָלן זיך מתוודה זיין פאַר אַזעלכע געזונטע יונגען! ווען איך וואָלט געווען די רעגירונג, וואָלט איך פאַראָרדנט, מען זאָל יעדן חודש לאָזן בלוט ביי אַלע גלחים. יאָ, מאַדאַם לעפראַנסוּא, יעדן חודש אַ גוטע דאָזע בלוט! דאָס ליגט אין די אינטערעסן פון דער געזעלשאַפט-לעכער זיכערקייט און זיטלעכקייט!

— שווייגט, איך בעט אייך, מסיע אָמע! איר זייט אַ אַפּיקורס! איר לייקנט אָפּ די אמונה!

דער אַפּטייקער האָט געענטפערט:

— איך האָב אמונה: מיין אייגענע אמונה, און איך האָ[illegible] די אַפילו מער פון יענע אַלע, מיט זייער רמאות און מיט זייער[illegible]

קונצן! אדרבה, איך גלויב אין גאָט! איך גלויב אין אַ העכער וועזן, אין אַ בורא, ס'גייט מיר נישט אָן, ווער און ווי ער איז. ער האָט אונדז דאָ איינגעאָרדנט, מיר זאָלן דערפילן דעם חוב פון אַ בירגער און פון אַ טאַטן בנוגע דער פאַמיליע; אָבער דאָס באַווייזט נישט, אַז איך דאַרף גיין אין קלויסטער, קושן די זילבערנע טאַצן און מיט מיין געלט פאַשען אַ גאַנצע מחנה לצים, וועלכע עסן בעסער פון אונדז! ווייל אָפּגעבן כבוד גאָט קען מען אין אַ וואַלד, אויפן פעלד, אָדער קוקנדיק אויפן עטערישן געוועלב פון הימל, פונקט ווי די פּאַרצייטיקע מענטשן. מיין גאָט — איז דער גאָט פון סאָקראַטן, פון פראַנקלינען, פון וואָלטערן און פון בעראַנזשען! איך שטיי פאַרן גלויבן פון דעם סאַוואָיאַרישן גלח, און פאַר די אומשטערבלעכע פּרינציפּן פון 89 יאָר! און דעריבער, קען איך נישט דערלאָזן, אַז גאָטס אַ מענטש, וועלכער שפּאַצירט ארום איבער זיין חדר מיט אַ שטעקן אין דער האַנט, זאָל קענען אריינזעצן זיינע פריינט אין בויך פון אַ וואַלפיש, זאָל שטאַרבן מיט אַ געשריי און דערנאָך, אין דריי טעג ארום, זאָל ער פונדאַנגיי לעבעדיק ווערן. דאָס זענען בולטע אַבסורדן, און, איבריקנס, זענען זיי אין פולער סתירה מיט די פיזישע געזעצן; אָבער דאָס באַווייזט אונדז אָט וואָס: די גלחים האָבן תמיד געפוילט אין עם-הארצות, אין וועלכער זיי האָבן אויך מיטגעשלעפּט די באַפעלקערונג.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן, זוכנדיק אַן עולם צוהערער ארום זיך; אין זיין צעהיצן זיך האָט זיך אים בעת-מעשה געדאַכט, אַז ער געפינט זיך אויף אַ זיצונג אין שטאָט-ראַט. אָבער די באַלעבאָסטע האָט אים שוין מער נישט געהאָרכט: זי האָט אָנגעשפּיצט איר אויער און זיך צוגעהערט צו דער ווייטער קלאַפּעריי. ס'האָט זיך געהערט אַ גערויש פון אַ קאַרעטע צוזאַמען מיט אַ קלאַפּן פון קאָפּיטעס, און, צולעצט, איז „די שוואַלב" צוגעפאָרן צו דער טיר.

ס'איז געווען אַ געלער קאַסטן אויף צוויי רעדער, וועלכע האָבן דערגרייכט ביז צו די פענסטער. זיי האָבן געשטערט די פּאַ-

סאַזשירן צוּ זען דעם וועג און האָבן זיי פאַרשפּריצט מיט
בלאָטע די אַקסלען. די קליינע שויבן פון די שמאָלינקע פענ-
סטערלעך האָבן געציטערט אין די ראַמען, ווען די קאַרעטע
איז געווען פאַרמאַכט און האָבן געהאַט אויף זיך פלעקן
פון פארטריקנטער בלאָטע, וואָס א גוס=רעגן האָט זיי נישט
געקענט אָפּוואַשן. „די שוואַלב" איז געווען געשפּאַנט מיט דריי
פערד, פון וועלכע איינס איז געגאַנגען פאָרויס, און ווען מען
איז געפאָרן באַרג=אַראָפּ, האָט זיך די קאַרעטע אַראָפּגעלאָזט
מיטן דעק צוּ דער ערד, וואַרפנדיק זיך אויף אַלע זייטן.

עטלעכע יאָנווילער איינוווינער האָבן זיך פאַרזאַמלט אויפן
פלאַץ; זיי האָבן גערעדט אַלע פאַראַמאל, געפרעגט, וואָס מען
הערט עפּעס נייס, געשטעלט פראגן און געפאָדערט זייערע באַ-
שטעלטע פּעקלעך; איווער האָט נישט געוווּסט וועמען פריער
אָפּצוּענטפערן. ער איז געווען דער עקספּעדיטאָר פון דער
שטאָט און איר סביבה. ער איז ארוּמגעגאַנגען איבער די
קראָמען, איינגעקויפט לעדער פארן שוּסטער, אייזן פאַרן שמיד,
א פעסל הערינג פאַר זיין באַלעבאָסטע, געבראַכט הויבעס פאַר
דער מאָדיסטקע, פּאַרוּקן פאַרן פריזירער; צוּריק פאָרנדיק,
האָט ער דעם גאַנצן וועג געהאַלטן אין איין אַרויסגעבן; שטייענ-
דיק אויפן געזעס, האָט ער געוואָרפן די פּעק איבער
די פּלויטן, געשריען אויפן גאַנצן האַלדז און זיינע פערד זע-
נען זיך אַליין ווייטער געגאַנגען.

צוּליב אַ צוּפאַל האָט זיך „די שוואַלב" פאַרשפּעטיקט:
אויפן וועג איז מאַדאַם באָוואַריס הינטל אַנטרוּנען געוואָרן. מען
האָט געפייפט צוּ אים אַ גוטע פערטל שעה. איווער האָט זיך
אַפילוּ צוּריקגעקערט ביי א האַלבן מייל, מיינענדיק, אַז אָט דער-
טאַפּט ער עס; צוּלעצט אָבער האָט מען געמוּזט ווייטער פאָרן.
עמע האָט געוויינט, זיך אויפגערעגט. זי האָט באַשוּלדיקט
שאַרלען אין איר אוּמגליק. מסיע לערע, אַ מאַנוּפאַקטוּר־סוחר,
וועלכער איז געפאָרן צוּזאַמען מיט זיי, האָט זיך באַמיט זי צוּ
באַרויקן און האָט איר פאַרציילט מעשיות וועגן הינט, וואָס
האָבן זיך נאך לאַנגע יאָרן צוּריקגעקערט צוּ זייערע באַלעבאַ-

טים. ער האָט אפילו געהערט פון אַ הונט, וועלכער האָט זיך צוריקגעקערט פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל קיין פּאַריז. אַן אַנדערער האָט אַדורכגעמאַכט פופציק מייל אויף אַ גלייכער ליניע, דערבײַ איז ער איבערגעשווומען פיר טייכן; און בײַ זײַן אייגענעם פאָטער איז געווען אַ פּודעל, וואָס איז פאַרפאַלן געוואָרן אויף גאַנצע צוועלף יאָר, און אָט, איינמאָל, אינאָוונט, אויף דער גאַס, ווען דער דערציילער איז געגאַנגען עסן אין שטאָט, איז אים דער הונט פּלוצלונג אַרויפגעשפּרונגען אויפן אַקסל.

II

עמע איז די ערשטע אַרויס פון דער קאַרעטע, נאָכדעם פעליסיטע, מסיע לערע און עפּעס אַ באָנע; שאַרלען האָט מען געדאַרפט אויפוועקן, מחמת ער איז איינגעשלאָפן אין אַ ווינקעלע, ווי נאָר דער אָוונט האָט זיך אָנגערוקט.

אָמע האָט זיך פאָרגעשטעלט; ער האָט געזאָגט עס-לעכע העפלעכע ווערטער דער מאַדאַם באָוואַרי, באַגריסט דעם דאָקטאָר, געזאָגט, אַז ער וועט זײַן שטאַרק צופרידן, ווען ער וועט זיי קענען מיט עפּעס באַהילפיק זײַן, און צוגעגעבן מיט אַ מינע פון אַלטן פרײַנט, אַז ער האָט זיך אַליין גע-נומען די דערלויבעניש זיי צו באַגעגענען, בפרט נאָך, אַז זײַן ווײַב איז אַוועקגעפאָרן.

אַרײַנגעקומען אין קיך, איז מאַדאַם באָוואַרי צוגעגאַנגען צו דער פּליטע. מיט די שפּיץ פינגער האָט זי אָנגענומען איר קלייד בײַ די קני, אויפגעהייבן עס ביז די קנעכלעך, אַרויסגע-רוקט איר פיסל מיט אַ שוואַרץ שיכל — אויף דער הויך פון פלאַם, ווו ס'האָט זיך געבראָטן אַ שטיק שעפּסנפלייש. דאָס פײַער האָט איר באַלויכטן פון קאָפּ ביז די פיס, אַדורכגענומען מיט זײַנע העלע פלאַמען די געוועבן פון איר קלייד, די לעכ-

לעך פון איר ווייסער הויט און אפילו די וויעס פון אירע אויגן, מיט וועלכע זי האָט פון צייט צו צייט געזשמורעט. און אז אַ ווינטל האָט אַ בלאָז געטאָן דורך דער האַלב-אָפענער טיר, איז אַדורכגעלאָפן איבער איר אַ רויטער אָפּגלאַנץ.

פון דער צווייטער זייט פּליטע האָט אויף איר שווייגעוו-דיק געקוקט אַ בלאָנדער יונגערמאַן.

אַזוי ווי מסיע לעאָן דעפּיאי, דער צווייטער שטענדיקער באַ-זוכער פון דעם „גאָלדענעם לייב" — האָט זיך שטאַרק געלאנג-ווייליקט אין יאָנוויל, ווו ער איז געווען אַ באַאַמטער ביי מסיע גיליאָמען, פלעגט ער תמיד אָפּציען מיטן עסן, האָפנדיק, אז ס'וועט אָנקומען עפּעס אַ גאַסט, מיט וועלכן ער וועט קענען אינאָוונט כאַפּן אַ שמועס. אין די טעג, ווען ער האָט פריער פאַרענדיקט זיין אַרבעט און נישט געוווסט וואָס צו טאָן, האָט ער געמוזט קומען אַהער צי דער פּינקטלעכער מיטאָג-שעה; און פון דער זופּ ביזן קעז פלעגט ער בלייבן מיט בינען אויג אויף אויג. און טאַקע דערפאַר האָט ער מיט גרויס שמחה אָנגענומען דעם פאָרשלאַג פון דער באַלעבאָסטע — צו עסן אין דער געזעלשאַפט פון די ניי-אָנגעקומענע. אַלע זענען אַריין אין גרויסן זאַל, ווו מאַדאַם לעפראַנסואַ האָט מיט גרויס פייער-ליכקייט געהייסן דעקן דעם טיש מיט פיר סערוויזן.

אָמע האָט געבעטן אַ דערלויבעניש צו טראָגן זיין גריכי-שע פעסקע, מחמת ער האָט זיך געשראָקן פאַר אַ קאַטאַר-נאָכדעם האָט ער זיך אָנגערופן צו זיין שכנה:

— מאַדאַם, איר זייט עטוואָס מיד? אונדזער „שוואַלב" טרייסלט אויס די ביינער.

— יאָ, ס'איז אַזוי, — האָט עמע אָפּגעענטפערט, — אָבער יעדע באַוועגונג וויילט מיך תמיד: איך האָב ליב צו בייטן דאָס אָרט.

— נישטאָ קיין ערגערע זאַך, — דער באַאַמטער האָט אַ זיפץ געטאָן, — ווי צו זיין תמיד צוגעשמידט צו איין אָרט!

— ווען איר וואָלט אָבער געמוזט, אַזוי ווי איך, — האָט שאַרל געזאָגט — תמיד זיצן אויפן פערד...

אָבער, — האָט לעאָן ווידער זיך אָנגערופן צו מאַ-

דאַם באָוואַרי, — ס'איז נישטאָ קיין שום אָנגענעמערע זאַך, לויט מיין מיינונג. ס'פאַרשטייט זיך... אויב מען קען... — האָט ער צוגעגעבן.

— איבעריקנס, — האָט דער אַפּטייקער צוגעוואָרפן, — דער מעדיצינישער פאַך איז נישט קיין שווערער אין אונדזערע מקומות; ווייל דער צושטאַנד פון אונדזערע וועגן דערלויבט צו פאָרן אין אַ קאַבריאָלעט; בכלל צאָלט מען דאָ זייער גוט, ווייל אונדזערע גוטבאַזיצער זענען על פּי רוב פאַרמעגלעך. פון מע־דיצינישן שטאַנדפּונקט האָבן מיר דאָ, חוץ די געוויינלעכע פאַלן פון כאָלערינקע, בראָנכיט, גאַל־שטיינער א. אז. וו. אויך פּעריאָדי־שע פיבערס, באַזונדערס אין שניטצייט. בכלל אָבער זענען דאָ ווייניק ערנסטע קראַנקהייטן; קיין אויסערגעוויינלעכע פאַלן זעט מען דאָ נישט, אויב מען זאָל נישט נעמען אין אַכט די שקראָפל־קרענק, וואָס איז אַ פועל־יוצא פונם טרויעריקן היגיענישן מצב פון אונ־דזערע פּויערים. אַך! איר וועט מוזן באַקעמפן אַ סך פאָראורטיילן, מסיע באָוואַרי. נישט ווייניק איינגעוואָרצלטע רגילותן, אויף וועל־כע ס'וועלן טאָג־טעגלעך צעקלאַפּט ווערן אַלע אָנשטרענגונגען פון אייערע ידיעות. דעם היגן עולם, פאַרשטייט איר, ציט מער צו תּפילות, צום גלח, איידער זיך ווענדן די־רעקט צום דאָקטאָר אָדער צום אַפּטייקער. דעם אמת געזאָגט, איז דער היגער קלימאַט נישט קיין שלעכטער, און ביי אונדז אין דער קהילה געפינען זיך אפילו אַ פּאָר ניינציק־יעריקע זקנים. די טעמ־פּעראַטור — לויט מיינע באַאָבאַכטונגען — פאַלט ווינטער ביז פיר גראַד און זומער הייבט זי זיך אויף פון פינפאונצוואַנציק ביז דריי־סיק גראַד, לויט צעלזיוס, וואָס ס'איז פיראונצוואַנציק מאַקסימום לויט רעאָמיור, אָדער מיט אַנדערע ווערטער, פיראונפופציק לויט פאַרנ־הייט (ענגלישע מאָס), נישט מער! אין פלוג, זענען מיר געשיצט פון די צפון־ווינטן דורכן אַרגעלער וואַלד, פון איין זייט, און פון די מזרח־ווינטן — דורכן סען־זשאַן־היגל, פון דער צווייטער זייט; און דאָך איז דידאָזיקע היץ, אַ דאַנק די דאַמפּן, וואָס דער טייך טיילט אויס און אַ דאַנק די גוזמאות שאַף אויף די לאָנקעס, וועל־כע טיילן אויס, ווי אייך איז באַוווּסט, אַ גרויסע צאָל אַמאָניאַק,

ד. ה. שטיק-שטאָף, וואַסער-שטאָף און זויער-שטאָף — ניין, בלויז שטיק-שטאָף און זויער-שטאָף — אָט די היץ, ווי געזאָגט, איינזאַפּנ-דיק אין זיך די באַמיסטיקונג-שטאָף פון דער ערד און אויסמישנ-דיק אַלע פארשידענע דאַמפּן, פאַרייניקט זיי, אזוי צו זאָגן, אין איין הויפן, און, צוזאַמענגיסנדיק זיך, פון זיך אַליין, מיט דער עלעקטריע, מיט וועלכער עס איז אָנגעטרונקען די לופט, וואָלטן זיך געקענט מיט דער צייט שאַפן, פונקט ווי אין די טראָפּישע לענדער, זייער שעד-לעכע מיאַזמען. די דאָזיקע היץ, אָבער, ווערט, צום גליק, געמעסיקט פון דער זייט, פונוואַנען זי קומט, אָדער בעסער געזאָגט, פונוואַנען זי וואָלט געקומען, ד. ה. פון דער דרום-זייט, דורך די דרום-מערב-ווינטן, וועלכע ווערן אָפּגעקילט פון זיך אַליין, פאַרבייגייענדיק די סענע, און ברייגגען אייך פלוצלונג אזוינע קעלטן, פונקט ווי זיי וואָלטן געקומען פון רוסלאַנד!

— איז כאָטש דאָ אַן אָרט, ווו מען קען שפּאַצירן אין איי-ערע מקומות? — האָט מאַדאַם באָווארי געפרעגט דעם יונגן מאַן.

— אָך! ס'איז כמעט נישטאָ, — האָט ער געענטפערט.- ס'איז דאָ איינאיינציק אָרט, וואָס הייסט דאָ וויזע, אויפן שפּיץ בארג, ביים ראַנד פון וואַלד. זונטיק גיי איך טייל מאָל אַהין און זיץ דאָרט לאַנג מיט אַ בוך, בשעת די זון פאַרגייט.

— ס'איז נישטאָ קיין שענער בילד, ווי דער זון-אונטער-גאַנג, — האָט זי אַ זאָג געטאָן, — אָבער, באַזונדערס, אויפן ברעג ים.

— אָך! איך פאַרגעטער דעם ים, — האָט מסיע לעאָן געזאָגט.

— שוין זשע דאַכט זיך אייך נישט, אַז אייער גייסט שוועבט פרייער איבער דעמדאָזיקן אומענדלעכן שפּיגל, וואָס ווין בילד דערהייבט אייער נשמה און איז אייך גורם אומענד-לעכע רעיונות, אידעאַלן?

— דאָסזעלבע, ווי מיט לאַנדשאַפטן, — האָט לעאָן גע-ענטפערט. — איך האָב אַ קוזין, וועלכער האָט פאַראַיאָרן אַרומגערייזט אין דער שווייץ, האָט ער מיר דערציילט, אַז מען

קאָן גאָרנישט משיג זיין די פּאָעזיע פון די אָזיערעס, דעם רייץ פון די וואַסערפאַלן, דעם מעכטיקן עפעקט פון די גלעטשערס. פאַר אייערע אויגן שטייען אומגעהייערע סאָסנעס, וועלכע דערהייבן זיך איבער שטראָמען, כאַטקעס, וואָס הענגען איבער אָפּגרונטן און אויף טויזנט טריט אונטער אייך ציען זיך אויס גאַנצע טאָלן, ווען דער ווינט צעטרייבט די וואָלקנס. אַזעלכע בילדער מוזן באַגייסטערן, אַרויסרופן תפילות, דערוועקן התלהבות! דעריבער וווּנדער איך מיך נישט אויף יענעם באַרימטן מוזיקער, וועלכער פלעגט געוויינלעך שפּילן קלאַוויר פאַר עפּעס אַ מאַיעסטעטישן בילד, כדי צו דערוועקן די פאַנטאַזיע.

— זייט איר מוזיקאַליש? — האָט עמע געפרעגט.

— ניין, אָבער איך האָב זייער ליב מוזיק, – האָט ער געענטפערט.

— אָך! גלויבט אים נישט, מאַדאַם באָוואַרי, — האָט זיך אָמע פּלוצלונג אַרייגעמישט און זיך אָנגעבויגט איבער איר טעלער. — דאָס זאָגט ער פשוט פון עניוות. — וואָס, מיין טייערער! נעכטן האָט איר דאָך אויסגעצייכנט געזונגען אין אייער צימער „דעם מלאך”. איך האָב עס געהערט פון לאַבאָראַטאָריע; איר האָט עס אויסגעפירט, ווי אַן אמתער אַרטיסט.

לעאָן האָט געוווינט ביים אַפּטייקער, וווּ ער האָט פאַרנומען אַ קליין צימערל אויפן צווייטן שטאָק, מיט די פענסטער צום שטאָט-פּלאַץ. ער האָט זיך פאַררויטלט ביי דעמדאָזיקן קאָמפּלימענט פון זיין באַלעבאָס, וועלכער האָט זיך שוין אויסגעדרייט צום דאָקטאָר און אים אָנגעהייבן אויסצורעכענען כסדר אַלע חשובע לייט פון יאָנוויל. ער האָט דערציילט מעשיות, איבערגעגעבן פּרטים. קיינער ווייסט אייגנטלעך, נישט, וויפל דער נאָטאַריוס פאַרמאָגט, אָבער ס׳איז דאָ אַ הויז טיוואַש, וועגן וועלכן מען רעדט דאָ זייער פיל.

עמע האָט געפרעגט:

— און וואָסער מוזיק געפעלט אייך בעסער?

— אָך! די דייטשע מוזיק! די, וועלכע גיט שטימונג און חלומות.

—איז אייך באַקענט די איטאַליענישע?

— נאָך נישט; אָבער איך וועל זי הערן דעם קומענדיקן יאָר, ווען איך וועל קומען קיין פּאַריז צו פאַרענדיקן דעם יורידישן פאַקולטעט.

— איך האָב שוין אַפילו געהאַט דעם כבוד צו דערקלערן אייער מאַן, — האָט דער אַפּטייקער געזאָגט, — וועגן דעם אָרעמען יאַנאַדאַ וועלכער איז אַנטלאָפן געוואָרן; צוליב זיינע משוגעתן וועט איר דערוויל באַקומען איינס פון די בעסטע הייזער אין יאָנוויל. די טיר איז צו דער אַלעע און דאָס איז אוודאי צום בעסטן צו־געפּאַסט פאַר אַ דאָקטאָר. דאָס גיט אַ מעגלעכקייט אַריינצו־גיין און אַרויסצוגיין אומבאַמערקטערהייט. חוצדעם, איז דאָרט פאַראַן אַלץ, וואָס ס'איז נייטיק אין אַ הויז: אַ וואַשצימער, אַ קיך מיט אַ צימער פאַר דער דינערשאַפט, אַ פאַמיליע־זאַל, אַ פרוכט־קעמערל, א. אז. וו. דער יונג האָט פון גאָרנישט געטראַכט! אין עק גאָרטן, ביין פאָנטאַן, האָט ער זיך אויס־געבויט אַן אַלטאַנע, ער זאָל דאָרט קענען זומער טרינקען ביר, און אויב די מאַדאַם האָט ליב גערטנעריי, וועט זי אויך קענען...

— מיין ווייב פאַרנעמט זיך נישט מיט אַזוינע זאַכן, — האָט שאַרל געזאָגט. — מען האָט איר אַפילו צוגעשריבן באַ־וועגונגען, אָבער זי זיצט אַ גאַנצן טאָג אין איר צימער און לייענט.

— פונקט ווי איך, — האָט לעאָן באַמערקט. — איז דען, באמת, דאָ אַ בעסערע זאַך, ווי צו זיצן מיט אַ בוך ביים קאַמין, אינאָוונט, בשעת דער ווינט קלאַפּט און די לאָמפּ ברענט אויפן טיש?...

— נישט וואָר? — האָט זי געזאָגט און האָט אויפגעהייבן אויף אים אירע גרויסע שוואַרצע אָפענע אויגן.

— מען טראַכט פון גאָרנישט און די שעהן לויפן. אַן אומבאַוועגלעכער, וואַנדערסטו אַרום איבער לענדער, וועלכע דו שטעלסט דיך פאָר, און דיין געדאַנק באַהעפט זיך מיט דער פאַנטאַזיע, קוויקט זיך מיט פרטים, אָדער ציט זיך אַריין אינם לויף פון פּאַסירונגען. די מחשבה מישט זיך אויס מיט די

פאַרשוינען פון די פּאַסירונגען, און עס דאַכט זיך, אַז מען באַטייליקט זיך אויך אין זיי.

— ס'איז ריכטיק! ס'איז ריכטיק! — האָט זי געזאָגט.

— איז אייך אַמאָל נישט אויסגעקומען, — האָט לעאָן זיך ווייטער אָנגערופן, — צו לייענען אין אַ בוך עפּעס אַ פאַר־נעפּלטן געדאַנק, וואָס האָט שוין געלעבט אין אייך. עפּעס אַן אומבאַשטימט בילד, וואָס קערט זיך אום צו אייך פון ערגעץ העט-ווייט און דריקט אויס מיט זיך אַייערע אינטימסטע גע־פילן?

— איך האָב עס איבערגעלעבט, — האָט זי געענטפערט.

— אָט פאַרוואָס איך האָב אַזוי ליב פּאָעטן, — האָט ער געזאָגט. — איך האַלט, אַז פערזן זענען צאַרטער פאַר פּראָזע און זיי רופן אַרויס לייכטער טרערן.

— סוף כל סוף ווערן זיי דאָך נמאס, — האָט עמע גע־זאָגט. — איצט געפעלן מיר בעסער לאַנגע מעשיות, וואָס מען לייענט מיט איין אָטעם און וואָס וואַרפן אַרויף אויף אייך אַ פּחד. איך האָב פיינט שוואַכע העלדן און מעסיקע געדאַנקען, וואָס מען טרעפט זיי טאָג-טעגלעך אין לעבן.

— און באמת, — האָט לעאָן באַמערקט, — די ווערק, וועלכע רירן נישט דאָס האַרץ, דערווייטערן זיך, לויט מיין מיינונג, פונם אמתן ציל פון דער קונסט. אין יאוש פון לעבן איז אַזוי אָנגענעם צו רוען מיט דער מחשבה אויף אידעלע וועזנס, אויף ריינע געפילן, אויף בילדער פון גליק. פאַר מיר, וואָס איך וווין דאָ, ווייט פון דער וועלט, איז דאָס די איינציקע פאַרוויילונג. אָבער יאָנוויל גיט אַזוי ווייניק אין דעם זין!

— מסתמא, ווי אין טאָסט, — האָט עמע געענטפערט, — דע־ריבער האָב איך דאָרט טאַקע תמיד גענומען ביכער אין אַ ביבליא־טעק.

— אויב איר וואָלט מיר געוואָלט אָנטאָן דעם כבוד אין לייענען די ביכער פון מיין ביבליאָטעק, — האָט זיך אַריינגע־מישט דער אַפּטייקער, וועלכער האָט אונטערגעהערט די לעצטע ווערטער, — שטעל איך צו אייער דינסט די בעסטע שרייבער:

וואָלטער, רוסאָ, דע-ליל, וואַלטער סקאָט, דער עכא פון פע-ליעטאנען, א. א. וו. חוצדעס, באַקום איך אַ סך ציימונגען און זשורנאַלן, צווישן זיי אויך, דאָס ליכט פון רואן. איך האָב דעם כבוד צו זיין א קאָרעספאָנדענט פון דערדאָזיקער ציימונג פאַר די געגנטן בושי, פאָרוש, נעפשאַטעל אין יאָנוויל מיט זיינע סביבות.

און אַט זיצט מען שוין ביים טיש צוויי מיט אַ האַלבער שעה. די דינסט אַרטעמיז האָט זיך פויל געשלעפט מיט אירע פאַפוטשעס; די טעלער האָט זי אַריינגעטראָגן איינציקוויין; זי האָט כסדר פאַרגעסן, נישט דערהערט, נישט פאַרשטאַנען און ווײַלעווייז געלאָזט אָפן די טיר פון בילאַרד-זאַל, וואָס האָט זיך אפגעקלאַפט מיט דער קליאַמקע אָן דער וואַנט.

אינמיטן שמועס האָט לעאָן אומבאַמערקט אַוועקגעשטעלט אַ פוס אויפן אונטערשטן האָלץ-טרעפעלע פון דער שטול, אויף וועלכער מאַדאַם באָוואַרי איז געזעסן. זי האָט געטראָגן אַ בלוי-זיידענעם קראַוואַט, וועלכער האָט אַרומגעפאַסט איר שטייַ-ענדיקן קאָלנער פון אָנגעקראָכמאַלעטן באַטיסט; לויט די באַ-וועגונגען פון איר קאָפּ, האָט זיך איר דער אונטערשטער טייל פנים דאָ פאַרטרונקען אין דער פוכיקער ווייסקייט און דאָ גראַציעז זיך אַרויסגעהייבן. און אַט, אַזוי אַרום, זיצנדיק לעבן איינאַנדער, בעת שאַרל האָט געשמועסט מיטן אַפּטייקער, האָט זיך פאַרבונדן צווישן זיי איינער פון יענע אומבאַשטימטע געשפרעכן, וואָס זיינע צופעליקע פראַזן דערפירן אייך תמיד צו דעם ריכטיקן ציל פון קעגנזייטיקער סימפּאַטיע. פּאַריזער בילד-לעך, נעמען פון ראָמאַנען, נייע קאַדרילן, די גרויסע וועלט, וועלכע זיי האָבן נישט געקענט, טאָסט, ווו זי האָט געוווינט פריער, און יאָנוויל, ווו זיי האָבן זיך איצט געפונען — וועגן דעם אַלעם האָט מען גערעדט, געשמועסט סאַמע ביז נאָכמי-טאָג.

ווען מען האָט דערלאַנגט קאַווע, איז פעליסיטע אַוועק צוגרייטן דאָס שלאָפצימער אין דעם נייעם הויז, און אַלע געסט האָבן זיך אויפגעהייבן פון זייערע ערטער. מאַדאַם לעפראַנסואַ

האָט געשלאָפן לעבן דער אויסגעלאָשענער פּליטע, און דער־
קוטשער, ווידער, האָט מיט א לאַמטערנע אין דער האנט גע=
וואַרט אויף דעם פּארפאלק באָוואַרי, אָפּצופירן זיי אין דער
נייער וווינונג. זיינע געלע האָר זענען געווען פול מיט שטרוי;
ער האָט געהונקען אויפן לינקן פוס. ער האָט גענומען מיט
דער צווייטער האַנט דעם גלחס שירעם, און דער עולם האָט
זיך אַוועקגעלאָזט אין וועג אריין.

דאָס שטעטל האָט געשלאָפן. די מאַרק=סלופּעס האָבן
געוואָרפן לאַנגע שאָטנס. די ערד איז געווען אינגאַנצן גרוי־
פונקט ווי אין אַ זומערנאַכט.

אַזוי ווי דאָס הויז האָט זיך געפונען ביי אַ פּופּציק טריט
פון דער אכסניה, האָט מען זיך צעזעגנט, און די גאַנצע קאָמ-
פּאַניע איז זיך פאנאנדערגעגאנגען.

שוין אין פּאָדערהויז האָט עמע דערפילט אויף איר אַ אקס=
לען אַ קעלט פון פרישן טינק, פונקט ווי פון פייכטן וועש.
די ווענט זענען דאָ געווען ניי, און די הילצערנע שטיגן האָבן גע=
סקריפּעט. אין צימער, אויפן ערשטן שטאָק, האָט אַריינגעדרונ=
גען דורך די פענסטער אָן פאָרהאַנגען עפּעס אַ ווייסלעך ליכט.
מען האָט געקענט זען שפּיצן פון ביימער, און הינטער זיי אַ
לאָנקע, אויף דער העלפט פאַרטרונקען אין נעפּל, וואָס האָט
זיך ביים שיין פון דער לבנה געצויגן לענגאויס דעם טייך. אינמיטן
צימער זענען אויף שטולן געלעגן אַנגעוואָרפן שופלאָדן פון
קאָמאָדן, פלעשער, קארניזן, באַגילטע שטעקלעך מיט מאטראַצן;
אויף דער פּאָדלאָגע האָבן זיך ארומגעוואַלגערט וואַש-שיסלען.
די צוויי מענטשן, וועלכע האָבן איבערגעטראָגן דאָס מעבל, האָבן
אַלץ אראָפּגעשליידערט גלייך פון דער האַנט.

צום פערטן מאָל אין איר לעבן האָט זי זיך געלייגט
שלאָפן אין אַ נייעם אָרט. דאָס ערשטע מאָל איז געווען דע=
מאָלט, ווען זי איז אַריינגעטראָטן אין מאָנאַסטיר, דאָס צווייטע
מאָל אין טאָסט, דאָס דריטע מאָל אין וואָביעסאַר און דאָס
פערטע מאָל איצט, דאָ; און יעדעס מאָל האָט עס אויסגעזען,
ווי איר לעבן וואָלט אַריינגעטראטן אין אַ נייער פאַזע. זי האָט

נישט געוואָלט גלויבן, אַז אין פאַרשידענע ערטער זאָל אַלץ פאַרבלייבן, ווי פריער, און אַזוי ווי דער טייל לעבן, וואָס איז שוין דורכגעלעבט געוואָרן, איז געווען אַ שלעכטער, וועט מתּתמא דער קומענדיקער טייל זיין אַ בעסערער.

III

אויפגעשטאַנען אויף צומאָרגנס פון שלאָף, האָט עמע באַמערקט אינדרויסן לעאָנען. זי איז געווען אין אַ שלאָפראָק. ער האָט אויפגעהייבן דעם קאָפּ און האָט זי באַגריסט. זי האָט שנעל אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און צוגעמאַכט דעם פענסטער.

לעאָן האָט אַ גאַנצן טאָג געוואַרט ביז זעקס אַ זייגער; אָבער אַז ער איז אַריין אין שענקל, האָט ער בלויז געטראָפן בינען ביים טיש.

דער נעכטיקער מיטאָג איז געוואָרן אַ וויכטיקע געשעעניש אין זיין לעבן; ביז איצט האָט ער נאָך קיינמאָל נישט גערעדט גאַנצע צוויי שעה נאָכאַנאַנד מיט אַ ד אַ מ ע. וויאַזוי האָט ער עס געקענט אין אַזאַ שיינער שפּראַך אַרויסזאָגן פאַר איר אַזויפיל זאַכן, וועגן וועלכע ער האָט זיך ביז אַהער נישט געקענט אויסדריקן? בטבע איז ער נישט געווען דרייסט, און אין אים איז געלעגן יענע צוריקגעהאַלטנקייט, וואָס קומט סיי פון עניוות און סיי פון אַ פאַרבאָרגענעם כאַראַקטער. אין יאָנוויל האָט מען אים געהאַלטן פאַר אַ מענטשן מיט זייער גאַלאַנטע מאַנירן. ער פלעגט זיך צוהערן צו די ווערטער פון עלטערע מענטשן און פלעגט קיינמאָל נישט אַרויסווייזן קיין באַזונדערן אינטערעס צו פּאָליטיק — אַ זעלטענע זאַך ביי אַ יונגן מענטשן. חוצדעם, איז ער געווען אַ טאַלענטפולער מענטש. ער האָט געצייכנט אַקוואַרעלן, געלייענט נאָטן, און נאָכמיטאָג

זיך גערן באַשעפטיקט מיט ליטעראַטור, אויב ער האָט נאָר נישט געשפּילט אין קאָרטן. מסיע אָמע האָט אים געהאַלטן פאַר אַ געבילדעטן; מאַדאַם אָמע, ווידער, האָט אים ליב געהאַט פאַר זיין העפלעכקייט, ווייל אָפט האָט ער געפירט אין גאָרטן אָמעס קליינינקע, שמוציקע, שלעכט דערצויגענע קינדער און אַזוי פלעגמאַטיש, ווי זייער מוטער. חוץ דער באָנע, האָט זיך מיט זיי אָפּגעגעבן דער אַפּטייקער=יונג זשיסטען, אָמעס אַ ווייטער קרוב, וועלכן מען האָט אריינגענומען אין שטוב פון רחמנות און וועגן אומען האָט אים דערווייל געמאַכט פאַר אַ משרת.

דער אַפּטייקער איז אין פלוג געווען דער בעסטער שכן. ער האָט מאַדאַם באָוואַרי געגעבן געהעריקע ידיעות וועגן פאַר= שידענע ליפעראַנטן, געשיקט צו איר זיין סוחר פון עפל-וויין, אליין פאַרזוכט דעמראָזיקן געטראַנק, און אליין זיך אַראָפּגעלאָזט אין קעלער, כּדי מען זאָל די פאַס אוועקשטעלן אויפן געהעריקן אָרט. ער האָט איר אָנגעוויזן ווי אַזוי איינצוהאַנדלען ביליק פוטער און געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט לעסטיבודוא, דעם בית= עלמין=שומר, וועלכער האָט, חוץ זיינע קלויסטערישע און קברנישע פונקציעס, אויך געלייגט אַכט אויף די הויפּט-גערטנער פון יאָנ= וויל, אַרבעטנדיק פון שעה, אָדער פון יאָר, לויט דעם, ווי מען האָט זיך פריער באַדונגען מיט אים.

דער אַפּטייקער איז בעצם גאָרנישט אויסגעוועזן אַרויסצוּווייזן מיט אַמאָל אַזאַ הארציקייט און העפלעכקייט, ווען ער וואָלט נישט געהאַט אַ גאַנצן פּלאַן אין קאָפּ.

ער האָט צובער געווען דעם 1־טן געזעץ-אַרטיקל פון 19 וואַנטאָזו*) פון XI יאָר, וואָס פאַרווערט יעדן איינעם צו באַשעפ= טיקן זיך מיט מעדיצין, אויב ער האָט נישט דעם געהעריקן דיפּלאָם; ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז צוליב אַן אַנאָנימער מסירה, איז אָמע שוין איינמאָל אַרויסגערופן געוואָרן קיין רואַן אין קאַבינעט פונם קעניגלעכן פּראָקוראָר. דער פאָרשטייער פון געזעץ האָט אים אויפגענומען שטייענדיקערהייט אין מאַנטל מיט אַ הערמעלין=פעלכל אויף די אַקסלען און מיט אַ בערעט אויפן קאָפּ. אין קאָרידאָר האָט מען געהערט אַ קלאַפּערײַ פון שווערע

*) וואַנטאָז: — חודש פון רעפּובּליקאַנישן יאָר.

זשאַנדאַרמען־שטיוול, און אַ ווייטע קלאַפּעריי, פּונקט ווי מע־
וואָלט דאָרט ערגעץ פאַרשלאָסן גרויסע שלעסער. דעם אַפּטיי־
קער האָט אַזוי געקלונגען אין די אויערן, אַז ער האָט געמיינט —
אָט־אָט באַקומט ער אַפּאָפּלעקסיע; ער האָט שוין דערזען פאַר
זיינע אויגן פינסטערע תּפיסה־קעמערלעך, ווייב און קינדער ווײַ־
נענ, די אַפּטייק האָט מען פאַרקויפט און אַלע סלאָיעס
און לאָגלען וואַלגערן זיך אויף דער פּאָדלאָגע. שפּעטער האָט
ער געמוזט אַריינגיין אין אַ קנייפּע, צו דערכאַפּן דאָס איבער־
געשראָקענע האַרץ מיט אַ גלעזל ראָם און סעלצער־וואַסער.

די צייט האָט ביסלעכווייז אָפּגעשוואַכט דעם איינדרוק פון
דידאָזיקע זכרונות, און אָמע האָט פּונקט ווי פריער ווידער גע־
געבן געהיימע עצות אין אַ צימער הינטערן אַפּטייק. אָבער דער
מער *) איז נישט געווען צופרידן דערמיט, חברים האָבן דעם
אַפּטייקער מקנא געווען, און מען האָט זיך געקענט אויף אַלץ
ריכטן; איצט האָט ער טאַקע דורך זיין העפלעכקייט געוואָלט
געווינען דעם דאָקטאָרס פריינטשאַפט, אַזוי, אַז יענער זאָל
שווייגן, אויב ער וועט עפּעס שפּעטער באַמערקן. און טאַקע
דעריבער פלעגט אים אָמע אַלע אינדערפרי אַריינטראָגן אַ צײַ־
טונג, און עפּטער, נאָכמיטאָג, פלעגט ער זיך אַריינכאַפּן צום
דאָקטאָר מיט אַ שמועסל.

שאַרל איז געווען שטאַרק פאַרזאָרגט. ס'זענען נישט
געווען קיין פּאַציענטן. שעהנלאַנג פלעגט ער אָפּזיצן, נישט
אַויסרעדן קיין וואָרט, עפּטער זיך אויסגעצויגן אין קאַבינעט,
אָדער זיך צוגעקוקט, ווי זיין ווייב אַרבעט מיט דער נאָדל אין
האַנט. כּדי צו פאַרטרייבן די צייט, האָט ער זיך אַפילו גע־
פּרוווט נעמען צו שווארצער אַרבעט -- אויסצומאָלעווען דעם
בוידעם מיטן רעשטל פאַרב, וואָס ס'איז פאַרבליבן פון די מאַ־
ליאַרעס, אָבער די פראַגע וועגן געלט האָט אים כּסדר געמאַ־
טערט. אים האָט אַזויפיל אָפּגעקאָסט דאָס איינאָרדענען זיך
אין טאָסט, עכעס טואַלעטן און דאָס אַריבערציען זיך אַהער.

---

*) בורגערמייסטער.

אַז דעם גאַנצן נדן, בערך א דריי טויזנט טאָלער׳ האָט ער געפּטערט אין קנאַפּע צוויי יאָר צייט. און וויפל זאַכן זענען צעבראָכן געוואָרן אָדער סתם פאַרלוירן געגאַנגען אויפן וועג פון טאָסט קיין יאָנוויל, שוין נישט רעכענענדיק דעם גיפּסענעם גלח, וואָס איז מיט גרויס טראַסקעריי אראָפּגעפאַלן פון וואָגן אויפן מיטן גאַס פון קענקאַמפּואַ און זיך צעהאַקט אויף פּיצלעך.

פון צייט צו צייט האָט אים אָבער אויך דורכגענומען אַן אַנגענעמע שפּירונג: זיין ווייב איז מעוברת. און וואָס מער די צייט האָט זיך דערנענטערט, אלץ מער האָט ער זי ליב געקריגן. דאָס איז געווען אַ נייע פאַרבינדונג פון גוף, פּונקט ווי אַ שטענדיק געפיל פון אַ שטאַרקערער באַהעפטונג. האָט ער דערזען פונדערווייטנס אירע פוילע טריט, אָדער איר פולע טאַליע, וואָס בייגט זיך פריי אָן א קאָרסעט, אָדער ער איז געזעסן קעגן איר און האָט זיך צוגעקוקט מיט הנאה, ווי זי באַוועגט זיך אין פאָטעל דורך פאַרשידענע אויסגעמאַטערטע פּאָזעס, — דעמאָלט האָט זיין גליק נישט געהאַט קיין גרענעצן; ער איז אויפגעשטאַנען, זי געקושט, געגלעט דאָס געזיכט, אָנגערופן זי מאַמע, געוואָלט מיט איר טאַנצן, און מיט פריידיקע טרערן אין די אויגן איר צוגעוואָרפן פאַרשידענע צערטלעכע נאַרישקייטן, וואָס זענען אים נאָר געקומען אין קאָפּ אריין. דער געדאַנק, אַז ער ווערט אַ טאַטע האָט אים אָנגעפילט מיט תענוג. איצט וועט אים שוין גאָרנישט פעלן. איצט האָט ער שוין אינגאַנצן דערקענט די פולקייט פון מענטשלעכן לעבן, און האָט זיך רויק אָנגעלענט אויף אים מיט זיינע ביידע עלנבויגנס.

תחילת האָט עמע שטאַרק געגאַפט, נאָכדעם האָט זי געוואָלט וואָס גיכער זיך באַפרייען, צו דערגיין דעם טעם פון אַ מוטער. אזוי ווי זי האָט נישט געהאַט גענוג געלט צו קויפן אַ וויג, לויט איר גוסט, מיט ראָזע, זיידענע פאָרהענגלעך און געהאָפטענע טשעפּטשיקעס, האָט זי אין גרויס עגמת-נפש זיך אָפּגעזאָגט פון דערדאָזיקער אויסשטייערונג פאַרן קינד און אָן שום טענות ומענות אַלץ באַשטעלט ביי אַ דאָרפישער נייטאָרין.

אזויאַרום האָט ער זיך גאָרנישט געוויילט מיט די אַלע הכנות, וואָס דערוועקן מוטער-געפילן, און אין איר ליבע צום קינד האָט שוין באַלד פון אָנהייב עפּעס דערפעלט.

שאַרל האָט אָבער יעדן טאָג, ביים מיטאָג, גערעדט פון קינד, און דעריבער האָט זי אויך געמוזט עפּעס טראַכטן פון אים.

זי האָט געוואָלט אַ זון; ער דאַרף זיין אַ שטאַרקער ברונעט, און זי וועט אים אָנרופן זשאָרזש; און דער געדאַנק, אַז זי וועט געבוירן אַ מאַנסביל, איז פאַר איר געווען ווי אַ באַלוינונג פאַר אַלע אירע אנטוישונגען. אַ מאַנסביל איז, לכל־הפחות, תמיד פריי; ער קען פאַרזוכן אַלע תאוות, אדורכ-פאָרן אַלע לענדער, איבערשפּרייזן אַלע מניעות, און גע-ניסן פון אַלע תענוגים אין דער וועלט. אָבער אַ פרוי איז תמיד פאַרבונדן, בטבע שוואַך און הכנעהדיק, איז זי תמיד אונטער-געוואָרפן די שוואַכקייטן פון איר גוף און דער שטרענגקייט פון געזעץ. איר ווילן איז פונקט ווי דער שלייער, וואָס איז צוגעטשעפּעט מיט אַ לענטע צו איר הוט און וואָס ציטערט תמיד פון יעדן ווינטל; עפטער גיט זי אַ צי עפּעס אַ חשק, אָבער אַ געפיל פון אַנשטענדיקייט האַלט זי אָפּ.

זונטיק, אַרום זעקס אַ זייגער באַגינען, האָט זי געהאַט אַ קינד.

— אַ מיידעלע — האָט שאַרל געזאָגט.

זי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און געחלשט.

תיכף איז געקומען צולויפן מאַדאַם אָמע און האָט זי גע-קושט, דאָס זעלבע האָט געטאָן די אַלטע לעפראַנסואַ פון ג אָ ל-ד ע נ ע ם ל יי ב, דער אַפּטייקער, ווידער, אַ מענטש אַ דעלי-קאַטער, האָט איר געווונטשן גליק דורך דער האַלב-אָפענער טיר. ער האָט געוואָלט זען דאָס קינד און האָט איינגעפונען, אַז עס איז גוט געבויט. אַז זי איז ביסלעכווייז געקומען צו די כוחות, האָט זי געהאַלטן אין איין טראַכטן, וואָסער נאָמען מען גיט איר טאָכטער. צוערשט האָט זי איבערגעקליבן אַלע נעמען מיט אַן איטאַליענישער ענדונג, — היינו: קלאַרא, לואיזאַ,

אַמאַנדאַ אַטאַלאַ; עס האָבן איר אויך שיין געקלונגען די נעמען: גאָלסוּאינד, איזועלט אָדער לעאָקאַדי. שאַרל האָט אייגנט־לעך געוואָלט, אַז דאָס קינד זאָל הייסן מיט דעמזעלבן נאָמען, וואָס די מוּטער. עמע איז אָבער געווען קעגן דעם. מען האָט איבערגעקוּקט דעם קאַלענדאַר פוּן עק ביז עק, און מען האָט זיך אַפילוּ שואל עצה געווען מיט באַקאַנטע.

— מסיע לעאָן, — האָט דער אַפּטייקער זיך אָנגערוּפן, — מיט וועלכן איך האָב דאָ נישט לאַנג גערעדט, איז זייער פאַרחידוּשט, וואָס איר קלויבט נישט אויס דעם נאָמען מאַדע־לען, אַ נאָמען, וואָס איז איצט שטאַרק אין דער מאָדע.

אָבער די אַלטע באָוואַרי איז געווען קעגן דעם נאָמען פוּן אַ בעל־עבירהניצע. אָמע, ווידער, האָט געהאַט אַ נייגוּנג צוּ נעמען, וועלכע דערמאָנען אין גרויסע מענטשן, געוואַלדיקע געשעענישן, אָדער פייגע מעשים, און מיט אַזוינע נעמען האָט ער טאַקע מהנה געווען זיינע פיר קינדער. נאַפּאָלעאָן, אַ שטיי־גער, האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט רוּם און פראַנקלין פרייהייט; אירמאַ איז אפשר געווען אַ הנחה פאַרן ראָמאַנטיזם; אָבער אין אַטאַלי האָט ער געזען די פאַרגעטערוּנג פאַר דער אוּמ־שטערבלעכער שאַפוּנג פוּן דער פראַנצויזישער דראַמע. זיינע פילאָזאָפישע איבערציינגוּנגען האָבן לגמרי נישט געשטערט זיינע אַרטיסטישע סימפּאַטיעס; דער דענקער האָט נישט דערשטיקט אין אים דעם מענטש מיט געפילן; ער האָט געקענט אוּנ־טערשיידן דמיון פוּן פאַנאַטיזם. אין דער טראַגעדיע, למשל, האָט ער געטאַדלט די אידעע, אָבער זיך אַנטציקט מיטן כטיל; ער איז געווען אויפגערעגט קעגן דער גאַנצער קאָנצעפּציע, אָבער צופרידן מיט די פרטים; ער האָט פיינט געהאַט אַק־טיווע מענטשן, אָבער געכאַפּט התפעלות פוּן זייערע רעדעס. לייענענדיק גרויסע מאָנאָלאָגן, איז ער עפּטער אַריינגעפאַלן אין גרויס התפעלות, אָבער דערמאָנענדיק זיך, אַז דידאָזיקע ערטער קענען אויסניצן נאַראָנים צוּ זייערע פערזענלעכע געשעפטלעך, האָט ער זיך שטאַרק מצער געווען; און פאַרפּלאָנטערט אין דעמדאָזיקן מיש־מאַש פוּן געפילן, וואָלט ער, אַ שטייגער, גע־

וואָלט מיט ביידע הענט קרוינען ראַסינען און אינדערזעלבער צייט זיך שפּאַרן מיט אים כאָטש אַ וואָסער פערטל שעה.

צולעצט האָט זיך עמע דערמאָנט, אַז אין שלאָס פון וואָביעסאַר האָט זי געהערט, ווי איינע, אַ מאַרקיזין, האָט גערופן איר יונג מיידל מיטן נאָמען בערטע; דערדאָזיקער נאָמען איז אויסגעקליבן געוואָרן, און אַזוי ווי דער פּאָטער רואָ האָט נישט געקענט קומען, האָט מען געבעטן מסיע אָמע, ער זאָל זיין דער טויף=טאַטע. אַלע זיינע מתנות זענען גענומען געוואָרן פון זיין געשעפט, אַ שטייגער: זעקס קעסטעלעך ברוסט=יאַגדעס, אַ גאַנצע באַנקע ראַקאַוּאַט, זעקס שאַכטעלעך מיט טייג פון זומפּן=מאַלוועס און, צולעצט, דריי צוקער=ראָרן, וועלכע ער האָט געפונען ערגעץ אין אַ שאַפע. אינם טאָג פון דער צערעמאָניע האָט מען געמאַכט אַ גרויסן פּאַראַד=מיטאָג, און ביים טיש איז אויך געזעסן דער גלח. מען איז געווען בגילופן. ביים ליקער האָט אָמע אָנגעהייבן צו זינגען דעם גאָט פון גוטע לייט, לעאָן האָט געזונגען אַ באַרקאַראָלע, און די אַלטע באָווארי, וועלכע איז געווען די טויף=מוטער, האָט געזונגען אַ ראָמאַנס פון דער אימפּעריע-צייט; מסיע באָווארי האָט צולעצט געפאָדערט, מען זאָל ברענגען דאָס קינד און מען האָט עס גענומען טויפן אויפן היימישן שטייגער, אַרויפגיסנדיק אים אויפן שפּיץ קעפּעלע אַ גלאָז שאַמפּאַניער. אַזאַ מין לעסטערן די ערשטע סאַקראַמענטן האָט אויפגערעגט דעם גלח בורניסיען; דער אַלטער באָווארי האָט געענטפערט מיט אַ ציטאַטע פון דער מלחמה פון די געטער; דער גלח האָט געוואָלט אַוועקפאָרן; די דאַמען האָבן זיך אָנגעהייבן צו בעטן ביי אים, ער זאָל פאַרבלייבן. אָמע האָט זיך אַריינגעמישט; סוף כל סוף איז געלונגען אַוועקצוזעצן דעם גלח, וואָס האָט רויק גענומען טרינקען פון טעצעלע זיין איבערגעלאָזטע קאַווע.

דער אַלטער באָווארי איז נאָך אַ חודש צייט פאַרבליבן אין יאָנוויל און האָט ממש צעחושט די יאָנווילער איינוווינער מיט זיין פּרעכטיק היטל מיט די זילבערנע גאַלאָנען. דאַסדאָזיקע-

היטל האָט ער געטראָגן אינדערפרי, ווען ער פלעגט ארומשפא-צירן איבערן שטאָט-פלאַץ מיט דער ליולקע אין מויל. האָבנדיק אַ שטאַרקע נטיה צו בראנפן, פלעגט ער עפּעטער שיקן דער דינסט אין „גאָלדענעם ל י י ב" נאָך משקה און דאָרט האָט מען עס פאַרשריבן אויף דעם זונס חשבון; ער האָט אויך פאַרברויכט צו זיינע נאָזטיכלעך דאָס גאַנצע קעלנישע וואַסער פון זיין שנור.

אָבער זי האָט ליב געהאַט זיין געזעלשאַפט. ער איז אַ סך ארומגעפאָרן איבער דער וועלט: ער האָט גערעדט פון בערלין, פון ווין, פון סטראַסבורג, פון יענע צייטן, ווען ער איז געווען אַן אָפיציר, און זיינע געליבטע, פון די רייכע פריש-טיקן מיט וועלכע ער האָט מכבד געווען זיינע פריינט. אָפּט-מאָל פלעגט ער זיין זייער גאַלאַנט. דעמאָלט פלעגט ער אויף די שטיגן אָדער אין גאָרטן פלוצלונג אַ נעם טאָן דער שנור ביי דער טאַליע, און בעת מעשה וווּלעריש אַ זאָג טאָן:

— שאַרל, היט דיך!

די אַלטע באָווערי האָט זיך אָבער געשראָקן פאַרן גליק פון איר זון; זי האָט מורא געהאַט, אַז איר מאַן וועט צעמישן די רעיונות פון דער יונגער פרוי, און זי האָט דעריבער צוגע-יאָגט מיט דער נסיעה אהיים. מעגלעך אַז זי האָט אויך גע-האַט אַנדערע וויכטיקע סיבות. דער אַלטער באָווערי איז נישט געווען פון די מענטשן, וועלכע קענען זיך אָפּהאַלטן.

איינמאָל האָט זיך עמען פאַרוואָלט אַ קוק צו טאָן אויף איר טעכטערל, וואָס מען האָט אָפּגעגעבן צו אַן אַם, אַ סטאָל-יאַרס אַ ווייב; עמע האָט אפילו נישט אַ קוק געטאָן אין קאַלענדאַר, צי עס האָבן זיך שוין געענדיקט די זעקס וואָכן פון דער ה י י ל י ק ע ר ב ת ו ל ה, און זי איז אַוועק צו ראָלעען, וועלכע האָט געוווינט אין עק דאָרף, הינטערן באַרג, ביים הויפּט-טראַקט און די לאָנקעס.

ס'איז געווען מיטאָג-צייט; די לאָדנס פון די פענסטער זענען געווען צוגעמאַכט, און די דאַכאָווקע-דעכער, וועלכע האָבן

געגלאַנצט אונטערן העלן ליכט פון בלויען הימל, האָבן גע־ מאַכט דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטן געשאָטן פונקען פון זייערע שפּיצן. אַ שטאַרקער ווינט האָט געבלאָזן. עמע האָט געפילט, אַז זי איז אָפּגעשוואַכט; די שטיינדלעך אויפן וועג האָבן איר געשניטן די פיס; זי האָט זיך געוואַקלט, צי זי זאָל גיין אַהיים, אָדער אַריינגיין ערגעץ אָפּרוען.

אין דערזעלבער רגע האָט זיך פון אַ שכנותדיקער טיר באַוויזן מסיע לעאָן מיט אַ פּעקל פּאַפּירן אונטערן אָרעם. ער האָט זי באַגריסט און זיך אָפּגעשטעלט פאַר לערעס קראָם, אינם שאָטן פון דער גרויער לייוונטענער מאַרקיזע.

מאַדאַם באָוואַרי האָט אים דערציילט, אַז זי גייט צו איר קינד, אָבער זי איז זייער מיד.

— אויב, מאַדאַם... האָט לעאָן אָנגעהייבן און נישט גע־ קענט פאַרענדיקן.

— איר זייט באַשעפטיקט איצט? — האָט זי גע־ פרעגט.

און נאָך זיין ענטפער האָט זי אים געבעטן, ער זאָל זי באַגלייטן. אין דעמזעלבן אָוונט האָבן אַלע אין יאָנוויל געוווּסט דערפון, און מאַדאַם טיוואַש, די פרוי פון מער, האָט אַפילו געמאָלדן איר דינסט, אַז מ א ד אַ ם ב אָ וו א ר י ה אָ ט ז י ך ק אָ מ פּ ר אָ מ ע ט י ר ט.

אַז מען האָט געוואָלט זיך אַריינקריגן צו דער אַם, האָט מען געדאַרפט אין עק גאַס זיך פאַרקערעווען אויף לינקס אין דער ריכטונג צום בית־עלמין, אַדורכשפּאַנען צווישן הייזלעך און הויפן איבער אַ שמאָל שטעגל, באַזוימט מיט קוסטעס פון אַגרעסן. אַלץ האָט דאָ געבליט; וועראָניקע, ווילדע בערעלעך, פּאָקשיווע און קליינע סלך־קוסטעס, וועלכע האָבן זיך אַרויסגע־ הייבן פון צווישן ווילדע גראָזן. דורך די שפּאַלטן פון די פּלויטן האָט מען געקענט זען אויף די הויפן, לעבן די כאַטקעס, ווי חזירים גראָבן זיך אין אַ בערגל מיסט, אָדער קי, וואָס רייבן זיך מיט די הערנער אָן אַ שטאַם פון אַ בוים. זייט ביי זייט זענען ביידע לאַנגזאַם געגאַנגען, זי אָנגעלענט אויף אים און

ער מיט צוריקגעהאַלטענע טריט, צופּאַסנדיק זיך צו איר גאַנג: כמאַרעס פליגן האָבן זיך געדרייעט פאַר זייערע אויגן, זשומענ־דיק אין דער וואַרעמער לופט.

זיי האָבן דערקענט דאָס הויז צוליב דעם אַלטן נוסבוים, וועלכער האָט עס באַשאָטנט. עס איז געווען אַ נידעריקע כאַטקע, באַדעקט מיט טונקעלע דאַכעוועקעס; פונם בוידעם־פענסטערל האָט אַרויסגעהאָנגען אַ קראַנץ ציבעלעס, ווי אַ באַ־פוצונג. דינע שטעקעלעך, צוגעשטעלט צו אַ שטעכעדיקן פּלויט, האָבן אַרומגערינגלט עטלעכע בייטן פון סאַלאַטע, עטלעכע קוסטעס לאַוואַנדע און שמעקעדיקן אַרבעס, וואָס האָט זיך אַרומ־געפלאָכטן אַרום אָפּגעהאַקטע צווייגלעך. איבערן גראָז האָט גע־פלאָסן שמוציק וואַסער. דערביי זענען געלעגן פאַנאַנדערגע־וואָרפן אַ סך שמאַטעס: טוכענע זאָקן, אַ רויטער ציצענער קאַפטן און אַ גרויסער דיקער ליילעך איז געהאָנגען אויפן פּלויט. אַז די פּורטקע האָט אַ סקריפּע געטאָן, האָט זיך באַ־וויזן די אַם מיט אַ קינד ביי דער ברוסט. מיט דער פרייער האַנט האָט זי געשלעפּט עפּעס אַ צרהדיק קרענקלעך יינגל, ביי וועלכן דאָס פּנים איז געווען באַדעקט מיט שקראָפל. דאָס איז געווען דער זון פון היטל־מאַכער אין רואַן; די עלטערן האָבן אים אַוועקגעשיקט אויפן דאָרף, זייענדיק שטאַרק פאַרנומען מיט זייערע געשעפטן.

— קומט אַריין, — האָט זי געזאָגט, — אייער קינד שלאָפט דאָרט.

דאָס גאַנצע דירהלע איז באַשטאַנען פון איין צימער; לעבן וואַנט איז געשטאַנען אַ בעט אָן אַ פאָרהאַנג; ביי דער צווייטער וואַנט, לעבן פענסטער, ווו די שויבן זענען געווען פאַרביטן מיט אַ בלויען דורכזיכטיקן פּאַפּיר, איז געשטאַנען אַ טויג־דייזשקע. אין אַ ווינקל, הינטער דער טיר זענען געלעגן אַ פּאָר שטיוול, אונטערגע־קלאַפּט מיט גלאַנציקע טשוועקעס, אַ פלאַש מיט אייל און אַ פע־דערל אַריינגעשטעקט אין העלדזל; אויפן פאַרשטויבטן קאמין האָט זיך געוואַלגערט „מאַטיוס לענסבערג" צווישן ביקסן־שטיינדלעך, שטיקלעך ליכט, און שטיקלעך צונדער. די לעצטע באַפּוצונג

אין דעמדאָזיקן דירהלע איז געווען אַ רעקלאַמע, אויף וועלכער מ״זן בלאָזט אין טראמייטערס, מסתמא, אַן אויסגעשניטן בילדל פון אַ פּערפום־פּראָספּעקט און צוגעשלאָגן מיט זעקס שוסטער־טשוועקעלעך צו דער וואַנט.

עמעס קינד איז געשלאָפן אויף דער ערד, אין אַ געפלאָכטן וויגעלע. זי האָט עס גענומען אויף דער האַנט צוזאַמען מיטן קאָלדרעלע, און וויגנדיק עס, האָט זי שטיל צוגעזונגען.

לעאָן האָט אַרומגעשפּאַצירט איבערן צימער; זייער אויסטערליש האָט אויסגעוויזן דידאָזיקע שיינע דאַמע אין דעם באַטיסטענעם קלייד, ביי אַזאַ אָרעמקייט. מאַדאַם באָוואַרי איז רויט געוואָרן; ער האָט זיך אָפּגעדרייט, מיינענדיק, אַז זי האָט אפשר אין זיינע אויגן איבערגעלייענט עפּעס אַ גראָבקייט. נאָכדעם האָט זי צוריק אַוועקגעלייגט דאָס קינד, וואָס האָט אויסגעבראָכן אויף איר קעלנערל. די אַם האָט עס איר תּיכף אָפּגעווישט און פאַרזיכערט, אַז ס׳וועט נישט בלייבן קיין פלעק.

— זי טוט נאָך אַמאָל עפּעס ערגערס אויך, — האָט די אַם געזאָגט. — אַ גאַנצן טאָג האַלט איך זי אין איין וואַשן! אפשר וואָלט איר געווען אַזוי גוט און זאָגן קאַמין, דעם קרעמער, ער זאָל מיר געבן אַ ביסל זייף, ווען איך וועל דאַרפן. דאָס וואָלט געווען אויך גלייכער פאַר אייך, מחמת איך וואָלט אייך נישט באַדאַרפט באַאומרויקן.

— גוט, זייער גוט! — האָט עמע געזאָגט. — נו, צום ווידערזען, מומע ראָלע.

און זי איז אַרויסגעגאַנגען, אָפּווישנדיק זיך די פיס אויף דער שוועל.

די אַם האָט זי באַגלייט ביזן עק הויף, און בעת מעשה איר פאַרציילט, ווי ס׳איז איר שווער זיך אויפצוהייבן כסדר ביינאַכט.

— איך פיל מיך צייטנווייז אַזוי צעבראָכן, אַז איך ווער אַנטשלאָפן אויפן שטול; ווען איר וואָלט געווען אַזוי גוט, און וואָלט מיר געשענקט אַ פונטל געמאָלענע קאַווע, איך וואָלט עס געהאַט אויף אַ גאַנצן חודש צייט און וואָלט עס יעדן טאָג געקענט טרינקען מיט מילך.

אדורכגעקומען אַלע אירע דאנקען, און גוטע ווערטער, איז מאדאם באָווערי עטוואָס פעסטער אַוועק; נאָר קוים האָט זי געמאכט עטלעכע טריט פאָרויס, האָט זי דערהערט א געצוויש הינטער זיך. זי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ: דאָס איז ווידער געוועזן די אַם.

— וואָס נאָך?

די פויערטע האָט זי אָפּגעפירט אָן אַ זייט, אונטער א בוים, און אָנגעהייבן דערציילן פון איר מאַן, וואָס סיי מיט זיין פאך און סיי מיט זיינע זעקס פראנק א יאָר, וואָס דער קאַפּיטאַן...

— אָבער שנעלער, שנעלער, — האָט עמע געזאָגט.

— נו, — האָט די אַם ווייטער פארציילט, צוקרעכצנדיק נאָך יעדן וואָרט, — האָב איך עפּעס מורא, אז ער זאָל זיך נישט ערגערן. ווען איך וועל מיר אַליין טרינקען קאַווע, איר ווייסט דאָך, די מענער...

— איר וועט האָבן קאווע, איך האָב דאָך אייך געזאָגט, — האָט עמע איבערגעחזרט. — איך וועל אייך געבן!... איר ווערט דאָך מיר נמאס!

— אך מיין טייערע! פון די ווונדן האָט ער שטאַרקע יסורים אין בויך. ער טענהט אפילו, אז דער עפל-ווייַן שוואַכט אים אָפּ.

— אָבער מאַכט עס שנעלער. מומע ראָלע!

— נו, — האָט די אַם ווייטער געזאָגט, פאַרנויגנדיק זיך, אויב עס וועט נישט זיין צופיל פאר אייך... — זי האָט זיך נאָכאַמאָל פאַרנויגט, — אויב איר וועט קענען, — און איר בליק האָט מיט תחנונים געבעטן, — א פלעשל בראָנפן, — האָט זי צולעצט געזאָגט, — און איך וועל דערמיט אָנרייבן דעם עופעלע די פיסעלעך... זיי זענען אַזוי איידל, ווי א צונג.

פטור געוואָרן פון דער אַם, האָט עמע זיך ווידער אָנגעלענט אויף לעאָנס אָרעם. זי האָט איצט שנעל געשפּאַנט. נאָכדעם האָט זי אָנגעהויבן צו גיין לאַנגזאַמער, און איר בליק, וואָס האָט געבלאָנדזשעט פאָרויס, איז געבליבן הענגען אויפן

אַקסל פון דעם יונגן מענטשן, וואָס האָט געטראָגן אַ סורדוט מיט אַ שוואַרצן סאַמעטענעם קאָלנער. זיינע קאַשטאַנענברוינע האָר זענען געווען גוט צוגעקאַמט אַראָפּ. זי האָט באַמערקט, אַז זיינע נעגל זענען לענגער, ווי מען טראָגט געוויינלעך אין יאָנוויל. לעאָן האָט שטאַרק אָפּגעהיט זיינע נעגל און אויף זיין שרייב=טיש איז געלעגן אַ ספּעציעל מעסערל פאַר זיי.

זיי האָבן זיך אומגעקערט קיין יאָנוויל, גייענדיק לענג־אויס דעם טייך. אין די הייסע צייטן פון יאָר האָט זיך דער ברעג אויסגעברייטערט און אַנטפּלעקט דעם פונדאַמענט פון די גאָרטן=ווענט, וואָס פון זיי האָבן עטלעכע טרעפּ געפירט צום טייך. אַ שנעלער און אַ קאַלטער אויפן קוק, איז ער געפלאָסן אָן שום גערויש. הויכע גרינע גראָזן האָבן זיך צוגעבויגן צום וואַסער, און פונקט ווי גרינע צעפּלוישטע האָר האָבן זיי זיך באַוועגט איבערן וואַסער-שפּיגל. אויפן טייכאייער אָדער אויף די בלעטער פון די וואַסער-ליליעס פלעגט טיילמאָל אַרויסקריכן אָדער זיך אָפּשטעלן עפּעס אַ פליגעלע אויף דינע פיסלעך. די זון האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין די קליינע בלויע וואַסער־בלעזלעך, וועלכע פלעגן אָנשפּרינגען איינע אויף די אַנדערע און פאַרשווונדן ווערן; די אַלטע אָרומגעשניטענע ווערבעס האָבן אָפּגעשפּיגלט אין וואַסער זייער גרויע קאָרע; די אַרומיקע לאָנקעס האָבן אויסגעזען, ווי מדבריות. ס'איז געווען מיטאָג=צייט אין די פערמעס, און די יונגע פרוי מיט איר באַגלייטער האָבן בלויז געהערט דעם אָפּקלאַנג פון זייערע גלייכגעמאָסטענע טריט איבערן שמאָלן שטעגעלע, די ווערטער, מיט וועלכע זיי האָבן זיך אדורכגעוואָרפן און דעם שאָרך פון עמעס קלייד.

די ווענט פון די גערטנער, אָנגעשטעקט אינדערהויך מיט שטיקלעך צעבראָכענע פלעשער, האָבן זיך אָנגעוואַרעמט, ווי דאָס גלאָז פון אַ שפּעקט. צווישן די ציגל זענען געוואַקסן לעווקאָיעס; און מאַדאַם באָוואַרי, פאַרבייגייענדיק, האָט מיטן שפּיץ פון איר שירעם אָפּגעהאַקט זייערע פאַרטריקנטע געלע בלעטלעך, וואָס האָבן זיך צעשאָטן אין געלן שטויב; די צווייגלעך פון ציינבלצטער און פון קלימאַטיסן, וועלכע זענען

פאַראָפגעהאָנגען פון פלויט, האָבן זיך אַ צייט מיטגעשלעפּט מיט די זיידענע שפּיצן פון איר קלייד.

מען האָט געשמועסט וועגן אַ טרופּע פון שפּאַנישע טענ־צער, וועלכע דאַרפן אינגיכן אָנקומען קיין רואַן.

— איר וועט פאָרן? — האָט זי געפרעגט.

— אויב איך וועל קענען, — האָט ער געענטפערט.

האָבן זיי דען מער נישט געהאַט וואָס צו זאָגן איינער דעם צווייטן? זייערע אויגן זענען אָבער געווען פול מיט ערנ־סטע ווערטער; און בעת זיי האָבן געזוכט באַנאַלע פראַזן, האָבן זיי ביידע געפילט אַ זיסע מאַטקייט; ס'איז געווען אַ פליס־טערן פון דער נשמה, אַ טיף און פאַרבאָרגן פליסטערן, וואָס האָט פאַרשטיקט די ווערטער. פאַרגאַפט פון דער ניט־דאָזיקער זיסער שפּירונג, האָבן זיי נישט געוואָלט רעדן פון איר און אויך נישט געזוכט איר סיבה. דאָס קינפטיקע גליק איז ענלעך צו די טראָפּישע ברעגעס, וואָס שיקן זייערע בשמימדיקע ווינטלעך אין די אומענדלעכע ווייטקייטן און מען ווערט איינגעדרעמלט אין אַ שיכּרות, פאַרגעסנדיק אין האָריזאָנט, וואָס מען זעט נישט.

אין איין אָרט איז די ערד געווען צעגראָבן מיט די טריט פון שאָף; מען האָט געדאַרפט שפּרייזן איבער גרויסע גרינע שטיינער, אָנגעוואָרפענע אין בלאָטע. עפּטער פלעגט זי זיך אָפּשטעלן אַ ווײַלע, געזוכט עפּעס אַ פונקט, ווו אַוועקצו־שטעלן דעם פוס, און פאַרלירנדיק דאָס גלייכגעוויכט אויף אַ שטיין, וועלכער האָט זיך געשאָקלט, האָט זי אויפגעהייבן די הענט, זיך אויסגעבויגן, און מיט בלאָנדזשענדיקע אויגן הויך געלאַכט פון מורא אַריינצופאַלן אין בלאָטע.

ווען זיי זענען צוגעקומען צום גאָרטן, האָט מאַדאַם באָ־וואַרי אַ שטופּ געטאָן די פורטקע, מיטאַמאָל אַרויפגעלאָפן אויף די שטיגן און פאַרשוווּנדן געוואָרן.

לעאָן איז אַריין צו זיך אין קאַנצעליאַריע. זיין שעף איז נישט געווען אינדערהיים; ער האָט אַ קוק געטאָן אויף די

פּאַפּירן, פאַרשניצט אַ בלייפעדער, נאָכדעם גענומען די הוט און אַרויסגעגאַנגען.

ער איז אַוועק אויף דער וויזע, אויף די אַרגיילער הויכ־קייטן, ביים עק וואַלד; ער האָט זיך אַנידערגעלייגט אויף דער ערד, אונטער יעגלביימער און דורך די פינגער געקוקט אויפן הימל.

— ס'אַראַ בענקשאַפט! האָט ער זיך געזאָגט — ס'אַרא בענקשאפט!

ער האָט זיך שטאַרק באַדויערט, וואָס אים איז באַשערט צו לעבן אין אַזאַ שטעטל, זיך חברן מיט אָמען און אַרבעטן ביי גילאָמענען. דער לעצטער איז תמיד פאַרטאַראַמט מיט זיינע געשעפטן, טראָגט גאָלדענע ברילן און געלע באַקנבאַרדן אויפן ווייסן קראַוואַט; אַ ראַפינירטער געדאַנק איז לגמרי פרעמד דעמדאָזיקן מענטשן, הגם ער האָט ליב נאָכצומאַכן אַ שטיוונעם ענגלענדער, מיט וואָס ער האָט תחילת אויסגענומען ביי לעאָנען. וואָס שייך דעם אַפטייקערס ווייב, איז זי געווען איינע פון די בעסטע נאָרמאַנדישע ווייבער, הכנעהדיק, ווי אַ שעפּס, און שטאַרק פארליבט אין איר מאַן, אין אירע קינדער, אין דער מאַמען, אין דער גאַנצער משפחה; זי האָט זיך תמיד איבער־גענומען ביז טרערן מיט פרעמדע צרות, איז אָבער געווען אַ שלעכ־טע באַלעבאָסטע און האָט פיינט געהאַט קאָרסעטן; זי האָט זיך באַוועגט אַזוי לאַנגזאַם, איז געווען אַזוי נודנע אין רעדן, האָט אויסגעזען אַזוי פּשוט און גרוי און איז געווען אַזוי פלאַך און נאַרישלעך, אַז אים איז קיינמאָל נישט איינגעפאַלן, — כאָטש זי איז אַלט געווען דרייסיק יאָר און ער צוואַנציק, כאָטש זיי האָבן געשלאָפן אין צוויי נאָנטע צימערן און האָבן יעדן טאָג געשמועסט, — אַז זי קען זיין עמעצנס אַ פרוי און אַז אַחוץ איר קליידל, זאָל זי פאַרמעגן עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אַ שייכות צו איר געשלעכט.

נו, און ווער נאָך? בינע, עטלעכע סוחרים, צוויי־דריי שיינקער, דער גלח, און, צולעצט, טיוואַש, דער מער פון שטאָט

מיט זיינע צוויי זין, מענטשן גראָבּע אָנגעבלאָזענע, טעמפּע, וואָס באַארבעטן אַליין די ערד, שיכּורן איינער ביים צווייטן, ווילדע פּרומאַקעס און זענען אומדערטרעגלעך אין אַ געזעל־שאַפט.

אָבער אויף דעם גרויען פּאָן פון די אַלע מענטשלעכע געשטאַלטן, האָט זיך עמע בולט אויסגעשיילט, שטייענדיק אָפּ־געזונדערט און אַזוי ווי נישט צוטריטלעך; ער האָט געפילט, אַז צווישן אים און איר ליגט אַן אָפּגרונט.

תּחילת פלעגט ער קומען צו איר צוזאַמען מיטן אַפּ־טייקער. שאַרל האָט זיך נישט איבעריקס געפרייט מיט זייערע וויזיטן, און לעאָן האָט נישט געוווּסט, וואָס ער זאָל טאָן; פון איין זייט, האָט ער נישט געוואָלט זיין אַן אומגעבעטענער גאַסט, און פון דער צווייטער זייט, ווידער, האָט ער געזוכט אַ דערנענטערונג, אין וועלכער ער האָט, איבעריקנס, אַליין נישט געגלויבט.

IV

מיט די ערשטע קעלטן האָט עמע פאַרלאָזט איר צימער און האָט געשלאָפן אין זאַל, — אַ לאַנגער צימער מיט אַ ני־דעריקן סופיט; אויפן קאַמין, קעגן שפּיגל, איז דאָרט געשטאַ־נען אַ פאַרצווייגטער קאַקטוס. זיצנדיק אין אַ פאָטעל ביים פענסטער, האָט זי געזען פאַרבייגיין אויפן טראָטואַר אַלע מענטשן פון שטעטל.

צוויי מאָל אַ טאָג פלעגט לעאָן גיין פון זיין קאַנצע־לאַריע אין „גאָלדענעם לייב". עמע פלעגט נאָך פונדערווייטנס דערהערן זיינע טריט; זי פלעגט זיך איינבויגן און זיך צוהערן; און דער יונגערמאַן, תּמיד אָנגעטאָן אין דעמזעלבן אָנצוג, פלעגט זיך אַדורכגליטשן הינטער דעם

פאַרהאַנג, נישט אויסדרייענדיק אפילו דעם קאָפּ. אָבער פאַרנאַכט, ווען זי פלעגט אָנלענען די גאָמבע אויף איר לינקער האַנט און אוועקלייגן אויף די קני איר אָנגעהייבענע אַרבעט, פלעגט זי עפטער אויפשוידערן. פלוצלונג פלעגט אויסוואַקסן פאַר די אויגן דערדאָזיקער שאָטן. דעמאָלט פלעגט זי זיך אויפהייבן און הייסן גרייטן צום טיש.

אָמע פלעגט זיך אריינכאַפּן צום מיטאָג. אַריינקומענדיק פלעגט ער תמיד מיט שטילע טריט, כדי נישט צו באַאומרויקן די שטוב-מענטשן; אין האַנט פלעגט ער האַלטן די גוי׳אישע פּעסקע און אַלעמאָל פלעגט ער זיך באַגריסן מיט איין און דערזעלבער פראַזע: „אַ גוטינקער אָוונט אייך, מיין ליבע געזעלשאַפט!“ נאָכדעם, ווען ער פלעגט זיך אוועקזעצן ביים טיש, צווישן דעם יונגן פּאָרל, פלעגט ער נעמען אויספרעגן דעם דאָקטאָר וועגן זיינע חולאים, און שאַרל פלעגט זיך מיט אים שואל עצה זיין מכּוח די וויזיט-פּרייזן. נאָכדעם פלעגט מען שמועסן וועגן דעם, וואָס מען שרייבט אין דער צייטונג. אין יענע שעהן האָט זי שוין אָמע געקענט כמעט אויף אויסנווייניק, האָט ער אַלץ איבערגעגעבן וואָרט אין וואָרט, מיט אַלע באַמערקונגען פון די זשורנאַליסטן און מיט דער גאַנצער כראָניק וועגן קאַטאַסטראָפעס אין פראַנקרייך און אין אויסלאַנד. ווען די טעמע האָט זיך אויסגעשעפּט, האָט ער אָנגעהייבן צו מאַכן באַמערקונגען וועגן די מאַכלים, וואָס זענען געשטאַנען אויפן טיש. אַמאָל פלעגט ער זיך אפילו אויפהייבן און העפלעך אָנווייזן דער באַלעבאָסטע אויף אַ בעסער שטיקל, אָדער אויסדרייענדיק זיך צו דער דינסט, פלעגט ער איר געבן עטלעכע אָנווייזונגען וועגן ראַגו און וועגן דער היגיענע פון איייניקע פּאָטראָווען; ער האָט געהאַקט מיט דער צונג וועגן אַראָמאַטן, מאַגנעזיעפטן, עקסטראַקטן און זשעליאַטין, און דער עולם האָט געגאַפט, הערנדיק. בכלל, האָט ער אין זיין קאָפּ געהאַט מער רעצעפּטן, ווי פלעשלעך אין אַפּטייק. ער איז געווען אַ גרויסער בּריה אויף קאָנפיטורן, געזאַלצנס און זיסע ליקער. ער האָט אויך געוווסט פון אַלע נייע דערפינדונגען אין די עקאָנאָמישע

אויוונס, האָט געקענט קאָנסערווירן קעז און אויסבעסערן קאַליע געוואָרענעם ווײַן.

אכט אזייגער פלעגט אַריינקומען זשיסטען, און דאָס האָט געהייסן, אַז מען דאַרף צומאַכן די אַפּטייק. באַמערקנדיק, אַז זיין תּלמיד האָט עפּעס אַ צו שטאַרקע נייגונג צום דאָקטאָרס הויז, פלעגט ער אים צוואַרפן אַ גנבישן בליק, באַזונדערס, ווען פעליסיטע האָט זיך אַרומגעדרייט אין צימער.

— מיין חברה־מאַן, — פלעגט ער זאָגן, — הייבט אָן צו פאַרשטיין אַן ענין, און איך מיין, אַז ער איז פאַרליבט אין אייער שפחה, דער רוח זאָל אים נעמען!

דער תּלמיד האָט אַפילו געהאַט אַ גרעסערן פעלער: ער האָט ליב געהאַט אונטערצוהאָרכן אַ פרעמדן שמועס און דער־פאַר פלעגט אים אָמע תּמיד אַריינוואַרפן אַ שווערע פּאַרציע מוסר. זונטיק פלעגט מען אים בשום אופן נישט קענען משלח זיין פון זאַל, הגם מאַדאַם אָמע פלעגע אים רופן צו די קינ־דער, וועלכע זענען אַנטשלאָפן געוואָרן אין די פאָטעלן, איינ־ציענדיק מיט זייערע פלייצעס די ברייטע פּערקאַל־ציכן.

זייער ווייניק מענטשן פלעגן קומען צום אַפּטייקער אין אַזעלכע אָוונטן; זיין בייז צינגל און זיינע פּאָליטישע איבער־צייגונגען האָבן ביסלעכווייז פאַריאָגט פון אים אַלע חשובֿע באַלעבאַטים פון שטעטל. לעאָן איז אָבער אַלעמאָל דאָרט גע־ווען. דערהערט אַ קלונג פון גלעקל, פלעגט ער תּיכף אַרויס־לויפן אַנטקעגן מאַדאַם באָווארי, פלעגט אַראָפּנעמען איר שאַל און אָוועקשטעלן אונטערן אַפּטייק־טיש אירע גרויסע וואַילאָקענע קאַלאָשן, וועלכע זי פלעגט אָנטאָן אויף די שיך אין אַ גרויסן שניי.

צוערשט פלעגט ער שפילן עטלעכע פּאַרטיעס אין איינ־אונדרייסיק; שפּעטער פלעגט אָמע שפילן מיט עמען אין „עקאַרטע"; לעאָן פלעגט שטיין הינטער איר און איר אונ־טערזאָגן. מיט די הענט אָנגעלענט אויפן הענטל פון שטול, האָט ער באַטראַכט איר קאַפּ־קעמעלע, וואָס האָט מיט די ציינדלעך געביסן אירע האָר. ביי יעדער באַוועגונג, וואָס זי פלעגט מאַכן,

צוּקוּקוואַרפנדיק די קאָרטן, פלעגט זיך איר דאָס קלייד ביי דער דעכטער זייט עטוואָס אונטערהייבן. פון אירע אויפגעהייבענע האָר איז געפאַלן אַ טונקעלע שאַטירונג, אויף דער פלייצע, וואָס האָט זיך פּאַוואָליע צונויפגעגאָסן מיטן שאָטן. איר קלייד איז אַראָפּגעהאָנגען אויף ביידע זייטן שטול, און זיך געפאַלבט ביז צו דער פּאָדלאָגע. און אַז לעאָן איז אַמאָל צופעליק אַרויסגעטרעטן אויף איר קלייד, איז ער תּיכף אָפּגעשפרונגען, פּונקט ווי ער וואָלט אַרויפגעטראָטן אויף אַ לעבעדיק וועזן.

געענדיקט מיט די קאָרטן, האָט דער אַפּטייקער מיטן דאָקטאָר געשפּילט אין דאָמינאָ; עמע פלעגט זיך איבערזעצן אויף אַן אַנדער אָרט, זיך אָנלענען אויפן טיש און נעמען בלעטערן „די אילוסטראַציע". זי פלעגט אויך ברענגען מיט זיך איר מאָדע־זשורנאַל. לעאָן פלעגט זיך זעצן לעבן איר; זיי פלעגן צוזאַמען באַטראַכטן די בילדער און עפּטער וואַרטן אויף איינאַנדער מיטן לעצטן זייטל. אַמאָל פלעגט זי אים בעטן, ער זאָל איבערלייענען אַ פּאָר לידער; לעאָן פלעגט דעקלאַמירן מיט אַ זיס־צעצויגן שטימעלע, וואָס פלעגט אָפּשטאַרבן ביי די שטאַרקע ליבע־שטעלן. אָבער דאָס קנאַקן פון די דאָמינאָ־ביינדלעך פלעגט אים דענערווירן; מסיע אָמע איז געווען אַן אויסגעצייכנטער דאָמינאָ־שפּילער און ער פלעגט תּמיד געווינען ביי שאַרלען. אויסגעשפּילט ביי אַ דריי הונדערט אויגן, פלעגן זיי זיך תּיכף אויסציען פאַרן קאַמין און קורץ נאָכדעם איינדרעמלען. דאָס פייער פלעגט זיך אויסלעשן אין אַש; אין טשייניק איז שוין נישט געווען קיין וואַסער, אָבער לעאָן האָט נאָך געלייענט און עמע האָט אים שטיל געהאָרכט. דרייענדיק אַן אויפהער דעם אַבאַזשור פון לאָמפּ, ווו ס'זענען געווען אויסגעמאָלט צרלעקינען אין קארעטן און שטריק־טענצערינס מיט די שטעקנס אין די הענט. לעאָן פלעגט אויפהערן צו לייענען און פלעגט אַ וויַז טאָן מיטן פינגער אויף די איינגעשלאָפענע צוהערער; דעמאָלט פלעגן זיי אָנהייבן שמועסן אינדערשטיל, און דער שמועס האָט זיי געקלינגען אַ סך אָנגענעמער, ווייל קיינער האָט נישט געהערט.

אַזוי־אַרום האָבן זיי זיך ביסלעכווייז דערנענט און מען האָט זיך כּסדר געטוישט מיט ביכער און ראָמאַנסן; באָוואַרי, וואָס האָט כּמעט נישט געצייפּערט, האָט זיך גאָרנישט אומגעקוקט אויף זיי.

אין זיין נאָמען־טאָג האָט ער באַקומען אַ שיינעם פרע־נאָלאָגישן בלוי־געמאָלטן קאָפּ, באַשריבן מיט ציפער ביז צום ברוסט־קאַסטן. ס'איז געווען אַן אויסדרוק פון אויפמערקזאַמ־קייט מצד לעאָנען, אָבער דאָס איז נאָך געווען נישט אַלץ; לעאָן האָט אים דערליידיקט מאַנכע ענינים אין רואַן; אַזוי ווי אַ נייער ראָמאַן האָט גראָדע אָריינגעפירט אין דער מאָדע קאַקטוסן, האָט לעאָן זיי איינגעהאַנדלט פאַר דער מאַדאַם באָוואַרי, געפירט זיי אין דער „שוואַלב", האַלטנדיק זיי אויף די קני און זיך אַפילו צעשטאָכן די פינגער דורך זיי.

עמע האָט געהייסן צוקלאַפּן צום פענסטער אַ ברעטל מיט פאָרענטשעס פאַר די בלומענטעפּ; לעאָן האָט אויך געהאַט אַ הענגענדיקן גאָרטן; אַזוי־אַרום האָבן זיי געקענט קוקן אויף איינאַנדער, אויפפּאַסנדיק די בלומען לעבן פענסטער.

אין די פענסטער פון שטעטל איז נאָך עמעץ געווען זייער אָפט פאַרנומען; אַפילו זונטיק, פון אינדערפרי ביז פאַר־נאַכט, ווי בכלל אַלע נאָכמיטאָג, — אויב ס'איז נאָר געווען אַ שיין וועטער — האָט מען געקענט זען אין אַ בוידעם־פענסטערל דעם מאָגערן פּראָפיל פון מסיע בינע, איינגעבויגן איבער זיין טאָקאַר־ראָד, וואָס זיין איינטאָניק זשומען האָט זיך געלאָזט הערן אַפילו אין „גאָלדענעם לייב".

איינמאָל, אינאָוונט, קומענדיק אַהיים, האָט לעאָן געפונען אין צימער אַ סאַמעטענעם טעפּיך מיט גרינע אויסגעהאָפטענע בלעטער אויף אַ העלן פאָן. ער האָט צוגערופן מסיע אָמע, זיין ווייב, זשיסטענען, די קינדער, דער דינסט, און האָט אַפילו דערציילט וועגן דעם זיין שעף; אַלע האָבן געוואָלט זען, דעם טעפּיך; פאַרוואָס שענקט דעם דאָקטאָרס ווייב אַזעלכע מתּנות לעאָנען? דאָס האָט אויסגעזען זייער קאָמיש און, לסוף, האָבן

אַלע באַשלאָסן, אַז זי מוז זיך געפינען מיט אים אין ג ו ט ע באַ צ י ו נ ג ע ן.

ער האָט אַליין געגעבן אַ גרונט דערצו, ווייל יעדן איינעם האָט ער פאַרציילט פון איר שיינקייט, פון איר שכל, אזוי, אַז בינע האָט אים איינמאָל זייער גראָב אַריינגעזאָגט:

— וואָס גייטס מיך אָן, איך געהער דאָך נישט צו איר געזעלשאַפט!

ער האָט כסדר זיך געבראָכן דעם קאָפּ, ווי אַזויאַרום זאָל ער זיך איר דערקלערן; תמיד האָט ער זיך געוואַקלט — צווישן שרעק, טאָמער וועט ער זי דערצאָרענען און חרפּה — פאַר זיין אייגענער פּחדנות. ער האָט געוויינט פון אומבאַהאָלפענער פאַרביטערונג און פון ליידנשאַפט. נאָכדעם האָט ער זיך ענערגיש באַשלאָסן; ער האָט געשריבן בריוו, וועלכע ער האָט באַלד צעריסן; ער האָט באַשטימט טערמינען, און האָט זיי שפּעטער אַדורכגעלאָזן. אָפט פלעגט ער זיך לאָזן אין וועג אַריין, באַשליסנדיק צו זיין דרייסט, אָבער אויך דער באַשלוס פלעגט אים פאַרלאָזן, ווי נאָר ער פלעגט זיך צונויפקומען מיט עמען, און אַז שאַרל פלעגט אים פאָרלייגן, מיטצופאָרן מיט אים צו אַ פּאַציענט ערגעץ אונטער דער שטאָט פלעגט ער תיכף איינגיין דערויף, זיך געזעגענען מיט עמען און אַוועקפאָרן. צי איז דען איר מאַן נישט קיין חלק פון איר אַליין?

עמע ווידער, האָט זיך אָבער קיינמאָל נישט געשטעלט די שאלה, צי זי ליבט אים. די ליבע, האָט זי געטראַכט, דאַרף אָנקומען פּלוצלונג מיט דונערן און בליצן, ווי אַן אוראַגאַן, וואָס פאַלט אַרויף אויפן לעבן, רייסט אַרונטער דעם ווילן, פּונקט ווי בלעטער און שלעפּט אַוועק אין אַ תהום דאָס האַרץ. זי האָט נישט געוווּסט, אַז דער רעגן פאַרמירט אָזיערעס אויף די טעראַסעס פון דעכער, ווען די רינעס זענען פאַרשטאָפּט; און זי וואָלט זיך אַזוי פאַרבליבן ווייטער רויק, ווען זי וואָלט פּלוצלונג נישט אַנטדעקט אַ שפּאַלט אין דער וואַנט.

V

דאָס איז געווען איינמאָל, אין אַ פעברואַר=זונטיק; ס'איז געפאַלן אַ שניי.

זיי אַלע, מסיע און מאַדאַם באָוואַרי, אָמע און לעאָן זענען אַוועקגעפאָרן ביי אַ האַלבן מייל פון יאָנוויל, אין אַ טאָל, כדי צו באַקוקן אַ נייע וועבעריי, וואָס מען האָט דאָרט אויפגעשטעלט. דער אַפטייקער האָט מיטגעפירט זיינע קינדער, נאַפּאָלעאָנען און אַטאַליען, פונקט ווי אויף אַן אויספלוג; זשיסטען האָט זיי באַגלייט, נאָכטראָגנדיק די שירעמס אויפן אַקסל.

קיין שום זאַך האָט אָבער נישט געקענט זיין מער טשיקאַווע, ווי די דאָזיקע איסטערלישע איינריכטונג. אַ גרויסער ליידיקער שטח מיט קופּעס זאַמד און שטיינער און מיט עטלעכע פאַרזשאַווערטע רעדער; דאָס אַלץ איז געווען אָנגעוואָרפן אַרום אַ פירקאַנטיקן בנין מיט אַ סך קליינינקע פענסטערלעך. ער איז נאָך נישט געווען פאַרענדיקט און דורך די דאַך=לאַטעס האָט מען אַרויסגעזען דעם הימל. צו אַ באַלקן פון דאַך איז געווען צוגעבונדן אַ בינטל שטרוי אויסגעמישט מיט זאַנגען, וואָס האָט זיך געוויגט אויפן ווינט צוזאַמען מיט דרייפאַרביקע לענטעס.

אָמע האָט זיך רעכט צעשמועסט. ער האָט דערקלערט דער חשובער געזעלשאַפט וועגן דער קינפטיקער וויכטיקייט פון דעמדאָזיקן בנין. ער האָט גערעדט וועגן דעם מאַסיוון געהילץ, וועגן די דיקע ווענט און האָט שטאַרק באַדויערט, וואָס ער האָט נישט קיין מעטרישן שטעקן, אַזעלכן, ווי בינע פאַרמאָגט.

עמע, גייענדיק זייט ביי זייט מיטן אַפטייקער, האָט זיך אָנגעלענט אויף זיין אָרעם און געקוקט אויפן זון=דיסק, וועלכער האָט אַדורכגעשניטן דעם נעפּל מיט אַ שטראַלנדיקער בלאַסקייט; אָבער זי האָט אויפגעהייבן דעם קאָפּ; זי האָט דערזען שאַרלען. זיין הוטל איז געווען אַראָפּגערוקט איבער די ברעמען, און זיינע צוויי גרויסע ליפּן האָבן געציטערט, וואָס

האָט אים צוגעגעבן זייער אַ נאַריש אויסזען; אפילו אויף זיין פּלייצע, אויף זיין תמיד רויקער פּלייצע האָט מען נישט געקענט קוקן אָן אויפרעגונג. און איר האָט זיך געדאַכט, אַז זיין סורדוט דריקט אויס די גאַנצע פּלאַכקייט און גרויקייט פון זיין וועזן.

בשעת זי האָט אים אַזוי באַטראַכט, שפּירנדיק בעת מעשה, אין איר אויפרעגונג, עפּעס אַ פיינלעכן תּענוג, האָט זיך לעאָן דערנענט צו איר. ער איז געווען עטוואָס בלאַס פון קעלט און אויפן פּנים איז אים געלעגן אַן אויסדרוק פון אַ זיסער מאַטקייט. פון אונטער זיין אָפּגעלייגטן קאָלנער האָט זיך צרויסגעזען אַ שטיקעלע האַלדז; אַ שטיקל אויער האָט אַרויס-געשטעקט פון אונטער די געדיכטע פּאַסמעס האָר, און זיינע גרויסע בלויע אויגן, אויפגעהייבן צו די וואָלקנס, האָבן עמען אויסגעוויזן ריינער פון וואַסער און שענער פון די בערג-אָזיערעס, ווו דער הימל שפּיגלט זיך אָפּ.

— אומגליקלעכער! — האָט פּלוצלונג אָפּגעקלונגען דעם אַפּטייקערס קול.

און ער איז צוגעלאָפן צו זיין זון, וועלכער איז אַריינגע-קראָכן אין אַ בערגל קאַלך, כּדי אויסצוווייסן זיינע שיך. אַנ-שטאָט אַ תּשובה אויפן פּעקל מוסר, וואָס מען האָט אים דאָ אויסגעלייגט, האָט נאַפּאָלעאָן אָנגעהויבן שרעקלעך צו ריטשען, און זשיסטען האָט אים דערווייל געריבן די שיך מיט שטרוי. מען האָט אָבער באַדאַרפט האָבן אַ מעסער צו דערדאָזיקער אָפּעראַציע און שאַרל האָט פאָרגעלייגט זיין קליין מעסערל.

— אַך, — האָט עמע געזאָגט, — ער טראָגט דאָך אַ מעסער אין קעשענע! אַן אמתער פּויער.

די ערד האָט זיך באַדעקט מיט טוי-געפּריר; מען האָט זיך אומגעקערט קיין יאָנוויל.

אָוונטצייט איז עמע נישט געגאַנגען צו אירע שכנים און, פאַרבלייבנדיק אַליין, נאָך שאַרלס אַוועקפאָר, האָט זי אַדורכגע-פירט אַ פּאַראַלעל מיט יענער קלאָרקייט פון אוממיטלבאַרע געפילן און יענער טיפקייט, וואָס דער זכרון גיט צו פאַרשיי-

דענע זאַכן. קוקנדיק כון בעט אויפן העלן פלאַם פון קאַמין,
האָט זי דייטלעך געזען לעאָנען, ווי ער שטייט מיט אַן אויס=
געבויגענעם ראָר=שטעקעלע אין דער האַנט און מיט דער צווייַ=
טער האַלט צו אַטאַליען, וואָס זייגט זיך אַ שטיקעלע אייז.
ער האָט איר אויסגעזען רייצנדיק=שיין; זי האָט זיך נישט גע=
קענט אָפרייסן פון אים; עס זענען איר אַרויפגעקומען אויפן
זכרון אַנדערע כאזעס זיינע, ווערטער, דער קלאַנג
פון זיין שטימע, און זיין גאַנץ וועזן, און, אויסציענדיק אירע
ליפן פאַר אַ קוש, האָט זי געהזרט:

— יאָ, רייצנדיק=שיין!... רייצנדיק=שיין!... צי איז ער פאַר=
ליבט? — האָט זי זיך געפרעגט — אָבער אין וועמען?... אין מיר!

פלוצלונג זענען אַרויסגעשווומען פאַר איר אַלע סימנים
און דאָס האַרץ האָט איר טריומפירט. דער פלאַם פון
קאַמין האָט פריילעך אַרומגעטאַנצט אויפן סופיט; זי האָט זיך
אויסגעצויגן מיטן פנים ארויף און צעשפרייט די הענט.

און ס'האָבן זיך ווידער אָנגעהייבן די אַלטע פיינלעכע טענות:

— אַך, ווען גאָט וואָלט געוואָלט! פאַרוואָס איז נישט
אַזוי? אָבער וועמען שטערט עס?...

ביינאַכט, ווען שאַרל איז געקומען, האָט זי געמאַכט אַ
מינע, ווי זי וואָלט נאָר וואָס געעפנט די אויגן פון שלאָף, און
אַזוי ווי ער האָט זיך עטוואָס רוישיק אויסגעטאָן, האָט זי זיך
באַקלאָגט אויף מיגרען; נאָכדעם האָט זי אים גלייכגילטיק אַ
פרעג געטאָן, ווי מען האָט פאַרבראַכט דעם אָוונט.

— מסיע לעאָן איז אַוועק פרי אַהיים, — האָט ער געענטפערט.

זי האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן פון געלעכטער און
איז אַנטשלאָפן געוואָרן, איינגעוויגט פון דעם נייעם זיסן
כישוף.

צומאָרגנס, אינאָוונט, איז געקומען מסיע לערע, דער גאַ=
לאַנטעריי=סוחר. דאָס איז געווען זייער אַ כיטרע מענטשל.

געבוירן אין גאַסקאָן, אָבער נאָכדעם געוואָרן אַ נאָרמאַנ=
דיער, האָט ער פאַראייניקט אין זיך די באַרעדעוודיקייט פון
דרום מיט דער כיטרעקייט פון צפון. זיין דיק, פוכלע, אַנבאַר=

דיק פּנים איז געווען פּונקט ווי באַצויגן מיט שיטערן לאַקרעץ, און זיינע ווייסע האָר האָבן נאָכמער באַלעבט דעם שאַרפן-גלאַנץ פון זיינע קליינע שוואַרצע אויגן. קיינער האָט נישט געוווּסט, מיט וואָס ער האָט זיך פריער באַשעפטיקט; אַ טרעגער, — האָבן אייניקע געזאָגט; אַ באַנקיר אין רואַ, — האָבן אַנדערע דערציילט. איינס איז אָבער יאָ געווען זיכער, אַז ער האָט אין קאָפּ געמאַכט אַזעלכע קאָמפּליצירטע חשבונות, אַז ביני אַליין האָט ממש געגאַפט. העפלעך ביז הכנעה, האָט ער זיך תמיד געבויגן אין דרייען, אין אַזאַ פּאָזע, ווי ער וואָלט עמעצן באַגריסט אָדער איינגעלאַדן.

נאָכדעם, ווי ער האָט איבערגעלאָזט ביי דער טיר זיין הוט, אַרומגעוויקלט מיט שוואַרצן קרעפּ, האָט ער אַרויפגעשטעלט אויפן טיש זיין גרינע שאַכטל און מיט גרויס העפלעכקייט זיך אָנגעהייבן צו באַקלאָגן, פאַרוואָס ער האָט ביז איצט נישט געהאַט דעם כבוד צו דערווערבן איר צוטרוי. אַזאַ אָרעם געוועלבל, ווי זיינס, איז נישט בכוח צוצוציען אַן עלעגאַנטע פּ ר ו י (די לעצטע ווערטער האָט ער אונטערגעשטראָכן). זי דאַרף אָבער מער נישט, ווי באַשטעלן, און ער נעמט זיך אונטער איר צוצושטעלן אַלץ, וואָס זי וועט דאַרפן, ווי גאַלאַנטעריע, וועש, שטאָפן, און בכלל די סאַמע נייסטע סחורות, ווייל ער פאָרט רעגלמעסיק פיר מאָל אַ חודש אין שטאָט אַריין. ער שטייט אין פאַרבינדונגען מיט די גרעסטע פירמעס. אויף אים קען מען זיך נאָכפרעגן ביי „די דריי ברידער", אין „דער גאָלדענער באָרד", אָדער אינם „ווילדן ריז"; דידאָזיקע אַלע הערן קענען אים, ווי זייערע אייגענע קעשענעס! פּונקט היינט איז ער, פאַרבייגייענדיק, אַריינגעקומען באַווייזן דער מאַדאַם פאַרשידענע סחורות, וועלכע ער האָט באַקומען צוליב אַ זעלטענעם צופאַל. און ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון זיין שאַכטל אַ האַלבע טוץ געהאָפטענע קאַלנערלעך.

מאַדאַם באָוואַרי האָט זיי באַטראַכט.

— איך ברויך איצט גאָרנישט, — האָט זי געזאָגט.

דעמאָלט האָט לערע דעליקאַט אַרויסגעצויגן דריי אַלזשירער

שאַרפן, טעלערס פעקלעך ענגלישע נאָדלען, א פּאָר שטרויענע פּאַנטאָפל און, צולעצט, פיר אויער-בעכערלעך פון קאָקאָס-ניס, אויסגעאַרבעט פון קאַטאָרזשניקעס. נאָכדעם, האָט ער זיך מיט ביידע הענט אָנגעלענט אויפן טיש, אויסגעצויגן דעם האַלדז, אויסגעבויגן דעם גוף, און מיט אן אָפענעם מויל געקוקט אין עמעס אויגן, וועלכע האָבן אומבאַשטימט אַרומגעשפּאַצירט איבער די סחורות. פון צייט צו צייט פלעגט ער מיטן נאָגל דער-לאַנגען א שנעל איבער די אויסגעצויגענע זיידענע טיכער, פונקט ווי ער וואָלט אָפּגעטרייסלט דעם שטויב; זיי האָבן זיך לייכט געשאָרכט, און ביי דער גרינלעכן פאַרנאַכט-ליכט האָבן די גאָלדענע געוועב-פעדעם געגלאַנצט, ווי קליינע שטיינדלעך.

— וואָס קאָסטן זיי?

— גאָרנישט מיט גאָרנישט, — האָט ער געענטפערט. — א קלייניקייט! און וואָס איז די אייַלעניש? ווען איר וועט וועלן, וועט איר באַצאָלן. מיר זענען דאָך נישט קיין זשידעס!

זי האָט זיך פאַרטראַכט עטלעכע רגעס, און האָט נאָכ-אַמאָל אָפּגעדאַנקט לערען, וועלכער האָט גלייך אָפּגעענטפערט:

— גוט! מיר וועלן זיך שוין שפּעטער אויסרעכענען. מיט פרויען קום איך שטענדיק אויס, אחוץ מיט מיין אייגענער ווייב, נאַטירלעך!

עמע האָט א שמייכל געטאָן.

— איך וויל אייך זאָגן, — האָט ער נאָכן שפּאַס זיך ווידער גוטמוטיק אָנגערופן, — אַז ס׳גייט מיר נישט אינם געלט... געלט קען איך אייך געבן, אויב איר דאַרפט.

עמע האָט אויסגעשטעלט א פּאָר פאַרחידושטע אויגן.

אָך! האָט ער שנעל א שעפּטשע געטאָן. — איך וואָלט חייט נישט געדאַרפט גיין, אַז איך זאָל עס קריגן פאַר אייך; נעמט עס אַריין אין זינען!

זי האָט זיך אָנגעהייבן אויסצופרעגן וועגן דעם געזונט-צושטאַנד פונם פאָטער טעליע, דעם באַלעבאָס פון דער „פראַנ-צויזישער קנייפּע", וואָס איז געווען באָוואַריס א פּאַציענט.

— איר פרעגט, וואָס איז מיט אים, מיטן פאָטער טעליע?...

ער חוסט, אז די גאנצע שטוב האַלט זיך אין איין טרייסלען. און איך האָב שטאַרק מורא, אַז ער חעט גיכער דאַרפן האָבן א מאַנטל פון סאָסנאָווע ברעטער, איידער א פלאַנעלענעם לייבל. ער האָט נישקשהדיק א שטיף געטאָן אין זיינע יונגע יאָרן! דידאָזיקע לייט, מאַדאַם, ווייסן נישט פון א סדר! ער האָט זיך פארברענט מיטן ביטערן טראָפּן! אָבער ס'טוט וויי דאָס הארץ, ווען מען זעט, ווי א פריינט טראָגט זיך אָפּ.

און איינפּאקנדיק זיין שאַכטל, האָט ער ווייטער געהאַקט מיט דער צונג וועגן דעם דאָקטאָרס פּאַציענטן.

— אַלץ האָט אָנגעמאַכט דאָס וועטער, — האָט ער גע-זאָגט מיט א פאַרדאַגהטן פּנים, קוקנדיק אין פענסטער. — דאָס וועטער איז די סיבה פון אַלע מחלות! איך פיל מיך אויך אַביסל לא-עליכמדיק. א ליאַדע טאָג וועל איך מיך מסתמא אויך אויסקלויבן צום דאָקטאָר מיט מיין פּלייצע. וואָס ס'ברעכט מיר... נו, אויף ווידערזען, מאַדאַם באָוואַרי; איך שטיי תּמיד גרייט צו אייער דינסט!

און ער האָט שטיל צוגעמאַכט די טיר.

עמע האָט זיך געהייסן דערלאַנגען דעם מיטאָג אויף א טאַץ ביי זיך אין צימער, לעבן קאמין; זי האָט געגעסן זייער לאַנגזאַם; אַלץ האָט איר אויסגעוויזן זייער באַטעמט.

— ס'אַרא חכמה איך בין געווען, — האָט זי געטראַכט, דערמאָנענדיק זיך אין די שאַרפן.

זי האָט דערהערט טריט אויף די שטיגן; ס'איז געווען לעאָן. זי האָט זיך אויפגעהייבן און א נעם געטאָן פון קאָ-מאָד די ערשטע בעסטע שייערטוך צום זוימען. ווען ער איז אריינגעקומען, האָט עס אויסגעוויזן, אַז זי איז שטאַרק באַ-שעפטיקט.

זייער שמועס האָט זיך נישט געקלעפּט; מאַדאַם באָוואַרי האָט אים וויילנווייז פאַרלאָזט און לעאָן אליין האָט זיך אויך עפּעס געשפּירט אָפּהענטיק. זיצנדיק אויף א נידעריקן שטול, לעבן קאמין, האָט ער געדרייט אין זיינע הענט א נעסטערער פּון העלפאַנט-ביין; זי האָט געשטאָכן מיט דער נאָדל און פון

צייט צו צייט פאַרבויגט מיטן שפּיץ פינגער דעם ברעג אויפן לייוונט. זי האָט נישט גערעדט; ער האָט אויך געשוויגן, פאַרכאַפּט פון איר שווייגן, פונקט ווי ער פלעגט זיין פאַר־כישופט פון איר רעדן.

— אָרעמער ייִנגל! — האָט זי געטראַכט.

— און פאַרוואָס געפעלט איך איר נישט? — האָט ער גע־טראַכט.

צולעצט, האָט לעאָן איר דערציילט, אַז די טעג פאַרט ער קיין רואַן אין די אַנגעלעגנהייטן פון זיין שעף.

— אייער מוזיקאַלישער אַבאָנאַמענט האָט זיך שוין פאַר־ענדיקט, צי דאַרף איך אים באַנייען?

— ניין — האָט זי געענטפערט.

— פאַרוואָס?

— ווייל...

און פאַרבייסנדיק מיט די ליפּן, האָט זי ארויסגעצויגן אַ לאַנגן גרויען פאָדעם.

דידאָזיקע אַרבעט האָט אויפגערעגט לעאָנען. אים האָט זיך געדאַכט, אַז זי מאַכט זיך קאַליע די פינגער דערמיט. ס׳איז אים איינגעפאַלן עפּעס אַ העפלעכע פראַזע. אָבער ער האָט נישט געהאַט דעם מוט עס ארויסצוזאָגן.

— הייסט עס, אַז איר פאַרלאָזט די מוזיק? — האָט ער געפרעגט.

— וואָס? — האָט זי רירעוודיק איבערגעפרעגט — די מוזיק? אך, מיין גאָט, יאָ! איך דאַרף דאָך פירן די באַלעבאַ־טישקייט, איך דאַרף מיך זאָרגן פאַרן מאַן, און טויזנטער אַנדערע זאַכן און סך פליכטן, וואָס ליגן מיר אויפן קאָפּ!

זי האָט אַ קוק געטאָן אויפן וואַנט־זייגער. שאַרל האָט פאַרשפעטיקט. זי האָט כלומרשט געמאַכט אַ פאַרדאגהטע מינע.

צוויי אָדער דריי מאָל האָט זי איבערגעחזרט:

— ער איז זייער אַ גוטער!

מסיע באָווארי איז געווען געפעלן לעאָנען, אָבער די

ליבע פון איר זייט האָט אים אומאַנגענעם איבערראַשט. דאָך האָט ער אויך געלויבט שאַרלען און געזאָגט האָט ער דאָס, וואָס ער האָט געהערט פון אַלעמען, באַזונדערס פון אפטייקער.

— אך! ס'ארא גוטער מענטש, — האָט עמע ווייטער געזאָגט.

— זיכער, — האָט לעאָן באַשטעטיקט.

און ער האָט אָנגעהייבן צו רעדן וועגן מאַדאַם אָמע, וועגן איר פאַרנאַכלעסיקטן טואַלעט, פון וועלכן מען האָט תמיד געלאַכט.

— נו, מילא! — האָט אים עמע איבערגעשלאָגן. — א גוטע מאַמע זאָרגט נישט וועגן טואַלעטן.

אַון זי האָט זיך ווידער פאַרזונקען אין שטילקייט.

דאָסזעלבע האָט זיך איבערגעחזרט אויך אין די ווייטערדיקע טעג. אירע שמועסן, איר האַלטונג האָבן זיך געענדערט. זי האָט ווידער אָנגעהייבן צו זאָרגן וועגן איר באַלעבאַטישקייט, נישט אַדורכגעלאָזט די מעסעס אין קלויסטער און געוואָרן שטרענג צו איר דינסט.

זי האָט אָפּגענומען בערטען פון דער אַם, און אַז עס זענען געקומען געסט, האָט זי פעליסטיע אַריינגעטראָגן אין צימער און מאדאם באָוואַרי האָט זי גענומען אויסטאָן און אַלעמען געוויזן איר שלאַנק קערפערל. זי האָט געזאָגט, אַז זי האָט זייער ליב קינדער; דאָס איז איר טרייסט, איר שמחה, איר משוגעת, און איר צערטלעכקייט איז באַגלייט געוואָרן מיט אַזאַ לירישער השתפכות, אַז אַחוץ די יאָנוויללער איינוווינער, וואָלט זיך יעדער איינער דערמאָנט אַן סאַשעטן פון נ אָ ט ר-ד אַ ם-ד ע פּ אַ ר י.

ווען שאַרל איז אַריינגעקומען, האָבן זיך שוין ביים קאַמין געוואַרעמט זיינע שטעקשיך. דער אונטערשלאַק פון זיינע קאַמיזעלקעס איז שוין מער נישט געווען צעריסן, און זיינע העמדער האָבן שוין מער נישט געפעלט קיין קנעפּלעך, און מען האָט געקענט מיט תענוג זיך צוקוקן, ווי אַלע זיינע נאַכטמיצן זענען איינגעלייגט אין דער בעסטער אָרדענונג. זי האָט

זיך שוין מער נישט אָפּגעזאָגט, ווי פריער, צו גיין שפּאַצירן אין גאָרטן; אַלץ, וואָס ער האָט פאַרלאַנגט, האָט זי נאָכגעגעבן, הגם זי האָט נישט געקענט פאַרשטיין דעם כּוח, וואָס האָט זי געמאַכט אַזוי הכנעהדיק; און ווען לעאָן פלעגט אים זען נאָכמיטאָג, אין ווינקל, ביים קאַמין, מיט ביידע הענט פאַרלייגט אויפן בויך, מיט די פיס אויפן שטול, מיט אַ פאַררויטיקט פּנים פון פאַרדייונג, מיט אויגן פייכט פון גליק, צוקוקנדיק זיך, ווי דאָס קינד שאַרט זיך אויפן טעפּיך און די צאַרטע פרוי בויגט זיך בעת מעשה אַריבער איבערן שטול און קושט דעם מאַן אין שטערן, — ווען לעאָן האָט עס אַלץ געזען, האָט ער געטראַכט:

— ס'אַרא משוגעת! און איך האָב געמיינט, אַז איך וועל זי קענען דערגרייכן!

זי האָט איצט אויסגעזען אין זיינע אויגן אַזוי צנועהדיק-ריין, אומצוטריטלעך, אַז ער האָט פאַרלוירן די מינדעסטע האָפענונג.

אָבער אָפּזאָגנדיק זיך פון אים, איז זי דערמיט אַליין אויסגעוואַקסן אין זיינע אויגן. אירע קערפּערלעכע אייגנשאַפטן האָבן שוין נישט עקזיסטירט פאַר אים, און אויך אין זיין האַרצן האָט זי זיך דערהייבן אַלץ העכער און העכער. ווי אַ פּרעכטיקער אַפּאָטעאָז, וואָס פליט אַוועק. ס'איז געווען איינס פון יענע ריינע געפילן, וואָס קומען זעלטן אין טאָג-טעגלעכן לעבן. מיט דידאָזיקע געפילן צערטלט מען זיך, ווייל זיי פאַרשאַפן אונדז מער יסורים ביים פאַרלירן זיי, איידער פאַרגעניגן ביים באַהערשן זיי.

עמע איז געוואָרן מאָגער; זי האָט באַקומען בלאַסע באַקן און אַן אויסגעצויגן פּנים. מיט אירע שוואַרצע האָר, גרויסע אויגן, גלייכער נאָז, מיט אירע שטילע און לייכטע טריט, ווי אַ פייגל, האָט זי געמאַכט דעם איינדרוק, ווי זי וואָלט געשוועבט איבערן לעבן, קוים צורירנדיק זיך צו אים, און וואָלט געטראָגן אַן אומקלאָרן חותם פון עפּעס אַ העכערער שליחות. זי איז געווען אַזוי אומעטיק און אַזוי רויק, אַזוי צאַרט און אַזוי איינגעהאַלטן, אַז מען האָט לעבן איר געפילט עפּעס אַ מין פריי-

דעוודיקן רייץ, פונקט ווי אין קלויסטער, ווו דעם מענטשן כאפט אָן א ציטער פון די בלומען-ריחותי, אויסגעמישט מיט דער קעלט פונם מארמאָר. יעדער איינציקער האָט דערפילט דעמדאָזיקן רייץ. דער אפטייקער האָט געזאָגט: -- דאָס איז א פרוי מיט א סך מעלות, א פרוי, מיט וועלכער מען וואָלט זיך נישט געשעמט אין דער סו-פרעפעקטור.

די שטעטלשע ווייבער זענען געווען אנטציקט פון איר שפּאָרזאמקייט, די פאציענטן פון איר העפלעכקייט און די אָרעמעלייט פון איר נדבות.

דאָך איז זי געווען פול מיט לײדנשאפט, פארביטערונג, האס. דאָסדאָזיקע באשיידענע קלייד מיט גלייכע פאלדן האָט פארבאָרגן א ברויזנדיק הארץ, און אירע שעמעוודיקע ליפּן האָבן נישט ארויסגעגעבן אירע ליידן. זי איז געווען פארליבט אין לעאָנען און געזוכט איינזאמקייט, זי זאָל קענען זיך פריי אנטציקן מיט זיין בילד. דאָס זען אים האָט אָבער צעשטערט די זיסקייט פון דעמדאָזיקן חלום. עמע פלעגט אויפציטערן ביים גערויש פון זיינע טריט; נאָכדעם, אין זיין אָנוועזנהייט, פלעגט פארשווינדן איר אומרויקייט און אין איר פלעגט פארבלייבן עפּעס א גרויסע פארוואונדערונג, וואָס האָט זיך פארוואנדלט אין אומעט.

לעאָן, ארויסגייענדיק פון איר, א פארצווייפלטער, האָט נישט געוווסט, אז זי הייבט זיך אויף הינטער אים, און וויל זען, וויאזוי ער גייט אויף דער גאס. זי איז געווען אומרויק פון זיין אויפפירונג. זי האָט נאָכגעהיט יעדן צוק פון זיין געזיכט.

זי האָט אויסגעטראכט עפּעס א גאנצע מעשה, געזוכט אַלץ אַ תירוץ אריינצוקומען צו אים אין צימער. אין עמעס אויגן האָט דעם אפטייקערס ווייב געמוזט זיין גליקלעך, וואָס זי שלאָפט מיט לעאָנען אונטער איין דאך; אירע געדאנקען האָבן זיך כסדר געדרייט ארום דעמדאָזיקן הויז, ווי די טויבן פון „גאָלדענעם לייב", וועלכע קומען צו פליען און נעצן איין אין דער דאכרינע זייערע רויטע לאפּקעס און די ווייסע פליגלען. אָבער

וואָס מער די ליבע איז איר בולטער געוואָרן, אַלץ מער האָט זי איר דערשטיקט אין זיך, כּדי מען זאָל גאָרנישט אַרויסזען. זי האָט געוואָלט, אַז לעאָן זאָל זיך באַאומרויִקן וועגן איר; און זי האָט אויסגעטראַכט אַלערליי צופאַלן, קאַטאַסטראָפעס, וואָס זאָלן אַרויסרופן זיין צערודערונג. דאָך האָט זי אָפּגעהאַלטן די פוילקייט, די שרעק און אויך די בושה. זי האָט אַלץ געטראַכט, אַז זי האָט אים שוין צו ווייט פאַרשטויסן, אַז ס'איז שוין צו שפּעט, אַז אַלץ איז פאַרלוירן. אָבער די אַמביציע, די פרייד צו קענען זיך זאָגן: „איך בין אומשולדיק־ריין”, און דאָס אַריינקוקן אין שפּיגל, מאַכנדיק דערביי אַ הכנעה־דיקע מינע — דאָס אַלץ, האָט זי געמיינט, איז איר געווען אַ טרייסט פאַר איר קרבן, וואָס זי האָט געבראַכט.

און דאָס ליידנשאַפטלעכע פייער פון לייב, דאָס לעבן נאָך עשירות, דער פּיין פון ליידנשאַפט, — אַלץ האָט זיך ביי איר צונויפגעגאָסן און איין ווייטיק; — און אָנשטאָט אַוועקצויאָגן דיראָזיקע געדאַנקען, האָט זי זיך צו זיי נאָכמער צוגעבונדן, אויפרייצנדיק אירע יסורים און זוכנדיק אומעטום פאַרשידענע געלעגנהייטן. זי האָט זיך אויפגערעגט פון אַ שלעכט צוגעגרייטן מאכל, אָדער פון אַ האַלב־אָפענער טיר; זי האָט געליטן פונם סאַמעט, וועלכן זי האָט נישט געהאַט, פונם גליק, וואָס האָט איר געפעלט, פון אירע אומבאַפרידיקטע חלומות, פון איר צו ענגער דירה.

מער פון אַלץ אָבער האָט זי אויפגערעגט דער אומשטאַנד, וואָס שאַרל האָט גאָרנישט באַמערקט אירע יסורים. זיין זיכערקייט, אַז ער פאַרשאַפט איר גליק, האָט זי באַטראַכט ווי אַ נאַרישע באַליידיקונג און זיין רויִקייט דערין, — ווי אַן אומדאַנקבאַרקייט. פאַר וועמען היט זי פאַרט אָפּ איר צניעות? איז ער דען נישט די מניעה צו איר גליק, די סיבה פון אירע יסורים, פונקט ווי אַ שפּיציקער משוואָק אינם האַרטן רימען, וואָס האָט איר איינגעקלאַמערט פון אַלע זייטן?

זי האָט אַרויפגעוואָרפן אויף אים איר גאַנצע שנאה, וואָס איז אויסגעוואַקסן פון אומעט, און יעדע באַמיִונג די שנאה אָפּצו־

שוואַכן, האָט זי בלויז פאַרשטאַרקט; דידאָזיקע אומנוצלעכע יסורים האָבן זי פאַרייניקט מיט די סיבות פון פאַרצווייפלונג, וואָס האָט זי אַלץ מער און מער דערווייטערט פון איר מאַן. זיין צאַרטקייט האָט זי בלויז אויפגערעגט. דאָס מעסיקע לעבן זייערס האָט אַרויסגערופן אין איר משונהדיקע פאַנטאַזיעס, און דעם מאַנס צאַרטקייט האָט איר דערמאָנט אין אַ פשוטן פאַרראַט. זי וואָלט געוואָלט, אַז שאַרל זאָל זי שלאָגן; אַזויאַרום וואָלט זי געקענט אים פיינט האָבן, זיך נוקם זיין אין אים. זי פלעגט זיך אַליין טיילמאָל וואונדערן אויף אירע ווילדע איינפאַלן. און דאָך האָט זי געמוזט לאַכן, ווי פריער, צוהאָרכן זיך, ווי מען שעפּטשעט אַרום איר, אַז זי איז גליקלעך; זי האָט געמוזט מאַכן אַן אָנשטעל, אַז זי איז באמת גליקלעך, כדי אַלע זאָלן דערין גלויבן.

דידאָזיקע פאַלשקייט האָט אַרויסגערופן אין איר אַן עקל. זי האָט געוואָלט אַנטלויפן מיט לעאָנען ערגעץ ווייט, און מאַכן אַ התחלה פון אַ ניי לעבן; אָבער באלד האָט זיך אין איר נשמה אויפגעעפנט אַ פינסטערער אָפּגרונט.

— איבעריקנס, האָט ער מיך שוין מער נישט ליב, — האָט זי געטראַכט. — וואָס טוט מען? וויאַזוי העלפט מען זיך? וויאַזוי מאַכט מען זיך לייכטער?

זי איז געלעגן אומבאַוועגלעך, צעבראָכן, נישט געקענט אָפּציען דעם אָטעם; טרערן האָבן זיך איר געגאָסן פון די אויגן און שטילע שלוכצן האָבן זיך איר אַרויסגעריסן פון האַלדז.

— פאַרוואָס זאָל מען נישט זאָגן דעם הער? — האָט די דינסט זי געפרעגט, בעת זי איז אַריין אין שלאָפצימער און דערזען, ווי זי וויינט.

— דאָס איז צוליב די נערוון, — האָט עמע געענטפערט — מען דאַרף אים נישט דערציילן, דו וועסט אים פאַרשאַפן עגמת-נפש.

— אַך! אַזוי, — האָט פעליסיטע געזאָגט. — מיט אייך איז דאָסזעלבע, ווי מיט גערינען, דעם פעטער גערענס טאָכטער;

ער, געריזן, איז אַ פישער פון פאָליע. איך האָב אים געקענט אין צרעפּ, איידער איך בין אָנגעקומען צו אייך. זי איז געווען אזוי אומעטיק, אַזוי אומעטיק, אַז בשעת זי איז געשטאַנען אויף דער שוועל פון שטוב, האָט מען געקענט מיינען, אַז עס הענ־גען תכריכים אויף דער טיר. איר קרענק איז, משמעות, געווען אַ מין נעפּל אין קאָפּ, און די דאָקטוירים האָבן נישט געקענט העלפן. אפילו דער גלח אויך נישט. אַז עס פלעגט איר ווערן זייער שלעכט, פלעגט זי איינע אַליין אַוועקגיין אויפן ברעג ים, און דער צאָל־באַאַמטער פלעגט זי אָפט געפינען, ווי זי ליגט אויסגעצויגן אויפן בויך אין זאַמד און פאַרגיסט ביטערע טרערן. אָבער נאָכדעם, נאָך דער חתונה, זאָגט מען, איז דאָס אַלץ אַריבער.

— אָבער ביי מיר, — האָט עמע געענטפערט, — איז עס אַלץ געקומען נאָך דער חתונה.

VI

איינמאָל, אינאָוונט, זיצנדיק ביים פענסטער און צוקוקנדיק זיך ווי לעסטיבודוּאַ, דער קלויסטער־שמש, שניידט אַרום די קוסטעס, האָט זי דערהערט ווי מען קלינגט צו דער „אָוונט־תפילה".

ס'איז געווען אָנהייב אַפּריל, ווען ס'בליען זיך פאַנאַנדער די מאַי־גלעקלעך. אַ וואַרעם ווינטל האָט געבלאָזן אויף די צעגראָבענע בייטן, און די גערטנער האָבן זיך אויסגעפּוצט אין זייערע יום־טובדיקע זומער־טואַלעטן, פּונקט ווי פרויען. דורך די שטעקלעך פון דער אַלטאַנע האָט מען געזען אויף דער לאָנקע דעם טייך, וועלכער האָט זיך געשלענגלט צווישן גרינע גראָזן. אין אָוונט־נעפּל האָט זיך דורכגעטראָגן צווישן די נאַקעטע טאָ־פּאָלעס, אויסגעשיילט זייערע קאָנטורן מיט אַ ווייכן וויאָ־

לעט-קאָליר, און זיי געמאַכט בלאַסער און דורכזיכטיקער פון די צאַרטסטע געוועבן, וואָס בלייבן הענגען אויף זייערע צווייגן. פונדערווייטנס האָבן זיך אָנגערוקט סטאַדעס; מען האָט נישט געהערט זייערע טריט און זייער מעקען; און דער גלאָק האָט כסדר געקלונגען און אָנגעפילט די לופט מיט שטילע אומעטיקע טענער.

אונטער דער ווירקונג פון דידאָזיקע איינטאָניקע קלאַנגען האָבן די רעיונות פון דער יונגער פרוי אוועקגעבלאָנקעט ערגעץ ווייט אין די זכרונות פון אירע יונגע יאָרן און פון פאַנסיאָן. זי האָט זיך דערמאָנט אָן די גרויסע קאַנדעליאַבערעס, וועלכע זענען געשטאַנען אויפן אַלטאַר, אין די וואַזעס מיט בלומען און אין דעם ארון מיט די קאָלאָנעס. פונקט ווי אַמאָל, וואלט זי איצט געוואלט זיך צונויפגיסן מיט דער לאַנגער שורה פון ווייסע שלייערס. וואָס האָט זיך דאָ און דאָרט איבערגעריסן דורך שוואַרצע פלעקן פון די שטייפע קאַפּושאָנען פון די מאָנאַשקעס, וועלכע האָבן זיך איבערגעבויגן פאַר זייערע תפילה-שטולן; זונטיק, אויף דער מעסע, ווען זי האָט אויפגעהייבן דעם קאָפּ, האָט זי געזען די צאַרטע געשטאַלט פון דער הייליקער מוטער אין בלוילעכע קנוילן פון קטורת-רויך. צאַרטע געפילן זענען איר באַפאַלן. זי האָט זיך געפילט ווייך און נאָכגיביק, ווי אַ פעדערל, געהייבן פון ווינט; און זי איז אומבאַוווסטזיניק אוועק אין דער ריכטונג צום קלויסטער גרייט צו טאָן אַלץ, וואָס האָט נאָר אַ שייכות צו פרומקייט, אַבי זי זאָל קענען פאַרטרינקען איר נשמה, אַנטרונען ווערן מיטן גאַנצן וועזן.

אויפן פלאַץ האָט זי באַגעגנט דעם שמש לעסטיבודוא, וואָס איז געגאַנגען פון קלויסטער. ער האָט געהאַט אַזאַ טבע: נישט וועלנדיק זיך קאַליע מאַכן דעם טאָג, פלעגט ער איבעררייסן די אַרבעט און נאָכדעם ווידער זי אָנהייבן, אַזוי, אַז ער האָט תמיד געקלונגען צו דער אָוונט-תפילה, ווי ס'האָט אים געלוינט. איבעריקנס, האָט דאָס קלינגען פאַר דער צייט דערמאָנט די ייִנגלעך וועגן דער שעה פון קאַטעכיזם.

עטלעכע יינגלעך זענען שוין אָנגעקומען און האבן גע-שפּילט אין קיילקע אויף די שטיינער פון בית-עלמין. אַנדערע זענען געזעסן רייטנדיק אויף די ווענט, באַוועגט מיט די פיס, אָפּגעקלאַפּט מיט די שטיוועלעס די הויכע פּאָקשיווע, וואָס איז געוואָקסן צווישן קליינעם פלויט און די לעצטע מצבות. בלויז אָט דאָס שטיקל פּלאַץ איז געווען גרין; דער גאַנצער איבערי-קער שטח איז געווען באַדעקט מיט מצבות, אָדער באַדעקט מיט אַ דינעם שטויב, כאָטש דער שמש האָט עפּטער געאַרבעט מיטן בעזעם.

קינדער זענען אַרומגעשפּרונגען אין שטעקשיך איבער ד' מצבות, פּונקט ווי ס'וואָלט געווען אַ פּאַרקעט, און דאָס קליינגען פון גלאָק האָט נישט פאַרהילכט זייערע קולות. די קולות זע-נען אָפּגעשטאָרבן צוזאמען מיט דער וואַקלעניש פון גראָבן שטריק, וועלכער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פון גלאָקן-טורעם און מיטן עק זיך געשלעפּט איבער דער ערד. שוואַלבן האָבן, פּייפּנ-דיק דורכגעשניטן די לופט און שנעל אַריינגעפלויגן אין זיי-ערע געלע נעסטן אונטער די קאַרניזן. טיף אין קלויסטער האָט געברענט אַ לעמפּל, ד. ה. אַ קנויט אַריינגעשטעקט אין אַ הענגענ-דיקן גלאָז. זיין פלעמל איז פונדערווייטנס געווען ענלעך צו אַ ווייסן פלעק, וועלכער האָט געציטערט אין אייל. אַ לאַנגער זון-שטראַל האָט דורכגעשניטן דעם גאנצן מיטלסטן טייל פון קלויסטער, און די איבעריקע טיילן און ווינקלען זענען דעריבער געווען פאַרזונקען אין אַ טיפער פינסטערניש.

— ווו איז דער גלח? — האָט מאַדאַם באָוואַרי געפרעגט עפּעס אַ יינגל, וואָס האָט זיך געשפּילט מיט אַ צעפּאַלענעם טור-ניקעטע.

— ער קומט באַלד, — האָט דאָס יינגל געענטפערט.

און באמת, די טיר פון קלויסטער-הייזל האָט אַ סקריפּע גע-טאָן און ס'האָט זיך באַוויזן דער גלח בורניסיען; די קינדער זענען הענדום-פענדום אַריינגעלאָפן אין קלויסטער.

— יונגאַטשעס! — האָט דער גלח געמורמלט. – תמיד נאָר געשטיפּט!

און אויפהייבנדיק אַ צעריסענעם קאַטעכיזם, אויף וועלכן ער האָט אָנגעטראָטן מיטן פוס, האָט ער געזאָגט:

קיין דרך-ארץ נישטאָ פאַר אַ הייליקן ספר.

— אָבער דערזעעדיק מאדאַם באָוואַרי, האָט ער געזאָגט:

— זייט מוחל, איך האָב אייך נישט באַמערקט.

ער האָט אַריינגערוקט דעם קאַטעכיזם אין קעשענע אַריין און זיך אָפּגעשטעלט, דרייענדיק דעם שליסל פון קלויסטער-צימער צווישן זיינע פינגער.

דאָס ליכט פון דער שקיעה, וואָס האָט אים געשלאָגן גלייך אין פנים אַריין, האָט בולטער אַרויסגערוקט דעם אָפּגע-בליאַקעוועטן אַטלאַס פון זיין סוטאַנע; זי האָט געגלאַנצט ביי די עלנבויגנס און איז געווען אַרומגעריסן פון אונטן. פלעקן פון פעטס און פון טאַבאַק זענען געלעגן אויף זיין ברייטער ברוסט, לענגאויס די קליינע קנעפּלעך און האָבן זיך באַזונדערס פאַרמירט ביים קאָלנער, וווּ ס'זענען געלעגן די הויכגעראָנדיקע פאַלדן פון זיין רויטער גאָמבע; זיין פנים איז געווען באַזייט מיט געלע פלעקן, וואָס זענען אַנטרונען געוואָרן אין דער גע-דיכטער באַרשט פון זיין גרויליכער באָרד. ער איז נאָר וואָס אויפגעשטאַנען פון מיטאָג און האָט הויך געסאָפּעט.

— וואָס מאַכט איר? האָט ער געפרעגט.

— שלעכט, — האָט עמע געענטפערט. — איך לייד.

— טאַקע! איך לייד אויך, — האָט ער געענטפערט.—אָן, די ערשטע היצן שוואַכן שטאַרק אָפּ דעם מענטשן, נישט וואָר? אָבער וואָס קען מען טאָן! מיר זענען געבוירן געוואָרן בלויז צו ליידן, ווי ס'האָט אַמאָל געזאָגט דער הייליקער פאַולוס. וואָס זאָגט מסיע באָוואַרי דערויף?

— ער! — האָט זי זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ פאַראַכ-טונגס-טאָן.

---

*) אַ מין קרייצאַרטיקע איינריכטונג, וואָס ווערט אויפגעשטעלט ביי אַ טיר פון צולאָזן די אַריינגייער איינציקווייז.

— וואָס? — האָט דער פּאַרתידושטער גלח אַ פרעג געטאָן. — האָט ער אייך נישט פאַרשריבן עפּעס אַ רעצעפּט!

אַך! — האָט עמע געזאָגט — די ערדישע רעצעפּטן וועלן מיר נישט העלפן.

דער גלח האָט דאָך פון צייט צו צייט געכאַפּט אַ קוק אויפן קלויסטער, ווו די יינגלעך זענען געשטאַנען אויף די קני, ויך געשטופּט מיט די אַקסלען און זיך איבערגעקערט, ווי קאָרטן-מענטשלעך.

— איך וואָלט געוואָלט וויסן... — האָט זי אָנגעהייבן.

— וואַרט נאָר, וואַרט נאָר, ריבודע, האָט ער זיך מיט כּעס צעשריגן, — איך וועל דיר באַלד אָנרייסן פאַר די אויערן, דו יונגאַטש איינער!

און ווידער צו עמען:

— דאָס איז דעם טשעסלער בודעס אַ בנקל; זיינע עלטערן זענען פאַרמעגלעכע מענטשן און גיבן נאָך אַלע זיינע משוגעתן. אָבער ער האָט אַ גוטן קאָפּ און וואָלט זייער גוט געלערנט, ווען ער וואָלט נאָר געוואָלט. אין שפּאַס רוף איך אים אַמאָל ריבודע (אַזוי הייסט אַ באַרג אויפן וועג קיין מאַראָם). איך זאָג אַפילו אַמאָל, מיין ריבודע. איר פאַרשטייט: מיין ריבודע! דידאָזיקע המצאה האָב איך דעם דערציילט דעם בישאָף, האָט ער געלאַכט... ער האָט באַוויליקט צו לאַכן. — און וואָס מאַכט מסיע באָוואַרי?

זי האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק. ער האָט ווייטער געזאָגט: — מסתּם כּסדר פאַרנומען? איך און ער — מיר ביידע זענען אוודאי די איינציקע מענטשן אין דידאָזיקע מקומות, וואָס אַרבעטן ס׳רוב. ער איז דער דאָקטאָר פון גוף, — האָט ער געזאָגט מיט אַ גראָב געלעכטערל, — און איך דער דאָקטאָר פון דער נשמה.

זי האָט אַ קוק געטאָן אויפן גלח מיט אַ בעטנדיקן בליק:

— יאָ... — האָט זי געזאָגט. — איר פאַרלייכטערט די צרות?

— אַך! רעדט שוין גאָרנישט, מאַדאַם באָוואַרי! היינט אינדערפרי איז מיר אויסגעקומען זיך צו שלעפּן אין אונטערשטן דיאָוויל צוליב אַ קו, וואָס איז אָנגעשוואָלן געוואָרן; זיי האָבן געמיינט, אַז ס׳איז אַן עין-הרע. אַלע זייערע קי זענען עפּעס אַזויאַרום... זענט מיר מוחל, לאַנגעמאַר און בודע! בהמישע קעפּ! צי וועט איר זיך אַמאָל באַרויִקן!

און מיט איין שפּרונג איז ער אַריין אין קלויסטער.

די ווייסע=חברהניקעס האָבן זיך געשטופּט אַרום דרשה=פּולט, אַרויפגעקראָכן אויפן טאַבורעט פון דיאַקאָן, און אויפגעעפנט דעם פּסאַלמען-ספר; די איבעריקע האָבן אויף די שפּיץ-פינגער זיך צוגעקריגן צום קאָנפעסיאָנאַל. דער גלח האָט זיי אָבער מכבד געווען מיט אַ שפּאָר ביסל פּעטש. אָנכאַפּנדיק זיי פאַרן קאָלנער, האָט ער זיי אַ הייב געטאָן אינדערלופטן, באַלד דע= רויף זיי אַראָפּגעלאָזט אויף די קני, אויף די פּליטעס פון כאָר מיט אַזאַ כוח, פּונקט ווי ער וואָלט זיי דאָרט געוואָלט אַריינ-קלאַפּן.

— אָט זעט איר, — האָט ער געזאָגט, ווען ער איז צוריקגעקומען צו עמען, פאַנאַנדערגעוויקלט זיין גרויס ציצן= טיכל און גענומען אַן עק אין מויל אַריין, — די פּויערים זע= נען אַ פאָלק, וואָס מען דאַרף עס באַדויערן!

— פאַראַן נאָך אַ חוץ זיי, — האָט זי געענטפערט.

— זיכער! די אַרבעטער אין די שטעט, למשל.

— ניִשט בלויז זיי...

— זייט מיר מוחל! איך האָב דאָרט געקענט אָרעמע מאַמעס, פרומע אָרענטלעכע ווייַבער, איך פאַרזיכער אייך, ממש הייליקע, וואָס האָבן צומאָל קיין ברויט נישט געהאַט...

— אָבער יענע, — האָט עמע געענטפערט און די ווינקע= לען פון מויל האָבן איר אַ ציטער געטאָן, — יענע, מסיע קיורע, וועלכע פאַרמעגן יאָ ברויט און האָבן אָבער נישט...

— קיין האָלץ אויף ווינטער? — האָט דער גלח אונ= טערגעכאַפּט.

— עס, דאָס זענען נאַרישקייטן...

— וואָס! וואָס הייסט נאַרישקייטן? מיר דאַכט זיך, אַז ווען אַ מענטש איז זאַט, גוט אָנגעוואַרעמט... מהמת סוף כּל סוף...
— מיין גאָט! מיין גאָט! — האָט זי געקרעכצט.
— ס'איז אייך נישט גוט? — האָט ער געפרעגט און גע-מאַכט אַ טריט פאָרויס מיט אַן אומרויִקער מינע. — ס'איז מסתמא פון מאָגן? גייט אַהיים, מאַדאַם באָוואַרי, און טרינקט אייך אָן מיט טיי. דאָס וועט אייך שטאַרקן, אָדער אַ גלאָז קאַלט וואַ-סער מיט זאַפט.
— פאַרוואָס?
און זי האָט אויסגעזען, ווי אַ מענטש, וואָס האָט זיך אויפגע-כאַפּט אין אַ מיטן חלום.
— ווייל איר האָט אַ פּיר געטאָן מיט דער האַנט איבערן קאָפּ. איך האָב געמיינט, אַז איר האָט קאָפּווייטיק.
נאָכדעם האָט ער מוסיף געווען: — אָבער איר ווילט דאָך עפּעס פון מיר? וואָס פאַרלאַנגט איר? איך געדענק נישט.
— איך? גאָרנישט... גאָרנישט... — האָט עמע געחזרט.
און איר בליק, וועלכער האָט אַרומגעבלאָנקעט, האָט זיך לאַנגזאַם אָפּגעשטעלט אויפן זקן מיט דער סוטאַנע. זיי האָבן זיך ביידע אָנגעקוקט און קיין איינציק וואָרט נישט אַרויסגערעדט.
— אויב אַזוי, מאַדאַם באָוואַרי, זייט מוחל, אָבער מיין פליכט איז אויפן ערשטן פּלאַן: איך דאַרף דאָ פאַרענדיקן מיט מיינע ווייסע-חברהניקעס. באַלד איז דאָס ערשטע אָוונטמאָל. איך האָב מורא, אַז מיר וועלן נישט באַווייזן. ביי דער „דערהייבונג" האַלט איך זיי דעריבער אַלע מיטוואָך מיט אַ שעה לענגער. אָרעמע קינדער! ס'קומט אָן זייער שווער זיי אַרויסצופירן אויף גאָטס דרכים, פּונקט ווי ער האָט עס אונדז אַליין באַפוילן דורך די לעפּצן פון זיין בעטלעכן זון... זייט געזונט, מאַדאַם, אַ גרוס אייער מאַן!
ער איז אַריין אין קלויסטער און זיך אַנידערגעשטעלט אויף די קני, באַלד ביי דער טיר.
עמע האָט נאָכדעם געזען, ווי ער איז פאַרשוואונדן געוואָרן צווישן צוויי שורות בענק, שפּרייזנדיק מיט שווערע טריט, דעם קאָפּ עטוואָס פאַרבויגט אויפן אַקסל מיט צעשפּרייטע הענט.

דעמאָלט האָט זי זיך אויסגעדרייט אויף אירע אָפּצאַסן, ווי א סטאַטוּע אויף איר אַקס און איז אוועק אַהיים. אָבער די הייזע-ריקע שטימע פון גלח, אויסגעמישט מיט די קולות פון די קינדער, האָט דערגרייכט צו איר אויער:

— ציי זייט איר אַ קריסט?

— יאָ, איך בין א קריסט.

-- וואָס איז אַזוינס אַ קריסט?

— דער, וועלכער איז געטויפט... געטויפט... געטויפט...

זי האָט זיך אויפגעהייבן אויף אירע שטיגן, האַלטנדיק זיך פאר די פּאָרענטשעס, און ווען זי איז שוין געווען אין צימער, איז זי אַנידערגעפאַלן אין א פאָטעל.

דאָס ווייסע ליכט, וואָס האָט זיך אַדורכגעשלאָגן דורכן פענ-סטער, איז ביסלעכווייז אָפּגעשטאָרבן. דאָס מעבל האָט אויסגעוויזן מער, אומבאַוועגלעך, פונקט ווי עס וואָלט פאַרלאָרן געגאַנגען אינם שאָטן, ווי אין אַ שוואַרצן ים. דאָס פייער אין קאַמין איז אויסגע-גאַנגען, דער זייגער האָט כסדר געקלאַפּט, און עמע האָט געפילט עפּעס אן אומבאַשטימטע אומרויקייט ביי דערדאָזיקער רויקייט פונם מעבל. אין איר האָט אַלץ געברויזט. אָבער צווישן פענסטער און דעם אַרבעט-טיש איז געשטאַנען די קליינע בערטע, וועלכע האָט זיך געוואַקלט אין אירע טוכענע שיכעלעך און געוואָלט זיך צו-קריגן צו דער מאַמען, כדי זי אָנצוכאַפּן פאַרן עק פון איר פאַרטוך.

-- לאָז מיך צורו! — האָט עמע געזאָגט, אָפּשטויסנדיק זי מיט דער האַנט.

דאָס מיידעלע האָט זיך אָנגעבויגן מיט די הענטלעך צו אי-רע קני און האָט אויפגעהייבן צו דער מאַמען אַ פּאָר גרויסע בלויע אויגן. פון מיילעכל האָט איר דער גאַווער בעת מעשה גערונען אויפן זיידענעם פאַרטוך.

— לאָז מיך צורו! — האָט עמע ווידעראַמאָל געזאָגט, אַן אויפגערעגטע.

איר פּנים האָט איבערגעשראָקן דאָס מיידעלע, וואָס האָט זיך צעוויינט.

— טשעפּע זיך שוין אָפּ פון מיר! — האָט עמע געזאָגט, אָפּשטופּנדיק עס מיטן עלנבויגן.

בערטע איז אומגעפאַלן ביים קאָמאָד, זיך צעקלאַפּט אָן דעם מעשענעם הענטל; זי האָט זיך צעקלאַפּט די באַק ביז בלוט. מאַ-דאַם באָוואַרי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן, געוואָלט זי אויפהייבן און איבערגעריסן דעם שנור פון גלעקל; זי האָט מיט אַלע כוחות גערופן דער דינסט און אַפילו זיך אַליין באַשאָטן מיט קללות. פלוצלונג אָבער איז שאַרל געקומען. ס'איז געווען מיטאָג-צייט.

— זע נאָר מיין ליבער, — האָט עמע אומרויִק געזאָגט. — ס'האָט זיך געשפּילט, איז דאָס אומגעפאַלן און זיך פאַרווונדעט אויף דער ערד.

שאַרל האָט זי באַרויִקט, אַז ס'איז נישט קיין בייז, און איז אַוועק נאָך אַ פּליאַסטער.

מאַדאם באָוואַרי איז שוין נישט אַראָפּגעגאַנגען צו מיטאָג; זי האָט געוואָלט בלייבן מיטן קינד. אָבער, אַז זי האָט געזען, ווי עס שלאָפט, איז איר אומרויִקייט ביסלעכווייז פאַרשווּנדן געוואָרן און זי האָט געטראַכט, אַז מען דאַרף זיין נאַריש און נאַיוו, כדי זיך צו ערגערן צוליב אַזעל-כע זאַכן.

בערטע האָט שוין מער נישט געוויינט. איר אָטעם האָט לייכט אונטערגעהייבן די באַוולנע קאָלדרע. גרויסע טרערן זענען געשטאַנען אין די ווינקלען פון אירע גרויסע האַלב-אָפענע אויגנדעקלעך, וועלכע האָבן אַנטפּלעקט צווישן די וויִעס צוויי בלאַסע, טיפע שוואַרצאַפּלען. דער פּליאַסטער אויף איר באַק האָט עטוואָס קרום אײַנגעצויגן די הויט.

— אַ מאָדנע זאַך, — האָט עמע געטראַכט, — ווי מיאוס דאָס קינד איז!

עלף אזייגער ביינאַכט, ווען שאַרל איז צוריקגעקומען פון אַפּטייק, וווּ ער האָט נאָכמיטאָג אָפּגעטראָגן די שיריים פונם פּליאַסטער, האָט ער געפונען דאָס ווייב, שטייענדיק ביים וויגעלע.

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז ס'איז אַ נאַרישקייט, — האָט ער זיך אָנגערופן און געקושט איר אין שטערן, — ער-

גער דיך נישט, מיין טייערע, דו קענסט נאָך, חלילה, קראַנק ווערן!

ער איז לאַנג געזעסן ביים אפטייקער. ער איז אַפילו געװען נישט שטאַרק צערודערט, דאָך האָט אָמע זיך באַמיט אים צו באַרויקן און אויפמונטערן. מען האָט געשמועסט וועגן די אַלע פאַרשידענע סכנות, וואָס לויערן אויף קליינע קינדער און וועגן דער נאַכלעסיקייט פון דער דינערשאַפט. מאַדאַם אָמע האָט עס אויף זיך אליין איבערגעלעבט: עד-היום זענען איר אויף דער ברוסט געבליבן סימנים פון ברענענדיקע קוילן, וואָס די דינסט האָט אויף איר אַמאָל אַרויפגעשאָטן. אירע גוטע עלטערן האָבן דעריבער אָנגענומען פאַרזיכטיקע מיטלען. קיין מעסערס האָט מען ביי זיי קיינמאָל נישט געשאַרפט און די פּאָדלאָגעס פלעגן קיינמאָל נישט אָנגעריבן ווערן. די פענסטער האָבן געהאַט אייזערנע קראַטעס און די טיר שטאַרקע שטאַבעס. די קליינע אָמעלעך, נישט געקוקט אויף זייער זעלבשטענדיקייט, האָבן זיך נישט גערירט פון אָרט אָן השגחה; ביי דער קלענסטער פאַרקילונג פלעגט זיי דער טאַטע מאַטערן מיט רעצעפּטן, און ביז פיר יאָר האָבן זיי אַלע, אָן שום רחמנות, געמוזט טראָגן וואַטענע היטעלעך. מען מוז מודה זיין, אַז דאָס איז געווען אַ משוגעת פון דער מאַדאַם אָמע; בעצם איז איר מאַן נישט געווען צופרידן מיט אַזאַ מין באַציונג, מורא האָבנדיק, אַז דערדאָזיקער היטל-דרוק זאָל אַמאָל זיך נישט אָפּרופן פאַטאַל אויפן דענק-אַפּאַראַט פון די קינדער, און ער פלעגט איר אַפילו אַמאָל מאַכן אַ באַמערקונג:

— וואָס, דו ווילסט אפשר זיי פאַרוואַנדלען אין קאַראַיבן אָדער אין באָטאָקודן?

שאַרל האָט געוואָלט עטלעכע מאָל איבעררייסן דעם שמועס.

— איך וויל מיט אייך עפּעס רעדן, — האָט ער לעאָנען איינגערו־מט אין אויער; לעאָן איז תיכף אַוועק פאָרויס אויף די שטיגן.

— אפשר שטויסט ער זיך אָן? — האָט לעאָן געטראַכט.

דאָס האַרץ האָט אים געקלאַפּט, און ער האָט זיך פאַרלוירן אין פאַרשידענע השערות.

צולעצט האָט שאַרל צוגעמאַכט די טיר און געבעטן לעאָנען, ער זאָל אין רואַן זיך דערוויסן דעם פּרייז פון אַ גוטן דאַגעראָטיפּ*); ער האָט געוואָלט דעם ווייב מאַכן אַ סענטימענטאַלן סיורפּריז, אַרויסווייזן איר אויפמערקזאַמקייט דערמיט, וואָס ער וועט איר דערלאַנגען זיין פּאָרטרעט אין אַ שוואַרצן פראַק. אָבער ער וואָלט פריער געוואָלט וויסן די פּרטים. אייגנטלעך דאַרף זיין בקשה נישט פאַרשאַפן לעאָנען קיין באַזונדערע שוועריקייטן, וואָרים ער פאָרט דאָך סיי ווי סיי יעדע וואָך קיין רואַן.

צוליב וואָסער צוועק? אָמע האָט חושד געווען עפּעס אַ יינגלשע המצאה אָדער גאָר אַן אינטריגעלע. אָבער ער האָט אַ טעות געהאַט; לעאָן האָט נישט געהאַט קיין שום ראָמאַנען. קיינמאָל איז ער נישט געווען אַזוי אומעטיק, ווי איצט און מאַדאַם לעפראַנסואַ האָט עס גוט געזען לויט דער צאָל מאכלים, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אויפן טעלער. זי האָט זיך נישט געפוילט און האָט זיך אפילו געפּרוווט אינפאָרמירן מכוח דעם ביים אינקאַסענט. בינע האָט גראָב געענטפערט, אַז ער דינט נישט אין דער פּאָליציי.

דאָך האָט אים זיין חבר אויסגעזען אַ ביסל משונה. עפטער האָט זיך לעאָן אויסגעצויגן אויף זיין שטול, פאַנאַנדערגעשפּרייט די הענט און זיך באַקלאָגט אויף דער לאַסט פון לעבן.

— דאָס איז אַלץ דערפאַר, ווייל איר ווילט אייך זייער ווייניק, — האָט דער אינקאַסענט באַמערקט.

— וויאַזוי זאָל איך זיך ווילן?

— אָט, אויף אייער אָרט וואָלט איך מיר געקויפט אַ טאָקאַר-מאַשין!

*) דאַגעראָטיפּ: די פאָטאָגראַפישע מעטאָדע פון דעם ערשטן דערפינדער דאַגער.

— אָבער איך קען דאָך נישט טאָקן, — האָט לעאָן געענטפערט.

— אָך! יאָ! — האָט יענער צוגעשטימט, גלעטנדיק זיך בעת מעשה די באָרד מיט אַ מינע פון פאַראַכטונג און זעלבסט-צופרידנקייט.

ס'איז אים נמאס געוואָרן צו ליבן אָן אַ תכלית; דערצו האָט ער אנגעהייבן צו פילן עפּעס אָן אומעט, וואָס קומט פון דער איינטאָניקייט פון לעבן, בעת ס'איז נישטאָ קיין שום אינטערעס, קיין שום האָפענונג. ס'איז אים אַזוי נמאס געוואָרן יאָנוויל, די יאָנווילער נפשות, אַז ער האָט זיך באַלד געוואָלדיק אויפגערעגט, ווען זיין אויג איז געפאַלן אויף דעם אָדער יענעם יאָנווילער פּאַרשוין, אויף דעם אָדער יענעם יאָנווילער הויז. אפילו דער אַפּטייקער, ווי גוט ער איז נישט געווען, איז איהר אויך נמאס געוואָרן. פון דער צווייטער זייט, ווידער, האָט אים די פּערספּעקטיוו פון אַ ניי לעבן פונקט אַזוי געשראָקן, ווי צוגעצויגן.

דערדאָזיקער פּחד איז באַלד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אומגעדולט, און פון פּאַריז האָבן זיך דערטראָגן צו זיינע אויערן די ווייטע קלאַנגען פון מאסקן-באַלער און דאָס געלעכטער פון גריזעטקעס*). דאַרף ער דאָך ענדיקן יוריספּאָדענץ, טאָ פאַר-וואָס זאָל ער טאַקע נישט אָוועקפאָרן? ווער שטערט אים? און ער האָט אָנגעהייבן צו טראַכטן פון זיין נסיעה. ער האָט אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן פאַר זיין אַרבעט. אין דמיון האָט ער זיך אויסמעבלירט אַ צימער. ער וועט פירן אַ לעבן פון אַן אַרטיסט! ער וועט זיך לערנען שפּילן גיטאַרע! ער וועט האָבן אַ שלאָף-ראָק, אַ באַסקישן בערעט, שטעקשיך פון בלויען סאַ-מעט. און ער האָט שוין אַפילו געכאַפּט התפּעלות פון די צוויי רַאַפּירעס, וועלכע וועלן הענגען ווי אַ צלם אויפן קאַמין, מיט אַ טויטן שאַרבן און מיט אַ גיטאַרע אינגערהויך.

ס'איז אַפילו געווען זייער שווער צו באַקומען אַ הסכּמה פון זיין מאַמען; דאָך איז עס פּאָרט געווען זייער אַ קלוגער שריט. אפילו זיין שעף האָט איבּ פאָרגעלייגט אַנצוקו-

*) גריזעטקע: אַרבעטער-מיידל

מען אין אן אנדער ביורא, ווו ער וועט זיך קענען בעסער־אנטוויקלען. אויסקלייבנדיק א מיטעלן וועג, האָט לעאָן געזוכט א פּאָסטן פון א צווייטן אמט־געהילף אין רואַן. אזא פּאָסטן האָט ער אָבער נישט געפונען, און דעריבער האָט ער אָנגע־שריבן א לאַנגן בריוו צו זיין מוטער, אין וועלכן ער האָט איר אויספירלעך דערקלערט, פארוואָס און פארוואָס ער דאַרף תיכף אַרויספאָרן קיין פּאריז. זי האָט איינגעשטימט.

לעאָן האָט זיך אָבער נישט געיאָגט. א גאַנצן חודש צייט האָט איוועך טאָג־טעגלעך אריבערגעפירט זיינע קו־פערס, פּעק, וואליזעס פון יאָנוויל קיין רואַן און פון רואַן קיין יאָנוויל; און ווען לעאָן האָט באנייט זיין גאַרדעראָבע, געגעבן איבערצוקלאַפּן זיינע דריי פאָטעלן, געקויפט א שפּאָר ביסל זיידענע טיכלעך, מיט איין וואָרט געמאַכט מער הכנות ווי אויף א נסיעה ארום דער גאַנצער וועלט — האָט ער ערשט אָנגעהייבן אָפּצולייגן זיין נסיעה פון וואָך צו וואָך, ביז וואַנען ער האָט באַקומען א צווייטן בריוו פון זיין מאַמען, ער זאָל וואָס שנעלער אַרויספאָרן, מחמת ער דאַרף זיך דאָך עקזאַמענירן ביז די וואַקאַציעס.

ווען ס'איז אָנגעקומען דער מאָמענט און מען האָט זיך באַדאַרפט געזעגענען, האָט זיך מאַדאַם אָמע צעוויינט; זשיס־טען האָט פאַרגאָסן טרערן; אָמע אַליין, ווי א מענטש מיט א פעסטן כאַראַקטער, האָט פאַרמאַסקירט זיין אינערלעכן צושטאַנד; ער האָט אפילו געוואָלט אַליין צוטראָגן דעם מאַנטל פון זיין פריינט ביז צום נאָטאַריוס, וועלכער האָט אָפּגעפירט לעאָנען קיין רואַן אין זיין אייגענער קאַרעטע. לעאָנען איז פאַרבליבן זייער ווייניק צייט אויף צוגעזעגענען זיך מיט מאדאַם באָווארי.

ווען ער איז אַרויף אינדערהויף אויף די שטיגן, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, פיילנדיק, ווי ס'פאַרכאַפּט איב דער אָטעם. אז ער איז אַריינגעקומען, האָט זיך מאדאַם באָווארי תיכף אויפגעהייבן.

— דאָס בין איך ווידער! — האָט לעאָן געזאָגט.

— איך בין געקומען זיך געזעגענען!

זי האָט זיך אַ ביס געטאָן אין די ליפּן, און איר גאַנץ פּנים, פון די האָר־וואָרצלען ביז צום זוים פון איר קאָלנער, איז פאַרלאָפן מיט בלוט. זי איז געבליבן שטיין, אָנגעלענט מיטן אַקסל צו דער וואַנט.

— מסיע באָווארי איז נישטאָ? — האָט ער געפרעגט.

— ער איז אַוועקגעפאָרן

ביידע האָבן געשוויגן. זיי האָבן זיך אָנגעקוקט; און זייערע רעיונות, צונויפגעגאָסן אין איין אומעט, האָבן זיך גע־טוליעט צו איינאַנדער, ווי צוויי צאַפּלענדיקע ברוסטן.

— איך האָב זייער געוואָלט אַ קוש טאָן בערטען, — האָט לעאָן געזאָגט.

עמע איז אַראָפּ פון די שטיגן און אַ רוף געטאָן פעליסיטען.

לעאָן האָט מיט אַ שנעלן בליק אַרומגעכאַפּט די ווענט, די עטאַזשערקע, דעם קאַמין, פּונקט ווי ער וואָלט געוואָלט אַלץ דורכדרינגען, אַלץ אַוועקטראָגן.

אָבער זי איז אַריינגעקומען, און די דינסט האָט גע־בראַכט בערטען; בערטע האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, געצויגן פאַר אַ שטריקל דאָס פליגל פון אַ ווינט־מיל און איבערגע־דרייט עס מיטן קאָפּ אַראָפּ.

לעאָן האָט איר עטלעכע מאָל אַ קוש געטאָן אין האַלדז.

זיי מיר געזונט, קליינע! זיי מיר געזונט, טייערע! זיי געזונט!

און ער האָט זי איבערגעגעבן צו דער מאַמען.

— פירט זי אַוועק, — האָט עמע אַ זאָג געטאָן צו דער דינסט.

זיי זענען פאַרבליבן אַליין.

מאדאַם באָווארי האָט זיך אויסגעדרייט און צוגעדריקט דאָס פּנים צו די שויבן; לעאָן האָט געהאַלטן דאס היטל אין האַנט און שטיל זיך געקלאַפּט דערמיט איבערן פוס.

— ס׳וועט נאך רעגענען, — האָט עמע געזאָגט.

— איך האָב אַ מאַנטל, האָט ער געענטפערט.

— אך!

זי האָט זיך אויסגעדרייט, די גאָמבע אַראָפּגעלאָזט און דעם שטערן אויסגעבויגט פאָרויס. דאָס ליכט האָט זיך געגאָסן אויף איר מאַרמאָר-שטערן ביז צום אויסבויג פון אירע ברעמען, אַזוי, אַז מען האָט נישט געקאָנט וויסן, וואָס עמע זעט דאָרט אויפן האָריזאָנט און וואָס זי טראַכט אין האַרצן.

— נו, זייט געזונט! — האָט ער אָפּגעזיפצט.

זי האָט אויפגעהייבן דעם קאָפּ מיט אַ שנעלער באַוועגונג.

— יאָ, זייט געזונט... מען דאַרף פאָרן!

זיי האָבן זיך דערנענטערט צו איינאַנדער; ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט, זי האָט זיך געוואַקלט.

— נו, אויפן ענגליש — שטייגער האָט זי געזאָגט; — זי האָט אים אויסגעשטרעקט די האַנט און זיך באַמיט צו לאַכן.

לעאָן האָט געפילט איר האַנט צווישן זיינע פינגער, און ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז זיין גאַנץ וועזן האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין דער דאָזיקער פייכטער דלאָניע.

נאָכדעם האָט ער אויפגעעפנט זיין האַנט; זייערע אויגן האָבן זיך ווידער באַגעגנט, און ער איז אַרויסגעגאַנגען.

צוגעגאַנגען צום מאַרק-פּלאַץ, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און האָט זיך פאַרבאָרגן הינטער אַ סלופּ. ער האָט געוואָלט צום לעצטן מאָל אַ קוק טאָן אויף דעם דאָזיקן ווייסן הייזל מיט די פיר גרינע זשאַלוזן. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז עפּעס אַ שאָטן האָט דורכגעשלייכט הינטערן פענסטער פון שלאָף-צימער; מיטאַמאָל האָט דער פאָרהאַנג זיך אָפּגעטשעפּעט ווי פון זיך אַליין, פּאַוואָליע באַוועגט זיינע לאַנגע קרומע פאַלדן, וועלכע האָבן זיך צעשפּרייט און איז געבליבן הענגען אומבאַוועגלעך, ווי אַ שטיינערנע וואַנט. לעאָן האָט זיך געלאָזט לויפן.

פונדערווייטנס האָט ער אויפן וועג דערזען דעם קאַבּ-ריאָלעט פון זיין שעף, און ביי דער זייט אַ מענטש אין אַ פאַרטוך, וועלכער האָט צוגעהאַלטן דאָס פערד. אָמע און גיליאָמען האָבן צווישן זיך געשמועסט. מען האָט געוואַרט אויף אים.

— צעקושט אייך מיט מיר, — האָט דער אַפּטייקער געזאָגט מיט טרערן אין די אויגן. — אָט איז אייער מאַנטל, מיין טייערער. זעט, איר זאָלט אייך נישט צוקילן! גיט אַכטונג אויף זיך! היט אייך אָפּ!

— לעאָן, זעצט אייך אַריין, — האָט דער נאָטאַריוס געזאָגט.

אָמע האט זיך איבערגעבויגן איבערן פליגל פונם קאַבריאָלעט און מיט אַ וויינענדיקער שטימע געלאָזט פאַלן די צוויי אומעטיקע ווערטער:

— אַ גליקלעכע נסיעה!

— צום ווידערזען! — האָט גילאמען געענטפערט.

זיי זענען אַוועקגעפאָרן, און אָמע איז אַוועק אַהיים.

מאַדאַם באָוואַרי האָט אויפגעעפנט דאָס פענסטער אין גאָרטן און אַרויסגעקוקט אויף די וואָלקנס.

זיי האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין מערב, ביי דער זייט פון רואַן, און שנעל איבערגערוקט זייערע שווארצע קנוילן, דורך וועלכע ס'האָבן דורכגעריסן לאַנגע זון-שטראַלן, ווי גאָלדענע פיילן פון הענגענדיקע טראָפייען, בעת דער איבעריקער לויטערער הימל-שטח האָט געגלאַנצט, ווי ווייסער פאַרפאָר. אַ ווינט האָט פלוצלונג אַ בויג געטאָן די טאָפּאָליעס, און באַלד איז אַרויסגעפאַלן אַ רעגן; די טראָפּנס האָבן געקלאַפּט איבער די גרינע בלעטער. נאָכדעם האָט די זון זיך ווידער באַוויזן, די הענער האָבן אָנגעהייבן צו קרייען. ווערבייטשיקעס האָבן געקלאַפּט מיט די פליגעלעך אין די פייכטע קוסטעס און די שטראָמען אויפן זאמד האָבן אין זייער שנעלן געלויף אוועקגעטראָגן די ראָזע בלומען פון די אַקאַציעס.

—אַך, ווי ווייט ער מוז שוין זיין פונדאַנעט! — האָט זי געטראַכט.

אָמע איז, ווי תמיד, אריינגעקומען האלב זיבן, מיטאַג-צייט.

— נו! — האט ער געזאָגט און זיך אונטערגעזעצט. — מיר האָבן שוין אַרויסגעפּטרט איין העג אונדזער יונגנמאַן?

— אַזוי זעט עס אויס! — האָט דער דאָקטאָר געענטפערט.

ער האט זיך אויסגעדרייט אויפן שטול און געפרעגט:

— וואָס הערט מען ביי אייך?

— נישטאָ קיין נייס. מיין ווייב איז היינט געווען א ביסל אויפגערודערט, איר ווייסט דאך, ווייבער... יעדע קליניקייט רעגט זיי אויף! באַזונדערס מיינע! און מען קען דאָך טאַקע צו זיי קיין טענות נישט האבן: זייער נערוון־קאָנסטרוקציע איז פארט עמפינדלעכער, ווי אונדזערע.

— אָרעמער לעאָן! — האט שארל געזאָגט. — ווי וועט ער דאָס איצט לעבן אין פּאַריז!... וועט ער זיך דארט קענען איינלעבן?

מאַדאַם באָווארי האָט א זיפץ געטאָן.

— נו, — האט דער אַפּטייקער געזאָגט און צוגעקלאַפּט מיט דער צונג, — און די גוטע סעודהלעך אין די רעסטאָראַנען! און די מאַסקעראַדן! שאַמפּאַניער! איך פארזיכער אייך, אַז דאָס אַלץ וועט זיין.

— איך גלויב נישט, אַז ער זאָל ווערן אַ לעבּ־יונג, — האָט שארל איינגעווענדט.

— און איך אויך נישט, — האָט אָמע זיך פארכאַפּט, — הגם ער וועט מוזן נאָכטאנצן זיינע חברים, מען זאָל אים נישט האלטן פאר א יעזואיט. איר ווייסט נישט, וואָס פאר א לעבן די־דאָזיקע חברה־לייט פירן אין לאַטיינישן קוואַרטאַל מיט די אַר־טיסטקעס! איבעריקנס, האט מען גרויס דרך־ארץ פאַר סטודענטן אין פאריז. זאָל ער נאָר האבן דעם קלענסטן טאַלענט, וועט מען אים באַלד אריינגעמען אין דער שענסטער געזעלשאַפט, און ס׳פּאַסירט אַפילו, אַז די פּרויען פון סען־זשערמענער קוואַרטאַל פארליבן זיך אין די סטודענטן און דאָס גיט זיי אין דער צו־קונפט די מעגלעכקייט צו טאָן די בעסטע שידוכים.

— אָבער, — האָט דער דאָקטאָר זיך אָנגערופן, — איך האָב מורא פאַר אים, אַז... דאָרט...

— איר זייט גערעכט, — האָט אים דער אַפּטייקער איבער־געריסן. — דאָס איז די צווייטע זייט פון מעדאל! מען דאַרף דאָרט כסדר האלטן די האַנט אין קעשענע. אָט, אַ שטייגער

שפּאַציִרט איר ארום אין שטאָט-גאָרטן; וואקסט פאר אייך פלוצלונג אויס עפּעס אַ פּאַרשוין, אפילו מיט מעדאַלן אויף דער ברוסט, און איר מיינט, אַז דאָס איז אוודאי אַ דיפּלאָמאט; פּאַרפּירט ער זיך אַ שמועס מיט אייך און איר ענטפערט אים. לייגט ער אייך פאָר א שמעק טאַבאַק, אָדער ער הייבט אויף אייער הוט. נאָכ־דעם ווערט די באקאַנטשאַפט שוין אַ נענטערע. ער פירט אייך אין אַ קאַוויארניע, פּארבעט אייך צו זיך אין דאָרף, באקענט אייך, ביי אַ גלעזל ווייןֿ, מיט פארשיידענע פּאַרשוינען — און תמיד האט ער בלויז אין אויג אויסצוניצן אייער קינשענע, אדער אריינצושלעפן אייך אין אַ געפערלעכער אַוואַנטורע.

ס'איז וואָר, — האט שארל געזאגט, — איך האב אבער דער עיקר געטראכט פון קראַנקהייטן, פון בויך־טיפוס, אַשטייגער, וואָס פאַרכאַפּט אָפט די סטודענטן פון דער פּראָווינץ.

עמע האָט אַ ציטער געטאָן.

— צוליב דער ענדערונג פונם שטייגער לעבן,—האט דער אַפּטייקער זיך פונדאסניי אָנגערופן,—און פון דער פּערטורבאציע, וואס אנטשטייט דערפון אין דער גאַנצער עקאָנאָמיע פון ארגא־ניזם. איצט נעמט אין אַכט דאָס וואסער פון פּאַריז. דאס עסן און די רעסטאָראַנען, די אַלע שארפע מאכלים, וועלכע רעגן אייך אַזוי אויף דאָס בלוט, זענען סוף כל סוף נישט ווערט קיין שיסל גוטע בארשטש. איך האב שטענדיק מער געהאלטן פון פּריוואטע מיטאָגן: ס'איז אַ סך געזינטער! ווען איך בין גע־ווען אין רואַן אויף פּאַרמאַציע-קורסן, האב איך געגעסן אין אַ פּענסיאָן. איך האָב געגעסן צוזאמען מיט פּראָפעסאָרן.

אָמע האָט כסדר גערעדט, ארויסגעזאָגט זיינע מיינונגען און אַרויסגעוויזן זיינע פּערזענלעכע סימפּאַטיעס, ביז זשיסטען איז געקומען אים רופן: מען האָט געדאַרפט צוגרייטן עפּעס אַ רעצעפּט.

— קיין רויקע מינוט איז נישטאָ, — האָט ער אויסגע־רופן. — תמיד אויפן קייט! נישט אָפּצורייסן זיך אויף אַ רגע! פּונקט ווי אַן משא-פערד, זיך תמיד אָפּגיסן מיט שוויס, אַ

פאַרשאָלטן לעבן!

נאָכדעם, ווען ער איז שוין געשטאַנען ביי דער טיר, האָט ער צוגעגעבן:

— יאָ, האָט איר שוין געהערט די נייס?

— וועלכע?

— ס'איז גאַנץ מעגלעך, — האָט אָמע געזאָגט און אויפגעהייבן די ברעמען, מאַכנדיק זייער אַן ערנסטע מינע, — אַז דער לאַנדווירטשאַפטלעכער צוזאַמענפאָר פונם אונטערשטן סענע-דעפּאַרטאַמענט וועט דאָס יאָר פאָרקומען אין יאָנוויל. אַזוי, לפּחות, שמועסט מען. דאָס וואָלט געווען זייער וויכטיק פאַר אונדזערע מקומות! אָבער דערפון וועלן מיר נאָך שפּעטער רעדן. ס'איז ליכטיק, איך דאַנק אייך. זשיסטען האָט אַ לאַמטערנע.

VII

צומאָרגנס האָט עמע געהאַט אַן אומדערטרעגלעך פיינלעכן טאָג. ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז אַלץ איז איינגעהילט אין אַ שוואַרצן רויך, וואָס האָט אַרומגעשוועבט איבער אַלץ, און דער ווייטיק האָט זיך איינגעגעסן אין איר נשמה מיט אַ שטילן געיאָמער, ווי אַ ווינטערדיקער ווינט אין אַ פאַרלאָזטן שלאָס. ס'איז געווען אַ בענקשאַפט נאָך דעם, וואָס וועט זיך שוין צוריק נישט אומקערן, אַ מידקייט, וואָס כאַפּט אייך אַרום נאָך יעדער פאַרענדיקטער זאַך, אַ גאַנגדיקע פּייַן, וואָס קומט פון אַ הפסקה אין די געוויינהייטן, פון אַ פּלוצלעכן אָפּשטעל אין דער בסדרדיקער וויבראַציע.

פּונקט ווי נאָכן צוריקקער פון וואָביעסאַר, ווען די קאַדרילן האָבן איר געווירבלט אין קאָפּ, האָט איר אַרומגענומען אַ מרה-שחורה, צעפּעס אַ פיינלעכע פאַרצווייפלונג. איצט האָט

זיך איר לעאָן פאָרגעשטעלט גרעסער, שענער, צאַרטער און מער פארנעפלט; נישט געקוקט דערויף, וואָס זיי האבן זיך צעשײדט, האָט ער זי דאָך נישט פאַרלאָזט; ער איז געווען דאָ, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז די ווענט פונם הויז האָבן איינגעהיט זיין געשטאַלט. זי האָט נישט געקענט אָפרייסן איר בליק פונם טעפּיך, ווו ער האָט געשפּרייזט, פון די ליידיקע שטולן, אויף וועלכע ער איז געזעסן. דער טייך האָט כסדר געפלאָסן, און זיינע קליינינקע כוואַליעס האָבן זיך לאַנגזאַם געשטופּט לענגאויס דעם גליטשיקן ברעג. נישט איינמאָל האָבן זיי דאָרט שפּאַצירט, און זיך צוגעהערט צו דעמזעלבן געריוש פון די כוואַליעס איבער די שטיינדעלעך, באַדעקטע מיט מאָך. ווי שיין די זון האָט פאַר זיי געלויכטן! וואָס פאַר אַ רייצנדיקע שעהן זיי האָבן צוזאמען פאַרבראַכט אין שאָטן, טיף אין גאָרטן! זיצנדיק מיט אַ נאַקעטן קאָפּ אויף אַ שטול פון טרו־קענע צווייגן, האָט ער פאָרגעלייענט הויך אויפן קול; דאָס פרישע ווינטל פון די לאָנקעס האָט געבלאָזן אויף די בלעטער פונם בוך און אויף די בלימעלעך פון דער אַלטאנע... אַך! ער איז אַוועקגעפאָרן און מיט אים איז פאַרשוווּנדן געוואָרן דער איינציקער רייץ אין איר לעבן, דער איינציקער מעגלעכער בטחון אויף גליק! פאַרוואָס האָט זי זיך נישט איינגעשעפּט אין דעמדאָזיקן גליק, ווען ס'איז געווען אַזוי נאָענט? פאַרוואָס האָט זי עס נישט איינגעהאַלטן מיט ביידע הענט אויף די קני, ווען ס'האָט געוואָלט אַנטלויפן? און זי האָט זיך איצט פאַר־שאָלטן, למאַי זי האָט זיך געמאַכט גלייכגילטיק צו לעאָנען; זי האָט פיינלעך געלעכצט נאָך זיינע ליפּן. זי האָט מיטן גאַנצן בלוט געוואָלט אנטלויפן צו אים, אַריינפאַלן אין זיינע אָרעמס און אים זאָגן: „דאָס בין איך, איך בין דיינע!" אָבער עמע האָט איינגעזען, אַז ס'איז זייער אַ שווערע אונטערנעמונג, און אירע ליידנשאַפטן, פאַרשטאַרקט דורך איר חרטה, זענען געוואָרן אַלץ מער און מער אומבאַצוימט.

פון דער צייט אָן זענען די ערינערונגען וועגן לעאָנען געוואָרן דער צענטער פון איר אומעט; זיי האָבן געלויכטן

שטאַרקער פונם פייער, וואָס וועגלייט לאָזן איבער אויפן שנייי אין די סטעפעס פון רוסלאנד. זי האָט זיך געוואָרפן אויף אים, האָט זיך געטוליעט צו אים, שטאַרקער צעבלאָזן דאָס פייער, ווען עס האָט זיך געוואָלט אויסלעשן און האָט אַלץ געזוכט און געבישטערט עפּעס אזוינס, וואָס זאָל אים קענען אונטערהאַלטן; און אירע סאַמע ווייטע ערינערונגען צוזאַמען מיט די אוממיטלבאַרע איבערלעבונגען, אַלץ, וואָס זי האָט דורכגעפילט און אַלץ וואָס זי האָט זיך פאָרגעשטעלט, אירע קערפּערלעכע גלוסטונגען, חלומות פון גליק, וועלכע זענען זיך צעפלויגן געוואָרן ווי טויטע צווייגן, איר בחינמדיקע צניעות, אירע צעקלאַפּטע האָפענונגען און היימישע זאָרגן, — אַלץ, אַלץ האָט זי געזאַמלט, פאַר אַלץ האָט זי זיך געכאַפּט, מיט דעם אַלעם האָט זי געוואָלט דערוואַרעמען איר אומעט.

אָבער דאָס פייער איז ביסלעכווייז אויסגעלאָשן געוואָרן, צי דערפאַר, ווייל עס האָט נישט געהאַט מיט וואָס צו ברענען, אָדער דערפאַר, ווייל עס איז פאַרשטיקט געוואָרן פון דער גרויסער מאַסע ברען-שטאָף. די ליבע איז ביסלעכווייז אויסגעלאָשן געוואָרן צוליב דער צעשיידונג. און די בענקשאַפט האָט דערשטיקט די רגילות; דער אָפּגלאַנץ פונם פייער, וואָס האָט פאַררויטלט איר בלאַסן האָריזאָנט, איז פאַמעלעך באַדעקט געוואָרן מיט אַ שאָטן, וואָס האָט אַלץ פאַרשלונגען אונטער זיך. אין איר איינגעשלעפערט געוויסן האָט זי אָנגענומען דעם עקל צו איר מאַן פאַר דער בענקשאַפט צו איר געליבטן, דעם אויסברוך פון האַס — פאַר אַ נייעם שטראָם פון ליבע. אָבער אזוי ווי דער אוראַגאַן האָט אַלץ נישט נאָכגעלאָזט, די תאווה איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַש און קיין ישועה איז פון ערגעץ נישט געקומען, און די זון האָט זיך פון ערגעץ נישט באַוויזן — האָט איר די נאַכט אַרומגעכאַפּט פון אַלע זייטן און זי איז פאַרגליווערט געוואָרן אין דערדראָזיקער מוראדיקער קעלט.

און ס'האָבן זיך אָנגעהייבן די פּיינלעכע טעג פון טאָסט. איצט האָט זי זיך געפילט נאָך אומגליקלעכער ווייל

זי האָט איבערגעלעבט דעם אמתן טעם פון יסורים און האָט זיך איבערגעצייגט אַז זיי זיינען אומענדלעך.

אַ פרוי, וועלכע האָט זיך אַזויפיל מקריב געווען, מעג זיך דערלויבן צו פאַנטאַזירן. עמע האָט זיך געקויפט אַ גאָטישן געבעט-שטול, און אין איין חודש האָט זי געפטרט פערצן פראַנק אויף ציטרינען, כדי צו פּאָלירן זיך די נעגל; זי האָט געשריבן קיין רואַן, מען זאָל איר אַרויסשיקן אַ בלוי קאַשמיר־קלייד; ביי לערעען האָט זי אויסגעקליבן דעם שענסטן שאַרף, אַרומגעבונדן מיט אים די טאַליע איבער איר היימיש קליידל, צוגעמאַכט די לאַדנס, גענומען אַ בוך אין דער האַנט און אין דער הלבשה זיך געלייגט אויפן בעט.

אָפּט פלעגט זי ענדערן איר פריזור: אַמאָל פלעגט זי זיך צוקאַמען אויפן כינעזישן שטייגער, אַמאָל זיך פאַנאַנדערלייגן די האָר און אַמאָל, ווידער, פאַרפלעכטן זיי אין צעפּ; זי פלעגט זיך מאַכן אַ קרומען שרינט און פאַרבויגן די האָר, ווי אַ מאַנסביל.

זי האָט געוואָלט לערנען איטאַליעניש, האָט זי אָנגעקויפט ווערטערביכער, אַ גראַמאַטיק, בערג פּאַפּיר. זי האָט זיך אַפילו געפּרוווט נעמען צו ערנסטע ביכער, צו היסטאָריע און פילאָזאָפיע. טיילמאָל, ביינאַכט, פלעגט זיך שאַרל פּלוצלונג אויפכאַפּן פון שלאָף, מיינענדיק, אַז מען איז אים געקומען רופן צו אַ חולה.

— איך גיי באַלד, — פלעגט ער מורמלען.

און דאָס איז געווען נישט מער, ווי דאָס אויפפלאַמען פון אַ שוועבעלע, וואָס עמע פלעגט אָנרייבן, כדי אָנצוצינדן דעם לאָמפּ. אָבער מיט איר לייענען איז געווען דאָסזעלבע, ווי מיט אירע האַפטונגען, וועלכע האָבן זיך געוואַלגערט אין שאַפע, נישט פאַרענדיקט. זי פלעגט אַריינקוקן אין אַ בוך, באַלד אַוועקוואַרפן עס און נעמען אַן אַנדערס.

זי האָט געהאַט אַטאַקן, ווען זי איז געווען פעיק אָפּצוטוען אַלערליי משוגעתן. איינמאָל האָט זי זיך געשפּאַרט מיטן מאַן, אַז זי וועט אויסטרינקען אַ האַלבע גלאָז בראָנפן, אָבער שאַרל

איז געווען אויף צוזיפיל באַריש, אז ער האָט געצווייפלט דערין, און זי האָט טאַקע אויסגעטרונקען דעם בראָנפן ביזן לעצטן טראָפּן.

נישט געקוקט אויף אירע אויסדעמפונגען (אן אויסדרוק פון דער יאָנווילער באַפעלקערונג), האָט עמע דאָך נישט אויסגעזען פריילעך; אין די ווינקלען פון איר מויל זע־נען געלעגן יענע אומבאַוועגלעכע קנייטשלעך, וואָס ציען איין דאָס פּנים ביי אַלטע בתולות און ביי בעלי־גאַווהניקעס, וואָס האָבן א דורכפאַל. זי איז געווען זייער בלאַס, ווייס ווי לייוונט; די הויט פון נאָז איז געווען צוגעצויגן צו די נאָזלעכער, אירע אויגן האָבן געקוקט מיט אן אומבאַשטימטן בליק. זי האָט אויס־געפונען ביי די שלייפן א דריי גרויע האָר, און האָט אָנגעהייבן צו רעדן פון איר זקנה.

אָפט פלעגט זי פאַלן אין חלשות. איינמאָל האָט זי א שפּיי געטאָן מיט בלוט, און ווען שאַרל, אן איבערגעשראָקענער, האָט אַרויסגעוויזן זיין אומרויִקייט, האָט זי געזאָגט:

— א קנאַפּער אומגליק!

שאַרל האָט זיך פאַרשלאָסן אין זיין קאַבינעט. אונטערגע־שפּאַרט מיט די עלנבויגנס דעם פרענאָלאָגישן קאָפּ, איז ער געזעסן אין פאָטעל און געוויינט.

דעמאָלט האָט ער אָנגעשריבן א בריוו צו זיין מאַמען, זי זאָל קומען, און ביידע האָבן לאַנג געשמועסט וועגן עמען.

— וואָס טוט מען? וואָס קען מען טאָן, אז זי וויל זיך נישט קורירן.

— דו ווייסט, וואָס ס'פעלט דיין ווייב? — האָט די אַלטע זיך אָנגערופן. — צוואַנג־אַרבעט, שווערע האַנט-אַרבעט! ווען איר וואָלט אויסגעקומען, פונקט ווי אַנדערע, צו פאַרדינען איר ברויט, וואָלט זי אַרויסגעשלאָגן פון קאָפּ אירע משוגעתן, וואָס קומען פון פוסטע רעיונות און פון גאָרנישט טאָן.

— זי איז דאָך אָבער באַשעפטיקט, — האָט שאַרל גע־זאָגט.

— וואָסער באַשעפטיקט! מיט וואָס? מיט לייענען ראָמאַנען, פּאַסקודנע ראָמאַנען, ביכער, וואָס זענען קעגן רעליגיע, ווו מען מאַכט חוזק פון גלחים און מען ברענגט אויסצוגן פון וואָלטערן. אָבער פון דעם אַלעם קומט קיין גוטס נישט אַרויס, מיין אָרעם קינד, און דער וואָס איז נישט פרום, האָט תמיד א וויסטן סוף.

עס איז דאָך באַשלאָסן געוואָרן, מען זאָל עמען נישט לאָזן לייענען קיין ראָמאַנען. ס'איז אפילו נישט געווען פון די לייכטע זאַכן. די זקנה האָט עס גענומען אויף זיך: פאַרבייפאָרנדיק רואַן, האָט זי אַליין געדאַרפט אַריינגיין אין ביבליאָטעק און דאָרט אָנזאָגן, אַז עמע רייסט איבער איר אַבאָנאַמענט. צי האָט זי נישט דאָס רעכט צו מעלדן דער פּאָליציי, אויב דער בוכהענדלער וועט ווייטער פירן זיין טרייפענע ארבעט?

שוויגער און שנור האָבן זיך זייער קאַלט צעזעגנט. פאַר די דריי וואָכן צייט, יואָס זיי זענען געווען צוזאַמען, האָבן זיי קיין פיר ווערטער נישט אויסגערעדט צווישן זיך, חוץ די געוויינלעכע פראגן און באַגריסונגען ביים טיש און אינאָוונט פאַרן שלאָף.

די אַלטע באָוואַרי איז אָוועקגעפאָרן מיטוואָך, ווען ס'איז געווען דער מאַרק־טאָג אין יאָנוויל.

פון באַגינען אָן איז דער מאַרק געווען פאַרשטעלט מיט שורות וועגנס, וועלכע האָבן זיך מיט אויפגעהייבענע אָגלאָבלעס געצויגן לענגאויס די הייזער, פון קלויסטער ביז צום שענק. אויף דער צווייטער זייט זענען געווען אויסגעשטעלט לייוונטענע ביידלעך, ווו מען האָט פאַרקויפט פאַרשידענע מינים לייוונט, קאָלדרעס, וואָלענע זאָקן, צוימען פאַר פערד און בלויע סטענגעס, וואָס די עקן זייערע האָבן געפלאַטערט אויפן ווינט. גרויסע שטיקער אייזן זענען געלעגן אויף דער ערד, צווישן חמרים אייער און קוישן קעז, פון וועלכן ס'האָבן אַרויסגעשטעקט קלעפעדיקע שטרויעלעך. לעבן לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינעס זענען געשטאַנען פלאַכע שטייגן מיט קוואָקעדיקע הינער, וואָס האָבן אַרויסגערוקט די העלדזלעך דורך די שפּאַלטן. דער עולם, וואָס

האָט זיך פאַרזאַמלט דווקא אויף איין אָרט, האָט שיער נישט צובראָכן די אַפּטייק־וויטרינע. מיטוואָך איז די אַפּטייק געווען איבערגעפּאַקט; מען איז געקומען נישט אַזוי נאָך רעצעפּטן, ווי נאָך מעדיצינישע עצות; אַזאַ שם האָט אָמע געהאַט אין די שכנותדיקע דערפער. זיין זיכערער טאָן האָט ממש פאַרכישופט דעם פּויער. מען האָט אים געהאַלטן פאַר דעם גרעסטן דאָקטאָר אין דער וועלט.

עמע איז געזעסן אָנגעלענט ביים פענסטער. זי פלעגט דאָרט אָפט זיצן. דאָס פענסטער פאַרבייט אין דער פּראָווינץ דאָס טעאַטער און דאָס שפּאַצירן. וויילנדיק זיך, האָט זי זיך צוגעקוקט צו די דאָרפישע פּנימער; פּלוצלונג האָט זי דערזען אַ מענטשן אין אַ גרינעם סאַמעטענעם סורדוט. ער האָט געטראָגן געלע הענטשקעס, הגם אויף די פיס האָט ער געהאַט גראָבע שטיוול. ער איז געגאַנגען אין דער ריכטונג צום דאָקטאָרס הויז אין דער באַגלייטונג פון אַ פּויער, וועלכער האָט זיך אים נאָכגעשלעפּט, אַ פאַרטראַכטער, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

— צי קען איך זען דעם דאָקטאָר? — האָט ער געפרעגט זשיסטענען, וועלכער האָט אויף דער שוועל געשמועסט מיט פּעליסטען.

ער האָט אָנגענומען זשיסטענען פאַר דעם דאָקטאָרס אַ דינער און האָט זיך אָנגערופן צו אים:

— זאָגט אים, אַז מסיע ראָדאָלף בולאַנזשע פון הושעט וויל זיך מיט אים זען.

ער האָט אָנגערופן דעם נאָמען פון זיין גוט, נישט פון גאווה וועגן, נאָר כדי בעסער צו באַצייכענען ווער ער איז. הושעט איז געווען אַ גוט לעבן יאָנוויל, וואָס בולאַנזשע האָט נישט לאַנג איינגעהאַנדלט מיט נאָך צוויי פערמעס, ווו ער אַליין האָט געפירט די באַלעבאַטישקייט, און זיך לגמרי נישט געשעמט דערמיט. ער האָט געלעבט ווי אַ קאַוואַליער און דער עולם האָט געשמועסט, אַז ער האָט אַ פופצן הונדערט פונט הכנסה.

שאַרל איז אַריין אין זאַל. מסיע בולאַנזשע האָט אים אָנגעוויזן אויף זיין אַרבעטער, וועלכער האָט געוואָלט, מען זאָל אים לאָזן בלוט, מחמת ער האָט געפילט, ווי מוראַשקעס טאַנצן אים אַרום איבערן קערפּער.

— דאָס וועט מיר דורכרייניקן, — האָט ער אַלץ גע-האַלטן אין איין טענהן.

באָוואַרי האָט געהייסן ברענגען אַ באַנדאַזש און אַ שיסל, און געבעטן זשיסטענען, ער זאָל אים אונטערהאַלטן.

נאָכדעם האָט ער זיך אָנגערופן צום דאָרפסיונג, וואָס איז שוין געוואָרן בלאַס:

— שרעק דיך נישט, מיין ליבער!

— ניין, ניין, — האָט דער פויער פאַרזיכערט, — רייבט כסדר!

און באַרימעריש האָט ער אויסגעשטרעקט זיין גרויסע האַנט. דאָס בלוט האָט אַרויסגעפּלייצט אונטערן שטאָך פון לאַנצעט און פאַרגאָסן דעם גאַנצן שפּיגל.

— רוקט צו דאָס שיסל! — האָט שאַרל געשריען.

— נישקשה! — האָט געזאָגט דער פויער. — עס זעט אויס, ווי אַ קליינינטשקער פאָנטאַן! ס'אַראַ רויט בלוט איך האָב! ס'איז אַ גוטער סימן, ווי מיינט איר?

— עפּטער, — האָט דער דאָקטאָר דערציילט, — פילט מען לכתחילה גאָרנישט, שפּעטער אָבער קומט צו חלשות. ס'רוב פּאַסירט עס ביי מענטשן מיט אַ פעסטער קאָנסטרוקציע, אָט אַ שטייגער, ווי ביי דיר.

ביי די דיזיקע ווערטער האָט דער פויער אַרויסגעלאָזט אַ שאַכטל, וואָס ער האָט געדרייט צווישן די פינגער. פון זיין שטויס מיט דער פּלייצע האָט אויפגעציטערט דאָס ווענטל פון שטול. זיין היטל איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער פּאָדלאָגע.

— איך האָב געוווּסט, אַז ס'וועט אַזוי זיין, האָט באָוואַרי געזאָגט, צולייגנדיק דעם פינגער צום אָפענעם אָדער.

דאָס שיסל האָט אָנגעהייבן צו ציטערן אין זשיסטענס הענט; זיינע קני האָבן זיך געשאָקלט, ער איז בלאַס געוואָרן.

— עמע! עמע! — האָט שאַרל געראופן.
מיט איין שפרונג איז זי אַראָפּגעלאָפן פון די שטיגן.
— עסיג! — האָט שאַרל געשריען. — אַך, מיין ליבער גאָט.
צווייי פאַראַמאַל!
פון גרויס צערודערונג האָט ער נישט געקענט צולייגן דעם
באַנדאַזש.
— נאַרישקייטן, — האָט בולאַנזשע רויק באַמערקט, אונטער-
האַלטנדיק זשיסטענען.
ער האָט אים אַנידערגעזעצט ביים טיש און צוגעשפאַרט מיטן
רוקן צו דער וואַנט.
מאַדאַם באָוואַרי האָט אים גענומען אויפבינדן זיין קראַוואַט.
און די בענדלעך פון העמד האָבן זיך דערוויייל פארקניפּט. עטלעכע
מינוט האָט זי געאַרבעט מיט אירע לייכטע פינגער אויפן האַלדז
פונם דאָרפיונג; נאָכדעם האָט זי אַרויפגעגאָסן עסיג אויף זיין
באַטיסטענעם טיכל און האָט אים אָנגעריבן די שלייפן, לייכט
בלאָזנדיק אויף זיי.
דער דאָרפיונג איז געקומען צו זיך, אָבער זשיסטענס חלשות
האָט נאָך געדויערט. זיינע שוואַרצאַפּלען האָבן זיך אים פאַרבאָרגן
אין די ווייסלען, פונקט ווי בלויע בלומען אין מילך.
— מען וואָלט עס געדאַרפט צונעמען פון אים, — האָט שאַרל
געזאָגט.
מאַדאַם באָוואַרי האָט גענומען דאָס שיסל. ווען זי האָט זיך
איינגעבויגן און געוואָלט עס אנידערשטעלן אונטערן טיש, האָט זיך
איר קלייד (ס׳איז געווען אַ געל-זומערקלייד מיט פיר פאַלבאַנעס,
לאַנג אין דער טאַליע און ברייט פון אונטן) פאַנאַנדערגעבלאָזן
אַרום איר איבער דער פאָדלאָגע פון זאַל; עמע האָט זיך בעת
מעשה עטוואָס אַ וואַקל געטאָן מיט צעשפרייטע הענט, און דאָס
אויפגעבלאָזענע שטאָף האָט זיך דעריבער איבערגערוקט פון איין
אָרט אויף אַ צווייטן, לויט די באַוועגונגען פון איר טאַליע. נאָכדעם
איז זי אַוועק נאָך אַ קאַראַפקע וואַסער און צעלאָזט דערין שטיקלעך צו-
קער. פלוצלונג איז אָנגעקומען דער אַפּטייקער. אין דער מהומה
איז די דינסט אַוועקלאָפן נאָך אים; דערזען זיין תלמיד מיט אָפע-

נע אויגן, האָט ער לייכטער אָפּגעעטעמט. נאָכדעם האָט ער זיך אַרומ־געדרייט אַרום אים און אים באַקוקט און באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס.

— בהמה! — האָט ער געזאָגט, — בהמה, וואָס דו ביזט! בהמה בצורת אדם! אַ וואַזשנע מעשה, אַ ביסל בלוט אַרויסצולאָזן! און דאָס איז כלומרשט אַ כוואַט, וואָס ווייס נישט פון שרעק! קוקט נאָר אָן די ווערוועקע, וואָס קריכט אַרויף נאָך ניס אויפן הויכן שפּיץ פון אַ בוים! יאָ, מעגסט דיך שוין באַרימען, וויפל דיין האַרץ גלוסט! אָך און ווי צו דער קינפטיקער אפּטייקאַרישער טעטיקייט; אַמאָל, אין אַ ערנסטן פאַל, קען מען דיך אַ רוף טאָן אין געריכט, דו זאָלסט אויפקלערן אַ ענין פאַרן געוויסן פון די ריכטער. און דאָרט דאַרף מען זיין קאַלטבלוטיק, ביי די קלאָרע רעיונות, מעשה מענטש — אַנישט וועט מען דיך האַלטן פאַר אַן אידיאָט!

זשיסטען האָט נישט געענטפערט. דער אַפּטייקער האָט ווייטער גערעדט:

— ווער האָט דיך געבעטן, דו זאָלסט קומען אַהער? תמיד שטערסטו דעם דאָקטאָר מיט זיין ווייב! און מיטוואָך דאַרפסטו בכלל זיין אויף דיין אָרט. צוואַנציק מענטשן וואַרטן איצט אין געשעפט. איך האָב איצט אַלץ אַוועקגעוואָרפן צוליב דיר. נו, גיי! לויף! וואַרט אויף מיר און גיב אַכטונג אויף די סלאָיעס!

אַז זשיסטען האָט זיך אָנגעטאָן און איז אַוועקגעגאַנגען, האָט מען זיך אַ ביסל פאַנאַנדערגעשמועסט וועגן חלשות. מיט מאַדאַם באָווערי האָט עס קיינמאָל נישט פּאַסירט.

— אַ זעלטענע דערשיינונג ביי אַ דאַמע! — האָט בולאַנזשע געזאָגט. פאַראַן זייער דעליקאַטע מענטשן. איך האָב איינמאָל אַליין געזען אויף אַ דועל, ווי אַ סעקונדאַנט איז געפאַלן אין חלשות, ווען ער האָט דערהערט אַנלאָדן די פּיסטאָלעטן.

— און אויף מיר, ווידער, — האָט דער אַפּטייקער גע־

זאָגט, מאַכט יענעמס בלוט קיין שום איינדרוק נישט; דערפאַר אָבער קען איך אייך אַוועקפאַלן אין חלשות בלויז ביי דעם איין געדאַנק, אַז מיין בלוט פליסט.

בולאַנזשע האָט דערווייל אַוועקגעשיקט זיין דינער, אָנ־זאָגנדיק אים, ער זאָל זיך באַרויקן, מחמת זיין קאַפּריז איז דערפילט געוואָרן.

— דאָס האָט מיר געגעבן די מעגלעכקייט מיט איין זיך צו באַקענען, — האָט ער מוסיף געווען.

און ער האט אַ קוק געטאָן אויף עמען.

נאָכדעם האָט ער אַנידערגעלייגט דריי פראַנק אויפן עק טיש, זיך פויל פאַרנויגט און אַוועקגעגאַנגען.

באלד איז ער געווען אויפן צווייטן ברעג טייך — דאָרט איז געלאפן דער וועג קיין הושעט; און עמע האָט געזען, ווי ער שפּרייזט איבער דער לאָנקע, צווישן די טאָפּאָלעס, פאַרקלענערט פון צייט צו צייט זיינע טריט, ווי אַ מענטש וואָס, איז פאַרזונקען אין זיינע רעיונות.

— זי איז נישט מיאוס! — האָט ער זיך געזאָגט. — זי איז גאָרנישט מיאוס, דעם דאָקטאָרס ווייב! שיינע ציין, שוואַרצע אויגן, אַ דעליקאַט פיסל און האַלט זיך גאָר ווי אַ פּאַריזערין. וויאַזוי קומט זי אַהער? ווו האָט ער זי אויסגע־גראָבן, דערדאָזיקער פּיפּערנאָטער?

מסיע ראָדאָלף בולאַנזשע איז אַלט געווען פיראונדרייסיק יאָר. ער האָט געהאַט אַ היציקן טעמפּעראַמענט און אַ געשיקטן שכל; דערצו האָט ער זיך פיל אָפּגעגעבן מיט פרויען און האט זיי גוט געקענט. עמע איז אים שטאַרק געפעלן געוואָרן; ער האָט, משמעות, געטראַכט פון איר און פון איר מאַן.

— לויט מיין מיינונג איז ער אַ גרויסער שוטה. ער איז איר, מסתם, אַ רעכט ביסל נמאס געוואָרן. ער האָט שמו־ציקע נעגל און אַ באָרד פון אַ חודש. בעת ער טאַנצט אַרום זיינע חולאים, זיצט זי אין שטוב און צערעוועט זיינע זאָקן־און מען גענעצט פון לאַנגווייל! ס'וואָלט זיך געוואָלט ווינען

אין שטאָט, טאַנצן פּאָלקעס אַלע אָוונט! אָרעם ווייבל! זי זיצט נאָך ליבע, ווי אַ קאַרפּ נאָך וואַסער, ווען ער ליגט אויפן קיך־טיש. זאָגט איר דריי העפלעכע ליבלעכע ווערטער און איך בין זיכער, אַז זי וועט זיך באַלד פאַרליאַפּן אין איך! און ס'וואָלט געווען אַזוי זיס! אַזוי ליב!... אָבער ווי ווערט מען דערנאָך פּטור פון איר?

און די מניעות צו דעם גליק, וואָס האָט זיך אים פאָרגעשטעלט אין דער צוקונפט, האָבן אים דערמאַנט אין זיין איצטיקער געליבטער. ס'איז געווען אַן אַקטריסע פון רואַן, וואָס ער האָט זי אויסגעהאַלטן; און בלויז דער געדאַנק וועגן דער דאָזיקער געשטאַלט האָט דערוועקט אין אים אַ געפיל פון איבערזעטיקונג.

— עך! מאַדאַם באָוואַרי, — האָט ער געטראַכט, — איז אַ סך שענער פון איר, און דער עיקר — פרישער. ווירזשיני ווערט ממש דיקער פון טאָג צו טאָג. ס'עקלט שוין פון איר באַגייסטערונג. נו, און איר מאַניע צו ים־ראַקעס!

אַרום אים אויף דער לאָנקע איז געווען שטיל, און ער האָט בלויז געהערט דעם רעגלמעסיקן גערויש פון די גראָזן, וועלכע האָבן געשמיסן זיינע שיך און דאָס זשומען פון די הייפערדלעך ווייט אינם האָבער; ער האָט געזען עמען, זיצנדיק אין זאַל, אין דעם אייגענעם קלייד, וואָס פריער, און ער האָט זי אויסגעטאָן אין דמיון.

— אך! איך וועל זי האָבן! — האָט ער אַ געשריי געטאָן און צעקלאַפּט אַ שטיקל ערד מיט זיין שטעקן.

און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער פּראַקטישער זייט פון דער אונטערנעמונג. ער האָט זיך געפרעגט:

— ווו וועל איך מיך באַגעגענען מיט איר? ווי אַזוי? דאָס קינד וועט תמיד שטעקן אונטער דער נאָז, און די באָנע, די שכנים, דער מאַן, — אַ גאַנץ בערגל פּליאָטקעס. אך! דאָס וועט צונעמען צופיל צייט!

נאָכדעם האָט ער ווידער אָנגעהייבן:

זי האָט אויגן, וועלכע דרינגען אריין אין האַרץ, ווי אן עקבער. און אָט די בלאַסע פארב פון געזיכט... איך האָב אזוי ליב בלאַסע פרויען!

אויפן שפּיץ פון ארגעלער בארג האָט ער אָנגענומען א באַשלוס.

— מען דארף ווארטן אויף א צופאַל. וואָס קען דאָ זיין! איך וועל מיך אַמאָל אַריינכאַפּן צו זיי, צושיקן זיי געשאָסענע פייגל. נו, און איך וועל מיר הייסן לאָזן בלוט, אויב ס'וועט זיין נייטיק. מיר וועלן ווערן פריינט, און איך וועל זי פארבעטן צו זיך... אָבער איינגיכן וועט דאָך זיין דער צוזאַמענפאָר. זי וועט דאָך דאָרט אוודאי זיין, וועל איך זי קענען זען. מיר וועלן צוטרעטן צום ענין, און מיט מוט קען מען אַלץ דערגרייכן.

VIII

און אָט האָט זיך סוף כל סוף אָנגעהייבן דער באַרימטער צוזאַמענפאָר! אינם טאָג פון דערדאָזיקער פייערונג האָבן אלע איינוווינער אויף די שוועלן פון זייערע הייזער געשמועסט וועגן די הכנות; מען האָט באַפּוצט מיט בלושטש די פראָנטאָנען פון מאַגיסטראַט; אויף דער לאָנקע האָט מען אוועקגעשטעלט א געצעלט, און אויפן מיטן פּלאַץ, לעבן קלויסטער — א האַרמאַט, וועלכער האָט געדארפט סאַלוטירן דעם אָנקום פון פּרעפעקט און די נעמען פון די געקרוינטע גוטבאַזיצער. די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע פון בושי — אין יאָנוויל איז קיין גוואַרדיע נישט געווען — איז צוגעשטאַנען צו די יאָנווילער פייערלעשער, וואָס ביני איז געווען זייער אָנפירער. אין דעמדאָזיקן טאָג האָט ער געטראָגן א העכערן קאָלנער, ווי געוויינלעך: זיין טאַליע, איינגעצויגן אין מונדיר, איז געווען אזוי אומבאַוועגלעך, אז עס איז

געווען ענלעך דערויף, ווי דאָס לעבן פון זיין גאַנצן וועזן וואָלט זיך אַראָפּגעלאָזט צו זיינע פיס, וועלכע האָבן זיך רעגל-מעסיק אויפגעהייבן, מיט איין באַוועגונג. היות דער שטייער-באַאַמטער און דער פּאָלקאָוניק זענען צווישן זיך נישט געווען שווה-בשווה, האָבן ביידע צוגעלערנט זייערע סאָלדאַטן, כדי איינער זאָל קענען איבערשטייגן דעם צווייטן מיט זיין טאַלאַנט. דאָ און דאָרט האָבן זיך כסדר געוואָרפן אין די אויגן רויטע עפּאָלעטן, אָדער שווארצע ברוסט-לאַצן. עס האָט זיך געצויגן אָן אַ סוף. יעדעסמאָל האָט זיך עס אָנגעהייבן פון דאָסניי! אַזאַ פאַראַד האָט נאָך יאָנוויל קיינמאָל נישט אָנגעזען! עטלעכע איינוווינער האָבן נאָך מיט אַ טאָג פריער אָפּגעוואַשן זייערע הייזער; דריי-פאַרביקע פאָנען זענען געהאָנגען אויף די האַלב-אָפענע פענסטער; אַלע שענקען זענען געווען געפּאַקט; און ביים שיינעם וועטער האָבן די אָנגעקראָכמאַלעטע הויבעס, גאָלדענע צלמים און בונטע טיכלעך געשימערירט און געפינקלט שטאַרקער פון שניי און זיך אויסגעשיילט מיט זייער בונטקייט אויפן איינטאָניקן טונקעלן פאָן פון די שווארצע סורדוטן און בלויע בלוזעס. די אַרומיקע גוטבאַזיצערינס האָבן אַראָפּגעטאַנצט פון די פערד, און באַלד דערויף אַרויסגעצויגן די גרויסע שפּילקעס, מיט וועלכע זיי האָבן צוגעשטעפּעט זייערע פאַרבויגענע קליידער, אַז זיי זאָלן זיך נישט איינשמוצן; פאַרקערט, די מאַנסלייט, וואָס האָבן אַלץ געשאַנעוועט זייערע היט, האָבן געלאָזט הענגען אויף זיי די נאָזטיכלעך, פאַרכאַפּנדיק אַן עק צווישן די ציין.

פון ביידע עקן שטעטל איז זיך דער עולם צונויפגעלאָפן אויף דער הויפּטגאַס. מען האָט זיך געשאָטן פון די געסלעך, אַלעצן, הויפלעך, און פון צייט צו צייט האָט מען געהערט דאָס קלאַפּן פונם הילצערנעם טיר-האַמערל הינטער די דאַמען, וועלכע זענען אין באַוולנע הענטשקעס אַרויסגעגאַנגען אָנקוקן דעם פאַראַד. ס'רוב האָט דער עולם באַוואונדערט די צוויי לאַנגע דרייקאַנטיקע שטענדערס, באַדעקטע מיט לעמפּלעך; דידאָזיקע שטענדערס זענען געשטאַנען לעבן אַן עסטראַדע, ווו ס'האָט זיך

געדראַרפט באַווייזן די מאַכט; צו פיר זיילן פון מאַגיסטראַט האָט מען צוגעטשעפּעט פיר שטעקנס, אויף וועלכע ס'האָבן געפלאַטערט קליינע פענדלעך פון גרינעם לייוונט, באַדעקט מיט אויפשריפטן אין גאָלדענע אותיות. אויף איינעם האָט מען געקענט לייענען: „האַנדל", אויפן צווייטן: „לאַנדווירטשאַפט", אויפן דריטן: „אינדוסטריע", אויפן פערטן: „שיינע קונסט".

אָבער די שמחה, וועלכע האָט געבליט אויף אַלעמענס פּנימער, האָט, קענטיק, מצער געווען דער מאַדאַם לעפראַנסוּאַ, די שענקערין. שטייענדיק אויף די טרעפּ פון איר קיך, האָט זי געהאַלטן אין איין מרוקען:

— סאַראַ בהמות! סאַראַ בהמות מיט זייער לייוונטענעם באַראַק! אפשר מיינען זיי, אַז דער פּרעפעקט וועט זיך צעשטעלצן פון תענוג, ווען ער וועט עסן דאָרט אין געצעלט, ווי אַ קאָמעדיאַנט, אַ שטייגער? און אָט די מהומה הייסט עס ביי זיי: טאָן גוטס פאַרן פאָלק! ס'האָט זיי געלוינט צו ברענגען אָט דאָס קוכערל פון נעפשאַטעל! פאַר וועמען? פאַר פאַסטוכער? פאַר האָלאָדראַנצעס!...

דער אַפּטייקער איז פאַרבייגעגאַנגען. ער האָט געטראָגן אַ שוואַרצן פראַק, נאַנקינגער הויזן, טוכענע קאמאשן און אַ קײַלעכדיקן נידעריקן הוט, גאָרנישט ווי זיין שטייגער.

— איר וועט מיר אַנטשולדיקן, — האָט ער געזאָגט, — איר זעט דאָך, איך אייל מיך.

און ווען די גראָבע אַלמנה האָט אים געפרעגט, וווּהין ער גייט, האָט ער געענטפערט:

— ביי אייך זעט עס אויס קאָמיש, נישט אמת? סטייטש, איך בין דאָך תמיד איינגעשלאָסן אין מיין לאַבאָראַטאָריע, ווי אַ שטשור אין קעז.

— וואָסער קעז? — האָט די שענקערין געפרעגט.

— גאָרנישט! גאָרנישט! נאַרישקייטן! — האָט אָמע געענטפערט. — איך האָב אייך, מאדאם לעפראנסוּאַ, בלויז געוואָלט זאָגן, אַז איך פיר אַן אָפּגעשלאָסן לעבן. היינט, אָבער, גענעמענדיק אין באַטראַכט די אומשטענדן, דאַרף מען דאָך...

— אך, איר גייט אויך אהין? — האָט זי זיך אָנגערופן מיט פאַראכטונג.

— יאָ, איך גיי, — האָט דער פאַרחידושטער אַפּטייקער געענטפערט. — איך בין דאָך עפּעס א מיטגליד פון ראַט!

די אלטע לעפראַנסואַ האָט אים אַ ווײַלע באַטראַכט און צולעצט אַ זאָג געטאָן מיט אַ שמייכל:

— אויב אַזוי איז עפּעס אַנדערש! אָבער וואָס גייט אייך אָן די ערדאַרבעט? צי פאַרשטייט איר זיך כאָטש דערויף.

— נו, געוויס פאַרשטיי איך מיך. איך בין דאָך עפּעס אַן אַפּטייקער, ס'הייסט אַ כעמיקער! און דאָס ציל פון דער כעמיע איז — צו דערקענען די קעגנזייטיקע און מאָלעקולערע ווירקונג פון אַלע קערפּערס אין דער נאַטור; דערפון איז געדרונגען, אַז די לאַנדווירטשאַפט געהערט אויך צו דער כעמיע! און, באמת, דער צוזאַמענשטעל פון דער באַמיסטיקונג, די יערונג פון פליסקייטן, דער אַנאַליז פון גאזן און די ווירקונג פון מיאַזמעס, — וואָס איז דאָס אַלץ, פרעג איך אייך, אויב נישט ריינע און פשוטע כעמיע?

די שענקערין האָט גאָרנישט געענטפערט. אָמע האָט ווידער גערעדט:

מיינט איר אפשר, אַז כדי צו זיין אַן אַגראָנאָם, דאַרף מען אליין פאַראַקערן די ערד און פאַשען עופות? דערצו דאַרף מען בלויז וויסן דעם צוזאַמענשטעל פון פאַרשידענע סובסטאַנצן, די געאָלאָגישע לאַגע, די אַטמאָספערישע ווירקונגען, די אייגנשאַפט פונם באָדן, מינעראַלן, וואַסערן, די מאַסיווקייט פון פאַרשידענע קערפּערס און זייער קאַפּילאַריטעט! און נאָך וואָס! מען דאַרף וויסן גרינטלעך די אַלע פרינציפּן פון היגיענע, כדי צו קענען אָנפירן און פּראָיעקטירן די קאָנסטרוקציע פון בנינים, פאַשן שאָף, נערן דער דינערשאַפט! מען דאַרף אויך, מאַדאַם לעפראַנסואַ, קענען און וויסן באָטאַניק; איר פאַרשטייט, מען דאַרף קענען אונטערשיידן כלערליי צמחים, וועלכע זענען נוצלעך און וועלכע שעדלעך, וועלכע זענען נישט־

פּראָדוקטיוו און וועלכע נאַרהאַפט, וועלכע אויסרייסן דאָ און פּאַרזייצן דאָרט, וועלכע פאַרשפּרייטן און וועלכע אויסראָטן; מיט איין וואָרט, מען מוז מיטגיין מיט דער וויסנשאַפט דורך דער הילף פון פאַרשידענע בראָשורן און פּעריאָדישע אויסגאַבן, און מען דאַרף תמיד זיין אויף דער וואַך, כדי נאָכצופאָרשן, וואָסערע אויסבעסערונגען...

די שענקערין האָט נישט אַראָפּגענומען דאָס אויג פון דער טיר פון דער פּראַנצויזישער קנייפּע. און דער אַפּטייקער האָט ווייטער גערעדט:

— הלוואַי העלפט דער אויבערשטער, אַז אונדזערע גוטבאַזיצער זאָלן זיין כעמיקער, אָדער זיי זאָלן, לכל הפּחות, אויספירן די עצות פון דער וויסנשאַפט! אָט, האָב איך, למשל, נישט לאַנג אָנגעשריבן אַ גאַנץ סאָליד ווערק, אַ בראָשור פון צווייאונזיבעציק זייטן און ס'הייסט: „וועגן עפּל-וויין, זיין אויסאַרבעטונג און זיין ווירקונג, מיט עטלעכע נייע באַמערקונגען, וואָס האָבן אַ שייכות דערצו;" איך האָב עס אַוועקגעשיקט אין דער רואַנער אַגראָנאָמישער געזעלשאַפט; דאָס האָט מיר אַפילו פאַרשאַפט דעם כבוד אָנגענומען צו ווערן פאַר אַ מיטגליד אין דער אַגראַר-סעקציע, אין דער פּאָמאָלאָגישער אָפּטיילונג; נו, אָט, ווען מיין אַרבעט וואָלט פּובליקירט געוואָרן...

אָבער דער אַפּטייקער האָט זיך אָפּגעשטעלט, מחמת מאַדאַם לעפראַנסואַ האָט איס אויסגעוויזן צו זיין מיט עפּעס באַשעפטיקט.

— זעט נאָר, זעט! — האָט זי געזאָגט. — פּשוט נישט צו פאַרשטיין! אין אַזאַ גאָרקיך!

און זי האָט אַ דריק געטאָן מיט די אַקסלען, וואָס האָבן אויסגעצויגן אויף איר ברוסט די שלייפן פון איר לייבל. נאָכדעם האָט זי אַ ווייז געטאָן מיט אויסגעצויגענע הענט אויף דער שענק פון איר קאָנקורענט: דאָרט האָט מען געזונגען.

— איבעריקנס, וועט עס דאָך לאַנג נישט דויערן, — האָט זי צוגעגעבן. — אין אַ וואָך אַרום וועט דאָך מסתמא נעמען דערצו אַ סוף.

אָמע, אַ מבולבלער, האָט געמאַכט אַ טריט צוריק. זי איז אַראָפּ פון די דריי טרעפּלעך און איז אַריינגערעדט אין אויער אַריין:

— וואָס! איר ווייסט גאָרנישט? מען נעמט דאָך איס צו היינטיקע וואָך. דאָס האָט איס לערע אָרויסגעשטעלט אויף אַ ליציטאַציע. ער האָט איס דערשטיקט מיט זיינע וועקסלען.

— וואָס פאַר אַ שרעקלעכע קאַטאַסטראָפע! — האָט דער אַפּטייקער אויסגערופן; ער האָט תמיד געהאַט גרייט אַ מאַסע אויסדריקן אין ווערטער, צוגעפּאַסט פאַר יעדן מעגלעכן פאַל.

די שענקערין האָט אנגעהייבן צו דערציילן אַ גאַנצע מעשה, וועלכע זי האָט זיך דערוווסט פון טעאָדאָרן, גילאָמענס דינער, און הגם זי האָט פיינט געהאַט טעליען, האָט זי דאָך געזידלט לערען. זי האָט איס אָנגערופן שווינדלער און חונף.

— אַך, אָט איז ער, — האָט זי געזאָגט, — אָט גייט ער אויפן מאַרק; ער באַגריסט מאַדאַם באָוואַרי, וואָס טראָגט אַ גרינעם הוט. זי גייט געאָרעמט מיט מסיע בולאַנזשע.

— אַ, מאַדאַם באָוואַרי! — האָט אָמע אַ זאָג געטאָן. — איך גיי זי באַגריסן, אפשר וועט זי וועלן באַקומען אַ פּלאַץ דאָרט אינעווייניק, אונטער דער גאַלעריע.

און נישט הערנדיק מער דער מאַדאַם לעפראַנסואַ, וועלכע האָט איס נאָך געוואָלט אַקלאָפּן אַ קאָפּ מיט מעשיות, האָט זיך דער אַפּטייקער דערווייטערט מיט שנעלע טריט, מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן, גלייך ווי אַ סטרונע, געשאָקלט בעת מעשה מ'טן קאָפּ אויף רעכטס און אויף לינקס און פאַרכאַפּט אַ סך אָרט מיט די גרויסע פּאָלעס פון זיין שוואַרצן פראַק, וועלכער האָט זיך געהייבן אויפן ווינט הינטער איס.

דערזעענדיק איס פונדערווייטנס, האָט זיך ראָדאָלף צוגעאיילט, אָבער מאַדאַם באָוואַרי האָט איס נישט געקענט נאָכהאַלטן; ער האָט פאַרקלענערט זיינע טריט, געשמייכלט און אַ זאָג געטאָן צו איר מיט אַ ברוטאַלן טאָן:

— איך האָב געוואָלט אויסמיידן דעמדאָזיקן גראָבן בוך, דעם אַפּטייקער!

זי האָט אים אַ שטופּ געטאָן מיטן עלנבויגן.

— וואָס מיינט זי דערמיט ? — האָט ער אַ טראַכט געטאָן.

און ער האָט זי אָנגעקוקט פון דער זייט, נישט אָפּשטעלנדיק זיך.

איר פּראָפיל איז געווען אַזוי רויק, אַז מען האָט אויף אים גאָרנישט געקענט דערקענען. ער האָט זיך בולט אויסגעשיילט אינם פולן ליכט פון דער זון, אונטער דעם לענגלעכן הוט מיט בלייכע לענטעס, ענלעך צו ראָר-בלעטלעך. אירע אויגן מיט לאַנגע אויסגעבויגענע ווייעס האָבן געקוקט פאָרויס; זיי זענען געווען ברייט אָפן, אָבער זיי האָבן געמאַכט דעם איינדרוק ווי עטוואָס צונויפגעדריקט דורך די באַקן, ווייל דאָס בלוט האָט לייכט געפלאָסן אונטער איר דינער הויט. אויבן, ביי דער נאָז, האָבן זיך געצויגן ראָזע אָדערלעך. זי האָט איינגעבויגן דעם קאָפּ אויפן אַקסל, און מען האָט געזען צווישן אירע ליפּן אַ פּאַסיקל פּערל פון ווייסע ציין.

— צי מאַכט זי נישט חוזק פון מיר ? — האָט ראָדאָלף געטראַכט.

עמעס זשעסט איז אָבער געווען בלויז אַ וואָרנונג, ווייל לערע איז זיי נאָכגעגאַנגען, און פון צייט צו צייט אַריינגעוואָרפן אַ פּאָר ווערטער, פּונקט ווי ער וואָלט געוואָלט זיך באַטייליקן אין זייער שמועס.

— כאַראַ שיינער טאָג! אַלע אינדרויסן! ס'בלאָזט אַ וואַרעם ווינטל.

מאַדאַם באָווארי און ראָדאָלף האָבן אים נישט געענטפערט. יענער איז אָבער עפּטער, ביי דער קלענסטער באַוועגונג זייערער, צוגעלאָפן צו זיי אין אַ פרעג געטאָן:

— צי דאַרפט איר עפּעס ? — און צוגעלייגט די האַנט צום קאַפּעלוש.

ווען זיי זענען צוגעגאַנגען צו דער קוזניע, האָט ראָדאָלף פּלוצלונג פאַרקערעוועט אויף אַ זייטיק שטעגל, אָנשטאָט צו

גיין מיטן וועג צו דער ראָגאַטקע ; ער האָט זי אַוועקגעצויגן נאָך זיך און צוגעוואָרפן לערען :

— אַדיע, מסיע לערע ! ווילט אייך גוט !

— ווי פיין איר האָט אים משלח געווען ! — האָט זי מיט אַ שמייכל געזאָגט.

— נאָר וואָס דען, זיך לאָזן קריכן אויפן קאָפּ ? — האָט ער געזאָגט. — און בפרט נאָך, אַז איך האָב היינט דאָס גליק צו זיין מיט אייך...

עמע איז רויט געוואָרן, ער האָט נישט פאַרענדיקט די פראַזע און גענומען רעדן פון דעם שיינעם וועטער און פון דעם, אַז עס איז זייער אָנגענעם צו שפּאַצירן אויפן גראָז. עטלעכע מאַרגאַריטקעס האָבן שוין געבליט.

— אָט דאָס זענען פּרעכטיקע בלימלעך, — האָט ער געזאָגט. — די אַלע פאַרליבטע פון אונדזערע מקומות וועלן קענען וואָרזאָגן אויף זיי.

ער האָט צוגעגעבן :

— זאָל איך אפשר אָפּרייסן איינס ? ווי מיינט איר ?

— זענט איר דען פאַרליבט ? — האָט זי געפרעגט און אַ הוסט געטאָן.

— עך ! עך ! ווער ווייס, — האָט ראָדאָלף געענטפערט.

אויף דער לאָנקע האָבן זיך באַוויזן אַלץ מער און מער מענטשן. די יאָנווילער באַלעבאָסטעס האָבן געשטויסן די פאַר־בייגייער מיט זייערע גרויסע שירעמס, מיט זייערע קערב און זייערע קינדער. טיילמאָל האָט מען געדאַרפט אָפּטרעטן פאַר אַ לאַנגע שורה פויערטעס, דינסטן אין בלויע זאָקן, אין פלאַכע שיך, מיט זילבערנע פינגערלעך אויף די הענט ; אַ גערוך פון מילך האָט זיך געטראָגן פון זיי... זיי זענען געגאַנגען, האַלטנדיק זיך פאַר די הענט און פאַרדעקט מיט זיך דעם גאַנצן שטח פון דער לאָנקע, פון דער יאַשטשן־אַלעע ביז צו דעם פּאַראַד־געצעלט. ס׳איז ריכטיק געווען די צייט, ווען מען האָט אָפּגעשאַצט די עקספּאָנאַטן, און די גוטבאַזיצער זענען איינער נאָכן צווייטן

אַריינגעגאַנגען אין אַ מין היפּאָדראָם, אַרומגערינגלט מיט אַ לאַנגן שטריק אויף שטעקנס.

די שאָף זענען געשטאַנען מיט די מאָרדעס צו דעם שטריק, זיך מטושטש געצייכנט אין נישט גלייכע גרופּעס. איינגעדרעמלטע חזירים האָבן זיך איינגענוּרעט מיט זייערע מאָרדעס אין דער ערד; קעלבער האָבן געמעקעט; קי מיט אונטערגעבויגענע פיס האָבן אויסגעצויגן זייערע בייכער אויפן גראָז, לאַנגזאַם מעלה-גירה געווען און געפּינטלט מיט זייערע שווערע וויעס צוליב די חמורים מוקעס, וואָס האָבן געזשומעט אַרום זייערע קוטשערס, מיט פאַרשאַרצטע אַרבל, האָבן צוגעהאַלטן פאַרן צוים די צעבושעוועטע אָגערס, וועלכע האָבן ווילד געהירזשעט, פּילנדיק לעבן זיך די קליאַטשעס. די קליאַטשעס זענען געשטאַנען רויִק מיט אויסגעצויגענע קעפּ און אַראָפּגעהאָנגענע נרייוועס, און זייערע לאָשעקלעך האָבן געדרעמלט אין שאָטן, אָדער פון צייט צו צייט צוגעלאָפן צו די מאַמעס זיך אָנזויגן. דאָ און דאָרט, אויף דער גאַנצער כוואַליענאַרטיקער אויבערפלאַך פון די אָנגעוואָרפענע קערפּערס, האָט זיך טיילמאָל באַוויזן אַ ווייסע גריווע, ענלעך צו א כוואַליע, וואָס איז אויפגעהייבן געוואָרן פון ווינט; אַמאָל האָבן ווי נישט ווי אַרויסגעשטעקט אַ פּאָר הערנער, אָדער אַ קאָפּ פון אַ לויפנדיקן מענטשן. אין דער זייט, ביי אַ הונדערט טריט ווייטער, איז געשטאַנען א שוואַרצער אָקס מיט אַ מוילשלאָס און מיט אַ רינג אין די נאָזלעכער; ער האָט זיך נישט באַוועגט, פּונקט ווי ער וואָלט געווען אויסגעגאָסן פון בראָנז. אַ קינד אין לאַכעס האָט אים געהאַלטן אויף אַ שטריק.

און צווישן די צוויי שורות שאָף האָבן זיך אַרומגעדרייט מאָדנע פאַרשוינען מיט שווערע טריט, באַטראַכט און באַקוקט יעדע חיה, און נאָכדעם זיך באַראַטן אינדערשטיל. איינער פון זיי, קענטיק, דער חשובסטער, האָט עפּעס פאַרנאָטירט אין זיין ביכל. ס'איז געווען דער פאָרזיצער פון דער זשורי — מסיע דעראָזערע-דע-לאַ-פּאַנוויל. דערזען ראָדאָלפן, איז ער תיכף

צוגעגאַנגען צו איט און זיך אָנגערופן צו אים מיט אַ ליבלעכן שמייכל:

— סטייטש, מסיע בולאַנזשע, איר פאַרלאָזט אונדז גאָר! ראָדאָלף האָט פאַרדיכערט אַז ער קומט באַלד. אָבער ווען דער פּאָרזיצער איז פאַרשוואונדן געוואָרן, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— כלעבן, איך טראַכט גאָרנישט צו גיין! אין אייער געזעלשאַפט איז מיר פיל אָנגענעמער.

און ער האָט געחוזקט פון גאַנצן צוזאַמענפאָר; פונדעסטוועגן האָט ער באַוויזן אַ זשאַנדאַרם זיין בלויע מיטגליד־קאַרטע, ער זאָל זיך קענען אומעטום ארומבאָמבלען און האָט זיך אפילו עטלעכע מאָל אוועקגעשטעלט לעבן אַ שיינעם עקזעמפּליאַר, פון וועלכן מאַדאַם באָוואַרי איז גאָרנישט נתפעל געוואָרן. ער האָט עס באַמערקט, און האָט אָנגעהייבן אָפּצולאַכן פון די יאָנווילער דאַמען, פון זייערע טואַלעטן; נאָכדעם האָט ער זיך אַנטשולדיקט פאַר זיין אייגענעם קאָסטיום. זיין טואַלעט האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט עפּעס אַ געמיש פון ראַפינירטקייט און באַנאַליטעטן, וואָס אויף דעם אומדערפאַרענעם מענטשן האָט עס געוויינלעך געמאַכט אַן איינדרוק פון אַן עקסצענטרישער נאַטור, פון אויפגעבלאָזענע חושים, פון קונסט־פאַרגוואַלטיקונג און אַ געוויסע שנאה צו געזעלשאַפטלעכע פאָרמען, פון וואָס מען ווערט אָדער נתפעל, אָדער אויפגערעגט. אָט, אַ שטייגער, האָט זיין באַטיסטן העמד מיט די געפאַלדעוועטע מאַנזשעטן זיך אויפגעבלאָזן פון ווינט אין אויסשניט פון דער גרויער וועסט, און זיינע הויזן מיט די ברייטע שטרייפן האָבן אויפגעדעקט ביים פוס־קנעכל די סאַטינענע שיך מיט לאַקירטע שפיצן. זיי האָבן אַזוי געגלאַנצט, אַז דאָס גראָז האָט זיך אָפּגעשפיגלט אין זיי. אַריינגעלייגט אַ האַנט אין קעשענע פון דער מאַרינאַרקע און אָנגעטאָן אויף אַ זייט דעם שטרויענעם הוט, האָט ער מיטן שפּיץ שוך געגראָבן אינעם פערדמיסט.

— איבעריקנס, — האָט ער. מוסיף געווען, — קען דו וויגנסט אין דאָרף...

— איז אַלץ גאָרנישט ווערט! — האָט עמע פאַרענ־דיקט.

— ס'איז וואָר! — האָט ראָדאָלף געענטפערט. — באַדאַכט אייך נאָר, אַז קיינער פון די דאָזיקע חשובע באַלעבאַטים האָט לגמרי קיין שום השגה נישט אין שניט פון אַ בגד!

און מען האָט זיך צעשמועסט פון דער פּראָווינציעלער געשמאַקלאָזיקייט, וואָס דערשטיקט דאָס לעבן און סמט אָפּ די חלומות.

— אָט איך, — האָט ראָדאָלף געזאָגט, — איך טרינק מיך אין אומעט...

— איר? — האָט זי געפרעגט, אַ מבולבלע. — איך האָב געמיינט, אַז איר זענט זייער אַ פריילעכער?

— אַך, יאָ, פון אויסזען, ווייל פאַר דער וועלט קען איך אָנטאָן אַ מאַסקע פון אַ לץ. און דאָך, וויפל מאָל, אַז איך זע אַ בית־עלמין פאַרן שיין פון דער לבנה, פרעג איך מיך, צי וואָלט נישט גלייכער געווען, צו ליגן דאָרט צוזאַמען מיט די שלאָפנדיקע...

— אַך! און אייערע פריינט? — האָט זי געפרעגט. — איר האָט פאַרגעסן אין זיי?

— מיינע פריינט? וועלכע? צי האָב איך זיי? ווער זאָרגט זיך פאַר מיר?

די לעצטע ווערטער האָט ער אַרויסגעזאָגט מיט אַ לייכטן שיפּען.

אָבער דאָ איז זיי אויסגעקומען זיך פאַנאַנדערצוטיילן, כדי אַדורכצולאָזן אַ מענטשן, אנגעלאָדן מיט אַ גאַנצן באַרג שטולן. ער איז געווען אַזוי אַרומגעלייגט מיט זיי, אַז מען האָט קוים אַרויסגעזען די שפּיצן פון זיינע קלומפּעס און די שפּיצן פינגער פון די פאַנאַנדערגעשפּרייטע הענט. ס'איז געווען לעסטיבודואַ, דער קברן, וועלכער האָט געשלעפּט אין עולם אַריין די קלויסטער־שטולן. פול מיט איינפאַל פאַר אַלץ,

וואָס האָט נאָר געהאַט אַ שייכות צו זיינע עסקים, האָט ער איצט אויך אויסגעפונען אַן עצה, וויאַזוי אַרויסצוציען נוצן פונם צוזאַמענפאָר, און ס׳איז אים געלונגען. אוודאי האָבן די פויערים, וואָס האָבן זיך געפרעגלט פון היץ, זיך ממש גע־שלאָגן פאַר אַ שטול, וואָס זיינע שטרוי האָבן געשמעקט מיט קטורת. מיט גרויס יראת־הכבוד האָבן זיך די פויערים אָנגעלעגנט אויף די גראָבע שטול־ווענטלעך, וואָס זענען געווען באַגאָסן מיט חלב פון ליכט.

מאַדאַם באָוואַרי האָט זיך ווידער אָנגעלענט אויף ראָ־דאָלפס אָרעם; און ער האָט ווייטער גערעדט מיט אַזאַ טאָן, פונקט ווי מען רעדט צו זיך:

— יאָ! אַ סך זאַכן האָבן מיר געפעלט! און תמיד אַליין! אַך! ווען איך וואָלט כאָטש געהאַט אַ ציל אין לעבן, ווען איך וואָלט באַגעגנט אַ מענטשן, צו וועלכן איך וואָלט מיך געקענט צובינדן, ווען איך וואָלט עמעצן געפונען... אַך! דעמאָלט וואָלט איך געלאָזן אין באַוועגונג מיין גאַנצע ענער־גיע, אויף וועלכער איך בין פעיק, איך וואָלט אַלץ בייגעקומען, אַלץ גובר געווען!

— דאָך שיינט מיר, — האָט עמע געזאָגט, — אַז אייך איז גאָרנישט אַזוי שלעכט.

— אַך, איר מיינט אַזוי? — האָט ראָדאָלף געפרעגט.

— ווייל סוף כל סוף, — האָט זי געענטפערט, — זענט איר דאָך אַ פרייער מענטש.

זי האָט זיך אַ וואַקל געטאָן:

— און אַ רייכער.

— לאַכט נישט פון מיר, — האָט ער געענטפערט.

און זי האָט געשווירן, אַז זי לאַכט נישט פון אים; פלוצלונג האָט אויסגעשאָסן דער האַרמאַט און אַלע האָבן זיך געלאָזט לויפן צום דאָרף.

ס׳איז געווען אַן אומזיסטע מהומה. דער פרעפעקט איז נאָך נישט אָנגעקומען, און די מיטגלידער פון זשורי האָבן

זיך געפונען אין אַ גרויסער פאַר-עגגהייט, נישט חיסנדיק, וואָס צו טאָן, צי אָנהייבן די זיצונג, צי וואַרטן.

צולעצט האָט זיך אויפן פּלאַץ באַוויזן אַ גרויסע געדונגענע קאַרעטע מיט צוויי מאָגערע פערד, און דער קוטשער מיט אַ ווייסן הוט אויפן קאָפּ האָט זיי געהאַלטן אין איין שמייסן. בינע האָט קוים באַוויזן אויסצושרייען: „צום געווער!" און דער פּאָלקאָווניק האָט אויסגעשריען דאָס אייגענע. אַלע האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צו די ביקסן. אין טומל האָבן אייניקע פאַרגעסן אָנצוטאָן זייערע קעלנער. אָבער דעם פּרעפעקטס קאַרעטע האָט, משמעות, זיך אָנגעשטויסן אין וואָס עס האַנדלט זיך, און ביידע שקאַפּעס, צוהינקענדיק אַ ביסל אין זייער געשפּאַן, זענען מיט דראָבנע טריט צוגעפאָרן צום גאַנעק פון מאַגיסטראַט אַקוראַט אין דעם מאָמענט, ווען די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע און די פייערלעשער האָבן זיך פאַנאַנדערגעוויקלט פאַר אים, גענומען זעלנעריש מאַרשירן און געהאַקט אין די פּויקן אַריין.

— די ביקסן אויפן אַקסל! — האָט בינע געשריען.

— שטיין! — האָט דער פּאָלקאָווניק געשריען. — די רייען אויף לינקס!

מען האָט סאַלוטירט מיטן געווער, און די צינגלעך פון די ביקסן האָבן געקלונגען, ווי אַ מעשענע פאַן, וואָס קייקלט זיך איבער די שטיגן. נאָכדעם האָט מען די ביקסן אַראָפּגעלאָזט.

דעמאָלט איז אַרויסגעשטיגן פון דער קאַרעטע אַ הערן מיט אַ קורצן פראַק, בראָדירט אין זילבער; דאָס איז געווען אַ מענטש מיט אַ פּליך פון פאָרנט און מיט אַ טשוב אויפן שפּיץ קאָפּ. ער האָט געהאַט אַ בלאַס, אבער גוטמוטיק פּנים זיינע גרויסע אויגן, פאַרשטעלט מיט דיקע אויגנדעקלעך, האָבן זיך געזשמורעט, באַטראַכט דעם עולם, די דינע נאָז האָט זיך אויפגעהייבן און אויף זיין איינגעפאַלענעם מויל האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל. ער האָט דערקענט דעם מער לויט זיין שאַרף און האָט אים געמאָלדן, אַז דער הער פּרעפעקט

האָט נישט געקענט קומען. ער איז א ראַטמאַן אין דער פּרעפעקטור; און נאָכדעם, ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, האָט ער זיך עטלעכע מאָל אַנטשולדיקט. טיוואַש האָט אָפּגעענטפערט מיט עטלעכע ליבלעכע ווערטער. דער ראַטמאַן, ווידער, האָט זיך אַלץ פאַרענטפערט. און אַזוי זענען זיי געשטאַנען פּנים צו פּנים, כמעט זיך אָנגערירט מיט די שטערנס, אַרומגערינגלט מיט די מיטגלידער פון זשורי, ראַטמענער, חשובע באַלעבאַטים, נאַציאָנאַלער גוואַרדיע און מחנות פויערים. דער ראַטמאַן האָט צוגעדריקט צו דער ברוסט זיין קליין דריי-קאַנטיק היטעלע און האָט זיך אַלץ געבויגט, און טיוואַש, איינגעבויגן אין דרייען, האָט געשמייכלט, געשטאַמלט, געזוכט פראַזן, דערציילט פון זיין איבערגעגעבנקייט צו דער מאָנאַרכיע און פון דעם גרויסן כבוד, וואָס מען האָט אָנגעטאָן יאָנוויל.

היפּאָליט, דער משרת פון אכסניה, האָט אָנגענומען פאַרן צוים די פערד פון דער קאַרעטע, און צוהינקענדיק אויף איין פוס, האָט ער זיי אָפּגעפירט צו דעם טויער פון „גאָלדענעם לייב״; דאָרט איז זיך באַלד צונויפגעלאָפן אַ מחנה פויערים און געגלאָצט מיט די אויגן אויף דער קאַרעטע. די פויקן האָבן געהילכט, דער האַרמאַט האָט געשאָסן, און די הערן האָבן זיך אויסגעזעצט אויף דער עסטראַדע, אין רויטע סאַמעטענע פאָטעלן, וואָס מאַדאַם טיוואַש האָט זיי פריער אויסגעבאָרגט.

דידאָזיקע לייט זענען געווען ענלעך צו אײנאַנדער: זייערע ווייכע פּנימער, עטוואָס אָפּגעברענט פון דער זון, האָבן געהאַט דעם קאָליר פון זיסן עפּל-וויין, און זייערע ברייטע באַקענ-באָרדן האָבן פאַרדעקט די הויכע שטייווע קעלנער, אַרומגעבונדן מיט ווייסע קראַוואַטן און באַפּוצט מיט קאָקאַרדעס. אַלע האָבן געטראָגן שאַלאָווע סאַמעטענע וועסטן; אויף די לאַנגע לענטעס פון זייערע זייגערס זענען אַראָפּגעהאָנגען קאָרנאַלין-ברעלאָקן; מען איז געזעסן מיט די הענט אָנגעלענט אויף די קני, פאָרזיכטיק אויסגעגלעטע די פאַלדן פון די הויזן, וואָס זייער שטאָף האָט שטאַרקער געגלאַנצט, ווי די לעדער פון זייערע שיך.

די דאַמען פון דער געזעלשאַפט זענען געזעסן אין דער

הינטערשטער שורה, צווישן די קאָלאָנעס, און דער המון איז גע־
שטאַנען אָדער געזעסן אויפן שטול קעגנאיבער. לעסטיבודואַ האָט
איבערגעשלעפּט אהער אַלע שטולן פון דער לאָנקע, און איז
ווײַלעווײַז געלאָפן אין קלויסטער נאָך אַנדערע שטולן; מיט
זײַן אונטערנעמונג האָט ער אַזוי פאַרלייגט און פאַרשטעלט
דעם וועג אַרום, אַז ס'איז געווען שווער צוצוקומען צו די
קליינע שטיגן פון דער עסטראַדע.

— איך האַלט, — האָט לערע זיך אָנגערופן צום אַפּ־
טייקער, וועלכער האָט געוואָלט זיך צוקריגן צו זײַן פּלאַץ, —
אַז דאָ האָט מען געדאַרפט אַוועקשטעלן צוויי ווענעציאַנישע
מאַסטן. און ווען מען וואָלט זיי, אַ שטייגער, אויסגעפּוצט
שטרענג, אין רייכן סטיל, וואָלט עס געמאַכט אַ שטאַרקן רושם.

— זיכער, — האָט אָמע געענטפערט, — אָבער וואָס
קען מען זיך העלפן! דער גאַנצער בעל־דעה איז דאָ דער
מער! און זײַן געשמאַק, מישטיינס געזאָגט! דעם אָרעמען טיוואַש
פעלט לגמרי דאָס, וואָס מען רופט אָן קינסטלערישער חוש.

ראָדאָלף און מאַדאַם באָוואַרי זענען דערווייל אַרויף אויפן
צווייטן שטאָק פון מאַגיסטראַט און זענען אַרײַן אין באַראַטונגס־
זאַל. קיינער איז דאָ נישט געווען, און ראָדאָלף האָט געזאָגט
אַז דאָ וועט זײַן זייער באַקוועם זיך צוצוקוקן צו דער פּ אָ ר־
ש ט ע ל ו נ ג. ער האָט גענומען דריי שטולן, וועלכע זענען
געשטאַנען אַרום אַ לאַנגן טיש, אונטערן ביוסט פון מאָנאַרך,
אַוועקגעשטעלט זיי ביים פענסטער, און ביידע האָבן זיך אָני־
דערגעזעצט לעבן איינאַנדער.

דער עולם אויף דער עסטראַדע האָט זיך באַוועגט. מען
האָט געשמועסט און איינאַנדער איינגערוימט עפּעס אין אויער.
צולעצט האָט זיך דער הער ראַטמאַן אויפגעהייבן. איצט האָבן
אַלע געוווּסט, אַז מען רופט אים ליעווען, און זײַן נאָמען איז
באַלד אדורכגעלאָפן פון מויל צו מויל. איינלייגנדיק עטלעכע
בלעטלעך, האָט ער די אויגן צוגעטראָגן נענטער צו זיי, און
האָט אָנגעהייבן:

מײַנע הערן!

„דערלויבט מיר קודם כּל — אײדער איך גײ רעדן װעגן דעם ציל פֿון דער הײַנטיקער פֿאַרזאַמלונג, װאָסערע געפֿילן װעלן, בלי שום ספֿק, געפֿינען אַן אָפּקלאַנג אין אײַערע הערצער — דערלויבט מיר, זאָג איך, אויסצודריקן אַ שבֿח דער העכערער מאַכט, דער רעגירונג, דעם מאָנאַרך, מײַנע הערן, אונדזערע הערשער, אונדזער געליבטן מלך, װאָס איז קײנמאָל נישט גלײַכגילטיק צו דעם געזעלשאַפֿטלעכן אָדער פּריװאַטן װױלשטאַנד פֿון לאַנד, װעלכער פֿירט צוגלײַך מיט אַזאַ פֿעסטער און קלוגער האַנט דעם רײַטוואָגן פֿון דער מלוכה, אין כּסדרדיקע סכּנות, פּונקט װי אין אַ ברויזנדיקן ים און װעלכער װײס, װי געהעריק אָפּצושאַצן דעם שלום און די מלחמה, אינדוסטריע און מסחר, לאַנדווירטשאַפֿט און קונסט".

— איך װאָלט געדאַרפֿט זיך אַ ביסל אָפּרוקן, — האָט ראָדאָלף געזאָגט.

— פֿאַרװאָס? — האָט עמע געפֿרעגט.

אָבער אין דעם מאָמענט האָט זיך די שטים פֿונם ראַטמאַן פֿאַרשטאַרקט. ער האָט גערעדט מיט אַ דערהײבענעם טאָן:

„ס'זענען אַוועק די צײַטן, מײַנע הערן, װען דער בירגערקריג האָט מיט בלוט באַוואַשן אונדזערע גאַסן, װען דער אײגנטימער, דער סוחר און אַפֿילו דער בעל־מלאָכה האָבן פֿאַרן אײַנשלאָפֿן זיך געשראָקן, אַז זײ זאָלן אַמאָל פּלוצלונג נישט אויפֿגעריסן װערן פֿון שלאָף דורך די פֿײַערלעשער־גלאָקן, װען די צעשטערנדיקע לערע האָט העזהדיק אונטערגעגראָבן די יסודות"...

— װײַל מען קען מיך פֿון אונטן באַמערקן, — האָט ראָדאָלף געענטפֿערט. — נאָכדעם װעל איך מיך מוזן אַנטשולדיקן אַ װאָסערע צװײ װאָכן צײַט, און מײַן שלעכטער רעפּוטאַציע...

— אַך! איר דערנידעריקט זיך אַליין, — האָט עמע גע-זאָגט.

— ניין, ניין איך שווער אייך, אַז ערגער קען גאָרנישט זיין.

„...אָבער, מיינע הערן, — האָט דער ראַטמאַן ווידער גערעדט, — ווען איך פאַרטרייב פון זכּרון דידאָזיקע טרויער-דיקע בילדער און טראָג איבער מיינע אויגן אויף דעם איצטיקן מצב פון אונדזער טייערן פאָטערלאַנד, וואָס זע איך? מסחר און קונסט בליען אומעטום און אומעטום נייע פאַרקער-וועגן, פונקט ווי נייע אָדערן אין מלוכישן גוף, שטעלן זיי איין נייע פאַרבינדונגען; אונדזערע גרויסע מאַנופאַקטור-פונקטן האָבן פאַר-שטאַרקט זייער טעטיקייט; די באַפעסטיקטע רעליגיע שמייכלט צו יעדן האַרץ; אונדזערע פּארטן זענען פול מיט שיפן, דער צוטרוי וואַקסט און פראַנקרייך אָטעמט פריי!...“

— איבעריקנס, — האָט ראָדאָלף מוסיף געווען, — אפשר זענען זיי גערעכט פון זייער שטאַנדפּונקט?

— וואָס הייסט? — האָט זי געפרעגט.

— הייסט איר דען נישט, אַז ס׳זענען דאָ צעבונטעוועטע נשמות? זיי לעכצן נאָך טעטיקייט, און אַמאָל פאַלן זיי אַריין אין חלומות, אַמאָל אין די ריינסטע תּאוות, און אַמאָל, ווידער, אין ווילדע תּענוגים, און אַזויאַרום וואַרפן זיי זיך אויף פאַרשידענע פאַנטאַזיעס, משוגעתן.

זי האָט אים אָנגעקוקט, ווי מען קוקט אָן אַ וועג-מענטש, וועלכער איז געקומען פון פרעמדע אויסטערלישע לענדער, און זי האָט געזאָגט:

— אָבער מיר, אָרעמע פרויען, האָבן אויך אָט דאָס פאַרגעניגן נישט!

— אַ טרויעריק פאַרגעניגן, וואָס גיט נישט קיין גליק.

— אָבער צי געפינט מען עס טאַקע ערגעץ? האָט זי געפרעגט.

— יאָ, ס׳טרעפט זיך אַמאָל, — האָט ער געענטפערט.

„... און איר האָט עס פאַרשטאַנען, — האָט דער ראַט-

מאַן גערעדט. — איר גוטסבאַזיצער און דאָרפס-אַרבעטער, איר פרידלעכע פּיאָנערן פון דער ציוויליזאַציע! איר, מענטשן פון פּראָגרעס און מאָראַל! איר האָט פאַרשטאַנען, זאָג איך, אַז אין פּאָליטישע געוויטערס זענען אַ סך געפערלעכער פון דונערן און בליצן"...

— ס'טרעפט יאָ אַמאָל, — האָט ראָדאָלף איבערגע-חזרט, — אַמאָל, פּלוצלונג, ווען מיר האָבן שוין אויפגעהערט צו האָפן. מיטאַמאָל עפענען זיך די הימלען און מען דער-הערט אַ שטימע: „אָט איז דאָס!" און איר דערשפּירט אַ באַדערפעניש צו פאַרטרויען דערדאָזיקער פּערזאָן אייער אינטים לעבן, אַוועקגעבן איר אַלץ, מקריב זיין אַלץ פאַר איר! ווערטער זענען שוין איבעריק, מען פאַרשטייט זיך שוין. מען האָט זיך שוין נישט איינמאָל געזען אין חלום... (דאָ האָט ער אַ קוק געטאָן אויף איר). און אָט וואַקסט ער אויס פאַר אייך, דערדאָזיקער אוצר, וועלכן איר האָט אַזוי שטאַרק געזוכט; ער גלאַנצט, ער פינקלט. אָבער איר זענט נאָך אין ספק, איר דערוועגט זיך נישט צו גלייבן; איר זענט פאַרבלענדט, פּונקט ווי איינער, וואָס פאַלט אַריין פון פינסטער-ניש אין ליכט.

פאַרענדיקט דידאָזיקע פראַזע, האָט זי ראָדאָלף אילוס-טרירט מיט אַ באַזונדער מימיק. ער האָט דורכגעפירט מיט דער האַנט איבערן פּנים, ווי אַ מענטש, וואָס עס שטערט אים דאָס ליכט. נאָכדעם האָט ער זי אַראָפּגעלאָזט אויף עמעס האַנט. זי האָט צוריקגעצויגן אירע. אָבער דער ראַטמאַן האָט געהאַלטן אין איין רעדן:

„און וואָס איז דער וואונדער, מיינע הערן! בלויז דער, וואָס איז בלינד, וואָס איז לגמרי פאַרזונקען, — איך זאָג עס אַרויס גאָר אָן שרעק — יאָ, וואָס איז לגמרי פאַר-זונקען אין די פאָראורטיילן פון פאַרגאַנגענעם דור, האָט ביז איצט נאָך נישט געקענט פאַרשטיין דעם גייסט פון די ערד-אַרבעטער. ווו קענט איר געפינען מער פּאַטריאָטיזם, ווי אין די דערפער, מער איבערגעגעבנקייט פאַר געזעלשאַפטלעכע עניינים,

און מיט איין וואָרט, מער פאַרשטאַנד? מיינע הערן, איך מיין נישט יענעם איבערפלעכלעכן פארשטאַנד, די כלומרשטע באַ־פוצונג פון די פוסטע מוחות, נאָר דעם טיפן און מעסיקן שכל, וואָס זוכט אין יעדער זאַך נאָר דעם עיקר, דעם תּכלית און ווירקט מיט אַזויארום צו דעם ווילשטאַנד פון יחיד, צו דער אַלגעמיינער פאַרבעסערונג און צו דער בליונג פון דער מלוכה— די פרוכט פון אַכטונג צו די געזעצן און פליכטן..."

— אך! שוין ווידער! — האָט ראָדאָלף געזאָגט. — תּמיד די פליכטן, איך בין שוין פאַרטויבט פון דידאָזיקע ווערטער. א מחנה אַלטע אידיאָטן אין לייבלעך און גראָבע יונגן מיט פייערקעס און פאַטשערקעס, האַקן אייך כסדר אין אויער: „פליכט! פליכט!" אך! צו אַלדע רוחות! פליכט — הייסט קענען פילן דאָס, וואָס איז גרויס, ליב האָבן דאָס אַלץ, וואָס איז שיין, און זיך נישט אונטערוואַרפן די געזעלשאַפטלעכע פאָרמען מיט די אַלע געמיינקייטן, וואָס זיי לייגן אויף אונדז אַרויף.

— דאָך... דאָך... — האָט מאַדאַם באָוואַרי אייגעווענדט.

— ניין! צוואָס זאָל מען זיך ראַנגלען מיט ליידנשאַפטן? צי זענען זיי נישט דאָס שענסטע, וואָס ס'איז נאָר דאָ אויף דער וועלט: דער מקור פון העראָיזם, פון באַגייסטערונג, פון פּאָעזיע, פון מוזיק, פון קונסט, מיט איין וואָרט, פון אַלץ?

— אָבער מען דאַרף, — האָט עמע געזאָגט, — זיך אויך רעכענען אַ ביסל מיט דער מיינונג פון דער וועלט און זיך אונטערוואַרפן דער מאָראַל.

— אך! פאַראַן צוויי מינים מאָראַל, — האָט ער געענט־פערט. — פאַראַן אַ קליינע, אָנגענומענע מאָראַל, יענע מאָראַל, וועלכע ענדערט זיך כסדר, האַלט זיך נידעריק ביי דער ערד און פילדערט אַזוי, ווי אָט די מחנה אידיאָטן, וואָס איר זעט. אָבער די צווייטע מאָראַל, די אייביקע, איז תּמיד אַרום אונדז און איבער אונדז, ווי דער פּייזאַזש, וואָס רינגלט אונדז אַרום און ווי דער בלויער הימל, וואָס לייכט איבער אונדז.

מסיע ליעווען האָט איבערגעווישט דאָס מויל מיט אַ טיכל און ווייטער גערעדט:

„... צי נייטיקט איר אייך נאָך אין באַווייזן, מיינע הערן, אַז די ערדאַרבעט איז אַ נוצלעכע זאַך? ווער באַפרידיקט אונדזערע באַדערפענישן? ווער שטעלט אונדז צו פאַרשידענע שפּייז-פּראָדוקטן? איז עס דען נישט דער ערדאַרבעטער? יאָ, מיינע הערן, דער ערדאַרבעטער, וואָס פאַרזייט מיט זיין פאַר־פּראַצעוויטער האַנט די פרוכטבאַרע פעלדער אונדזערע, פּראָדוצירט תבואה, וואָס ווערט נאָכדעם צעמאָלן דורך דער חכמהדיקער מיל־מאַשינעריע און גייט אַרויס פון דאָרט אונטערן נאָמען מעל; נאָכדעם ווערט עס טראַנספּאָרטירט אין פאַרשידענע שטעט און ביים בעקער ווערט עס פאַרוואַנדלט אין אַ שפּייז פאַר אָרעמע, ווי פאַר רייכע. צי פּאַשעט נישט דער ערדאַרבעטער אויף די לאָנקעס זיינע גרויסע סטאַדעס פאַר אונדז אויף מלבושים? און וואָס וואָלטן מיר געגעסן, וואָס וואָלטן מיר געטראָגן אויף זיך, ווען נישט דער ערדאַרבעטער? צי דאַרף מען דען ווייט זוכן, מיינע הערן, כּדי אייך צו ברענגען ביישפּילן? ווער האָט זיך עס אַמאָל נישט פאַרטראַכט איבער די נוצן פון דעם באַ־שיידענעם היימישן פייגל — די קרוין פון אונדזערע פערמעס וועלכע גיט אונדז גלייכצייטיק אי פּוך פאַר אונדזערע געלעגערס, אי זאַפטיק פלייש און אייער פאַר אונדזער טיש? אָבער איך וואָלט היינט נישט פאַרענדיקט, ווען איך וואָלט אייך געוואָלט אויסרעכענען כּסדר די כּלערליי פּראָדוקטן, וואָס עס שענקט אונדז אַ גוט באַאַרבעטער באָדן, פּונקט ווי אַ גוטע מוטער שענקט אירע קינדער: דאָ ווייַנטרויבן, דאָרט עפּל־ביימער פאַר עפּל־וויין, דאָ רעפּאַק און דאָרט ווייטער קעז, פלאַקס; אָבער, מיינע הערן, לאָמיר נישט פאַרגעסן אינם פלאַקס, וועלכער האָט זיך אין די לעצטע יאָרן שטאַרק אַנט־וויקלט, אויף וואָס איך וויל אייך באַזונדערס אויפמערקזאַם מאַכן".

אָבער דידאָזיקע באַמערקונג וועגן אויפמערקזאַמקייט איז לגמרי געווען איבעריק, מחמת אַלע מיילער זענען געווען פאַנאַנ־דערגעעפנט, פּונקט ווי זיי וואָלטן געשלונגען זיינע ווערטער. טיוואַש, וועלכער איז געשטאַנען לעבן ראַטמאַן, האָט אים אויס־

געהאָרכט מיט אויסגעגלאָצטע אויגן; דע=ראָזערע האָט פון צ״יט
צו צייט אַראָפּגעלאָזט די אויגן=דעקלעך; און דער אַפּטייקער,
ווידער, וואָס האָט געהאַלטן זיין זונדל נאָפּאָלעאָנען צווישן די
קני, האָט צוגעלייגט די האַנט צום אויער, כדי קיין איינציק
וואָרט נישט אַדורכצולאָזן. די אַנדערע מיטגלידער פון דער
זשורי האָבן פון גרויס הנאה צוגעשאָקלט מיט די קעפּ. די
פייערלעשער זענען געשטאַנען לעבן דער עסטראַדע, אָנגעלענט
אויף זייערע ביקסן, און בינע איז אַזוי ווי פאַרגליווערט גע-
וואָרן אויפן אָרט מיט אויסגעדרייטע עלנבויגנס און מיט אַ בלויזן
שווערד אינדערלופטן. ער האָט אפשר עפּעס געהערט, אָבער
ער האָט געוויס גאָרנישט געזען, מחמת דער דאַשעק פון זיין
העלם איז אים געווען אַראָפּגערוקט אויף דער נאָז. זיין ליי-
טענאַנט, טיוואַשעס ייִנגערער זון, האָט אים נאָך אַריבערגע-
שטיגן מיטן רייך פון העלם; יענער האָט געטראָגן אַ גרויסן
העלם, וואָס האָט זיך אים געוואָרפן אויפן קאָפּ און פון אונטער
אים האָט אַרויסגעשטעקט אַ ציצענע טיכל. ער האָט אַרויס=
געשמייכלט פון אונטערן העלם מיט אַ קינדערישער צאַרטקייט,
און זיין קליין בלאַס פנים, באַגאָסן מיט שווייס, האָט געהאַט
אַ צעפרידענעם, אויסגעמאַטערטן, שלעפעריקן אויסדרוק.

דער גאַנצער פּלאַץ אַרום און אַרום איז געווען פּאַק און
פול מיט מענטשן. און אַלע פענסטער זענען געווען געפּאַקט.
אַנדערע זענען געשטאַנען ביי די טירן, און זשיכטן, וואָס האָט
אַרויסגעקוקט פון אַפּטייק-פענסטער, האָט געמאַכט דעם איינדרוק,
ווי ער וואָלט זיך פאַרזונקען אין טיפע באַטראַכטונגען. עס
איז אַפילו געווען זייער שטיל, דאָך אָבער האָט זיך ליעווענס
שטימע פאַרלוירן אין דעם אַרומיקן שטח. ס'האָבן זיך געלאָזט
הערן אָפּגעריסענע פראַזן, וועלכע זענען דאָ און דאָרט איבער-
געריסן געוואָרן דורכן געוויש פון די שטולן צווישן עולם;
נאָכדעם האָט זיך פונדערווייטנס דערטראָגן אַ לאַנגער ברום
פון אַן אָקס, אַ מעקען פון שעפסן, וועלכע האָבן איינאַנדער
אָפּגעענטפערט אין עק פון די געסלעך. די פאַסטוכער האָבן
באמת אַנגעטריבן אַהער זייערע בהמות, וואָס האָבן עפּטער

גערעוועט און פון צייט צו צייט אָראָפּגעלעקט די שטיקלעך גראָז, וואָס זענען זיי געהאָנגען אויף דער מאָרדע.

ראָדאָלף האָט זיך אָנגעבויגט צו עמען און האָט איר שטיל און שנעל אָריינגערעדט:

— שוין זשע רעגט אייך נישט אויף דידאָזיקע פאַרשווערונג פון דער וועלט? צי איז דאָ כאָטש איין געפיל, וואָס די וועלט זאָל נישט האָבן פאַרמשפט? די איידלסטע פאַרלאַנגען, די ריינסטע סימפּאַטיעס ווערן פאַרפאָלגט, אויסגעלאַכט, און טאָמער באַגעגענען זיך צוויי אָרעמע נשמות, ווערט אַלץ אַזוי געמאַכט, אַז זיי זאָלן זיך נישט קענען באַהעפטן. זיי ראַנגלען זיך אָבער, זיי שלאָגן זיך מיט די פליגלען, זיי רופן איינער דעם צווייטן. אָך! ס'איז נישט וויכטיק, פריער אָדער שפּעטער, אין זעקס חדשים, אָדער אין צען יאָר אַרום, — זיי וועלן זיך צוזאַמענגיסן אין ליבע, ווייל אַזוי וויל דער מזל, ווייל זיי זענען באַשאַפן געוואָרן פאַר איינאַנדער.

ער האָט צוזאַמענגעלייגט די הענט אויף די קני, און אויפהייבנדיק די אויגן, האָט ער צוגעשמידט דעם בליק צו עמען. זי האָט געזען אין זיינע אויגן קליינע גאָלדענע שטראַלן, וועלכע זענען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען אַרום זיינע שוואַרצאַפּלען; זי האָט געפילט דעם ריח פון פּאָמאַדע, וואָס האָט געגלאַנצט אויף זיינע האָר. עפּעס אַ צאַרטקייט האָט איר אַרומגעכאַפּט; זי האָט זיך דערמאַנט אין דעם וויקאָנט, מיט וועלכן זי האָט געטאַנצט אין וואָביעסאַר, וואָס זיין באָרד האָט געשמעקט ווי דידאָזיקע האָר — אַ ריח פון וואַניל און ציטרין; און זי האָט שנעל פאַרמאַכט די אויגן, אַז זי זאָל קענען בעסער איינאָטעמען דעמדאָזיקן ריח. אָבער אַז זי האט זיך ביי דעמדאָזיקן זשעסט אנגעשפּאַרט אָן װענטל פון שטול, האָט זי פלוצלונג באַמערקט פונדערווייטנס אויפן האָריזאָנט דעם אַלטן אמניבוס „די שוואַלב", וועלכער האָט זיך פּאַמעלעך אַראָפּגעלאָזט פון באַרג ליע, ציענדיק נאָך זיך אַ גרויסן וואָלקן שטויב. אָט מיט דעם געלן וואָגן איז לעאָן אַזוי אָפט געקומען צו איר און מיט אָט דעם וועג איז ער אַוועקגעפאָרן אויף-

אייביק! ס'האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז זי זעט אים פּאַר זיך, אין זיין פענסטער; נאָכדעם האָט זיך אַלץ אויסגעמישט, אַלץ איז פאַרנעפּלט געוואָרן; ס'האָט זיך איר אויך געדאכט, אַז זי שווימט אין אַ וואלס, אונטערן פייער פון שפּיגלען, אין די אַרעמס פון וויקאָנט, און אַז לעאָן איז נישט ווייט, אַז אָט וואַקסט ער אויס... און דאָך האָט זי כסדר געפילט לעבן זיך ראָדאָלפס קאָפּ. די זיסקייט פון דעמדאָזיקן געפיל האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט אירע אַמאָליקע פאַרלאַנגען, און פּונקט ווי זעמדעלעך אין אַ ווינט-ווירבל, האָבן זיי זיך געדרייט אין אַ וואָלקן פון צאַרטע ריחות, וועלכע האָבן אָנגעפילט איר נשמה. זי האָט ברייט צעשפּרייט אירע נאָזלעכער, כדי איינצואָטעמען די פרישקייט פונם בלושטש, וואָס איז געהאָנגען אַרום די קאַ־לאָנעס. זי האָט אַראָפּגעצויגן אירע הענטשקעס, זיך אויסגע־ווישט די הענט; נאָכדעם האָט זי מיט אַ נאָזטיכל געפאָכט איבערן פּנים. און אינם קלאַפּן פון אירע שלייפן האָט זי גע־הערט דעם געפּילדער פון עולם און אַ שטימע פון ראַטמאַן, וועלכער האָט געשאַטן זיינע פראַזן.

ער האָט געזאָגט:

„...גייט וויטער! שטייט נישט אָפּ! פאַלט נישט אַרונטער אונטער דער השפּעה פון דער רוטין, און הערט זיך נישט צו צו איילִיקע עצות פונם העזהדיקן עמפּיריזם! דער עיקר לייגט אַוועק אייערע כחות אויף דער פאַרבעסערונג פונם באָדן, אויף דער אויסאַרבעטונג פון גוטן מיסט, און אַנטוויקלט די בעסטע ראַסע פון פערד, אָקסן, שעפּסן, חזירים. זאָלן אייך דינען די־דאָזיקע צוזאַמענפאָרן, ווי אַ פרידלעכע אַרענע, וווּ דער זיגער וועט אויסציען די האַנט דעם באַזיגטן, וועט זיך פאַרברידערן מיט אים, אין דער האָפענונג אויף אַ בעסערן צוקונפטיקן דער־פאָלג! און איר, חשובע דינער, באַשיידענע אַרבעטער, וואָס אייער שיינע אַרבעט האָט נאָך קיין איין רעגירונג נישט אָפּ־געשאַצט — איר קומט אָננעמען די באַלוינונג פאַר אייער שטילער צניעות, און זייט זיכער, אַז פון איצט אָן איז די מלוכה מיט אייך, גיט אייך צו מוט, פאַרטיידיקט אייך, גיט נאָך אייערע

גערעכטע פאָדערונגען און וועט פאַרלייכטערן, אויף וויפיל זי־
וועט קענען, די לאַסט פון אייערע שווערע קרבנות!״

מסיע ליעווען האָט זיך אַנידערגעזעצט; מסיע דע־ראָזערע
האָט זיך אויפגעהייבן און גענומען רעדן. זיין רעדע איז נישט
געווען אַזאַ גלאַנצפולע, ווי דעם ראטמאַנס; אָבער זי האָט זיך
אויסגעצייכנט מיט איר פאָזיטיוון סטיל, דאָס הייסט מיט מער
בקיאות אין דער זאַך און מיט אידעאַלערע אויספירונגען. אַזוי,
אַ שטייגער, האָבן די לויב־געזאַנגען פאַר דער מלוכה פאַרנומען
אַ קלענערן פּלאַץ ביי אים. מער אַכט האָט ער געלייגט אויף
דער רעליגיע און ערדארבעט. אין זיין דרשה האָט מען גע־
זען דעם צוזאַמענהאַנג צווישן איינער און דער צווייטער און
וויאַזוי זיי האָבן ביידע ריוואליזירט אין דער אַנטוויקלונג
פון דער ציוויליזאַציע. ראָדאָלף און מאַדאַם באָוואַרי האָבן
גערעדט וועגן חלומות, פאָרגעפילן, מאַגנעטיזם. צוריקקערנדיק
זיך צו די ערשטע סימנים פון געזעלשאַפטלעכקייט, האָט דער
רעדנער געשילדערט דיווילדע צייטן, ווען מענטשן האָבן נאָך
געלעבט אין וועלדער און געגעסן הזירים־ניס. נאָכדעם האָבן
זיי אַראָפּגעוואָרפן פון זיך זייערע חיהשע פעלן, זיך אַרומגע־
וויקלט מיט טוך, צעאַקערט די פעלדער און געפלאַנצט ווייג־
גערטנער. צי איז דאָס געווען אַ טובה, צי האָבן דידאָזיקע
דערפינדונגען נישט געבראַכט מער שאָדן, ווי נוצן? מסיע דע־
ראזערע האָט ווייטער אַנטוויקלט דעמדאָזיקן געדאַנק. פון מאַג־
נעטיזם איז ראָדאָלף ביסלעכווייז אַריבערגעגאַנגען צו דער
קרובהשאַפט פון צוויי נשמות, און בעת דער פרעזידענט האָט
דערמאַנט ציגציגנאַטוסן ביים אַקער און דיאָקלעטיאַנען, ווי ער
פאַרזייט קרויט, און די כינעזישע מלכים, וועלכע האָבן אָנגע־
הייבן דאָס יאָר אין דער צייט פון זריעה, האָט ראָדאָלף דער־
קלערט דער יונגער פרוי, אַז דידאָזיקע צוציונגסקראפט נעמט
איר התחלה אין דער פריערדיקער עקזיסטענץ.

— אָט מיר, למשל, — האָט ער געזאָגט, — פאַרוואָס האָבן
מיר זיך באַקענט? צוליב וואָסער צופאַל? דאָס איז דערפאַר,
ווייל אין ברייטן שטח האָבן אונדזערע צעטיילטע לעבנס־

זיך צוזאַמענגעטראָפן, פּונקט ווי צוויי טייכן, וואָס פליסן צו איינאַנדער.

און ער האָט זי אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט. זי האָט די האַנט נישט צוריקגעצויגן.

— „פאַר דער אַלגעמיינער גוטער ערדווירטשאַפט!" — האָט דער פּרעזיצער געשריען.

— אָט, אַ שטייגער, ווען איך בין דאָ נישט לאַנג געווען ביי אייך...

— „דעם הער ביזע פון קענקאַמפּואַ".

— צי האָב איך דעמאָלט געקענט קלערן, אַז איך וועל זיין מיט אייך?

— „זיבעציק פראַנק!"

— הונדערט מאָל האָב איך שוין געוואָלט אַוועקגיין, אָבער איך בין געבליבן מיט אייך.

— „מיסט!" האָט דער פּרעזיצער געשריען.

— אַך, ווי גערן איך וואָלט דאָ פאַרבליבן היינט, מאָרגן, אַ גאַנץ לעבן!

— „דעם הער קאַראָן פון אַרגעל, — אַ גאָלדענעם מעדאַל!"

— ווייל קיינמאָל, אין קיין געזעלשאַפט האָב איך נישט געפונען אַזאַ פאַרגעניגן.

— „דעם הער בען, פון זשיווריסען-מאַרטען!"

— און איך וועל אייך אַוועקטראָגן די ערינערונג וועגן אייך.

— „פאַר אַ מערינאָסן באַראַן...!"

— אָבער איר וועט נישט פאַרגעסן, איך וועל פאַרשווינדן ווערן, ווי אַ שאָטן.

— „דעם הער בעלאָ, פון נאָטר־דאַם..."

— אַך, ניין, וואָס, צי וועל איך פאַרנעמען עפּעס אַן אָרט אין אייער געדאַנק, אין אייער לעבן?

— „פאַר דער בעסטער חזירים - ראַסע אַן אויסצייכענונג Exaequo: די הערן לעגעריסע און קוליאַמבורן — זעכציק פראַנק!

ראָדאָלף האָט געדריקט איר האַנט; ער האָט געפילט, אז זי איז הייס און זי צאַפּלט זיך, ווי א געפאַנגענע טויב, וואָס רייסט זיך אויף דער פרייהייט; צי האָט זי אָבער גע- וואָלט זיך באַפרייען, אָדער זי האָט בלויז געענטפערט אויף דעם האַנטדרוק? אירע פינגער האָבן זיך באַוועגט; ער האָט אויסגערופן:

— אך, איך דאַנק אייך! איר שטויסט מיך נישט אָפּ! איר זייט א גוטע! איר פאַרשטייט, אַז איך בין אייערער! איך וויל אייך זען, איך וויל קוקן אויף אייך!

א ווינטל, וואָס האָט זיך אריינגעריסן אין צימער דורך די פענסטער, האָט א דריי געטאָן דער טישטוך, און אונטן אויפן פלאַץ האָבן די גרויסע פויערישע טשעפּטשיקעס זיך אונ- טערגעהייבן, פונקט ווי די פליגלען פון זומער-פייגעלעך, ווען זיי באַוועגן זיך.

— „פאַרן באַנוצן קאָלאַטש פון אייל-זוימען", — האָט דער פאָרזיצער געהאַקט דאָס ווייניקע.

ער האָט זיך געאיילט.

נייפלאַמאַנדישע מיסט — קולטור פון פלאַקס — דרע- נאַזש — לאַנגטערמיניקע ארענדעס — דינערשאַפט".

ראָדאָלף האָט מער נישט גערעדט. זיי האָבן זיך אָנ- געקוקט. עפּעס א שטאַרקער באַגער האָט געמאַכט ציטערן זייערע אויסגעטריקנטע ליפּן; און שטיל, אָן אָנשטרענגונג האָבן זיך זייערע פינגער צונויפגעפלאָכטן.

— „קאַטערינען-ניקעס-עליזאַבעט לערו, פון סאַסעטאָ-לאַ געריער, פאַר פופציק יאָר דינסט אין דערזעלבער פערמע — א זילבערנעם מעדאַל פון פינפאונצוואנציק פראַנק!"

— „וו איז זי קאַטערין לערו?" האָט דער ראַטמאַן נאָכ- אַמאָל אויסגערופן.

זי האָט זיך נישט געקענט צוקריגן צום טיש, און דער עולם האָט געמורמלט:

— גיי שוין, גיי!

— גיין.

— אויף לינקס.

— שרעק דיך נישט.

— אך! סאַראַ בהמה זי איז!

— איז זי דאָ? — האָט טיוואַש אויסגערופן.

— יאָ!... אָט איז זי!

— זאָל זי צוגיין נענטער!

צו דער עסטראַדע האָט זיך דערנענט אַן אַלטע זקנה מיט א שרעקעוודיק פנים; עס האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט זיך צונויפגעקאָרטשעט אין אירע אָרעמע מלבושים. אויף די פיס האָט זי געטראָגן גרויסע הילצערנע קלומפעס און פון פאָרנט א גרויסן בלויען פארטוך. איר אויסגעדאַרט פנים, איינגעפאַסט אין אן אומבאַזוימטן טשעפטשיק, איז געווען באַדעקט מיט קנייטשן, ווי א פאַרלעגענער עפל, און די אַרבל פון איר רויטן קאַפטאַן זענען אראָפּגעפאַלן אויף אירע לאַנגע ביינערנע הענט. דער שטויב פון שייער, דער לויג פון וועש און דאָס פעטס פון שעפּסן־וואָל האָבן איבערגעלאָזט אויף זיי אַזעלכע שפּורן, שפּאַלטן און פלעקן, אַז זיי האָבן אויסגעזען, ווי פאַרשמוצטע, הגם זיי זענען גוט געווען דורכגעשווענקט מיט ריין וואסער; פון לאַנגער אַרבעט זענען זיי פאַרבליבן האַלב־אָפן, פונקט ווי זיי וואָלטן הכנעהדיק עדות געזאגט אויף אומענדלעכע יסורים. עפּעס א מין קלויסטער־שטרענגקייט איז געלעגן אויף איר פנים. קיין שום אומעט און קיין שום צאַרטקייט האָט נישט ווייכער געמאַכט איר אויסגעמאַטערטן אויסדרוק. פונם שטענדיקן פאַרקער מיט די קי האָט זי איבערגענומען זייער שטומע הכנעה. צום ערשטן מאָל איז זי אַריינגעפאַלן אין אזא גרויסע קאָמפּאַניע; און אַן איבערגעשראָקענע פאַר די פאָנען און פויקן און פאַר די הערן אין שוואַרצע פראַקן און פאַר דעם ראַטמאַנס קרייץ, איז זי געבליבן שטיין אומבאַוועגלעך און נישט געוווסט, צי זי זאָל גיין פאָרויס, צי זי זאָל גאָר מאַכן פליטה, נישט פאַרשטייענדיק, פאַרוואָס דער המון שטופּט איר פאָרויס און די הערן לאַכן צו איר. אַזוי איז זי געשטאַנען פאַר די זאַטע בורזשויען דידאָזיקע שקלאַפעריי פון אַ האַלבן דור.

— גייט צו נענטער, חשובע קאַטערין־ניקעס־עליזאַבעט־

לערו! — האָט דער ראַטמאַן געזאָגט און גענומען פונם פּאָר־זיצערס האַנט די ליסטע פון די אויסצייכענונגען.

ער האָט אַ קוק געטאָן דאָ אויפן שטיקל פּאַפּיר און דאָ אויף דער זקנה און זיך אָנגערופן מיט אַ פּאָטערלעכן טאָן:

— גייט צו נענטער, נענטער!

— זענט איר דען טויב? — האָט טיוואַש אַ פרעג געטאָן און אונטערגעשפּרונגען אויפן פּאָטעל.

ער האָט אָנגעהייבן צו שרייען איר אין אויער אַריין.

— פינפאונפופציק יאָר דינסט! אַ זילבערנער מעדאַל! פינפאונצוואַנציק פראַנק! דאָס איז פאַר אייך.

נאָכדעם, ווען זי האָט גענומען דעם מעדאַל, האָט זי אים באַטראַכט. אַ שמייכל פון לייטזעליקייט האָט זיך צעגאָסן איבער איר פּנים, און מען האָט געהערט, ווי זי האָט געמורמלט, אַוועקגייענדיק:

— איך וועל עס אַוועקגעבן אונדזער גלח, ער זאָל אָפּ־ריכטן מעסעס פאַר מיינעטוועגן.

— וואָס פאַר אַ פאַנאַטיזם! — האָט דער אַפּטייקער אויסגערופן און זיך אָנגעבויגט צום נאָטאַריוס.

די זיצונג האָט זיך געענדיקט. דער עולם איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען; איצט, ווען אַלע דרשות זענען שוין אָפּגעהאַלטן געוואָרן, איז יעדער איינער אַוועק אויף זיין אָרט. אַלץ האָט זיך ווידער אָנגעהייבן אויפן אַלטן שטייגער: די באַלעבאַטים האָבן זיך געבייזערט אויף זייערע דינער, די דינער האָבן געשלאָגן די הויז־חיות, — אָט דידאָזיקע גלייכגילטיקע טריומפאַטאָרן, וועלכע האָבן זיך אומגעקערט אין שטאַל מיט גרינע קראַנצן צווישן די הערנער.

די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע איז ביני־לביני אַרויף אויפן ערשטן שטאָק פון מאַגיסטראַט מיט בולקעלעך אויף זייערע באַגנעטן, און דער פויקער האָט געטראָגן אַ גאַנצע קאָרב מיט פלעשער. מאַדאַם באָוואַרי האָט גענומען ראָדאָלפן אונטערן אָרעם; ער האָט זי געפירט אַהיים; זיי האָבן זיך

צעזעגנט פאַר דער טיר; נאָכדעם האָט ער זיך אַליין דורכגעשפּאַצירט איבער דער לאָנקע, וואַרטנדיק אויפן באַנקעט.

דער באַנקעט האָט זיך זייער לאַנג פאַרצויגן. עס איז געווען זייער רוישיק. דער טיש איז געווען שלעכט סערווירט. א געדיכטע ענגשאַפט האָט אַלעמען איינגעשלאָסן, מען האָט זיך נישט געקענט באַוועגן מיט די עלנבויגנס, און די שמאָלע ברעטער, וועלכע האָבן געדינט פאַר בענק, האָבן זיך געבראָכן אונטער דער משא פון די געסט. מען האָט אָבער געגעסן אויף חאָס די וועלט שטייט. יעדערער האָט זיך באַמיט אַריינצופּאַקן אין זיך דעם חלק. א שווייס האָט פון אַלעמען געגאָסן. און פונקט ווי א נעפּל איבער אַ טייך אין האַרבסט-באַגינען, אַזוי האָט אַ ווייסלעכער דאַמף אַרומגעשוועבט איבערן טיש, צווישן די הענגענדיקע לאָמפּן. ראָדאָלף, אָנגעלענט מיטן רוקן אויף דעם געצעלט, האָט זיך אַזוי פאַרזונקען אין רעיונות חעגן עמען, אַז ער האָט גאָרנישט געהערט, וואָס ס'טוט זיך אַרום אים. הינטער אים, אויפן גראָז האָבן די דינער אַראָפּגעלייגט די שמוציקע טעלער; די שכנים האָבן גערעדט צו אים, אָבער ער האָט זיי נישט געענטפערט; מען האָט אים אָנגעגאָסן אַ גלאָז וויין, אָבער אין זיינע רעיונות, נישט געקוקט אויף דעם אַרומיקן גערויש, איז געווען שטיל. ער האָט געטראַכט פון אירע ווערטער און פונם פאַרב פון אירע ליפּן; איר פּנים האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין די בלעכענע העלמס, ווי אין פאַרכשופטע שפּיגלען. די פאַלדן פון איר קלייד האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט לענגאויס דער וואַנט, און לאַנגע טעג כו ליבע האָבן זיך אַנטפּלעקט פאַר אים אין דער פּערספּעקטיווע פון דער צוקונפט.

אין אָוונט, ביים פייערווערק, האָט ער זי ווידער געזען; אָבער זי איז געווען מיט איר מאַן, מיט מאַדאַם אָמע און מיטן אַפּטייקער, וועלכער האָט זיך שטאַרק באַאומרויקט פון די ראַקעטן; ווייל ער פלעגט ער פאַרלאָזן די קאָמפּאַניע און צוגיין צו בינען, מיט וועלכן ער האָט זיך שואל עצה געווען.

די פייערווערק-רערלעך, וועלכע זענען צוגעשיקט גע-

וואָרן אויף טיוויאשעס נאָמען, האָט מען פון זיכערקייט וועגן, פאַרשלאָסן אין קעלער; דער פייכטער פולווער האָט זיך נישט געוואָלט אָנצינדן, און דאָס הויפּט־רעדל, וואָס האָט מיט זיך געדאַרפט פאָרשטעלן אַ דראַכם, וואָס בייסט זיך דעם ווידל, איז אינגאַנצן נישט געלונגען. פון צייט צו צייט פלעגט אויס־שיסן עפּעס אַ רוימיש ליכטל; דעמאָלט פלעגט זיך דערהייבן אַ געשריי פון המון, אויסגעמישט מיט גוואַלדן פון פרויען, וועלכע מען האָט געקיצלט אינדערפינסטער. עמע האָט זיך שווייגנדיק צוגעבויגן צו שאַרלס אַקסל, און מיט אַן אויפגע־הייבענער גאָמבע באַטראַכט אויפן שוואַרצן הימל די פייער־דיקע פעדעם פון די ראַקעטן. ראָדאָלף האָט איר אָנגעקוקט ביים ליכט פון די אָנגעצונדענע לעמפּלעך.

ביסלעכווייז זענען זיי אויסגעלאָשן געוואָרן. שטערן האָבן זיך אָנגעצונדן אין הימל, עטלעכע רעגן־טראָפּנס זענען אַראָפּ־געפאַלן. זי האָט אַרויפגעוואָרפן אַ טיכל אויפן קאָפּ.

אין דעם מאָמענט איז די קאַרעטע מיטן ראַטמאַן אַרויס־געפאָרן פון דעם אַכסניה־הויפל. דער קוטשער איז געווען שיכור און האָט תּיכּף איינגעדרעמלט. צווישן די צוויי לאַמטערנעס פון דער קאַרעטע האָט מען פונדערווייטנס געזען זיין מאַסיוון קערפּער, וואָס האָט זיך געוואַקלט פון רעכטס אויף לינקס, לויט דער באַוועגונג פון די רעסאָרן.

— כלעבן, — האָט דער אַפּטייקער געזאָגט, — מען וואָלט געדאַרפט אָננעמען שטרענגע מיטלען קעגן שיכּרות! איך וואָלט געוואָלט, אַז יעדע וואָך זאָל מען ביי דער טיר פון מאַגיסטראַט אַרויסהענגען אַ רשימה מיט די נעמען פון יענע לייט, וועלכע האָבן במשך פון דער וואָך זיך גוט אָנגע־שיכּורט. איבעריקנס, וואָלט עס אויך געווען זייער וויכטיק פאַר דער סטאַטיסטיק, מחמת מיר וואָלטן באַקומען ציפערן, וועלכע זענען נייטיק פאַר געוויסע אינפאָרמאַציעס... אָבער אַנטשולדיקט.

און ער איז ווידער צוגעלאָפן צום קאַפּיטאַן.

יענער איז געגאַנגען אַהיים. ער האָט געהאַט בדעה אַ קוק צו טאָן אויף זיין טאָקאַר־מאַשין.

— אפשר וואָלט איר באַוויליקט צוצושיקן עמעצן פון אייערע לייט, — האָט אָמע געזאָגט, — אָדער אַליין צוגיין...

— לאָזט מיך צורו! — האָט דער שטייער-באַאַמטער גע-ענטפערט. — ס'איז דאָך גאָרנישט!

— באַרויקט אייך, — האָט דער אפטייקער געזאָגט, צו-גייענדיק צו זיינע פריינט. — מסיע בינע האָט מיר פאַרזיכערט, אַז אַלע מיטלען זענען אָנגענומען געוואָרן. קיין פונקט וועט נישט אַראָפּפאַלן. די פּאָמפּעס זענען פול מיט וואַסער. קומט שלאָפן.

ס'וואָלט שוין לאַנג צייט געווען! — האָט מאַדאַם אָמע געזאָגט און האָט בעת מעשה שטאַרק געגענעצט. — אונדזער יום-טוב איז דאָך אויסגעפאַלן אין א שיינעם טאָג.

ראָדאָלף האָט איבערגעחזרט אינדערשטיל, מיט א צאַרטן בליק:

— אָך! יאָ, זייער שיין!

מען האָט זיך צעזעגנט און יעדער איז אַוועק זיין וועג. אין צוויי טעג אַרום האָט זיך אין „רואַנער ליכט" באַ-וויזן אַן אַרטיקל, געווידמעט דעם צוזאַמענפאָר. אָמע האָט אָנ-געשריבן דעמדאָזיקן אַרטיקל באַלד אויף צומאָרגנס, ווען ער איז נאָך געווען שטאַרק באַגייסטערט.

„צו וואָס די פאָנען, די בלומען, די קרענץ? וווּהין האָט זיך געטראָגן דערדאָזיקער עולם, פונקט ווי די כוואַליעס פון א צעבושעוועטן ים אונטער די שטראָמען פון דער טראָפּישער זון, וואָס פאַרשפרייט איר היץ אויף אונדזערע פעלדער?"

נאָכדעם האָט ער גערעדט וועגן דער לאַגע פון די פויערים. אמת טאַקע, די רעגירונג טוט א סך, אָבער דאָך נישט אַלץ! „מוט!" — האָט ער צו דער רעגירונג געשריען. — טויזנטער רעפאָרמען זענען נויטווענדיק, לאָמיר זיי פאַרווירקלעכן". ווייטער, דערמאָנענדיק דעם באַזוך פון ראַטמאַן, האָט ער אָבער נישט פאַרגעסן צו דערמאָנען „וועגן דער דרייסטער האַלטונג פון אונ-דזער מיליץ", „וועגן אונדזערע שיינע דאָרפס-מיידלעך" און וועגן די פּליכעוואַטע זקנים, וועלכע זענען געווען אויפן יום-טוב, —

„דידאָזיקע פּאַטריאַרכן, די שיריים פון אונדזערע אומשטערבלעכע פּאַלאַנגעס, האָבן איצט דערפילט, ווי עס קלאַפּן זייערע הערצער ביי דעם הילכן פון די פּויקן". וועגן זיך האָט ער געשריבן, אַז ער איז געווען דער ערשטער אויפן צעטל פון דער זשורי; און ער האָט אפילו דערמאַנט אין אַ באַמערקונג, אַז דער אַפּ־טייקער אָמע האָט צוגעשיקט צו דער אַגראַר-געזעלשאַפט אַ באַריכט וועגן עפּל־וויין. ביים דערמאָנען די צעטיילונג פון די אויסצייכענונגען, האָט ער מיט זיסער מליצה געשילדערט די שמחה פון די יעניקע, וואָס האָבן באַקומען דידאָזיקע אויס־צייכענונגען: אַ טאַטע האָט געקושט אַ זון, אַ ברודער אַ ברודער, אַ מאַן — דאָס ווייב. נישט איינער האָט מיט גאווה באַוויזן זיין באַשיידענעם מעדאַל, און קומענדיק צו זיך אַהיים, צו דער גוטער באַלעבאָסטע, וועט אים, בלי ספק, יעדער איינער אויפהענגען אויף דער אָרעמער וואַנט פון זיין כאַטקע.

„זעקס אַזייגער אינאָוונט האָט מען געפּראַוועט אַ באַנקעט אויף די לאַנקעס פון הער ליעזשאַר, וועלכער האָט פאַרייניקט די הויפּט-אַנטיילנעמער פון דעמדאָזיקן יום־טוב. אַן אויסערגע־וויינלעכע האַרציקייט האָט דאָרט געהערשט. ס׳זענען געהאַלטן געוואָרן פאַרשידענע טאָסטן: מסיע ליעוון פאַרן מאָנאַרך; מסיע טיוואַש פאַרן געזונט פון פּרעפעקט; מסיע דע־ראָזערע פאַר דער אַנטוויקלונג פון ערדאַרבעט; מסיע אָמע פאַר דער אינ־דוסטריע און פאַר דער שיינער קונסט — די צוויי שוועסטער פון איין מאַמען; מסיע לעפּלישע פאַר דער מיסט-אויסבעסערונג. אינאָוונט האָבן שיינע ראַקעטן באַלויכטן די לופט. ס׳איז געווען אַן אמתער קאַליידאסקאָפּ, עפּעס אַן אמתע אָפּערע־דעקאָראַציע, און אין דידאָזיקע מינוטן האָט אונדזער שטעטל זיך אוודאי גע־קענט שפּירן, ווי עס וואָלט איבערגעטראָגן געוואָרן אין די פּישופדיקע חלומות פון „טויזנט און איין נאַכט".

„כדאי צו באַמערקן, אַז קיין שום שלעכטער פאַל האָט נישט געשטערט אונדזער פאַמיליען־יום־טוב".

צולעצט האָט אָמע נאָך מוסיף געווען:

ס׳האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן דאָס פעלן פון די

גייסטלעכע. די גלחים פאַרשטייען מסתמא דעם פּראָגרעס אויף אַ גאַנץ אַנדער אופן. זאָל אייך ווויל באַקומען, ברידער לאַיאָלא! *)

IX

זעקס וואָכן זענען אוועקגעפלויגן. ראָדאָלף האָט זיך נישט באוויזן — איינמאָל, אינאָוונט איז ער דאָך געקומען.

— מען דאַרף נישט לויפן צו איר. דאָס וואָלט געווען א גרויסע נארישקייט.

אַזוי האָט ער זיך געזאגט נאָכן צוזאַמענפאָר.

סוף וואָך האָט ער זיך אוועקגעלאָזט אויף יאַגד. נאָכן יאַגד האָט ער געטראַכט, אַז ס'איז שוין צו שפּעט. דאָך האָט ער צו זיך געזאָגט:

— אויב זי האָט מיך פון ערשטן טאָג אָן ליב געקראָגן, דאַרף זיך איצט, נאָך אַזאַ לאַנגער צעשיידונג, פאַרשטאַרקן איר ליבע צו מיר! מען דאַרף פאָרזיכטיק אַרבעטן!

און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זיין חשבון איז אַ ריכטיקער, ווען ער איז אריין אין זאַל און האָט דערזען, ווי עמע איז בלאַס געוואָרן.

זי איז געווען אַליין. עס איז צוגעפאַלן דער אָוונט. די קליינע מוסלינענע פאַרהאַנגען, אַראָפּגעלאָזט אויף די פענסטער האָבן נאָך פאַרשטאַרקט די טונקלקייט, און דאָס גאָלד פון באַראָמעטער, אויף וועלכן ס'איז געפאַלן דער לעצטער זון=שטראַל, האָט זיך אָפּגעשלאָגן אין שפּיגל צווישן די שפּאַלטן פון קאַקטוס.

ראָדאָלף איז געשטאַנען; עמע האָט קוים געקענט ענטפערן אויף זיין ערשטער באַגריסונג.

---

*) לאַיאָלא: דער גרינדער פון די יעזואיטן.

— איך, בין געווען באַשעפּטיקט. — האָט ער געזאָגט. — און איך בין אויך געווען קראַנק.

— ערנסט? — האָט זי געפרעגט.

— ניין, — האָט ראָדאָלף זיך אָנגערופן און זיך צוגע־זעצט לעבן איר אויף אַ טאַבורעט. — ניין, נישט ערנסט!... און איך האָב נישט געוואָלט קומען צו אייך.

— פאַרוואָס?

— איר שטויסט אייך נישט אָן?

ער האָט איר אַ קוק געטאָן נאָכאַמאָל, אָבער אַזוי טיף, אַז זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, אַ פאַרשעמטע. ער האָט געזאָגט:

— עמע...

— מסיע! — האָט זי געזאָגט און זיך עטוואָס אָפּגערוקט פון אים.

— אך! איר זעט גאַנץ גוט, אַז איך האָב שוין מער אַהער נישט געוואָלט קומען, — האָט ער זיך פיינלעך אָנגע־רופן. — איר דערלויבט מיר נישט אָנצורופן דעם נאָמען, וואָס פילט אָן מיין נשמה, וואָס רייסט זיך מיר טיילמאָל ארויס! מאַדאַם באָווערי! אַלע רופן דאָך אייך אַזוי!... דאָס איז דאָך אָבער נישט אייער נאָמען. דאָך איז דאָך אַ נאָמען פון אַן אנדערן!

ער האָט ווידעראַמאָל געזאָגט:

— פון אַן אַנדערן!

און האָט זיך פאַרדעקט דאָס פנים מיט די הענט.

— יאָ, איך טראַכט כסדר וועגן אייך!.. די ערינערונ־גען וועגן אייך דערפירן מיך צו פאַרצווייפלונג! אך! אַנטשול־דיקט!.. איך גיי אַוועק... אַדיע?... איך גיי אַוועק ווייט... אַזוי ווייט, אַז איר וועט מער נישט הערן פון מיר!... און דאָך... היינט... ווייס איך נישט, וואָסער כוח האָט מיך געבראַכט אַהער! אך, ס'איז שווער זיך צו ראַנגלען מיטן הימל און ס'איז שווער בייצושטיין אַ שמייכל פון אַ מלאך! און מען מוז

זיך לאָזן פאַרפירן דורך דעם, וואָס ס'איז שיין, וואָס פאַר־ביזשופט, וואָס איז געטלעך!

דאָס ערשטע מאָל אין לעבן האָט עמע געהערט אַזעלכע ווערטער; און איר שטאָלץ האָט זיך געשמאָלצן אונטערן פייער פון דידאַזיקע ווערטער, זיך צעפּאַרעט, ווי אין אַ הייסער וואַנע.

— אָבער אויב איך בין נישט געקומען, — האָט ער ווייטער געזאָגט, — אויב איך האָב אייך נישט געקענט זען, האָב איך מיך, לפּחות, צוגעקוקט צו אַלץ, וואָס רינגלט אייך אַרום. ביינאַכט, אַלע נאַכט האָב איך מיך אויפגעהייבן און געקומען אַהער; איך האָב געקוקט אויף אייער שטוב, אויף אייער דאַך, וואָס איז געווען באַגאָסן מיט לבנה־ליכט, אויף די ביימער פון גאָרטן, וואָס האָבן זיך געשאָקלט אונטער אייער פענסטער און אויפן קליינעם לעמפּעלע, וואָס זיין פלעמל האָט אַדורכגעשניטן די שויבן אין דער פינסטערער נאַכט אַריין... אַך, און איר האָט נישט געוווסט, אַז דאָ אַזוי נאָענט און אַזוי ווייט פון אייך שטייט אַן אומגליקלעכער מענטש.

זי האָט זיך אָנגעבויגן צו אים מיט אַ געוויין.

— אַך! איר זייט זייער גוט! — האָט זי געזאָגט.

— ניין, איך האָב אייך ליב, און דאָס איז אַלץ! איר וואָלט נאָר נישט צווייפלען דערין! זאָגט מיר איין וואָרט, בלויז איין וואָרט!

און ראָדאָלף האָט זיך אומבאַוועגלעך אַראָפּגעגליטשט פון טאַבורעט אויף דער ערד; אָבער אין קיך האָט זיך דער־הערט אַ גערויש פון קלומפּעס, און ער האָט באַמערקט, אַז די טיר פון זאַל איז נישט צוגעמאַכט.

— ווי גוט איר וואָלט געווען, — האָט ער געזאָגט און זיך אויפגעהייבן, — ווען איר וואָלט פאַרווירקלעכט איינעם פון מיינע חלומות.

ער האָט געוואָלט באַקוקן איר הויז; ער האָט זיך געוואָלט מיט אַלץ באַקענען; מאַדאַם באָוואַרי האָט דערין קיין שום בייז נישט געזען; זיי האָבן זיך ביידע אויפגעהייבן. מיטאַמאָל איז אָבער שאַרל אַריין.

וואָס מאַכט איר, דאָקטאָר, — האָט ראָדאָלף געזאָגט.
שאַרלען האָט געשמייכלט דערדאָזיקער טיטל, און ער האָט זיך צעגאָסן אין העפלעכקייטן, וואָס האָבן באַלד באַרויקט ראָדאָלפן.
— מאַדאַם באָוואַרי האָט גערעדט וועגן איר געזונט...
שאַרל האָט אים איבערגעריסן: ער איז שטאַרק באַאומרויקט וועגן איר געזונט. איר שוואַכע אָפּאָטעמען לאָזט זיך ווידער הערן. דעמאָלט האָט ראָדאָלף אַ פרעג געטאָן, צי וואָלט זי נישט באַדאַרפט זיך אַ ביסל דורכרייטן.
— זיכער! אויסגעצייכנט!.. אַ פיינער געדאַנק! דו דאַרפסט עס אומבאַדינגט.
זי האָט אָבער געזאָגט, אַז זי האָט נישט קיין פערד, און ראָדאָלף האָט איר פאָרגעלייגט זיינס; זי האָט זיך אָפּגעזאָגט; כדי צו באַרעכטיקן זיין וויזיט, האָט ער אויסגעטראַכט, אַז זיין קוטשער, טאַקע דערזעלבער פויער, וואָס האָט זיך געלאָזט בלוט, באַקלאָגט זיך נאָך אַלץ אויף קאָפּווייטיק.
— נו, איך וועל קומען צו אייך, — האָט באָוואַרי געזאָגט.
— ניין, ניין, ער וועט שוין אַליין קומען אַהער, אָדער מיר וועלן קומען צוזאַמען. פאַר אייך וועט עס זיין באַקוועמער.
— אָך, זייער גוט. איך דאַנק אייך.
פאַרבליבן אַליין מיט דעם ווייב, האָט ער זי געפרעגט:
— פאַרוואָס נעמסטו נישט אָן מסיע בולאַנזשעס פאָרשלאַג, וואָס איז אַזוי סימפּאַטיש?
זי האָט געמאַכט אַן אומצופרידענע מינע. זי האָט אויסגעזוכט טויזנטער תירוצים און צולעצט האָט זי דערקלערט, אַז ס'וועט אויסזען זייער קאָמיש.
— אָך! איך לאַך מיך אויס דערפון! — האָט שאַרל אויסגערופן און זיך אַ דריי געטאָן אויפן אָפּצאַס. — דאָס געזונט איז אויפן ערשטן פּלאַן דו ביזט נישט גערעכט.

— און ווי אַזוי ווילסטו איך זאָל רייטן, אַז איך האָב נישט קיין אַמאַזאָנקע ?

— דאַרף מען באַשטעלן ! — האָט ער געענטפערט.

די אַמאַזאָנקע האָט שוין געפעלט ביי איר.

ווען דער קאָסטיום איז פאַרטיק געוואָרן, האָט שאַרל אָנגעשריבן צום מסיע בולאַנזשע, אַז זיין ווייב וואָלט זיך געוואָלט אַדורכרייטן און אַז ער האָפט אויף זיין העפלעכקייט.

צומאָרגנס, מיטאָגצייט, איז ראָדאָלף צוגעפאָרן מיט צוויי רייט־פערד צו שאַרלס הויז. איינס פון זיי האָט געטראָגן רויטע פּאָמפּאָנעס אויף די אויערן און אַ דאַמען-זאָטל פון זאַמש.

ראָדאָלף האָט געטראָגן גרויסע ווייכע שטיוול, און בעת מעשה איז אים איינגעפאַלן, אַז זי האָט מסתמא קיינמאָל אין איר לעבן נישט געזען אַזעלכע שטיוול. און באמת, עמע איז געווען אַנטציקט פון זיין פיגור, ווען ער האָט זיך באַוויזן אויפן שוועל פון פאָדער-צימער אין אַ לאַנגן סאַמעטענעם פראַק מיט ווייסע טריקאָטענע הויזן. זי איז געווען גרייט און האָט בלויז געוואַרט אויף אים.

זשיסטען איז אַרויסגעלאָפן פון אַפטייק, כּדי צו כאַפּן אַ קוק אויף איר; אָמע, ווידער, האָט זיך שטאַרק באַאומרויקט. ער האָט איינגעטענהט מיט ראָדאָלפן:

— איך בעט אייך, פעלט עפעס א סך, חלילה, ס'זאָל געשען אַן אומגליק! גיט שטאַרק אַכטונג! אייערע פערד זענען אפשר צו היציק.

זי האָט דערהערט אַ גערויש איבערן קאָפּ; דאָס האָט פעליסיטע געפּויקט אין די שויבן, צו ווייזן דער קליינער בערטען. דאָס קינד האָט פונדערווייטנס געשיקט לופט-קושן; איר מוטער האָט געענטפערט מיטן הענטל פונם ביטשל.

אַפריי לעכן שפּאַציר! — האָט אָמע געשריען. — אָבער געדענקט, פאָרזיכטיק!

און ער האָט געפאָכעט מיט אַ צייטונג, זיך צוקוקנדיק, ווי זיי דערווייטערן זיך.

דערפילט ווייכע ערד, האָט זיך עמעס פערד אוועקגעלאָזט
אין אַ גאַלאָפּ. ראָדאָלף האָט גאַלאָפּירט לעבן איר. פון צייט
צו צייט האָבן זיי זיך אַדורכגעוואָרפן מיט אַ פּאָר ווערטער.
דעם קאָפּ עטוואָס אָנגעבויגן, די האַנט אויפגעהייבן אינדער־
הויך, האָט זי אונטערגעטאַנצט אויפן זאָטל, אין טאַקט מיט
דער באַוועגונג פון פערד.

צופוסנס פון בארג האָט ראָדאָלף פריי געלאָזט דעם צוים
און ביידע פערד זענען אוועקגעשפרונגען; אינדערהויך, אויפן
באַרג, האָבן זיי זיך פּלוצלונג אָפּגעשטעלט, און איר לאַנגער
בלויער שלייער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט.

ס'איז געווען אין די ערשטע טעג פון אָקטאָבער. א
נעפּל איז געהאָנגען אויף די פעלדער. א כמאַרע האָט זיך אויפ־
געהייבן אויפן האָריזאָנט, צווישן די קאָנטורן פון די בערג; זי
האָט זיך געריסן, געצויגן און נאָכדעם אינגאַנצן פאַרשוואונדן.
אַמאָל האָט זיך צווישן די וואָלקנס פאַרגנבעט אַ זון־שטראַל און
האָט באַלויכטן די דעכער פון יאָנוויל, די גערטנער פאַזע טייך,
די הויפן, די מויערן און דעם גלאָקן־טורעם. עמע האָט פאַר־
זשמורעט אַן אויג: זי האָט געוואָלט אויסגעפינען איר הויז. און
קיינמאָל האָט איר אַט דאָס אָרעמע שטעטל, וווּ זי האָט געוווינט,
נישט אויסגעוויזן אַזוי נישטיק, ווי איצט. פון די הויכקייטן, וווּ
זיי זענען געשטאַנען, האָט דער גאַנצער טאָל אויסגעזען, ווי אַן
אומגעהויערע בלאַסע אָזיערע, וועלכע האָט זיך געררויכערט אינ־
דערלופטן. ערטערווייז האָבן זיך מאַסיווע ביימער אויסגעשיילט,
ווי שוואַרצע פעלזן; און די הויכע טאָפּאָלן־שורות, וועלכע האָבן
אַרויסגעשטעקט פון נעפּל, זענען געווען ענלעך צו אַ לאַנגן
ברעג.

ביים רוקן פון בארג, אויפן גראָז, צווישן די סאָסנעס, האָט
אַ טונקל ליכט אָנגעפילט די וואַרעמע לופט. די רויטלעכע ערד,
ענלעך צו טאַבאַק־שטויב, האָט פאַרשטיקט דעם גערויש פון די
טריט; די פערד זענען געגאַנגען טריט ביי טריט און מיט די
שפּיצן פאָדקאָוועס אַוועקגעשליידערט די אַראָפּגעפאַלענע שישקעס.
ראָדאָלף מיט עמען זענען אַרויסגעפאָרן אויפן ברעג פון

יידישע פאלקס ביבליאטעק
זוינדזאר, 814 אירי, איסט
ביי דער י. ל. פרץ-שול

וואַלד. עפּטער פלעגט זי זיך אויסדרייען, כּדי אויסצומיידן זיין בּליק, און דעמאָלט האָט זי בּלויז געזען גלייכע רייען סאָסנע־שטאַמען, וואָס האָבּן איר געפינטלט אין די אויגן. די פערד האָבּן געסאָפּעט. דאָס לעדער פון די זאָטלען האָט געסקריפּעט.

ווען זיי זענען אַריינגעפאָרן אין וואַלד, האָט זיך באוויזן די זון.

— גאָט שיצט אונדז! — האָט ראָדאָלף געזאָגט.

— איר מיינט אַזוי? — האָט זי אַ פרעג געטאָן.

— פאָרויס, פאָרויס! — האָט ער געענטפערט און אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער צונג.

די פערד זענען אָװעקגעשפּרונגען.

לאַנגע מאַהאָלדער־ביימלעך, וואָס האָבּן זיך געצויגן מיטן וואַלד־שטעגעלע, האָבּן עפּטער פאַרכאַפּט דעם ברעג פון עמעס קלייד. ראָדאָלף האָט אין רעכטן גאַלאָפּ זיך אָנגעבויגן און באַזייטיקט דידאָזיקע צמחים. טיילמאָל האָט ער זיך אַזוי אָנגעבויגן, אַז ער האָט צוגעדריקט זיין קני צו איר פוס. דער הימל איז געווען בּלוי. די בּלעטער האָבּן זיך נישט באַוועגט. גאַנצע שטחים זענען געווען באַדעקט מיט בּליענדיקן ווילד־קרויט; עס האָבּן זיך געצויגן ווינזעס, באַזייט מיט מאַי־בּלימלעך, קליינע ווערדלעך מיט די פאַרבּן: גרוי, ברוין־גרוי אָדער גאָלדיק, לויט די מינים פון די ביימער. גאַנץ אָפט האָט זיך צווישן די קוסטעס געלאָזט הערן אַ קלאַפּן פון פליגלען, אָדער אַ הייזעריקע ווייכע קראַקערייַ פון קראָען, וועלכע זענען אַרויפגעפלויגן אויף די דעמבּעס.

ראָדאָלף און עמע זענען אַראָפּ פון די פערד. ראָדאָלף האָט זיי צוגעבּונדן צו אַ בּוים. זי איז אַוועק פאָרויס אויפן מאָך, צווישן די וואַלד־שטעגלעך.

אָבּער איר לאַנג קלייד האָט איר געשטערט, נישט גע־קוקט דערויף, וואָס זי האָט עס אונטערגעהאַלטן מיט דער האַנט, און, גייענדיק הינטער איר, האָט ראָדאָלף געזען צווישן דעם שוואַרצן קלייד און דעם שוואַרצן פאַנטאָפל די צאַרטע

װײסקײט פון זאָק, וואָס ס׳האָט אין זיינע אויגן אויסגעזען, ווי־א טייל פון איר נאַקעטקייט.

זי האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— איך בין מיד, — האָט זי געזאָגט.

— מער פעלט אייך נישט! — האָט ער געזאָגט. — זענט נאָר עטוואָס מוטיקער!

געמאַכט נאָך אַ הונדערט טריט, האָט זי זיך ווידער אָפּגעשטעלט, און דורך איר בלאָען שלייער, וועלכער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פון איר מענערהוט ביז די לענדן, האָט מען געזען איר פּנים, ווי אַרומגעהילט מיט אַ דורכזיכטיקער בלויקייט.

— וווהין גייען מיר?

ער האָט נישט געענטפערט, זי האט שווער אָפּגעאָטעמט. ראדאלף האט זיך אַרומגעקוקט און בעת מעשה געביסן זיך די וואנסן.

זיי זענען צוגעקומען צו אַ פּלאַץ, וווּ ס׳זענען געלעגן אנגעהאַקטעביימער. זיך אנידערגעזעצט אויף אַ שטאַם פון אַן אָפּגעהאַקטן בוים, האט ראדאלף אָנגעהייבן רעדן פון זיין ליבע צו איר.

תּחילת האט ער זי נישט איבערגעשראָקן מיט דידאזיקע ווערטער. ער איז געווען רויק, ערנסט, פאַרזאָרגט.

עמע האָט אים אויסגעהערט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, אַוועקשאַרנדיקמיטן שפּיץ פון איר שיכל די שטיקלעך צווייגן אויף דער ערד.

צולעצט האָט ער געזאָגט:

— האָבן זיך דען אונדזערע מזלות איצט נישט צונויפגעגאָסן?

— אָך, ניין! — האָט זי געענטפערט. — איר ווייסט גאַנץ גוט. ס׳איז אוממעגלעך.

זי האָט זיך אויפגעהייבן און געמאַכט אַ באַוועגונג אַוועקצוגיין, ער האָט זי אָבער אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט. זי האָט

זיך אָפּגעשטעלט. נאָכדעם זיך צוגעקוקט צו אים מיט עטלעכע רגעס מיט אַ פּאַרליבטן, פייכטן בליק, האָט זי געזאָגט:

— אַך! לאָמיר מער דערפון נישט רעדן... ווו זענען די פערד? מיר וועלן זיך אומקערן.

ראָדאָלף האָט געמאַכט אַ בייזע מינע. זי האָט ווידער־אַמאָל געפרעגט:

— ווו זענען די פערד? ווו זענען די פערד?

עפּעס אַ מאָדנער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זיין פּנים. ער האָט זי אָנגעקוקט מיט שטייענדיקע אויגן, פאַר־דריקט די ציין און זיך צוגערוקט צו איר מיט צעשפּרייטע הענט. זי האָט זיך אָפּגערוקט און געציטערט אויפן גאַנצן לייב. זי האָט געשטאַמלט:

— אָך, איך שרעק מיך פאַר אייך! איר פאַרשאַפט מיר ליידן! לאָמיר פאָרן!

— נו, אויב איר ווילט, — האָט ער געענטפערט און זיך געענדערט אין פּנים.

איצט איז ער געווען אָנשטענדיק, העפלעך, געלאַסן. זי האָט זיך אָנגעלענט אָן זיין אָרעם. זיי זענען געגאַנגען צוריק; ער האָט גערעדט:

— וואָס איז מיט אייך? פאַרוואָס? איך קען עס נישט פאַרשטיין. איר האָט מסתּם אַ טעות? אין מיין נשמה זייט איר פּונקט ווי אַ מאַדאָנע אויף אַ פּיעדעסטאַל, און דער דאָזיקער פּיעדעסטאַל שטייט אויף אַ געוואַלדיקער אומבאַפלעקטער הויכ־קייט. אָבער איך קען אָן אייך נישט לעבן! איך דאַרף האָבן אייערע אויגן, אייער שטימע, אייער וואָרט. זייט מיר אַ פריינט, אַ שוועסטער, אַ מלאך!

און אויסציענדיק די האַנט, האָט ער זי אַרומגעכאַפּט פאַר דער טאַליע. זי האָט זיך געפּרוּווט באַפרייען, אָבער מיט אַ שוואַכער באַוועגונג; און ביידע זענען געגאַנגען, ער — מיט דער האַנט ביי איר טאַליע.

און פּלוצלונג האָבן זיי דערהערט, ווי די פערד צופּן דאָס גראָז.

— אך, נאָך אַ ביסל, — האָט ראָדאָלף געזאָגט. — צו וואָס אַזוי שנעל? — פאַרבלייבט!

ער האָט זי אַוועקגעצויגן ווייטער צו אַ קליינינקער סאַדזעווקע, וווּ די וואַסער-צמחים האָבן אַרויסגעגרינט פון וואַסער. אָפּגעבליטע וואַסער-ליליעס זענען געהאָנגען אויף זייערע שטיינגלעך, זשאַבעס, וואָס האָבן זיך איבערגעשראָקן פאַרן גערויש פון זייערע טריט, האָבן הענדום-פּענדום אַריינגעטאַנצט אין וואַסער אַריין.

— איך טו נישט גוט! איך טו נישט גוט! — האָט זי געזאָגט. — ס'איז זייער נאַריש פון מיין זייט, וואָס איך פאָלג אייך.

— פאַרוואָס?... עמע! עמע!

אַך! ראָדאָלף!... — האָט זי שטיל געענטפערט און זיך אָנגעלענט אויף זיין אַקסל.

די טוך פון איר קלייד האָט זיך עטוואָס געריבן אָן דעם סאַמעט פון זיין פראַק. זי האָט פאַרוואָרפן אַהינטער איר ווייסן האַלדז, וואָס האָט קאָנוווּלסיוו אויפגעציטערט. זי האָט פאַרלוירן דאָס באַוווּסטזיין; אַ פאַרוויינטע, אַ ציטריקע, מיט די הענט פאַרשטעלט דאָס געזיכט, האָט זי זיך אים אָפּגעגעבן.

די אָוונט-שאָטנס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט; די קרומע שטראַלן פון דער זון, וואָס האָבן זיך אַדורכגעריסן דורך די צווייגן, האָבן איר געשטאָכן אין די אויגן. דאָ און דאָרט אויף די בלעטער און אויף דער ערד, האָבן אַרומגעטאַנצט ליכטפלעקן, פּונקט ווי קאָליברי-פייגעלעך וואָלטן, פליענדיק, צעשאָטן זייערע פעדערן. עס איז געווען טויט-שטיל אַרום. עפּעס אַ מין מתיקות האָט אַרויסגעטריפט פון די ביימער; זי האָט געפילט, ווי עס קלאַפּט איר דאָס האַרץ און ווי דאָס בלוט צעגיסט זיך אין אירע אברים, ווי אַ טייך פון מילך. מיטאַמאָל האָט זי דאָרט, הינטערן וואַלד, אויף די ווייטע בערג, דערהערט עפּעס אַן אומבאַשטימטן, צעצויגענעם אויסגעשריי. זי האָט זיך שטיל צוגעהאָרכט, און דאָס אויסגעשריי האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט די לעצטע וויבראַציעס פון אירע אויפגערודערטע נערוון.

ראָדאָלף, מיט אַ ציגאַר צווישן די ציין, האָט צוגערעכט געמאכט דאָס צעריסענע צוימל.

זיי האָבן זיך אומגעקערט קיין יאָנוויל מיט דעמזעלבן וועג. זיי זענען געפאָרן איבער דיזעלבע בלאָטיקע שפורן פון זייערע פערד, זייט ביי זייט, און אָנגעטראָפן אויף דיזעלבע קוסטעס און שטיינער. קיין זאַך האָט זיך אַרום זיי נישט געענדערט; מיט איר האָט אָבער פּאַסירט עפּעס אַזוינס, וואָס איז געווען מער פון דעם, ווי ווען די בערג וואָלטן זיך איבערגערוקט פון זייערע ערטער. ראָדאָלף האָט זיך פון צייט צו צייט איינגעבויגן און געקושט איר האַנט.

זי איז געווען רייצנדיק-שיין אויפן פערד! — הויך, שלאַנק, די קני צוגעבויגן צו דער גריווע און עטוואָס פאַררויטלט פון דער פרישער אָוונטלופט.

גאַלאָפּירנדיק, איז זי אַריינגעפאָרן קיין יאָנוויל.

דער שטעטלשער עולם האט אַרויסגעקוקט דורך די פענסטער.

ביים מיטאָג האָט שאַרל איינגעפונען, אַז זי זעט אויס אויסגעצייכנט. אָבער ווען ער האָט זי אויסגעפרעגט וועגן שפּאַציר, האָט זי זיך געמאַכט נישט הערנדיק. און זי איז געזעסן אומבאַוועגלעך ביי איר טעלער צווישן צוויי ברענענדיקע ליכט.

— עמע! — האָט ער אַ זאָג געטאָן.

— וואָס?

— אט, בין איך היינט בייטאָג געווען ביי מסיע אַלעקסאַנדער. ער האָט אַן אַלטע קליאַטשע, גאָרנישט קיין שלעכטע, אָבער אַ ביסל שוואַך אויף די פיס; מען קען זי קויפן פאַר אַ הונדערט טאָלער...

ער האט מוסיף געווען:

— איך האָב מיר געטראַכט, אַז דיר וועט עס מסתמא זיין אָנגענעם און האָב זי געקויפט... יאָ, געקויפט... צי האָב איך גוט געטאָן? זאָג מיר.

זי האָט אַ שאקל געטאן מיטן קאָפּ אויף יאָ ; שפּעטער, אין אַ פערטל שעה ארום, האט זי א פרעג געטאָן :

— דו גייסט אוועק אינאָווענט?

— יאָ, פאַרוואָס פרעגסטו ?

— אָך ! גאָרנישט, גאָרנישט, מיין פריינט.

און באַלד, ווי זי איז נאָר באַפרייט געוואָרן פון שאַרלען, האָט זי זיך פאַרשלאָסן ביי זיך אין צימער.

צוערשט האָט זי זיך געפילט ווי צעמישט ; זי האָט געזען ביימער, וועגן, גראבנס, ראָדאָלפן ; זי האָט נאָך געפילט זיין האַלדזן און דריקן זי צו זיך, בעת די בלעטער ארום האָבן גע־ציטערט און די ראָרן האָבן געפייפט.

אָבער אַז זי האָט אַ קוק געטאָן אין שפּיגל, איז זי גע־בליבן שטיין אַ פאַרגאפטע. זי האָט נאָך קיינמאָל נישט געהאַט אַזעלכע גרויסע אויגן, אַזעלכע שוואַרצע און טיפע. עפּעס אַ זיסע צאַרטקייט האָט זיך צעשפּרייט איבער איר גאַנצן וועזן און האָט זי פאַרענדערט.

זי האָט זיך אַלץ געזאָגט : „איך האָב אַ געליבטן ! א גע־ליבטן !" און זיך כסדר געקוויקט מיט דעמדאָזיקן געדאַנק, פּונקט ווי זי וואָלט נאָכאַמאָל רייף געוואָרן. סוף כל סוף וועט זי פאַרט געניסן פון דידאָזיקע ליבע־תּענוגים, דעמדאָזיקן גליק־פיבער, אין וועלכן זי האָט זיך שוין לאַנג מיאש געווען. פאַר איר איז אַנטפּלעקט געוואָרן אַ פאַרכישופטע וועלט, וואָס איז איינ־געהילט אין תּאוות, שיכּרות, עקסטאַז ; אַ צאַרט־בלויער תּהום האָט איר אַרומגערינגלט ; דער טורעם פון אירע געפילן האָט אריינ־געשיינט אין אירע רעיונות, און דאָס געוויינלעכע לעבן האָט איר איצט אויסגעוויזן אַזוי ווייט, ערגעץ דאָרט, אינדערנידער, אינדערפינסטער, ביים פונדאַמענט פון דעמדאָזיקן טורעם.

זי האָט זיך דערמאָנט אין די העלדינס פון יענע ביכער, וואָס זי האָט געלייענט, און דער לירישער לעגיאָן פון די אַלע זינדיקע ווייבער האָט זיך צעזונגען אין איר זכּרון מיט די שטימען פון שוועסטער, וואָס האָבן איר ממש פאַרכישופט. זי האָט זיך געשפּירט, ווי אַ לעבעדיקער טייל פון דידאָזיקע וויזיעס,

און האָט איצט פאַרווירקלעכט דעם לאַנגן חלום פון איר יוגנט, מחמת זי האָט זיך תּמיד באַטראַכט פאַר אַ טיפּ פון אַ געליבטע, אַ טיפּ, וואָס האָט אַלעמאָל דערוועקט אין איר גרויס קנאה. חוצדעם, האָט עמע געפילט די באַפרידיקונג פון עפּעס אַ נקמה. האָט זי דען ווייניק געליטן? איצט טריומפירט זי, און די ליבע, וועלכע איז אַזוי לאַנג געווען איינגעצוימט, האָט איצט אַ שפּאַר געטאָן, ווי אַ פריידיקער שטראָם, און זי האָט זיך גע־קוויקט מיט איר ליבע אָן שום געוויסן-אַנגסט, אָן אויפרעגונג, אָן בושה.

צוּמאָרגנס האָט זי איבערגעלעבט נייע פרייד. זיי האָבן זיך איינאַנדער צוגעשוווירן. זי האָט אים דערציילט פון אירע אַנגסטן. ראָדאָלף האָט איר אָבער איבערגעשלאָגן מיט קושן; און זי, קוקנדיק אויף אים מיט האַלב-פאַרמאַכטע אויגן, האָט אים גע־בעטן, ער זאָל זי רופן מיט איר נאָמען און זאָל איר כסדר זאָגן, אַז ער האָט זי ליב. ס'איז געווען אין וואַלד, פּונקט ווי מיט אַ טאָג פריער, אין אַ כאַטקע פון אַ האָלצהעקער. די ווענט זענען געווען פון שטרוי און דער דאַך האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַזוי נידעריק, אַז מען האָט געמוזט זיצן מיט אַראָפּגעבויגענע קעפּ. זיי זענען געזעסן זייט ביי זייט אויף אַ געלעגער פון אויסגע־טריקנטע בלעטער.

פון דעמאָלט אָן האָבן זיי זיך אַלע אָוונט פּינקטלעך אי־בערגעשריבן. עמע פלעגט אַוועקטראָגן אירע בריוועלעך אין עק גאָרטן, לעבן טייך, און זיי אַריינלייגן אין אַ שפּאַלט פון דער טעראַסע. ראָדאָלף, ווידער, פלעגט פּינקטלעך קומען זיי אָפּנעמען און בעת מעשה אַריינלייגן זיינס אַ בריוועלע, וואָס פלעגט אָבער תּמיד זיין צו ווייניק פאַר איר.

איינמאָל, באַגינען, ווען שאַרל איז אַוועקגעפאָרן צו אַ חולה, איז איר פּלוצלונג איינגעפאַלן, אַז זי מוז זען ראָדאָלפן. מען האָט אייגנטלעך געקענט אַוועקלויפן קיין לאַ-הושעט, דאָרט פאַרבלייבן אַ וואָסער גוטע שעה און אומקערן זיך צוריק אין יאָנוויל, ווען אַלע שלאָפן נאָך. דערדאָזיקער געדאַנק האָט זיך אין איר

שטאַרק צעשפּילט. זי איז אַרויסגעלאָפן אויף דער לאָנקע, געלאָפן און געלאָפן און זיך נישט אַרומגעקוקט.

ס'האָט אָנגעהייבן שאַריען אויף טאָג. פונדערווייטנס האָט עמע דערקענט דאָס הויז פון איר געליבטן; אינם בלאַסן ליכט האָט זיך אויסגעשיילט דער פליגער פון הויז, ווי אַ שוואַרצער פלעק.

הינטערן הויף פון דער פערמע איז געשטאַנען עפּעס אַ בנין, און וועלכן ס'האָט זיך אוודאי געפונען זיין וווינונג. זי איז ברייט אַרויף אויף דער שוועל פון דעמדאָזיקן בנין, פּונקט ווי די ווענט וואָלטן זיך פאַנאַנדערגערוקט פאַר איר. גרויסע, גלייכע שטיגן האָבן געפירט צו אַ קאָרידאָר. עמע האָט אַ דריי געטאָן דאָס הענטל פון אַ טיר, און האָט טיף אין צימער מיט־אַמאָל דערזען אַ שלאָפנדיקן מאַנסביל. ס'איז געווען ראָדאָלף. זי האָט אומגערן אויסגעשריען.

— דאָס ביזטו, דאָס ביזטו! — האָט ער אַלץ געחזרט.— ווי אַזוי איז עס דיר איינגעפעלן צו קומען?... אך! דיין קלייד איז פאַרנעצט!

— איך האָב דיך ליב! — האָט זי געזאָגט און מיט די הענט אַרומגעכאַפּט זיין האַלדז.

נאָכדעם, ווי ס'האָט איר איינמאָל געלונגען, האָט זי שוין בסדר, באַגינען, נאָך שאַרלס אַוועקפאָר זיך באַלד אָנגעטאָן, שנעל אויף די שפּיץ פינגער אַראָפּגעלאָפן פון גאַנעק, וואָס האָט געפירט צום טייך.

אָבער ווען דאָס בריקל, וואָס מען האָט אַוועקגעלייגט פאַר די קי, איז אַראָפּגענומען געוואָרן, האָט מען געמוזט גיין לענגאויס די ווענט, וואָס האָבן זיך געצויגן פאַזע טייך. דער ברעג איז געווען אַ גליטשיקער. כדי זי זאָל נישט אומ־פאַלן, האָט זי זיך געמוזט אָנכאַפּן מיט דער האַנט פאַר די פאַר וויאַ־לעטע לעווקאָען. נאָכדעם איז זי געלאָפן איבער צעאַקערטע פעל־דער, ווו זי פלעגט איינזינקען און זיך אויסשמירן מיט בלאָטע די דינע שיכעלעך. דאָס זיידענע טיכל, וואָס זי האָט געטראָגן אויפן קאָפּ, האָט געפלאַטערט פון ווינט. זי האָט זיך גע־

שראָקן פאַר די אָקסן און האָט זיך געלאָזט נאך שטאַרקער לויפן; און אַלעמאָל פלעגט זי קומען אַ פאַרסאַפּעטע, מיט רויטע בעקלעך, אינגאַנצן אָנגעזאַפּט מיטן פרישן ריח פון היי, פון גרינס און פון לופט. אין דערדאָזיקער שעה האָט נאָך ראָדאָלף געשלאָפן. ס'איז געווען ענלעך דערויף, ווי אַ פרי־לינג־פרימאָרגן וואָלט זיך אַריינגעריסן אין זיין צימער.

דורך די געלע פאָרהאַנגען פון זיין פענסטער האָט זיך דורכגעשלאָגן אַ ווייך העל ליכט. פינטלענדיק מיט די אויגן, האָט עמע זיך געזוכט פאָרויס, ווי אַ בלינדע און די טראָפּנס טוי, וואָס האָבן געשפּילט אין אירע האָר, האָבן אויסגעזען, ווי אַן אָרעאָל אַרום איר פּנים. א לאַכנדיקער, האָט זי ראָדאָלף צוגעצויגן צו זיך און צוגעדריקט צום האַרצן.

נאָכדעם פלעגט זי באַטראַכטן זיין צימער, אויפעפענען די שופלאָדן, צוקאַמען זיך מיט זיין קאַם, אַריינקוקן אין זיין ראַזיר־שפּיגל. טיילמאָל פלעגט זי אפילו אַריינגעמען אין מויל די גרויסע ליולקע זיינע, וועלכע איז געלעגן אויפן נאַכט־טישל, צווישן ציטרינען און שטיקלעך צוקער, לעבן אַ קאַ־ראַפקע וואַסער.

אַ גוטע פערטל שעה פלעגט דויערן דאָס געזעגענען זיך. עמע פלעגט וויינען; זי וואָלט קיינמאָל נישט געוואָלט פאַרלאָזן ראָדאָלפן. עפּעס אַ מוראדיקער כּוח, וואָס לאָזט זיך נישט גובר זיין, האָט איר געשטויסן צו אים; און איינמאָל, ביי אַזאַ אומ־געריכטן וויזיט, האָט ער אָנגעברוגזט דאָס פּנים, ווי אַן אומ־צופרידענער.

— וואָס איז מיט דיר? — האָט זי געפרעגט. — דו ביזט נישט געזונט?

צולעצט האָט ער ערנסט אַרויסגעזאָגט, אַז זי פאַרהאַלט זיך נישט גענוג פאָרזיכטיק און אַז זי וועט זיך אוודאי קאָמ־פּראָמעטירן.

X.

ביסלעכווייז איז זי אויך אָנגעזאַפּט געוואָרן מיט ראָ-
דאָלפס אומרויקייט. צוערשט האָט די ליבע זי פאַרשיכורט, אַז
זי האָט נישט געקענט טראַכטן פון זייטיקע זאַכן. אָבער איצט, אַז
זי האָט אָן דער ליבע נישט געקענט מער לעבן, האָט זי מורא
געהאַט צו פאַרלירן דאָס קלענסטע חלקל פון איר; זי האָט
זיך געשראָקן פאַר דער קלענסטער מניעה. אַז זי האָט גע-
שפּאַנט אַהיים פון ראָדאָלפס פערמע, האָט זי זיך כסדר פאַר-
דעכטלעך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן, אַריינגעשטאָכן די
אויגן אין יעדער געשטאַלט, וואָס האָט זיך באַוויזן אויפן האָ-
ריזאָנט און אין יעדן פענסטער פון דאָרף, ווו מען האָט זי
געקענט נאָכקוקן. זי האָט זיך צוגעהאָרכט צו די טריט, צו די
קולות, צו דעם קלאַנג פון אַקער, און איז אַלעמאָל געוואָרן
בלאַס און געציטערט אויפן גאַנצן לייב, ווי די טאָפּאָל-בלע-
טער, וואס האבן געראַשט איבער איר קאָפּ.

און איינמאל, אינדערפרי, בשעת זי האט געשפּאַנט אַהיים,
האט זי באַמערקט אַ לופע פון אַ ביקס, אָנגעצילט גלייך אויף
איר. די ביקס האָט אַרויסגעשטעקט פון הינטער אַ קליין פעסל,
אויף דער העלפט אַריינגעגראָבן אין גראָז, ביים ראַנד פון אַ
גראָבן. עמע האָט שיער נישט געחלשט, אָבער זי איז געגאַנ-
גען פאָרויס; פּלוצלונג איז אַ מענטש אַרויסגעשפּרונגען פונם
פעסל, פונקט ווי יענע מענטשעלעך-שדעלעך, וואָס טאַנצן
פּלוצלונג אַרויס פון קעסטעלעך. ער האָט געטראָגן געטרעס
ביז צו די קני, דאָס היטל אראָפּגערוקט ביז צו די אויגן,
די נאָז רויט און די ליפּן ציטערנדיקע. ס'איז געווען קאַפּיטאַן
בינע, וועלכער האָט געטשאַטעוועט אויף ווילדע קאַטשקעס.

— איר האָט געדאַרפט אַ געשריי טאָן פונדערווייטנס, —
האָט ער אויסגערופן. — אַז מען דערזעט אַ ביקס, טאָר מען
נישט שווייגן.

דער שטייערבאַאמטער האָט זיך באַמיט צו פאַרבאָרגן זיין
שרעק; און געשראָקן האָט ער זיך דערפאַר, ווייל לויט אַ פאַר-

אָרדענונג פון פּרעפעקט, איז דער יאַגד אויף קאַטשקעס דערליבט געוואָרן בלויז מיט אַ שפּיל. נישט געקוקט דערויף, וואָס בינע האט תּמיד געהאַט גרויס דרך־ארץ פאַרן געזעץ, האָט ער דאָך באַגאַנגען אַ פאַרברעכן; אין זיין פּחד האָט זיך אים אַלץ געדאַכט, אַז דער וועכטער גייט. אָבער דער פּחד האָט בלויז פאַרשטאַרקט זיין תּענוג, און זיצנדיק אין פאַס, האָט ער זיך געשמאָלצן פון הנאה און פון זיין כיטרע שפּיצל.

דערזען אָבער עמען, האָט ער פרייער אָפּגעאָטעמט און באַלד פאַרוויקלט אַ שמועס מיט איר.

— ס'איז היינט נישט הייס, ס'בייסט אונטער צו ביסלעך ;,

עמע האָט נישט געענטפערט. ער האָט ווייטער געזאָגט:

— איר זענט עפּעס היינט זייער פרי אַרויסגעגאַנגען...

— יאָ, — האָט זי געשטאַמלט. — איך גיי פון דער אַם, זי האַלט מיין קינד.

— אַך, גוט! אויסגעצייכנט! אַט איך, ווי איר קוקט מיך אָן, זיץ שוין דאָ פון באַגינען אָן; אָבער ס'איז אַזאַ שלעכט וועטער, אַז עס וואָלט שוין...

— אַדיע, מסיע בינע, — האָט זי אים פּלוצלונג איבערגעשלאָגן און זיך אויסגעדרייט פון אים.

— אַדיע, מאַדאַם, — האָט ער איר טרוקן צוגעוואָרפן. און ער איז צוריק אַריין אין פעסל.

עמע האָט אפילו חרטה געהאַט, וואָס זי האָט צו שנעל פאַרלאָזן דעם שטייערבאַאַמטן. ער קען זיך עס אויטייטשן זייער נישט גינסטיק פאַר איר. די מעשה מיט דער אַם איז בכלל אַ נאַרישער תּירוץ, די יאָנווילער איינוווינער ווייסן גאַנץ גוט, אַז די קליינטשיקע באָוואַרי איז שוין אַ גאַנץ יאָר ביי די עלטערן. חוצדעם, וווינט קיינער נישט אין די דאָזיקע מקומות. דער וועג פירט בלויז קיין הושעט; בינע קען אַזוי אַרום זיך אָנשטויסן פון וואַנען זי גייט, און ער וועט אוודאי נישט שווייגן. דאָס איז קלאָר ווי דער טאָג! אַ גאַנצן טאָג

האָט זי זיך געמאַטערט אויסצוגעפינען פאַרשידענע פאַלשע תּירוצים און בעת מעשה איז איר אַלץ געשטאַנען פאַר די אויגן דערדאָזיקער טיפּש מיטן יאַגד־זעקעלע.

נאָכן מיטאָג האָט שאַרל באַמערקט, אַז זי איז עפּעס פאַרדאגהט; ער האָט זי געוואָלט אַ ביסל אויפמונטערן און האָט זי אַוועקגעפירט צום אַפּטייקער. און דער ערשטער מענטש, וואָס איז איר געקומען פאַר די אויגן, איז ווידעראַמאָל געווען בינע! ער איז געשטאַנען פאַרן טישל, אינם ליכט פון רויטן לאָמפּ און האָט געזאָגט:

— גיט מיר, זייט מוחל, א האלבע אונץ וויטריאָל.

— זשיסטען, — האָט דער אַפּטייקער געשריען, — דערלאַנג אַהער אַציד סולפוריקום.

און ער האָט זיך אָנגערופן צו עמען, וואָס האָט געוואָלט אַרויפגיין צו דער מאַדאַם אָמע:

— ניין, איילט אייך נישט, באַאומרויקט אייך נישט, זי וועט דאָ אַראָפּקומען. וואַרעמט אייך אַן דערוויַיל ביים אויוון... אַנטשולדיקט... אַ גוטן אוונט, דאקטאָר! (דער אַפּטייקער האָט ליב געהאט אַרויסצוזאָגן דאָס וואָרט דאקטאָר; עס האָט זיך אפילו באַצויגן צו אַן אנדערן, נישט צו אים, דאָך האָט אים אויסגעוויזן, אַז א טייל פון דעמדאָזיקן גלאַנץ־טיטל ווערט איבערגעגאָסן אויך אויף אים). אָבער גיב אַכטונג, זשיסטען, זאָלסט נישט איבערקערן דעם שטויסל! ברענג אַריין בעסער שטולן פון עס־צימער; דו ווייסט דאָך, אַז מען טאָר נישט נעמען די שטולן פון זאַל.

אָמע האָט פאַרלאָזן זיין אַפּטייק־טישל און איז געלאָפן אַוועקשטעלן זיין פּאָטעל אויפן ריכטיקן אָרט. אין דעם מאָמענט אָבער האט בינע געפאָדערט אַ האַלב אונץ צוקער־זויער.

— צוקער־זויער? — האָט דער אַפּטייקער איבערגעפרעגט מיט פאַראַכטונג. — איך ווייס נישט, וואָס דאָס איז אַזוינס, איך קען עס נישט! אפשר ווילט איר שטשאַוו־זויער? שטשאַוו־זויער, אַיאָ?

בינע האָט דערקלערט, אַז ער דאַרף אַ שאַרף שטאָף,

ווייל ער וויל אַליין צוגרייטן אַ מין „קופּער־וואַסער" אויף צו רייניקן פאַרשידענע יאַגד־מכשירים. עמע האָט אַ ציטער גע־טאָן, דער אַפּטייקער האָט געזאָגט:

— דאָס וועטער איז באמת נישט זייער גינסטיק, ס'איז פייכט...

— און דאָך, — האָט בינע באַמערקט מיט אַ גיפטיק מי־נעלע, — פּאַסן זיך אַנדערע צו צו אַזאַ וועטער...

עמע האָט געפילט, אַז זי ווערט דערשטיקט.

— און איצט גיב מיר...

— ער וועט שוין פונדאַנען נישט אַוועקגיין! — האָט זי געטראַכט.

— אַ האַלבע אונץ סמאָלע און טערפּענטין, פיר אונץ געלן וואַקס און דריי מיט אַ האַלבער אונץ געברענטע לאַקיר, צו פּוצן דעם לאַקיר פון מיין אמוניציע.

בעת דער אַפּטייקער האָט אָנגעהייבן שניידן דעם וואַקס, האָט זיך באַוויזן מאַדאַם אָמע מיט אירמען אויף די הענט; נאַ־פּאָלעאָן איז געגאַנגען לעבן איר און נאַטאַלי פון הינטן. זי האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף דער סאַמעטענער באַנק לעבן פענסטער; דער יינגל איז אַרויפגעקראָכן אויפן טאַבורעט, און דאָס עלטערע שוועסטערל זיינס האָט זיך אַרומגעבאָמבלט לעבן קעסטל מיט די ברוסט־יאַגדעס, וואָס איז געשטאַנען לעבן איר קליינעם פּאַטאַר. מיט די הילף פון לייקעס האָט ער אָנ־געפילט פלעשלעך און זיי גוט פאַרשטעקט, אָנגעקלעפּט עטי־קעטן און איינגעפּאַקט פעקלעך. אַרום אים האָט מען געשוויגן. נאָר פון צייט צו צייט האָט אָפּגעקלונגען דאָס געוויכט אויף דער וואָגשאָל, אָבער דער אַפּטייקער האָט אינדערשטיל געמאַכט אַ באַמערקונג זיין תּלמיד.

— וואָס מאַכט אייער קליינע? — האָט מאַדאַם אָמע געפרעגט.

— שטילער! האָט איר מאַן אַ געשריי געטאָן און עפּעס באַרעכנט אין זיין העפט.

— פאַרוואָס האָט איר זי נישט מיטגענומען? — האָט זי שטיל געפרעגט.

— טסס!... טסס!... — האָט עמע געזאָגט, אָנווייזנדיק מיטן פינגער אויפן אַפּטייקער.

אָבער בינע, וואָס האָט זיך שטאַרק אַריינגעטאָן אין חשבון, האָט מסתּם גאָרנישט געהערט. צולעצט איז ער אַוועק.

פּטור געוואָרן פון אים, האָט עמע טיף אָפּגעאָטעמט.

— ווי שטאַרק איר אָטעמט! — האָט מאַדאַם אָמע זיך אָנגערופן.

— אַך, סאַראַ היץ דאָ איז! — האָט זי געענטפערט.

צומאָרגנס האָט זי געהאַט אַ ישוב הדעת מיט ראָדאָלפן, ווי אַזוי עס זאָלן אויף להבא איינגעאָרדנט ווערן זייערע באַגעגענישן; עמע האָט געוואָלט אונטערקויפן איר דינסט מיט אַ מתּנה; אָבער בעסער וואָלט געווען אויסצוזוכן עפּעס אַ באַשיידן דירהלע אין יאָנוויל. ראָדאָלף האָט געזאָגט, אַז ער וועט שוין אויס־געפינען עפּעס אַזוינס.

אַ גאַנצן ווינטער פלעגט ער אַ דריי, פיר מאָל אַ וואָך, אין די פינסטערע נעכט, קומען צו איר אין גאָרטן. עמע האָט אומישנע פאַרבאַהאַלטן דעם שליסל פונם גאָרטן־טירל און שאַרלען האָט זי געזאָגט, אַז דער שליסל איז פאַרלוירן געוואָרן.

מיט אַ הויפן זאַמד, וואָס ער פלעגט אַ וואָרף טאָן אין אירע לאָדנס, פלעגט ער איר געבן צו וויסן, אַז ער איז גע־קומען. זי פלעגט תּיכּף אויפשפּרינגען; טיילמאָל אָבער פלעגט זי מוזן אָפּוואַרטן, ווייל שאַרל האָט געהאַט אַ טבע אַ ביסל צו פּלוידערן לעבן קאַמין. די צייט האָט זיך פאַר איר דעמאָלט משונה לאַנג געצויגן.

זי פלעגט פאַרלירן דאָס געדולט; ווען אירע אויגן זאָלן קענען, וואָלטן זיי אַרויסגעשפּרונגען דורכן פענסטער. נאָכדעם פלעגט זי זיך נעמען צו איר נאַכט־טואַלעט; שפּעטער פלעגט זי נעמען אַ בוך און זיך פאַרטיפן אין אים, פונקט ווי עס

וואָלט איר שטארק פאראינטערעסירט. אָבער שאַרל, וועלכער
איז שוין געלעגן אין בעט, האָט זי גערופן שלאָפן.

— קום שוין אמאָל, עמע, — פלעגט ער זאָגן, — שוין
צייט.

— שוין, איך גיי! — פלעגט זי ענטפערן.

אָבער אזוי ווי דאָס פלעמל פונם ליכט פלעגט אים שלאָגן אין
די אויגן אריין, פלעגט ער זיך אויסדרייען צו דער וואַנט און
אַנטשלאָפן ווערן. דעמאלט פלעגט זי אַנטלויפן מיט אַן איינ-
געהאַלטענעם אָטעם, שמייכלען, ציטערן פון ליידנשאַפט,
אַן אויסגעטאָנעגע.

ראָדאָלף האָט געהאַט א גרויסן מאנטל; ער פלעגט זי
איינהילן אין אים, און אַרומנעמענדיק זי, פלעגט ער זי שטיל
אַוועקפירן טיף אין גאָרטן.

זיי פלעגן אריין אין דער אַלטאַנע, דאָרט, אויף דערזעל-
בער באַנק פון האַלב צעפוילטע ברעטער, ווו לעאָן האָט אַמאָל,
זומער, אָוונטצייט, אזוי פארליבט געקוקט אויף איר. איצט
האָט זי פון אים לגמרי נישט געטראַכט.

די שטערן האָבן דורכגעשטאָכן די נאַקעטע זשאַסמין-
צווייגן. הינטער דער אַלטאַנע האָבן זיי געהערט דעם גערויש
פונם טייך; עפטער האָט זיך געהערט דאָס קנאַקן פון טרו-
קענע טייך-ראָרן אויפן ברעג. שווארצע מגושמדיקע שאָטנס
האָבן זיך אויסגעשיילט אינדערפינסטער, און טיילמאָל מיט
אַ ציטער זיך פלוצלונג אויסגעצויגן און זיך אויסגעבויגט, פונקט
ווי גיגאַנטישע שווארצע כוואַליעס, וועלכע האָבן זיי אַרומגע-
רינגלט, גרייט איינצושלינגען. די נאַכט-קעלט פלעגט זיי איינ-
טוליען אין איינאַנדער. ס'האָט זיי אויסגעוויזן, אַז זיי אָטעמען
טיפער אָפּ; און די אויגן, וואָס מען האָט קוים געזען אין דער
פינסטער, האָבן אויסגעזען גרעסער. אין דער נאַכט-שטילקייט
האָבן זיך געלאָזט הערן שטילע ווערטער, וואָס זענען אַריינגע-
פאַלן אין זייער נשמה קלאָר, ווי קרישטאַל, און זיך צעגאָסן
דאָרט אין פילפאַכיקע וויבראַציעס.

אין די רעגנדיקע נעכט פלעגן זיי זיך פאַרבאָרגן אין אויפנאַם=צימער, צווישן דער שאַפע און דעם שטאַל. זי פלעגט אָנצינדן אַ קיך=ליכטל, וואָס זי האָט געהאַט ליגן צווישן די ביכער. ראָדאָלף, האָט זיך דאָרט איינגעאָרדנט ווי ביי זיך אינדערהיים. די ביבליאָטעק, דער שרייב=טיש און דער גאַנצער חדר האָט אים געמאַכט עפּעס מאָדנע פריילעך געשטימט. ער האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן אַ ביסל חוזק צו מאַכן פון שאַרלען, וואָס ס'האָט עמען עטוואָס דענערווירט. זי וואָלט אים געוואָלט זען אַ מער ערנסטן און אפילו מער ראָמאַנטיש אין געוויסע פאַלן, אָט ווי איצט, אַ שטייגער, ווען איר דאַכט זיך, אַז זי הערט אויף דער אַלעע אַ גערויש פון טריט, וואָס דערנענטערן זיך.

— מען גייט! — האָט זי געזאָגט.

ער האָט פאַרלאָשן דאָס ליכט.

— דו האָסט דאָ דיינע פּיסטאָלעטן?

— צו וואָס דאַרף איך זיי?

— וואָס הייסט צו וואָס... כדי זיך צו פאַרטיידיקן, — האָט עמע געענטפערט.

— פאַר דיין מאַן? אַ וואַזשנער העלד!

און ראָדאָלף האָט פאַרענדיקט זיין פראַזע מיט אַ תנועה, וואָס האָט געהייסן: „אים וואָלט איך מיט אַ פינגער צעריבן".

זי איז נתפעל געוואָרן פון זיין דרייסטקייט, הגם זי איז דערמיט באַגאַנגען אַן אומטאַקטישקייט און אַפילו אַ נאַיווע גראָבקייט, וואָס ס'האָט זי שטאַרק מצער געווען.

ראָדאָלף האָט אַ סך געטראַכט וועגן דעמדאָזיקן פאַל מיט די פּיסטאָלעטן. אויב זי איז געווען ערנסט, איז עס באמת זייער קאָמיש, האָט ער געטראַכט, און אפשר אויך זייער העסלעך, ווייל ער האָט קיין שום גרונט נישט געהאַט פיינט צו האָבן דעמדאָזיקן בידנעם שאַרל, מחמת אין אים איז אַפילו נישטאָ דאָס, וואָס מען רופט אָן „פאַרצערט פון איפערזוכט"; און אָט מכוח דער איפערזוכט האָט אים עמע געגעבן אַ הייסע

שבועה, וואָס האָט אים אויך געקלונגען נישט זייער איידל און פיין.

איבעריקנס, ווערט זי צו ביסלעך סענטימענטאַל. ער האָט זיך געמוזט טוישן מיט מיניאַטורן, אָפּשניידן זיך האָר צום אָנ־דענק, און איצט האָט זי געפאָדערט אַ רינג, אין אמתן חופּה־פינגערל, וואָס זאָל באַצייכענען זיין אייביקן בונד. צייטנווייז פלעגט זי מיט אים איינמענגהן ווענן אָוונט־גלאָקן, אָדער וועגן קלאַנגען, קולות פון דער נאַטור; נאָכדעם האָט זי מיט אים געשמועסט פון איר מוטער און פון זיין מו־טער. ראָדאָלף האָט זי פארלוירן מיט צוואַנציק יאָר צוריק. עמע האָט אים געטרייסט מיט אַ טרערנדיקער ווייכקייט, פּונקט ווי ער וואָלט געווען אַן עלנטער יתום, און פאַרגלאָצנדיק די אויגן צו דער לבנה, פלעגט זי טיילמאָל אַ זאָג טאָן:

— איך בין זיכער, אַז זיי אַלע דאָרט אויבן זענען צע־פרידן פון אונדזער ליבע.

אָבער עמע איז געווען אַזוי שיין! ביז איצט האָט ער נאָך נישט איבערגעלעבט אַזאַ אויפריכטיקייט פון אַ פרוי! אַזאַ מין ליבע, אָן אויסגעלאַסנקייט, איז פאַר אים בכלל געווען אַ נייס; זי האָט אים אָפּגעוויינט פון זיינע לייכטזיניקע מידות, און האָט גלייכצייטיק געוואַרעמט זיין אייגנליבע און זיינע תאוות. עמעס עקסטאַז, צו וועלכן ער, מיט זיין ניכטערן, בירגערלעכן שכל, האָט זיך באַצויגן מיט פאַראַכטונג, האָט אים אָבער שטאַרק אימפּאָנירט, מחמת דאָס האָט געמיינט זיין פּערזאָן. זיכער, אַז זי ליבט אים, האָט ער זיך אויפגעהערט צו זשענירן און זיינע באַציונגען צו איר האָבן זיך אומבאַמערקט געענדערט.

ער האָט שוין מער נישט גערעדט, ווי אַמאָל, מיט יענע צאַרטע ווערטער, וואָס האָבן ארויסגערופן אין איר טרערן פון זיסער אָפּגעשוואַכטקייט. ער האָט זיך שוין מער נישט געוואָרפן איף איר מיט היץ און מיט פייער, וואָס האָט איר אַזוי צעמישט די קלאָרע רעיונות; די שטאַרקע ליבע, אין וועלכער זי איז געווען פאַרזונקען, האָט איר אויסגעוויזן, ווערט אַלץ קלענער הינטער איר, ווי דאָס וואַסער פון אַ טייך, וואָס זאַפּט זיך איין

אינם זאַמד-גלעגער, און זי האָט דערזען אַ זומפּ; דעמאָלט האָט זי פאַרטאָפּלט אירע לאַסקעס; און ראָדאָלף האָט וואָס ווייטער, אַלץ מער אַרויסגעוויזן זיין גלייכגילטיקייט.

זי האָט נישט געוווּסט, צי זי האָט חרטה, וואָס זי האָט אים נאָכ-געגעבן, אָדער, פאַרקערט, זי וואָלט אים געוואָלט נאָך הייסער האַלדזן און קושן. דאָס פיינלעכע באַוווּסטזיין פון דער אייגענער שוואַכקייט האָט זיך פאַרוואַנדלט אין האַס, אָבער דערדאָזיקער האַס איז געלינדערט געוואָרן דורך די קערפּערלעכע הנאות. דאָס איז שוין נישט געווען קיין ליבע, נאָר אַ כּסדרדיקע פאַרשקלאַ-פונג. זי איז געווען אונטער זיין מאַכט. זי האָט זיך כּמעט ווי געשראָקן פאַר אים.

אויסערלעך זענען זיי איצט געווען רויקער, ווי אַמאָל, אַזוי ווי ראָדאָלפן איז געלונגען צו פירן צו אויסגעלאַסנקייט לויט זיין פאַנטאַזיע, דעריבער האָבן זיי אין אַ האַלב יאָר אַרום, ווען דער פרילינג איז אָנגעקומען, זיך ביידע דערפילט אין דער לאַגע פון אַ פּאָר-פאָלק, וועלכע האָבן רויק אָפּגע-היט דעם פלאַם פון פאַמיליען-לעבן.

ס׳איז געווען פונקט אין דער צייט, ווען דער פאָטער רואָ האָט צוגעשיקט זיין אינדיטשקע, צום אָנדענק פון זיין אויסגעהיילטן פוס. צו דער מתנה פלעגן תּמיד ווערן בייגע-לייגט בריוו. איבערגעשניטן דאָס שטריקל, מיט וועלכן דער בריוו איז געווען צוגעבונדן צום קערבל, האָט זי געלייענט:

„מיינע טייערע קינדער!

איך האָף, אַז דער בריוו וועט אייך טרעפן אין בעסטן געזונט, און אַז די אינדיטשקע וועט נישט זיין ערגער פון יענע; ווייל ס׳דאַכט זיך מיר, אַז זי איז ווייכער, אַזוי צו זאָגן, פעטער, אָבער צוליב אָפּוועקסלונג וועל איך אייך איבעראַיאָר צושיקן אַן אינדיק, אויב איר ווילט נישט בעסער קיין נקבות; און זייט מוחל, שיקט מיר אָפּ דאָס קערבל צוזאַמען מיט די צוויי פריערדיקע. ס׳האָט ביי מיר פּאַסירט אַן אומגליק מיט מיין שאָפּע, ווענעמס דאַך איז אין אַ ווינטיקער נאַכט אַראָפּ-געטראָגן געוואָרן אויף די ביימער! די גערעטעניש איז אויך

נישט ווי ס׳באַדאַרף צו זיין. ענדלעך ווייס איך נישט, ווען איך וועל זיך קענען אויסקלייבן צו אייך. ס׳איז מיר אַזוי שווער איצט צו פאַרלאָזן מיין הויז, זינט איך ווין אַליין, מיין אָרעמע עמע!״

און דאָ האָט ער איבערגעלאָזן אַ גרויסן שטח צווישן די שורות, פונקט ווי דער זקן וואָלט אַוועקגעלייגט די פעדער, כּדי אַ ביסל אַ טראַכט צו טאָן.

„וואָס אַנבעלאַנגט מיר, בין איך געזונט, אַחוץ דעם קאַ־טאַר, וועלכן איך האָב מיט אַ פּאָר טעג צוריק געכאַפּט אויפן יאַריד אין איוועטאָ, וווהין איך בין געפאָרן דינגען אַ פּאַס־טוך, ווייל מיינעם האָב איך אַרויסגעוואָרפן צוליב דעם, וואָס ער איז געווען אַ צו גרויסער אויסקלייבער אין עסן. ס׳אַראַ צרה ס׳איז מיט דידאָזיקע רוצחים! איבעריקנס, איז ער קיין אָרנטלעכער מענטש אויך נישט געווען.

„איך האָב מיך דערוווסט פון אַ הענדלער, וועלכער איז ווינטערצייט פאַרבייגעפאָרן דורך אייערע מקומות און האָט זיך דאָרט געלאָזט אויסרייסן אַ צאָן, אַז באָוואַרי פּראַצעוועט פונקט אַזוי שווער ווי פריער. ס׳איז פאַר מיר גאָר קיין וווּנדער נישט, ער האָט מיר באַוויזן דעם צאָן; מיר האָבן געטרונקען קאַווע צוזאַמען. איך האָב אים געפרעגט, צי ער האָט דיך געזען, האָט ער מיר געזאָגט, אַז ניין, נאָר אַז ער האָט געזען אין שטאַל צוויי סוסים, און דעריבער טראַכט איך, אַז דאָס רעדל דרייט זיך דאָרט ביי אייך. זייער גוט, מיינע טייערע קינדער, זאָל אייך גאָט צושיקן אַלדאָס גוטס.

„ס׳טוט מיר לייד, וואָס איך קען נאָך נישט מיין געליבטן אייניקל, בערטע באָוואַרי. איך האָב פאַר איר איינגעפלאַנצט אין גאָרטן, אונטער דיין פענסטער, אַ געלן פלוימען־בוים, און איך וועל נישט דערלויבן קיינעם זיך צורירן צו זיינע פּירות, ערשט שפּעטער וועל איך פאַר איר אויספּרעגלען קאָנפיטורן, וועלכע איך וועל פאַרבאַהאַלטן אין שאַפע ביז זי וועט קומען.

„זייט געזונט, מיינע טייערע קינדער. איך קוש דיך,

מיין טאָכטער און אויך איך, מיין איידעם, און אויך דער
קליינער איןביידע בעקעלעך.

שיקנדיק איך מיינע בעסטע גרוסן,
פאַרבלייב איך אייער ליבענדיקער פאָטער
„טעאָדאָר רואָ״

עטלעכע מינוט האָט זי געהאַלטן דעם גראָבן פּאַפּיר
אין דער האַנט. אָרטאָגראַפישע גרייזן זענען דאָ געווען
לרוב, און עמע האָט געצויגן דעם פאָדעם פון דעמדאָזיקן צאַרטן
געדאַנק, וועלכער האָט געקוואָקעט ווי אַ הון וואָס איז אַריינ-
געקראָכן צווישן אַ שטעכעדיקן פּלויט. נאָכן שרייבן איז דער
בריוו מסתּם אָפּגעטריקנט געוואָרן מיט אַש, ווייל אַ גרויער שטויב
האָט זיך אַ שאָט געטאָן פונם בריוו אויף איר קלייד, און
פּאַר אירע אויגן איז אויסגעוואַקסן איר טאַטע, וועלכער שטייט
מיט די צוואַנגען איבער דער פּליטע. ווי לאַנג איז זי שוין נישט
געזעסן לעבן אים אויף אַ באַנק ביים קאַמין, אָנברענענדיק
דעם שפּיץ פון אַ לאַנגן שטעקן אינם רויטן פלאַם פון ים-
שטעקעלעך, וואָס האָבן געטראַסקעט!... זי האָט זיך דערמאָנט
אין די זומערדיקע אָוונטן, פאַרטרונקען פון דער זון. די
זשערעבקעלעך האָבן געהירזשעט, בעת מען פלעגט לעבן זיי
פאַרבייגיין; זיי פלעגן שפּרינגען און טאַנצן... אונטער איר
פענסטער איז געשטאַנען אַ בינשטאָק, און צייטנווייז, ווען די
בינען פלעגן זיך דרייען צווישן די שטראַלן פון דער זון,
פלעגן זיי זיך אָנקלאַפּן אין די שויבן, ווי שפּרינגענדיקע
גאָלדענע קייקעלעך. ס׳אַראַ גליקלעכע צייט דעמאָלט איז
געווען! ס׳אַראַ פרייהייט! ס׳אַראַ האָפענונגען! אַ תּהום פון אי-
לוזיעס! איצט איז דערפון גאָרנישט געבליבן! אַלץ איז אויס-
געוועבט געוואָרן ביי די פאַרשידענע פּאַסירונגען פון איר
נשמה, ביי די פאַרשידענע באַדינגונגען פון איר לעבן: אין
אירע מיידלשע יאָרן, ביי דער חתונה און בעת איר ליבע, —
אַלץ האָט זי פאַרלוירן נאָכאַנאַנד, אינם משך פון איר לעבן,
ווי אַ רייזנדער, וואָס לאָזט איבער אַ טייל פון זיין פאַרמעגן
אין פאַרשידענע אכסניהס אויפן וועג.

אָבער פאַרוואָס איז זי איצט אַזוי אומגליקלעך? וואָסער־אויסערגעוויינלעכע קאַטאַסטראָפע האָט זי אַזוי צעטריישלט? און זי האָט אויפגעהייבן דעם קאָפּ, קוקנדיק אַרום זיך, פּונקט ווי זי וואָלט געזוכט די סיבה פון אירע ליידן.

אַ שטראַל פון דער אַפּריל־זון האָט זיך געשפּילט אויף דעם פּאָרצעליי פון דער טעאַזשערקע; אונטער אירע פאַנטאָפל האָט זי געפילט די ווייכקייט פון טעפּיך. דער טאָג איז געווען אַ קלאָרער, די לופט וואַרעם, און זי האָט געהערט די קלינגענדיקע געלעכטערס פון איר קליינער בערטען.

איר טאָכטערל האָט זיך געוואַלגערט אויפן גראָז, צווישן די אָפּגעשניטענע היי. זי איז געלעגן אויפן בויך אויף אַ סטאָג, די באָנע האָט זי געהאַלטן פאַרן קליידל. לעסטיבודואַ האָט אויפגעשאַרט די היי און יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט זיך דערנענטערן, האָט זי זיך איינגעבויגן און געפּאַטשט אינדערלופטן מיט אירע הענטלעך.

— גיט זי מיר אַהער! — האָט עמע געזאָגט, וואַרפנדיק זיך אויפן קינד, כדי זי צו קושן. — אַך, ווי ליב איך האָב דיך, מיין אָרעם קינד! ווי ליב איך האָב דיך!

באַמערקנדיק, אַז דאָס קינד האָט שמוציקע אויערן, האָט זי אָנגעקלונגען, מען זאָל איר דערלאַנגען וואַרעם וואַסער; זי האָט זי אַרומגעוואַשן, איבערגעטוישט אירע וועש, די זאָקן, די שיך, געשטעלט טויזנט שאלות איבער איר געזונט, פּונקט ווי איינער וואָס קומט פון אַ לענגערער נסיעה; און מיט קושן און געוויינען האָט זי דאָס קינד ענדלעך אַוועקגעגעבן צוריק דער באָנע, וועלכע האָט געשטוינט פון דערדאָזיקער אויסערגעוויינלעכער צאַרטקייט.

אינאָוונט האָט זיך ראָדאָלפן אויסגעדאַכט, אַז זי איז ערנסטער ווי אַלעמאָל.

— ס׳וועט אַריבערגיין, האָט ער געטראַכט, ס׳איז אַ קאַפּריז.

און ער האָט אַדורכגעלאָזט דריי ראַנדעוווען. ווען ער איז ווידער געקומען, איז זי געווען קאַלט צו אים און האָט אים אַפילו אַרויסגעוויזן אַ געוויסע פאַראַכטונג.

— אַך, דו פאַרלירסט דיין צייט אומזיסט, מיין טייערע...

און ער האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, גלייך ווי ער וואָלט נישט באַמערקט אירע מרה־שחורהדיקע זיפצן און נישט די נאַז טיכל ביי אירע אויגן.

עמע האָט חרטה געקריגן.

זי האָט זיך דעמאָלט געשטעלט די שאלה, פאַרוואָס זי האָט פיינט שאַרלען, צי וואָלט נישט בעסער געווען, ווען זי וואָלט אים ליב געהאַט. אָבער שאַרל האָט נישט געהאַט מיט וואָס זיך אַרויסצווייזן, כדי צוריק צו געווינען אירע געפילן; זי איז אויף אַזאַ אופן פאַרבליבן אין פאַרלעגנהייט, נישט ווויסנדיק וואָס צו טאָן מיט איר חשק זיך מקריב צו זיין פאַר עפּעס; אָבער גאַנץ אומגעריכט האָט איר דער אַפּטייקער גע־געבן דידאָזיקע געלעגנהייט.

XI

ער האָט לעצטנס געהאַט איבערגעלייענט אַ שבח איבער אַ נייעם מעטאָד פון היילן פאַרקריפּלטע פיס, און אַזויווי ער איז געווען אַן אָנהענגער פון פּראָגרעס, איז ער געוואָרן דורכ־געדרונגען מיט אַ פּאַטריאָטישן געדאַנק, אַז כדי נישט אָפּצו־שטיין, דאַרף יאָנוויל ביי זיך אויך איינפירן אָרטאָפּעדישע אָפּעראַציעס.

— ווייל, — האָט ער געזאָגט צו עמען, — מיט וואָס רעזיקירט מען דען? רעכנט! (און ער האָט איבערגעציילט אויף די פינגער די נוצן פון דעמדאָזיקן פּרווו); אַן ערפאָלג כמעט אַ געזיכערטער, דעם חולה דערלייכטערט און פאַרשענערט, אַ שנעלער שם פאַרן אָפּעראַטאָר. פאַרוואָס זאָל זיך אייער מאַן, למשל, נישט נעמען צום אָרעמען היפּאָליט פון גאָלדענעם לייב? איר דאַרפט וויסן, אַז וועגן זיין אייסהיילונג וועט ער

רערציילן אַלע ריינזנדער, און נאָכדעם (דאָ האָט אָמע אָפּגע־שוואַכט זיין שטימע און אַרומגעקוקט זיך אויף אַלע זייטן), ווער וועט מיר שטערן צו געבן אַ קליין נאָטיצל אין מיין צייטונג? עך, גאָט מיינער! אַן אַרטיקל גייט פון האַנט צו האַנט... מען שמועסט און ס'וואַקסט אַרויס דערפון אַ באַרג שניי! און ווער ווייסט? ווער ווייסט?

און, באמת, שאַרלען האָט געקענט געלינגען; קיין זאַך האָט עמען נישט געגעבן קיין יסוד צו טראַכטן, אַז ער איז נישט קיין געשיקטער דאָקטאָר; און ווי גרויס וועט זיין איר שמחה, ווען זי וועט אים צוריידן צו דער אָפּעראַציע, פון וועלכער זיין רעפּוטאַציע וועט זיך פאַרשטאַרקן און זיין פאַר־מעגן וועט זיך פאַרגרעסערן? זי האָט זיך געוואָלט אָנלענען אויף עפּעס אַ זאַך, וואָס זאָל זיין שטאַרקער פון ליבע.

שאַרל, באַאיינפלוסט פון אפּטייקער און פון עמען, האָט זיך געלאָזט איינרעדן. ער האָט אויסגעשריבן פון רואַן דאָס בוך פון דאָקטער דיוואַל, און אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ מיט די הענט, פלעגט ער זיך יעדן אָוונט פאַרטיפן אינם ספר.

בעת שאַרל האָט שטודירט די „עקינען" די „וואַרוסן" די „וואַלגוסן", ד. ה. סטרעפאָקאַטאָפּאָדיע, סטרעפענדאָפּאָדיע און סטרעפעקסאָפּאָדיע (אָדער בעסער גערעדט, פאַרשידענע פוס־אויסבויגונגען פון אונטן, פון אינעווייניק, פון אויסן), צוזאַמען מיט דער סטרעפיפּאָפּאָדיע מיט דער סטרעפאַנאָפּאָדיע (אַנדערש געזאָגט, אַן אויסדריי פון אונטן און אַן אויסגלייך פון אויבן), האָט אָמע מיט פאַרשידענע שפּיצלעך צוגערעדט דעם יונג פון אכסניה, ער זאָל זיך לאָזן אָפּערירן.

— דו וועסט כמעט ווי נישט פילן דעם לייכטן ווייטיק; אַ פּשוטער שטאָך, ווי בעת מען ציט אָפּ בלוט, ס'טוט ווייניקער וויי, ווי ביים אויסשניידן אַ הינער־אויג.

היפּאָליט האָט זיך פאַרטראַכט, אויסגלאָצנדיק אַ פּאָר נאַרישע אויגן.

— איבעריקנס, האָט ווידער גערעדט דער אַפּטייקער, — וואָס גייט עס מיך אָן! דאָס בין איך דאָך בלויז דיין טובה

אויסן! פון מענטשלעכקייט וועגן! איך וואָלט דיך געהאָלט זען, מיין טייערער פריינט, אַ באַפרייטן פון דער העסלעכער הינקעריי, מיט דער וואַקלעניש פון די הינטירשטע טיילן, וועלכע, זאָג, וואָס דו ווילסט, שטערן דיר דאָך ביים אויספירן דיין אַרבעט.

דעמאָלט האָט אָמע אים אָנגעהייבן צו שילדערן אויף וויפל ער וועט זיך שפּעטער פילן טיכטיקער און פלינקער; ער האָט אים אפילו געגעבן אָנצוהערן, אַז ער וועט האָבן מער דערפאָלג ביי ווייבער. דער משרת האָט נאַריש געשמייכלט. נאָכדעם האָט אָמע אַ שפּיל געטאָן אויף זיין אייגן-ליבע:

— צי ביזטו דען נישט קיין מאַנסביל, צו אַלדער רוחות? וואָס וואָלט געווען ווען דיר וואָלט אויסגעקומען צו גיין דינען, צו גיין זיך שלאָגן אונטער אַ פאָן?... אך, היפּאָליט!

און אָמע האָט זיך דערווייטערט, דערקלערנדיק, אַז ער פאַרשטייט נישט אַזאַ עקשנות, און אַזאַ פאַרבלענדונג; און אַז עמעצער זאָל זיך, בכלל, אָפּזאָגן צו געניסן פון דער וויסנשאַפט.

דער אומגליקלעכער האָט נאָכגעגעבן, ווייל ער האָט זיך געפילט ווי צווישן אַ פאַרשווערונג. בינע, וועלכער האָט זיך נישט געמישט אין יענעמס ענינים, מאַדאַם לעפראַנסואַ, אַר-טעמיז, די שכנים און אַפילו מסיע טיוואַש, דער מער, — אַלע האָבן אים איינגערעדט, איבערגעצייגט. אָבער ענדגילטיק איבער-צייגט האָט אים דאָס, אַז די גאַנצע מעשה וועט אים גאָרנישט קאָסטן. באָוואַרי האָט זיך אַפילו אונטערגע-נומען צו ברענגען אַ מאַשין ספּעציעל פאַר דערדאָזיקער אָפּע-ראַציע. דאָס איז עמען איינגעפאַלן דערדאָזיקער פּזרנותדיקער געדאַנק און שאַרל איז איינגעגאַנגען דערויף, טראַכטנדיק טיף אין האַרצן, אַז זיין ווייב איז אַ מלאך.

אַ דאַנק דעם אַפּטייקערס עצות און אָנהייבנדיק דיזאַך דריי מאָל אויפדאסניי, האָט שאַרל באַשטעלט ביים סטאָליאַר און ביים שלאָסער אַ מין קעסטל פון א פונט אַכט, ווו מען האָט נישט געזשאַ-לעוועט קיין אייזן, קיין האָלץ, קיין לעדער, קיין שרויפן, קיין ריגלען

אָבער כדי צו ויסן וואָסער אָדער איבערצושניידן ביי־היפּאָליטן, האָט מען לכתחילה געדאַרפט אויספאָרשן די פּאַר־קריפּלונג פון זיין פוס.

זיין קנאַפּל און דער ביין פונם פוס האָבן געהאַט איין גלייכע ליניע, וואָס האָט נישט געשטערט דעם פוס צו זיין אויסגעדרייט אויף אינעווייניק, אַזוי, אַז דאָס איז געווען אַן עקווינוס אויסגעמישט מיט אַ לייכטן וואַרוס, אָדער אַ לייכטער וואַרוס מיט אַ שטאַרקן עקווינוס.

אָבער נישט געקוקט אויף דעמדאָזיקן עקווינוס, ברייט ווי אַ פערדישע קאָפּיטע, מיט אַ דיקער הויט, מיט גראָבע מוסקולן, מיט גרויסע פינגער, ווו די שוואַרצע נעגל זענען געווען ענלעך צו קאָפּיטע־שפּיילן, איז דער סטרעפאָפּאָד פון אינדערפרי ביז ביינאַכט אַרומגעפלויגן ווי אַ הירש. אויפן מאַרק פלעגט מען אים כסדר זען, ווי ער שפּרינגט אַרום צווישן די וועגנס, אַרויסרוקנדיק פאָרויס זיין אויסגעלאָמטע פוס. ס'האָט זיך אַפילו אויסגעדאַכט, אַז ער איז שטאַרקער גראָד מיט דעם פוס, ווי מיט דעם צווייטן. פון לאַנגער דינסט האָט דער לאָמער פוס אין זיך פאַרייניקט, אַזוי צו זאָגן, די מאָראַ־לע מעלות פון געדולט און ענערגיע; און ווען ער פלעגט האָבן אַ שווערע אַרבעט, פלעגט ער זיך תמיד אָנשפּאַרן דווקא אויף דעם צעקריפּלטן פוס.

היות דאָס איז געווען אַן עקווינוס, האָט מען געדאַרפט איבערשניידן אַכילס אָדער און ערשט נאָכדעם זיך נעמען צום פאָדערשטן מוסקול, כדי צו באַזייטיקן דעם וואַרוס; ווייל שאַרל האָט מורא געהאַט צו רעזיקירן מיט צוויי אָפּעראַציעס פאַר־אַמאָל און חוצדעם האָט ער אויך מורא געהאַט זיך אָנצו־שטויסן אויף אַזאַ אָרט, וואָס איז אים אומבאַקאַנט.

אַמברואַז פּאַרע, וועלכער האָט נאָך אַ פופצן־דורותדי־קער הפסקה צום ערשטן מאָל נאָך צעלזיוסן באַנוצט די באַל־דיקע צונויפבינדונג פון אַן אַרטעריע, דיפיטרען, וועלכער איז געגאַנגען אויפעפענען אַ געשוויר אונטער אַ גראָבן שיכט

פון ענצעפאַל *), זשאַנפול, ווען ער האָט געמאַכט די ערשטע אַמפּוטאַציע פון דער אויבערשטער דזיאָסלע — האָבן אַלע בעת מעשה נישט געהאַט אַזויפיל האַרץ-קלאַפּעניש, די הענט האָבן זיך ביי זיי אַזויפיל נישט געטרייסלט און דער מאַרך איז נישט געווען אַזוי אָנגעשטרענגט, ווי ביי באָוואַרין, ווען ער האָט זיך דערנענטערט צו היפּאָליטן מיטן טענאָטאָם אין דער האַנט. און פונקט ווי אין שפּיטאָלן האָט מען געזען אויפן טיש אָנגעוואָרפן חמרים פעדעם, פעדעם אָנגעשמירטע מיט וואַקס, באַנדאַזשן, אַ גאַנצער שטויס באַנדאַזשן, אַזויפיל באַנדאַזשן, וויפל ס'איז נאָר געווען ביים אַפּטייקער. אָמע אַליין האָט פון אינדערפרי געמאַכט די אַלע הכנות, סיי צו פאַרבלענדן די צוקוקערס און סיי זיך אַליין אָפּצונאַרן. שאַרל האָט אָנגעשניטן די הויט, ס'האָט זיך דערהערט אַ טרוקענער טראַסק. דער מוסקול איז איבערגעשניטן געוואָרן, די אָפּעראַציע פאַרענדיקט. היפּאָליט איז געווען מלא שמחה; ער האָט זיך איבערגעבויגן איבער באָוואַריס הענט און זיי באַשאָטן מיט קושן.

— נו, באַרויק דיך, — האָט געזאָגט דער אַפּטייקער, — שפּעטער וועסטו נאָך האָבן צייט אָפּצודאַנקן דיין בעל-טובה!

און ער איז אַראָפּגעלאָפן דערציילן וועגן רעזולטאַט צו אַ פינף אָדער זעקס נייגעריקע, וועלכע האָבן געוואַרט אויפן הויף, מיינענדיק, אַז אָט באַווייזט זיך היפּאָליט און נעמט שפּרייזן גלייך ווי אַלע מענטשן. נאָכדעם האָט שאַרל איינגעפּאַסט דעם פוס פון זיין פּאַציענט אין דעם צוגעגרייטן אַפּאַראַט, און איז אַוועק אַהיים, ווו עמע האָט מיט אומגעדולט אים אָפּגעוואַרט ביי דער טיר. זי איז אים אַרויפגעפאַלן אויפן האַלדז; זיי האָבן זיך געזעצט צום טיש; ער האָט אַ סך געגעסן און ער האָט אַפילו פאַרלאַנגט צו דעסערט אַ טעפל קאַווע, — אַ לוקסוס, וואָס ער האָט זיך דערלויבט נאָר זונטיק, ווען ס'פלעגן זיך צונויפקומען געסט.

אָוונטצייט האָבן זיי זייער גוט פאַרבראַכט די צייט:

---

*) ענצעפאַל: קאָפּ-געהירן.

מען האָט געשמועסט, געמאַכט פּלענער. זיי האָבן גערעדט וועגן זייער צוקונפטיקן פאַרמעגן, וועגן די אויסבעסערונגען, וואָס זיי וועלן אײַנפירן אין שטוב; שאַרל האָט שוין געזען ווי סוואַקסט זיין רום, ווי ס'פאַרבעסערט זיך זיין ווױלשטאַנד, ווי זיין ווייב ליבט אים כסדר; און זי איז געווען גליקלעך פון דער מעגלעכקייט זיך אָפּצופרישן אין אַ נייעם געפיל, אין אַ געזונטערן געפיל, אַז זי וועט קענען, ענדלעך, אַרויסווייזן כאָטש אַ ביסל ליבע צו דעמדאָזיקן יונג, וועלכער האָט זי פאַרגעטערט. אַ רגע האָט זי אַ טראַכט געטאָן וועגן ראָדאָלפן, אָבער אירע אויגן האָבן זיך איבערגעטראָגן אויף שאַרלען; זי האָט אַפילו מיט שטוינונג באַמערקט, אַז ער האָט גאָרנישט אַזעלכע מיאוסע ציין.

זיי זענען שוין געלעגן אין בעט, ווי מיטאַמאָל — נישט געקוקט אויף די פּראָטעסטן פון דער דינסט — איז צו זיי אַריין אין שלאָפצימער ד'ער אַפּטייקער, האַלטנדיק אַ שטיקל פאַרשריבענעם פּאַפּיר אין די הענט. ס'איז געווען די נאָטיץ, וואָס ער האָט צוגעגרייט פאַר „ליכט פון רואַן". ער האָט עס געבראַכט, כדי זיי זאָלן איבערלייענען.

— לייענט עס אַליין איבער, — האָט באָוואַרי געזאָגט.

ער האָט געלייענט:

— „נישט געקוקט אויף די פאָראורטיילן, וועלכע פאַרפלאָנטערן, ווי מיט אַ נעץ, אַ שפּאָרן טייל פון אייראָפּע, האָט דאָך דאָס ליכט אָנגעהייבן אַריינצודרינגען אין אונדזערע דערפער. אָט, למשל, האָט אונדזער קליין שטעטל יאָנוויל הייַנטיקן דינסטיק געהאַט אַ פאָרשטעלונג פון אַ כירורגישן עקספּערימענט, וועלכער איז גלייכצייטיק אַ טאַט פון העכסטער פילאַנטראָפּיע. הער באָוואַרי, איינער פון אונדזערע אויסגעצייכנטסטע דאָקטוירים..."

— אַך! צופיל! צו פיל! — האָט שאַרל, געזאָגט שטיקנדיק זיך פון אינערלעכער התפעלות.

— אָבער ניין! ניין! וואָס הייסט!...

האָט אָפּערירט אַ פאַרקריפּלטן פוס." איך האָב נישט אַרייגעגעבן

אַ וויסנשאַפטלעכן טערמין, ווי איר ווייסט מסתּם, אין אַ צייטונג... וואָלטן נישטאַלע פאַרשטאַנען; מען דאַרף, אַז די מאַסן...

— פאַרשטייט זיך, — האָט געזאָגט באָוואַרי. — ווייטער.

— אַלזאָ, ווייטער, — האָט געזאָגט דער אַפּטייקער. — „...הער באָוואַרי איינער פון אונדזערע אויסגעצייכנטסטע דאָקטוירים, האָט אָפּערירט אַ פאַרקריפּלטן פוס אַ געוויסן היפּאָליט טאָטען, וועלכער איז זינט פינפאונצוואַנציק יאָר אַ פערד־משרת אין „גאָלדענעם לייב“, וואָס ווערט אויפגעהאַלטן פון מאַדאַם לעפראַנסואַ, אויפן וואָפן־פּלאַץ. די ידיעה וועגן פּרווו און די נייגעריקייט צו דעמדאָזיקן ענין האָט צוגעצויגן אַ גרויסן עולם מענטשן, וועלכע האָבן זיך געשטופּט ביי דער טיר. די אָפּעראַציע איז געמאַכט געוואָרן ווי דורך אַ כּישוף. ס׳זענען קוים ארויס עטלעכע טראָפּנס בלוט, גלייך ווי דער איינגעעקשנטער מוסקול וואָלט זיך אונטערגעגעבן דער קונסט. און אַ מאָדנע זאַך, דער חולה (מיר האָבן עס אַליין געזען) האָט קיין שום ווייטיקן נישט געהאַט. וואָס שייך זיין צושטאַנד, דאַרף מען גאָר בעסער נישט וועלן. מען איז זיכער, אַז דער אויסהיילונגס־פּראָצעס וועט זיין אַ שנעלער, און ווער ווייסט, צי אויפן צוקונפטיקן דאָרפס יום־טוב וועלן מיר נישט זען אונדזער בראַוון היפּאָליט, דרייענדיק זיך אין אַ שדים־טאַנץ, צווישן אַ כאָר פון יונגע פויערטעס און מיט זיין ברען דערווייזן אַלעמען זיין פולשטענדיקע אויסהיילונג? גרויס כּבוד אייך, געלערנטע מענטשן־פריינט! גרויס כּבוד אייך, אומפאַרמאַטערטע גייסטער, וועלכע שלאָפן נישט גאַנצע נעכט, כּדי אויסצובעסערן אָדער פאַרלייכטערן דעם גורל פון דער מענטשהייט! כּבוד! דריי מאָל כּבוד! צי קען מען שוין איצט נישט דרייסט זאָגן, אַז די בלינדע וועלן ווערן זעענדיק, אַז די טויבע וועלן הערן און אַז די הינקעדיקע וועלן גיין. דאָס, וואָס דער פאַנאַטיזם האָט אַמאָל פאַרשפּראָכן בלויז די אויסדערוויילטע, דערפילט דאָס איצט די וויסנשאַפט פאַר אַלע מענטשן! מיר וועלן האַלטן דעם לעזער אין קורס פון די ווייטערדיקע פאַזן פון דערדאָזיקער זעלטענער אויסהיילונג“.

און נישט געקוקט אויף דעם אַלעם, איז אין פֿינף ט״ג ארום געקומען צולויפֿן די אַלטע לעפּראַנסוא, אַן איבערגע־שראָקענע, שרייענדיק:

— ראַטעװעט! ער שטאַרבט! איך גיי אַראָפּ פֿון זינען!

שאַרל האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום „גאָלדענעם לייב״ און, זעענדיק ווי ער לויפֿט איבערן מאַרק אָן אַ היטל, האָט אָמעו תיכף פֿאַרלאָזט די אַפּטייק. ער איז געקומען צו לויפֿן אַהער אַ פּאַרסאַפּעטער, אַ רויטער, שטאַרק באַאומרויקט. ער האָט נאָכגעפרעגט ביי אַלע, וועמען ער האָט נאָר באַגעגנט אויף די שטיגן:

— וואָס האָט אַזוינס פּאַסירט מיט אונדזער אינטערע־סאַנטן סטרעפֿאָפּאָד?

דער אינטערעסאַנטער סטרעפֿאָפּאָד האָט זיך געקאָר־טשעט אין שרעקלעכע קאָנוואולסיעס, אַזוי, אַז דער אַפּאַראַט, אין וועלכן עס איז געווען איינגעשלאָסן זיין פוס, האָט גע־טראַסקעט אין דער וואַנט, פּונקט ווי ער וואָלט זיך געוואָלט איינברעכן.

מיט גרויס פֿאָרזיכט כדי, נישט צו צערודערן די פּאָזיציע פֿונם גליד, האָט מען אַראָפּגענומען דעם אַפּאַראַט. מען האָט דעמאָלט דערזען אַ שרעקלעך בילד. די פֿאָרמען פֿון דעם פוס זענען פֿאַרשוווּנדן געוואָרן אונטער אַ גרויסער געשווילעכץ, פּונקט ווי די הויט וואָלט געהאַלטן ביים פּלאַצן, און איז גע־ווען באַדעקט מיט סיניאַקעס, וואָס די באַרימטע מאַשין האָט אָנגעמאַכט. היפּאָליט האָט זיך שוין פֿריער באַקלאָגט, אַז ס׳טוט אים וויי פֿון איר; מען האָט דערויף קיין אַכט נישט געלייגט; איצט האָט מען געמוזט אָנערקענען, אַז ער איז גע־ווען אַ ביסל גערעכט, און מען האָט אים אויף אַ פּאָר שעה באַפֿרייט פֿון אַפּאַראַט. אָבער קוים איז די געשווילעכץ אַ ביסל אָפּגעגאַנגען, האָבן ביידע געלערנטע באַשלאָסן ווידער אים אַרויפֿצוזעצן דעם אַפּאַראַט; דערביי האָבן זיי אים שטאַרקער צוגעדריקט, כדי צו פֿאַרשנעלערן דעם אויסהיילונגס־

פּראָצעס. ענדלעך, אין דריי טעג אַרום, ווען היפּאָליט האָט שוין מער נישט געקענט אויסהאַלטן, האָט מען נאָכאַמאָל פון אים אַראָפּגענומען דעם אַפּאַראַט, און דעמאָלט זענען זיי פאַרוואונדערט געוואָרן פון רעזולטאַט, וואָס האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַר זייערע אויגן. אַ בלאָסע געשווילעכץ האָט זיך געצויגן איבערן גאַנצן פוס, דאָ און דאָרט באַצירט מיט ווונדן, פון וואַנען ס'האָט געפלאָסן אַ שוואַרצע פליסיקייט. די זאַך האָט אָנגענומען אַן ערנסטע ווענדונג. היפּאָליטן איז געוואָרן אומעטיק אין זיין צימער, האָט אים די אַלטע לעפראַנסואַ איינגעאָרדנט אין קליינעם זאַל, לעבן קיך, כּדי ער זאָל זיך קענען מיט עפּעס פאַרווילן.

אָבער דער שטייער־באַאַמטער, וועלכער האָט דאָרט טעגלעך געגעסן מיטאָג, האָט זיך באַקלאָגט אויף דעמדאָזיקן שכן. מען האָט היפּאָליטן אַריבערגעטראָגן אין ביליאַרד־צימער.

אַ בלאַסער, באַוואַקסן מיט אַ באָרד, מיט איינגעפאַלענע אויגן, איז ער דאָרט געלעגן אונטער די דיקע בעטגעוואַנט, געקרעכצט און פון צייט צו צייט איבערגעדרייט זיין פאַרשוויצטן קאָפּ אויף דער שמוציקער קישן, באַשאָטן מיט פליגן. מאַדאַם באָוואַרי איז געקומען צו אים. זי האָט אים געבראַכט לייוונט אויף פּליאַסטערס, האָט אים געטרייסט און צוגעגעבן מוט. באַזונדערס האָט ער זיך נישט געלאַנגווייליקט אין מערקטעג, ווען די פּויערים אַרום אים האָבן געשפּילט אין ביליאַרד, געפאָכעט מיט די שטעקנס, געררויכערט, געטרונקען, געזונגען און גערייטשעט.

— וואָס מאַכסטו? — פלעגט מען אים פרעגן, קלאַפּנדיק אין דער פּלייצע. — ווי ס'ווייזט אויס, האָסטו דיך נאָך נישט מיט וואָס צו באַרימען! אָבער דו ביזט אַ'יין שולדיק! דו האָסט געדאַרפט טאָן דאָס, טאָן יענץ.

און מען האָט אים פאַרציילט מעשיות וועגן מענטשן, וועלכע האָבן זיך אויסגעהיילט גאָר אויף אַן אַנדער אופן; נאָכדעם, כּדי אים צו טרייסטן, האָבן זיי מוסיף געווען:

— דאָס איז דערפאַר, וואָס דו מאַכסט מיט זיך אַ צ

גרויסן וועזן! הייב דיך אויף! די פּיעסטעסט זיך ווי אַ מלך אַך, ס'איז קיין בייז נישט, אַלטער לץ! אָבער צי ווייסטו? ס'הערט זיך אַ ביסל פון דיר.

דער בראַנד האָט זיך אַלץ מער און מער פאַנאַנדערגעשפּרייט. באָוואַרי איז דערפון אליין קראַנק געוואָרן. ער פלעגט קומען צו לויפן יעדע שעה, יעדע רגע. היפּאָליט האָט געקוקט אויף אים מיט שרעקלעכע בליקן און געשטאַמלט מיט טרערן אין די אויגן:

— ווען וועל איך שוין אַמאָל געזונט ווערן?... אַך, ראַטעוועט מיך!... ווי אומגליקלעך איך בין! ווי אומגליקלעך איך בין!

און באָוואַרי פלעגט אוועקגיין, פאַרשרייבנדיק תמיד אַ שטרענגע דיעטע.

— האָרך זיי נישט, מיין קינד, — פלעגט זאָגן די אַלטע לעפראַנסואַ. — זיי האָבן דיך שוין גענוג געמאַטערט! דו וועסט נאָך מער אָפּגעשוואַכט ווערן. נאַ, עס!

און זי פלעגט אים דערלאַנגען אַ גוט ביסל זופּ, אַ שטיקל באַראַן-פלייש, אַ שטיקל חזיר-פּעטס, און צייטנווייז עטלעכע קליינע גלעזלעך בראָנפן, וועלכע ער האָט נישט געוואַגט צוצוטראָגן צו זיינע ליפּן.

דערוויסנדיק זיך, אַז ס'ווערט היפּאָליטן ערגער, האָט דער גלח בורניסיען באַשלאָסן אים מבקר-חולה זיין. צוערשט האָט ער אויסגעדריקט מיטגעפיל איבער זיינע יסורים, און דערביי צוגעגעבן, אַז אַפילו אין אַזעלכע מאָמענטן דאַרף מען זיין פריילעך, היות דאָס איז דעם אויבערשטנס ווילן, און מען מוז וואָס שנעלער אויסנוצן די געלעגנהייט צו באַהעפטן זיך מיט גאָט.

— ווייל, — האָט ווייטער גערעדט דער גייסטלעכער מיט אַ פאָטערלעכן טאָן — דו האָסט פאַרנאַכלעסיקט אַ ביסל דיינע פליכטן; מען פלעגט דיך זעלטן זען אין קלויסטער; וויפל יאָר האָסטו דיך שוין נישט דערנענטערט צום הייליקן טיש? איך פאַרשטיי, אַז צוליב דיינע באַשעפטיקונגען, צוליב דעם ווירבל פון לעבן,

האָסטו לגמרי אויפגעהערט צו דאגהן וועגן דער אויסלייזונג פון דיין נשמה. אָבער איצט איז די רעכטע צייט דערפון אַ טראַכט צו טאָן. זיי איצט נישט פאַרצווייפלט. איך האָב געקענט גרויסע בעל-עבירהניקעס, — איך וויס, אַז דו ביזט נישט פון דידאָזיקע — וועלכע האָבן געטאָן תשובה פאַרן שטעלן זיך צו גאָטס משפט און זענען בלי ספק געשטאָרבן אין דער בעסטער שטימונג. לאָמיר האָפן, אַז פונקט ווי זיי, וועסטו אונדז געבן אַ גוטן ביישפיל! אַלזאָ, ווער וועט דיר שטערן אויס פאָרזיכטיקייט צו זאָגן יעדן פרימאָרגן און יעדן אָוונט: „איך ליוב דיך, מאַריע, פול מיט חסד”, און „אונדזער טאַטע אין הימל”! יאָ, טו עס, פאַר מיר! וואָס קאָסט עס דיר?... דו זאָגסט עס מיר צו?

דער אָרעמער חולה האָט צוגעזאָגט. דער גלח איז געקומען יעדן טאָג. ער האָט געשמועסט מיט דער שענקערין, דערציילט איר אַפילו מעשיות, אויסגעמישט מיט שפּאַסן, מיט קאַלאַמבורן, וועלכע היפּאָליט האָט נישט פאַרשטאַנען. נאָכדעם, ווי נאָר ס'האָט זיך פאָרגעשטעלט אַ געלעגנהייט, איז ער באַלד אַריבער אויף רעליגיע, מאַכנדיק אַן ערנסטע מינע.

זיין התמדה האָט, קענטיק, געהאָלפן; ווייל דער סטרעפאָפאָד האָט אויסגעדריקט דעם פאַרלאַנג עולה לרגל צו זיין אויף אַ גאָטס-דינסט קיין באָן-סעקור, ווי נאָר ער וועט געזונט ווערן. דערויף האָט דער גלח בורניסיען געענטפערט, אַז ער האָט גאָרנישט דאַקעגן; אין צווייען איז תמיד שטאַרקער; און בכלל, קען מען דערמיט גאָרנישט פאַרלירן.

דער אַפּטייקער איז געווען אויפגערעגט, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, פון דידאָזיקע קלעריקאַלישע שטיקלעך. לויט זיין מיינונג האָבן זיי נאָר שאָדן געבראַכט היפּאָליטס געזונט, און ער האָט געהאַלטן אין איין חזרן דער מאַדאַם לעפראַנסואַ:

— לאָזט אים צורו! לאָזט אים צורו! איר הרגעט אויעק זיין מאָראַל מיט אייער מיסטיציזם!

אָבער די גוטמוטיקע פרוי האָט אים מער נישט געוואָלט אויסהערן, ווייל דאָס אַלץ האָט ער גורם געווען.

אים אויף צו להכעיס האָט זי אויפגעהאָנגען ביי זיין צוקאָפּנס אַ טעפּל מיט הייליקן וואַסער און אַ בוק-צווייגל.

אָבער, קענטיק, אַז נישט די רעליגיע און נישט די כי־רורגיע האָבן געהאָלפן, און דער אומבאַזיגטער בראַנד איז געגאַנגען אַלץ העכער און העכער ביז צום בויך. אומזיסט האָט מען געביטן די מיקסטורן און די קאַטאַפּלאַזמעס, די מוסקולן האָבן זיך פון טאָג צו טאָג מער אַנטבלויזט, און ענדלעך, ווען די שענקערין האָט קאַטעגאָריש געפרעגט שאַרלען, צי זאָל זי נישט, צוליב דער ערנסטקייט פון דער לאַגע, אַרויסרופן פון נעוושאַטעל דעם באַרימטן דאָקטאָר קאַניווע, האָט שאַרל אָפּגעענטפערט מיט „יאָ".

קאַניווע, אַ דאָקטאָר מעדיצין, אין דער עלטער פון פופציק, מיט אַ גוטער רעפּוטאַציע און זיכער אין זיך אַליין, האָט זיך גאָרנישט געשעמט אַלס קאָלעגע אויסצולאַכן זיך, ווען מען האָט אים באַוויזן דעם פוס, בראַנדיק ביז צו די קני. באַלד, ווי ער האָט אָפּן געמאָלדן, אַז מען דאַרף אים אַמפּו־טירן, איז ער אַוועק צום אַפּטייקער און גענומען זידלען די אייזלען, וועלכע האָבן דערפירט דעם אומגליקלעכן צו אַזאַ מין צושטאַנד. ציענדיק דעם אַפּטייקער פאַר אַ קנעפּל פון פראַק, האָט ער געשריען מיט אַלע כוחות:

— אָט, דאָס זענען די פּאַריזער דערפינדונגען! אָט דאָס זענען די אידעען פון די הערן פון דער הויפּט־שטאָדט! דאָס איז איין טייוול מיט סטראַביזם*) מיט כלאָראָפאָרם, מיט ליטאָ־טריטיע**) — נידערטרעכטיקייטן, וואָס די רעגירונג דאַרף פאַר־ווערן. מאַכט מען זיך אָבער פאַר חכמים און מען שטאָפּט אייך אָן מיט פאַרשידענע מיטלען, נישט טראַכטנדיק פון קיין

*) סטראַביזם: קרום-אייגיק; קאָסאָקע.

**) ליטאָטריטיע: אָפּעראַציע ביי וועלכער מען צעברעקלט די שטיינדלעך פון אורין־פּענכער.

שום אחריות. אָבער מיר זענען נישט אַזעלכע גרויסע חכמים; מיר זענען נישט קיין געלערנטע, מיר זענען נישט קיין בעלי-מופתים, קיין שאַרלאַטאַנעס; מיר זענען פּשוטע פּראַקטיקער, מיר זענען רופאים, און אונדז וועט נישט אַריין אין זינען אָפּנאַרן אַ מענטשן, וועלכער איז פולשטענדיק געזונט. אויסגלייכן קרו-מע פיס! צי קען מען, בכלל, אויסגלייכן אַ קרומען פיס? פונקט ווי מען וואָלט, למשל, געוואָלט אויסגלייכן אַ הויקער;

אָמען האָט געקאָסט געזונט דערדאָזיקער שמועס, אָבער ער האָט פאַרמאַסקירט זיינע ליידן מיט אַ חניפהדיקן שמייכל, היות ער האָט זיך גענייטיקט אין קאַניוועס לאַסקע, ווייל זיינע רעצעפּטן פלעגן צוקומען צו יאָנוויל. דעריבער האָט ער נישט פאַרטיידיקט באָוואַרין, נישט געמאַכט אַפילו קיין שום באַמער-קונג, און אָפּזאָגנדיק זיך פון זיינע פּרינציפּן, האָט ער מקריב געווען זיין חשיבות אין נאָמען פון מער וויכטיקע אינטערעסן, וואָס זיין געשעפט האָט געפאָדערט.

די אַמפּוטאַציע פון דעם פוס דורכן דאָקטאָר קאַניוועט האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם אין שטעטל! אַלע איינוווינער האָבן זיך אין דעמדאָזיקן טאָג אויפגעהייבן גאַנץ פרי, און די גרויסע גאַס, הגם זי איז געווען געפּאַקט מיט מענטשן, דאָך האָט זי געהאַט אַ טרויעריקן אויסזען, פונקט ווי מען וואָלט געגאַנגען אויספירן אַ טויט-אורטייל. ביים בשמים-סוחר האָט מען געשמועסט וועגן היפּאָליטס קראַנקהייט; אין די קראָמען האָט מען גאָרנישט פאַרקויפט, און מאַדאַם טיוואַש, דעם מעראַס פרוי, האָט נישט אָפּגעטראָטן פון פענסטער, וואַרטנדיק מיט אומגעדולד אויפן אָנקום פון דאָקטאָר.

ער איז אָנגעקומען אין זיין קאַבריאָלעט, מיט וועלכן ער האָט אַליין אָנגעפירט. אָבער אַזוי ווי דער רעכטער רעסאָר איז געווען אַביסל אַראָפּגעבויגן אונטער דער משא פון זיין וואָגיקן קערפּער, האָט זיך די קאַרעטע איינגעבויגן אין אַ זייט, און מען האָט באַמערקט לעבן אים אויף דער צווייטער קישן אַ גרויסן קאַסטן, באַדעקט מיט אַ רויטע פלאַכטע, וועמענס דריי מעשענע קלאַמרעס האָבן שטאַרק געלויכטן.

אַריינגעריסן זיך ווי אַ ווירבל אין טויער פון „גאָלדענעם לייב”, האָט דער דאָקטאָר אָנגעהייבן צו שרייען מען זאָל אויס־שפּאַנען דעם פערד; נאָכדעם איז ער אַפילו אַוועק אין שטאַל אַ קוק צו טאָן, צי ס'עסט דעם האָבער, ווייל, קומענדיק צו אַ קראַנקן, האָט דער דאָקטאָר צוערשט געוואָלט באַזאָרגן זיין קליאַטשע און זיין קאַבריאָלעט. מען האָט אַפילו דערפון גערעדט: „אַך, דער דאָקטאָר קאַניווע, דאָס איז שוין איינמאָל אַן עקזעמפּליאַר!” און צוליב דערדאָזיקער זיכערקייט האָט מען אים נאָכמער ליב געהאַט. די וועלט האָט געמעגט אויס־גיין ביז איין איינציקן מאַן, און ער וואָלט נישט אָפּגעטראָטן פון זיין רגילות.

אָמע איז אָנגעקומען.

— איך רעכן אויף אייך, — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט. צי איז אַלץ גרייט צו דער אַרבעט?

אָבער דער אַפּטייקער איז רויט געוואָרן און געמאָלדן, אַז ער איז צו עמפּינדלעך, כּדי צו אַסיסטירן אויף אַזאַ מין אָפּעראַציע.

— ווען מען איז אַ פּשוטער צוקוקער, — האָט אָמע געזאָגט, ווירקט שטאַרק די איינבילדונג, און בעת מיין נערוועזע סיסטעם איז אַזוי...

— אַך! — האָט קאַניווע איבערגעריסן, לויט מיין מיי־נונג, זייט איר גיכער געניינגט צו אַפּאָפּלעקסיע. איבעריקנס, וווּנדערט עס מיר לגמרי נישט; ווייל איר, אַפּטייקערס, זענט תּמיד באַשעפטיקט מיט די קיך־ענינים, וואָס האָט אַ שטאַרקע ווירקונג אויף אייער טעמפּעראַמענט. אָט אַזוי ווי איר קוקט מיך אָן, הייב איך מיך אויף פיר אַ זייגער, וואַש מיין באָרד מיט קאַלט וואַסער, — ס'איז מיר קיינמאָל נישט קאַלט — איך טראָג נישט קיין וואַרעמע וועש, איך קיל מיך קיינמאָל נישט צו, מיין מאַשין איז תּמיד אין אָרדענונג! לעבן לעב איך — דאָ אַזוי, דאָ אַנדערש, פילאָזאָפיש, ווי ס'מאַכט זיך. דעריבער בין איך נישט אַזוי דעליקאַט, ווי איר. און מיר איז אַלצאיינס, צי איך שנייד אַ קריסט, אָדער דעם ערשטן בעסטן

עוף. איר וועט געוויס זאָגן, אַז ס'איז אַ רגילות... אַ רגילות!...

נישט לייגנדיק קיין אַכט אויף היפּאָליטן, וועלכער האָט פון שרעק געשוויצט אונטער זיינע דעקעס, האָבן דידאָזיקע הערן פאַרפירט אַ שמועס, אין וועלכן דער אַפּטייקער האָט פאַרגלייכט די קאַלטבלוטיקייט פון אַ כירורג צו דער קאַלט-בלוטיקייט פון אַ גענעראַל; און דעדאָזיקער משל איז גע-ווען זייער אַנגענעם קאַניווען, וועלכער האָט זיך פאַנאַנדער-געזונגען וועגן די אייגנשאַפטן פון זיין קונסט. ער האָט געקוקט אויף זיין קונסט, ווי אויף אַ מין קדושה, הגם זי ווערט אָפּט פאַרשוועכט דורך פאַרשידענע משרתים פון דער מעדיצין. נאָכדעם, איז ער צוגעקומען צום קראַנקן, האָט באַ-טראַכט די באַנדאַזשן, וואָס אָמע האָט געבראַכט, דיזעלבע וועלכע זענען שוין געווען אויף דער פריערדיקער אָפּעראַ-ציע, און האָט געפאָדערט אַ מאַן, וואָס זאָל האַלטן דעם פוס. מען האָט געשיקט נאָך לעסטיבודוא. דער דאָקטאָר קאַנינווע, מיט פאַרשאַרצטע אַרבלען, איז אַוועק אין ביליאַרד-צימער, בעת דער אַפּטייקער איז פאַרבליבן מיט אַרטעמיזען און דער שענקערין, זיי זענען געווען בלאַסער פון זייערע פאַר-טוכער און געשטאַנען מיט אויערן צוגעלייגט צו דער טיר.

במשך פון דער צייט האָט באָוואַרי נישט געוואַגט זיך צו רירן פון אָרט. ער האָט זיך געפונען אונטן, אין זאַל, זיצנדיק ביי אַ קאַלטן קאמין, מיט דער גאָמבע אויפן ברוסט, מיט פאַרלייגטע הענט און מיט אומבאַוועגלעכע אויגן. ס'אַרא אומגליק! — האָט ער געטראַכט -- ס'אַרא אַנטוישונג! און דאָך האָט ער בשעתו אָנגענומען אַלע פאָרזיכטס-מיטלען. דער מזל! און אויב היפּאָליט וועט שטאַרבן, איז ער דאָך געווען זיין מערדער! וואָסער תשובה קען ער געבן זיינעם אַ פּאַציענט, אויב מען וועט אים אויף אַ וויזיט דערפון פרעגן? אפשר האָט ער דאָך זיך אין עפּעס טועה געווען? ער האָט געזוכט, אָבער ער האָט נישט געפונען. ס'טרעפט דאָך, אַז די בעסטע דאָקטוי-רים זענען זיך טועה. דאָס וועט אָבער קיינער נישט וועלן גלויבן! אדרבה, מען וועט לאַכן, מען וועט פּלוידערן. ס'וועט

דערגיין ביז פּאַרזש ! ביז נעוושאַטעל ! ביז רואַן ! אומעטום ! ווער ווייסט, צי זיינע חברים וועלן נישט שרייבן דערפון ? ס'וועט זיך אַנטוויקלען אַ פּאָלעמיק, מען וועט דאַרפן אָפּענטפערן אין די צייטונגען. היפּאָליט אַליין, קען קעגן אים פאַרפירן אַ פּראָצעס. ער האָט שוין אויף זיך געקוקט, ווי אויף אַ געשענדעטן, אַ רואינירטן, אַ פאַרלוירענעם ! און זיין פּאַנטאַזיע, פאַרפּלייצט דורך אומצייליקע השערות, האָט זיך געוויגט צווישן זיי, ווי אַ ליידיקע פאַס אויף ים-כוואַליעס.

עמע איז געזעסן אַנטקעגן אים און אים אָנגעקוקט ; זי האָט נישט גענומען קיין אַנטייל אין זיין נידערגעשלאָגנקייט, זי האָט געפילט עפּעס אַנדערש : וויאַזוי האָט זי געקענט טראַכטן, אַז אַזאַ מענטש האָט עפּעס אַ ווערט, פּונקט ווי זי וואָלט זיך שוין צוואַנציק מאָל נישט איבערגעצייגט, אַז ער איז אַ דורכשניטלעכער מענטש.

שאַרל האָט איצט אַרומגעשפּאַצירט אַהין און צוריק איבערן צימער. זיינע שטיוול האָבן געסקריפּעט אויף דער פּאָדלאָגע.

— זעץ דיך, — האָט זי געזאָגט, — דו רעגסט מיך אויף !

ער האָט זיך אַנידערגעזעצט.

ווי אַזוי קומט עס צו איר, אַז זי האָט געקענט נאָכאַמאָל אַזאַ טעות האָבן ? זי, אַזאַ פאַרנונפטיקע. איבעריקנס, וואָסער טרויערדיקע מאַניע האָט איר תּמיד גענייגט זיך צו פאַרדאַרבן דאָס לעבן מיט כּסדרדיקע קרבנות ? זי האָט זיך איצט דערמאָנט וועגן אירע אַלע ראַפינירטע תּאוות, וועגן די נויטן פון איר נשמה, וועגן דער דערנידערונג פון איר היירראַטס-לעבן, און באַלעבאַטישקייט ; זי האָט זיך דערמאָנט אין אירע טרוימען, וועלכע זענען אַראָפּגעשליידערט געוואָרן אין בלאָטע, ווי פאַרוווּנדעטע שוואַלבן ; זי האָט זיך דערמאָנט אָן אַלץ, צו וואָס זי האָט געשטרעבט, און פון וואָס זי האָט זיך אָפּגעזאָגט, אָן אַלץ, וואָס זי האָט געקענט האָבן ! און פאַרוואָס ? פאַר וועמען ?

צווישן דער שטילשווייגעניש, וואָס האָט געהערשט איבער׳ן שטעטל, האָט זיך דערהערט אַ האַרץ־רייסנדיקער געשריי. באָוואַרי איז בלאַס געוואָרן, אַז ער האָט שיער נישט געחלשט. מיט אַ נערוועזער באַוועגונג האָט עמע אָנגעכמורעט די ברעמען און ווייטער פאַרזונקען אין אירע געדאַנקען. און אַלץ פאַר אים, פאַר דערדאָזיקער בריאה — פאַר דעמדאָזיקן מענטשן, וואָס פאַרשטייט גאָרנישט, וואָס פילט גאָרנישט! ווייל, אָט זיצט ער זיך דאָ, גאַנץ רויק, נישט פאַרטראַכטנדיק זיך אַפילו, אַז זיין נאָמען איז פון איצט אָן פאַרפלעקט, פונקט ווי אירער. זי האָט נישט איינמאָל געמאַכט פּרוּוון אים צו ליבן, און אַפילו מיט טרערן אין די אויגן האָט זי חרטה געהאַט, וואָס זי האָט זיך אָן אַנדערן אָפּגעגעבן.

— אָבער אפשר איז דאָס געווען אַ וואַלגוס? — האָט מיטאַמאָל שאַרל אויסגערופן, וועלכער איז געווען פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען.

ביים שאָס פון דערדאָזיקער אומגעריכטער פראַזע, וועלכע איז געפאַלן אויף איר געדאַנק, ווי אַ בלייענע קויל אויף אַ זילבערנער טאַץ, האָט עמע אַ ציטער געטאָן, אויפגעהייבן דעם קאָפּ, כדי צו קענען פאַרשטיין, וואָס ער מיינט דערמיט און שטיל האָבן זיי זיך אָנגעקוקט, מאַכנדיק דעם איינדרוק ווי זיי וואָלטן געשטוינט צו זען איינער דעם צווייטן. — אַזוי זענען זיי טיף אין האַרצן געווען ווייט פון איינאַנדער! שאַרל האָט אויף איר געקוקט מיט אַ פאַרנעפּלטן בליק פון אַ שיכור, צוהערנדיק זיך, אין זיין פאַרגליווערונג, צו די לעצטע געשרייען פון אַמפּוטירטן, וועלכע האָבן זיך דערטראָגן מיט אויסגעצויגענע מאָדולאַציעס, איבערגעריסן פון צייט צו צייט מיט שאַרפע יאָמערן, פונקט ווי אַ ווייטע ריטשעריי פון עפּעס אַ חיה, וועלכער מען קוילעט. עמע האָט געביסן אירע בלאַסע ליפּן, און דרייענדיק אין האַנט אַ שטיקל קאַקטוס, וואָס זי האָט אָפּגעריסן, האָט זי אומבאַוועגלעך געקוקט אויף שאַרלען מיט איר שאַרפן בליק, פונקט ווי זי וואָלט אויף אים אָנגעצילט צוויי פייערדיקע פיילן. אַלץ אין אים האָט עמען איצט

אויפגערעגט: זיין פנים, זיין קאָסטיום, זיין שטילשווייגן, זיין גאַנצער וועזן. זי האָט חרטה געהאַט אויף איר פריערדיקער צניעות, פונקט ווי זי וואָלט דערמיט באַגאַנגען אַ פאַרברעכן און די רעשטלעך זענען איצט צעפלויגן געוואָרן אונטער די מורא־דיקע קלעפּ פון איר גאווה. זי האָט זיך איצט געקוויקט מיט אַלע בייזע איראָניעס, וואָס איר נצחונדיקער פאַרראַט האָט גורם געווען. די ערינערונגען פון איר געליבטן האָבן איצט אין איר אויפגעטויכט מיט אַ תאווהדיקער שיכּורות; זי האָט אים אָוועקגעגעבן איר נשמה, טראָגנדיק זיך צו דעמדאָזיקן געשטאַלט מיט אַ נייער התלהבות; און שאַרל האָט זיך איר איצט אויסגעוויזן אינגאַנצן אַ פרעמדער, אָפּגעריסן אויף תמיד פון איר, אינגאַנצן אויסגעמעקט, פונקט ווי ער וואָלט געהאַלטן ביים שטאַרבן און געגוסעט פאַר אירע אויגן.

אויפן טראָטואַר האָט זיך דערהערט אַ גערויש. שאַרל האָט אַרויסגעקוקט און דורך דער אַראָפּגערוקטער זשאַלוזע האָט ער אויפן מאַרק באַמערקט, ווי קאַניווע שטייט אויף דער זון און ווישט זיך דעם שטערן מיט אַ טיכל. הינטער אים האָט אַמע אין דער האַנט געטראָגן אַ גרויס רויט קעסטל; ביידע זענען געגאַנגען צו דער אַפּטייק.

באַהערשט דורך אַ פּלוצלונגער צאַרטקייט און פאַרצווייפּ־לונג, האָט זיך שאַרל אויסגעדרייט צו עמען, זאָגנדיק:

— טו מיר אַ קוש, מיין טייערע.

— לאָז מיך צורו! — האָט זי געזאָגט, רויט ווערנדיק פון כּעס.

— וואָס איז מיט דיר? וואָס איז מיט דיר? — האָט ער געחזרט אין גרויס שטוינונג. — באַרויק דיך, קום צו זיך!... דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז איך ליב דיך!... קום!...

— גענוג! — האָט זי אויסגערופן, באַקומענדיק אַ שרעק־לעכן אויסזען.

און אַרויסלויפנדיק פון זאַל, האָט עמע אַזוי שטאַרק צוגע־קלאַפּט די טיר, אַז דער באַראָמעטער איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד און צעפלויגן געוואָרן אויף שטיקלעך.

אַ צעחושטער האָט זיך שאַרף אַראָפּגעלאָזט אין זיין פּאָטעל; ס'איז מסתּם אַ נערוון־קרענק, האָט ער געטראַכט; ער האָט געווינט, פילנדיק אומבאַשטימט, ווי עפּעס אַן אומגליק וואָלט געהאָנגען איבער אים.

ווען ראָדאָלף איז ביינאַכט געקומען אין גאָרטן, האָט אים שוין זיין געליבטע אָפּגעוואַרט ביים גאַנעק, אויפן ערשטן טרעפּל. זיי האָבן זיך אַרומגענומען, און זייער גאַנצער כּעס איז צעשמאָלצן געוואָרן, ווי שניי, אונטער דער היץ פון זייערע קושן.

XII

זיי האָבן זיך אויפסניי אָנגעהייבן צו ליבן. גאַנץ אָפט פלעגט עמע אינמיטן טאָג אים שרייבן; נאָכדעם, דורך די שויבן, פלעגט זי מיט אַ סימן צורופן זשיסטענען, וועלכער פלעגט תּיכּף אויסטאָן זיין פאַרטוך און לויפן קיין לאַ־ הוּשעט. ראָדאָלף פלעגט קומען; זי האָט אים בלויז געוואָלט זאָגן, אַז ס'איז איר אומעטיק, אַז איר מאַן איז איר דערווידער און אַז דאָס לעבן איז איר פאַרמיאוסט געוואָרן!

— וואָס קען איך דיר העלפן! — האָט ער איינמאָל אויסגערופן, פאַרלירנדיק דאָס געדולד.

— אַך, ווען דו וואָלסט געוואָלט...

זי איז געזעסן אויף דער ערד, צווישן זיינע קני, די האָר צעפלויגט און דער בליק פאַרנעפּלט.

— נו, וואָס? — האָט ראָדאָלף געפרעגט.

זי האָט אַ זיפץ געטאָן.

— מיר וואָלטן צוזאַמען ערגעץ אַוועקגעפאָרן...

— דו ביזט אַראָפּ פון זינען! — האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכל. — צי איז דאָס מעגלעך?

זי האָט נאָכאַמאָל דערפון גערעדט; ער האָט זיך גע-
מאַכט כלא-ידע און האָט אָנגעהייבן צו רעדן וועגן עפּעס
אַנדערש.

ער האָט נישט געקענט משיג זיין, צו וואָס טויג די אַ צע
באַאומרויקונג אין אַזאַ פּשוטער זאַך, ווי ליבע. זי האָט געהאַט
אירע מאָטיוון, אירע סיבות, וועלכע האָבן פּונקט ווי געוועקט
אין איר די ליבע.

און באמת, דידאָזיקע צאַרטקייט איז געוואָקסן פון טאָג
צו טאָג, צוליבן עקל וואָס זי האָט געהאַט צו איר מאַן. וואָס
מער זי האָט זיך אָפּגעגעבן איינעם, אַלץ מער האָט זי פיינט
געקריגן דעם צווייטן; קיינמאָל האָט שאַרל אין אירע אויגן
נישט אויסגעוויזן אַזוי העסלעך, מיט זיינע פּירקאַנטיקע פינ-
גער, מיט זיינע שווערע געדאַנקען, מיט זיינע פּראָסטע מאַ-
ניערן, ווי בעת זי איז געבליבן איינע אַליין מיט אים נאָך
די באַגעגענישן מיט ראָדאָלפן. מאַכנדיק דעמאָלט דעם אָני-
שטעל פון אַ צנועהדיקער ווייב, פלעגט זי טיף אין האַרצן
זיך פאַנאַנדערהיצן ביי די זכרונות פון דעמדאָזיקן קאָפּ, וועמענס שוואַרצע האָר פלעגן זיך אַראָפּלאָזן אויפן שטערן, פון
דער פיגור, וועלכע איז געווען מעכטיק און עלעגאַנט, פון דעם
מענטשן, וועלכער האָט געהאַט אַזויפיל דערפאַרונג אין די
געדאַנקען און אַזוי אומבאַצוימט אין זיינע תאוות! פאַר אים
האָט זי געפיילט די נעגל מיט דער פינקטלעכקייט פון אַ
גראַווירער, און קיינמאָל האָט זי נישט געשמירט איר הויט
מיט אַזויפיל קאָלד-קרעם און געגאָסן אַזויפיל פּערפומס אויף
אירע נאָז-טיכלעך. זי האָט זיך באַהאָנגען מיט בראַנזאָלעטן,
מיט רינגען און מיט קאָליעס. ווען ער פלעגט דאַרפן קו-
מען, פלעגט זי אָנפילן מיט רויזן אירעביידע גרויסע וואַזעס
פון בלויען גלאָז, צוגרייטן איר חדר און זיך אַליין אויספּוצן
ווי אַ קורטיזאַנע, וואָס וואַרט אויף אַ פּרינץ. די דינסט האָט
כסדר געמוזט וואַשן וועש; און אַ גאַנצן טאָג האָט זיך פע-
ליסטע נישט אַרויסגערירט פון קיך, ווו דער קליינער זשיסטען
פלעגט זיצן לעבן איר און צוקוקן זיך ווי זי אַרבעט.

אָנגעלענט אויף אַ לאַנגן ברעט, אויף וועלכן זי האָט געפּרעסט, פלעגט זשיסטען מיט אַ דורשטיק אויג באַטראַכטן די אַלע פרויען־שמאָכטעס, וועלכע זענען געלעגן אַרום איר: לייוונטענע קליידער, קאָפּ־טיכלעך, קראַגנס. און דאַמען־פּאַנטאַלאָנען, ברייט אין די לענדן און שמאָל פון אונטן.

— צוואָס נוצט עס? — האָט געפרעגט דער יינגל, צורירנדיק זיך צו אַ קרינאָלינע אָדער צו די אַגראַפקעס.

— צי האָסטו עס קיינמאָל נישט געזען? — האָט מיט אַ שמייכל געפרעגט פעליסיטע, — מ׳קען מיינען, אַז דיין באַלעבאָסטע, מאַדאַם אָמע, טראָגט עס נישט!

— נו, יאָ, מאַדאַם אָמע!

און ער האָט מוסיף געווען מיט אַ פאַרטראַכטן טאָן:

— צי איז זי דען אַזאַ דאַמע, ווי דיין מאַדאַם?

אָבער פעליסיטען איז צוגעגעסן געוואָרן צו זען, ווי ער דרייט זיך אַזוי אַרום איר. זי איז געווען מיט זעקס יאָר עלטער פון אים, און בפרט, אַז טעאָדאָר, גיליאָמענס דינער האָט זיך אָנגעהייבן צוצורוקן צו איר.

— לאָז מיך צורו! — האָט זי געזאָגט, איבערשטעלנדיק דעם טאָפּ מיטן קראָכמאַל. — גיי בעסער שטויסן מאַנדלען; תּמיד האָסטו ליב זיך נאָכצושלעפּן נאָכן קליידל; וואַרט אונטער, עזות־פּנים איינער, ביז ס׳וועלן זיך ביי דיר באַווייזן אַ פּאָר האָר אויפן גאָמבע.

— נו, זייט נישט אין כעס, איך וועל אייך דערפאַר אויסרייניקן אירע שיך.

און תּיכּף האָט ער אַראָפּגענומען פון קאַמין עמעס שיך, ארומגעקלעפּט מיט בלאָטע, מיט בלאָטע פון די זוואַנגגען; די בלאָטע האָט זיך צעריבן אין שטויב צווישן זיינע פינגער און האָט זיך פּאַמעלעך געצויגן אין אַ זונען־שטראַל.

— ווי מורא דו האָסט, זאָלסט זיי נישט קאַליע מאַכן! — האָט געזאָגט די דינסט, וועלכע פלעגט זיך מיט זיי נישט צערעמאָניען, ווייל די מאַדאַם פלעגט איר זיי אָפּגעבן, ווי נאָר זיי פלעגן ווערן עטוואָס אָפּגענוצט.

עמע האָט געהאַט אַ פולע שאַפע מיט שיך, וועלכע זי־ פלעגט כסדר פטרן, און שאַרל האָט זיך צומאָל נישט דער־ לויבט איר צו מאַכן די קלענסטע באַמערקונג.

ער האָט אויך באַצאָלט דרייהונדערט פראַנק פאַר אַ הילצערנעם פוס, וועלכן זי האָט באַשלאָסן צו שענקען היפּאָליטן. דאָס האָלץ איז געווען אויסגעבעטע מיט קאָרעק, האָט געהאַט ספרענזשינע־געלענקן, — אַ קאָמפּליצירטער מעכאַניזם, באַצויגן מיט אַ שוואַרצן הויז, און פאַרענדיקט מיט אַ לאַקירטן שוך. אָבער היפּאָליט האָט בײַ זיך נישט געקענט פועלן יעדן טאָג אָנצוטאָן אַזאַ שיינעם פוס, האָט ער געבעטן דער מאַדאַם באָ־ וואַרי, זי זאָל אים געבן אן אנדערן, אין וועלכן ער וועט זיך בעסער פילן; ס'פאַרשטייט זיך, אַז דער דאָקטאר האט פאַר דעם פוס אויך באַצאָלט.

דער פערד-משרת האָט זיך ביסלעכווייז צוריקגעקערט צו זיין נאָרמאַלער אַרבעט. פונקט ווי פריער פלעגט מען אים זען אַרומלויפן אין שטאָט, און ווען שאַרל פלעגט פונדערווייטנס דערהערן די קלאַפּעריי פון זיין הילצערנעם פוס, פלעגט ער שנעל זיך אַוועקדרייען אין אַן אַנדער ריכטונג.

צוצושטעלן דעם פוס האָט זיך אונטערגענומען דער סוחר לערע; דאָס האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט אריינצוקומען צו דער פרוי באָוואַרי. ער האָט מיט איר געשמועסט וועגן די פּאַריזער נייסן, וועגן טויזנטער פרויען־קלייניקייטן. ער איז געווען זייער העפלעך און קיינמאָל נישט געבעטן קיין געלט. עמע האָט זייער לייכט געקענט באַפרידיקן אירע אַלע קאַפּריזן. ס'האָט זיך איר, למשל, פאַרוואָלט צו שענקען ראָדאָלפן אַ מתנה — זייער אַ שיינעם שפּיצרוט, וואָס זי האָט געזען אין רואַן, אין אַ שירעם־געשעפט. אין אַ וואָך אַרום האָט לערע געבראַכט דעם שפּיצרוט און אים אַוועקגעלייגט פאַר איר אויפן טיש.

אָבער אויפן צווייטן טאָג האָט ער איר צוגעשטעלט אַ חשבון אויף אַן ערך פון צווייהונדערט זיבעציק פראַנק מיט סאַנטימען. עמע איז געווען אין אַ שווערער לאַגע: אַלע שופ־

לאָדן פון איר טיש זענען געווען פּוסט. לעסטיבודואַ זענען זיי געווען שולדיק פאַר צוויי וואָכן; דער דינסט האָבן זיי נישט געהאַט באַצאָלט פאַר אַ האַלב יאָר; חוצדעם, האָבן זיי נאָך געהאַט אַ סך אַנדערע חובות, און באָוואַרי האָט מיט אומגעדולט געוואַרט אויף געלט פון דע-ראָזערן, וועלכער פלעגט אים צאָלן יעדעס יאָר, אינם טאָג פון הייליקן פּעטער.

צוערשט האָט זי לערען אָפּגעשלעפּט מיטן געלט; אָבער ענדלעך, האָט ער פאַרלוירן די געדולט. מען האָט פון אים אויך געפאָדערט, זיינע קאַפּיטאַלן זענען געווען אין אומגאַנג, און אויב ער וועט עפּעס נישט באַקומען אויפן חוב, וועט ער זיין געצוווּנגען אָפּצונעמען צוריק די זאַכן.

— טאָ נעמט זיי אייך! — האָט עמע געזאָגט.

— איך שפּאַס! — האָט ער אָפּגעענטפערט. ס׳איז מיר בלויז אַ שאָד דעם שפּיצרוט. דאָס וועל איך זיכער אָפּבעטן צוריק ביים הער.

— ניין! ניין! — האָט זי אויסגערופן.

— איך האָב זי געפּאַקט! — האָט לערע געטראַכט.

און, צעפרידן מיט זיין איינפאַל, איז ער אַרויס, חזרנדיק אינדערשטיל און צופייפנדיק, ווי געוויינלעך:

— גוט! מיר וועלן שוין זען.

זי האָט זיך פאַרטראַכט וויאַזוי זיך אַרויסצודרייען פון דעמדאָזיקן ענין, ווי מיטאַמאָל איז אַריינגעקומען די דינסט און אַוועקגעלייגט אויפן קאמין א קליין פּעקל, פארפּאַקט אין בלויען פּאַפּיר, פון הער ד ע - ר אָ ז ע ר ע. עמע האָט שפּרונג געטאָן און עס אויפגעעפנט. ס׳איז דאָרט געלעגן פופצן גאָלד-שטיקלעך. אַזויפיל האָט געקוסט. זי האָט דערהערט שאַרלס טריט אויף די שטיגן; זי האָט אַריינגעוואָרפן דאָס גאָלד אין טיש-קעסטל און עס פאַרשלאָסן.

אין דריי טעג אַרום איז לערע ווידער געקומען.

— איך האָב פאַר אייך אַ פאָרשלאַג, — האָט ער געזאָגט — אויב אָנשטאָט דער סומע, וואָלט איר אפשר מוחל געווען...

— אָט האָט איר אייער געלט, — האָט זי געזאָגט, אַריינרוקנדיק אים אין האַנט פערצן נאַפּאָלעאָן-מטבעות.

דער סוחר איז דערשטוינט געוואָרן. כדי צו פאַרבאָרגן זיין אַנטוישונג, האָט ער זי טויזנט מאָל איבערגעבעטן, פאַרגעלייגט זיינע דינסטן, פון וועלכע עמע האָט זיך אָפּגעזאָגט. נאָכדעם איז זי געבליבן שטיין עטלעכע רגעס, טאַפּנדיק אין קעשענע פון איר פאַרטוך די צוויי מטבעות צו הונדערט סו, וועלכע זי האָט באַקומען אַ רעשט. זי האָט באַשלאָסן זיי איינצושפּאָרן, כדי דערנאָך אומצוקערן דאָס געלט...

— באַ, האָט זי געטראַכט, ער וועט זיך פון זיי נישט דערמאָנען.

אויסער דעם שפּיצרוט מיט דעם באַגילטן הענטל, האָט ראָדאָלף באַקומען אַ שטעמפּל מיטן אויפשריפט: amor nel cor, אַ שאַליק צו טראָגן אויפן האַלדז און, ענדלעך, אַ פּאָרטסיגאַר, פּונקט אַזעלכן, ווי שאַרל האָט אַמאָל געפונען אויפן וועג, און עמע האָט פאַרבאַהאַלטן. אָבער די אַלע מתנות האָבן אים אַראָפּגעשלאָגן פון מוט. ער האָט זיך פון עטלעכע אָפּגעזאָגט; זי איז צוגעשטאַנען און ראָדאָלף האָט, ענדלעך, נאָכגעגעבן, איינגעפינענדיק, אַז זי איז צו דעספּאָטיש און שטאַרק פאַרפעקשנט.

נאָכדעם פלעגן איר אָפט אַריין אין קאָפּ מאָדנע געדאַנקען:

— ווען דער זייגער וועט קלינגען אויף האַלבע נאַכט, זאָלסטו דיך אָן מיר דערמאַנען!

און אויב ער האָט זיך מודה געווען, אַז ער האָט פון איר נישט געטראַכט, פלעגט זי אים באַשיטן מיט פאָרוווּרפן, וועלכע פלעגן זיך תמיד פאַרענדיקן מיטן זעלבן פּזמון:

— דו האָסט מיך ליב?

— יאָ, איך האָב דיך ליב, — פלעגט ער ענטפערן;

— שטאַרק?

— זייער.

— דו האָסט קיינעם נישט געליבט?

— דו מוזט אפשר מיינען, אַז דו האָסט געפּאַקט אַן אומשולדיק ייִנגל? — פלעגט ער אויסרופן מיט אַ געלעכטער.

עמע פלעגט וויינען, און ער פלעגט זיך פאַרענטפערן, געפּרוּווט זי באַרויקן מיט זיינע קאַלאַמבורן.

— אַך, איך האָב דאָך דיך זייער ליב! — פלעגט זי זאָגן. — דו ווייסט, איך האָב דיך אַזוי ליב, אַז איך קען נישט לעבן אָן דיר. צייטנווייז וויל איך דיך אַזוי שטאַרק זען, אַז מיין ליבע ברענט פון כעס. איך פרעג זיך אַליין: „וווּ איז ער? אפשר רעדט ער מיט אַנדערע ווייבער? זיי שמייכלען צו אים, ער דערנענטערט זיך צו זיי...“ אַך! ניין! קיין איינע געפעלט דיר נישט? ס'זענען דאָ שענערע פון מיר, אָבער איך קען בעסער ליבן! איך בין דיין דינסט און דיין געליבטע! דו ביזט מיין מלאך, מיין אָפּגאָט! דו ביזט גוט! דו ביזט שיין! דו ביזט קלוג! דו ביזט שטאַרק!

ער האָט אַזויפיל מאָל אויסגעהערט ריידן די־דאָזיקע זאַכן, אַז זי האָט אים שוין קיין שום נייס נישט געקענט דערציילן. עמע איז געווען ענלעך צו זיינע אַלע געליבטע, און דער רייץ פון נייס האָט זיך אָפּגעריבן, ווי אַ בגד און האָט אַנטבלויזט די אייביקע תאווה־איינטאָניקייט, וואָס האָט תמיד דיזעלבע פאָרמען און דיזעלבע שפּראַך. דערדאָזיקער פּראַקטישער מענטש האָט נישט געקענט פאַנאַנדערשיידן געפילן פון ווערטער. ווייל די אויסגעלאַסענע און פאַרקויפטע ליפּן האָבן אים תמיד געשושקעט ענלעכע פראַזן, און ער האָט קיינמאָל נישט געגלויבט אין זייער אויפריכטיקייט; דערפון האָט ער געטראַכט, דאַרפן אַראָפּגערעכנט ווערן די איבערגעטריבענע פראַזן, אונטער וועלכע ס'זענען פאַרבאָרגן דורכשניטלעכע געפילן; ווי השתפחות־הנפש דריקט זיך טיילמאָל אויס אין פוסטע מעטאַפאָרן, היות קיינער קען קיינמאָל נישט געבן די גענויע מאָס פון זיינע באַדערפעניש, פון זיינע געדאַנקען, פון זיינע ליידן, ווייל דאָס מענטשלעכע וואָרט איז ווי אַ צעפּלאַצטער קעסל, אויף וועלכן מיר

קלאַפּן אויס מעלאָדיעס, כּדי בערן זאָלן טאַנצן דעמאָלט, ווען מיר וואָלטן געוואָלט רירן די שטערן.

אָבער מיט דערדאָזיקער קריטישער אויבערוואָג, וואָס באַזיצט יעדער איינער, וועלכער האַלט זיך אָפּ פון פאַרשידענע התחיבותן, האָט ראָדאָלף זיך אַרומגעזען, אַז פון דער ליבע קען מען אַרויסציען אַנדערע תּענוגים. ער האָט באַשלאָסן, אַז חרפּה האָט דאָ קיין שום אָרט נישט. ער האָט זיך אויפגעהערט מיט איר צו צערעמאָניען. ער האָט פון איר געמאַכט אַ בויגעוודיקע אויסגעלאַסענע זאַך. ס׳איז געווען אַ מין אידיאָטישע צובינדונג, פול מיט אַנטציקונג פאַר אים, מיט תּאווה פאַר איר, — אַ גליק, וואָס האָט זי פאַרטעמפּט; און איר נשמה האָט געזונקען אין דערדאָזיקער שיכּרות און האָט זיך דאָרט געטרונקען, אַן אויפגעקאָרטשעטע, ווי דער הערצאָג קלאַרענס אין זיין פאַס מיט מאַלוואַזע-וויין.

אונטערן איינפלוס פון דידאָזיקע תּאווה-געוווינהייטן, האָט זיך מאַדאַם באָוואַרי פולשטענדיק פאַרענדערט. אירע בליקן זענען געוואָרן דרייסטער, אירע שמועסן פרייער; זי האָט זיך אַפילו דערלויבט צו שפּאַצירן מיט ראָדאָלפן מיט אַ פּאַפּיראָס אין מויל, פּונקט ווי זי וואָלט געפּייפט אויף דער גאַנצער וועלט. ענדלעך, די, וועלכע האָבן נאָך געספקט, האָבן אויפגעהערט צו צווייפלען, ווען זיי האָבן איינמאָל דערזען, ווי זי שטייגט אַרויס פון „שוואַלבּ" אין אַ מענער-וועסט; און די מאַמע-באָוואַרי, וועלכע איז נאָך אַ שרעקלעכער סצענע מיט איר מאַן, געקומען צו לויפן צו איר זון, איז געווען נישט ווייניקער פון אַנדערע בירגער אויפגערעגט. ס׳זענען איר נאָך אַ סך אַנדערע זאַכן נישט געפעלן געוואָרן: צום ערשט, וואָס שאַרל האָט נישט גענומען אין באַטראַכט אירע עצות און ער האָט עמען נישט פאַרווערט צו לייענען פאַרשידענע ראָמאַנען; נאָכדעם, די הנהגה אין שטוב האָט איר שטאַרק נישט געשמעקט; זי האָט זיך דערלויבט צו מאַכן עטלעכע באַמערקונגען, און איינמאָל האָט מען זיך אַפילו צעקריגט צוליב פעליסיטען.

איינמאָל אינאָוונט, פאַרבייגייענדיק דורכן קאָרידאָר, האָט די מוטער־באָוואַרי באַמערקט פעליסיטען אין דער געזעלשאַפט פון אַ יונגנמאַן מיט אַ שוואַרצן קראַגן, אין דער עלטער פון אַ יאָר פערציק, וועלכער האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון קיך, ווי נאָר ער האָט דערהערט אירע טריט. דעמאָלט האָט זיך עמע פאַנאַנדערגעלאַכט; אָבער די זקנה האָט זיך צעקאָכט, טענהנדיק, אַז אויב אַפילו מען האַלט נישט פון קיין גוטע זיטן, דאַרף מען דאָך אויף אַ דינסט אויך אַכטונג געבן.

— וואָס איז דער יחוס מיט אייך? — האָט אַ פרעג געטאָן די שנור מיט אַזאַ העזהדיקן בליק, אַז די אַלטע באָ־וואַרי האָט געהאַט אַ חשד, צי זי פאַרטיידיקט אַמאָל נישט זיך אַליין.

— גייט פונדאַנען! — האָט אַ געשריי געטאָן די יונ־גע פרוי, אויפשפרינגענדיק פון אָרט.

— עמע!... מאַמעלע!... — האָט שאַרל אויסגערופן, וועלנדיק זיי באַרויקן.

אָבער זיי זענען ביידע אַנטלאָפן געוואָרן אויפגערעגטע. עמע האָט געטופעט מיט די פיס, חזרנדיק:

— אַך, ס'אַראַ דערציונג! ס'אַראַ פויערטע!

ער איז צוגעלאָפן צו זיין מאַמען; זי איז אַרויס פון די כלים און געשטאַמלט:

— ס'אַראַ חוצפה! אַ פוסטע פרוי! אפשר נאָך ערגער!

און זי האָט געוואָלט תיכף אַוועקפאָרן, אויב עמע וועט נישט קומען בעטן ביי איר מחילה. שאַרל איז אַוועקגעלאָפן צו זיין ווייב, בעטנדיק זי זאָל נאָכגעבן. ער האָט זיך גע־שטעלט אויף די קני; ענדלעך, האָט זי אָפּגעענטפערט:

— גוט! איך גיי.

און באמת, זי האָט אויסגעשטרעקט די האנט דער שווי־גער, מיט דער חשיבות פון אַ מאַרקיזין, זאָגנדיק:

— זייט מיר מוחל, מאַדאַם.

נאָכדעם, קומענדיק צו זיך אין צימער, האָט זיך עמע אַ שליידער געטאָן מיטן בויך אַראָפּ, ביי זיך אין בעט און

האט געוויינט ווי אַ קינד, פאַרשטעקנדיק דעם קאָפּ אין קישן.

עמע מיט ראָדאָלפן האָבן אָפּגערעדט צווישן זיך, אַז מאָ־מער טרעפט עפּעס, וועט זי צושטעקן צו אַ פאָרהאַנג אַ שטיקל ווייס פּאַפּיר, און אויב ער וועט צופעליק זיין אין יאָנוויל, זאָל ער קומען צו לויפן אין געסל, הינטערן הויז. עמע האָט דערלאַנגט דעמדאָזיקן סיגנאַל; זי האָט געוואַרט דריי־פערטל שעה, ווי מיטאַמאָל האָט זי באַמערקט ראָדאָלפן לעבן מאַרק. זי האָט אויפגעעפנט דאָס פענסטער, כדי אים צו רופן; אָבער ער איז שוין נישט געווען. זי איז אַנידערגעפאַלן פון גרויס פאַרצווייפלונג.

דאָך האָט זיך איר תיכף אויסגעוויזן, אַז מען גייט אויפן טראָטואַר. דאָס איז ער, בלי ספק; זי איז אַראָפּ פון די שטיגן, דורכגעלאָפן דעם הויף. דאָס איז ער טאַקע געווען. זי האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין זיינע אָרעמס.

— פאָרזיכטיק, — האָט ער געזאָגט.

— אַך! ווען דו וואָלסט וויסן! — האָט זי זיך אָנגערופן.

און זי האָט אים אָנגעהייבן צו דערציילן אַלץ אינדער־שנעל, און אָן אַ שום סדר; זי האָט איבערטריבן די פאַקטן אויסגעטראַכט אַזוינס, וואָס ס'איז נישט געווען, זיך אַליין דער־ביי אַזוי פאַרפלאָנטערט, אַז ער האָט גאָרנישט געקענט פאַרשטיין.

— נו, מיין אָרעמער מלאכל, האָב מוט, באַרויק דיך, האָב געדולט!

— שוין פיר יאָר האָב איך אַזוי געדולט און לייד!... שוין צייט, אַז אַזאַ ליבע, ווי אונדזערע, זאָל ווערן אויפגעדעקט פאַר אַלעמען! זיי ווילן מיך פאַרמאַטערן! איך וועל עס נישט אויסהאַלטן! ראַטעווע מיך!

זי האָט זיך געדריקט צו ראָדאָלפן. אירע אויגן, פול מיט טרערן, האָבן געפינקלט, ווי פייערלעך אויפן וואַסער; איר ברוסט האָט זיך שנעל באַוועגט; קיינמאָל האָט ער זי אַזוי שטאַרק נישט געליבט; ער האָט אויף אַזויפיל פאַרלוירן דעם קאָפּ, אַז ער האָט געזאָגט: — וואָס זאָל מען טאָן? וואָס ווילסטו?

— פיר מיך אַוועק! — האָט זי אויסגעשריען. — פֿאָר מיך אַוועק!... אַך! איך בעט דיך!

און זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו זיין מויל. פּונקט ווי מיט קושן וואָלט זי געוואָלט אַרויסרייסן זיין הסכּמה.

— אָבער... — האָט ראָדאָלף אַ שטאַמל געטאָן.

— וואָס איז?

— און דיין מיידעלע?

זי האָט אַ טראַכט געטאָן עטלעכע רגעס, נאָכדעם אָפּגעענטפערט:

— מיר וועלן זי מיטנעמען.

— ס׳אַראַ פרוי, — האָט ער צו זיך געזאָגט, קוקנדיק, ווי זי גייט אַוועק.

זי איז אַריין אין גאָרטן. מען האָט זי גערופן.

אין די נעכסטע טעג איז די אַלטע באָוואַרי געווען שטאַרק פאַרוואונדערט מיט דער ענדערונג פון איר שנור. און באמת, עמע איז געוואָרן ווייכער; זי איז אַזוי ווייט אַוועק מיט איר העפלעכקייט, אַז זי האָט זיך געווענדעט צו דער אַלטער נאָך אַ מיטל, צו מאַרינירן אוגערקעלעך.

צי האָט זי עס געטאָן, כּדי צו קענען בעסער אָפּנאַרן ביידן? אָדער אפשר דורך אַ מין תּאוּוהדיקן סטאָיציזם האָט זי געוואָלט שטאַרקער פילן דעם ביטערן מצב וואָס זי האָט ביים פאַרלאָזן? זי האָט אָבער איצט קיין אַכט נישט געלייגט דערויף; אדרבה, זי איז געווען פאַרזונקען אינם תּענוג פון צוקונפטיקן גליק. זי האָט כּסדר דערפון גערעדט מיט ראָדאָלפן. אָנגעלענט אויף זיין אַקסל, פלעגט זי שושקען:

— נו, ווען וועלן מיר זיך שוין אַריינזעצן אין דער פּאָסט-קאַרעטע?... צי טראַכטסטו דערפון? צי איז עס מעגלעך? מיר דאַכט זיך, אַז מיטן מאָמענט, ווען די קאַרעטע וועט זיך רירן, וועל איך פילן, ווי מיר הייבן זיך אויף אויף אַ לופט-באַלאָן, ווי מיר פליען צו די וואָלקנס. צי ווייסטו, אַז איך צייל די טעג?... און דו?

קיינמאָל איז מאַדאַם באָוואַרי נישט געווען אַזוי שיין, ווי

אין דידאַקטישע טעג; זי האָט געהאַט אַ מין אומבאַשטימטע שיינ־
קייט, וואָס ס'איז אַ פועל־יוצא פון פרייד, פון התלהבות, פון דער־
פאָלג, אַ האַרמאָניע פונם טעמפּעראַמענט מיט דער אַרומיקער סביבה.
אירע תּאוות, אירע דאגות, די דערפאַרונג אין תּענוגים און אירע
אייביק־יונגע אילוזיעס האָבן אויף איר געהאַט אַזאַ פּעולה, פּונקט
ווי מיסט, רעגן, ווינט, און זון האָבן אַ פּעולה אויף דער אַנטוויק־
לונג פון בלומען. זי האָט זיך, ענדלעך, פאַנאַנדערגעבליט אין
איר פולן פּראַכט. אירע לעפלעך זענען געווען ווי אויסגעשניטן,
פאַר אירע לאַנגע ליבע־בליקן, ווי ס'האָבן זיך פאַרבאָרגן אירע
שוואַרצאַפּלען; אירע דינע נאָזלעכער פלעגן זיך אָנבלאָזן פון
די תּאַוודיקע הויכן, און ס'פלעגן זיך אונטערהייבן די עקן פון
אירע מאַלינאָווע ליפּן, וועלכע זענען געווען באַשאָטנט מיט אַ
שוואַרצלעכן פוך. מען האָט געקענט מיינען, אַז אַ געשיקטער מאָ־
לער, באַהאַוונט אין אויסגעלאַסנקייט, די האָר אויף איר נאַקן;
זיי זענען געווען אויפגעדרייט אין אַ געדיכטער מאַסע, צעוואָרפן
לויט די קאַפּריזן פון איר תּאווה, וועלכע פלעגן זיי יעדער טאָג
פאַנאַנדערלאָזן. איר שטימע האָט באַקומען ווייכערע בייגונגען
און אויך איר טאַליע; עפּעס אַ צאַרטע זאַך, וואָס דרינגט
אייך דורך, האָט זיך אויסגעטיילט פון די פאַלדן פון איר קלייד
און פונעם אויסבויג פון איר פוס. שאַרל האָט באַמערקט, אַז זי
איז אַזוי פּרעכטיק, ווי אין די ערשטע טעג נאָך דער חתונה.

ווען ער פלעגט קומען שפּעט אַהיים, פלעגט ער נישט
וואַגן זי אויפצוועקן. דאָס פּאָרצעלייען־לעמפּעלע האָט גע־
וואָרפן אויפן סופיט אַ ליכטיקן קיילעכדיקן רינג, וואָס פלעגט
שוואַנקען, און קוקנדיק אויף די פאָרהאַנגען פונם וויגעלע, האָט
מען באַקומען דעם איינדרוק, ווי אַ ווייס כאַטקעלע וואָלט זיך אינם
שאָטן געדריקט צום בעט. שאַרל פלעגט קוקן אויף ביידן,
ס'פלעגט זיך אים אויסדאַכטן, אַז ער הערט דאָס לייכטע אָטע־
מען פון זיין קינד. איצט וואַקסט עס שנעלער; יעדע תּקופה
אַנטוויקלט עס אַלץ מער און מער. ער האָט זיך שוין פאָרגע־
שטעלט ווי זיין מיידעלע קומט אָוונטצייט צוריק פון שולע,
אַ לאַכנדיקע, אין אַ פאַרטוכל, באַפלעקט מיט טינט, טראָגנדיק

אַ קערבעלע אין דער האַנט; נאָכדעם וועט מען דאַרפֿן איר אָפּ=
געבן אין אַ פּענסיאָן, דאָרט וועט קאָסטן אַ סך געלט; וואָס
וועט ער דעמאָלט טאָן? ער האָט געטראַכט. ער האָט געטרוימט
צו דינגען אַ קליינע פֿערמע אין די אַרומיקע סביבות, מיט
וועלכער ער וועט זיך אַליין אָפּגעבן יעדן פֿרימאָרגן פֿאַרן
אַוועקגיין צו די קראַנקע. ער וועט אָפּשפּאָרן פֿון די הכנסות
אָפּלייגנדיק דאָס געלט אין שפּאָר=קאַסע; שפּעטער וועט ער
קויפֿן אַקציעס, נישט וויכטיק, וועלכע; אויסערדעם וועט זיך זײַן
פּאַציענטור פֿאַרגרעסערן. ער האָט דערויף שטאַרק גערעכנט,
ווײַל ער האָט געוואָלט געבן זיין טאָכטער אַ גוטע דערציונג,
ס'זאָלן זיך בײַ איר אַרויסווייזן טאַלאַנטן, זי זאָל שפּילן פּיאַנע.
אַך! ווי שיין זי וועט זיין שפּעטער, ווען זי וועט אַלט ווערן
פֿופֿצן יאָר — ווײַל זי איז דאָך ענלעך צו איר מאַמען —
זי וועט זומערצייט טראָגן פּונקט אַזעלכע גרויסע שטרויענע היט,
ווי זי! פֿונדערווייטנס וועט מען זיי אָננעמען פֿאַר צוויי שוועס=
טער. ער האָט זיך פֿאָרגעשטעלט, ווי בערטע אַרבעט אָוונטצייט,
לעבן זיי, בײַ אַ לעמפּל; זי האַפּטעוועט אויס פּאַנטאָפֿל; זי
פֿילט אָן די גאַנצע שטוב מיט איר פּראַכט, מיט איר פֿריי=
לעכקייט. ענדלעך, וועלן זיי אָנהייבן טראַכטן פֿון איר גורל:
מען וועט פֿאַר איר אויסזוכן אַ גוטן, פֿאַרמעגלעכן יונג; ער
וועט זי גליקלעך מאַכן; דאָס וועט זיך קיינמאָל נישט ענדיקן.

עמע פֿלעגט נישט שלאָפֿן, זי פֿלעגט מאַכן דעם אָנשטעל,
ווי זי שלאָפֿט; און בעת ער פֿלעגט לעבן איר אײַנדרעמלען,
פֿלעגט זי טרוימען וועגן פֿאַרשידענע אַנדערע זאַכן.

שוין אַ גאַנצע וואָך טראָגט זי זיך אין אַ קאַרעטע מיט
פֿיר פֿערד אין נייע לענדער, פֿונוואַנען זי וועט זיך שוין
קיינמאָל נישט צוריקקערן. אַרומגענומענערהייט, טראָגן זיי זיך
אַלץ ווייטער און ווייטער און שווייגן. צייטנווייז באַמערקן זיי
פּלוצלונג פֿון אַ הויכן באַרג עפּעס אַ שיינע שטאָט מיט קו=
פּאָלן, בריקן, שיפֿן, ציטרין=וועלדער, ווייס־מאַרמאַרנע קאַטעד=
רעס מיט באָטשאַן=נעסטן אויף די טורעם=גלאָקנס. די פֿערד
גייען טריט בײַ טריט אויף די גרויסע פּליטן, און אויף דער

ערד זענען אויסגעשפרייט בוקעטן בלומען, וואָס די פרויען אין רויטע קאָרסעטן פארקויפן. מען הערט ווי גלאָקן קלינגען, ווי ס'הירזשען מויל־אייזלען; מען הערט אַ קלאַפעריי פון גיטאַרעס און אַ געריש פון פאָנטאַנען, וועמענס שפריצעריי פרישט אָפּ די פּירות, איינגעשטעלטע אין פּיראַמידן, צופוסנס פון ווייסע סטאַטועס, וואָס שמייכלען אונטער די וואַסער־שפריצן. אָט, קומען זיי אַריין איינמאָל אינאָוונט אין אַ דאָרף פון פישער, ווו ס'טריקענען זיך אויפן ווינט שוואַרצע נעצן, לעבן פעלזן און כאַטקעס. זיי בלייבן דאָרט וווינען. זיי וווינען אין אַ קליין הייזעלע מיט אַ פלאַכן דאַך, אונטערן שאָטן פון אַ הויכער פּאַלמע, טיף אין אַ גאָלף, אויפן ברעג פון ים. זיי פאָרן אַרום אין אַ גאָנדאָלע, זיי הוידען זיך אין אַ האַמאַק; און זייער לעבן איז אַזוי לייכט און רחבותדיק, ווי זייערע זיידענע קליידער, אַזוי וואַרעם און באַזייט מיט שטערן, ווי די צאַרטע נעכט, אין וועלכע זיי זענען פאַרזונקען. אָבער אויפן אומענדלעכן שטח פון דערדאָזיקער צוקונפט, וואָס זי האָט זיך געשילדערט אין איר פאַנטאַזיע, האָט זי קיין שום אויסערגעוויינלעכס נישט געזען: די טעג, אַלע שיינע, זענען ענלעך צו זיך, ווי וועלן; און דאָס אַלץ באַוועגט זיך אויפן האָריזאָנט, אויפן אָנסופיקן האַרמאָנישן, בלוילעכן האָריזאָנט איינגאַנצן פאַרטרונקען אין דער זון. אָבער אָט הייבט אָן דאָס קינד צו הוסטן אינם וויגעלע, אָדער באָוואַרי שנאָרכט שטאַרקער; און עמע פלעגט אַנטשלאָפן ווערן ערשט באַגינען, ווען דער מאָרגנשטערן פלעגט אַריינקוקן אין פענסטער און ווען דער קליינער זשיסטען פלעגט אויפן מאַרק אויפעפענען די לאָדנס פון אַפּטייק.

זי האָט גערופן לערען און צו אים געזאָגט:

— איך וועל דארפן אַ מאַנטל, אַ גרויסן מאַנטל, מיט אַ גרויסן קאָלנער, אויף אונטערשלאַק.

— איר פאָרט אַוועק? — האָט ער געפרעגט.

— ניין! אָבער... ס'איז נישט וויכטיק; איך רעכן אויף אייך, נישט אמת? מאַכט עס וואָס שנעלער!

ער האָט זיך פאַרנייגט.

— איך וועל נאָך אויך דאַרפן אַ קופער... נישט קיין שווערן... אַ גרוימען.

— יאָ, יאָ, איך פאַרשטיי. אומגעפער צוואַנציק סאַנטי־מעטער די לענג, פופציק די ברייט, לויטן היינטיקן פאַסאָן.

— און אַ רייזע־זאַק.

— בײַ ספק קריגט מען זיך דאָרט, — האָט לערע געטראַכט.

— און אָט נאָט אייך, — האָט מאַדאַם באָוואַרי געזאָגט, — אַרויסציענדיק איר זייגער פון פאַסעק, — נעמט עס אייך, דער־פון וועט איר האָבן אויף הוצאות.

אָבער דער קרעמער האָט געענטפערט, אַז זי באַליידיקט אים; זיי קענען זיך דאָך שוין נישט פון היינט; צי האָט ער נישט קיין צוטרוי צו איר? ס'אַ שטותעריי! זי איז צוגעשטאַנען, ער זאָל כאָטש נעמען דאָס קייטעלע, און ווען לערע איז אוועקגעגאַנגען, אַריינלייגנדיק דאָס קייטעלע אין קע־שענע, האָט זי אים ווידער גערופן.

— איר זאָלט אַלץ לאָזן בײַ זיך. וואָס שייך דעם מאַנטל, — זי האָט זיך כלומרשט פאַרטראַכט, — ברענגט אים נישט; איר וועט מיר נאָר געבן דעם אַדרעס פון שניידער און אים מעלדן, ער זאָל אים האַלטן גרייט פאַר מיר.

דעם נעכסטן חודש האָבן זיי שוין געדאַרפט אַנטלויפן. זי וועט אַוועקפאָרן קיין רואַן, כלומרשט איינצוקויפן. ראָדאָלף וועט באַשטעלן פלעצער, וועט שאַפן פאַספּאָרטן און וועט אַפילו שרײַבן קיין פּאַריז, אַז זיי פאָרן דירעקט קיין מאַרסעל, וווּ זיי וועלן קויפן אַ קאָטש און נישט אָפּגעשטעלט זיך וועלן זיי אַוועק קיין גענוע. זי וועט איבערשיקן אירע זאַכן צו לערען, וועלכער וועט זיי איבערשיקן אויף דער „שוואַלב", אַזוי, אַז קיינער וועט אַפילו קיין חשד נישט האָבן. און בײַ דעם אַלעם האָט זי קיינמאָל מיט קיין איינציק וואָרט נישט דערמאַנט וועגן איר קינד. ראָדאָלף האָט דערפון נישט גע־רעדט; אפשר האָט זי אויך גאָרנישט געטראַכט.

ער האָט געבעטן אָפּלייגן זיין נסיעה אויף צוויי וואָכן צייט, כּדי צו פֿאַרענדיקן עטלעכע דרינגענדע זאַכן; נאָכדעם, אין אַ וואָך אַרום האָט ער געבעטן נאָך צוויי וואָכן, און שפּע־טער איז ער גאָר קראַנק געוואָרן. אַז ער איז געזונט געוואָרן, איז ער אין ערגעץ אוועקגעפאָרן; אַזוי איז אַריבער דער חודש אויגוסט, ביז זיי האָבן ענדלעך באַשטימט דעם לעצטן טערמין אויף מאָנטיק דעם 4-טן סעפּטעמבער.

ענדלעך, איז געקומען דער שבת, ערב זייער אוועקפאָר. ראָדאָלף איז געקומען אינאָוונט, פריער ווי געוויינלעך.

— אַלץ איז גרייט? — האָט זי געפרעגט.

— יאָ.

און פאַרבייגייענדיק לעבן אַ בלומען-קלומבע, האָבן זיי זיך אַניִדערגעזעצט צופוסנס פון דער טעראַסע, אויפן אַרויסטריט פון דער וואַנט.

דו ביזט אומעטיק? — האָט עמע געפרעגט.

— ניין, פאַרוואָס מיינסטו אַזוי?

און ער האָט אויף איר אַ קוק געטאָן מיט אַ מאָדנעם בליק, מיט אַ מין צערטלעכקייט.

— דאָס איז דערפאַר אפשר, ווייל דו דאַרפסט אוועק־פאָרן? — האָט זי געזאָגט. — ווייל ס'קומט דיר אויס אוועק־צוּוואַרפן דיינע מנהגים, דיין ביז איצטיק לעבן? אך! איך פאַרשטיי עס... און איך האָב גאָרנישט אויף דער וועלט! דו ביזט אַלץ פאַר מיר! איך וויל אויך זיין אַלץ פאַר דיר! איך וועל זיין דיין פאַמיליע, דיין פאַטערלאַנד! איך וועל מיך זאָרגן וועגן דיר, איך וועל דיך ליב האָבן!

— ווי צויבערהאַפט דו ביזט! — האָט ער געזאָגט, צו־דריקנדיק זי צו זיך.

— צי איז עס אמת? — האָט זי געפרעגט מיט אַ תאווה־דיקן שמייכל. — צי האָסטו מיך ליב? שווער מיר!

— צי איך האָב ליב? צי איך האָב ליב? איך פאַר־געטער דיך, מיין ליבע!

די קיילעכדיקע פּורפּור־לבנה איז אַרויסגעוואַקסן פון

דער ערד, צווישן ברייטע לאָנקעס, ווייט אויפן האָריזאָנט. זי האָט זיך אויפגעהייבן שנעל צווישן די צווייגן פון די טאָפּאָלעס, וועלכע האָבן איר ערטערווייז פאַרשטעלט, ווי מיט אַ שוואַרצן לעבערדיקן פאָרהאַנג. און אין איר ווייסן גלאַנץ האָט זי זיך נאָכדעם באַוויזן אויפן פולן הימל, וועלכן זי האָט באַלויכטן; און דעמאָלט, באַוועגנדיק זיך פאַמעלעך, האָט זי געוואָרפן אויפן טייך אַ גרויסן פלעק, וועלכער האָט פון זיך אויסגעטיילט טויזנטער שעמערירנדיקע שטערן. ס'האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דאָסדאָזיקע זילבערנע ליכט האָט זיך געדרייט ביז צום אָפּגרונט, ענלעך צו אַ שלאַנג אָן אַ קאָפּ, באַדעקט מיט גלאַנציקע שופּן. דאָס האָט אויך געגעבן דעם איינדרוק פון אַן אויסטערלישן קאַנדעליאַבר, פונוואַנען ס'האָבן געפלאָסן טראָפּנס צעשמאָלצענעם דימענט. אַ שטילע נאַכט האָט זיך פאַרשפּרייט אַרום זיי; די צווייגן פון די ביימער האָבן פאַרמירט שטיקער שאָטן. צוגעמאַכט די אויגן, האָט זי אַריינגעצויגן אין זיך די פרישע לופט. זיי האָבן געשוויגן, שטאַרק פאַרזונקען אין זייערע טרוימען. די ליבע פון די אַמאָליקע טעג האָט אָנגעפילט זייערע הערצער; ס'איז געווען אַ שטילע ליבע, פול מיט שפע, ווי דער טייך, וואָס האָט געפלאָסן, ווייך ווי דער ריח פון לעווקאָען, און האָט געוואָרפן אויף זייערע זכרונות שאָטנס לענגערע און אומעטיקערע, ווי די שאָטנס פון די אומבאַוועגלעכע ווערבעס, וועלכע האָבן זיך געצויגן אויפן גראָז. אַ נאַכט־חיה, אַ נאָדלער, אָדער אַ מוילוואָרף האָט זיך פון צייט צו צייט אַ לאָז געטאָן אויף דער יאַגד, שורשענדיק צווישן די בלעטער, אָדער ס'פלעגט זיך גאָר לאָזן הערן דער קלאַפּ פון אַ צייטיקן פערסיק, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן פון אַ שפּאַלער.

— ס'איז אַ שיינע נאַכט! — האָט ראָדאָלף געזאָגט.

— ס'וועלן קומען נאָך אַזעלכע נעכט! — האָט עמאַ אָפּגעענטפערט.

און פונקט ווי זי וואָלט אָפּגעענטפערט זיך אַליין, האָט זי מוסיף געווען:

— ווי גוט ס'וועט זיין צו רייזן... נאָר פאַרוואָס איז

מיר אַזוי אומעטיק? צי איז עס אפשר אַ פּחד פאַר דאָס אומבאַוווּס-טע, דער פּועל־יוצא פון די פאַרלאָזענע געוווינהייטן... אָדער גאָר...? ניין, ס'איז פון צופיל גליק! ווי שוואַך איך בין, נישט אמת? זיי מיר מוחל!

— ס'איז נאָך דאָ גענוג צייט! — האָט ער אויסגערופן. באַרעכן דיך, זאָלסט אַמאָל נאָכדעם חרטה נישט האָבן.

— קיינמאָל נישט! — האָט זי האַסטיק אָפּגעענטפערט. און, דערנענטערנדיק זיך צו אים:

— וואָסער אומגליק קען מיט מיר פּאַסירן? ס'איז נישטאָ קיין מדבר, קיין אָפּגרונט, קיין ים, וועלכן איך וואָלט מיט דיר נישט אַריבער. אונדזער געמיינזאַם לעבן וועט מיט יעדן טאָג אונדז צופרידענער מאַכן, אַלץ נענטער און נענטער! מיר וועלן נישט האָבן קיין דאגות, קיין זאָרגן, קיין שטערונגען! מיר וועלן זיין איינזאַם, תּמיד פול מיט איינאַנדער... נו, רעד, ענטפער מיר.

פון צייט צו צייט פלעגט ער צובאַמקען: „יאָ... יאָ!...“ זי האָט אים געגלעט די האָר, און זי האָט געחזרט מיט אַ קינדערישער שטימע, נישט געקוקט אויף די גרויסע טרערן, וואָס האָבן איר געפלאָסן פון די אויגן:

— ראָדאָלף! ראָדאָלף... אַך! ראָדאָלף, מיין טייערער קליינער ראָדאָלף!

ס'האָט געקלונגען אויף האַלבע נאַכט.

— האַלבע נאַכט! — האָט זי געזאָגט. — אַלזאָ, מאָרגן! בלויז נאָך איין טאָג!

ער האָט זיך אויפגעהייבן, כּדי אַוועקצוגיין; און פּונקט ווי דידאָזיקע באַוועגונג וואָלט געווען אַ סיגנאַל פאַר זייער אַוועקפאָר, איז עמע פלוצלונג פרייליך געוואָרן:

— צי האָסטו די פּאַספּאָרטן?

— יאָ.

— דו וועסט גאָרנישט פאַרגעסן?

— ניין.

— דו ביזט זיכער?

— זיכער.

— דו וועסט אויף מיר וואַרטן אין האָטעל „פּראָוואַנס״, מיטאָגצייט!... נישט אמת?

ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— אַלזאָ, ביז מאָרגן! — האָט עמע געזאָגט מיט דער לעצטער לאַסקע.

און זי האָט געקוקט, ווי ער דערווייטערט זיך.

ער האָט זיך נישט אומגעקוקט. זי איז אים נאָכגעלאָפן, און, איינבויגנדיק זיך איבערן זוים פונם וואַסער, צווישן די קוסטעס, האָט זי אַ געשריי געטאָן:

— ביז מאָרגן!

ער איז שוין געווען אויף יענער [illegible], און געשפּרייזט שנעל אויף דער לאָנקע.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט זיך ראָדאָלף אָפּגעשטעלט, און ווען ער האָט זיך אַרומגעקוקט און געזען, ווי איר ווייסע קלייד ווערט פאַרשווונדן אין שאָטן, ווי א געשפּענסט, האָט אים אָנגעהייבן צו קלאַפּן אין האַרצן, אַז ער האָט זיך געמוזט אָנלענען אָן אַ בוים, כדי נישט אומצופאַלן.

— ס׳אַראַ שוטה איך בין! — האָט ער אַרויסגעזאָגט, צוגעבנדיק אַ פּאָר מיאוסע קללות. — ווי ס׳זאָל נישט זיין, זי איז דאָך געווען אַ גוטע געליבטע!

און עמעס שיינקייט מיט אַלע פאַרגעניגנס פון זייער ליבע האָט פאַר אים ווידער דערשיינט. צוערשט איז ער געווען צאַרט, נאָכדעם איז ער בייז געוואָרן.

— ווייל סוף כל סוף — האָט ער אויסגעשריען, קען איך דאָך נישט עמיגרירן, האָבנדיק אַ קינד נאָך אויפן קאַרק.

ער האָט עס צו זיך אַליין געזאָגט, כדי נישט אָפּצוטרעטן פון זיין באַשלוס.

— און, איבעריקנס, די קלאָפּאָטן, די הוצאות... אַך! ניין, ניין, טויזנט מאָל ניין! דאָס וואָלט געווען די גרעסטע נאַרישקייט!

XIII

קוים געקומען צו זיך, האָט זיך ראָדאָלף אַנידערגעזעצט לעבן שרייב-טיש, אונטער אַ הירשן־קאָפּ, וועלכער איז ווי אַ טראָפיי געהאַנגען אויף דער וואנט. אָבער ווען ער האָט גענומען די פען אין דער האַנט און האָט גאָרנישט געקענט אויסטראַכטן, האָט ער זיך אָנגעלענט מיט ביידע עלנבויגנס אויפן טיש, און זיך פאַרטיפט אין זיינע רעיונות. ס'האָט זיך אים איצט אויסגעדאַכט, אַז עמע האָט זיך צוריקגעצויגן אין וויטן עבר, גלייך ווי זיין איצטיקער באַשלוס וואָלט אָוועק־געלייגט אַן אומגעהויערן תהום צווישן זיי ביידן.

וועלנדיק זיך כאָטש עפּעס דערמאָנען פון עמען, האָט ער אַרויסגענומען פון דער שאַפע, וואָס לעבן זיין בעט, אַן אַלטע קעסטל פון ריימסער ביסקוויט, וווּ ער האָט געהאַלטן זיינע פּרויען־בריוו, און פונוואַנען ס'האָט אויף אים אַ שלאָג געטאָן אַ ריח פון פייכטן שטויב און פון פאַרוויאַלעטע רויזן. צוערשט האָט ער באַ־מערקט אַ נאָזטיכל, באַדעקט מיט געלע פלעקן. ס'איז געווען איר נאָזטיכל: אַמאָל אויף אַ שפּאַציר האָט זי זיך צעבלוטיקט די נאָז; ער האָט שוין פון דער נאָזטיכל געהאַט פאַרגאַסן. ס'האָט זיך דאָרט געוואַלגערט עמעס מיניאַטור, וואָס זי האָט אים געשאָנ־קען; איר טואַלעט האָט אים אויסגעוויזן צו שרייענדיק און איר צאַרטער בליק האָט אויף אים געמאַכט אַ נעבעכדיקן איינדרוק. ער האָט לאַנג באַטראַכט דעמדאָזיקן פּאָרטרעט און ווען ער האָט געוואָלט אַרויסרופן אין זיינע רעיונות די ערינערונגען פונם אָרי־גינאַל, האָבן זיך עמעס שטריכן ביסלעכווייז צוזאַמענגעגאָסן, פונקט ווי דאָס לעבעדיקע פּנים און דאָס געצייכנטע האָבן זיך איינס דאָס צווייטן אָפּגעמעקט. ענדלעך האָט ער איבערגעלייענט עטלעכע בריוו; דאָס זענען געווען אַ סך דערקלערונגען בנוגע זייער רייזע, געשריבן קורץ, צעגויפגעפּרעסט, דרינגענד, ווי געשעפטס־בריוו. ער האָט געוואָלט איבערקוקן די לאַנגע אַמאָליקע בריוו; כּדי אַרויסצובאַקומען זיי פון קעסטל, האָט ראָדאָלף געמוזט איבערוואַרפן אַלע אַנדערע; און ער האָט זיך אָנגעהייבן צו גראָבן אין דעם באַרג פּאַפּירן און זאַכן, געפינענדיק דאָ אַ

בוקעס, דאָ זאָקן-האַלטערס, אַ שוואַרצע מאַסקע, שפּילקעס און האָר — אַ סך האָר! שוואַרצע, בלאָנדע; עטלעכע, וועלכע האָבן זיך פאַרפּלאָנטערט אין דעם אייזן פון דעם קעסטל, האָבן זיך געריסן, ווען מען האָט עס אויפגעעפנט.

גראָבנדיק זיך צווישן דידאָזיקע ערינערונגען, האָט ער באַטראַכט דעם שריפט און דעם סטיל פון די בריוו, וועלכע זענען געווען אַזוי פאַרשידנאַרטיק, ווי די אָרטאָגראַפיע. ס'זענען געווען צווישן זיי בריוו, פריילעכע, לצנותדיקע און מעלאַנכאָלישע; ס'זענען געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן געבעטן ליבע און אַנדערע — געלט. ס'איז געווען גענוג איין וואָרט, אַז ער זאָל זיך דערמאָנען אָן פּנימער, באַוועגונגען און קלאַנגען פון שטימען; צייטנווייז האָט ער זיך גאָרנישט געקענט דערמאָנען.

און באמת, דידאָזיקע פרויען, וועלכע האָבן פאַראַמאָל אַרויפגעטויכט אין זיין זכרון, האָבן דאָרט איינס דאָס צווייטע געשטערט, זיך פאַרקלענערט, פונקט ווי דיזעלבע ליבע וואָלט זיי דאָרט אויסגעגלייכט. אָנגענומען אַ פולן הויפן מיט אויסגעמישטע בריוו, האָט ער זיך עטלעכע רגעס געווײַלט, איבערשיטנדיק זיי פון דער רעכטער האנט אין דער לינקער. ענדלעך איז עס אים צוגעגעסן געוואָרן. אַ פאַרשלעפערטער, האָט ראָדאָלף אַוועקגעטראָגן דאָס קעסטל אין דער שאַפע, זאָגנדיק:

— ס'אַ באַרג נאַרישקייטן!...

דאָס איז געווען דער קיצור פון זיין מיינונג; ווייל די תענוגים האָבן אַזוי צעטראָגן זיין האַרץ, ווי תלמידים דעם שולע-הויף, אַז קיין גרעזעלע האָט שוין דאָרט נישט געקענט אויסוואַקסן, און דאָס, וואָס דאָרט, אין זיין האַרץ, איז דורכגעפלויגן, האָט קיין שום ממשות נישט געהאַט, ווייל די קינדער האָבן כאָטש איבערגעלאָזט אויף די ווענט זייערע אויסגעקריצטע נעמען.

— אַלזאָ, לאָמיר אָנהייבן! — האָט ער צו זיך געזאָגט.

ער האָט געשריבן:

„מוט, עמע! מוט! איך וויל אייך נישט אומגליקלעך מאַכן...“

— סוף כּל סוף איז עס דאָך אמת, — האָט ראָדאָלף געטראַכט, — איך טו פאַר איר טובה וועגן: איך בין אַן אָרנט־לעכער מענטש.

„צי האָט איר ווי געהעריק זיך פאַרטראַכט אויף אייער באַשלוס? צי האָט איר אַ באַגריף וועגן דעם תּהום, איך וועלכן איך שלעפּ אייך, מיין אָרעמער מלאך? זיכער, ניין! אַ פאַרבלענדעטע, זענט איר מיט פאַרטרויונג געגאַנגען צום גליק, צו דער צוקונפט... אַך, ווי אומגליקלעך מיר זענען! ווי נאַריש!“

ראָדאָלף האָט זיך אָפּגעשטעלט, כּדי צו געפינען אַ בע־סערן אויסדרוק, וויאַזוי זיך צו אַנטשולדיקן.

— אפשר זאָל איך איר שרייבן, אַז איך האָב פאַרלוירן מיין גאַנץ פאַרמעגן?... אַך! ניין, און, איבעריקנס, דאָס וועט נישט טויגן. מען וועט שפּעטער ווידער דאַרפן אָנהייבן אופדאָס־ניי, ס'העלפט קיין שום שכל נישט, כּדי איבערצוציינן אַזעל־כע פרויען!

ער האָט אַ טראַכט געטאָן און ווידער געשריבן:

„זייט זיכער, אַז איך וועל אייך נישט פאַרגעסן און תּמיד וועל איך האָבן פאַר אייך די טיפסטע געפילן; אָבער פריער, צי שפּעטער, אין אַ העלן פרימאָרגן, וואָלט די תּאווה (ווייל אַזוי איז דער גורל פון שטערבלעכע) בלי ספק אָפּגע־קילט געוואָרן! מיר וואָלטן געוואָרן אָפּגעמאַטערט, און ווער ווייסט, צי מיר אַליין וואָלט נישט באַשערט געווען — איבער־צולעבן די שרעקלעכע ליידן, צוקוקנדיק זיך, ווי איר האָט חרטה און אַליין אויך דערפון שטאַרק ליידן, ווייל איך בין אין אַלץ שולדיק. בלויז דער געדאַנק פון אייערע ליידן מאַטערט מיך, עמע! פאַרגעסט מיך! פאַרוואָס האָב איך אייך דערקענט? פאַרוואָס זענט איר געווען אַזוי שיין? צי איז עס מיין שולד? אַך, גאָט מיינער! ניין, ניין, שולדיק איז בלויז דער גורל!“

— אָט דאָס איז אַ וואָרט, וואָס האָט תּמיד אַ פּעולה — האָט ער צו זיך געזאָגט.

„אַך, ווען איר וואָלט געווען איינע פון די פּרויען מיט אַ לייכטזיניק האַרץ, וועלכע מיר באַגעגענען אַזוי פיל, דעמאָלט וואָלט איך, אויס גאווה, געקענט מאַכן אַזאַ פּרווו, אָן שום סכנה פאַר אייך. אָבער דיזאָזיקע זעלטענע התלהבות, וועל־כע איז גלייכצייטיק אייער רייץ און אייער ווייטיק, האָט אייך, מיין טייערע, געשטערט צו פאַרשטיין די פאַלשקייט פון אונד־זער לאַגע אין דער צוקונפט. איך האָב אויך תּחילת נישט אַ טראַכט געטאָן דערפון, און איך האָב גערוט אינם שאָטן פון דעמדאָזיקן אידעאַלן גליק, פּונקט ווי אונטערן שאָטן פון אַ גיפטיקן מאַנצעניל-בוים, נישט זעענדיק די אחריות".

— זי וועט אפשר טראַכטן, אַז איך זאָג זיך אָפּ אויס קאַרגשאַפט... אָבער ס'איז נישט וויכטיק! מען דאַרף פאַר־ענדיקן!

„אַ שלעכטע וועלט, עמע! ווו מיר וואָלטן געווען, וואָלט מען אונדז פאַרפאָלגט. ס'וואָלט אייך אויסגעקומען צו ליידן פון אומבאַשיידענע פראַגן: פון רכילות, שנאה, און אפשר פון באַליידיקונג. אייך באַליידיקן! אָ... און איך האָב גע־טרוממט אייך אַרויפצוזעצן אויף אַ טראָן! פּונקט ווי אַ קמיע טראָג איך אַוועק די געדאַנקען וועגן אייך! ווייל מיט וואָג־לעניש באַשטראָף איך מיך אַליין פאַר דאָס שלעכטס, וואָס איך האָב אייך פאַרשאַפן. איך פאָר אַוועק. וווהין? איך ווייס אַליין נישט! איך בין אַ נאַר! זייט געזונט! זייט תּמיד גוט! געדענקט תּמיד דעם אומגליקלעכן, וועלכער האָט אייך פאַרלוירן. לערנט אויס אייער קינד מיין נאָמען, ער זאָל אים חזרן אין זיינע תּפילות".

די קנייטן פון ביידע ליכט האָבן אַ ציטער געטאָן. ראָדאָלף האָט זיך אויפגעהייבן, פאַרמאַכט דעם פענסטער און, אַנידער־זעצנדיק זיך, האָט ער געזאָגט:

— דאַכט זיך, אַלץ. יאָ, נאָך אַ זאַך: ס'קען זיך איר אַמאָל פאַרגלוסטן זיך אַ לאָז טאָן נאָך מיר

„ווען איר וועט לייענען דידאַקטישע טרויערדיקע שורות, וועל איך שוין זיין ווייט פונדאַנען; ווייל איך האָב געוואָלט ווי צום שנעלסטן אַנטלויפן, כדי אויסצומיידן דעם נסיון אייך ווידער צו זען. נידער מיט דער שוואַכקייט! איך וועל נאָך קומען, און אפשר אין אַ צייט אַרום, וועלן מיר ביידע צוזאַמען, גאַנץ קאַלט שמועסן וועגן אונדזער אַלטער ליבע".

און דאָס וואָרט „אַדיע" האָט ער צעטיילט אין צוויי ווערטער: אַ דיע! האַלטנדיק עס פאַר אַן אויסגעצייכנטן טאָן.

— ווי זאָל איך מיך איצט אונטערשרייבן? — האָט ער געטראַכט. אייער איבערגעגעבענער... ניין. אייער פריינט?... יאָ, ס'איז גוט. „אייער פריינט".

ער האָט איבערגעלייענט דעם בריוו. ס'איז אים געפעלן געוואָרן.

— אָרעמע פרוי! — האָט ער געטראַכט מיט אַ געוויסער צאַרטקייט. זי קען נאָך מיינען, אַז איך האָב אַ שטיינערן האַרץ; מען וואָלט דעם בריוו נאָך געדאַרפט באַפּוצן מיט עטלעכע טרערן; אָבער וואָס קען איך טאָן, אַז ס'וויינט זיך נישט; איך האָב דערין קיין שולד נישט. ראָדאָלף האָט אָנגעגאָסן וואַסער אין אַ גלאָז, האָט דאָרט איינגענעצט זיין פינגער און פון דערהויך אַראָפּגעלאָזט אַ גרויסן טראָפּן, וועלכער האָט געמאַכט אַ בלאַסן פלעק אויפן טינט; זוכנדיק לעש-פּאַפּיר, איז אים אַריינגעפאַלן אין דער האַנט דער שטעמפּל:

„Amor nel cor"

— גאַנץ שטאַרק פּאַסט עס אַפילו נישט אַהער... אָבער! ס'איז נישט וויכטיק!

נאָכדעם האָט ער אויסגערויכערט דריי ליולקעס און אַוועק שלאָפן.

אויף צומאָרגנס, ווען ער האָט זיך אויפגעהייבן (קעגן צוויי אַ זייגער, ער איז געשלאָפן זייער שפּעט), האָט ראָדאָלף זיך געהייסן אָנרייסן אַ קערבל מאָרעלן. ער האָט אַריינגעלייגט דעם בריוו טיף צווישן די ווייַן-בלעטער און באַפוילן

זשיראַרן, זיין פערד-משרת. ער זאָל עס זייער פּאָרזיכטיק אַוועק-טראָגן דער מאַדאַם באָוואַרי. דאָסזעלבע מיטל האָט ער אויך פריער אויסגענוצט, כּדי זיך צו קאָרעספּאָנדירן מיט איר, צו-שיקנדיק איר, לויט דער צייט פון יאָר, פּירות, אָדער יאַגד-חיות.

— אויב זי וועט דיך אויספרעגן וועגן מיר, זאָלסטו איר זאָגן, אַז איך בין אַוועקגעפאָרן אויף אַ נסיעה. זאָלסט דאָס קערבל אָפּגעבן איר אַליין... גיי, און זיי פּאָרזיכטיק!

זשיראַר האָט אָנגעטאָן זיין נייע בלוזע, אַרומגעבונדן די מאָרעלן מיט זיין נאָזטיכל און, שפּרייזנדיק מיט זיינע גראָבע אונטערגעשמידטע שיך, איז ער רויק אַוועק אויפן יאָנ-ווילער וועג.

ווען ער איז אַריינגעקומען, האָט מאַדאַם באָוואַרי מיט פעליסיטען זיך געפּאָרעט ביים קיך-טיש מיט אַ פּעקל וועש.

— אָט, — האָט געזאָגט דער דינער, — אונדזער הער שיקט עס אייך.

אַ שרעק האָט איר אַרומגענומען. און זוכנדיק אין קע-שענע אַ פּאָר מטבעות, האָט זי אָנגעקוקט דעם פּויער מיט פאַרווילדערטע אויגן, בעת ער האָט אויף איר געקוקט מיט שטוי-נונג, ווייל ער האָט נישט געקענט פאַרשטיין, אַז אַזאַ מין מתּנה זאָל אַזוי קענען צעמישן. ענדלעך איז ער אַוועקגע-גאַנגען. פעליסיטע איז פאַרבליבן. עמע האָט זיך מער נישט געקענט איינהאַלטן; זי איז אַוועקגעלאָפן אין עס-צימער מיט די מאָרעלן, איבערגעדרייט דאָס קערבל, אַרויסגעפּליקט די בלעטער, געפונען דעם בריוו, אים אויפגעעפנט און פּונקט ווי פון אַ שרעקלעכער שריפה, איז עמע, אין גרויס פּחד, אַוועקגעלאָפן צו זיך אין צימער.

שאַרל איז דאָרט געווען, זי האָט אים באַמערקט; ער האָט צו איר עפּעס גערעדט, זי האָט אָבער קיין וואָרט נישט געהערט און געלאָפן העכער אויף די שטיגן, פאַרסאַפּעט, אומ-באַוווסטזיניק, ווי אַ שיכור, האַלטנדיק כּסדר אין דער האַנט דאָס שטיקל פּאַפּיר, וועלכעס האָט געקלאַפּט צווישן אירע פינגער.

זיי אַ שטיקל בלעך. אויפן צווייטן שטאָק האָט זי זיך אָפּגעשטעלט פאַר דער צוגעמאַכטער בוידעם-טיר.

זי האָט זיך געוואָלט באַרויקן; זי האָט זיך דערמאנט פון גאָט. מען דאַרף אים ענדיקן; זי האָט אָבער מורא געהאַט. און ווי? מען קען זי נאָך באַמערקן.

— אַך! גיין, דאָ וועט בעסער זיין, — האָט זי געטראַכט.

עמע האָט אַ שטופּ געטאָן די טיר און אַריינגעגאַנגען.

די דאַכעווקעס, אַנגעוואַרעמט פון דער זון, האָבן אויסגעטיילט אַ שרעקלעכע היץ, וועלכע האָט איר געדריקט און געשטיקט; זי האָט זיך צוגעשלעפּט ביז צו דער פאַרשלאָסענער מאַנסאַרדע, האָט אָפּגערוקט דעם ריגל. אַ שטראָם ליכט האָט פון דאָרט אַ גאָס געטאָן.

פאַר אירע אויגן, איבער די דעכער, האָבן זיך וויט-וויט פאַנאַנדערגעשפּרייט ברייטע פעלדער, און אונטער אירע פיס, דאָרט אינדערנידער, האָט מען געזען דעם פּוסטן שטאָט-פּלאַץ; די שטיינדלעך פון טראָטואַר האָבן געגלאַנצט; די וועטערהענער אויף די דעכער פון די הייזער זענען געשטאַנען אומבאַוועגלעך; אויפן עק פון אַ גאַס האָט זיך פון אונטערשטן שטאָק דערטראָגן אַ מין זשומעריי, וועלכע האָט אָפּגעהילכט מיט שאַרפע מאָדולאַציעס. דאָס האָט בינעט געאַרבעט אין זיין טאָקאַרניע.

זי האָט זיך אָנגעלענט אויפן אַמבראַזור פונם דאַך-פענצטער און איבערגעלייענט דעם בריוו מיט אַ ביטערן שמייכל. אָבער וואָס מער אויפמערקזאַם זי איז געווען, אַלץ מער האָבן זיך צעמישט אירע געדאַנקען. זי האָט אים געזען פאַר זיך, זי האָט אים געהערט, זי האָט אים אַרומגענומען מיט אירעביידע הענט; און דאָס קלאַפּן פונם האַרץ, וואָס האָט, ווי מיט האַמערס, איר געשלאָגן אין ברוסט, האָט זיך כסדר פאַרשטאַרקט מיט אַן אומרעגלמעסיקן טעמפּ. זי האָט זיך אַרומגעקוקט אַרום זיך; זי האָט איצט געוואָלט אַז די ערד זאָל זיך איינלייגן. פאַרוואָס זאָל זי איצט נישט פאַרענדיקן

מיש אלײן? וועמ האלט זי אָפּ? זי איז פריי. זי האָט זיך ארויסגעריסקט פארויס פון פענסטער און, קוקנדיק אויף די שטיי־נער פון ברוק, האָט זי געשושקעט:

— פאָרויס! פאָרויס!

דער ליכטיקער שטראַל, וואָס האָט זיך געצויגן צו איר פון אונטן, האָט פונקט ווי צוגעצויגן איר קערפער צום אָפּגרונט. ס'האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז דער באָדן פון פלאַץ ציטערט, אַז ער הייבט זיך לענגאויס די מויערן, און אז די פאָדלאָגע בויגט זיך פאָרויס, ווי אַ שיף צווישן כוואַליעס. זי איז געשטאַ־נען כמעט אַראָפּגעהאָנגען ביים זוים, אַרומגערינגלט מיט אַ גרויסן תהום. די בלויקייט פון הימל האָט איר געמאַנ׳עט, די לופט האָט געזשומעט אין איר פוסטן קאָפּ. זי האָט געדאַרפט בלויז נאָכגעבן, זי האָט געדאַרפט בלויז נישט געבן קיין ווי־דערשטאַנד; און דאָס רוישן פון דער טאָקאַרניַע האָט נישט אויפגעהערט, גלייך ווי אַ בייזער קול וואָלט זי גערופן.

— מיין ווייב! מיין ווייב! — האָט שאַרל געשריען.

זי האָט זיך אויפגעשטעלט.

— ווו ביזטו? קום!

דער געדאַנק ,אז זי האָט אויסגעמיטן דעם טויט, האָט איר שיער נישט דערפירט צו חלשות; זי האָט צוגעמאַכט די אויגן און אַ ציטער געטאָן פון עפּעס אַ האַנט, וואָס האָט זיך פלוצלונג צוגערירט צו איר אַרבל. ס'איז געווען פעליסיטע.

— מאַדאַם, דער הער וואַרט אויף אייך; די זופּ איז אויפן טיש.

ס'העלפט נישט זי מוז אַראָפּגיין! זי מוז גיין צום טיש!

זי האָט געפּרוווט עסן. דאָס עסן האָט איר געשטיקט. זי האָט פאַנאַנדערגעוויקלט די סערוועטקע, גלייך ווי זי וואָלט באַטראַכט די לאַטעס; און, באמת, זי האָט זיך געוואָלט נע־מען צו דערדאָזיקער אַרבעט, איבערציילן די פעדעם פונם לייוונט. אָבער פלוצלונג האָט זי זיך דערמאָנט אין בריוו. צי האָט זי אים פאַרלוירן? ווו איז ער? אָבער זי האָט גע־

פילט אזא שוואכקייט אין מוח, אז זי האָט נישט געקענט גע־
פינען קיין תירוץ ווי אוועקצוגיין פון טיש. חוצדעם, האָט זי
זיך שטאַרק געשראָקן; זי האָט מורא געהאַט פאַר שאַרלען.
ער הייסט שוין זיכער אַלץ! און באמת, ער האָט עפּעס מאָדנע
ארויסגערעדט דידאַזיקע ווערטער:

— ס'ראַכט זיך מיר, אז איצט וועלן מיר שוין אזוי שנעל
ראָדאָלפן נישט זען.

ווער האָט עס דיר געזאָגט? — האָט זי געפרעגט מיט אַ
ציטער.

— ווער האָט עס מיר געזאָגט? — האָט ער מיט שטוינונג
געענטפערט אויף איר העפטיקן טאָן. — זשיראַר, וועלכן איך
האָב אָקאָרשט באַגעגנט ביי דער טיר פון דער פ ר אַ נ צ ו י ז י־
ש ע ר ק אַ ו י אַ ר נ י ע. ער איז אַוועקפאָרן אויף אַ נסיעה
אָדער ער קלייבט זיך ערשט אַוועקצופאָרן.

זי האָט זיך קוים איינגעהאַלטן פון ספּאַזמירן.

— וואָס וואונדערסטו דיך אַזוי? ער פאָרט דאָך
תמיד אַוועק אויף אַ געוויסער צייט, און, בנאמנות, ער טוט
גאַנץ גוט. אַז מען האָט געלט און מען איז נאָך דערצו אַ
בחור!... איבעריקנס, ווילט ער זיך זייער גוט, אונדזער פריינט!
שוין איינמאָל אַ חברה־מאַן! הער לאַנגלואַ האָט מיר דער־
ציילט...

אַזוי ווי די דינסט איז אַריינגעקומען, האָט ער אויס איידל־
קייט אויפגעהערט צו רעדן.

זי האָט אַריינגעלייגט צוריק אין קערבל די מאָרעלן,
וועלכע זענען געווען צעשאָטן אויף דער עטאַזשערקע; אַזוי־ווי
שאַרל האָט נישט באַמערקט דעם רויטל אויפן ווייבס פּנים,
האָט ער זיי געהייסן דערלאַנגען, גענומען איין מאָרעל און
אים איינגעביסן.

— אויסגעצייכנט! — האָט ער געזאָגט. — נאַ, פאַרזוך
אויך.

און ער האָט אויסגעשטרעקט דאָס קערבל, וועלכעס זי
האָט לייכט אָפּגעשטופּט.

— טו אַ שמעק: סאַראַ ריח! — האָט ער געזאָגט, אונטערדרוקנדיק איר די מאָרעלן אונטערן נאָז.

— איך ווער דערשטיקט! — האָט זי אויסגערופן, אויפ־הייבנדיק זיך מיט איין שפרונג.

אָבער אַ דאַנק איר שטארקן ווילן, האָט זי דערשטיקט אין זיך דידאָזיקע ספּאַזמעס און האָט געזאָגט:

— ס'איז גאָרנישט! די נערוון! זעץ דיך און עס!

ווייל מער פון אַלץ האָט זי מורא גאָהאַט, אַז אָט הויבט ער איר אָן צו שטעלן שאלות, אַרומצוקריכן נאָך איר און וועט פון איר נישט אָפּטרעטן.

כדי איר מער נישט אויפרעגן האָט שאַרל זיך אַנידער־געזעצט, אַריינגעשפּיגן אין האַנט די ביינדלעך פון די מאָ־רעלן און נאָכדעם זיי אַרויפגעלייגט אויפן טעלער.

מיטאַמאָל האָט זיך באַוויזן אַ בלויער טילבורי און זיי־ער שנעל זיך דורכגעטראָגן איבערן פּלאַץ. עמע האָט אַרויס־געלאָזט אַ געשריי און אַנידערגעפאַלן אין חלשות אויף דער ערד.

און באמת, ראָדאָלף האָט אַזוי לאַנג געטראַכט ביז ער האָט באַשלאָסן אַוועקצופאָרן קיין רואַן. אָבער אַזיוווי פון הושעט קיין בושו איז נישט געווען קיין אַנדער וועג, ווי דורך יאָנוויל, האָט ער געמוזט דורכפאָרן דורכן שטעטל און, עמע האָט אים דערקענט דורך די לאַמטערנעס, וועלכע האָבן געלויכטן אינדערפינסטער.

דערהאָרכט אַ טומל ביי די באָוואַריס, האָט זיך דער אַפּטייקער דאָרט אַ לאָז געטאָן. דער טיש מיט אַלע טע־לערס איז געווען איבערגעדרייט; דער סאָס, דאָס פלייש, די מעסער, דאָס זאַלץ־מעסטל, דאָס אייל־פלעשל האָבן זיך גע־וואַלגערט אויף דער ערד; שאַרל האָט גערופן נאָך הילף; בערט, אָן איבערגעשראָקענע האָט געמאַכט געוואַלדן, און פע־ליסיטע האָט מיט ציטערנדיקע הענט פאַנאַנדערגעשנורעוועט דער מאַדאַם, וועלכע האָט געציטערט מיטן גאַנצן גוף.

— איך לויף, — האָט געזאָגט דער אַפּטייקער, — אין מיין לאַבאָראַטאָריום נאָך אַראָמאַטישן עסיג.

נאָכדעם, ווען עמע האָט אַ שמעק געטען פון פלעשל, האָט זי אָפּגעצויגן דעם אָטעם און אויפגעעפנט די אויגן:

— איך בין געווען דערין זיכער. דערפון קען אַ טויטע לעבעדיק ווערן.

— רעד צו אונדז! — האָט שאַרל געזאָגט — רעד צו אונדז! קום צו זיך! דאָס בין איך שאַרל, וואָס ליבט דיך! דו דערקענסט מיך? אָט איז דיין מיידעלע: טו זי אַ קוש!

דדאָס קינד האָט אויסגעשטאַקט דאָס הענטעלע צו דער מאַמען, כדי אַרומצונעמען איר האַלדז. אָבער עמע האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און געזאָגט מיט אַן אָפּגעשראָקענער שטימע:

— ניין, ניין... קיינעם נישט!

זי האָט נאָכאַמאָל געחלשט. מען האָט זי אַוועקגעטראָגן אויפן בעט.

זי איז געבליבן ליגן אַן אויסגעצויגענע, מיט אַן אָפּע־נעם מויל, מיט צוגעמאַכטע לעפלעך, מיט בלאַסע אומבאַוועג־לעכע הענט, ווי אַ וואַקסענע פיגור. פון אירע אויגן האָבן לאַנגזאַם געפלאָסן אויף די קישן צוויי שטראָמען טרערן.

שאַרל איז געשטאַנען טיף אין אַלקער און דער אַפּטיי־קער לעבן אים, שטיל, פאַרטראַכט, פּונקט ווי ס'פּאַסט זיך צו האַלטן אין ערנסטע מעמענטן פון לעבן.

— באַרויקט אייך, — האָט אָמע געזאָגט שטופּנדיק שאַרלען מיטן אַרבל — ס'דאַכט זיך אַז דער פּאַראָקסיזם איז אַדורך.

— יאַ, זי רוט זיך איצט אַ ביסל אָפּ! — העט שאַרל געענטפערט, זעענדיק, ווי זי רדעמלט. — אָרעמע פרוי!.., אָרעמע פרוי!... אָט האָט זי ווידער געחלשט.

אָמע האָט אָנגעהייבן אויסצופרעגן זיך, וויאַזוי ס'האָט פּאַסירט. שאַרל האָט דערקמערט, אַז ס'האָט זיך געטראָפן פלוצלונג. בעת זי האָט געגעסן די מאָרעלן.

— אויסטערליש!... האָט געזאָגט דער אַפּטייקער. אָבער ס'איז דאָך מעגלעך, אַז די מאָרעלן זענען געווען די סיבה

פֿון איר חלשות! ס׳זענען דאָ אַזעלכע פּילבאַרע נאַטורן, וועלכע פאַרטראָגן נישט געוויסע ריחות! ס׳איז זייער אַן אינ־טערעסאַנטע טעמע אויף צו שטודירן, סיי פון פּאַטאָלאָגישן שטאַנדפּונקט, סיי פון פיזיאָלאָגישן. די גלחים האָבן ווי געהע־ריק אָפּגעשאַצט די וויכטיקייט דערפון, היות זיי האָבן תמיד באַנוצט פאַרשידענע קטורותן ביי זייערע גאָטעס־דינסטן. דער־מיט האָבן זיי פאַרשיכורט דעם פאַרשטאַנד און אַרויסגערופן התלהבות, — אגב זייער אַ לייכטע זאַך ביי פרויזאָנען פון אַ גע־וויסן געשלעכט, וועלכע זענען דעליקאַטער פון אַנדערע. ס׳האָט פּאַסירט, ווען פרויען האָבן געחלשט פונם ריח פון געטרוקנטן האָרן און פון פרישן ברויט...

— שטילער אַ ביסעלע, איר קענט זי נאָך אויפוועקן! — האָט באָוואַרי שטיל געזאָגט.

— און נישט בלויז מענטשן, — האָט דער אַפּטייקער פאָרגעזעצט, — זענען מסוגל צו אַזעלכע אַ נ אָ מ אַ ל י ע ס, נאָר אויך חיות. אייך איז מסתּם באַוווסט די פלאַנצונג nepeta cataria, אָדער פּשוט קאַצן־גראָז, וועלכע רופט אַרויס די תּאווה ביי קעץ. פון דער צווייטער זייט קען איך ברענ־גען אַ ביישפּיל, וואָס זאָל עדות זאָגן פאַר דער ריכטיקייט. ברידו, איינער פון מיינע עלטסטע חברים (איצט האָט ער אַן אַפּטייק אויף דער גאַס מאַלפּאַלי), האָט אַ הונט, וואָס פאַלט אַריין אין קאָנוווּלסיעס, ווי נאָר מען טראָגט אים צו אַ טאַ־באַק־פּושקע. גאַנץ אָפט מאַכט ער עקספּערימענטן פאַר זיינע פריינט, אין זיין פּאַווילִיאָן, אין גיליאָמער וואַלד. שוין־זשע לייגט זיך עס אויפן שכל, אַז אַזאַ פּשוטער ניס־פּראָשעק מאַכט אַזאַ פאַרוויסטונג אינעם אָרגאַניזם פון אַ פירפיסיקער חיה? ס׳איז זייער אינטערעסאַנט, נישט אמת?

— יאָ, — האָט שאַרל געזאָגט, וועלכער האָט לגמרי גאָרנישט געהערט.

— דאָס באַווייזט אונדז — האָט אָמע ווידער גערעדט, שמייכלענדיק מיט אַן אויסזען פון זעלבסטצופרידנקייט, — ווי די פילע אַנאָמאַליעס אין דעם נערוון־סיסטעם. וואָס שייך

דער מאַדאַם באָוואַרי, מוז איך זיך מודה זיין, אַז זי האָט תמיד אויף מיר געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ פּילבאַרער פּרוי. דעריבער וואָלט איך אייך, מיין פריינט, נישט געראָטן צו באַ־נוצן די אַלע פאַלשע רפואות, וועלכע, אָנשטאָט צו ווירקן אויף די סימפּטאָמען, ווירקן זיי גאָר אויפן טעמפּעראַמענט. ניין, נידער מיט די אומנוצלעכע רפואות! דיעטע — און דאָס אַלץ! באַרויקונגס־מיטלען, פאַרלייכטערונגס־מיטלען, דערקווי־קונגס־מיטלען. און צי האַלט איר נישט, אַז מען דאַרף אפשר ווירקן אויף די רעיונות?

— וואָס? וויאַזוי? — האָט אַ פרעג געטאָן באָוואַרי.

— אַך! דאָס איז די פראַגע! דאָס איז באמת, די פראַגע: That is the question! ווי איך האָב לעצטנס גע־לייענט אין אַ צייטונג.

אָבער עמע האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ געשריי:

— און דער ברייוו? ווו איז דער ברייוו?

מען האָט געמיינט, אַז זי רעדט פון היץ; אָבער דער קאָשמאַר האָט זיך ערשט אָנגעהייבן נאָך האַלבער נאַכט: ס'האָט זיך אַנטוויקלט אַ מאַרך־אָנצינדונג.

אין משך פון דרייאונפערציק טעג האָט שאַרל פון איר נישט אָפּגעטראָטן. ער האָט פאַרלאָזן זיין פּראַקטיקע; ער האָט נישט צוגעמאַכט מיט קיין אויג, ער פלעגט כסדר טאַפּן דעם פּולס, צולייגן סינאַפּיזמעס און קאַלטע קאָמפּרעסן. ער פלעגט אַוועק־שיקן זשיסטענען קיין נעוושאטעל נאָך אייז; דאָס אייז פלעגט צעגיין אויפן וועג, פלעגט ער אים שיקן צוריק. ער האָט פאַרבעטן דעם הער קאַניווע אויף אַ קאָנסולטאציע; ער האָט געבראַכט פון רואַן דעם דאָקטאָר לאַריוויער, זיין אַלטן פּראָ־פעסאָר; ער איז געווען פאַרצווייפלט. מער פון אַלץ האָט אים באַאומרויקט עמעס אַפּאַטיע; ווייל זי האָט גאָרנישט גערעדט זי האָט גאָרנישט אויסגעהערט, מאַכנדיק דעם איינדרוק, ווי זי ליידט גאָרנישט, כּוונקט ווי איר גוף און איר נשמה וואָלטן זיך אָפּגערוט פון זייערע אַלע דאגות.

אינמיטן אָקטאָבער האָט זי שוין געקענט זיצן אויפן

בעס, אָנגעלענט אויף קישנס. שאַרל האָט געוויינט, ווען זי האָט צום ערשטן מאָל אויפגעגעסן אַ קאָנפיטור-קיכל. די כּוהות האָבן זיך איר צוריקגעקערט. זי פלעגט אויפשטיין נאָכמי-טאָג אויף עטלעכע שעה. איינמאָל, ווען זי האָט זיך געפילט בעסער, האָט שאַרל געפּרוווט אַרויספירן זי אויף אַ שפּאַציר אין גאָרטן, אָנגעלענט אויף זיין אָרעם. דאָס זאַמד פון די שטעגלעך איז פאַרשוווּנדן געוואָרן צווישן די טויטע בלעטער; עמע איז געגאַנגען טריט ביי טריט, אָנגעלענט אויף שאַרלען און לייכט געשמייכלט.

זיי זענען אַוועק טיף אין גאָרטן, צו דער טעראַסע. זי האָט זיך פּאַמעלעך אויסגעגלייכט, צוגעלייגט די האַנט צו די אויגן, כּדי בעסער צו זען. זי האָט געקוקט וויִט-וויִט פאַר זיך; אָבער אויפן האָריזאָנט האָט מען בלויז געזען ברענענ-דיקע גראָז, וועלכע האָבן גערויכערט אויף די היגלען.

— דו וועסט אָפּגעמאַטערט ווערן, מיין טייערע, — האָט באָוואַרי געזאָגט.

ער האָט זי שטילערייט אַוועקגעפירט צו דער אַלטאַנע, זאָגנדיק:

— זעץ דיך אויפן באַנק; דו וועסט דיך בעסער פילן.

אַך! ניין, נישט דאָ, נישט דאָ! — האָט זי אַרויסגע-זאָגט מיט אַ שוואַכער שטימע.

ס'האָט זיך איר אָנגעהייבן צו מישן אין קאָפּ, און אינאָוונט האָט זיך די קרענק ווידער באַנייט, אָננעמענדיק אַן אומבאַ-שטימטן און מער קאָמפּליצירטן כאַראַקטער. איצט האָט זי טוין געליטן — דאָ אויפן האַרץ, דאָ אויפן ברוסט, דאָ אויפן מאַרך, דאָ אויף אַ ווייטיק אין די פיס; זי האָט אָנגעהייבן צו ברעכן, און שאַרל האָט שוין געמיינט, אַז דאָס זענען די ערשטע סימפּטאָמען פון אַ ראַק.

און אַלס צושפּיל צו אַלע צרות, איז ער אויסגעגאַנגען פאַר אַ געלט.

יידישע ... ביבליאָטעק
ווינדזאָר, 814 איר׳, איסט
ביי דער י. ל. פּרץ שול

XIV.

צוערשט האָט ער נישט געוווסט אויף וואָסער אופן צו באַצאָלן דעם אַפטייקער אָמע פאַר די מעדיקאַמענטן, וואָס ער האָט ביי אים גענומען; און הגם ער, אַלס דאָקטאָר, האָט געקענט דערפאַר נישט צאָלן, דאָך האָט ער זיך גערויטלט ביים געדאַנק וועגן דערדאָזיקער טובה. חוצרעם, איצט, ווען די דינסט האָט אָנגעהייבן צו באַלעבאַטעווען, זענען די שטוב=הוצאות שטאַרק אויסגעוואקסן; חשבונות זענען צו אים געפלויגן פון אַלע זייטן; די סוחרים האָבן געמורמלט; באַזונדערס האָט אים לערע געמאַטערט. און באמת, אין סאַמע ברען פון עמעס קרענק, האָט לערע אויסגענוצט די בעלעגנהייט, כדי צו פאַרגרעסערן דעם חוב: ער האָט שנעל געבראַכט דעם מאַנטל, דעם וועגזאַק, צוויי קופערס, אָנשטאָט איינעם, און נאָך א סך אַנדערע זאַכן. אומזיסט האָט שאַרל געטענהט, אַז ער דאַרף עס נישט, דער סוחר האָט העזהדיק געמאָלדן, אַז דאָס אַלץ איז ביי אים באַשטעלט געוואָרן און, אַז ער וועט עס צוריק נישט נעמען. אויסער אַלעם, טאָר מען נישט אויפרעגן דער מאַדאַם, בעת זי האַלט ביים געזונט ווערן. זאָל דער דאָקטאָר זיך באַרעכענען! ער איז גיכער גרייט אַריינצוגעבן דעם גאַנצן ענין אין געריכט, איידער אָפּצוזאָגן זיך פון זיינע רעכט און אַוועקטראָגן די סחורה צוריק. שאַרל האָט באַפוילן תיכף אָפּצוטראָגן די סחורה צוריק אין געשעפט; פעליסיטע אָבער האָט פארגעסן; האָבנדיק אנדערע דאגות, האָט שאַרל דערפון שפּעטער אויך פאַרגעסן. לערע האָט זיך ווידער גענומען צום אָנגריף, דאָ געדראָט און דאָ געקרעכצט אויף אַזא אופן, אַז באָוואַרי האָט אים, ענדלעך, אונטערגעשריבן אַ וועקסל אויף אַ טערמין פון זעקס חדשים. אָבער ווי נאָר ער האָט אונטערגעשריבן דעם וועקסל, איז ער געפאַלן אויף אַ זעלטענעם געדאַנק: לייען טויזנט פראַנק ביי לערען. און מיט א פאַרשעמטן טאָן האָט ער אים געפרעגט, צי מען קען אַמאָל נישט באַקומען אַזא און אַזא סומע, צוגעבנדיק, אַז ער וואָלט געוואָלט אויף אַ יאָר צייט, אויף אַ פראַ=

צענט, וויפל ס'וועט זיך פאָדערן. לערע איז אוועקגעלאָפן צו זיך אין געשעפט, געבראַכט דאָס געלט און זיך געהייסן אָנ-שרייבן אַ נייעם וועקסל, לויט וועלכן באָוואַרי איז מחויב צו באַצאָלן אין זיין אָרדער, דעם ערשטן סעפּטעמבער, צוקונפטיקן יאָר, אַ סכום פון טויזנט זיבעציק פראַנק, וואָס צוזאַמען מיט די פריערדיקע הונדערט אַכציק איז אַ קײמ'לן פון טויזנט צוויי-הונדערט פופציק. פאַרלייענדיק אויף אַזאַ אופן געלט אויף זעקס פראָצענט, מיט אַ פערטל פּראָצענט קאָמיסיע, און ריווח, וועט אים די סחורה מסתּם אויך איינברענגען אַ גוט דריטל, וואָס אין אַ יאָר צייט האָט עס אים געדאַרפט געבן הונדערט דרייסיק פראַנק פרנסה; ער האָט נאָך געטראַכט, אַז דערויף וועט עס נישט בלייבן שטיין, אַז די וועקסלען וועלן נאָך נישט ווערן געצאָלט, אז מען וועט זיי פּראָלאָנגירן און אַז זיין אָרעם געלט, אויסגעפּאַשעט זיך גוט ביים דאָקטאָר, ווי אין אַ סאַנאַ-טאָריע, וועט עס צו אים, אין אַ העלן פרימאָרגן, זיך צוריק-קערן קיילעכדיקער און גרעסער, אַז ס'וועט אים אוש צע-שפּאַרן דעם בייטל.

איבעריקנס, איז אים אין אַלעם געגאַנגען. ער האָט זיך אונטערגענומען צוצושטעלן עפּלוויין פאַרן שפּיטאָל אין נעוושאַטעל; הער גיליאָמען האָט אים צוגעזאָגט אַקציעס אויף די טאָרף-גרובן אין גרימעניל, און ער האָט געהאַט בדעה איינצוריכטן אַן אָמניבוס-קאָמוניקאַציע צווישן אַרקייל און רואַן, וואָס וועט אין אַ קורצער צייט אַוועקלייגן די טראַנטע פון „גאָלדענעם לייב"; ווייל די באַוועגונג וועט זיין אַ שנע-לערע, דער פרייז אַ נידעריקער, אָרט פאַר באַגאַזש אַ גרעסע-רער, מיט איין וואָרט, ער וועט קענען איבערכאַפּן דעם גאַנצן האַנדל פון יאָנוויל.

שאַרל האָט זיך נישט איינמאָל געשטעלט די שאלה, ווי אַזוי ער וועט דעם קינפטיקן יאָר קענען באַצאָלן אַזאַ סומע; און ער האָט געזוכט, אויסגעטראַכט עצות אויף וואָסער אופן זיך צו ווענדן צו זיין טאַטן, אָדער פאַרקויפן עפּעס. אָבער זיין טאַטע וועט זיך מאַכן טויב, און אַליין האָט ער נישט וואָס

צו פאַרקויפן. ס׳זענען פאַר אים אויסגעוואָקסן אַזעלכע שווערי-
קייטן, אַז ער האָט זיך באַמיט שנעל צו פאַרטרייבן דידאָזיקע
אומאַנגענעמלעכע געדאַנקען. ער האָט זיך פאָרגעוואָרפן, אַז ער
פאַרגעסט עמען; ווייל אַלע זיינע געדאַנקען געהערן צו איר,
און נישט טראַכטן פסדר וועגן איר, הייסט עס אָפּנעמען ביי
איר עפּעס.

ס׳איז געווען אַ שווערער ווינטער. די אויסהיילונג פון
דער מאַדאַם באָוואַרי האָט זיך זייער לאַנג פאַרצויגן. ווען דאָס
וועטער איז געווען אַ שיינס, פלעגט מען זי צופירן אין איר
פאָטעל צום פענסטער, וועלכער האָט געפירט צום פּלאַץ; ווייל
איצט האָט זי נישט געקענט קוקן אויפן גאָרטן, און פון יע-
נער זייט זענען די פאָרהאַנגען תמיד געווען אַראָפּגעלאָזט. זי
האָט געוואָלט, מען זאָל פאַרקויפן איר פערד; דאָס וואָס איז
איר אַמאָל געפעלן געוואָרן, איז איר איצט געווען נישט ניחא.
אירע אַלע געדאַנקען האָבן זיך געטראָגן אַרום איר אייגענער
פּערזאָן. זי פלעגט זיך הייסן דערלאַנגען אין בעט פאַרשידע-
נע מאכלים, געקלונגען צו איר דינסט וועגן רפואות כדי צו
קענען מיט איר כאַפּן אַ שמועס. דער שניי פון די האַלעס-
דעכער האָט געוואָרפן פון איר צימער אַ ווייסע אומבאַוועגלע-
כע שיין; נאָכדעם האָבן זיך אָנגעהייבן שלאַקס רעגנס. און
עמע האָט טאָג-טעגלעך געוואַרט, מיט אַ מין אַנגסט, אויף
עפּעס נישטיקע געשעענישן, וועלכע האָבן צו איר קיין שום
שייכות נישט געהאַט. די וויכטיקסטע איז געווען אָוונטצייט,
בעת „די שוואַלב״ פלעגט אָנקומען פון רואַן! דער בעל-אכסניה
מאַכט קולות און אַנדערע ענטפערן אים. בעת היפּאָליטס לאַמ-
טערנע, וואָס מען פלעגט אַרויסשלעפּן פונדערהויך, האָט געלויכטן,
ווי אַ שטערן אין דער פינסטערניש. מיטאָגצייט קומט שאַרל
צוריק אהיים. נאָכדעם גייט ער ווידער אַוועק; זי טרינקט ווי-
דער אויס אַ זופּ, און קעגן פינף אַ זייגער, שקיעה-צייט, גייען
די קינדער צוריק פון שולע, טראַסקענדיק מיט די קלומפּעס
אויפן טראָטואַר און איינס נאָכן צווייטן קלאַפּן זיי מיט די
לינייקעס איבער די לאָדנס.

אַט אין דידאָזיקע שעהן באַזוכט איר דער אבאט בורני-
זען. ער פרעגט זיך נאָך איר געזונט, ברענגט איר ידיעות
און מיט צערטלעכקייט און פלוידעריי, וואָס ווײלט זי, וויל ער,
זי נוטה זיין צו פרומקייט. בלויז דער אויסזען פון זיין
סוטאַנע האָט איר געשטאַרקט.

איינמאָל, אין דער שאַרפסטער סטאַדיע פון איר קרענק, האָט
זיך איר אויסגעדאַכט, אַז זי גוססעט, און זי האָט זיך געוואָלט מתוודה
זיין; און בעת מען האָט אין צימער געמאַכט הכנות צו די
סאַקראַמענטן, בעת מען האָט פאַרוואַנדלט אין אַ מזבח דעם
קאָמאָד, ווו ס'זענען געווען אויסגעשטעלט רפואות און בעת פע-
ליסטיע האָט פאַנאַנדערגעזייט געאָרגינעס אויף דער פאָדלאָגע, האָט
עמע ג פילט, ווי זי איז באַהערשט געוואָרן פון עפּעס אַ כוח,
וואָס האָט זי באַפרייט פון אַלע יסורים, פון אַלע איינדרוקן, פון
אַלע געפילן. איר פאַרגרינגערטער גוף האָט אויפגעהערט צו
טראַכטן, ס'האָט זיך אָנגעהייבן אַן אַנדער לעבן; ס'האָט זיך
איר אויסגעדאַכט, אַז איר גאַנץ וועזן דערהייבט זיך צו גאָט,
ווערט צעשוווּמען אין דערדאָזיקער ליבע, ווי אָנגעצונדענע קטורת
וואָס צעגייט זיך מיטן רויך. מען האָט באַשפּריצט מיט היי-
ליקע וואַסער די דעקעס פון איר בעט; דער גלח האָט אַרויס-
גענומען פון קעסטל אַ ווייסע האָסטיע; און פאַלנדיק אין אָנ-
מאַכט פון שמחה, האָט זי אויסגעשטרעקט אירע ליפּן, כדי אויפ-
צונעמען קריסטוסעס קערפּער, וועלכער האָט זיך דערנענטערט
צו איר. די פאָרהאַנגען פון איר אַלקער האָבן זיך לייכט געבלאָזן
אַרום איר, ענלעך צו וואָלקנס, און די שטראַלן פון די צוויי
ליכט, וואָס האָבן געברענט אויפן קאָמאָד, האָבן אין אירע
אויגן אויסגעוויזן, ווי ליכטיקע אָרעאָלן. זי האָט אַראָפּגעלאָזט
דעם קאָפּ, מיינענדיק, אַז אינם שטח הערט זי דעם קלאַנג פון
שרפים-האַרפן און זי זעט אין דער הימלישער בלויקייט, אויף
אַ גאָלדענעם טראָן, צווישן הייליקע מיט גרינע פּאַלמעס אין די
הענט, ג אָ ט ד ע ם פ אָ ט ע ר, אין זיין פולער מאַיעסטע-
טישקייט, וועלכער טוט אַ ווונק, און מלאכים נידערן אַראָפּ

אויף דער ערד, מיט פלאַמענדיקע פליגלען, כדי זי אַוועקצו־
טראָגן מיט זיך.

דידאָזיקע פּרעכטיקע וויזיע איז פֿאַרבליבן אין איר זכרון, ווי די שענסטע זאַך, וועגן וועלכער מען קען טרוימען; און איצט האָט זי זיך באַמיט צו באַגרייפן דעמדאָזיקן איינדרוק, וועלכער האָט נאָך געדויערט, אמת, נישט אויף אַזאַ בולטן אופן, אָבער מיט דערזעלבער טיפער צאַרטקייט. איר נשמה, אויסגעמאַטערט פון גאווה, האָט ענדלעך אָפּגערוט אין דער קריסטלעכער הכנעה. האָבנדיק הנאה פון איר שוואַכקייט, האָט עמע געלייכצייטיק אליין געפילט, ווי איר ווילן ווערט צעשמאָלצן און טרעט אָפּ דעם וועג פאַרן צופלוס פון חסד. אַלזאָ אַנשטאָט דעם ערדישן גליק, זענען דאָ העכערע פריידן, אַן אַנדער ליבע, העכער פון די אַלע ליבעס, אַ ליבע אָן אויפהער און אָן אַ סוף, וועלכע וואַקסט אייביק! צווישן די אילוזיעס פון אירע האָפענונגען, האָט זי באַמערקט עפּעס אַ ריינקייט, וואָס שוועבט איבער דער ערד, באַהעפט זיך מיטן הימל, און דאָרט האָט עס איר געצויגן. זי האָט געוואָלט ווערן אַ הייליקע. זי האָט גע־קויפט פּאַטשערקעס, קמיעות; זי האָט געוואָלט האָבן ביי איר צוקאָפּנס אַ קליין קעסטל מיט רעליקוויעס, אייגעפאַסט אין שמאַראַגדן, כדי זיי צו קושן יעדן אָוונט.

דער גלח האָט געקוואָלן פון דידאָזיקע שטימונגען, הגם ער האָט איינגעפונען, אַז פון גרויס התלהבות קען נאָך עמעס פרומקייט זיך דערנענטערן צו אפיקורסות און דערגיין ביז משוגעת. היות ער איז נישט געווען קיין גרויסער בקי אין דידאָזיקע זאַכן, ווען זיי זענען אַריבערגעשטיגן אַ באַ־שטימטע גרענעץ, האָט ער אָנגעשריבן אַ בריוו צו בולאַרן, צום בוכהענדלער פון זיין עקסעלענץ, אַז ער זאָל אים צושיקן עפּעס אויסערגעוויינלעכס פאַר אַ פיין אַנטוויקלטער פּערזאָן פון שיינעם געשלעכט. מיט דער זעלבער גלייכגילטיקייט, ווי מען שיקט אוועק צאַצקעס צו נע־גערס, אַזוי האָט דער בוכהענדלער איינגעפּאַקט די סאַמע גאַנגבאַרע ביכער פון דער רעליגיעזער ליטעראַטור, אין יענער

צייט. דאָס זענען געווען קליינע ביכער, געשריבן אין שאלות און תשובות, פאַמפלעטן מיט אַ טאָן פון אַ מוסר־השכל, לויטן מוסטער פון הער דע־מעסטר, ענלעך צו די ראָמאַנען מיט אַ ראָזאָווען איינבאַנד און מיט אַ זיסלעכן סטיל, פאַבריצירט דורך סעמינאַר־טרובאַדורן, אָדער דורך בלויע זאָקן, וועלכע האָבן חוזר בתשובה געווען. דאָרט איז געווען: „טראַכט גוט אַריין”; „דער וועלטלעכער מענטש ביי די פיס פון דער בתולה מאַריע, פאַרפאַסט דורך הער דע ***, דעם קאַוואַלער פון אַ סך אָרדנס”; „וואָלטערס חטאים, פאַר יוגנט”, א. אז. וו.

דער מאַדאַם באָוואַריס געדאַנקען זענען נאָך נישט געווען אַזוי קלאָר, כדי זיך קענען מיט עפּעס ערנסט פאַרנעמען. איבעריקנס, האָט זי זיך צו שטאַרק אַ נעם געטאָן צום לייענען דידאָזיקע ביכער. זי איז געווען אויפגערעגט קעגן די פאָרשריפטן פון קולט; די העזה פון די פאָלעמישע שרייבערייען זענען איר נישט געפעלן געוואָרן, צוליב די אָנפאַלן אויף מענטשן, וועלכע זי האָט נישט געקענט; און די וועלטלעכע דערציילונגען, דורכגעזאַפּט מיט רעליגיע, זענען געשריבן דורך מענטשן, וואָס קענען נישט די וועלט, אַז זיי האָבן איר אומפילבאַר דערווייטערט פון אמת, וועגן וועלכן זי האָט גראָד ביי זיי געזוכט באַווייזן. דאָך האָט זי זיך נישט אונטערגעגעבן, און ווען איין ביכל איז איר אַרויסגעפאַלן פון די הענט, האָט זי געגלויבט, אַז זי איז באַהערשט פון דערדאָזיקער קאַטוילישער מעלאַנכאָליע, וואָס איז בלויז צוטריטלעך פאַר אַ נשמה, נישט פון דער וועלט.

וואָס שייך די ערינערונגען וועגן ראָדאָלפן, האָט זי זיי געהאַט ערגעץ טיף אין האַרצן; און דאָרט האָבן זיי גערוט מיט מער פייערלעכקייט און געווען זענען זיי אומבאַוועגלעכער, ווי אַ קעניגלעכע מומיע אין דער אונטערערד. דידאָזיקע גרויסע פאַרבאַלזאַמירטע ליבע האָט אויסגעטיילט ריחות, וועלכע האָבן אומעטום אריינגעדרונגען און אָנגעפילט מיט אַ מין צאַרטקייט די אַטמאָספערע פון ריינקייט, וווּ זי האָט געוואָלט וווינען. ווען זי האָט געקניט אויף איר גאָטישן געבעט־שטול, האָט זי זיך

נעווענדעט צו גאָט מיט דיזעלבע תאווה=ווערטער, וועלכע זי האָט אַמאָל געשושקעט צו איר געליבטן, בעת איר פאַרברעכערישער שיכּרות. דערמיט האָט זי געוואָלט צוריקקערן דעם גלויבן; אָבער קיין איין פונק פון פרייד איז אויף איר נישט אַראָפּ פון הימל, און זי פלעגט זיך אויפהייבן מיט צעווייטיקטע גלידער, מיט אַן אומבאַשטימטן געפיל פון אויסערגעוויינלעכער אַנטוישונג. עמע האָט געהאַלטן, אַז דידאָזיקע זוכונגען זענען אַ פאַרדינסט. און אין איר גאווהדיקער פרומקייט האָט עמע זיך פאַרגלייכט צו דידאָזיקע באַרימטע דאַמען פון אַמאָל, וועגן וועמענס רום זי האָט געטרוימט, בעת זי האָט געקוקט אויפן פאָרטרעט פון מאַדמאַזעל דע=לאַוואַליער; דידאָזיקע דאַמען, שלעפּנדיק נאָך זיך מאַיעסטעטיש די לאַנגע געהאַפטענע עקן פון זייערע שלעפּ-קליידער, האָבן זיך דערנאָך דערווייטערט אין מדבר, כּדי דאָרט אויסצוגיסן פאַר קריסטוסן דאָס גאַנצע ביסל טרערן פון האַרץ, צעווייטיקט פון לעבן.

זי האָט זיך פאַרנומען מיט וואָלטעטיקייט. זי האָט געניייט בגדים פאַר אָרעמעלייט; זי האָט געשיקט האָלץ פאַר קימפּעטאָרינס; און איינמאָל, אַריינקומענדיק אין קיך, האָט שאַרל דאָרט דערזען דריי שנאָרערס, וועלכע האָבן געגעסן זופּ. זי האָט אַוועקגענומען צוריק אַהיים איר קליין מיידעלע, וועלכעס שאַרל האָט, בעת איר קרענק, אַוועקגעגעבן צוריק צו איר אַם. זי האָט געוואָלט אַליין איר לערנען לייענען; און וויפל בערטע האָט נישט געוויינט, האָט זי זיך נישט אויפגערעגט. זי האָט באַשלאָסן צו זיין נאָכגיביק און הכנעהדיק. אַלץ, וואָס זי האָט גערעדט, איז געווען פול מיט איידעלע אויסדרוקן. זי פלעגט, זאָגן צו איר מיידעלע:

— צי טוט דיר שוין מער דאָס בייכעלע נישט וויי, מיין מלאכל?

די מוטער באָוואַרי האָט קיין שום זאַך נישט געפונען מיט וואָס איר פאַרצוואַרפן, אַ חוץ אפשר איר מאַניע צו שטריקן זאַכן פאַר יתומים, אַנשטאָט אויסצופאַריכטן אירע אייגענע שמאַטעס. אָבער אָפּגעמאַטערט פון די מחלוקת ביי זיך

אינדערהיים, האָט די אַלטע זיך גוט געפילט אין דעם רויקן הויז, און איז דאָרט פאַרבליבן ביז נאָך פּסח, כּדי אויסצומיידן די משוגעתן פון אַלטן באָוואַרי, וועלכער האָט יעדן הייליקן פרייטיק געהייסן זיך דערלאַנגען וורשטלעך.

אַ חוץ דער געזעלשאַפט פון איר שוויגער, וועלכע האָט איר אַ ביסל געשטאַרקט מיט איר גלייכן אַרט דענקען און מיט איר ערנסטער הנהגה, האָט נאָך עמע יעדן טאָג געהאַט אַנדערע געזעלשאַפטן. ס׳איז געווען: מאַדאַם לאַנגלואַ מאַדאַם קאַראָן, מאַדאַם דיברייל, מאַדאַם טיוואַש און, רעגלמעסיק פון צוויי ביז פינף אַזייגער — די סימפּאַטישע מאַדאַם אָמע, וועלכע האָט קיינמאָל נישט געוואָלט גלויבן אין פאַרשידענע פלאָטקעס איבער איר שכנטע. אָמעס קינדער פלעגן אויך קומען איר באַזוכן; זשיסטען פלעגט זיי מיטברענגען. ער פלעגט אַרויפגעקומען מיט זיי אין צימער און בלייבן שטיין ביי דער טיר אומבאַוועגלעך, נישט אַרויסרעדנדיק קיין איינציק וואָרט. אָפטמאָל פלעגט אפילו מאַדאַם באָוואַרי קיין קוק נישט טאָן אויף אים, און פלעגט זיך מאַכן איר טואַלעט. צוערשט פלעגט זי אַרויסנעמען איר קאַם און טאָן אַ האַסטיקן שאָקל מיטן קאָפּ; און ווען זשיסטען האָט צום ערשטן מאָל דערזען דאָס גאַנצע ביסל שוואַרצע האָר, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט ביז צו די ליטקעס, איז דאָס פאַרן אָרעמען יינגל געווען אַזאַ מין אויסטערלישע נייע אַנטפּלעקונג, אַז ער האָט אַזש געשטוינט פון דערדאָזיקער פּראַכט.

עמע האָט, בלי ספק, נישט באַמערקט זיין שטילע פורכטיקע האַלטונג. ס׳איז איר אפילו נישט אַריין אין זינען, אַז די ליבע, וואָס איז פאַרשוואונדן געוואָרן פון איר לעבן, צאַפּלט זיך דאָ, לעבן איר, אונטער דער גראָבער לייוונטענער העמד, אינם האַרץ פון יונג, וואָס נעמט אויף דעם רייץ פון איר שיינקייט. איבעריקנס, האָט זי איצט אויף אַלץ געקוקט מיט גלייכגילטיקייט; זי האָט פאַר אַלץ געהאַט אַזעלכע צאַרטע ווערטער, אַזעלכע גאַווהדיקע בליקן, אַזעלכע פאַרשידענע מאַניערן, אַז מען האָט נישט געקענט אונטערשיידן עגאָיזם פון

גוטסקייט, אויסגעלאַסנקייט פון צניעות. איינמאָל, אינאָווענט, איז זי בייז געוואָרן אויף איר דינסט, וועלכע האָט געבעטן, מען זאָל איר דערלויבן אַרויסצוגיין; זי האָט געשטאַמלט, זוכנדיק עפּעס אַ תּירוץ; נאָכדעם האָט זי אָבער פּלוצלונג אַ פרעג געטאָן:

— דו האָסט דאָך אים מסתּם ליב?

און נישט וואַרטנדיק אויף דעם ענטפער פון דער דינסט, וועלכע איז רויט געוואָרן, האָט זי מוסיף געווען מיט אַן אומעטיקן אויסזען:

— נו, לויף! ווייל דיך!

אָנהייב פרילינג האָט זי געהייסן איבערגראָבן דעם גאָרטן פון איין עק ביזן צווייטן. נישט געקוקט, וואָס איר מאַן איז געווען קעגן דעם, איז ער דאָך געווען צופרידן, זעענדיק, ווי זי ווייזט אַרויס אַ שטיקל ווילן. איר ווילן האָט זיך נאָך שטאַרקער אַרויסגעוויזן, לפי-ערך ווי איר געזונט האָט זיך פאַרבעסערט. צוערשט האָט זי געפונען אַן עצה וויאַזוי פּטור צו ווערן פון דער מוטער ראָלע, בערטעס אַם, וועלכע פלעגט צו אָפט קומען צו זיי אין קיך מיט אירע צוויי זויג-קינדער און מיט אירן אַ פּענסיאָנער, האָבנדיק אַן אַפּעטיט פון אַ מענטשן-פרעסער. נאָכדעם האָט זי זיך באַפרייט פון דער משפּחה אָמע, פאַמעלעך משלח געווען אַלע אַנדערע געסט, און אַפילו אויפגעהערט אַזוי אָפט צו קומען אין קלויסטער; דערמיט האָט זיי פאַרשאַפט גרויס פרייד דעם אַפּטייקער, וועלכער האָט איר פריינטלעך באַמערקט:

— איר זענט נישקשהדיק פאַרקראָכן אין די דרכים פון קלעריקאַליזם.

בורניסיען פלעגט, פונקט ווי פריער, קומען יעדן טאָג, נאָך זיין לעקציע פון קאַטעכיזם. ער פלעגט ליבער בלייבן אינדרויסן, אויף דער פרישער לופט, אין ם וועלדל, ווי בורניסיען האָט אָנגערופן די אַלטאַנע. ס'איז געווען פונקט די שעה, ווען שאַרל פלעגט זיך צוריקקערן. ס'איז זיי געווען הייס. מען פלעגט דערלאַנגען זיסן עפּל-ווייַן און זיי פלעגן טרינקען

צוזאַמען פאַר דער רפואה־שלימה פון דער מאַדאַם באָוואַרי

בינע פלעגט אויך דאָרט זיין, דאָס הייסט עטוואָס ווייטער, לעבן וואַנט פון דער טעראַסע, ווו ער פלעגט פאַנגען ראַקעס. באָוואַרי פלעגט אים פאַרבעטן זיך אָפּצופרישן, און ער פלעגט זעלטן גוט אַרויסציען די קאָרקעס פון די פלעשער.

— מען דאַרף, — פלעגט ער זאָגן, וואַרפנדיק זיין צופרידענעם בליק אַרום זיך און אויפן אַרומיקן לאַנדשאַפט — אַזוי האַלטן די פלאַש אויפן טיש, און נאָכדעם, ווי די שנירלעך זענען איבערגעשניטן, אַרויסשטופן דעם קאָרעק פּאַמעלעך, פּאַמעלעך, ווי מען באַגייט זיך, איבעריקנס, מיט סאָדעוואַסער אין די רעסטאָראַנען.

אָבער אָפט, בעת דיזע לעקציעס, פלעגט דער עפּלוויין אים אַ שפּריץ טאָן אין פּנים, און דעמאָלט פלעגט דער גלח מיט אַ מטושטשען שמייכל תּמיד איבערחזרן דעמזעלבן שפּאַס:

— זיין גוטסקייט שלאָגט אין די אויגן!

ער איז באמת געווען זייער אַ סימפּאַטישער מענטש; און ער האָט זיך גאָרנישט אויפגערעגט, ווען דער אַפּטייקער האָט שפּעטער איינמאָל געראָטן, ער זאָל אָוועקפירן זיין ווייב, כדי זי זאָל זיך פאַרווײַלן, אין רואַנער טעאַטער, ווו ס׳טרעט אַרויס דער באַרימטער טענאָר לאַגאַרדי. אָמע האָט זיך געווונדערט, וואָס ער ענטפערט נישט, ער האָט געוואָלט וויסן זיין מיינונג, און דער גלח האָט געמאָלדן, אַז לויט זיין מיינונג, איז די מוזיק ווייניקער געפערלעך פאר די זיטן, ווי די ליטעראַטור.

אָבער דער אַפּטייקער האָט אָנגעהייבן צו פאַרטיידיקן די ליטעראַטור. דער טעאַטער האָט, לויט זיין מיינונג, די אויפגאַבע — אָפּצולאַכן פון די פאָראורטיילן, און אונטער דער מאַסקע פון פאַרגעניגן לערנט ער גוטע מידות.

— איך ווייסט *Castigat ridendo mores הער בורניסיען

---

*) לאַכנדיק, בעסערט מען אויס די זיטן.

האָט גיט אַ קוק; למשל, צוּיף ס'רוב וואָלטערס טראַגעדיעס; זיי זענען זייער געשיקט באַפּלאַנצט מיט פילאָזאָפישע רעפלעקסיעס, וועלכע מאַכן פון די טראַגעדיעס אַן אמתע שולע פון מאָראַל און דיפּלאָמאַטיע פאַרן פאָלק.

— איך, — האָט בינע געזאָגט, — האָב אַמאָל געזען אַ פיעסע מיטן נאָמען דער גאַסן-יונג פון פּאַריז, ווו ס'ווערט אויסגעצייכנט געשילדערט דער כאַראַקטער פון אַן אַלטן גענעראַל! ער דערלאַנגט א גוטע פּאָרציע אַ זונדעלע, וועלכער האָט פאַרפירט אַן אַרבעטערין, און וועלכער האָט לסוף...

— זיכער — האָט פאַרגעזעצט אָמע, — ס'איז דאָ א שלעכטע ליטעראַטור, פּונקט ווי ס'איז דאָ אַ שלעכטע אַפּטייק; אָבער פאַרמשפּטן אין אַלגעמיין דאָס העכסטע און וויכטיקסטע פון קונסט ווערק איז אַן אבסורד, אַ באַרבאַרישער איינפאַל, וואָס באַסט פאַר יענע העסלעכע צײַטן, ווען מען האָט גאַלילייען אַריינגעוואָרפן אין תפיסה.

— איך ווייס גאַנץ גוט, — האָט געענטפערט דער גלח — אַז ס'געפינען זיך גוטע ווערק, גוטע שרייבער; אָבער דידאָזיקע פערזאָנען פון פאַרשידענעם געשלעכט, וואָס זאַמלען זיך צונויף אין אַ פאַרכישופטן זאַל, אויסגעפוצט מיט גרויס פראַכט, נאָכדעם די געצנדינערישע קאָסטיומען, די פאַרבן, די באַלויכטונג, די פרויען-קולכעלעך — דאָס אַלץ מוז איינפלאַנצן אין אַ מענטשן אַ געוויסע גייסטיקע אויסגעלאַסנקייט, רופט אַרויס זינדיקע געדאַנקען און שמוציקע נסיונות. אָט אַזאַ מיינונג האָבן, לכל-הפחות, אַלע הייליקע פאָטערס. ענדלעך — האָט ער מוסיף געווען, אַריינפאַלנדיק אין אַ מיסטישן טאָן און דרייענדיק צווישן די פינגער אַ שמעק טאַבאַק, — אויב דער קלויסטער האָט פאַראורטיילט טעאַטער-פאָרשטעלונגען, האָבן זיי רעכט; מיר דאַרפן זיך אונטערוואַרפן זייערע אורטיילן.

— פאַרוואָס, — האָט געפרעגט דער אַפּטייקער, — נעמט דער קלויסטער אַריין אין חרם אַלע אַרטיסטן? זיי האָבן דאָך אַמאָל אַרויסגעטראָטן אויף רעליגיעזע צערעמאָניעס. יאָ, מען האָט גע=

שפּילט, מען האָט אויפן כאָר־בינע פאָרגעשטעלט פאַרשידענע פּאַרסן, וועלכע האָבן געהייסן מיסטעריעס, ווו די געזעצן פון אָנשטענדיגקייט זענען גאַנץ אָפט געוואָרן באַליידיקט.

דער גייסטלעכער האָט א קרעכץ געטאָן, און דער אַפּטייקער האָט ווייטער גערעדט:

— פּונקט ווי אין דער תּורה; ס׳שטייט דאָרט... איר ווייסט דאָך... אַ סך פּרטים... געזאַלצענע... פון זאַכן באמת... וויציקע!

און אויפן בייזן זשעסט פון דעם גלח בורניסיען האָט אָמע צוגעגעבן:

— און איר וועט דאָך מסכים זיין, אַז די ביבל איז גראָד נישט קיין ספר, וואָס מען קען געבן אין די הענט פון יונגוואַרג, און איך וואָלט געווען שטאַרק אין כעס, אַז אַטאַליע...

— אָבער דאָס זענען דאָך נישט מיר, דאָס רעקאָמענדירן דאָך די פּראָטעסטאַנטן די ביבל! — האָט אויסגערופן דער גלח, פאַרליערנדיק דעם געדולד.

— ס׳איז נישט וויכטיק! — האָט אָמע געזאָגט. — איך הונדער מיך נאָר, אַז אין אַנדערע צייטן, אין אַ דור פון בילדונג, זאָל מען נאָך פאַרדיקן קעגן גייסטיקע פאַרוויילונגען, וואָס איז אומשעדלעך, וואָס טראָגט אַ מאָראַלישן און טיילמאָל אויך אַ היגיענישן כאַראַקטער, נישט אמת, הער דאָקטאָר?

— זיכער, — האָט שאַרל גלייכגילטיק געענטפערט; און מען האָט נישט געוווּסט, צי ער האָט אַזוי געענטפערט, ווייל ער איז געווען איינשטימיק מיטן אַפּטייקער, נאָר ער האָט קיינעם נישט געוואָלט באַליידיקן, צי ער האָט בכלל קיין שום מיינונג נישט געהאַט.

ס׳האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דער שמועס איז פאַרענדיקט, אָבער מיטאַמאָל האָט זיך דעם אַפּטייקער פאַרוואָלט דערלאַנגען דעם גלח אַ לעצטן שטאָך.

— איך האָב געקענט גייסטלעכע, וועלכע האָבן זיך איבערגעטאָן אין וועלטלעכע בגדים, כּדי צו גיין כאַפּן א קוק, ווי ס׳טאַנצן באַלעריגעס.

— נו, וואָס ווייטער, — האָט געזאָגט דער גלח.

— יאָ, איך האָב געקענט אַזעלכע!

און, צעטיילנדיק די זילבן פון זיין פראַזע, האָט אָמע איבערגעחזרט:

— איך האָב גע...קענט אַ...זעל...כע.

— נו, איז וואָס! האָבן זיי נישט גוט געטאָן, — האָט געענטפערט בורניסיען, וועלכער האָט זיך באַוואָפנט מיט הכנעה.

— אָבער, צו אַלדע רוחות! זיי טוען דאָך נאָך אַנדערע זאַכן אויך! — האָט דער אַפּטייקער אויסגערופן.

— מסיע!... — האָט אַ זאָג געטאָן דער גלח מיט אַזאַ מין בליק, אַז דער אַפּטייקער האָט זיך איבערגעשראָקן.

— איך האָב בלויז געוואָלט זאָגן, — האָט דער אַפּטייקער זיך אָנגערופן מיט אַ ווייכערן טאָן, — אַז טאָלעראַנץ איז די בעסטע עצה, וויאַזוי צוצוציען נשמות צו דער רעליגיע.

— אמת! אמת! — האָט נאָכגעגעבן דער תּם, זעצנדיק זיך צוריק אויפן אָרט.

אָבער ער איז נאָך פאַרבליבן מיט זיי מער נישט ווי צוויי מינוט. ווי נאָר ער איז אַוועקגעגאַנגען, האָט זיך אָמע געווענדעט צו שאַרלען:

— אָט דאָס הייסט דערלאַנגט איבערן שנאָבל! איך האָב אים גאַנץ נישקשהדיק מכבד געווען, איר האָט געהערט!... אַלזאָ, פאָלגט מיך, פירט אַוועק דער מאַדאַם באָוואַרי אין טעאַטער, כדי איינמאָל אין לעבן אויפצורייצן איינעם פון די שוואַרצע קראָען, כאַפּט עס דער רוח! אויב עמעצער וואָלט מיך געקענט פאַרבייטן, וואָלט איך אַליין איך מיט איך מיטגעפאָרן, אַלזאָ, איילט אייך! לאַגאַרדי גיט בלויז איין פאָרשטעלונג; ער איז איינגעלאַדן קיין ענגלאַנד פאַרן גרויסער באַלוינונג. מען שמועסט, אַז ער איז אַ וואַזשנער יונג! ער באָדט זיך אין גאָלד! ער פירט מיט זיך דריי געליבטע און אַן אייגענעם קוכער! דידאָזיקע אַלע גרויסע אַרטיסטן זענען געוווינט צו צינדן די ליכט פון ביידע זייטן; זיי נייטיקן זיך אין אַן אויסגעלאַסן

לעבן, ווייל דאָס ברויזט אויף זייער פאַנטאַזיע. אבער זיי שטאַרבן אין שפּיטאָל, ווייל אין זייער יוגנט זענען זיי נישט געווען גענוג קלוג, כּדי אָנצוזאַמלען געלט. נו, מיט אַ גוטן אַפּעטיט, אויף ווידערזען!

דער געדאַנק וועגן טעאַטער איז אריין שאַרלען טיף אין קאָפּ; ווייל תּיכּף האָט ער דערפון געמאָלדן דעם ווייב, וועלכע האָט זיך תּחילת אָפּגעזאָגט, מיטן אויסרייד, אַז זי איז אָפּגעמאַטערט, אַז ס'איז פאַרבונדן מיט צו גרויסע הוצאות; אָבער פונקט פאַרקערט, ווי אַלעמאָל, האָט שאַרל איצט נישט אָפּגעטראָטן, אַזוי זיכער איז ער געווען, אַז דידאָזיקע פאַרוויילונג וועט איר זיין נוצלעך. ער האָט נישט געזען קיין שום שטערונגען; זיין מאַמע האָט אים צוגעשיקט דרייהונדערט פראַנק, אויף וועלכע ער האָט לגמרי נישט גערעכנט. די לויפנדיקע חובות זענען נישט געווען אַזוי גרויס און דער טערמין פון צאָלן די וועקסלען מסיע לערע איז נאָך געווען זייער ווייט, דעריבער האָט נאָך דערפון קיין שום רייד נישט געקענט זיין. ענדלעך, מיינענדיק, אַז זיין ווייב זאָגט זיך אָפּ אויס העפלעכקייט, איז שאַרל צוגעשטאַנען, ביז וואַנען זי האָט נאָכגעגעבן און באַשלאָסן צו פאָרן. און אויף צומאָרגנס, אַכט אַ זייגער אינדערפרי, זענען זיי איינגעשטיגן אין „שוואַלב".

דער אַפּטייקער, וועלכן ס'האָט קיין שום זאַך נישט אויפגעהאַלטן אין יאָנוויל, אָבער וועלכער האָט זיך איינגערעדט, אַז ער טאָר זיך נישט רירן פון אָרט, האָט אַ קרעכץ געטאָן, ווען זיי זענען אָפּגעפאָרן.

— נו, אַ גליקלעכע נסיעה! — האָט ער צו זיי געזאָגט. — גליקלעכע מענטשן!

און צו עמען, וועלכע האָט געטראָגן אַ בלויע זיידענע קלייד מיט פיר פאַלבאַנעס, האָט ער געזאָגט:

— איר זענט שיין, ווי אַמור! איר וועט מאַכן אַ פוראָר אין רואַן.

דער אָמניבוס האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן האָטעל „רויטער קרייץ", אויפן באָוואַזענער פּלאַץ. ס'איז געווען אַזאַ מין אכסניה,

העלכע מען קען באַגעגענען אין אַלע פּראָװינץ־שטעט, מיט גרויסע שטאַלן און מיט קליינע צימערלעך צו שלאָפן, װו מען זעט אויפן הויף, װי הינער פּיקן האָבער אונטער די קויטיקע בריטשקעס פון די קאָמי־װאָיאַזשאָרן. דאָס זענען גוטע אַלטע קרעטשמעס מיט צעפוילטע באַלקאָנען, װעלכע טראַסקען אויפן װינט אין די װינטערדיקע נעכט; תמיד זענען זיי געפּאַקט מיט מענטשן, תמיד שטייט דאָרט אַ גערויש, תמיד עסט מען; די טישן זענען באַפלעקט פון די „גלאָריעס" *), די דיקע שויבן זענען געל פון פליגן, די פייכטע סערװעטקעס זענען באַגאָסן מיט רויטװיין, פון אַלץ שמעקט מיט דאָרף, פּונקט װי פון אַ דאָרפישן אַרבעטער, װאָס טוט זיך אָן אין שטאָטישע מלבושים; דיזאָזיקע אַכסניות האָבן געװיינלעך אַ צוקערניע צו דער גאַס און צו דער זייט פון פעלד — אַ סאָד. שאַרל איז תיכּף אַװעקגעלאָפן קויפן בילעטן. ער האָט נישט געקענט אונטערשיידן צװישן אַװאַנסצענע און גאַלעריע, צװישן פּאַרטער און לאָזשע. ער האָט געפּאָדערט דערקלערונגען, און האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען; ער איז געלאָפן פון קאָנטראָלער צום דירעקטאָר, צוריקגעקערט זיך אין האָטעל, נאָכדעם װידער אין קאַסע, און נאָך אַ סך מאָל געמאָסטן די שטאָט־גאַסן פון טעאַטער ביז צום בולװאַר.

מאַדאַם באָװאַרי האָט זיך געקויפט אַ הוט, הענטשקעס, אַ בוקעט. מסיע באָװאַרי האָט מורא געהאַט צו פאַרשפּעטיקן; און אויסטרינקענדיק דעם זופּ, אויף דער שנעל, זענען זיי אַװעקגעלאָפן צו די טירן פון טעאַטער, װעלכע זענען נאָך געװען צוגעשלאָסן.

---

*) אַן אויסמיש פון קאַװע און קאָניאַק.

XV

מתנות מענטשן זענען געשטאַנען ביים טעאַטער, אויפגעפּרעסט. סימעטריש צווישן די באַלוסטראַדן. אויף די ווינקלען פון שכנותדיקע גאַסן זענען אויף גיגאַנטישע אַפישן געווען אויפגעשריבן אויסטערלישע אויפשריפטן: „לוסי דע לאַמערמור... לאַגאַרדי... אָפּערע... א. אז. וו.״ ס'איז געווען אַ פיינער וועטער: שווייס האָט זיך געגאָסן פון די האָר; מיט נאָזטיכלעך האָט מען געווישט די רויטע פּנימער; און פון צייט צו צייט האָט אַ וואַרעם ווינטל, בלאָזנדיק פון דער זייט פון טייך, לייכט באַוועגט דעם זוים פון די לייוונטענע פּאַלאַטקעס ביי די טירן פון די שענקען. אָבער עטוואָס נידעריקער האָט זיך געפילט אַ קאַלט ווינטל, וועלכעס האָט מיטגעבראַכט די ריחות פון חלב, פון לעדער און פון אייל. דאָס זענען געווען די אויסדעמפונגען פון שאַרעט גאַס, פול מיט גרויסע שוואַרצע געשעפטן, ווו מען האָט געקויקלט פעסער.

עמע האָט מורא געהאַט, זי זאָל נישט אויסזען קאָמיש, האָט זי, פאַרן אַריינגיין אין טעאַטער, באַשלאָסן זיך דורכצושפּאַצירן אַ ביסל איבערן האַפן; אויס פאָרזיכט האָט שאַרל אין זיין הויזן-קעשענע געהאַלטן פעסט די בילעטן אין דער האַנט, צודריקנדיק זיי צום בויך.

שוין אין וועסטיבול האָט עמעס האַרץ אָנגעהייבן שטאַרק צו קלאַפּן. זי האָט נישט ווילנדיק אַ שמייכל געטאָן, פּשוט אויס גאווה וועגן, ווייל זי האָט געזען, ווי דער עולם האָט זיך געשטופּט אויף רעכטס דורך אַן אַנדער קאָרידאָר, בעת זי איז אַרויף אויף די שטיגן אין דער ריכטונג צו די לאָזשעס. מיט אַ קינדערשער הנאה האָט זי אַ שטופּ געטאָן די גרויסע טאַפּעצירטע טיר. מיט פולע ברוסטן האָט זי אַריינגעצויגן די שטויביקע לופט פון די קאָרידאָרן, און ווען זי איז שוין געזעסן אין דער לאָזשע, האָט זי אויסגעבויגן די טאַליע מיט אַן אָנגעצויגענער גראַציע פון אַ הערצאָגין.

דער זאַל האָט זיך אָנגעהייבן אָנצופילן; מען האָט

אַרויסגענומען לאָרנעטן פון די פּוטליאַרן, און די אַבאָנענטן האָבן זיך באַגריסט, זעענדיק איינער דעם צווייטן פון דער ווייטנס. דאָ, צווישן די ווענט פון שיינער קונסט, זענען זיי זיך געקומען אָפּרוען פון זייערע געשעפטן; אָבער נישט פאַרגעסנדיק לגמרי פון זייערע מסחרים, האָבן זיי דאָ אויך געשמועסט וועגן באַוול, וועגן בראָנפן אָדער וועגן אינדיגאָ. מען האָט דאָ געזען קעפּ פון זקנים, רויקע און אָן אויסדרוק, וועלכע זענען מיט זייערע גרויע קוטשמעס און בלאַסע פּנימער געווען ענלעך צו זילבערנע מעדאַלן, אָפּגעבלאַקירט פון בליי־רויכן. די גאָלדענע יוגנט האָט געפראַנטעוועט אין פּאַרטער, אַרויסשטעלנדיק אינם אויסשניט פון זייער וועסט זייער ראָזאָווע און גרינע קראַוואַטן; און מאַדאַם באָוואַרי האָט פון דער הויך געכאַפּט התפּעלות פון זיי, פון זייערע הענט, באַצויגן מיט געלע הענטשקעס, וועלכע זיי האָבן אָנגעלענט אויף די שטעקנס מיט גאָלדענע קעפּ.

מען האָט אָנגעצונדן די ליכט פון אָרקעסטער; פון סופיט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ שפּיגל, וועלכער האָט צוזאַמען מיטן שיין פון זיינע קאַרבירטע גלעזלעך, אַריינגעגאָסן אַ פּלוצלונגע פריילעכקייט אין זאַל; נאָכדעם זענען די מוזיקאַנטן אַריינגעקומען איינער נאָכן צווייטן, און ס׳האָט זיך צעזערשט געלאָזט הערן אַ קאַצן־מוזיק: באַסן האָבן געשנאָרכט, פידלען האָבן געקרימפּלט, טראָמבאָנעס האָבן געטרומייטערט, פלייטן און פלאַזשיאָלעטן האָבן געפייפט. אָבער אָט האָט מען דערהערט דריי קלעפּ אויף דער סצענע; די צימבלען האָבן אָנגעהייבן צו קלאַפּן, די מעשענע אינסטרומענטן האָבן אַרויסגעלאָזט אַקאָרדן און דער פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהייבן, אויפדעקנדיק אַ לאַנדשאַפט.

די סצענע האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ פּלאַץ אינמיטן וואַלד. פון דער לינקער זייט איז געווען אַ קוואַל, וועלכער איז געשטאַנען אונטערן שאָטן פון א דעמב. פּויערים און פּריצים מיט פּלעצן, פאַרוואָרפן איבער די אַקסלען, האָבן צוזאַמען זונגען אַ יאַגד־ליד; נאָכדעם געהאַט זיך באַוויזן אַ קאַפּיטאַן,

וועלכער האָט אַרויסגערופן דעם מלאך-המשחית, אויפהייבנדיק
צום הימל זיינע ביידע הענט. ס'האָט זיך באַוויזן אַ צווייטער,
נאָכדעם זענען זיי אַוועק, און די יעגער האָבן ווידער אָנגע-
הייבן צו זינגען.

עמע האָט זיך איצט אריבערגעטראָגן אין די צייטן פון
איר יוגנט, ווען זי איז געווען דורכגעדרונגען מיט וואָלטער
סקאָט. ס'האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז ווי דורך אַ
נעפּל, הערט זי ווי אין די סטעפּעס פייפן די שאָטלענדישע
דודעלעך. די זכרונות פון די ראָמאַנען האָבן איר איצט אויפ-
געקלערט דעם אינהאַלט פון דער ליבּרעטאָ, און זי האָט אויפ-
מערקזאַם אויפגעכאַפּט די גאַנצע אינטריגע, פראַזע ביי פראַזע,
בעת אין איר קאָפּ זענען אַנטשטאַנען אומבאַגרייפלעכע געדאַנ-
קען און זענען גלייך נאָכדעם צעזייט געוואָרן אונטערן גערויש
פון דער מוזיק. זי האָט זיך געלאָזט איינוויגן פון די מעלאָ-
דיעס און ס'האָט זיך איר אויסגעדאַכט, ווי איר גאַנצער וועזן
שוועבט, ווי די סמיטשקעס פון די פידלען שפּאַצירן איבער
אירע נערוון. ס'האָבן איר אויסגעפעלט אויגן, כדי צו באַטראַכטן
די קאָסטיומען, די דעקאָראַציעס, די פערזאָנען, די געמאָלטע
ביימער, וועלכע האָבן זיך געטרייסלט ביים פאַרבייגיין; און די
סאַמעטענע היטלען, די מאַנטלען, די שווערדן, די אַלע פאַנ-
טאַזיעס, וועלכע האָבן זיך באַוועגט אין הארמאָניע, פּונקט ווי
אין אַן אַטמאָספער פון עפּעס אַן אַנדער וועלט. אָבער אָט איז
אַ יונגע פרוי ארויס פאָרויס און אַ וואָרף געטאָן אַ בייטעלע
צו אַ גרינעם פערד-משרת. זי איז פאַרבליבן אַליין, און ס'האָבן
זיך דעמאָלט דערהערט קלאַנגען פון אַ פליוט, ענלעך צום
גערויש פון אַ פאָנטאַן אָדער צום טשוויקען פון פייגעלעך. לוסי
האָט מונטער אָנגעהייבן צו זינגען איר ס אָ ל-מ אַ ז ש אָ ר קוואַנ-
טינע; זי האָט באַקלאָגט די ליבע, זי האָט געוואָלט האָבן
פליגלען. עמע אַליין וואָלט אויך איצט געוואָלט אַנטלויפן פון
איר לעבן און אַוועקפליען אין עמעצנס אָרעמס. פלוצלונג האָט
זיך עדגאַר לאַגאַרדי באַוויזן.

ער האָט געהאַט אַזאַ מין הערלעכע בלאַסקייט, וועלכע

גיט צו, אַזוי צו זאָגן, מאַרמאָר=מאַיעסטעטישקייט די ראָסן פון ברענענדיקן דרום. זיין מעכטיקע פיגור איז געווען באַצויגן מיט אַ שוואַרצער קאַמיזעלקע; אַ קליינער אויסגעטאָקטער קינזשאַל איז אים אַראָפּגעהאָנגען ביי דער לינקער זייט, און ער האָט געוואָרפן ליבלעכע בליקן, אַרויסווייזנדיק זיינע ווייסע ציין. מען האָט געשמועסט, אַז עפּעס אַ פּוילישע פּרינצעסין האָט זיך פאַרליבט אין אים, ווען זי האָט אים איינמאָל געהערט זינגען אויפן ביאַריצער פּלאַזש, וווּ ער האָט פאַרריכט שליופּקעס. זי האָט זיך צוליב אים רויִנירט. ער האָט זי אַוועקגעוואָרפן צוליב אַנדערע פרויען. און די דאָזיקע סענטימענטאַלע ליבע האָט נאָר פאַרשטאַרקט זיין אַרטיסטישן שם. דער פּיפּיקער אַקטיאָר האָט תמיד אַריינגעוואָרפן אין זיינע רעקלאַמעס אַ פּאָעטישע פראַזע וועגן זיין שיינקייט און וועגן דער פילבאַרקייט פון זיין נשמה. אַ פיינע שטימע, אַ געוואַלדיקע זיכערקייט אין זיך, מער טעמפּעראַמענט, ווי אינטעליגענץ, מער אָנשטעל, ווי ליריזם; אָט די מעלות האָבן דערהייבן די וווּנדערבאַרע נאַטור פונם שאַרלאַטאַן — אַן אויסמיש פון אַ פריזירער מיט אַ טאָרעאַדאָר.

פון דער ערשטער סצענע אָן האָט ער אַלעמען אַריינגעבראַכט אין התפּעלות. ער האָט געדריקט לוסין אין זיינע אָרעמס, זי פאַרלאָזט, זיך ווידער צוריקגעקערט צו איר, געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ פאַרצווייפלטן. ער האָט געהאַט אויסברוכן פון כעס, נאָכדעם עלעגישע קרעכצן פול מיט מתיקות, און פון זיין נאַקעטן האַלדז האָבן זיך אַרויסגעגאָסן טענער, פול מיט טרערן און קושן. איינבויגנדיק זיך, כדי אים צו זען, האָט עמע מיט אירע נעגל געדראַפּעט דעם סאַמעט פון איר לאָזשע. איר האַרץ איז געוואָרן אָנגעפילט מיט די מעלאָדישע קרעכצן, וועלכע האָבן זיך געצויגן פונם אַקאָמפּאַנימענט פון די קאָנטראַבאַסן, פּונקט ווי די געשרייען פון שיפּברוך=געליטענע אינם גערויש פון אַ שטורעמווינט. זי האָט ווידער איבערגעלעבט די גאַנצע שיכּרות און דעם פּיין, פון וואָס זי איז שיער נישט געשטאָרבן. די שטימע פון דער זינגערין האָט געקלונגען אין עמעס אויערן, ווי דער אָפּקלאַנג פון אירע שטימונגען און די־

דאָזיקע פאַרכישופטע אילוזיע, — ווי עפּעס פון איר אייגן לעבן. אָבער קיינער אויף דער ערד האָט איר נישט געליבט מיט אַזאַ מין ליבע. יענער האָט נישט געוויינט, ווי עדגאַר, דעם לעצטן אָוונט, ביים שיין פון דער לבנה. ווען זיי האָבן צו זיך געזאָגט: „ביז מאָרגן; ביז מאָרגן!...“ דער זאַל האָט געציטערט פון אַפּלאָדיסמענטן; מען האָט איבערגעחזרט דעם גאַנצן דועט; די געליבטע האָבן גערעדט וועגן בלומען אויף זייער קבר, וועגן שבועות, וועגן וואַנדערונגען, וועגן מזל, האָפענונגען, און ווען זיי האָבן פאַרענדיקט מיטן לעצטן זיי־געזונט, האָט עמע ארויסגעלאָזט אַ הילכיקן געשריי, וועלכער האָט זיך אויסגעמישט מיט די וויבראַציעס פון די לעצטע אַקאָרדן.

— פאַרוואָס פאַרפאָלגט זי דער דאָזיקער הער? — האָט שאַרל געפרעגט.

— אָך, ניין, — האָט זי געענטפערט, — ס'איז דאָך איר געליבטער.

— אָבער ער שווערט דאָך, אַז ער וועט זיך נוקם זיין אָן איר משפחה, בעת דער צווייטער, וועלכער איז אָקאָרשט געקומען, האָט געזאָגט: „איך ליב לוסיען און גלויב, אַז זי האָט מיך אויך ליב“. נאָכדעם איז ער גאָר אַוועק מיט איר פאָטער געאָרעמט. ווייל דער קליינער, דער מיאוסער, מיטן האָן־פעדער אין קאַפּעלוש איז דאָך מסתּם איר פאָטער, נישט אמת?

נישט געקוקט אויף אַלע דערקלערונגען, וואָס עמע האָט געגעבן שאַרלען בנוגע דעם רעציטאַטיוון דועט, ווו זשילבער שילדערט זיין באַלעבאָס אַשטאָן מיט זיינע העסלעכע מעשים, האָט דאָך שאַרל, — זעענדיק דעם פאַלשן חופּה־קדושין־רינג, וועלכער האָט געדאַרפט דינען אָפּצונאַרן לוסיען, — געמיינט, אַז דאָס איז אַ ליבע־מתּנה, געשיקט פון עדגאַרן. איבעריקנס, האָט ער מודה געווען, אַז ער פאַרשטייט נישט די מעשה צוליב דער מוזיק, וואָס שטערט די ווערטער.

— אַלצאיינס! שווייג שוין בעסער! — האָט עמע געזאָגט.

— דו ווייסט דאָך גאַנץ גוט, — האָט ער געזאָגט, איינ־

בויגנדיק זיך איבער איר אַקסל, — אַז איך האָב ליב זיך אָפּ־צוגעבן אין אַלץ אַ דין וחשבון.

— שווייג! שווייג! — האָט זי געזאָגט מיט אומגעדולד.

לוסי האָט זיך באַוועגט פּאָרויס, אָנגעלענט אויף אירע פּרויען, מיט אַ פּאַמאַראַנצן־קרוין אויפן קאָפּ, און איז געווען ווייסער פון איר ווייס־אַטלאַסענעם קלייד. עמע האָט זיך דער־מאָנט אָן דעם טאָג פון איר חתונה; און זי האָט זיך דערזען דאָרט, צווישן די פעלדער אויף דער קליינער סטעזשקע, ווען מען איז געגאַנגען אין קלויסטער. פּאַרוואָס האָט זי דעמאָלט נישט געטאָן, פּונקט ווי די? פּאַרוואָס האָט זי נישט געגעבן קיין ווידערשטאַנד, געבעטן קיין רחמים? אדרבה, זי איז דע־מאָלט געווען פריילעך, און נישט באַמערקט אפילו דעם תהום, אין וועלכן זי האָט זיך געוואָרפן! אַך, ווען זי וואָלט געקענט אָנלענען איר לעבן אויף עפּעס אַ גרויסמוטיק פעסט האַרץ. נאָך אַמאָל, ווען איר שיינקייט איז געווען פריש, ווען איר פּאַ־מיליע לעבן איז נאָך נישט געווען פאַרשמוצט, איידער זי האָט זיך נאָך אַנטטוישט אין איר פאַררעטערישער ליבע, דעמאָלט וואָלט זיך צונויפגעגאָסן איר צניעות, איר צאַרטקייט, איר תאווה און איר חוב און ס'וואָלט איר קיינמאָל נישט אויסגעקומען אַראָפּ־צולאָזן זיך פון אַזאַ הויכן גליק. אָבער דערדאָזיקער גליק איז בלי ספק געווען אַן אויפגעטראַכטער ליגן, כדי צו דערשטיקן די גאַנצעליידנשאַפט. איצט האָט זי דערקענט די אייטלקייט פון די תאוות, וואָס די פּאָעזיע פאַרגרעסערט. וועלנדיק אָפּ־ווענדן דערפון דעם געדאַנק, האָט עמע אין דערדאָזיקער רע־פּראָדוקציע פון אירע ליידן געוואָלט בלויז זען אַ פּלאַסטישע פאַנטאַזיע, וואָס זאָל קוויקן דאָס אויג; און טיף אין האַרצן האָט זי אפילו געשמייכלט מיט אַ גאַווהדיקער רחמנות. מיטאַמאָל האָט זיך טיף פון טעאַטער, פון הינטער די סאַמעטענע פאָר־טיערן, באַוויזן אַ מענטש אין אַ שוואַרצן מאַנטל.

ער האָט מיט אימפּעט אַרויפגעוואָרפן זיין גרויסן שפּאַ־נישן הוט; און תיכף האָבן די אינסטרומענטן און די זינגער זיך פאַנאַנדערגעלאָזן אינם סעקסטעט. עדגאַר, ציטערנדיק פון

כעס, האָט אַלעמען באַהערשט מיט זיין שטאַרקער שטימע. אַשטאָן האָט געוואָרפן צו אים נידעריקע נאָטן, מערדערישע זלזולים. לוסי האָט אַרויסגעלאָזט הילכיקע ווייגעשרייען. אַרטור האָט בײַ דער זייט מאָדולירט מיטעלע טענער, און דער טיפער באַס פון גלח האָט געדונערט, ווי אַן אָרגל, בעת די פרויען־שטימען, איבערחזרנדיק זיינע ווערטער, האָבן אויסגעצייכנט אונטערגעהאַלטן דעם כאָר. זיי האָבן אַלע איינשטימיק געמאַכט דיזעלבע באַוועגונגען; און דער כעס, די נקמה, די אייפערזוכט, די רחמנות און די שטוינונג האָט זיך גלייכצייטיק אַרויסגעריסן פון זייערע אָפענע מיילער. דער באַליידיקטער פאַרליבטער האָט געפאָכעט מיט זיין בלויזן שווערד. זיין גיפיורענער קאָלנער האָט זיך האַסטיק געהייבן, לויט די באַוועגונגען פון זיין ברוסט. ער איז געגאַנגען הין און צוריק מיט גרויסע טריט, קלינגענדיק אויף דער פּאָדלאָגע מיט די באַגילטע שפּאָרן פון זיינע ווייכע שטיוול, וועלכע זענען געווען אָפן בײַ די ליטקעס. ער מוז האָבן — האָט זי געטראַכט — אַן אומערשעפּלעכן קוואַל פון ליבע, וועלכע ער גיסט פאַנאַנדער פאַרן עולם מיט גרויסע שטראָמען. אַלע אירע באַליידיקונגען זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן פאַר דער פּאָעזיע פון דערדאָזיקער ראָל, וועלכע האָט אָנגעפילט איר האַרץ, און איר אילוזיע האָט איר אַ שטויס געטאָן צו דעמדאָזיקן מענטשן. זי האָט געפּרוווט זיך פאָרצושטעלן זיין לעבן, זיין מפורסמדיק אויסערגעוויינלעך פּרעכטיק לעבן. אָט אַזאַ לעבן וואָלט זי אויך געקענט פירן, אויב דער גורל וואָלט געוואָלט! ווען זיי וואָלטן זיך געקענט, וואָלטן זיי זיך אין איינאַנדער פאַרליבט! מיט אים וואָלט זי אַרומגעפאָרן איבער אַלע לענדער פון אייראָפּע, פון איין הויפּטשטאָט צו דער צווייטער; זי וואָלט גענומען אַנטייל אין זיין אַרבעט און אין זיין רום, זי וואָלט אויפגעקליבן די בלומען, וואָס מען וואַרפט אים, זי וואָלט אַליין אויסגעהאָפטן זיינע קאָסטיומען; און נאָכדעם וואָלט זי יעדן אָוונט געזעסן טיף אין איר לאָזשע, הינטער דער באַגילטער אָפּצוימונג און וואַלט מיט תענוג אויפגענומען די

השתפכות פון דערדאָזיקער נשמה, וואָס זינגט פאַר איר אַליין; שפּילנדיק, וואָלט ער פון דער סצענע געקוקט בלויז אויף איר אַליין. אָבער פּלוצלונג האָט איר אַ משוגעת אַרומגעכאַפּט יאָ, ער קוקט איצט אויף איר. אָן שום ספק, ס'האָט זיך איר שטאַרק געוואָלט — אַריינוואַרפן זיך אין זיינע אָרעמס, געפינען לעבן אים אַ שוץ, ווערן די פאַרקערפּערונג פון ליבע און זאָגן צו אים, אַ געשריי טאָן צו אים; „נעם מיך, פיר מיך אַוועק, לאָמיר פאָרן! איך בין דיינע מיט מיין גאַנצן ברען, מיט מיינע אַלע טרוימען!"

דער פאָרהאַנג האָט זיך אַראָפּגעלאָזט.

דער ריח פון גאַז האָט זיך אויסגעמישט מיט די אויס־הויכונגען פונם פּובליקום; דער ווינט פון די פאָכערס האָט נאָכ־מער אויפגעשטיקט די לופט. עמע האָט געוואָלט אַרויסגיין; דער עולם האָט פאַרשטאָפּט די קאָרידאָרן, און זי איז אנידערגע־פאַלן אין איר פאָטעל מיט אַ האַרצקלאַפּעניש, וואָס האָט זי געשטיקט. שאַרל, אויס מורא, אַז זי קען נאָך פאַלן אין חלשות, איז אַוועקגעלאָפן אין בופעט נאָך אַ גלאָז אָרשאַד.

קוים מיט צרות האָט ער זיך דערקליבן צוריק אויף זיין אָרט; ווייל צוליב דעם גלאָז, וואָס ער האָט געהאַלטן אין די הענט, האָט מען אים אויף יעדן שריט און טריט געשטופּט אין די עלנבויגנס, און ער האָט אפילו פאַרגאָסן דריי פערטל אויפן אָקסל פון עפּעס אַ רואַנער דאַמע מיט קורצע אַרבל וועלכע, דערפילנדיק, ווי אַ קאַלטע פליסיקייט רינט אויף איר גוף, האָט זי געמאַכט אַ גערוואַלד, פּונקט ווי מען וואָלט זי געקוילעט. איר מאַן, וועלכער האָט געהאַט אַ שפּינעריי־פאַבריק, האָט זיך צעבייזערט אויף דעם שלאַק, און בעת זי האָט מיט איר נאָזטיכל אויסגעריבן די פלעקן אויף איר שיינעם קלייד פון מאַלינאָוון זייד, האָט ער בייז געוואָרטשעט וועגן היזק, וועגן הוצאות, וועגן באַלוינונג. ענדלעך איז שאַרל צוגעקומען צו זיין ווייב און, אַ פאַרסאַפּעטער, האָט ער געשטאַמלט:

— איך האָב געמיינט, אַז איך וועל שוין דאָרט בלייבן! ס'אַרא עולם!... ס'אַרא עולם!...

ער האָט מוסיף געווען:

— טרעף, וועמען איך האָב דאָרט געטראָפן? מסיע לעאָן!

— לעאָן?

יאָ, לעאָנען! ער קומט באַלד אַהער זיך צו באַגריסן מיט דיר.

און ווי נאָר ער האָט ארויסגעזאָגט דידאָזיקע ווערטער איז דער אַמאָליקער באַאַמטער פון יאָנוויל ארײַן אין לאָזשע.

ער האָט דערלאַנגט די האנט ווי אַ דזשענטעלמען, אָבער אָן שום צערעמאָניעס. און מאַדאַם באָוואַרי האָט תּיכּף אויסגעשטרעקט אירע, אונטערן אײַנפלוס מסתּם פון אַ שטאַרקערן ווילן. זי האָט דעם געפיל, קענטיק, נישט איבערגעלעבט פון יענעם פרילינג-אָוונט, ווען ס׳האָט גערעגנט אויף די גרינע בלעטער, ווען זיי האָבן זיך אָפּגעזעגנט, שטייענדיק ביים פענסטער. אָבער דערמאנענדיק זיך תּיכּף וועגן די געזעצן פון העפלעכקייט, האָט זי מיט אָנשטרענגונג אָפּגעשאָקלט פון זיך דידאָזיקע פאַרגליווערטע זכרונות און האָט אָנגעהייבן צו שטאמלען מיט שנעלע פראזן:

— אַך! וואָס מאַכט איר?... פונוואַנען האָט איר זיך אַהער דערנומען?

— שטיל! — האָט זיך דערהערט אַ קול פון פּאַרטער. — דער דריטער אַקט האָט זיך שוין אָנגעהייבן.

— הייסט עס, אַז איר געפינט זיך אין רואַן?

— יאָ!

— און פון ווען אָן?

— שטילער, לאָזט הערן!

אַלע האָבן זיך אויסגעדרייט צו זיי; זיי האָבן אויפגעהערט צו רעדן.

אָבער פון דער רגע אָן האָט זי שוין אויפגעהערט צו הערן; און דער כאָר פון די געסט, אַשטאָנס סצענע מיט זײַנע משרתים, דער גרויסער דועט אויף רע-מאַזשאָר, — דאָס אַלץ האָט זיך פאַרבײַגעטראָגן העט ווייט, פונקט ווי די אינ-

סטרומענטן וואָלטן שוואַכער געקלונגען און די פּערזאָנען וואָלטן זיך דערווייטערט; זי האָט זיך דערמאָנט ווי זיי האָבן געשפּילט אין קאָרטן ביים אַפּטייקער, ווי זיי פלעגן שפּאַצירן צו דער אַם, לעזן אין דער אַלטאַנע, שמועסן אויג־אויף־אויג ביים קאַמין. ס'האָט איצט פאַר איר אויפגעטויכט אָט די גאַנצע אָרעמע ליבע, די רויקע, די דויערהאַפטע, די באַשיידענע, די צאַרטע, וועגן וועלכער זי האָט שוין געהאַט פאַרגעסן. פאַר־וואָס איז ער צוריקגעקומען? וואָסער צופאַל האָט אים ווידער געבראַכט אויף איר לעבנס־וועג? ער איז געשטאַנען הינטער איר, אָנגעלענט מיטן אַקסל ביים ווענטל; און פון צייט צו צייט האָט זי געכאַפּט אַ ציטער פונם הויך פון זיינע נאָזלע־כער, וועלכע האָבן לייכט באַוועגט אירע האָר.

— צי געפעלט עס אייך? — האָט ער געפרעגט, צו בויגנדיק זיך צו איר אַזוי נאָענט, אַז זי האָט געפילט, ווי זיי־נע וואָנסעס באַרירן איר באַק.

זי האָט פויל אָפּגעענטפערט:

— אַך! ניין, נישט שטאַרק!

דעמאָלט האָט ער פאָרגעלייגט צו פאַרלאָזן דעם טעאַטער, און מען זאָל בעסער גיין ערגעץ עסן אייז־קרעם.

— אַך, ניין, לאָמיר פאַרבלייבן! —האָט שאַרל געזאָגט.— ביי דער אַקטריסע זענען די האָר צעלאָזט: ס'וועט פאָרקומען עפּעס טראַגישעס.

אָבער די סצענע פון משוגעת האָט לגמרי נישט אינטע־רעסירט עמען, און דאָס שפּילן פון דער זינגערין איז אויסגע־קומען ביי איר צו שאַרזשירט.

— זי שרייט צו שטאַרק, — האָט עמע געזאָגט, אויס־דרייענדיק זיך צו שאַרלען, וועלכער האָט זיך צוגעהאָרכט.

— יאָ... אפשר... אַ ביסל, — האָט ער געשטאַמלט, וואַקלענדיק זיך צווישן דער אָפנהערציקייט פון זיין פאַרגע־ניגן און צווישן דער אַכטונג פון זיין ווייבס מיינונגען.

נאָכדעם האָט לעאָן אַרויסגעזאָגט מיט אַ קרעכץ:

— ס'איז הייס...

— אומערטרעגלעך!

— צי פילסטו דיך נישט גוט? — האָט שאַרל געפרעגט.

— יאָ, איך ווער דערשטיקט, לאָמיר גיין.

מסיע לעאָן האָט דעליקאַט אַרויפגעלייגט אויף אירע אַקסלען דעם לאַנגן געשפּיצטן שאַל, און זיי זענען אַלע דריי אַוועק און זיך אַנידערגעזעצט אויף דער פרישער לופט, פאַר די פענסטער פון אַ צוקערניע אין פּאָרט.

צוערשט האָט מען געכאַפּט אַ שמועס וועגן איר קרענק, הגם עמע האָט עטלעכע מאָל איבערגעריסן שאַרלען מיטן אויסרייד, אַז דער ענין איז זייער אַ לאַנגווייליקער פאַר מסיע לעאָן. און לעאָן האָט איר דערציילט, אַז ער איז געקומען קיין רואַן אויף צוויי יאָר, כדי גרינטלעך דורכצושטודירן די האַנדלס-פּאַרהעלטענישן, וועלכע ווערן אַנדערש געפירט אין נאָרמאַנדיע, ווי אין פּאַריז. נאָכדעם האָט ער זיך נאָכגעפרעגט וועגן בערטען, וועגן דער משפּחה אָמע, וועגן דער מוטער לעפראַנסואַ; און אַזוי ווי אין קעגנוואַרט פון מאַן האָבן זיי נישט געהאַט מער פון וואָס צו רעדן, האָט זיך דער שמועס שנעל איבערגעריסן.

דאָס פּובליקום פון טעאַטער איז פאַרבייגעגאַנגען אויפן טראָטואַר, צוזינגענדיק, אָדער ריטשענדיק אויפן קול: „אָ, לוסי, אָ, טייערער מלאך"! דעמאָלט האָט לעאָן מעשה-דילעטאַנט אָנגעהייבן צו רעדן וועגן מוזיק. ער האָט געהערט טאַמבוריני, רוביני, פּערסיאַני, גריזי; און נישט געקוקט אויף זיין גרויסן דערפאָלג, איז לאַגאַרדי אין פאַרגלייך מיט זיי גאָרנישט מיט גאָרנישט.

— דאָך, — האָט שאַרל זיך אַריינגעמישט, טרינקענדיק מיט קליינע זופּן שערבעט מיט ראָם, — מען האַלט, אַז אין לעצטן אַקט איז ער אויסגעצייכנט; איך באַדויער, וואָס איך בין אַוועק פאַרן סוף, ווייל ס'האָט מיר אָנגעהייבן געפעלן צו ווערן.

— איבעריקנס, — האָט לעאָן זיך אָנגערופן, — אינגיכן וועט ער געבן נאָך אַ פאָרשטעלונג.

אָבער שאַרל האָט אָפּגעענטפערט, אַז מאָרגן פאָרן זיי אַוועק.

— סיידן, אַז דו וואָלסט אַליין געוואָלט פאַרבלייבן, מיין קעצעלע? — האָט זיך שאַרל געווענדעט צו זיין ווייב.

שאַרלס אומגעריכטע ווערטער האָבן מיטאַמאָל געמאַכט אויפלעבן לעאָנס האָפענונגען. ער האָט תּיפּף געענדערט זיין טאַקטיק און האָט גאָר אָנגעהייבן לויבן לאַגאַרדין אינם פינאַל פון זיין ראָל. ער האָט געשפּילט אויסערגעוויינלעך גוט, געטלעך! דעמאָלט איז שאַרל אָנגעשטאַנען:

-- דו וועסט קומען צוריק זונטיק. באַשליס דיך! דו דאַרפסט דיך נישט וואקלען, אויב דו פילסט, אַז דאָס וועט דיר פאַרשאַפן פאַרגעניגן.

בינו־לבינו האָבן די אַרומיקע טישן אָנגעהייבן פּוסט צו ווערן; א יינגל, אַ קעלנער, איז אויף אַ גאַנץ פּשוטן אופן צוגעקומען צו זיי און זיך אַנידערגעשטעלט לעבן זייער טישל; שאַרל האָט פאַרשטאַנען וועגן וואָס ס'האַנדלט זיך, האָט ער אַרויסגעצויגן זיין בייטעלע; אָבער לעאָן האָט אים אַ צי געטאָן פאַר דער האַנט, און ער האָט אַפילו נישט פאַרגעסן איבערצולאָזן דעם קעלנער צוויי זילבערנע מטבעות, מיט וועלכע ער האָט אַ קלונג געטאָן אויפן מאַרמאָרנעם טיש.

— איך בין באמת, איך בין פאַרן געלט, וואָס איר... — האָט שאַרל געוואָרטשעט.

לעאָן האָט געמאַכט אַ פאַרנאַכלעסיקטן זשעסט, פול מיט האַרציקייט, און נעמענדיק דעם הוט, האָט ער געזאָגט:

— אַלזאָ, אָפּגערעדט, נישט אמת? מאָרגן זעקס אַ זייגער.

שאַרל האָט נאָכאַמאָל איבערגעחזרט, אַז ער קען לענגער נישט פאַרבלייבן; אָבער וואָס שייך עמען, שטערט ער איר קיינער נישט...

— הייסט עס... — האָט זי אַ שושקע געטאָן מיט אַן אויסערגעוויינלעכן שמייכל, — איך ווייס אליין נישט...

— אַלזאָ, דו וועסט דיך מיישב זיין, מיר וועלן נאָך זען, מיר האָבן צייט אַ גאַנצע נאַכט צו טראַכטן...

און ווענדנדיק זיך צו לעאָנען, וועלכער האָט זיי באַגלייט:

— איצט, אַז איר געפינט אייך שוין אין אונדזערע מקומות, האָף איך, אַז איר וועט פון צייט צו צייט ארייננכאַפּן זיך צו אונדז אויף אַ מיטאָג?

לעאָן האָט אָפּגעענטפערט, אַז ער וועט זיך נישט אָפּזאָגן צו קומען. אגב, וועט אים אויסקומען צו זיין אין יאָנוויל, צוליב עפּעס אַן ענין. און זיי האָבן זיך אָפּגעזעגנט פאַרן פאַסאזש סענט=הערבלאַן, פונקט דעמאָלט, ווען דער זייגער האָט פון דער קאַטעדרע האָט געקלונגען האַלב צוועלף.

דריטער טייל

I.

שטודירנדיק יוריספּאָנדענץ, האָט מסיע לעאָן גאַנץ אָפּט באַזוכט אַ „הייזל“, ווו ער האָט געהאַט אַ געוואַלדיקן דערפאָלג ביי די גריזעטקעס *), אויף וועלכע ער האָט געמאַכט אַן איינדרוק פון אַן אַריסטאָקראַט. ער איז געווען אַ מוסטערהאַפטער סטודענט: ער האָט געטראָגן נישט צו לאַנגע און נישט צו קורצע האָר, דעם ערשטן פון חודש האָט ער נישט פאַרשוועגדעט זיין דריי-חדשימדיקע הכנסה און ער איז געווען אין די בעסטע באַציונגען מיט די פּראָפעסאָרן. צי אויס קליינמוטיקייט, אָדער אויס דעליקאַטקייט, אָבער קיין פארשווענדער איז ער קיינמאָל נישט געווען.

זיצנדיק צייטנווייז מיט אַ בוך אין זיין צימער, אָדער אונטער די ליפּעס פון לוקסנבורג-פּאַרק, פלעגט ער אַרויסלאָזן דעם „קאָדעקס“ פון דער האַנט און פלעגט זיך פאַרטראַכטן וועגן עמען. אָבער ביסלעכווייז איז דער געפיל אָפּגעשוואכט געוואָרן און אַנדערע פאַרלאנגען זענען אָנגעקומען, הגם זיי האָבן דעמדאָזיקן געפיל פולשטענדיק נישט דערשטיקט; ווייל לעאָן האָט נישט אינגאַנצן פאַרלוירן זיין בטחון, ער פלעגט זיך תמיד נערן מיט אַן אומבאַשטימטן צוזאָג, וועלכער ז,אָט געפינקלט פאַר אים אין דער צוקונפט, פונקט ווי עפּעס אַ גאָלדענע פרי, וואָס הענגט אויף אַ פאַנטאַסטישן צווייגל.

---

*) אין פּאַריז אַן אַרבעטאָרערין פון לייכטער אויפפירונג.

איצט, ווען ער האָט עמען דערזען נאָך אַ דריי־יעריקער אָפּוועזנהייט, האָט זיך זיין תאווה ווידער דערוועקט. מען דאַרף, ענדלעך, זיך באַשליסן, — האָט ער געטראַכט — זי צו באַזיצן. איבעריקנס, האָבן די פריילעכע געזעלשאַפטן אַוועקגענומען ביי אים אַ טייל פון זיין באַשיידנקייט און ער האָט זיך צוריקגעקערט אין דער פּראָווינץ מיט אַ שנאה צו אַלץ, וואָס ס'שמעקט נישט מיט ליאַק־רטע שיך, וואָס טרעטן אויף אַספאַלטענע בולוואַרן. לעאָן וואָלט געוויס געציטערט ווי אַ קינד, ווען ער באַגעגנט אַ פּאַריזער פרוי, איינגעהילט אין שפּיצן, ערגעץ אין אַ סאַלאָן פון אַ באַרימטן דאָקטאָר, אַ פּערזאָן באַצירט מיט אָרדענס און מיט אַן אייגענעם קאָטש; אָבער דאָ, אין רואַן, ביים פּאָרט, אין קעגנוואַרט פון דעם קליינשטעטלדיקן דאָקטאָרס ווייב, האָט ער זיך געפילט זייער גוט און איז געווען זיכער, אַז ער וועט נושא חן זיין אין אירע אויגן. די זיכערקייט אין זיך איז אָפּהענגיק פון דער סביבה: אויפן ערשטן שטאָק רעדט מען נישט אַזוי ווי אויפן פערטן, און אַ רייכע פרוי, כדי צו פאַרהיטן איר צניעות, האַלט אַרום זיך, פונקט ווי אַ פּאַנצער, אירע אַלע באַנקנאָטן, אין דער פּאָדשעווקע פון איר גאָרסעט.

געזעגענענדיק זיך אין אָוונט מיט מסיע און מאַדאַם באָוואַרי, האָט לעאָן פונדערווייטנס נאָכגעקוקט זיי אויפן גאַס; נאָכדעם, ווען ער האָט באַמערקט, אַז זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט לעבן „רויטן צלם", האָט ער פאַרקירעוועט אַהיים און אַ גאַנצע נאַכט געטראַכט וועגן ווייטערדיקע פּלענער.

אויף צומאָרגנס, קעגן פינף אַ זייגער, איז ער אַריינגעקומען אין קיך פון דער אכסניה, אַ בלאַסער, מיט אַן אויסגעטריקנטן האַלדז און אָנגעגאַרטלט מיט אַ מין דרייסטקייט פון פּחדנים, וואָס שטעלן זיך נישט אָפּ פאַר קיין שום זאַך.

— דער הער דאָקטאָר איז אַוועקגעפאָרן — האָט אויף זיין שאלה אָפּגעענטפערט דער דינער.

דאָס האָט ער אויסגעטייטשט אַלס אַ גוטן סימן. ער איז אַרויף אינדערהויך.

עמע איז נישט איבערראַשט געוואָרן פון זיין קומען;

אדרבה, זי האָט זיך גאָר פאַר אים אַנטשולדיקט דערפאַר, וואָס זי האָט פאַרגעסן אים אויפצוגעבן איר אַדרעס, ווו זיי האָבּן זיך אָפּגעשטעלט.

— אַך! — איך האָב עס אַליין פאַרשטאַנען, — האָט לעאָן געזאָגט.

— וויאַזוי?

ער האָט פאַרזיכערט, אַז ער איז געגאַנגען צו איר, אָנגעפירט דורך עפּעס אַן אינסטינקט. זי האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט; און כּדי צו פאַרטושן זיין נאַרישקייט, האָט לעאָן איר תּיכּף דערציילט, אַז אַ גאַנצן פרימאָרגן האָט ער זיי אַרומגעזוכט איבּער אַלע האָטעלן פון דער שטאָט.

— אַלזאָ, איר האָט בּאַשלאָסן דאָ צו פאַרבּלייבּן! — האָט ער מוסיף געווען.

— יאָ, — האָט זי געזאָגט, — און איך האָב נישט גוט געטאָן. מען דאַרף זיך נישט צוגעוויינען צו אומנוצלעכע פאַרגעניגנס, בּעת דו בּיזט אַרומגערינגלט מיט טויזנטער פליכטן...

— אָך! איך פאַרשטיי...

— אָך; ניין, איר פאַרשטייט נישט, ווייל איר זענט נישט קיין פרוי.

אָבּער אויך מענער האָבּן צרות; און זייער שמועס האָט בּאַקומען אַ פילאָזאָפישן כאַראַקטער. עמע האָט זיך פאַנאַנדערגערעדט וועגן דער נאַטירלעכקייט פון די ערדישע געפילן און וועגן דער אייבּיקער איינזאַמקייט, ווו דאָס האַרץ ווערט בּאַגראָבּן.

כּדי נושא חן זיין אין אירע אויגן, אָדער גאָר אויס נאַיווקייט, כּדי אָנצוטרייבּן אויף זיך איר מעלאַנכאָליע, האָט מסיע לעאָן געמאָלדן, אַז ער האָט זיך שטאַרק געלאַנגווייליקט די גאַנצע צייט פון זיין שטודיום. קאָרעספּאָנדענץ רעגט אים אויף, ער האָט גאָר אַנדערע בּאַרופן, און די מאַמע זיינע נאָגט אים אין יעדן בּריוו. און פאַמעלעך האָבּן זיי בּיידע בּולט אַרויסגעוויזן די סיבּות פון זייערע ליידן, און וואָס ווייטער זענען זיי אַלץ מער בּאַגייסטערט געוואָרן פון זייערע רייד. צייטנ־

ווייז זענען זיי אַנטשוויגן געוואָרן, נישט קענענדיק קלאָר אויסדריקן זייערע געדאַנקען, און באַמיט זיך אויסצו־זוכן אַ פראַזע, וואָס זאָל קענען איבערגעבן דעם ריכ־טיקן זין. עמע האָט זיך נישט מודה געווען אין איר תאווה צו אַ אַנדערן; און לעאָן, פון זיין זייט, האָט נישט געזאָגט, אַז ער האָט זי פאַרגעסן.

ער האָט שוין אפשר געהאַט פאַרגעסן וועגן די סעודות אויף די בעלער אין דער געזעלשאַפט פון לוסטיקע מיידלעך; און זי האָט זיך בלי ספק נישט דערמאָנט וועגן די אַמאָליקע זוונגען, ווען זי פלעגט אינדערפרי לויפן איבערן גראָז צום פאַלאַץ פון איר געליבטן. זיי האָבן קוים געהערט דעם גערויש פון דער שטאָט; און דאָס צימערל האָט אויסגעוויזן אין זיי־ערע אויגן אַזוי קליין, פונקט ווי עס וואָלט נאָכמער אויפ־געפרעסט זייער איינזאַמקייט. עמע, אין אַ ווייסן שלאָפראָק, האָט זיך אָנגעלעגט מיטן נאַקן אויפן ווענטל פון אַן אַלטן פאָטעל; די געלע טאַפעטן פון דער וואַנט האָבן פאָרמירט אַרום איר אַ גאָלדענעם פאָן, און אין שפיגל האָט אָפּגעשיינט איר קאָפּ מיט אַ ווייסן שרינט אינדערמיט און די שפיצן פון אירע אויערן, וואָס האָבן אַרויסגעשטעקט פון אונטער אירע האָר.

— זייט מוחל, — האָט זי געזאָגט, — איך פאַרמאַטער אייך מיט מיינע אייביקע קלאָגערייען!

— אָך, וואָס רעדט איר! קיינמאָל אין לעבן נישט!

— ווען איר וואָלט געוווסט, — האָט זי געזאָגט, — אויפהייבנדיק צום סופיט אירע שיינע אויגן, אין וועלכע ט'האָבן זיך באַוויזן טרערן. — ווען איר וואָלט געוווסט וועגן מיינע אַלע טרוימען!

— און איך! אָך, וויפל איך האָב אויסגעליטן! גאַנץ אָפט פלעג איך אַוועקגיין פון שטוב, אַרומבלאָנקען אויפן טייך־ברעג, וועלנדיק זיך פאַרטומלען מיטן גערויש פון די מענטשן, כדי צו פאַרטרייבן מיינע זכרונות, וועלכע האָבן מיך פאַרפאָלגט. אויפן בולוואַר, ביי איינעם אַ סוחר פון בילדער געפינט זיך אַ גראַווירע, וועלכע שטעלט מיט זיך פאָר אַ מוזע. זי איז

דראַפּירט אין אַ טוניק, און קוקט אויף דער לבנה. און אירע צעפּלוישטע האָר זענען באַפּוצט מיט בלימלעך פאַרגעס־מיך־נישט. עפּעס האָט מיך תּמיד געשטויסן אַהין; איך פלעג דאָרט פאַר־בלייבן שעהנווייז.

נאָכדעם האָט ער מוסיף געווען מיט אַ ציטערדיקן קול:

— זי איז עטוואָס ענלעך צו אייך.

מאַדאַם באָוואַרי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, כּדי ער זאָל נישט באַמערקן דעם פלעצלעכן שמייכל אויף אירע ליפּן.

— אָפט פלעג איך אייך שרייבן בריוו, — האָט ער גע־זאָגט, — וועלכע זיך פלעג נאָכדעם צערייסן.

זי האָט נישט אָפּגעענטפערט. ער האָט ווייטער גערעדט:

— אָפט האָב איך מיך איינגעבילדעט, אַז אַ צופאַל וועט אייך אַהער ברענגען. מיר פלעגט זיך אויסדאַכטן, אַז איך זע אייך אויף עפּעס אַ ווינקל פון אַ גאַס; און איך פלעג נאָכלויפן נאָך אַלע קאַרעטעס, ווו ס׳פלעגט פלאַטערן אַ שאַל, אָדער אַ שלייער, ענלעך צו אייערן...

זי האָט באַשלאָסן צו לאָזן אים ריידן און ריידן. אײ־בערגעקרייצט די הענט און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, האָט זי געקוקט אויף דעם שנאָל פון אירע אַטלאַסענע פאַנטאָפל און פון צייט צו צייט האָט זי לייכט באַוועגט מיט די פינגער פון איר פוס.

זי האָט אַ זיפץ געטאָן:

— ס׳איז זייער טרויעריק, נישט אמת, צו שלעפּן אַזאַ אומגליקלעכע עקזיסטענץ, ווי איך שלעפּ? אויב אונדזערע צרות וואָלטן עמעצן געקענט ברענגען נוצן, וואָלט מען זיך געקענט טרייסטן מיט דער אידעע פון זעלבסט־אָפּפערונג!

ער האָט אָנגעהייבן צו לויבן די צניעות, די פליכטן און די שטילע קרבנות; ער אַליין האָט אַ באַגער זיך מקריב צו זיין, און דידאָזיקע תּאווה קען ער נישט שטילן.

— איך וואָלט זייער געוואָלט זיין אַ באַרמהאַרציקע שוועסטער אין אַ שפּיטאָל, — האָט זי געזאָגט.

— ליידער, — האָט ער געענטפערט, — מענער האָבן

נישט קיין צוטריט צו אַזעלכע הייליקע שליחותן, און איך קען אין ערגעץ נישט געפינען קיין באַשעפטיקונג, וועלכע... סיידן די פּראָפעסיע פון אַ דאָקטאָר...

מיט אַ לייכטן צוק פון די אַקסלען האָט עמע אים איבערגעריסן אינמיטן און זיך באַקלאָגט אויף איר קרענק, פון וועלכער זי איז שיער נישט געשטאָרבן. ס'אַ שאָד! זי וואָלט שוין איצט מער נישט געליטן! לעאָן האָט תּיכּף אויסגעדריקט זיין באַגער צו דער מנוחה פון קבר, און אפילו איינמאָל אין אַן אָוונט האָט ער געשריבן אַ צוואה, פאַרזאָגנדיק, מען זאָל אים מקבר זיין אין דער שיינער דעק מיט סאַמעטענע לענטעס, וועלכע ער האָט פון איר באַקומען. אָט אַזאַ לעבן האָבן זיי ביידע פאַרלאַנגט, שאַפנדיק אַן אַלגעמיינעם אידעאַל, מיט וועלכן זיי האָבן איצט פאַרגלייכט זייער פאַרגאַנגענהייט. איבעריקנס, זענען ווערטער אַ וואַלץ־מאַשין, וואָס ציט תּמיד אויס די געפילן.

אָבער, דערהערנדיק דעם איינפאַל וועגן זיין צוואה מיטדער דעק, האָט זי געפרעגט:

— פאַרוואָס?

ער האָט זיך געזאַקלט.

— ווייל איך האָב אייך שטאַרק געליבט.

און צעפרידן דערמיט, וואָס ער איז אַרויסגעקראָכן פון דער שווערער לאַגע, האָט לעאָן מיט אַ זייטיקן בליק באַטראַכט דעם אויסדרוק פון איר פּנים.

איר פּנים איז געווען ענלעך צו אַ הימל, ווען אַ ווינטל צעיאָגט די וואָלקנס. די חמרים טרויערדיקע געדאַנקען, וועלכע האָבן פאַרטונקלט אירע בלויע אויגן, זענען פּלוצלונג פאַרשוווּנדן געוואָרן; איר גאַנצער פּנים איז אויסגעליימערט געוואָרן.

ער האָט געוואַרט. ענדלעך האָט זי געענטפערט:

— איך האָב תּמיד געטראַכט דערפון...

דעמאָלט האָבן זיי דערציילט איינאַנדער וועגן די קליינע געשעענישן פון דעם ווייטן עבר, אויסדריקנדיק אין איין וואָרט זייערע ליידן און די פאַרגעניגנס. ער האָט דערמאָנט וועגן

דער אַלטאַנע פון בלושטש, די קליידער, וועלכע זי האָט גע-
טראָגן, די מעבל פון צימער, איר גאַנצע הויז.

— און אונדזערע אָרעמע קאַקטוסן. ווו זענען זיי?

— ווינטער זענען זיי פאַרפרוירן געוואָרן.

— אַך! צי האָט איר דען אַ השגה, וויפל איך האָב
פון זיי געטראַכט? וויפל מאָל האָב איך מיך זיי פאָרגעשטעלט!
איך האָב זיי געזען פונקט ווי אַמאָל, ווען די זומערדיקע זון
פלעגט באַגינען אַריינדרינגען דורך די פאָרהאַנגען... און איך
האָב געזען אייערע ביידע נאַקעטע הענט צווישן בלומען...

— אָרעמער פריינט! — האָט זי צו אים געזאָגט, אויס-
שטרעקנדיק איר האַנט.

לעאָן האָט שנעל צוגעלייגט צו איר זיינע ליפן. און
ווען ער האָט ברייט אָפּגעעטעמט, האָט ער געזאָגט:

— איר זענט אין יענער צייט געווען פאַר מיר עפעס אַן
אומפאַרשטענדלעכער כוח, וועלכער האָט באַהערשט מיין לעבן.
איינמאָל, למשל, בין איך געקומען צו אייך; אָבער איר גע-
דענקט מסתם נישט דערפון?

— יאָ, — האָט זי געזאָגט. — רעדט ווייטער.

— איר זענט געווען אונטן אין פאָדערצימער, ביים
אַרויסגאַנג, אויפן לעצטן טרעפל; איר האָט געטראָגן אַ הוט
מיט קליינע בלויע בלומען; אָן אייער איינלאַדונג, בין איך
אומבאַוווסטזיניק אוועק נאָך אייך. וואָס ווייטער איך בין גע-
גאַנגען, האָב איך מיך אַלץ מער אַרומגעזען אין מיין נאַרישקייט
און דאָך האָב איך זיך געהאַלטן לעבן אייך. איך האָב נישט
געהאַט קיין העזה צוצוגיין צו אייך, און גלייכצייטיק האָב איך נישט
געוואָלט אייך פאַרלאָזן. ווען איר זענט אַריין אין אַ קראָם, בין
איך פאַרבליבן אויפן גאַס, איך האָב געקוקט אין פענסטער, ווי
איר ציט אראָפּ די הענטשקעס, ווי איר ציילט געלט. נאָכ-
דעם האָט איר געקלונגען ביי דער מאַדאַם טיוואַש, מען האָט
אייך אויפגעעפנט, און איך בין פאַרבליבן שטיין, ווי אַן אידיאָט,
פאַר דער גרויסער מאַסיווער טיר, וועלכע האָט זיך צוגעמאַכט
נאָך אייך.

אויסהאָרכנדיק אים, האָט זיך מאַדאַם באָווארי געוואונדערט, וואָס זי איז פאַר דערדאָזיקער צייט אַזוי אַלט געוואָרן; ס'האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז די אַלע אויפגעלעבטע פאַקטן פאַרברייטערן איר לעבן, שאַפנדיק סענטימענטאַלע אָפּגרונטן, ווו זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט. מיט צוגעמאַכטע אויגן און מיט אַ שטילן קול האָט זי פון צייט צו צייט געשעפּטשעט:

— יאָ, אמת!... אמת!... אמת!...

אַכט אַ זייגער האָט געקלונגען אויף פאַרשידענע זייגערס פון באָוואַזינער קוואַרטאַל, וועלכער איז באַשאָטן מיט פּענ־סיאָנאַטן, קלויסטערס און מיט גרויסע פּאַרלאָזטע פּאַלאַצן. זיי זענען אַנטשוויגן געוואָרן; אָבער אָנקוקנדיק זיך, האָבן זיי גע־פילט אַ געררויש און קאָפּ, גלייך ווי פון זייערע צוגעפעסטיק־טע בליקן וואָלט זיך אַרויסגעריסן עפּעס אַ קלינגענדיקע זאַך. זייערע הענט האָבן זיך באַהעפט; און דער עבר, די צוקונפט, די ערינערונגען, די חלומות, — אַלץ האָט זיך צונויפגעגאָסן אינם תענוג פון זייער התלהבות. אַ געדיכטע פינסטערניש האָט זיך געלייגט אויף די ווענט, ווו אויפדערהעלפט פאַר־זונקען אין שאָטן, האָבן נאָך געגלאַנצט די בונטע פאַרבן פון די פיר גראַווירן, וועלכע האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט די פיר סצענעס פון טור־דע־נעסל, מיט אַ שפּאַנישן און פראַנ־צויזישן טעקסט פון אונטן. דורכן רונדיקן פענסטער האָט מען צווישן צוויי שפּיציקע דעכער אַרויסגעזען אַ שטיקל שוואַרצן הימל.

זי האָט זיך אויפגעהייבן, כדי אָנצוצינדן צוויי ליכט אויפן קאָמאָד, נאָכדעם האָט זי זיך ווידער אַנידערגעזעצט.

— אַלזאָ?... — האָט לעאָן געזאָגט.

— אַלזאָ? — האָט זי אָפּגעענטפערט.

און ער האָט זיך באַמיט ווידער צונויפצובינדן דעם אי־בערגעריסענעם שמועס, ווי מיטאַממאָל האָט זי צו אים געזאָגט:

— פאַרוואָס האָט קיינער ביז איצט מיר נישט אויסגע־דריקט אַזעלכע געפילן?

לעאָן האָט אָפּגעענטפערט, אַז אידעאַלע נאַטורן אין

שווער צו פאַרשטיין. ער, לעאָן, האָט זי פון ערשטן אויגנ־בליק ליב געקריגן; ער איז געווען אין פאַרצווייפלונג תמיד, ווען ער האָט געטראַכט פונם גליק, פון וועלכן זיי וואָלטן געקענט געניסן, אויב דער מזל וואָלט זיי אַ שמייכל געטאָן, זיי וואָלטן זיך באַגעגנט פריער און וואָלטן זיך באַהעפט אויף אייביק.

— נישט איינמאָל האָב איך דערפון געטראַכט, — האָט זי געזאָגט.

— ס'אַראַ טרוים! — האָט לעאָן געשושקעט.

און פירנדיק צאַרט מיט זיינע פינגער איבערן בלויען זוים פון איר לאַנגן ווייסן שאַל, האָט ער מוסיף געווען:

— ווער שטערט אונדז ווידעראַמאָל אָנצוהייבן?...

— ניין, מיין פריינט, — האָט זי געענטפערט. — איך בין שוין צו אַלט... איר זענט צו יונג... פאַרגעסט מיך! אַנדערע וועלן אייך ליב האָבן... איר וועט זיי ליב האָבן.

— נישט אַזוי ווי אייך! — האָט ער אויסגערופן.

— ס'אַראַ קינד איר זענט! לאָמיר אַוועקוואַרפן די נאַריש־קייטן! אַזוי וויל איך!

זי האָט אים אויפגעקלערט, אַז זייער ליבע איז אַן אומ־מעגלעכע זאַך, און אַז זיי דאַרפן זיך באַנוגענען, ווי אַמאָל, מיט פשוטע באַציונגען פון ברידערלעכער פריינטשאַפט.

צי האָט זי ערנסט אַזוי גערעדט? זי האָט מסתם אַליין דערפון נישט געוווּסט, ווייל זי האָט בשעת מעשה בלויז גע־טראַכט וועגן דעם רייץ פונם נסיון און וועגן דער נייטווענדיקייט זיך צו פאַרטיידיקן; און קוקנדיק אויפן יונגנמאַן מיט אַ צאַרטן בליק, האָט זי לייכט באַזייטיקט די לאָקסעס פון זיינע ציטערנדיקע הענט.

— אַך! זייט מוחל, — האָט ער געזאָגט, אָפּטרעטנדיק.

און עמע איז אַרומגעכאַפּט געוואָרן מיט אַן אומבאַשטימ־טער מורא, פאַר דערדאָזיקער שרעקעוודיקייט, וואָס איז פאַר איר געווען פיל געפערלעכער, ווי די דרייסטקייט פון ראָדאָלפן, ווען ער איז צו איר געקומען מיט אָפענע אָרעמס. קיינמאָל האָט

קיין מאַן נישט אויסגעקוקט אַזוי שיין אין אירע אויגן. אַ מין אויסטערלישע אויפריכטיקייט האָט זיך אויסגעטיילט פון זיינע אַלע מאַניערן. ער האָט אראָפּגעלאָזט זיינע צאַרטע אויסגע־בויגענע וואָנצעס. זיינע באַקן מיט אַן איידעלער הויט האָבן זיך גע־רויטלט, — האָט זי געטראַכט, — אויס תאווה צו איר פּערזאָן, און עמעצער האָט דערפילט אַ שטאַרקן חשק דאָרט צורירן אירע ליפּן. און אויסדרייענדיק זיך צום זייגער, פּונקט ווי זי וואָלט געוואָלט אַ קוק טאָן, ווי שפּעט ס'איז, האָט זי געזאָגט:

— אַך, גאָט מיינער, ווי שפּעט ס'איז שוין! מיר האָבן זיך גאָר נישקשהדיק פאַנאַנדערגעשמועסט!

ער האָט פאַרשטאַנען דעם רמז און גענומען זוכן דעם הוט.

— איך האָב אַפילו פאַרגעסן וועגן טעאַטער! און דער אָרעמער באָוואַרי האָט מיך ספּעציעל דערצו געלאָזן! מסיע לאָרמאָ פון גראַפּאָן־גאַס האָט מיך געדאַרפט צוזאַמען מיט זיין פרוי אהין באַגלייטן.

אָבער דידאָזיקע געלעגנהייט האָט זי שוין אַדורכגעלאָזט, ווייל מאָרגן מוז זי אַוועקפאָרן.

— באמת? — האָט לעאָן געפרעגט.

— יאָ.

אָבער איך מוז אייך נאָך זען, האָט ער ווידער געזאָגט, — איך דאַרף אייך זאָגן...

— וואָס?

— אַ זאַך... אַ וויכטיקע, אַן ערנסטע. עך, ניין, איר וועט נישט אַוועקפאָרן, ס'איז אוממעגלעך! ווען איר וואָלט געוווּסט... הערט מיך אויס... צי האָט איר מיך נישט פאַרשטאַנען? צי שטויסט איר זיך נישט אָן?

— איר רעדט דאָך זייער שיין, — האָט עמע געזאָגט.

— אַך! די שפּאַסן! גענוג, גענוג! טוט עס אויס רחמנות, איך זאָל אייך קענען ווידער זען... איין מאָל... איין איינציק מאָל.

— גוט!...

זי האָט זיך אָפּגעשטעלט; נאָכדעם, פּונקט ווי זי וואָלט זיך עפּעס דערמאָנט:

— אָבער נישט דאָ!

— ווו איר ווילט.

— איר זענט מספּים...

זי האָט זיך פאַרטראַכט און קורץ אַרויסגעזאָגט:

— מאָרגן, עלף אַ זייגער, אין דער קאַטעדראַלע.

— איך וועל דאָרט זיין! — האָט ער אויסגעשריען, — אָנכאַפּנדיק זי פאַר די הענט, וועלכע זי האָט אַרויסגעריסן.

און, אַזוי ווי זיי זענען ביידע געשטאַנען, ער הינטער איר און עמע מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, האָט ער זיך איינגעבויגן און איר דערלאַנגט אַ שטאַרקן קוש אין נאַקן.

— איר זענט משוגע! איר זענט פון זינען אַראָפּ! — האָט זי צו אים געזאָגט מיט אַ קלינגעדיקן שמייכעלע, בעת די קושן האָבן זיך געשאָטן איינער נאָכן צווייטן.

אַריבערבויגנדיק דעם קאָפּ איבער איר אַקסל, האָט ער פּונקט ווי געזוכט אַ הסכמה אין אירע אויגן. אָבער זי האָט אים אָפּגעגאָסן מיט אַ קאַלטן, גאַוודיקן בליק.

לעאָן האָט געמאַכט דריי טריט אַהינטער, כּדי אַרויסצוגיין. ער איז געבליבן שטיין אויפן שוועל, נאָכדעם האָט ער א שושקע געטאָן מיט אַ ציטערדיקן קול:

— ביז מאָרגן.

זי האָט אָפּגעענטפערט מיט אַ קאָפּ-שאָקל, און ווי אַ פייגעלע פאַרשווונדן געוואָרן אין שכנותדיקן צימער.

אין אָוונט האָט עמע געשריבן צו לעאָנען אַן אומענדלעכן בריוו, אין וועלכן זי האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דער ראַנדעווו: אַלץ איז איצט פאַרענדיקט און צוליב זייער גליק דאַרפן זיי זיך מער נישט באַגעגענען. אָבער ווען זי האָט דעם בריוו פאַרענדיקט איז זי געבליבן אין גרויס פאַרלעגנהייט, ווייל זי האָט נישט געוווסט לעאָנס אַדרעס.

— איך וועל אים דעם בריוו אַליין איבערגעבן, — האָט זי צו זיך געזאָגט. — ער וועט קומען.

אידישע פאלקס ביבליאטעק
ווינדזאר, 814 אירי, איסט

אויף צומאָרגנס האָט לעאָן אויפגעעפנט דעם פענסטער און, צוזינגענדיק אויפן באַלקאָן, האָט ער עטלעכע מאָל אַליין אויסגעפוצט זיינע שיך. ער האָט אָנגעטאָן ווייסע הויזן, דינע סקאַרפּעטקעס, אַ גרינעם פראַק, אויסגעגאָסן אויף זיין נאָזטיכל וויפיל פּערפום ער האָט נאָר געהאַט, זיך געלאָזט מאַכן די פריזור, דערנאָך צעוואָרפן די האָר, כדי צוצוגעבן זיי מער נאַטירלעכע עלעגאַנץ.

— ס'איז נאָך צו פרי! — האָט ער געטראַכט, קוקנדיק אויפן קוקו-זייגער, וועלכער האָט אויסגעשלאָגן ניין.

ער האָט איבערגעלייענט אַן אַלטן מאָדע-זשורנאַל, איז אַרויסגעגאַנגען, אויסגערויכערט אַ ציגאַר, איבערגעשפּאַצירט זיך איבער דריי גאַסן און, זעענדיק, אַז ס'דערנענטערט זיך שוין די צייט, איז ער פּאַמעלעך אַוועק צו דער קאַטעדרע נאָטר-דאַם.

ס'איז געווען אַ שיינער זומער-פרימאָרגן. זילבער-חפצים האָבן געלויכטן אין די וויטרינעס פון די יוועלירן, און די שטראַלן, וועלכע האָבן זיך קרום געלייגט אויף דער קאַטעדרע, האָבן שימערירט צווישן די שפּאַלטן פון די אַלטע שטיינער; אַ מחנה פייגל האָט זיך געדרייט אונטערן בלויען הימל, איבער די גאָטישע שטורעם-גלאָקן; דער פּלאַץ, וווּ ס'איז געשטאַנען אַ געררויש פון קולות, איז געווען באַגאָסן מיט ריחות פון די בלומען, וועלכע האָבן באַזוימט דעם ברוק; רויזן, זשאַסמינען, נעגעלעך, נאַרציזן, טובעראָזן, זענען געווען צעשפּרייט אויף נישט-גלייכע שטחים, מיט אַ מחיצה פון פייכטע גרינע גראָזן, קאַצן-גראָז און שטערן-מערע; אינמיטן האָט געזשומעט אַ פאָנטאַן, און אונטער די ברייטע פּאַראַסאָלן, צווישן די פּיראַמידאַלע שטויסן פון מאַלאָנעס, האָבן פּאַרקויפערקעס מיט בלויזע קעפּ איינגעוויקלט אין פּאַפּיר וויאָלעט-בוקעטן.

דער יונגערמאַן האָט זיך געקויפט איין בוקעט. דאָס האָט ער צום ערשטן מאָל געקויפט בלומען פאַר אַ פרוי; און אַריינציענדיק דידאָזיקע ריחות, האָט זיך זיין ברוסט אָנ-

שפּילט מיט גאוה, פּונקט ווי דער כבוד, וואָס ער האָט באַשטימט פאַר א פרוי, וואָלט אַריבער צו אים אַליין.

ער האָט מורא געהאַט, מען זאָל אים נישט באַמערקן, איז ער דרייסט אַריין אין קלויסטער.

דער שמש איז פּונקט געשטאַנען אויף דער שוועל, אינמיטן פון לינקן אריינגאַנג, אונטער דער „טאַנצנדיקער מאַריאַנע". מיט אַ פעדער אויפן קאָפּ, מיט אַ שווערד ביי דער זייט, מיט אַ שטאָק אין דער האַנט, האָט ער אויסגעקוקט מאַיעסטעטישער פון אַ קאַרדינאַל און געגלאַנצט מער פון דער הייליקער ברויט-כלי.

ער איז צוגעגאַנגען צו לעאָנען מיט דעמדאָזיקן גוטמוטיקן שמייכל, וועלכע גייסטלעכע טרייבן אָן אויף זיך, ווען זיי רעדן מיט קינדער.

— איר זענט דאָ געוויס אַ פרעמדער? איר ווילט מסתּם באַטראַכטן די זעלטנהייטן פון קלויסטער?

— ניין, — האָט לעאָן אָפּגעענטפערט.

צוערשט האָט ער זיך אַרומגעדרייט ביי די זייטיקע נאַוון. נאָכדעם האָט ער אַרויסגעקוקט אויפן פּלאַץ. עמע איז נאָך אַלץ נישט אָנגעקומען. ער איז אַרויף אויפן כאָר.

אין די כלים, פול מיט הייליקן וואַסער, האָט זיך אָפּגעשפּיגלט די מיטלסטע נאַווע צוזאַמען מיט דער התחלה פון שפּיזנאַרטיקע געוועלבן און טיילווייז די געפאַרבטע שויבן. אָבער די אָפּשפּיגלונג פון דער מאָלעריי האָט זיך געבראָכן ביים זוים פונם מאַרמאָר און זיך געצויגן ווייטער איבער די פליטעס, ווי אַ בונטער טעפּיך. דאָס העלע ליכט האָט זיך אין דריי גרויסע שטראַלן געצויגן פון דרויסן אין קלויסטער אַריין, דורך די דריי אָפענע אַריינגענג. פון צייט צו צייט פלעגט טיף אין קלויסטער פאַרבייגיין א שמש, פאַלנדיק כורעים פאַרן מזבח און מאַכן ווילדע הוועיות. די קרישטאָלענע שפּיגלען זענען געהאָנגען אומאַבוועגלעך. אויפן כאָר האָט געברענט אַ זילבערן לעמפּל; פון די זייטיקע קאַפּליצעס, פון די פינסטערע

ווינקלען פונם קלויסטער האָבן זיך צייטנווייז ארויסגעריסן אָפּגעשוואַכטע קרעכצן, צוזאַמען מיט א קלאַנג פון אַ צוגע-מאַכטן טירל, וועלכעס האָט אָפּגעקלונגען אונטער די הויכע געוועלבן.

מיט געמאָסטענע טריט האָט לעאָן געשפּרייזט לעבן די ווענט. קיינמאָל איז אים דאָס לעבן נישט געווען אַזוי ליב. אָט קומט זי באַלד אָן, זי, עמע, אַ שיינע, א צעחושטע, אַרומ-קוקנדיק זיך אַהינטער, צי מען גייט זי אַמאָל נישט נאָך; אָט קומט זי מיט איר געפאַלדעוועטער קלייד, מיט איר גאָלדענעם לאָרנעט, מיט אירע פיינע שיך, מיט איר גאַנצער פראַכט, פון וועלכער ער האָט נאָכנישט טועם געווען. אָט קומט זי מיט איר גאַנצן אומאויסדריקלעכן רייץ פון דער צניעות, וואָס שטאַרבט אָפּ. דער קלויס-טער, פונקט ווי אַ גיגאַנטישער בודואַר, רינגלט זי אַרום פון אַלע זייטן; די געוועלבן בויגן זיך איין, כדי אינם שאָטן אויפצונעמען דעם ווידוי פון איר ליבע; די בונטע שויבן גלאַנצן, כדי צו באַלייכטן איר פּנים, און די קטורת-פאַנען רוי-כערן, כדי זי זאָל, ווי אַ מלאך, דערשיינען צווישן דעם רויך פון קטורת.

אָבער זי האָט זיך נאָך אַלץ נישט באַוויזן. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ שטול, און זיינע אויגן האָבן באַ-געגנט אַ בלויע שויב, וווּ ס'זענען געווען אויסגעמאָלט פישער מיט קערב אין די הענט. ער האָט געציילט די שופּן פון די פיש, די קנעפּ פון די פישער-קאַפּטאַנעס, בעת זיין געדאַנק האָט אַרומגעבלאָנקעט, זוכנדיק עמען.

דער שמש, ביי דער זייט, איז אינערלעך געווען אויפ-גערעגט קעגן דעמדאָזיקן פאַרשוין, וועלכער האָט זיך דער-לויבט אָן זיין הילף צו כאַפּן התפעלות פון דער קאַטעדרע. אַזאַ מין הנהגה האָט אויסגעקוקט אויסטערליש אין זיינע אויגן; ער האט דערויף געקוקט, ווי אויף אַ גניבה, ווי אויף אַ חלול הקודש.

אָבער אָט האָט זיך דערהערט אַ שאָרך פון זיידנס איבער

די פליטעס, ס׳האָט זיך באַוויזן אַ הוט, אַ שוואַרצער מאַנטל...

דאָס איז זי געווען! לעאָן האָט זיך אויפגעהייבן און אַוועק־געלאָפן איר אַנטקעגן.

עמע איז געווען בלאַס. זי איז געגאַנגען מיט שנע־לע טריט.

— לייענט! — האָט זי צו אים געזאָגט, אויסשטרעקנדיק אַ שטיקל פּאַפּיר... — אַך, ניין!

און צונעמענדיק שנעל די האַנט, איז זי אַריין אין דער קאַפּליצע פון דער ה י י ל י ק ע ר ב ת ו ל ה, געפאַלן אויף די קני פאַר אַ שטול און אָנגעהייבן בעטן.

דער יונגערמאַן איז געוואָרן שטאַרק אויפגערעגט קעגן דערדאָזיקער פאַנאַטישער פאַנטאַזיע; אָבער תּיכּף האָט ער דערפילט אַ מין תענוג דערפון, וואָס אויף דער זעונג האָט זי זיך אַזוי אָפּגעגעבן צו דער תּפילה, פּונקט ווי אַ מאַרקיזין פון אַנדאַלוזיע; ס׳איז אים דאָס שנעל נמאס געוואָרן, ווייל צו איר תּפילה האָט נישט געוומען קיין סוף.

עמע האָט תּפילה געטאָן, אָדער, בעסער געזאָגט, זי האָט זיך באַמיט תּפילה צו טאָן, האָפנדיק, אַז פון הימל וועט אַראָפּ אויף איר אַ ישועה; און כּדי צוצוציען אַ געטלעכע הילף, האָט זי געזעטיקט דעם אויג מיט דער פּראַכט פון מזבח; זי האָט געזופּט דעם ריח פון די ווייסע וויאָלעטן, פאַנאַנדערגעבליטע אין גרויסע וואַזאָנעס, און אָנגעשפּיצט די אויערן אין דער שטילקייט פונם קלויסטער, וואָס האָט נאָר פאַרשטאַרקט דעם פּיין פון איר האַרץ.

זי האָט זיך אויפגעהייבן און זיי האָבן זיך שוין גע־קליבן אוועקצוגיין, ווי מיטאַמאָל איז צו זיי צוגעקומען דער שמש, זאָגנדיק:

— די מאַדאַם איז מסתּם נישט קיין היגע, נישט אמת? די מאַדאַם וויל דאָך באַטראַכטן די מערקווירדיקייטן פונם קלויסטער.

— ניין, ניין! — האָט אויסגערופן לעאָ

— פאַרוואָס ניין? — האָט זי געפרעגט.

ווייל מיט איר וואַקלענדיקער צניעות האָט זי זיך אָנ־

געבאַפּט אָן אַלץ: אָן דער הייליקער בתולה, אָן די סקולפּטורן, אָן די קברים.

כּדי צו האַלטן זיך ביי אַ באַשטימטן סדר, האָט דער שמש זי צוגעפירט צום אַריינגאַנג, לעבן פּלאַץ, ווו ער האָט מיט זיין גרויסן שטעקן זיי אָנגעוויזן אויף אַ גרויסן עיגול פון שוואַרצע פּליטעס, אָן אויפשריפטן און אָן אויסשניצונגען.

— אָט איז, — האָט ער געזאָגט מאַיעסטעטיש, — דער קרייז פונם שיינעם גלאָק פון אַמבואַז. ער האָט געוויגן פערציקטויזנט פונט. אין גאַנץ אייראָפּע איז נישט געווען קיין ענלעכער צו אים. דער אַרבעטער, וועלכער האָט אים אָפּגעגאָסן, איז געשטאָרבן פון שמחה...

— לאָמיר גיין, — האָט לעאָן געזאָגט.

דער שמש האָט גערעדט ווייטער; נאָכדעם, צוקומענדיק צו דער קאַפּליצע פון דער הייליקער בתולה, האָט ער אויסגעשטרעקט די הענט מיט אַ רחבותדיקן זשעסט און מיט אַ מין גאווה פון אַ פּריץ, וואָס ווייזט אייך זיין גאָרטן און זאָגט:

— אונטער דערדאָזיקער פּשוטער פּליטע ליגט דער פּאַר-שטאָרבענער פּיער-דע-ברעזע, דער אייגנטימער פון וואַרען און בריסאַק, דער גרויסער מאַרשאַל פון פּואַטו און גובערנאַטאָר פון נאָרמאַנדיע, אומגעקומען אין שלאַכט ביי מאָנלערי דעם 16-טן יולי 1645 יאָר.

לעאָן האָט אויס אומגעדולד זיך געביסן די ליפּן.

און אויף דער רעכטער זייט ליגט אַ ריטער געשמידט אין אייזן, אויף אַ פערד, וואָס הייבט זיך אויף די הינטער-שטע פיס; דאָס איז זיין אייניקל לואי-דע-ברעזע, דער אייגנ-טימער פון ברעוואַל און מאָנשאָווע, דער באַראָן פון מאָני, דער קייזערלעכער קאַמערהער, דער ריטער פון פיל אָרדענס און אויך גובערנאַטאָר פון נאָרמאַנדיע, געשטאָרבן דעם 23-טן יולי 1531 יאָר, אין אַ זונטיקדיקן טאָג, ווי ס'ווייזט דער אויפ-שריפט; און אונטן, דער מענטש, וואָס האַלט ביים אַראָפּגיין אין קבר, ווייזט אייך פּונקט דעמזעלבן ריטער. ס'איז אוממעג-

לעך צו באַקומען אַ בעסערע פאָרשטעלונג וועגן דער נישטי־קייט פון לעבן, נישט אמת?

מאַדאַם באָוואַרי האָט גענומען איר לאָרנעט. אומבאַוועג־לעך האָט לעאָן זי אָנגעקוקט, נישט אויסרעדנדיק קיין איינציק וואָרט, נישט מאַכנדיק קיין שום באַוועגונג, כדי איבערצורייסן איר פלוידעריי און איר גלייכגילטיקייט, וואָס האָט אים אראָפּ־געשלאָגן פון מוט.

דער אומברחמנותדיקער פירער האָט ווייטער גערעדט:

— לעבן אים די פרוי אויף די קני, וואָס ווײנט, איז זיין ווייב דיאַן־דע־פּואַטיע, די גרעפין דע־ברעזע, די הערצאָגין דע־וואַלענטינוא, געבוירן אין 1499 געשטאָרבן אין 1556; און אויף לינקס, די, וואָס טראָגט אַ קינד אויף די הענט — איז די הייליקע בתולה. איצט דרייט אייך אויס אויף דער צווייטער זייט: דאָס זענען די קברים פון דער משפחה אַמבוּאַז. זיי זענען ביידע געווען קאַרדינאַלן און אַרציבישאָפן אין רואַן. אָט דער איז געווען מיניסטער ביים מלך לואי דעם XII־טן. ער האָט אַ סך גוטעס אויפגעטאָן פאַר דער קאַטעדרע. אין זיין צוואה איז געווען אָפּגעשריבן דרייסיקטויזנט רענדלעך פאַר אָרעמעלייט.

און כסדר גערעדט, אָן אויפהערן, האָט ער זיי אַריינגע־פירט אין אַ קאַפּליצע פול מיט באַלוסטראַדן, און אָפּרוקנדיק עטלעכע פון זיי, האָט ער זיי באַוויזן אַ מין שטיין, וועלכער האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ שלעכט־אָפּגעאַרבעטער סטאַטוּע.

— ער האָט אמאָל באַפּוצט -- האָט ער געזאָגט מיט אַ קרעכצעדיקן קול, - דעם קבר פון רישאַרד לייבן־האַרץ, דער קעניג פון ענגלאַנד און הערצאָג פון נאָרמאַנדיע. דאָס האָבן אים די קאַלוויניסטן, מסיע, דערפירט צו אַזאַ צושטאַנד. אויס רשעות האָבן זיי אים מקבר געווען אין דער ערד, אונטער דער קאַטעדרע פון זיין עקסעלענץ. אָט איז די טיר, דורך וועלכער דער אַרציבישאָף פלעגט דורכגיין פון זיין וווינונג. איצט לאָמיר גיין באַטראַכטן די שויבן, געמאָלט פון לאַ־גאַרגוי.

אָבער לעאָן האָט שנעל אַרויסגענומען פון זיין קעשענע

אַ ווייסע מטבע און אָנגעכאַפּט עמען פאַר דער האַנט. דער שמש איז נשתומם געוואָרן פון דערדאָזיקער פּריציייטיקער נדבנות, בעת די פרעמדע האָבן נאָך געהאַט אַזויפיל צו זען. דעריבער האָט ער זיך אָנגערופן:
— מסיע! און דעם טורעם־שפּיץ! דעם טורעם=שפּיץ!...
— אַ דאַנק, — האָט לעאָן אָפּגעענטפערט.
— ס'וועט אייך פאַרדריסן! ער האַלט פירהונדערט פערציק פוס, דאָס הייסט מיט ניין ווייניקער פון דער גרויסער פּיראַ־מידע אין עגיפּטן, ער איז אינגאַנצן געגאָסן, ער...
לעאָן איז געלאָפן, ווייל ס'האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז זיין ליבע, וועלכע איז במשך פון צוויי שעה דאָ אין קלוי־סטער פאַרגליווערט געוואָרן, ווי אַ שטיין, וועט איצט צעזייט ווערן, ווי אַ רויך און אַרויס דורך דערדאָזיקער צעלעכערטער רער, דורך דער אויסגעצויגענער שטייג, דורך דעם דורכזיכטיקן קוי־מען, וועלכער שטעקט אַזוי אויסטערליש אויף דער קאַטעדרע, ווי אַ משוגענער קאַפּריז פון עפּעס אַ פאַנטאַזיאָר אַ קופער־שמיד.
— וווּהין גייען מיר? — האָט זי געפרעגט.
נישט ענטפערנדיק, האָט ער פאָרגעזעצט צו שפּרייזן מיט שנעלע טריט; די מאַדאַם באָוואַרי האָט שוין געהאַט איינגע־נעצט די פינגער אין די הייליקע וואַסער, ווי מיטאַמאָל האָבן זיי הינטער זיך דערהערט שטאַרק אָטעמען, וואָס איז געוואָרן איבערגעריסן מיט די מעסיקע קלעפּ פונם שטעקן.
— מסיע!
— וואָס?
און ער האָט דערקענט דעם שמש, וועלכער האָט גע־טראָגן אונטערן אָרעם — און צוליב גלייכגעוויכט צוגעדריקט צום בויך — אַ צוואַנציק גרויסע בראָשירטע בענדער. דאָס זע־ען געווען ווערק וועגן דער קאַטעדרע.
— שוטה! — האָט לעאָן אַ וואָרטשע געטאָן, אַרויס־פליענדיק פון קלויסטער.
אויפן פּלאַץ האָט געשטיפט אַ קליין יינגל.

— גיי ברענג מיר אַ פּיאַקר!

דאָס ייִנגל איז אַוועק ווי אַ פייל פון בויגן דורך דער פּיר-ווינטן-גאַס; דעמאָלט זענען זיי אַליין פאַרבליבן עטלעכע מינוט, אויג אויף אויג, ביידע צעטומלט.

—אַך! לעאָן! באמת... איך ווייס נישט... צי דאַרף איך...

זי האָט זיך געהנדלט, נאָכדעם האָט זי מיט אַן ערנסטער מינע צוגעגעבן:

— איר ווייסט, ס'איז זייער נישט אַנשטענדיק?

— פאַרוואָס? — האָט זיך אָנגערופן לעאָן. — אין פּאַריז פירט מען זיך אַזוי!

דאָסדאָזיקע וואָרט האָט פּונקט ווי דער שטאַרקסטער אַרגומענט געהאַט אויף איר אַ השפּעה.

אָבער דער פּיאַקר איז נאָך אַלץ נישט אָנגעקומען. לע-אָן האָט מורא געהאַט, זי זאָל צוריק נישט אַריינגיין אין קלויסטער. ענדלעך, האָט זיך דער פּיאַקר באַוויזן.

— גייט אַרויס, לכל הפּחות, דורכן צפון-אַרויסגאַנג, — האָט צו זיי געשריען דער שמש, וועלכער איז געבליבן שטיין אויפן שוועל, — וועט איר זען „תחית המתים", „דעם לעצטן משפּט," „דעם גן-עדן," „דוד-המלך" און „די רשעים אין די גיהנום-פלאַמען".

— וווהין הייסט איר זיך פירן, מסיע? — האָט געפרעגט דער קוטשער.

— וווּ איר ווילט? — האָט לעאָן געזאָגט, אַריינשטויסנ-דיק עמען אין דער דראָשקע.

און די שווערע מאַשין האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

די קאַרעטע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף גראַנפּאָנער גאַס, פאַרבייגעפאָרן דעם קונסט-פּלאַץ, נאַפּאָלעאָנער ברעג, דעם נייעם בריק און האָט זיך פּלוצלונג אָפּגעשטעלט פאַר דער סטאַטוע פון פּיער קאָרנעי.

— ווייטער! — האָט אַ געשריי געטאָן א שטים פון קאַ-רעטע.

די קאַרעטע האָט ווייטער געריירט, און אַראָפּלאָזנדיק זיך

באַרג־אַראָפּ פון פּלאַץ לאַפּאַיעט, איז זי מיט אַ גאַלאָפּ צוגעקומען צום וואָקזאַל פון עפּעס אַן אייזנבאַן.

— ניין, אויף רעכטס! — האָט געשריען דערזעלבער קול.

די קאַרעטע איז אַרויס פון די פאַרצוימונגען און אויפן גלייכן וועג האָט זי זיך פּאַמעלעך געקייקלט צווישן גרויסע אולם־ביימער. דער קוטשער האָט זיך געווישט דעם שטערן, גענומען זיין לעדערנע היטל צווישן די פיס און אַ לאָז געטאָן די קאַרעטע אויסערהאַלב די זייטיקע אַלעען, ביים זוים פונם וואַסער, לעבן די גראָזן.

די קאַרעטע איז געלאָפן לענגאויס דעם טייך, אויף אַ וועג אויסגעברוקירט מיט קליינע שטיינדעלעך, צו אויסעל צו, הינטער די אינדזלען.

אָבער פּלוצלונג האָט דער קוטשער פאַרקערעוועט דורך קאַטרמאַר, דורך סאָטוויל, דורך גראַנד־שאָסע, דורך עלבעף און האָט זיך צום דריטן מאָל אָפּגעשטעלט פאַרן באָטאַנישן גאָרטן.

— פאָרויס! — האָט דער קול בייז געשריען.

און די קאַרעטע האָט זיך ווידער געלאָזט אין וועג אַריין דורך סען־סעווער, ביים ברעג קוראַנדיע, ביים מילן־ברעג, נאָכאַמאָל דורכן בריק, דורכן פּלאַץ שאַן־דעמאַר און הינטער די שפּיטאָל־גערטנער, ווו זקנים אין שוואַרצע קאַפּאָטאַנעס שפּאַצירן אויף דער זון, לענגאויס די טעראַסעס, באַדעקט מיט בלושטש. זי איז אַרויף אויפן בוורע־בולוואַר, דורכגעלאָפן דעם קאָטשואַז־בולוואַר, נאָכדעם דעם גאַנצן מאָן־ריבודע ביז צו דעווילער ברעג.

די קאַרעטע האָט זיך ווידער צוריקגעקערט; און דעמאָלט האָט זי געבלאָנקעט אָן אַ באַשטימטער ריכטונג, סתּם אין דער וועלט אַריין. מען האָט זי געזען אין סען־פּאָל, אין לעקיור, אויפן באַרג גאַרגאַן, אויפן רוזשמאַר און אויפן פּלאַץ גאַיאַרבוא; אויף דער גאַס מאַלאַדרערי, דינאַנדערי, פאַר די קלויסטערס סען־ראָמען, סען וויוויען, סען־מאַקלו, סען־ניקאַז, פאַרן צאָל־אַמט, ביי דעם אונטערשטן אַלטן טורעם, ביי די דריי ליולקעס און ביי דעם דענקמאָל־בית־עלמין. דער קוטשער פון זיין

געזעס פלעגט שוין צייט צו צייט וואַרפן פאַרצווייפלטע בליקן אויף די שענקען. ער האָט נישט געקאָנט משיג זיין, וואָסער כוח שטופּט דידאָזיקע מענטשן, וועלכע ווילן זיך גאָרנישט אָפּשטעלן. עטלעכע מאָל האָט ער געפּרוווט זיך אָפּצושטעלן, אָבער תּיכּף האָט ער הינטער זיך געהערט בייזע אויסרופן. דעמאָלט האָט ער שטאַרקער אַ שמיץ געטאָן זיינע פאַרשוויצטע קליאַטשעס, נישט לייגנדיק קיין אַכט אויף דער טרייסלעריי, פאַרטשעפּענדיק זיך דאָ און דאָרט, פאַרמאַטערט, צעחושט, שיער נישט וויינענדיק פון דורשט, פון אָפּגעמאַטערטקייט, פון דאגה.

און אין פּאָרט, צווישן זעק און פעסער, אין די גאַסן, אויף די טראָטואַרן האָבן די מענטשן אויסגעגלאָצט די אויגן און געשטוינט, קוקנדיק אויף דעמדאָזיקן אויסטערלישן בילד, — וואָס איז אַזוי זעלטן אין אַ פּראָווינץ, ווי אַ קאַרעטע מיט אַראָפּגעלאָזטע שטאָרן, באַווייזט זיך כסדר דאָ און דאָרט, צוגעקלאַפּט, ווי אַ קבר און טרייסלט זיך, ווי אַ שיף.

בלויז איין איינציק מאָל, נאָכמיטאָג-צייט, הינטערן שטאָט אויפן פעלד, ווען די זון האָט שטאַרקער געוואָרפן אירע שטראַלן אויף די אַלטע באַזילבערטע לאַמטערנעס, האָט זיך אַרויסגעצויגן פון הינטער די קליינע געלע שטאָרן אַ נאַקעטע האַנט און אַרויסגעוואָרפן שטיקלעך פּאַפּיר, וועלכע זענען זיך פאַנאַנדערגעפלויגן אויפן ווינט און זיך אַראָפּגעלאָזט ווייט, ווי ווייסע זומער=פייגעלעך, אויף אַ פעלד פון רויטע בליענדיקע קאָניטשינע.

נאָכדעם, קעגן זעקס אַ זייגער, האָט זיך די קאַרעטע אָפּגעשטעלט אין אַ געסל פון באָוואַזענער קוואַרטאַל, און אַ פרוי מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן שלייער איז אַראָפּגעשטיגן, זיך געלאָזט פאָרויס, נישט אַרומקוקנדיק זיך.

II

צוקומענדיק צו דער אַכסניה, איז מאַדאַם באָוואַרי געווען שטאַרק פאַרוואונדערט דערפון, וואָס זי האָט נישט באַגעגנט דעם אָמניבוס. היווער, וועלכער האָט אויף איר געוואַרט דרייאונפופציק מינוט, איז, ענדלעך, אַוועקגעפאָרן אָן איר.

קיין שום זאַך האַט איר נישט געצוואונגען אַוועקצופאָרן, אָבער זי האָט געגעבן אַ וואָרט שאַרלען צו קומען אינאָוונט. האָט שאַרל זי אָפּגעוואַרט; און אין האַרץ האָט זי שוין דערפילט דידאָזיקע פּחדנותדיקע הכנעה, וועלכע איז פאַר אַ סך פרויען אַ שטראָף און גלייכצייטיק אַ הדטה פאַר זייער פאַרברעכערישער ליבע.

זי האָט שנעל איינגעפּאַקט אירע זאַכן, באַצאָלט לויטן חשבון, געדונגען אַ קאַבריאָלעט, און יאָגנדיק דעם קוטשער, צוגעבנדיק אים מוט, נאָכפרעגנדיק זיך יעדע רגע, ווי שפּעט ס'איז און וויפל קילאָמעטער זיי האָבן שוין דורכגעמאַכט, איז איר, לסוף, געלונגען צו דעריאָגן די „שוואַלב", ביי די ערשטע הייזער פון קענקאַמפּואַ.

געזעצט זיך אין אַ ווינקעלע, האָט זי צוגעמאַכט די אויגן און אויפגעעפנט זיי צופוסנס פון אַ בערגל, ווו זי האָט פונדערווייטנס דערקענט פעליסיטען, וועלכע האָט זי אָפּגעוואַרט לעבן דעם שמידס הויז. היווער האָט אָפּגעשטעלט די פערד, און די דינסט, אויפהייבנדיק זיך ביז צום קליינעם פענסטערל, האָט געזאָגט מיט אַ סוודותפולן קול:

— מאַדאַם, איר מוזט תיכף גיין צום מסיע אָמע. עפּעס אַ דרינגענדע זאַך.

דאָס שטעטל איז געווען שטיל, ווי געוויינלעך. אויף די ווינקלען פון די גאַסן זענען געווען אויסגעשטעלט קליינע ראָזע קעסלען, וועלכע האָבן געריכערט, ווייל ס'איז געווען פונקט די צייט פון פרעגלען קאָנפיטורן. און אין יאָנוויל האָבן אַלע געפּרעגלט די קאָנפיטורן אין איין טאָג. אָבער אַלע האָבן זיך אָפּגעשטעלט פאַר דער אַפּטייק און געקוקט אויף אַ גרויסן

קעסל, וועלכער האָט מיט זיינע מעלות איבערגעשטיגן אַלע אַנדערע, פונקט ווי דער אויוון פון אַ לאַבאָראַטאָריע שטייגט איבער די בירגערלעכע אויוונס, פונקט ווי די טובות-הכּלל שטייגן איבער די פּערזענלעכע קאַפּריזן.

עמע איז אריינגעקומען. דער גרויסער פאָטעל איז געווען איבערגעדרייט. אַפילו די צייטונג „דאָס רואַנער ליכט" איז געלעגן אויף דער ערד, צווישן צוויי פאַנען. זי האָט אַ שטופּ געטאָן די טיר פון קאָרידאָר און זי האָט דערזען: שוואַרצע קרוגן, פול מיט אויסגעקליבענע ווייַנפּערלעך, מיט צעשטויסענעם צוקער, מיט שטיקלעך-צוקער, אַ וואָג אויפן טיש, מעדניצעס אויף דער פּליטע, און צווישן דעם אַלעם איז געשטאַנען די גאַנצע משפּחה אָמע, גרויס און קליין, מיט פאַרטוכער ביז צו די גאָמבעס, מיט גאָפּלען אין די הענט. זשיסטען איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, און דער אַפּטייקער האָט געשריען:

— ווער האָט דיר געהייסן אים ברענגען פון „כּפר-נחום"? *)

— וואָס איז? וואָס האָט פּאַסירט?

— וואָס האָט פּאַסירט, — האָט געענטפערט דער אַפּטייקער. — מען פּרעגלט קאָנפיטורן: זיי קאָכן זיך, און זיי האָבן שיער נישט אויסגעקאָכט צוליב צופיל סיראָפּ, וואָס מען האָט אריינגעגאָסן. איך הייס אים ברענגען אַן אַנדער מעדניצע, אבער ער, אויס פוילקייט, אויס נאַכלעסיקייט, נעמט ער אַראָפּ פון שוואָק דעם שליסל פון מיין לאַבאָראַטאָריע, דער שליסלפון „כּפר-נחום"!

„כּפר-נחום" — האָט דער אַפּטייקער אָנגערופן דעם צימערל, אונטערן דאַך, פאַרלייגט מיט פאַרשידענע מכשירים און סחורות פון זיין פאַך. צייטנווייז פלעגט ער דאָרט אָפּזיצן שעהנווייז, קלעפּן פלעטלעך, איבערגיסן, איבערבינדן און ער האָט אויף דעם חדרל געקוקט נישט ווי אויף אַ איינפאַכן לאַגער, נאָר ווי אויף אַן אמתן קדשי-קדשים, פונאַ גען ס'פלעגן דערנאָך אַרויסקומען, אויסגעאַרבעט דורך זיינע

*) כּפר-נחום, אין פראנצ. קאפארנאום. א שטאָט אין ארץ-ישראל, אין גליל, וואו קריסטוס האָט פארבראכט א טייל פון זיין לעבן.

הענט, פאַרשידענע פּילן, מיקסטורן, מאַשטשן, שווענקערייען, פליאַסטערס, וועלכע האָבן אים מפורסם געמאַכט אין די אַרו־מיקע סביבות. קיין מענטש אין דער וועלט האָט דאָרט קיין פוס נישט אַריבערגעשטעלט; און ער האָט דאָס חדרל אַזוי פאַרגעטערט, אַז ער האָט עס אַליין צוגעקערט. מיט איין וואָרט, אויב די אַפּטייק איז געווען אַן אָרט פאַר אַלעמען, אַן אָרט, ווו ער פלעגט אַרויסווייזן זיין גאווה, אַזוי איז „כפר־נהום" געווען זיין מקום־פּליטה, און אָמע, קאָנצענטרירנדיק דאָרט זיין עגאָיזם, האָט געקליבן נחת פון זיינע אויס־דערווײלטע אויסאַרבעטונגען. אָט פאַרוואָס זשיסטענס נאַכלעסי־קייט איז דורך אים באַטראַכט געוואָרן ווי אַ חלול־הקודש; און רויטער פון די וויינפּערלעך האָט ער געחזרט:

— יאָ, „כפר־נחום"! דער שליסל, וואָס פאַרשליסט אַלע זויערשטאָפן! אַ בעלנות צו גיין נעמען פון דאָרט אַ מעדניצע! אַ מעדניצע מיט אַ צודעק! וועלכע איך וועל אפשר קיינמאָל נישט באַנוצן! אַלץ האָט אַן אומגעהויערע וויכטיקייט ביי די דעליקאַטע אָפּעראַציעס פון אונדזער קונסט! אָבער צו אַלדע רוחות! מען דאַרף דאָך קענען מאַכן אַ חילוק און נישט באַנוצן צום שטוב־פאַרברויך דאָס, וואָס איז באַשטימט פאַר פאַרמאַצעווטישע צוועקן! ס'איז פונקט, ווי איינער וואָלט גע־שניטן אַ הון מיט אַן אָפּעראַציע־מעסער, פונקט ווי אַ שוחט...

— אָבער באַרויק דיך! — האָט זיך מאַדאַם אָמע געבעטן.

און אַטאַלי, ציענדיק אים פאַרן ראָק, האָט געשריען:

— פּאַפּאַ, פּאַפּאַ!

— ניין, לאָזט מיך! — האָט געשריען דער אַפּטייקער. — לאָזט מיך צורו! ס'איז שוין בעסער צו מאַכן אַ בשמים־געשעפט, אויף מיין ערנוואָרט! אַלזאָ! גיי, טו, ברעך, שטעך, לאָז אַרויס אַלע פּיאַווקעס, פאַרברען אַלע גראָזן, מאַ־רעניר אוגערקעס אין אַפּטייק־סלאָיען, רייס די באַנדאַזשן!

— איר האָט עפּעס, דאַכט זיך, געהאַט... — האָט עמע געזאָגט,

תּיכּף! — צי ווייסטו כאָטש, וואָס דיר האָט געדראָט?

צי האָסטו גאָרנישט באַמערקט אין ווינקעלע, אויף לינקס, אויף דער דריטער פּאָליצע? רעד, ענטפער אַ וואָרט!

— איך... ווייס נישט, — האָט געשטאַמלט דאָס יינגל.

— אַך! דו ווייסט נישט! גוט, אָבער איך ווייס יאָ! צי האָסטו געזען דאָס פלעשעלע פון בלויען גלאָז, פאַרחתמעט מיט געלן טריוואַקס, מיט אַ ווייסן פּראָשעק אינעווייניק און; מיט אַ פּלעטל פון אויסנווייניק, ווו ס'שטייט אָנגעשריבן: „גע־פערלעך"! און צי ווייסטו, וואָס דאָרט געפינט זיך? אַרשע־ניק! און דו רירסט זיך צו דערצו! און דו גייסט נעמען אַ מעדניצע, וואָס שטייט ביי דער זייט!

— ביי דער זייט! — האָט אויסגערופן מאַדאַם אָמע, פאַרלייגנדיק די הענט. — אַרשעניק? דו האָסט דאָך אונדז אַלע־מען געקענט פאַרסמען.

און די קינדער האָבן אָנגעהייבן צו יאָמערן, גלייך ווי זיי וואָלטן שוין דערפילט שטאַרקע ווייען אין זייערע גע־דערעם.

— אָדער גאָר פאַרסמען אַ חולה — האָט ווייטער גערעדט דער אַפּטייקער. — דו האָסט געוואָלט מיך אוועקזעצן אויף דער באַשולדיקונגס-באַנק?... פאַרן געריכט? זען ווי מען שלעפּט מיך אויף דער תּליה? צי ווייסטו דען נישט, וועלכע פאָרזיכטיקייטן איך פאַרווענד ביי מיינע פאַרשידענע מאַניפּולאַציעס, הגם איך האָב שוין אַ גרויסע רגילות. צייטנווייז כאַפּט מיך אַליין אַרום אַ שוידער, ווען איך פאַרטראַכט זיך וועגן מיין פאַראַנטוואָרט־לעכקייט! ווייל די רעגירונג פאַרפאָלגט אונדז און דער נאַרי־שער געזעץ, וואָס פירט מיט אונדז אָן, איז אַן אמתער דאַמאָקלעס־שווערד, וואָס הענגט איבער אונדזער קאָפּ!

עמע האָט שוין אפילו נישט געטראַכט צו דערוויסן זיך, וואָס מען וויל פון איר, און דער אַפּטייקער האָט מיט גרויס אויפרעגונג כסדר גערעדט:

— אָט ווי דאַנקבאַר דו ביזט פאַר די טובות, וואָס מען טוט פאַר דיר! אָט מיט וואָס דו באַצאָלסט מיר פאַר מיינע אַלע פאָטערלעכע דאגות, וואָס איך פאַרווענד אויף דיר! ווייל

אָן מיר, ווי וואָלסטו זיך אַהינגעטאָן? וואָס וואָלסטו געמאַכט? ווער גיט דיר עסן, דערציונג, באַקליידונג, און אַלע מעגלעכ-קייטן צו קענען אין א העלן פרימאָרגן פאַרנעמען אַ חשובן אָרט צווישן די געזעלשאַפטלעכע רייען? אָבער דערצו דאַרף מען מיט שווייס פּראַצעווען און אָנרייבן זיך מאָזאָלן אויף די הענט

— Fabricando fit faber, age quod agis

ער האָט ציטירט פון לאַטיין, אַזוי איז ער געווען אויפ-געדעגט. ער וואָלט ציטירט פון כינעזיש און פון גרענלאַנדיש, אויב ער וואָלט נאָר געקענט דידאָזיקע שפּראַכן; ווייל ער האָט זיך געפונען אין איינעם פון דידאָזיקע קריזיסן, ווען די נשמה ווייזט אומדייטלעך אַרויס איר אינהאַלט, פּונקט ווי א ים, וועלכער עפנט זיך אינגאַנצן אויף אין אַ שטורעמווינט, אָנ-הייבנדיק פון די ברעג-גראָזן, ביז צום זאַמד פון זיינע אָפּגרונטן. און ער האָט ווידער אָנגעהייבן:

— איך הייב אָן שטאַרק חרטה צו האָבן, וואָס איך האָב מיך באַשעפטיקט מיט דיין פּערזאָן! איך וואָלט אַמאָל געהאַט בעסער געטאָן, ווען איך וואָלט דיך איבערגעלאָזט אין עלנט און אין שמוץ, ווו דו ביזט געבוירן געוואָרן! דו וועסט שוין קיינמאָל צו קיין שום זאַך נישט טויגן, סיידן פּאַר א פּאַסטוך! דו האָסט נישט די מינדעסטע פעיקייטן צום לערנען זיך! דו קענסט קוים צוקלעפּן אַ פּלעטל צו אַ פלאַש! און דו לעבסט ביי מיר, דאָ, ווי אַ פּריץ, און דו שפּאַצירסט זיך אַרום, ווי אַ גאַנדז, וואָס מען פּאַשעט!

עמע האָט זיך געווענדעט צו מאַדאַם אָמע:

— מען האָט מיר געהייסן קומען...

— אַך, מיין ליבער גאָט, — האָט די גוטע פרוי. זי איי-בערגעריסן מיט אַ טרויערדיקן אויסזען, — איך ווייס נישט, וואָס אייך צו זאָגן?... אַן אומגליק!

---

*) דער זין איז: דורך ארבעט ווערט מען א מייסטער, וואָס דו טוסט, טו ווי געהעריק.

זי האָט נישט פאַרענדיקט. דער אַפּטייקער האָט ווייטער געריטשעט:

— שנעל, ליידיק זי אויס! רייניק זי אויס! טראָג זי אוועק אויפן ארט! שנעל!

און טרייסלענדיק זשיסטענען פאַרן האַלדז, איז אים אַרויסגעפלויגן אַ ביכל פון קעשענע.

דאָס ייִנגל האָט זיך איינגעבויגן. אָבער אָמע האָט עס געמאַכט שנעלער פון אים, און אויפהייבנדיק דאָס ביכל, האָט ער עס באַטראַכט מיט אויסגעגלאָצטע אויגן און מיט אַן אָפן מויל.

— „ליבע... הייראַט! — האָט ער געזאָגט, צעטיילנדיק לאַנגזאַם די צוויי ווערטער. — אַך! זייער גוט! זייער פיין! און בילדער אויך!... אַך! דאָס איז שוין צופיל!

מאַדאַם אָמע האָט זיך דערנענטערט.

— ניין, ריר דיך נישט צו!

די קינדער האָבן געוואָלט זען די בילדער.

— אַרויס! — האָט ער מיט כעס אַ זאָג געטאָן.

און זיי זענען אַרויס.

צוערשט האָט ער ארומגעשפּרייזט אַהין און צוריק מיט גרויסע טריט, האַלטנדיק דאָס בוך צווישן זיינע הענט, געדרייט מיט די אויגן, געסאַפּעט, זיך געראָיטלט, פּונקט ווי אין אַפּאָפּלעקסיע. נאָכדעם איז ער צוגעגאַנגען צו זיין תּלמיד מיט פאַרלייגטע הענט.

— אַלזאָ, דו האָסט אַלע שלעכטע מידות, אומגליקלעך קינד!... היט זיך, דו שטייסט ביים אָפּגרונט!... דו האָסט אַפילו קיין טראַכט נישט געטאָן, אַז דאָסדאָזיקע שונד-בוך קען אַריינפאַלן אין די הענט פון מיינע קינדער, אַריינוואַרפן אַ פונק אין זייער מוח, פאַרשמוצן די ריינקייט פון אַטאַליען, קאַליע מאַכן נאַפּאָלעאָנען! ער איז שוין אַ מאַנסביל! צי ביזטו, לכל־הפּחות, זיכער, אַז זיי האָבן זיי נישט געלעזן? צי קענסטו מיר פאַרזיכערן...?

— אָבער, ענדלעך, מסיע אָמע, — האָט עמע געזאָגט, — איר האָט געהאַט עפּעס מיר אָנצוזאָגן?..

— אמת, מאַדאַם... אייער שווער איז געשטאָרבן!

און, ווירקלעך, דער אַלטער באָוואַרי איז געשטאָרבן מיט אַ טאָג צוריק, פּלוצלונג, פון אַ האַרץ־שלאַג, ביים אויפהייבן זיך פון טיש. און שאַנעוועגדיק עמען, האָט שאַרל, געבעטן מסיע אָמע, ער זאָל איר פאָרזיכטיק אָנזאָגן וועגן דעררדאָזיקער שרעקלעכער ידיעה.

ער האָט געטראַכט אויף דעררדאָזיקער פראַזע, געשליפן זי, געפּאָלירט, באַפּוצט; דאָס האָט געדאַרפט זיין אַ שעדעוור פון פאָרזיכטיקייט, פון צוגרייטונג, פון שיינע בויגונגען און פון דעליקאַטקייט; אָבער זיין כעס האָט אַוועקגעטראָגן זיין ריטאָריק.

עמע, פאַרלירנדיק די האָפענונג צו דערוואַרטן זיך אויף פּרטים, האָט זי פאַרלאָזן די אַפּטייק; ווייל מסיע אָמע האָט ווידער אָנגעהייבן צו מוסרן. ער האָט זיך ביסלעכווייז באַרויקט און איצט האָט ער געגומען וואָרטשען מיט אַ פאָטערלעכן קול, פאָרענדיק זיך מיט זיין גריכיש היטעלע:

דאָס הייסט נישט, אַז איך פאַרמשפּט לגמרי דאָס ווערק! דער אויטאָר איז געווען אַ דאָקטאָר. ס'זענען דאָרט דאָ עטלעכע וויסנשאַפטלעכע זייטן, וואָס ס'שאַדט נישט, אַז יעדער מענטש זאָל זיך מיט זיי קענען, און איך מוז זאָגן, אַז יעדער מאַן דאַרף דאָס וויסן. אָבער שפּעטער, שפּעטער! וואַרט, לפּחות, ביז וואַנען דו וועסט ווערן אַ מאַנסביל און דיין טעמפּעראַמענט וועט זיך איינשטעלן.

דערהערט אַ קלאַפּ פון דער טיר, האָט שאַרל, וועלכער האָט זי אָפּגעוואַרט, זיך דערנענטערט מיט אָפענע אָרעמס און געזאָגט מיט אַ פאַרוויינטער שטימע:

— אַך, מיין טייערע...

און ער האָט זיך לייכט איינגעבויגן, כדי זי אַ קוש צו טאָן. אָבער ביים צורירן זיך פון זיינע ליפּן האָט זי זיך דער־

מאָנט וועגן אַן אַנדערן; זי האָט אַ ציטער געטאָן און אַדורכ־געפירט די האַנט איבערן פּנים.

זי האָט אָפּגעענטפערט:

— יאָ, איך ווייס... איך ווייס...

ער האָט איר באַוויזן דעם בריוו, ווו זיין מוטער האָט אים דערציילט וועגן דעם צופאַל, אָן שום סענטימענטאַלער פאַלשקייט. זי האָט בלויז געזשאַלעוועט, וואָס איר מאַן האָט נישט באַקומען די לעצטע רעליגיעזע רעכט, ווייל איר מאַן איז געשטאָרבן אין דודערוויל, אויפן גאַס, אויפן שוועל פון אַ צוקערניע, נאָך אַ פּאַטריאָטישער סעודה מיט אַמאָליקע רעזערוו־אָפיצירן.

ער האָט איר אָפּגעגעבן דעם בריוו, און נאָכדעם, ביים מיטאָג, האָט זי, אויס העפלעכקייט, זיך אָפּגעהאַלטן פון עסן. נאָר אַזוי ווי דער מאַן האָט איר געצוווּנגען, האָט זי אָנגעהייבן צו עסן, בעת שאַרל איז געזעסן זייט ביי זייט מיט איר אומ־באַוועגלעך, נידערגעשלאָגן.

גאַנץ אָפט פלעגט ער אויפהייבן דעם קאָפּ און שיקן צו איר לאַנגע בליקן, פול מיט דאגה. איינמאָל האָט ער אַפילו אַ קרעכץ געטאָן:

— איך וואָלט אים געוואָלט זען כאָטש נאָכאַמאָל!

זי איז געזעסן און געשוויגן. אָבער זי האָט זיך, ענ־דלעך, באַרעכנט, אַז מען דאַרף עפּעס רעדן, האָט זי גע־פרעגט:

— ווי אַלט איז ער געווען, דיין טאַטע?

— אַכטאונפופציק יאָר.

— אַך!

אין דערמיט האָט זי זיך באַנוגנט.

און אַ פערטל שעה אַרום האָט ער מוסיף געווען:

— מיין אָרעמע מאַמע?... וואָס וועט איצט פון איר ווערן?

זי האָט אַ צוק געטאָן מיט די אַקסלען.

זעענדיק, ווי זי שווייגט, האָט שאַרל געמיינט, אַז זי איז פאַרדאגהט, האָט ער אויך געשוויגן, כדי נישט איבערצו־

דייסן דידאָזיקע עצבות, וואָס האָט זי צאַרטער געמאַכט. אזוי מאַכנדיק זיך לוסטיקער, האָט ער אַ פרעג געטאָן:

— דו האָסט דיך נעכטן גוט געוויילט?

— יאָ.

ווען מען האָט אַראָפּגענומען דעם טישטוך, איז באָוואַרי געבליבן זיצן און עמע אויך; און צוקוקנדיק זיך אַזוי צו אים, האָט די איינטאָניקייט פון דעמדאָזיקן בילד ביסלעכווייז אַרויסגעטריבן דאָס גאַנצע ביסל רחמנות פון איר האַרץ. איצט האָט ער אין אירע אויגן אויסגעוויזן אַזוי עלנט, שוואַך, נישטיק, פשוט געדעדט, אַ גאַנץ קליין מענטשעלע; ווי קען מען זיך באַפרייען פון אים? ווי דער אָוונט ציט זיך אָן אָ סוף! זי האָט געפילט אַ מין שיכּרות-פאַרגליווערונג פונקט, ווי פון אָפּיום-רויך.

זיי האָבן דערהערט אין פאָדערהויז אַ הילכיקן קלאַפּ פון אַ שטעקן אויף דער פּאָדלאָגע. דאָס האָט היפּאָליט געבראַכט צו טראָגן דער מאַדאַמס זאַכן. כּדי זיי אַוועקצולייגן, האָט ער מיט גרויס אָנשטרענגונג צוערשט געמאַכט אַ פערטל קרייז מיט זיין הילצערנעם פוס.

— ער טראַכט שוין אַפילו נישט דערפון! — האָט עמע געזאָגט צו זיך אַליין, קוקנדיק אויפן אומגליקלעכן יונג, וועמענס געלע טשופרינע איז געווען באַגאָסן מיט שווייס.

באָוואַרי האָט געזוכט קליינגעלט אין זיין בייטל; מען האָט באַקומען דעם איינדרוק, אַז ער פאַרשטייט אַפילו נישט, וואָסער דערנידערונג ס'איז פאַר אים בלויז די אָנוועזנהייט פון דעמדאָזיקן מענטשן, וועלכער איז דאָ געשטאַנען, ווי אַ פאַרקערפּערטער פאָרוואורף פון שאַרלס טעמפּקייט, וואָס לאָזט זיך נישט היילן.

— אָ! ס'איז שיינעם בוקעט דו האָסט! — האָט שאַרל געזאָגט, באַמערקנדיק אויפן קאַמין לעאָנס וויאָלעטן.

— יאָ, — האָט זי גלייכגילטיק געזאָגט — דאָס האָב איך די בלומען געקויפט.. ביי אן אָרעמער פרוי.

שאַרל האָט גענומען די פיאָלעטן, און אָפּפרישנדיק מיט

זיי זיינע אויגן, רויט פון טרערן, האָט ער אריינגעצויגן זיי־ערע ריחות. זי האָט זיי גיך אַרויסגעכאַפּט פון זיינע הענט און האָט זיי אַריינגעשטעלט אין אַ גלאָז וואַסער.

אויף צומאָרגנס איז אָנגעקומען די מוטער באָוואַרי. זי און איר זון האָבן אַ סך געוויינט. עמע האָט אויסגעפונען אַ תירוץ, אַז זי האָט עפּעס צו דערליידיקן אין דער באַלעבאַ־טישקייט און זי איז פאַרשוואונדן געוואָרן.

אויפן צווייטן טאָג האָבן זיי זיך ביידע פאַרנומען מיט די טרויער־בגדים. מיט די ניי־קערבלעך ביי דער זייט, האָבן זיי זיך ביידע אַוועקגעזעצט ביים זום פון וואַסער, אונטער דער אַלטאַנע.

שאַרל האָט געטראַכט פון זיין טאַטן, און ער האָט זיך געוואונדערט, וואָס ער פילט אַזויפיל ליבע פאַר דעמדאָזיקן מאַן, וועלכן ער האָט, דאַכט זיך, גאָר אַזוי שטאַרק נישט געליבט. די אַלטע באָוואַרי האָט געטראַכט פון איר מאַן. זי האָט איצט געבענקט נאָך די ערגסטע אַמאָליקע טעג. אַלע צרות זענען אויסגעמעקט געוואָרן אונטער דער אינסטינקטיווער בענקשאַפט פון דער לאַנגיעריקער רגילות; און בעת זי האָט געשטופּט איר נאָדל, פלעגט אָפּט זיך אַראָפּלאָזן אַ גרויסע טרער אויף איר נאָז און אַ רגע דאָרט געבליבן הענגען. עמע האָט געטראַכט, אַז מיט אַכטאונפערציק שעה צוריק איז זי מיט לעאָנען געווען צוזאַמען, וייט פון דער וועלט, פאַרשיכורט, נישט קענענדיק זיך גענוג אָנקוקן אויף איינאַנדער. זי האָט זיך באַמיט אַרויפצוברענגען אויפן רעיון די קלענסטע פּרטים פון יענעם פאַרשוואונדענעם טאָג. אָבער די אָנוועזנהייט פון דער שוויגער און פון מאַן האָבן זי געשטערט. זי וואָלט גאָר־נישט געוואָלט הערן, גאָרנישט זען, כדי נישט קאַליע צו מאַכן דעם איינדרוק פון דערדאָזיקער ליבע, וועלכע ווערט פּאַמע־לעך אויסגעוועבט אונטערן איינפלוס פון די אויסערלעכע געפילן.

זי האָט אָפּגעטרענט דעם אונטערשלאַג פון אַ קלייד; שמאַטקעס האָבן זיך געוואַלגערט אַרום איר אויף דער ערד.

די מוטער באָוואַרי, נישט אויפהייבנדיק די אויגן, האָט גע-סקריפּעט מיט דער שער, און שאַרל מיט זיינע פּאַפּוטשעס און מיטן אַלטן ברוינעם ראָק, וועלכן ער האָט באַנוצט אָנ-שטאָט אַ שלאָפראָק, איז געזעסן מיט ביידע הענט אין די קע-שענעס און קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט. לעבן זיי איז בערטע געזעסן אין אַ קליינעם ווייסן פאַרטוכל און מיט איר לאָפּאַטקע געגראָבן דעם זאַמד פון דער אַלעע.

פּלוצלונג האָבן זיי דערזען, ווי דורכן טירל קומט אַריין מסיע לערע, דער סוחר.

ער איז געקומען זיי פאָרלייגן זיינע דינסטן, נעמענדיק אין באַטראַכט זייער אומגליקלעכן צופאַל. עמע האָט אָפּגעענטפערט, אַז מען וועט זיך קענען באַגיין אָן אים. אָבער דער סוחר האָט נישט נאָכגעגעבן.

— זייט מוחל, — האָט ער געזאָגט, — איך וואָלט מיט אייך געוואָלט האָבן אַ פּערזענלעכן געשפּרעך.

נאָכדעם מיט אַ נידעריקן קול:

— ס'האַנדלט זיך וועגן דעמדאָזיקן ענין... איר ווייסט דאָך מסתּם?

שאַרל איז רויט געוואָרן ביז צו די אויערן.

— אַך! יאָ... אמת.

און אַ צעחושעטער האָט ער זיך געווענדעט צום ווייב:

— צי וואָלסטו נישט געקענט... מיין טייערע...?

זי האָט איבן, ווייזט אויס, פאַרשטאַנען, ווייל זי האָט זיך אויפגעהייבן, און שאַרל האָט געזאָגט צו זיין מוטער:

— נאַרישקייטן! ס'האַנדלט זיך מסתּם וועגן אַ קליינ-קייט אין דערווירטשאַפט.

ער האָט נישט געוואָלט, אַז זיין מאַמע זאָל געוואָר ווערן פון דער מעשה מיטן וועקסל, ווייל ער האָט נישט ליב געהאַט אירע באַמערקונגען.

בלייבנדיק אַליין, האָט לערע גאַנץ אָפנהערציק באַגריסט עמען מיט איר ירושה, נאָכדעם האָט ער אָנגעהייבן שמועסן וועגן פאַרשידענע זאַכן, וועגן פרוכט-שפּאַלערן, וועגן שניט און

וועגן זיין געזונט, וועלכע איז ווי תמיד, צו דערליידן. אמת טאקי, אַרבעטן אַרבעט ער פאר פינפהונדערט שדים און נישט געקוקט דערויף, וואָס די וועלט רעדט וועגן אים, האָט ער קוים אויף חיונה.

עמע האָט אים געלאָזט רעדן. א געוואַלדיקער אומעט האָט זי באַהערשט פאַר די לעצטע צוויי טעג.

— און איר זענט שוין פולשטענדיק געזונט? — האָט ער געפרעגט. — מיר איז אויסגעקומען צו זען איינער מאַן אין פיינע צושטאַנדן! ער איז דאָך אַ גאַנץ גוטער מענטש, הגם איך האָב מיט אים געהאַט פאַרשידענע שוועריקייטן.

זי האָט זיך אינפאָרמירט וועגן אַלץ, ווייל שאַרל האָט איר נישט דערציילט וועגן אַלע מחלוקתן.

— אָבער איר ווייסט דאָך אַליין גאַנץ גוט! — האָט לע-רע געזאָגט. — דאָס איז צוליב אייערע פאַנטאַזיעס, צוליב די צוויי רייזע-קופערס.

ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם הוט איבער די אויגן, ביידע הענט פאַרלייגט הינטער דער פלייצע און שמייכלענדיק און צו-פייפנדיק, האָט ער אויף אַן אומערטרעגלעכן אופן איר געקוקט גלייך אין פּנים אריין. צי האָט ער עפּעס חושד געווען? זי האָט געמאַכט פאַרשידענע השערות. צום סוף האָט ער גע-זאָגט:

— מיר האָבן זיך שוין פאַרשטענדיקט, און איצט בין איך געקומען אים פאַרצולייגן נאָך אַן ענין.

ער האָט געוואָלט, אַז שאַרל זאָל איבערשרייבן דעם וועקסל אויף אַ נייעם. איבעריקנס, קען דער דאָקטאָר טאָן וואָס ער וויל; ער דאַרף זיך נישט קוועלן, באַזונדערס איצט, ווען ער האָט אַזויפיל דאגות אויפן קאָפּ.

— ער וואָלט געמאַכט פיל בעסער, ווען ער זאָל זיך מיט די געשעפטן פאַרלאָזן אויף עמעצן, אויף אייך, למשל; ער דאַרף אייך אַרויסגעבן אַ באַפולמעכטיקונג, און מיר וואָלטן געקענט פירן אונדזערע געשעפטלעך...

זי האָט נישט פאַרשטאַנען. ער האָט געשוויגן. נאָכדעם

איבערגייענדיק ווידער צו מסחר, האָט לערע געמאָלדן, אַז די מאַדאַם מוז ביי אים עפּעס נעמען. ער וועט איר שיקן שוואַרצן באַרעזש, בערך צוועלף מעטער אויף אַ קלייד.

— דאָס קלייד וואָס אויף אייך טויג נאָר אין שטוב. איר דאַרפט האָבן אַן אַנדער קלייד אויף וויזיטן. אַריינקומענדיק, האָב איך עס תּיכּף באַמערקט. איך האָב אַן אַמעריקאַנער אויג.

ער האָט נישט געשיקט די שטאָף, נאָר אַליין געבראַכט. נאָכדעם איז ער געקומען צום מעסטן; ער איז בכלל געקומען, אויסזוכנדיק פאַרשידענע אַנדערע תּירוצים; און יעדעס מאָל געווען ליבלעך, העפלעך, אונטערגעלעקט זיך, — ווי אָמע וואָלט זיך אויסגעדריקט, — געבנדיק עמען תּמיד עצות וועגן דער באַפולמעכטיקונג. מכּוח דעם וועקסל האָט ער איצט אינגאַנצן נישט דערמאָנט. זי האָט וועגן אים נישט געטראַכט. ווען זי האָט געהאַלטן ביים געזונט ווערן, האָט איר שאַרל עטוואָס דערציילט דערפון, אָבער אַזויפיל דאגות זענען אַדורך דורך איר קאָפּ, אַז זי האָט שוין גאָרנישט געדענקט. זי האָט זיך אָפּגעהאַלטן צו שמועסן וועגן געשעפט; די מוטער באָווארי האָט דערפון געשטוינט און דידאָזיקע ענדערונג האָט זי צוגעשריבן צו די רעליגיעזע געפילן, וועלכע האָבן באַאיינפלוסט עמען בשעת איר קראַנקהייט.

אָבער ווי נאָר די זקנה איז אַוועקגעפאָרן, האָט עמע איבערראַשט שאַרלען מיט איר פּראַקטישן שכל. מען האָט געדאַרפט זאַמלען אינפאָרמאַציעס, נאָכשטימען די היפּאָטעקן און זען, צי ס'איז גלייכער אַ ליציטאַציע אָדער אַ ליקווידאַציע פון דער ירושה, זי האָט אויסגערעכנט אַ גאַנצע ריי טעכנישע טערמינען, גערעדט מיט הויכע ווערטער וועגן דער צוקונפט, וועגן פאָרזיכטיקייט, כּסדר איבערגעטריבן די שוועריקייטן ביים אָנערקענען די רעכט פון דער ירושה. און, ענדלעך, איינמאָל האָט זי אים באַוויזן אַ מאָדעל פון אַן אַלגעמיינער באַפולמעכטיקונג אויף אָנצופירן מיט זיינע אַלע געשעפטן, מאַכן הלוואות, חתמענען וועקסלען און איבערווייזונגען,

מאַכן פאַרשידענע אויסצאָלונגען א. אז. וו. דאָס אַלץ האָט זי זיך אויסגעלערנט פון מסיע לערע.

שאַרל האט איר נאַיוו געפרעגט, ווו זי האָט גענומען דאָסדאָזיקע פּאַפּיר.

— ביי מסיע גיליאָמען.

און מיט דער גרעסטער קאָלטבלוטיקייט האָט זי מוסיף געווען:

— קיין גרויסן צוטרוי האָב איך נישט צו אים. נאָטאַריוסן האָבן זייער אַ שלעכטע רעפּוטאַציע! מען דאַרף זיך אפשר מיישב זיין... מיר קענען בלויז... אַך! קיינעם נישט.

— סיידן לעאָן... — האָט געענטפערט שאַרל, וועלכער האָט זיך פאַרטראַכט.

אָבער ס'איז געווען זייער שווער מיט אים זיך אויפצורעדן דורך בריוו. דעמאָלט האָט זי פאָרגעלייגט צו פאָרן צו אים. שאַרל האָט איר נישט געוואָלט לאָזן פאָרן. זי איז אָנגעשטאַנען. ס'איז אַוועק אַ סדרה מיט העפלעכקייטן. אָבער, ענדלעך, האָט זי אויסגעשריען מיט אַ טאָן פון געמאַכטער צאַרטקייט:

— ניין, איך בעט דיך, איך וועל פאָרן.

— ס'אַראַ גוטע דו ביזט! — האָט ער געזאָגט, קושנדיק זי אין שטערן.

אויף צומאָרגנס איז זי אַוועקגעפאָרן מיט דער „שוואַלבּ"קיין רואַן, כדי זיך מיישב צו זיין מיטן מסיע לעאָן. זי איז דאָרט פאַרבליבן דריי

III

דאָס זענען געווען דריי זעלטענע אויסגעצייכנטע טעג. אַן אמתער האָניק-חודש.

זיי האָבן זיך איינגעאָרדנט אין האָטעל „בולאָן" ביים פּאָרט. און זיי האָבן דאָרט געוווינט, מיט צוגעמאַכטע לאָדנס, מיט צוגעמאַכטע טירן, מיט בלומען אויסגעזייט אויף דער ערד. מיט קאַלטע געטראַנקען, וועלכע מען האָט זיי געבראַכט אינדערפרי.

אָוונטצייט פלעגן זיי נעמען אַ צוגעדעקט שיפל און פאָרן עסן אויף אַן אינדזל.

פּונקט צו דער צייט האָט מען געהערט אַ קלאַפּערייַ פון האַמערס אין די שיף-וואַרשטאַטן. דער סמאָלע-רויך האָט זיך געהייבן פון צווישן די ביימער און דער טייך איז געווען באַדעקט מיט גרויסע פעטע פלעקן, וועלבנדיק זיך אונטער די פּורפּור-קאָלירן פון דער זון, פּונקט ווי שווימענדיקע פּליטעס פון פלאָרענטינער בראָנז.

זיי פלעגן זיך אַראָפּלאָזן צווישן צוגעבונדענע באַרזשעס, וועמענס לאַנגע קרומע שטריק האָבן עטוואָס געדראַפּעט דעם דעק פון דער באַרזשע.

דער טומל פון דער שטאָט האָט זיך ביסלעכוויַיז דער-ווייטערט: די קלאַפּערייַ פון די וועגן, דאָס גערויש פון די שטימען, די בילערייַ פון די הינט אויף די דעקן פון די שיפן. זי פלעגט אַראָפּנעמען איר הוט און אַרויסשטייגן אויף „זייער" אינדזל.

זיי פלעגן זיך איינאָרדענען אין אַ נידעריק צימער פון אַ קאַבאַרעט, וווּ ס'זענען ביי דער טיר געהאָנגען שוואַרצע נעצן. זיי פלעגן עסן געפּרעגלטע שינקע, סמעטענע און פלוימען. זיי פלעגן זיך אויסציען אויפן גראָז, זיך געקושט אינדערשטיל אונטער די טאָפּאָלעס; און זיי וואָלטן געוואָלט, ווי צוויי ראָבינזאָנס, וווינען כסדר אין דעמדאָזיקן קליינעם ווינקעלע, ווו זיי האָבן זיך געפילט גליקלעך און וועלכעס האָט אין זייערע אויגן אויסגעוויזן, ווי דאָס שענסטע ווינקע-לע אין דער וועלט. נישט צום ערשטן מאָל האָבן זיי פאַר זיך געזען ביימער, אַ בלויען הימל, גראָז, געהערט דאָס ריז-לען פון וואַסער, דאָס בלאָזן פון ווינטעלע אין די בלעטער;

אָבער פריער האָבן זיי עס קיינמאָל, בלי ספק, נישט פאַרגע-טערט, פונקט ווי די נאַטור וואָלט פריער נישט עקזיסטירט, אָדער פונקט ווי זי וואָלט אָנגעהייבן צו זיין שיין ערשט דע-מאָלט, ווען זיי האָבן געזעטיקט זייער תאווה.

ביינאַכט פלעגן זיי זיך צוריקקערן אַהיים. דאָס שיפל איז געשווומען לענגאויס די אינדזלען. זיי זענען געזעסן טיף אין שיפל, פאַרבאָרגן אונטערן שאָטן און נישט גערעדט. די פירקאַנטיקע רודערס האָבן געקלונגען צווישן די אייזערנע קליאַמערס און דידאָזיקע אָפּקלאַנגען האָבן זיך אויסגעטיילט אין דער שטילקייט, ווי די קלעפּ פון אַ מעטראָנאָם, בעת דער באַלקן הינטערן שיפל האָט זיך נאָכגעשלעפּט און נישט אויפ-געהערט לייכט זיך צו פּליושקען אין וואַסער.

איינמאָל האָט זיך די לבנה אויפגעהייבן; זיי האָבן זיך פאַנאַנדערגעשאָטן אין שיינע פראַזן, אויסגעפינענדיק, אַז די לבנה איז מעלאַנכאָליש און פול מיט פּאָעזיע; עמע האָט זיך אפילו פאַנאַנדערגעזונגען:

צי געדענקסטו דעם אָוונט,
ווי מיר זענען ביידע געשווומען...

איר האַרמאָנישע, שוואַכע שטימע האָט זיך פאַרלוירן צווישן די וועלן; און דער ווינט האָט אַוועקגעטראָגן די רו-לאַדן, צו וועלכע לעאָן האָט זיך צוגעהאָרכט, מאַכנדיק אויף אים דעם איינדרוק, ווי פייגעלעך וואָלטן אַרום אים געקלאַפּט מיט זייערע פליגעלעך.

עמע איז געזעסן אַנטקעגן אים, אָנגעלייגט אויף דער פאַרצוימונג פונם שיפל, וווּ די לבנה איז אַריינגעדרונגען דורך די אָפענע לעבער. איר שוואַרצע קלייד, וועלכע האָט זיך גע-פאַלדעוועט ווי אַ פאָכער, האָבן איר געמאַכט שלאַנקער און העכער. זי האָט געהאַלטן דעם קאָפּ אויפגעהייבן, די הענט אויפ-געלייגט און מיט די אויגן געקוקט אויפן הימל. צייטנווייז פלעגט דער שאָטן פון די ברעג=ווערבעס איר לגמרי איינהאַלטן, נאָכ-

דעם האָט פּלוצלונג ווי אַ ווידיע אַרויסגעטויכט ביי דער העלער־שיין פון דער לבנה.

זיצנדיק ביי אירע פיס, איז לעאָנען אונטער דער האַנט אַרונטערגעקומען אַ רויטע לענטע.

דער שיפער האָט זי באַטראַכט און געזאָגט:

— אַך! דאָס איז מסתּם פאַרבליבן פון אַ חברה, וואָס איך האָב די טעג געפירט. דאָס איז געווען אַ חברה לצים, הערן און דאַמען, מיט זיסוואַרג, מיט שאַמפּאַניער, מיט מוזיק און מיט אַ גאַנצן טאַראַראַם! באַזונדערס האָט זיך אויסגעטיילט איינער. אַ שיינער הויכער יונגערמאַן מיט קליינע וואָנצעס, וועלכער האָט אַלעמען לוסטיק געמאַכט. און אַלע האָבן זיך צו אים געווענדעט בזה הלשון:

„— דערציי‌ל אונדז עפּעס אַדאָלף... ראָדאָלף... אַזוי זאָגט זיך."

זי האָט אַ ציטער געטאָן.

— ס'איז דיר נישט גוט? — האָט לעאָן אַ פרעג געטאָן, דערנענטערנדיק זיך צו איר.

— אַך! גאָרנישט, דאָס איז מסתּם פון דער נאַכט־קעלט.

— ס'מוז אים אויך נישט פעלן קיין ווייבער, — האָט שטיל מוסיף געווען דער אַלטער שיפער, וועלנדיק פאַרשאַפן הנאה דער פרעמדער.

נאָכדעם האָט ער אָנגעשפּיגן אין זיינע הענט און אָנגעלייגט זיך אויף די רודערס.

סוף כּל סוף איז זיי דאָך אויסגעקומען זיך צו שיידן! דאָס געזעגענען זיך איז געווען שרעקלעך אומעטיק. זיינע בריוו האָט לעאָן געדאַרפט אַדרעסירן אויפן נאָמען פון דער מוטער ראָלע; און זי האָט אים אַזויפיל אָנגעזאָגט מכּוח אַ טאָפּעלן קאָנווערט, אַז ער האָט באַוווּנדערט איר ליבע־געשיקטקייט.

— אַלזאָ, פאַרזיכערסטו מיר, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג? — האָט זי אים געזאָגט ביים לעצטן קוש.

— יאָ, זיכער! אָבער פאַרוואָס — האָט ער דערנאָך

געטראַכט, שפּרייזנדיק איבער די גאַסן, — זאָרגט זי אַזוי שטאַרק וועגן דער באַפולמעכטיקונג?

.IV

בנוגע זיינע חברים האָט לעאָן תיכף פאַרריסן די נאָז אויסגעמיטן זייער געזעלשאַפט און לגמרי פאַרנאַכלעסיקט זיין אַרבעט.

ער האָט געוואַרט אויף אירע בריוו; ער האָט זיי איבערגעלייענט, איר אָפּגעענטפערט. מיט זיינע אַלע כוחות און מיט זיין גאַנצער תאווה האָט ער אַרויסגערופן איר בילד. אָנשטאָט וואָס זיין תאווה זאָל אָפּגעשוואַכט ווערן פון איר אָפּוועזנהייט, האָט זי זיך, דאַקעגן, פאַרשטאַרקט, און אויף אַזויפיל, אַז איינמאָל, אין אַ שבת-טאָג, איז ער אַנטלאָפן פון זיין אַרבעט.

ווען ער האָט, קוקנדיק פון אַ באַרג, באַמערקט אין טאָל דעם גלאָקן-טורעם פונם קלויסטער מיט זיין בלעכענער פאָן, וואָס האָט זיך געוויגט אויפן ווינט, האָט ער דערפילט דעמדאָזיקן תענוג, אויסגעמישט מיט טריומפירנדיקער אייטלקייט און עגאָיסטישער צעפרידנקייט, וואָס פילן מסתם מיליאָנערן, וועלכע קומען באַזוכן זייער היימיש שטעטל.

ער האָט אָנגעהייבן אַרומצוקריכן אַרום איר הויז. ס'האָט געלויכטן אין קיך. ער האָט נאָכגעקוקט איר שאָטן הינטער די פאָרהאַנגען, אָבער קיינער האָט זיך נישט באַוויזן.

דערזעענדיק אים, האָט די מוטער לעפראַנסואַ אויסגעשריען פון שמחה, אַז ער איז געוואָרן „גרעסער און שטשופּלער", בעת אַרטעמיזע האָט איינגעפונען, אַז ער איז געוואָרן „דיקער און סמוגלער".

ער האָט געגעסן מיטאָג אין דעם קליינעם זאַל, ווי אַמאָל, אָבער איינער אַליין אָן בינען, ווייל בינע, וועמען ס'איז פאַר-

מיאוזסט געוואָרן צו וואַרטן אויף דער „שוואַלב“, האָט איצט געמיטאָגט מיט אַ שעה פריער, פינף אַ זייגער, און אַלץ געטענהט, אַז די אַלטע טראַנטע פּאַרשפּעטיקט כּסדר.

לעאָן האָט זיך, ענדלעך, דעצידירט; ער איז אַוועק און אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פון דאָקטאָר. די מאדאם איז געזעסן אין איר צימער, פון וועלכער זי איז אַרויס ערשט אין אַ פערטל שעה אַרום. באָוואַרי איז געווען צופרידן פון זיין קומען, אָבער אַ גאַנצן אָוונט און אויפן נעכסטן טאָג איז ער פון שטוב נישט אַרויס.

ערשט שפּעט בייַנאַכט האָט ער זי דערזען איינע אַליין, הינטערן גאָרטן, אין אַ געסל; אין געסל, פונקט ווי מיט יענעם. ס'איז געגאַנגען אַ שלאַקס רעגן, און זיי האָבן געשמועסט אונטערן שירעם, ביי דונערן און בליצן.

ס'איז זיי געווען זייער שווער זיך צו שיידן.

— בעסער שטאַרבן! — האָט עמע געזאָגט.

זי האָט זיך אים אָנגעהאָנגען אויפן האַלדז און געגאָסן מיט ביטערע טרערן.

— אַדיע... אַדיע!... ווען וועל איך דיך ווידער זען?

זיי האָבן זיך צוריקגעקערט, כּדי זיך ווידער צו קושן; און דאָ האָט זי אים פאַרשפּראָכן, אָנצווענדן אַלע מעגלעכקייטן, מיט אים זיך תּמיד צו באַגעגענען אויף דער פרייהייט, לכל הפּחות, איינמאָל אין וואָך. עמע האָט דערין נישט געצווייפלט. זי איז געווען פול מיט בטחון. אינגיכן וועט זי באַקומען געלט.

זי האָט דעריבער געקויפט פאַר איר צימער אַ פּאָר געלע פאָרהאַנגען אין ברייטע פּאַסן, וועלכע זי האָט, — ווי לערע האָט זיך אויסגעדריקט, — געקויפט בחנם; זי האָט געטרוימט וועגן אַ טעפּיך, און לערע, פאַרזיכערנדיק זי, אַז דאָס איז נישט אַזאַ שווערער ענין, האָט ער איר העפלעך פאָרגעלייגט צוצושטעלן אַ טעפּיך. זי האָט זיך שוין מער נישט געקענט באַגיין אָן זיינע טובות. צוואַנציק מאָל אַ טאָג האָט זי געשיקט נאָך אים, און ער פלעגט תּיכּף אַוועקוואַרפן זיינע געשעפטן,

נישט אַרויסווייזנדיק קיין שום אומצופרידנקייט. מען האָט אויך נישט געקענט פאַרשטיין, פאַרוואָס די מוטער ראָלע פרישטיקט ביי איר טאָג=טעגלעך און פאַרוואָס זי באַזוכט זיי תמיד.

פונקט צו יענער צייט, ד. ה. אָנהייב ווינטער, האָט זיך אין איר דערוועקט אַ שטאַרקע תאווה צו מוזיק.

איינמאָל, אינאָוונט, ווען שאַרל האָט זיך צוגעהערט, האָט זי פיר מאָל אָנגעהויבן דאָסזעלבע שטיקל, און בעת זי איז געווען בייז אויף זיך אַליין, האָט שאַרל נישט באַמערקט קיין שום חילוק, נאָר געהאַלטן אין איין שרייען:

— בראַוואָ!... זייער גוט!... ווייטער!

— אַך, ניין! אַ חרפה! ביי מיר זענען אָפּגענומען די פינגער.

אויף צומאָרגנס האָט ער זי געבעטן, זי זאָל אים שפּילן נאָך עפּעס.

— גוט, אויב דיר איז אַזאַ מוזיק אָנגענעם.

און שאַרל האָט געמוזט מודה זיין, אַז זי שפּילט ערגער. זי האָט נישט געהאַלטן דעם ריכטיקן טאַקט, זי האָט געפאַלשט און מיטאַמאָל זיך פלוצלונג אָפּגעשטעלט.

— אַך, אַ סוף! איך דאַרף נעמען לעקציעס! אָבער...

זי האָט זיך געביסן די ליפּן און מוסיף געווען:

— צוואַנציק פראַנק אַ שעה, דאָס איז צו טייער!

— יאָ, באמת... אַ ביסל... — האָט שאַרל געזאָגט מיט אַ נאַרישן שמייכל. — דאָך דאַכט זיך מיר, אַז מען קען עס מאַכן פאַר ביליקער, ווייל ס'זענען דאָ מוזיקאַנטן, וואָס האָבן נישט אַזאַ נאָמען, וועלכע זענען אָפטמאָל מער ווערט, ווי די מפורסמדיקע.

— זוך זיי, — האָט עמע געזאָגט.

אַריינקומענדיק אויף צומאָרגנס, האָט ער זי באַטראַכט מיט אַ שפּאַסיקן בליק, און דאָך האָט ער צום סוף געזאָגט:

— ווי איינגעעקשנט דו ביזט צייטנווייז! איך בין היינט געווען אין באַרפעשער. אַליזאַ, מאַדאַם ליעזשאַר האָט מיר פאַרזי-כערט, אַז אירע דריי טעכטער, באַרעמהאַרציקע שוועסטער, גע-

ווינדזאָר, 814 אירי, איסט

מען לעקציעס מוזיק צו פופציק סו אַ שעה ביי אַ באַרימטער לערערין!

זי האָט געטאָן אַ צוק מיט די אַקסלען און מער שוין נישט אויפגעעפנט דעם אינסטרומענט.

אָבער טיילמאָל, פאַרבייגייענדיק לעבן שאַרלען, פלעגט זי אַ קרעכץ טאָן:

— אַך! מיין אָרעמע פּיאַנע!

און אַז מען איז געקומען צו איר, פלעגט זי אַלעמען מעלדן, אַז זי האָט פאַרוואָרפן די מוזיק, אַז זי קען זיך שוין דערצו מער נישט נעמען צוליב וויכטיקע סיבות. אַלע האָבן אויסגעדריקט זייער מיטגעפיל. ס'אַראַ שאָד! זי, וועלכע האָט געהאַט אַזויפיל טאַלענט! מען האָט אפילו דערפון גערעדט מיט שאַרלען. מען האָט אים פאַרשעמט, באַזונדערס דער אַפּטייקער:

— איר טוט אַן עוולה! מען טאָר קיינמאָל נישט לאָזן אומבאַאַרבעט די מתנות פון דער נאַטור. איבעריקנס, ווילט פאַרשטיין, מיין טייערער פריינט, אַז צורעדנדיק אייער ווייב צו לערנען זיך מוזיק, וועט איר זיך שפּעטער איינשפּאָרן געלט אויף דער מוזיקאַלישער בילדונג פון אייער טאָכטער! איך פערזענלעך האַלט, אַז יעדע מוטער דאַרף אַליין לערנען אירע קינדער. דאָס איז רוסאָס אַ געדאַנק, אפשר נאָך אַ ביסל צו ניי, אָבער וועלכער וועט לויט מיין מיינונג סוף כל סוף זיגן, פּונקט ווי ס'האָט געזיגט די מוטערלעכע זויגונג און די פּאָקן־אימפּונג.

שאַרל האָט נאָכאַמאָל פאַרפירט אַ שמועס וועגן דער פּיאַנע־פראַגע. עמע האָט געענטפערט מיט פאַרביטערונג, אַז מען דאַרף די פּיאַנע בעסער פאַרקויפן. אָבער צוקוקן זיך, ווי מען פאַרקויפט דידאָזיקע פּיאַנע, וועלכע האָט אים פאַרשאַפט אַזוי פיל פריילעכע מינוטן אין לעבן, איז פאַר שאַרלען געוועזן דאָסזעלבע, ווי זי וואָלט באַגאַנגען אַ זעלבסטמאָרד אויף אַ טייל פון זיך אַליין.

— ווען דו וואָלסט וועלן... — האָט ער געזאָגט — פון

צייט צו צייט נעמען אַ לעקציע מוזיק, דאָס וואָלט דאָך אונדזי- ענדלעך, נישט רוינירט.

— אָבער לעקציעס קענען ברענגען נוצן דעמאָלט, — האָט זי געענטפערט, — ווען מען נעמט זיי כסדר.

אָט אויף אַזאַ אופן האָט זי זיך דערשלאָגן פון איר מאַן אַ הסכּמה צו פאָרן איינמאָל אַ וואָך אין שטאָט אַריין, כּדי דאָרט זיך צו באַגעגענען מיט איר געליבטן. אין אַ חודש אַרום האָט מען אַפילו איינגעפונען, אַז זי האָט אַ סך דערגרייכט אין מוזיק.

V

עס פלעגט פאָרקומען יעדן דאָנערשטיק. זי פלעגט זיך אויפהייבן, שטיל זיך אָנטאָן, כּדי נישט אויפצוּוועקן שאַרלען, וועלכער וואָלט איר געמאַכט באַמערקונגען, וואָס זי שטייט אויף אַזוי פרי. נאָכדעם פלעגט זי אַרומשפּאַצירן אַהין און צוריק; זי פלעגט צוגיין צו די פענסטער און קוקן אויפן מאַרק. די בלאַסע שטראַלן פון דעם באַגינענדיקן ליכט האָבן זיך אַריינ- געשליכט צווישן די מאַרק-זיילן; און אויפן אַפּטייקערס הויז, ווו די לאָדנס זענען נאָך געווען פאַרמאַכט, האָבן זיך אינם בלאַסן קאָליר פונם מאָרגנשטערן אויסגעשניצט די גרויסע אותיות פון זיין שילד.

ווען דער זייגער האָט באַוויזן זיבן מיט אַ פערטל, פלעגט זי אַוועקגיין צום „גאָלדענעם לייב”, ווו אַרטעמיז פלעגט איר מיט אַ געגעץ אויפעפענען די טיר. זי האָט פאַר דער מאַדאַם באָוואַרי פאַנאַנדערגעשאַרט די קוילן אין פּליטע. עמע פלעגט אַליין פאַרבלייבן אין קיך. פון צייט צו צייט פלעגט זי אַרויס- גיין. היווער האָט פאַמעלעך איינגעשפּאַנט די פערד, אויסהערנ- דיק דער מוטער לעפראַנסואַ, וועלכע האָט דורך דער פורטקע

אַדורכגעשטעקט איר קאָפּ באַדעקט מיט אַ באַוולנער הויבע און אים געגעבן כסדר פאַראָרדנונגען מיט דערקלערונגען, אַז מען האָט יעדן מענטשן געקענט צעמישן דעם קאָפּ. עמע האָט אַרומגעשפּרייזט איבערן הויף און געקלאַפּט מיט די פיס, כדי זיך צו דערוואַרעמען.

ענדלעך, אָפּגעגעסן דעם זופּ, אַרויפגעצויגן אויף זיך דעם פּלאַשטש, פאַרוויכערט די ליולקע און גענומען די בייטש, האָט ער זיך רויק אַנידערגעזעצט אויפן געזעס.

„די שוואַלב“ האָט זיך געלאָזט אין וועג אריין טריט ביי טריט און גוטע דריי פערטל וויאָרסט פלעגט זי זיך כסדר יעדער רגע אָפּשטעלן, כדי אויפצונעמען פּאַסאַזשירן, וועלכע האָבן זי אָפּגעוואַרט ביים וועג, אָדער ביי די טויערן פון די הויפן. די, וועלכע האָבן פאָריס באַשטעלט פלעצער, האָבן געלאָזט אויף זיך וואַרטן; אייניקע זענען נאָך אפילו געלעגן אין די בעטן. היווער האָט גערופן, געשריען, געשאָלטן; ער פלעגט אַראָפּ פון זיין געזעס און אָנהייבן צו טראַסקען אין די טירן. דער ווינט האָט געפּייפט דורך די צעפּלאַצטע שויבן פון די פענסטערלעך.

ביסלעכווייז האָבן זיך אָנגעפילט אַלע פיר בענק, די קאַרעטע האָט געראָלט און די עפּלביימער, אויסגעשטעלטע אין איין ריי, זענען געפלויגן נאָך אייננאַנדער. און ביי ביידע זייטן פון וועג האָבן זיך געצויגן צוויי לאַנגע גראָבנס, אָנגעפילט מיט געל וואַסער, וועלכעס האָבן זיך פאַרשמעלערט, וואָס נענטער צום האָריזאָנט.

עמע האָט דעם וועג גאַנץ גוט געקענט; זי האָט געוווסט, אַז נאָך דער לאָנקע שטייט אַ וועג-ווייזער, נאָכדעם אַן אולמבוים, אַ שייער, אָדער אַ הייזעלע פון אַ וועג-שומר. אָפּטמאָל פלעגט זי צומאַכן די אויגן, כדי אין רעיון אויפצונעמען צייע בילדער, אָבער ס'איז איר קיינמאָל נישט געגאַנגען פאַרלוירן די פאָרשטעלונג, וועגן דעם וועג, וואָס זי האָט געדאַרפט דורכמאַכן.

ענדלעך, האָבן זיך באַוויזן די ערשטע מויערלעך. דער

באָדן האָט געקלונגען אונטער די רעדער, „די שוואַלב" האָט זיך געגליטשט צווישן די גערטנער, ווו מען האָט דורך פלויטן אַרויסגעזען סטאַטועס, וויינשטאָקן, צוגעשוירענע ווערבעס און הוישטאַווקעס. נאָכדעם האָט זיך פלוצלונג באַוויזן די גאַנצע שטאָט.

אַראָפּלאָזנדיק זיך אין דער פאָרם פון אַן אַמפּיטעאַטער און פאַרטרונקען אין נעפּל, האָט זי זיך מטושטש אויסגע־שפּרייט הינטער די בריקן. ווייטער האָבן זיך געצויגן פעלדער אין אַן איינטאָניקער באַוועגלעכקייט, ביז זיי האָבן זיך ווייט־ווייט צונויפגעגאָסן מיטן פאַרנעפּלטן זוים פון בלאַסן הימל, און קוקנדיק אַזוי פונדערהויך האָט דער גאַנצער פּייזאַזש אויס־געקוקט אומבאַוועגלעך, ווי אַ בילד. שיפן אויף די אַנקערס האָבן זיך געפּרעסט אין אַ ווינקל; דער טייך האָט זיך רונ־דיק אויסגעבויגן אַרום גרינע בערגלעך, און אינדזלען אין אַ לענגלעכער פאָרם, האָבן אויפן וואַסער געמאַכט דעם איינדרוק פון גרויסע איינגעשלאָפענע פיש. די פאַבריק־קוימענס האָבן אַרויסגעלאָזט גרויסע שוואַרצע קנוילן רויך, וועלכע זענען פאַ־נאַנדערגעשוווּמען אינדערלופטן. מען האָט געהערט אַ טראַס־קעריי פון די הוטעס מיט אַ דייטלעכער קלינגעריי פון די קלויסטער־גלאָקן, וועלכע האָבן זיך אויסגעשיילט פונם נעפּל. די בולוואַר־ביימער, אָן בלעטער, האָבן ווי וויאָלעטע בעזעמער געשטעקט צווישן די הייזער, און, גלאַנצנדיק פון רעגן, האָבן די דעכער שימערירט אויף פאַרשידענע הויכקייטן, לויט די קוואַרטאַלן נאָך. פון צייט צו צייט האָט אַ ווינטל אַוועק־געטראָגן צום באַרג סען־קאַטערין די וואָלקנס, אין דער פאָרם פון לופט־וועלן, וועלכע האָבן זיך אינדערשטיל געבראָכן אָן אַ פעלז.

טראַכטנדיק פון דער שטאָט, פון אירע אויפגעפּרעסטע ברואים, האָט איר אָנגעהייבן צו שווינדלען אין קאָפּ און זי האָט געשפּירט, ווי איר האַרץ ווערט מיט עפּעס אָנגעפילט, פּונקט ווי די הונדערט צוואַנציקטויזנט נפשות, וואָס האָבן זיך דאָרט גע־צאַפּלט, וואָלטן איר מיטאַמאָל צוגעשיקט די הויכן פון תאווה, וועלכע זיי האָבן, לויט איר מיינונג, געהאַט. איר ליבע איז

געוואַקסן אין דעמדראָזיקן תּהום; זי איז געוואָרן אָנגעפּילט מיט אומרויִקייט פון דעמדאָזיקן אומבאַשטימטן טומל, וואָס האָט זיך געטראָגן איבער דער שטאָט. זי האָט די אַלע געפילן אַרויסגעגאָסן אויסנווייניק, אויף די פּלעצער, אויף די בולוואַרן, אויף די גאַסן. און די אַלטע נאָרמאַנדישע שטאָט האָט אויסגעזען אין אירע אויגן, ווי אַן אומגעהויערע הויפּטשטאָט, ווי א מין בבל, וווּהין זי טרעט איצט אַריין. זי האָט זיך אָנגעלענט מיט ביידע הענט אויף די פענסטערלעך און געקוויקט זיך מיט דער פרישער לופט. די דריי פערד האָבן זיך געטראָגן פאָרויס, די שטיינער האָבן געסקריפּעט אין בלאָטע. דער אָמניבוס האָט זיך געהוידעט, און היווער האָט פונדערווייטנס געשריִען אויף די פאַרבייפאָרנדיקע ברישקעס, בעת די בירגער, וועלכע האָבן געגעכטיקט אין גילאָמער וואַלד, האָבן זיך רויק אַראָפּגעלאָזט באַרג־אַראָפּ אין זייערע קליינע פאַמיליע־עקיפּאַזשלעך.

מען האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי דער ראָגאַטקע; עמע האָט פאַנאַנדערגעשפּילעט אירע קאַלאָשן, אָנגעטאָן אַנדערע הענטשקעס, אויסגעגלייכט איר שאַל און מיט אַ צוואַנציק טריט ווייטער איז זי אַרויס פון דער „שוואַלב“.

די שטאָט האָט זיך אויפגעוועקט. די האַנדלס־אָנגעשטעלטע, אין גריכישע פּעסקעס, האָבן אויסגעווישט די וויטרינעס ביי די קראָמען, און פרויען מיט קערב אין די הענט, האָבן געשריִען מיט חילכיקע קולות ביי די עקן פון די גאַסן. עמע איז געגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, געריבן זיך אָן די ווענט און געשמייכלט פון תּענוג אונטער איר אַראָפּגעלאָזטן שוואַרצן שלייער.

אויס מורא, מען זאָל זי נישט באַמערקן, פלעגט זי נישט גיין מיטן קורצן וועג. זי פלעגט זיך דורכשלויכן דורך פינסטערע גאַסן, און אַ פאַרשוויצטע, פלעגט זי זיך דערקלייבן צו דער נאַציאָנאַל־גאַס, לעבן פאָנטאַן. דאָס איז דער קוואַרטאַל פון טעאַטער, פון קרעטשמעס און פון אויסגעלאַסענע מיידלעך. אָפט פלעגט לעבן איר פאַרבייפאָרן אַ וועגעלע מיט

דעקאָראַציעס, וועלכע האָבן זיך געטרייסלט. משרתים אין פּאַרטוכער האָבן מיט זאַמד באַשאָטן די טראָטואַרן, צווישן די גרינע קוסטעס. מען האָט געשפּירט דעם ריח פון בראָנפן, ציגאַרן און מאָליוסקן.

עמע האָט פאַרקירעוועט אין א גאַס; זי האָט דער־קענט לעאָנען, לויט זיינע פריזירטע האָר, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעשלאָגן פון אונטערן קאַפּעליוש.

לעאָן איז געגאַנגען ווייטער איבערן טראָטואַר. זי איז אים נאָכגעגאַנגען ביז צום האָטעל; ער איז אַרויף, אויפגע־עפנט די טיר, אריין... ס׳אַרא קושן!

נאָכדעם ווערטער, שפּעטער ווידער קושן אָן א סוף. מען האָט זיך דערציילט די איבערלעבונגען פון דער װאָך, די פאָרגעפילן, די באַאומרויקונג צוליב די בריוו; אָבער איצט האָבן זיי פון אַלץ פאַרגעסן, און זיי האָבן זיך אָנגע־קוקט מיט שמייכלען פון תענוג, אויסטראַכטנדיק פאַר זיך פאַר־שידענע נעמען.

ס׳איז דאָרט געשטאַנען א בעט פון רויטן האָלץ אין דער פאָרם פון א שיפל. די פאָרהאַנגען פון רויטן פּוליאַר, וועלכע האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט פון סופיט, האָבן זיך עטוואָס אויפגעהייבן לעבן נידריקן צוקאָפּנס; און קיין זאַך אין דער וועלט איז נישט געווען אַזוי שיין, ווי איר שוואַרצער קאָפּ, און איר ווייסע הויט, וואָס האָט זיך אויסגעטיילט אויפן פאָן פון דעמדאָזיקן פּורפּור־קאָליר, בעת זי פלעגט מיט אַן אומ־שולדיקן זשעסט אויפהייבן אירע נאַקעטע הענט און פאַר־שטעלן זיך דאָס פּנים!

דער וואַרעמער צימער מיט זיין ווייכן טעפּיך, די שפּי־לעוודיקע באַפּוצונגען און דאָס רויקע ליכט, האָט אויסגעקוקט ווי באַשאַפן פאַר זייער תאווה. די שטעקנס פון די פאָרהאַנ־גען האָבן זיך פאַרענדיקט מיט א פייל, די מעשענע ראָזעט־קעס און די קויקן פון די פּייער־בעט האָבן העל געלויכטן, פּונקט ווי די זון וואָלט אַריינגעדרונגען. אויפן קאַמין, צווישן די קאַנדעליאַברעס זענען געלעגן צוויי גרויסע ראָזע שאָלן,

חו ס'הערט זיך דער גערויש פון ים, ווען מען לייגט זיי צו צום אויער.

אַך, ווי ליב זיי האָבן געהאַט דעמדאָזיקן גוטן צימער, פול מיט פרייד, הגם זיין פראַכט איז שוין געווען עטוואָס פאַרוויאַלעט! תמיד פלעגן זיי געפינען דאָס מעבל אויפן זעלבן פלאַץ, און צייטנווייז אַ פּאָר האָר-שפּילקעס, וועלכע זי פלעגט פאַרגעסן דעם פאָריקן דאָנערשטיק אונטערן זייגער. זיי פלעגן פרישטיקן לעבן קאַמין, אויף אַ קליינעם טישעלע, אינגקרוסטירט מיט פּאַליסאַנדער. עמע פלעגט שניידן דאָס פלייש, פלעגט אַריינלייגן שטיקלעכווייז ביי אים אין טעלער, מאַכנדיק דאַביי פאַרשידענע קונצן פון אַ קאַץ; און זי פלעגט לאַכן מיט אַ הילכיקן אויסגעלאַסענעם געלעכטער, ווען די שוים פון די שאַמפּאַניער פלעגט זיך אַריבערגיסן פון גלעזל אויף די רינגען פון אירע פינגער. זיי זענען געווען אַזוי פול, זאַט מיט איינאַנדער, אַז זיי האָבן זיך געפילט אין יענעם צימער, ווי ביי זיך אינדערהיים, פּונקט ווי זיי וואָלטן דאָרט געדאַרפט פאַרבלייבן לעבן ביזן סאַמע טויט, ווי עפּעס אַ יונג פּאָרפאָלק. זיי פלעגן זאָגן: אונדזער צימער, אונדזער טעפּיך, אונדזערע פאָטעלן. זי פלעגט אפילו זאָגן: אונדזערע פּאַנטאָפל אויף די פּאַנטאָפל, וואָס זי האָט באַקומען אַ מתנה פון לעאָנען. אט אַזאַ מין קאַפּריז האָט זי געהאַט! דאָס זענען געווען אַטלאַס-ראָזע פּאַנטאָפל, אַרומגענייט מיט שוואַן-פּוך. ווען זי פלעגט זיך זעצן אויף זיינע קני, האָט איר פוס נישט דערלאַנגט ביז צו דער ערד און געהאָנגען אינדערלופטן; און דער פיינער פּאַנטאָפל האָט זיך בלויז געהאַלטן אויפן גראָבן פינגער פון איר נאַקעטער פוס.

צום ערשטן מאָל אין לעבן האָט זיך לעאָן אָנגעזעטיקט מיט אַן אומבאַשרייבלעכער צאַרטקייט פון פרויען-עלעגאַנץ. קיינמאָל האָט ער נישט באַגעגנט דידאָזיקע צאַרטע שפּראַך, אַזעלכע פּרעכטיקע בגדים, אַזעלכע פּאָזן פון אַן איינגעשלעפּעטער טייבעלע. ער האָט פאַרגעטערט די התלהבות פון איר נשמה, די שפּיצן פון איר קליידל. און, איבעריקנס, איז זי

דאָך עפּעס געווען אַ וועלט־פרוי, אַ ווייבל! אַן אמת געליבטע!

צוליב די ענדערונגען פון איר געמיט, וועלכער איז צייטנ־ווייז געווען מיסטיש, פריילעך, פּלוידעריש, שווייגנדיק, התלהבות־דיק, אָדער אָפּגעקילט, האָט עמע תּמיד אין אים דערוועקט טויזנטער פאַרלאַנגען, אַרויסגערופן פאַרשידענע אינסטינקטן אָדער זכרונות. זי איז געווען די געליבטע פון אַלע ראָמאַנען, די העלדין פון אַלע דראַמען, די אומבאַשטימטע „זי" פון אַלע פּאָעטישע ווערק. ער האָט אויסגעפונען, אַז אירע אַקסלען האָבן דעם בורשטין־קאָליר פון אַן אָדאַליסקע אין אַ וואַנע; זי האָט געהאַט אַ לאַנגע טאַליע, ווי ביי די פעאָדאַלע דאַמען; זי איז אויך געווען ענלעך צו אַ בלאַסער פרוי פון באַרצעלאָנע. אָבער איבער אַלעם איז זי געווען אַ מלאך!

אָפט, קוקנדיק אויף איר, פלעגט זיך אים אויסדאַכטן, אַז זיין נשמה רייסט זיך צו איר, צעגיסט זיך, ווי אַ כוואַליע, אַרום איר קאָפּ, און, אַ באַצויבערטע, לאָזט זי זיך אַראָפּ אויף דער ווייסקייט פון איר ברוסט.

ער פלעגט זיך זעצן לעבן איר אויף דער ערד, און מיט ביידע עלנבויגנס אויף די קני, פלעגט ער מיט אַ שמייכל אויפן פּנים נישט אַראָפּרייסן פון איר די אויגן.

זי פלעגט זיך איינבויגן צו אים און שושקען, פּונקט ווי זי וואָלט זיך געשטיקט פון שיכּרות:

— אך! ריר דיך נישט! רעד נישט! קוק מיך אָן! דיינע אויגן שפּריצן מיט אזא מתיקות, וואָס פאַרשאַפט מיר גרויס תּענוג.

זי פלעגט אים אָנרופן קינד.

— קינד, צי האָסטו מיך ליב?

און זי האָט אפילו נישט געהערט זיין תּשובה, ווייל אירע ליפּן האָבן אים צוגעמאַכט דאָס מויל.

אויפן זייגער איז געשטאַנען אַ קליינער קופּידאָ פון בראָנז, וועלכער האָט מיט אַ חנדל אויסגעבויגן זיינע הענט אונטער אַ גאָלדענער גירליאַנדע. זיי האָבן נישט איינמאָל געלאַכט

פֿון אים, אָבער אין דער רגע פֿון צעשיידן זיך איז אַלץ ארום זיי פֿארוואַנדלט געוואָרן אין ערנסטקייט.

שטייענדיק אומבאַוועגלעך איינער קעגן צווייטן האָבן זיי געחזרט:

— ביז דאָנערשטיק... ביז דאָנערשטיק!

פּלוצלונג האָט זי אים אַ נעם געטאָן דעם קאָפּ צווישן ביידע הענט, אים שנעל אַ קוש געטאָן אין שטערן, שרייענדיק: „אַדיע!״ און אַרויסגעלאָפן אויף די שטיגן.

זי פּלעגט אַוועק אויף דער קאָמעדיע-גאַס צו אַ פּריזי-רער, כּדי צו ברענגען אין אָרדענונג איר פריזור. די נאַכט איז צוגעפאַלן; מען פּלעגט אָנציבדן גאַז אין דער פּריזורע.

זי האָט געהערט דעם טעאַטער-גלאָק, וועלכער האָט אויפ-גערופן די אַקטיאָרן אויף דער סצענע; און זי האָט געזען, ווי לעבן איר גייען פארביי מענטשן מיט בלאַסע פּנימער און פרויען מיט אָפּגעבליאַקירטע טואַלעטן; זיי גייען אַלע אריין דורך דער טיר, וואָס פירט צו די קוליסן.

ס'איז געווען הייס אין דעמדאָזיקן נידעריקן צימערל, וווּ דער אויוון האָט געשיפּעט צווישן פּאַרוקן און פּאָמאַדע. דער ריח פון די צוואַנגען און פון די פעטע הענט, וועלכע האָבן זיך געפּאָרעט ארום איר קאָפּ, האָבן זי שנעל פארשיכּורט; זי האָט געכאַפּט א דרעמל אונטער איר שלאָפראָק. אָפט, ביים פריזירן, פּלעגט דער געזעלן איר פאָרלייגן בילעטן אויף אַ מאַסקן-באַל.

נאָכדעם איז זי אַוועקגעגאַנגען. זי פּלעגט צוקומען צום „רויטן קרייץ״; זי פּלעגט אָנטאָן אירע קאַלאָשן, וועלכע זי האָט אנידערגעשטעלט אונטער א באַנק און פארנומען א פּלאַץ צווישן די אומגעדולדיקע פּאַסאַזשירן. באַרג-אַרויף פּלעגן עט-לעכע פּאַסאַזשירן אַרויסשטייגן און גיין צופוס. זי פּלעגט אָפּט-מאָל בלייבן אַליין אין אָמניבוס.

ביי יעדן אויסבויג האָט מען בעסער באַמערקט די באַ-לויכטונג פון דער שטאָט, וועלכע האָט פארמירט איבער די אויסגעפּרעסטע הייזער א מין פארנעפּלט ליכט. עמע פּלעגט זיך

שטעלן מיט די קני אויף די קישעלעך און אירע אויגן פלעגן ארומבלאָנקען צווישן דעמדאָזיקן שיין. זי פלעגט וויינען, רופן לעאָנען, שיקן אים צאַרטע ווערטער, קושן, וועלכע פלעגן זיך פאַנאַנדערפליען אויפן ווינט.

אויפן וועג האָט זיי תמיד באַגעגנט אַ שנאָרער, וועלכער האָט זיך אַרומגעשלעפּט מיט אַ שטעקן, אַפּוואַרטנדיק די אָמני־בוסן. חמרים שמאַטעס האָבן אים אַראָפּגעהאָנגען פון די אַקס־לען, און אַן אַלטער צעקנייטשטער פילצענער קאַפּעליוש, אין דער פאָרם פון אַ קעסל, האָט פאַרשטעלט זיין פנים. אָבער ווען ער האָט אים אַראָפּגענומען, האט ער, אָנשטאָט ברעמען, אויפ־געדעקט צוויי צעבלוטיקטע אויגן־היילן. די הויט איז אַראָפּגע־האָנגען מיט רויטע שטיקער; און ס'איז פון זיי געראָנען אַ פליי־סיקייט, וועלכע איז אין גרינע פּאַסן פאַרגליווערט געוואָרן ביז צום נאָז, וועמענס נאָזלעכער האָבן קאָנוואולסיוו געציטערט. ווענ־דיק רעדן, האָט ער פאַרוואָרפן דעם קאָפּ מיט אַן אידיאָטישן געלעכטער, און זיינע בלוילעכע שוואַרצאַפּל, קוילערנדיק זיך כסדר, האָבן זיך צוגעריבט צו די שלייפן לעבן די לעבעדיקע וווּנדן.

לויפנדיק נאָך די וועגנס, פלעגט ער זינגען אַ לידל:

די וואַרעמקייט פון די שיינע טעג
שטופּן דאָס מיידל אויף דעם ליבע וועג...

און ווייטער האָט זיך אינם ליד גערעדט וועגן פייגל, וועגן דער זון און וועגן בלומען.

אָפט פלעגט ער זיך באַווייזן הינטער עמען מיט אַ בלויזן קאָפּ. זי האָט זיך אָפּגערוקט מיט אַ געשריי. היווער האָט פון אים חוזק געמאַכט. ער האָט אים געהייסן אויפשטעלן אַ ביידל אויפן סען־ראָמענער יאַריד, אָדער ער האָט געפרעגט מיט אַ שמייכל, וואָס מאַכט זיין געליבטע.

אָפט, אינמיטן פאָרן, פלעגט זיך זיין הוט פלוצלונג אַדורכ־רוקן דורך די פענסטערלעך פון אָמניבוס און מיט דער פרייער האַנט האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם טרעפּל, הענגענדיק צווישן די

רעדער־שיצערס. זיין שטימע, צוערשט שוואך און אומבאַשטימט, איז געוואָרן הילכיק. האָט געקלונגען אין דער פינסטערניש, ווי אַן אומבאַשטימטער יאָמער פון עפּעס אַ שרעקלעכן אומגליק; און פון צווישן דעם קלאַנג פון די גלעקלעך, דעם גערויש פון די ביימער און דער סקריפּעריי פון דעם פּוסטן קאַסטן, האָט זיך אין דער שטימע געהערט עפּעס אַ ווייטע זאַך, וואָס האָט אויפגערודערט עמען. דאָס איז אַריין טיף אין איר נשמה, ווי אַ שטורעמווינט אין אַן אָפּגרונט, און זי איז אוועקגעטראָגן געוואָרן אין די שטחים פון אומבאַגרענעצטער מעלאַנכאָליע. אָבער היווער, פילנדיק אַן איבעריקע משא, האָט מכבד געווען דעם שנאָרער מיט אַ פּאָר נישקשהדיקע בייטשן. די בייטש האָט אים געטראָפן אין די ווונדן, און ער איז געפאַלן אין בלאָטע, אַרויסלאָזנדיק שרעקלעכע געוואַלדן.

נאָכדעם פלעגן די רייזנדער פון דער „שוואַלב" איינ־דרעמלען, איינע מיט אָפענע מיילער, אַנדערע מיט אַראָפּגע־לאָזטע גאָמבעס; אָנלענענדיק זיך אויפן אַקסל פון זייערע שכנים, אָדער אַדורכגעשטעקט די האַנט דורכן רימען, האָבן זיי זיך רעגלמעסיק געוואַקלט ביי יעדן שאָקל פון דעם אָמניבוס; און דער אָפּגלאַנץ פון דער לאַמטערנע, וועלכער האָט גע־ציטערט אינדרויסן אויף די רוקנס פון די פערד, האָט זיך אַריינגעריסן אינעווייניק דורך די פּערקאַלענע שאָקאָלאַד־פאַר־האַנגען און געוואָרפן העל־רויטע שאָטנס אויף דידאָזיקע אומ־באַוועגלעכע פּאַרשוינען. עמע, פאַרשיכורט פון אומעט, האָט געציטערט אונטער אירע בגדים און זי האָט אַלץ מער און מער געפילט, ווי די פיס פרירן ביי איר און ווי די נשמה ווערט אָפּגעטויט.

אין שטוב האָט שאַרל איר אָפּגעוואַרט; דאָנערשטיק פלעגט די „שוואַלב" תמיד פאַרשפּעטיקן. ענדלעך פלעגט די מאַדאַם אָנקומען! זי האָט שנעל געקושט איר מיידעלע... דער מיטאָג איז נישט געווען פאַרטיק, אָבער ס'איז נישט וויכטיק! זי האָט מוחל געווען דער דינסט. זי וואָלט איר איצט אַלץ דערלויבט.

באמערקנדיק איר בלאַסקייט, האָט דער מאַן איר גע־פרעגט, צי זי איז אַמאָל נישט קראַנק.

— ניין, — האָט עמע תמיד געזאָגט.

— אָבער, — פלעגט ער ענטפערן, — דו קוקסט מאָדנע אויס דעם אָוונט?

— עך! אַ קלייניקייט! אַ קלייניקייט!

אָפט, קומענדיק צוריק אַהיים, פלעגט זי תּיכּף אַרויף צו זיך אין צימער; און זשיסטען, וועלכער האָט זיך שוין דאָרט געפונען, האָט זיך אַרומגעדרייט אויף די שפּיץ פינגער, באַדי־נענדיק זי בעסער פון דער פּעיקסטער דינסט. ער פלעגט צו־גרייטן שוועבעלעך, אַ לעמפּל, אַ בוך, אַנידערגעלייגט איר נאַכט־העמד, אויסגעבעט דאָס בעט.

— גוט, גוט, — פלעגט זי זאָגן, — איצט גיי!

ווייל ער איז געבליבן שטיין מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, ווי ער וואָלט געווען איינגעהילט מיט א נעץ פון אַ פלוצלונגן טרוים.

דער מאָרגנדיקער טאָג איז געווען אַ שרעקלעכער, און די ווייטערדיקע זענען געווען נאָך ערגער, צוליבן אומגעדולד, וואָס עמע האָט געהאַט, כּדי צוריק צו דערוועגבן איר גליק. ס'איז געווען אַ מין שטאַרקע תּאווה, צעפלאַקערט דורך באַקאַנטע בילדער און וועלכע איז געוואָרן אָפּגעקילט אויפן זיבעטן טאָג אין לעאָנס אָרעמס. זיינע תּאוות האָבן זיך אויסגעדריקט אין אַ השתּפּכות פון פרייד און דאַנקבאַרקייט. עמע האָט זיך געזעטיקט מיט דערדאָזיקער ליבע אויף א באַשיידענעם אופן, זיך איבער־געגעבן אים מיט אַלע קאָמבינאַציעס פון איר צאַרטקייט און גלייכצייטיק מורא געהאַט, עס זאָל זיך אַמאָל נישט ענדיקן.

צייטנווייז פלעגט זי צו אים זאָגן מיט אַ מתיקותדיקער מעלאַנכאָלישער שטימע:

— אך! דו וועסט מיך פאַרלאָזן!... דו וועסט חתונה האָבן!... דו וועסט זיין נישט בעסער פון אַלע אַנדערע.

ער האָט געפרעגט:

— וועלכע אַנדערע?

— נו, ווי אַלע אַנדערע מענער, — האָט זי געענטפערט.

נאָכדעם האָט זי צוגעגעבן, אָפּשטופּנדיק אים מיט אַ פוילן זשעסט:

— איר זײַט אַלע געמיין!

איינמאָל, ווען זיי האָבן פילאָזאָפירט וועגן די אנטטוישונגען פון עולם-הזה, האָט זי אים אַ זאָג געטאָן (כדי אויסצופּרווון זײַן אייפערזוכט, אָדער גאָר אפשר כּדי אויסצוגיסן איר אָפּנהאַרציקייט), אַז אַמאָל, פאַר אים, האָט זי געליבט איינעם „נישט ווי דו!" און זי האָט זיך שנעל פאַרענטפערט, שווערנדיק מיטן קאָפּ פון איר טאָכטער, אַז ס'איז גאָרנישט פאָרגעקומען.

דער יונגערמאַן האָט איר געגלויבט, און דאָך האָט ער זי געפרעגט, מיט וואָס יענער האָט זיך באַשעפטיקט.

— ער איז געווען אַ שיפס-קאַפּיטאַן, מיין פריינט.

צי איז עס נישט געווען קיין וואָרנונג קעגן ווייטערדיקע אויספאָרשונגען און צי האָט זי זיך גלייכצייטיק נישט אַוועקגעשטעלט גאַנץ הויך אַ דאַנק דעמדאָזיקן כּלומרשטן איינפלוס, וואָס זי האָט געהאַט אויף אַ מיליטער-מענטש מיט אַ העלדישער נאַטור און וועלכער איז געווען צוגעוווינט צו כּבוד?

לעאָן האָט דעמאָלט דערפילט די נישטיקייט פון זיין לאַגע. ער האָט מקנא געווען מענטשן מיט עפּאָלעטן, מיט אָרדענס, מיט טיטלען. דאָס אַלץ האָט געמוזט ביי איר נושא חן זיין. דאָס האָט זיך אים שוין לאַנג אויסגעדאַכט, צוליב אירע פאַרשווענדערישע מעשים.

און דאָך האָט עמע נאָך נישט אַרויסגעוויזן אירע אַלע אויסטערלישע פאַרלאַנגען; זי האָט, למשל, נישט אַרויסגעוויזן איר חשק צו פאָרן קיין רואַן אויף, אַ בלויען טילבערי, געשפּאַנט אין אַן ענגלישן פערד און אָנגעפירט דורך א „גרום"*), מיט

*) א פערד-משרת.

שטיוול, די כאָלעוועס פאַרלייגט. דאָס האָט איר זשיסטע אַריינגעגעבן דעמדאזיקן געדאַנק, בעטנדיק איר, זי זאָל אים צונע־מען צו זיך פּאַר אַ קאַמערדינער. און אויב דעדאָזיקער פאַרן לוסט האָט ביי יעדער ראַנדעוווּ נישט פאַרקלענערט דעם פאַר־גענינגן פון דער באַגעגעניש, האָט ער דערפאַר פאַרגרעסערט די דאגה פון צעשיידונג.

צייטנווייז, ווען זיי האָבן צווישן זיך גערעדט וועגן פּאַריז, פלעגט זי ענדיקן, מורמלענדיק:

— אַך, ווי גוט ס'וואָלט געווען אַ לעב צו טאָן אין פּאַריז!

— צי זענען מיר דען נישט גליקלעך? – פלעגט שטיל אָפּענטפערן דער יונגערמאַן, גלעטנדיק זי איבערן קאָפּ.

— אמת, — האָט זי געזאָגט, — איך בין משוגע! גיב מיר אַ קוש!

צו איר מאַן האָט זי זיך איצט אַ סך בעסער באַצויגן. זי האָט אים צוגעגרייט קרעם אויף פיסטאַשקעס און געשפּילט אים וואַלסן יעדן נאָכמיטאָג. ער איז געווען דער גליקלעכ־סטער מענטש, און עמע האָט געלעבט גאַנץ רויק. אָבער איינ־מאָל, אינאָוונט, האָט איר שאַרל פּלוצלונג אַ פרעג געטאָן:

— דו נעמסט דאָך מסתּם לעקציעס ביי דער מאַדמאַזעל לאַמפּערער, נישט אמת?

— יאָ.

— אַלזאָ, איך האָב זי נישט לאַנג געזען ביי דער מאַ־דאַם ליעזשאַר, — האָט שאַרל געזאָגט. — איך האָב מיט איר גערעדט וועגן דיר, האָט זי געזאָגט, אַז זי קען דיך נישט.

פּונקט ווי ס'וואָלט איר אַ דונער געטראָפן. דאָך האָט זי גאַנץ רויק אָפּגעענטפערט:

— אַך! זי האָט מסתּם פאַרגעסן מיין נאָמען!

— אפשר געפינען זיך אין רואַן עטלעכע מאַדמאַזעלן מיטן נאָמען לאַמפּערער, וועלכע לערנען שפּילן?

— דאָס איז אויך מעגלעך!

און זי האָט שנעל מוסיף געווען:

— איך האָב דאָך אירע קוויטונגען, קוק, אָט זענען זיי!

און זי איז אַוועק צו איר שרייבטיש. דורכגעגראָבן אַלע שופלאָדן, איבערגעוואָרפן אַלע פּאַפּירן און אַזוי פאַרלוירן דעם קאָפּ, אַז שאַרל האָט זי געבעטן, זי זאָל זיך אַזוי שטארק נישט מאַטערן צוליב דידאָזיקע נישטיקע קוויטונגען.

— אך! איך מוז זיי געפינען, — האָט זי געטענהט.

און באמת, דעם נעכסטן פרייטיק, ווען שאַרל האָט אָנגעטאָן אַ שטיוול אין זיין פינסטערן צימער, וווּ ס'זענען געהאָנגען זיינע קליידער, האָט ער אָנגעטאַפּט אַ שטיקל פּאַפּיר צווישן דעם לעדער און זיין זאָק. ער האָט עס גענומען און געלייענט:

„באַקומען פאַר דריי חדשים לעקציעס און פאַר פאַרשיידענע זאַכן דעם סכום פון 65 פראַנק. פעליסי לאַמפּערער לערערין פון מוזיק.”

— ווי קומט עס, צו אַלדע רוחות, אין מיינע שטיוול?

דאָס איז מסתּם אַריינגעפאַלן פון דער אַלטער שאַכטל מיט חשבונות, וואָס שטייט אויפן פּאָליצע — האָט עמע אָפּגעענטפערט.

פון דער רגע אָן האָט זיך איר גאַנץ לעבן פאַרוואַנדלט אין אַ באַרג מיט שקרים, ווו זי האָט באַגראָבן איר ליבע, כּדי זי צו פאַרבאַהאַלטן.

ס'איז געווען אַ נויטווענדיקייט, אַ מאַניע, אַ פאַרגעניגן, אויף אַזויפיל, אַז אויב זי האָט געזאָגט, דאָס זי האָט נעכטן שפּאַצירט אויף דער רעכטער זייט גאַס, האָט עס געהייסן, אַז זי האָט שפּאַצירט אויף דער לינקער זייט.

איינמאָל, אין אַ פרימאָרגן, ווען זי איז, ווי געוויינלעך אַוועקגעפאָרן, זייער לייכט געקליידעט, איז פּלוצלונג אַראָפּגעפאַלן שניי; אַזוי ווי שאַרל האָט די גאַנצע צייט געקוקט דורכן פענסטער אויפן וועטער, האָט ער באַמערקט, ווי דער גלח בורניסיען פאָרט אַוועק קיין רואַן אויף דער בריטשקע פון דעם מסיע טיוואַש. ער איז אַראָפּ אויפן גאַס און דער-

לאַנגט דעם גייסטלעכן אַ גרויסן שאַל, כּדי ער זאָל אים איי-בערגעבן עמען, ווי נאָר ער וועט אָנקומען אין האָטעל „רויי-טער קרייץ". ווען בורניסיען איז אָנגעקומען אין האָטעל, האָט ער תּיכּף געפרעגט, ווו ס'געפינט זיך דעם דאָקטאָרס ווייב פון יאָנוויל. דער באַלעבאָס פון האָטעל האָט אָפּגעענטפערט, אַז זי קומט דאָ זייער זעלטן. אָבער אינאָוונט, דערזעענדיק דער מאַ-דאַם באָוואַרי אין „שוואַלבּ", האָט דער גלח איר דערציילט וועגן זיין פאַרלעגנהייט, נישט מאַכנדיק דערפון קיין גרויסן פּירוש, ווייל ער האָט זיך גאָר פאַנאַנדערגעגאָסן אין לויב-גע-זאַנגען וועגן דעם דרשן, וועלכער האָט ממש נסים באַוויזן אין דער קאַטעדרע און וועלכן אַלע דאַמען זענען געלאָפן הערן.

אָבער אויב שאַרל הָט נישט געפאָדערט קיין דערקלע-רונגען, האָבן דאָך אַנדערע געקענט אַמאָל אַרויסגעבן דעם סעקרעט. דעריבער האָט זי באַשלאָסן יעדעס מאָל זיך אָפּצו-שטעלן אין „רויטן קרייץ", אַזוי, אַז אירע לאַנדסלייט האָבן זי באַגעגנט אויף די שטיגן און האָבן שוין מער קיין שום חשד נישט געהאַט.

בלויז איינמאָל האָט איר באַגעגנט לערע, אַרויסגייענדיק פון האָטעל „בולאָן", געצאָרעמט מיט לעאָנען. זי האָט מורא גע-האַט, ער זאָל נישט פּלוידערן. ער אָבער איז נישט געווען קיין שוטה.

ערשט אין דריי טעג אַרום איז ער אַריינגעקומען צו איר אין צימער, צוגעמאַכט די טיר און געזאָגט:

— איך נייטיק זיך אין געלט.

זי האָט געענטפערט, אַז זי האָט נישט קיין געלט. לערע האָט אָנגעהייבן קרעכצן און אויסגערעכנט אַלע טובות, וואָס ער האָט פאַר איר געטאָן.

און באמת, פון דיביידע וועקסלען, וואָס שאַרל האָט אויסגעשטעלט, האָט עמע ביז איצט באַצאָלט בלויז פאַר איי-נעם. וואָס שייך דעם צווייטן, האָט דער סוחר, לויט איר בקשה, אים פאַרביטן אויף צוויי אַנדערע, אויסגעשטעלט אויף לאַנגע טערמינען. נאָכדעם האָט ער אַרויסגעשלעפּט פון זיין

קעשענע חשבונות פאַר נישט באַצאָלטע זאַכן, נעמליך: פּאַר־האַנגען, אַ טעפּיך, שטאָף פאַר פאָטעלן, עטלעכע קליידער און פאַרשידענע טואַלעט־ארטיקלען, צוזאַמען אויף אַ סומע פון אַן ערך צוועלף טויזנט פראַנק!

זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ; ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— אויב איר האָט נישט קיין געלט, האָט איר דאָך שווה־כסף.

און ער האָט איר אָנגעוויזן אויף אַ קליין הייזעלע אין באַרנעוויל, לעבן אָמאַל, וועלכעס טראָגט כמעט ווי גאָרנישט. דאָס איז געווען אַ טייל פון אַ קליינער פערמע, וואָס דער אַלטער באָוואַרי האָט פאַרקויפט. לערע האָט פון אַלץ געוווּסט; אַפילו די צאָל פון די העקטאַרן און די נעמען פון די שכנים.

— איך אויף אייער אָרט, — האָט ער געזאָגט, — וואָלט זיך דערפון באַפרייט, און ס'וואָלט מיר נאָך פאַרבליבן אַן עודף.

זי האָט אָפּגעענטפערט, אַז ס'איז שווער צו באַקומען אַ קונה; ער האָט צוגעזאָגט צו געפינען אַ בעלן; אָבער זי האָט געפרעגט, וואָס מען דאַרף טאָן, אַז זי זאָל עס קענען פאַרקויפן.

— צי האָט איר דען נישט קיין באַפולמעכטיקונג? — האָט ער געענטפערט.

דאָסדאָזיקע וואָרט האָט איר פשוט מחיה געווען.

— לאָזט מיר איבער דעם חשבון, — האָט עמע געזאָגט.

— אַך! ס'לוינט נישט, — האָט לערע געזאָגט.

די נעכסטע וואָך איז ער ווידער געקומען און זיך באַרימט, אַז נאָך גרויס טירחה איז אים געלונגען אויסצוזוכן אַ געוויסן לאַנגלואַ, וועלכער האָט שוין לאַנג געוואָרפן אַן אויג אויף דעמדאָזיקן אייגנטום, אָבער ער האָט נאָך נישט אַרויסגעזאָגט זיין פּרייז.

— ס'איז נישט וויכטיק דער פּרייז! — האָט זי אויסגערופן.

אָבער נישט אַזוי שנעל ווערט אַלץ געמאַכט. מען האָט

געדאַרפט וואַרטן, אַ טאַפּ טאָן דעמדאָזיקן חברה-מאַן. מען האָט געדאַרפט מאַכן אַ שטיקל נסיעה, און אַזוי־ווי עמע האָט נישט געקענט פאָרן, האָט לערע פאָרגעלייגט זיין דינסט, כדי זיך דורכצושמועסן מיטן מסיע לאַנגלואַ. געקומען צוריק, האָט ער געמאָלדן, אַז דער קונה לייגט פאָר פירטויזנט פראַנק.

עמע האָט געשיינט ביי דערדאָזיקער ידיעה.

— אָפּ, גערעדט, איז עס אַ גאַנץ גוטער פּרייז.

זי האָט באַלד באַקומען אַ העלפט פונם סכום, און ווען זי האָט געוואָלט רעגולירן דעם חוב, האָט דער סוחר צו איר געזאָגט:

— אויף מיין ערן-וואָרט, ס'איז מיר זייער נישט איינגע־געם אָפּצונעמען ביי אייך אַזאַ גרויסן סכום פּאַראַמאָל.

דעמאָלט האָט זי אַ קוק געטאָן אויף די באַנקנאָטן; און אויסרעכענענדיק אין זינען די גרויסע צאָל זעונגען, וואָס די צוויי־טויזנט פראַנק פּאַרקערפּערן אין זיך, האָט זי אַ שטאַמל געטאָן:

— וואָס הייסט! וואָס הייסט!

— אַך, — האָט ער אָפּגעענטפערט מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל, — אויף חשבונות קען מען שרייבן, וואָס מען וויל. צי ווייס איך דען נישט, ווי מען איז זיך נוהג אין אַזעלכע פאַלן?

און ער האָט איר אָנגעקוקט, האַלטנדיק אין האַנט צוויי לאַנגע פּאַפּירן, וועלכע ער האָט געדרייט צווישן זיינע פינגער. ענדלעך האָט ער אויפגעעפנט זיין פּאָרטפעל און אַרויסגעלייגט אויפן טיש פיר וועקסל-בלאַנקעטן, צו טויזנט פראַנק יעדערער.

— שרייבט עס מיר אונטער, — האָט ער געזאָגט, — און האַלט דאָס גאַנצע געלט פאַר זיך.

צוערשט האָט זי זיך אויפגערעגט.

— אָבער איך גיב דאָך אייך אוועק דעם עודף, — האָט לערע אומפאַרשעמט אָפּגעענטפערט. — צי איז עס אפשר נישט קיין טובה?

און נעמענדיק אַ פען אין דער האַנט, האָט ער אונטן ביים רעכענונג צוגעשריבן: „דערהאַלטן פון דער מאדאם באָוואַ־רי פיר טויזנט פראַנק".

— וואָס קען עס אייך אַרן, אַז אין זעקס חדשים ארום נעמט איר אָפּ פאַר אייער כאטקע דאָס איבעריקע און דעם לעצטן וועקסל מיינעם שטעל איך אויס אויף נאָכדעם, ווי איר וועט דערהאַלטן דאָס געלט.

עמע האָט זיך א ביסל געפּלאָנטערט אין די חשבונות. און אין אירע אויערן האָט געקלונגען, פּונקט ווי גאָלדענע מטבעות וואָלטן זיך געשאָטן פון אַ זאַק אויף דער ערד. שפּעטער האָט לערע דערקלערט, אַז ער האָט אַ פריינט ווענ־סאַר, אַ באַנקיר אין רואַן, וועלכער וועט אים דיסקאָנטירן די פיר וועקסלען און די מאדאם באָוואַרי וועט באַקומען דעם עודף, וואָס וועט איבערבלייבן נאָכן דעקן דעם חוב.

אָבער אָנשטאָט צוויי טויזנט פראַנק, האָט ער מער נישט געבראַכט ווי אכצנהונדערט פראַנק, ווייל דער פריינט ווענסאַר — ווי ס'מאַכט אויס — האָט אַראָפּגענומען צווייהונדערט פאַר דיסקאָנטע און קאָמיסיע.

נאָכדעם האָט ער געפאָדערט אַ קוויטונג.

— איר פאַרשטייט... אין מסחר... צייטנווייז... און אַ דאַטע, זייט אזוי גוט, אַ דאַטע.

אַ גאַנצער האָריזאָנט מיט רעאַלע פאַנטאַזיעס האָט זיך אויפגעעפנט פאַר עמען. זי איז געווען אזויפיל פאָרזיכטיק, אַז זי האָט אָפּגעלייגט דרייטויזנט פראַנק אויף אָפּצוצאָלן די דריי ערשטע וועקסלען, ווען זיי וועלן ווערן פעליק. אָבער דער פערטער איז צופעליק אריינגעפאַלן צו זיי אין שטוב דאָנערשטיק, און שאַרל, אַן אויפגערעגטער, האָט געדולדיק געוואַרט אויפן צוריקקער פון זיין ווייב, כדי צו באַקומען פון איר דערקלערונגען.

אויב זי האָט אים נישט דערציילט וועגן דעמדאָזיקן וועקסל, איז עס געווען בלויז דערפאַר, כדי אים צו באַפרייען פון שטוב־קלאָפּאָטן; זי האָט זיך אנידערגעזעצט אויף זיינע

קני, אים געגלעט, געצערטלט און אים אויסגערעכנט א גאַנצע ריי נייטיקע זאַכן, וואָס זי האָט אָנגענומען אויף קרעדיט.

— דאָך מוזטו מספּים זיין, אַז פאַר אַזויפיל זאַכן איז עס גאָרנישט אַזויפיל געלט.

שאַרל, נישט וויסנדיק וואָס צו טאָן, האָט זיך ווידער געווענדעט צום זעלבן לערע, וועלכער האָט אים געשוווירן אַלץ איינצואָרדענען אויפן בעסטן אופן, אויב ער, באָוואַרי, וועט אים אונטערשרייבן צוויי וועקסלען — איינער פון זיי זאָל זיין אויסגעשטעלט אויף זיבנהונדערט פראַנק, אויף אַ טערמין פון דריי חדשים. כדי צו האָבן די זיכערקייט, האָט ער אָנגעשריבן אַ פּאַטעטישן בריוו צו זיין מוטער. אנשטאט צו שיקן אַ תּשובה, איז זי אַליין געקומען; און אויף עמעס פראַגע, צי ער האָט עפּעס אַרויסבאַקומען פון זיין מאַמען, האָט ער געענטפערט:

— יאָ. אָבער זי וויל זען דעם חשבון.

אויף צומאָרגנס, באַגינען, איז עמע אוועקגעלאָפן צו לערען, בעטנדיק אים איבערצומאַכן דעם חשבון, ער זאָל נישט באַטרעפן מער פון טויזנט פראַנק; ווייל ווען זי וועט ווייזן דעם חשבן אויף פירטויזנט, וואָלט זי געדאַרפט אויסזאָגן, אַז זי האָט שוין צוויי-דריטל פון זיי באַצאָלט און דערמיט אַליין וואָלט זי זיך שוין געמוזט מודה זיין וועגן דעם פאַרקויף פונם הייזל; ס'איז געווען אַ מסחר, וואָס דער קרעמער לערע האָט זייער געשיקט אדורכגעפירט, און ערשט אין אַ צייט אַרום האָט מען זיך דערפון דערוווּסט.

נישט געקוקט אויף די נידעריקע פרייזן פון אַלע אַרטיקלען, האָט דאָך די אַלטע באָוואַרי איינגעפונען, אַז די הוצאות זענען צו גרויס.

— צי האָט מען זיך נישט געקענט באַגיין אָן אַ טעפּיך? צוואָס האָט מען געדאַרפט איבערציען די שטאָף אויף די פאָטעלן? אין מיינע צייטן האָט מען אין אַ הויז מער נישט געהאַט, ווי איין פאָטעל פאַר עלטערע פּערזאָנען, — אַזוי איז, לכל־הפחות, געווען ביי מיין מאַמען, וועלכע איז געווען, איך

פֿאַרזיכער אייך, אַ גאַנץ אַנשטענדיקע פֿרוי. אַלע קענען נישט זיין רייך! זעם מלכּס אוצרות וועלן נישט קלעקן ביי אַזאַ פּזרנות! איך וואָלט מיך געשעמט אַזוי זיך צו פּיעשטשען, ווי איר! און מען דאַרף נעמען אין אַכט, אַז איך בין שוין אַ זקנה און נייטיק מיך אין באַקוועמלעכקייט... אָט אַזוי! אָט אַזוי! פֿאַרשידענע פּוצן, שמאָכטעס! וואָס? זיידענע אונטערשלאַג צו צוויי פֿראַנק!... בעת מען קען באַקומען אַ סערזשע צו צען סו, און אפֿילו צו אַכט סו, וועלכע איז גאָרנישט שלעכט.

עמע, אויסגעצויגן אויף דער קושעטקע, האָט אָפּגעענטפֿערט גאַנץ רויק:

— גענוג, מאַדאַם, גענוג שוין!

די אַלטע האָט נישט אויפֿגעהערט צו מוסרן, וואָרנענדיק זיי, אַז זייער סוף וועט זיין אין אַ שפּיטאָל. איבעריקנס, איז עס שאַרלס שולד. איין גליק איז, וואָס שאַרל האָט איר פֿאַרשפּראָכן צו פֿאַרניכטן די באַפֿולמעכטיקונג...

— וואָס?

— ער האָט מיר געשוואוירן, — האָט אָפּגעענטפֿערט די זקנה.

עמע האָט אויפֿגעעפֿנט דאָס פֿענסטער, צוגערופֿן שאַרלען, און דער אומגליקלעכער האָט זיך געמוזט מודה זיין, אַז ער האָט געגעבן אַזאַ וואָרט דער מאַמען.

עמע איז פֿאַרשוווּנדן געוואָרן, נאָכדעם איז זי צוריק אַריין און גאַוואַדיק איר דערלאַנגט אַ גרויס שטיק פּאַפּיר.

— איך דאַנק אייך, — האָט געזאָגט די אַלטע פֿרוי.

און זי האָט אַריינגעוואָרפֿן די באַפֿולמעכטיקונג אין אויוון אַריין.

עמע האָט אָנגעהייבן צו לאַכן מיט אַ הילכיקן הויכן געלעכטער: זי האָט באַקומען ספּאַזמעס.

— אָך! גאָט מיינער! — האָט שאַרל אויסגערופֿן. — אין דו אויך, מאַמע, ביזט נישט גערעכט! דו מאַכסט איר אַזעלכע סצענעס!...

זיין מאַמע האָט געצוקט מיט די אַקסלען, טענהנדיק, אַז ס'איז אַן אָנשטעל.

אָבער צום ערשטן מאָל האָט זיך שאַרל צעבונטעוועט, זיך געשטעלט פאַרטיידיקן זיין ווייב, אויף אַזויפיל, אַז די אַלטע באָווארי האָט באַשלאָסן אוועקצופאָרן. זי איז אוועקגעפאָרן אויפן צווייטן טאָג, און ווען ער האָט זי אויפן שוועל געהאַלט אויפהאַלטן, האָט זי געזאָגט:

— ניין, ניין! דו ליבסט זי מער פון מיר, און דו ביזט גערעכט, אַזוי דאַרף זיין. איבעריקנס, איז עס ערגער פאַר דיר!... דו וועסט זען!... זיי געזונט... ווייל איך וועל מער נישט קומען, ווי דו האָסט זיך אויסגעדריקט, איר מאַכן סצענעס.

שאַרל האָט זיך אויך געפילט זייער שלעכט קעגן עמען, וועלכע האָט נישט פאַרבאַהאַלטן איר כעס צוליבן אומצוטרוי; ער האָט זיך געדאַרפט שטאַרק ביי איר איינבעטן, ביז ער האָט געפועלט, זי זאָל צונעמען אַ נייע באַפולמעכטיקונג און ער איז אפילו מיט איר אליין געגאַנגען צו גיליאָמענען, כדי אָנצושרייבן אַ צווייטע ענלעכע באַפולמעכטיקונג.

— איך פאַרשטיי עס, — האָט געזאָגט דער נאָטאַריוס, — אַ מענטש פון וויסנשאַפט קען נישט האָבן אויפן קאָפּ קיין דאגות פון פראַקטישן לעבן.

שאַרלען איז לייכטער געוואָרן אויפן האַרצן פון דער דאָזיקער חניפהדיקער באַמערקונג; דידאָזיקע ערנסטע באַציונג צו אים האָט געשטאַרקט זיין שוואַכקייט.

ס'אַראַ שמחה איז געווען דעם נעכסטן דאָנערשטיק אין האָטעל, אין זייער צימער, מיט לעאָנען! זי האָט געלאַכט, געוויינט, געזונגען, געטאַנצט, זי האָט זיך געהייסן דערלאַנגען שערבעט *), געפרוווט רויכערן פּאַפּיראָסן, געמאַכט זיך משוגע, אָבער געווען איז זי זעלכן שיין.

ער האָט נישט געוווסט, וואָסער רעאַקציע איז פאָרגעקו=

(* שערבעט: אַזאַ מין קאַלטער געטראַנק אין די מזרח-לענדער, געמאַכט פון פרוכט-זאַפט.

מצן אין איר גאַנצן וועזן, וואָס ס׳האָט איר געשטופּט אַלץ מער־און מער אין די תענוגים פון לעבן. זי איז געוואָרן א זולל־וסבא, בייז און אויסגעלאַסן; און זי האָט שפּאַצירט מיט אים איבער די גאַסן, מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ, אָן שרעק, נישט מורא האָבנדיק, — ווי זי האָט געטענהט, — צו ווערן קאָמפּראָמעטירט. דאָך, צייטנווייז, פלעגט עמע אַ ציטער טאָן, אויס שרעק צו באַגעגענען זיך מיט ראָדאָלפן; ווייל הגם ס׳האָט זיך איר געדאַכט, אז זי איז מיט אים צעשיידט אויף תמיד, דאָך האָט זי זיך נאָך נישט לגמרי געהאַט באַפרייט פון אים.

איינמאָל, אין אַן אָוונט, איז זי נישט צוריקגעקומען קיין יאָנוויל. שאַרל איז אַרומגעגאַנגען, ווי אַ צעמישטער, און נישט וועלנדיק זיך לייגן אָן דער מאַמען, האָט בערטע געקלאָגט מיט ביטערע טרערן. זשיסטען איז ארויס אויפן וועג, סתם אין דער וועלט אריין. אָמע האָט פאַרלאָזן די אַפּטייק.

אָבער ווען שאַרל האָט עלף אַ זייגער, געזען, אַז עמע איז נאָך נישט צוריקגעקומען, האָט ער איינגעשפּאַנט זיין בריטש־קע, אריינגעשפּרונגען אין איר, געשמיסן זיין פערד און צוויי א זייגער ביינאַכט איז ער צוגעפאָרן צום „רויטן־קרייץ”. קיינער איז דאָרט נישט געווען. ער האָט געמיינט, אַז לעאָן האָט איר מסתם געזען; אָבער ווו וווינט ער? צום גליק, האָט זיך שאַרל דערמאָנט דעם אַדרעס פון זיין באַלעבאָס. ער איז אַהין אַוועק־געלאָפן.

ס׳האָט אָנגעהייבן צו טאָגן. ער האָט באַמערקט דעם שילד פון אַ נאָטאַריוס איבער אַ טיר; ער האָט אָנגעקלאַפּט. נישט אויפעפענענדיק די טיר, האָט אים איינער פון אינעווייניק געגעבן דו נייטיקע אינפאָרמאַציעס מיט א פאָרציע קללות אַ צולייג, דערפאַר, וואָס מען האָט אַ העזה צו וועקן מענטשן ביי־נאַכט.

דאָס הויז, ווו לעאָן האָט געוווינט, האָט נישט געהאַט קיין גלעקל, קיין האַמער, אפילו קיין הויז־דינער אויך נישט. שאַרל האָט אָנגעהייבן צו טרעסקען אין די לאָדנס. ס׳איז גראָד־

פאַרבייגעגאַנגען אַ פּאָליציאַנט; ער האָט זיך דערשראָקן און אַוועקגעגאַנגען.

— איך בין משוגע, — האָט ער צו זיך געזאָגט, — מען האָט איר מסתּם פאַרהאַלטן אויף אַ מיטאָג ביי דער פאַמיליע לאָרמאָ.

די פאַמיליע לאָרמאָ האָט שוין נישט געוווינט אין רואַן.

— זי איז מסתּם גאָר פאַרבליבן ביי דער קראַנקער דיב=רעיל. אָבער די מאדאם דיברעיל איז דאָך נאָך מיט זעקס חדשים צוריק געשטאָרבן!... ווו קען זי פאָרט זיין?

ס'איז אים אריין אַ געדאנק אין קאָפּ. אין אַ צוקערניע האָט ער געבעטן דעם אַדרעס=בוך און דאָרט שנעל אויפגעזוכט דעם אדרעס פון מאַדמאַזעל לאַמפּערער, וועלכע האָט געוווינט אויף דער גאס דע=מאַראָקיניע, נומער 74.

אָבער קוים איז ער אריין אין יענער גאַס, ווי אויף דער צווייטער זייט האָט זיך באַוויזן עמע. ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו איר און נישט קושנדיק זי אפילו, האָט ער אויסגערופן:

— ווער האָט דיך נעכטן פאַרהאַלטן?

— איך בין קראַנק געווען.

— וואָס?... ווו?... וויאַזוי?...

זי האָט דורכגעפירט איר האַנט איבערן שטערן און גע=ענטפערט:

— ביי דער מאַדמאַזעל לאַמפּערער.

— איך בין דערין געווען זיכער! איך בין אַהין גע=גאַנגען.

— אַך! ס'האָט נישט געלוינט, — האָט עמע געזאָגט. — זי א'ז אָקאָרשט אַרויסגעגאַנגען; אָבער אויף ווייטער זיי רויק. איך וועל מיך פילן קרעמפּירט, דו פאַרשטייסט, וויסנדיק, אַז די קלענסטע פאַרשפּעטיקונג מיינע באַאומרויקט דיך.

דאָס איז געווען אַ מין דערלויבעניש, וואָס זי האָט זיך אַליין גענומען, כּדי ער זאָל איר נישט שטערן אין אירע מעשים. און זי האָט עס אויסגענוצט אויף וואָס די וועלט שטייט! ווען ס'האָט איר אָנגענומען אַ חשק זיך צו באַגעגענען מיט לעאָנען,

האָט זי אויסגעזוכט עפּעס אַ תירוץ און אַוועקגעפאָרן; אַזויווי ער האָט איר גראָד אין יענעם טאָג נישט אָפּגעוואַרט, איז די אַוועק צו אים אין קאַנצעלאַריע.

די ערשטע פאַר מאָל האָט ער זיך געפילט גליקלעך; אָבער אינגיכן האָט ער גאָרנישט פאַרבאָרגן דעם אמת: אַז זיין באַלעבאָס באַקלאָגט זיך זייער אויף דערדאָזיקער אומאָרדענונג

— יואָס ווידער! קום, — האָט זי געזאָגט.

און ער פלעגט אַוועק מיט איר.

זי האָט געוואָלט, ער זאָל זיך אָנטאָן אין שוואַרצן, פאַרלאָזן זיך אַ שפּיציק בערדל, כדי צו זיין ענלעך צו די פּאָרטרעטן פון לואי דעם XIII. זי האָט געוואָלט באַקוקן זיין צימער, און באַקוקנדיק, האָט זי איינגעפונען, אַז עס האָט אַ נבזהדיקן אויסזען; ער האָט זיך גערויטלט, זי האָט דערויף קיין אַכט נישט געלייגט, נאָכדעם האָט זי אים געראָטן צו קויפן פאָרהאַנגען, ענלעך צו אירע, און ווען ער האָט געענטפערט, אַז דאָס איז נישט פאַר זיין קעשענע, האָט זי מיט אַ שמייכל געזאָגט:

— אַך! דו ציטערסט פאַר דיין געלט!

יעדעס מאָל פלעגט לעאָן מוזן דערציילן, וויאַזוי ער האָט זיך אויפגעפירט פון דער לעצטער זעונג אָן. זי האָט געפאָדערט פון אים לידער, אַ סאָנעט פאַרפאַסט ספּעציעל פאַר איר. ס'איז אים נישט געלונגען צו געפינען קיין גראַם צום צווייטן פערז, האָט ער איבערגעשריבן אַ סאָנעט פון אַן אַלמאַנאַך.

ער האָט עס געטאָן נישט אַזויפיל אויס איידלקייט, ווי אויס חשק איר געפעלן צו ווערן. ער האָט זיך מיט איר נישט געשפּאַרט וועגן אירע געדאַנקען; ער האָט איינגעשטימט מיט אירע אַלע געשמאַקן; מען קען זאָגן, אַז ער איז גיכער געווען איר קעפּס־פרוי, ווי זי זיינע. זי האָט געהאַט פאַר אים צאַרטע ווערטער און תמיד אים באַשאָטן מיט קושן, אַזוי, אַז זיין נשמה פלעגט צעוועקגעריסן ווערן. פונוואַנען האָט זיך צו איר דערנומען אַזאַ מין אויסגעלאַסנקייט, כמעט נישט קיין מאַטעריעלע, אָבער אַזאַ טיפע און פאַרבאָרגענע?

VI.

קומענדיק קיין יאָנוויל, כּדי זיך צו זען מיט עמען, פלעגט לעאָן אָפטמאָל עסן מיטאָג ביים אַפּטייקער, און דעריבער האָט ער, אויס העפלעכקייט, פאַרבעטן אָמען צו זיך.

— גערן! — האָט אָמע געענטפערט. — איבעריקנס, מוז איך מיך א ביסל איבערלופטערן, ווייל איך וועל דאָ פאַרשימלט ווערן. מיר וועלן גיין אין טעאַטער, אין אַ רעסטאָראַן, מיר וועלן זיך לאָזן ווילגיין!

— אָך! מיין טייערער! — האָט צאַרט א שעפּטשע געטאָן מאַדאַם אָמע, דערשראָקן פון די אומבאַשטימטע סכנות, וועלכע איר מאַן גייט נעמען אויף זיך.

— וואָס איז? צי מיינסטו, אַז איך צעשטער קנאַפּ מיין געזונט, לעבנדיק כּסדר צווישן די ריחות פון אַפּטייק! אָט האָט איר אייך די פּסיכאָלאָגיע פון פרויען: זיי זענען אייפערזיכטיק צו דער וויסנשאַפט און וואָלטן אונדז געוואָלט שטערן אין די סאַמע אומשולדיקסטע פאַרוויילונגען. אָבער ס'איז נישט וויכטיק, רעכנט אויף מיר! אין די נעכסטע טעג פאַל איך אריין קיין רואַן און מיר וועלן מאַכן אַ געזונטע כּוסה.

אַמאָל וואָלט דער אַפּטייקער זיך אזוי נישט אויסגעדריקט; אָבער איצט האָט ער זיך פאַנאַנדערגערעדט אויפן שפּילעוודיקן פאַריזער אַרט, האַלטנדיק, אַז דאָס איז דער בעסטער טאָן, און פונקט ווי זיין שכנטע, מאַדאַם באָוואַרי, אזוי אויך ער האָט אויסגעפרעגט ל אָנען מיט נייגעריקייט וועגן די זיטן פון דער הויפּטשטאָט; ער האָט אפילו באַנוצט אַ זשאַרגאָן, כּדי צו פאַר־חידושן... דעם בירגערלעכן עלעמענט. ער האָט געזאָגט: turn, באַזאַר, פאַצעט, Breda-street, chicandard און אָנשטאָט איך גיי: איך מאַך פיס.

און אָט, איינמאָל, אין א דאָנערשטיק, האָט עמע מיט שטוינונג באַגעגנט אין קיך פון „גאָלדענעם לייב" מסיע אָמע אין אַ קאָסטיום פון א רייזנדער, דאָס הייסט אין אַן אַלטן פלאַשטש, וועלכן ער האָט ביז איצט קיינמאָל נישט אָנגעטאָן;

אין איין האַנט האָט ער געטראָגן אַ וואַליזע און אין דער צווייטער - אַ פּלעד. וועגן זיין פּלאַן האָט ער קיינעם נישט דערציילט, מורא האָבנדיק צו באַאומרויקן דעם עולם מיט זיין אָפּוועזנהייט.

דער געדאַנק — ווידער צו זען די ערטער, וווּ ער האָט פאַרבראַכט זיינע יונגע יאָרן, האָט בלי ספק אָנגעפילט זיין האַרץ מיט פרייד, ווייל אַ גאַנצן וועג האָט ער געהאַלטן אין איין רעדן; און נאָכדעם, ווי נאָר די קאַרעטע איז אָנגעקומען, איז ער אַראָפּגעשפרונגען און אָנגעהייבן זיך נאָכצופרעגן אויף לעאָנען. אומזיסט האָט זיך לעאָן געוואָלט אויסדרייען, אָמע האָט אים אוועקגעשלעפּט אין דער גרויסער צוקערניע „נאָרמאַנדיע".
אַריינגעקומען איז ער אַהין גדלותדיק, נישט אַראָפּגענומען דעם הוט, ווייל ער האָט געהאַלטן, אַז אין עפנטלעכע ערטער דאַרף מען נישט אַראָפּנעמען דעם הוט, און ס'איז בלויז אַ פּראָווינציעלער מנהג.

עמע האָט געוואַרט אויף לעאָנען דריי־פערטל שעה. ענדלעך איז זי אַוועקגעלאָפן אין זיין קאַנצעלאַריע, זיך געבראָכן דעם קאָפּ, מאַכנדיק פאַרשידענע השערות, אים באַשולדיקט אין גלייכגילטקייט, זיך אַליין אין שוואַכקייט און פאַרענדיקט דערמיט, וואָס זי איז אָפּגעשטאַנען אַ גאַנצן נאָכמיטאָג מיטן שטערן אָנגעלענט אָן אַ שויב.

צוויי אַ זייגער בייטאָג איז נאָך אָמע מיט לעאָנען געזעסן איינער קעגן אַנדערן לעבן אַ טיש. דער גרויסער עס־צימער איז אָפּגעליידיקט געוואָרן; די רער פון אויוון, אין דער פאָרם פון אַ פּאַלמע, האָט זיך צעשפּרייט אויפן ווייסן סופיט ווי אַ גאָלדענער סנאָפּ; און לעבן זיי, הינטערן פענסטער, האָט אויף דער זון געגלאַנצט אַ קליין פאָנטאַנעלע אין אַ מאַרמאָר־באַסיין, וווּ צווישן שפּאַרגן און סאַלאַטע זענען דריי ראַקעס געלעגן אומבאַוועגלעך לעבן אַ מחנה ווילדע הינער.

אָמע האָט געקוואָלן. הגם ער איז שוין געווען פאַרשיכורט פון דער פּראַכט און נאָכמער פון די גוטע מאכלים, דאָך האָט דער פאָמאַרדער וויין געהאַט אויף אים אַ גרויסע פּעולה, און ווען

ס'האָט זיך באַוויזן דער אָמלעט אויף ראָם, האָט ער אנטוויקלט פאַרשידענע אומזיטלעכע טעאָריעס וועגן פרויען. מער פון אַלץ האָט אים פאַרפּישופּט די פּראַכט. ער האָט פאַרגעטערט אַן עלעגאַנטן טואַלעט אין אַ שײַן מעבלירטן-צימער. און וואָס שייך קערפּערלעכע זאַכן, האָט ער ליב געהאַט אַ פעטן ביסן.

לעאָן האָט מיט פאַרצווייפלונג געקוקט אויפן זייגער. דער אַפּטייקער האָט געטרונקען, געגעסן, גערעדט.

— אין דעם פּרט מוזט איר זיין אויף צרות אין רואַן, — האָט אָמע געזאָגט. — איבעריקנס, ווינט דאָך אייער ליבע נישט ווייט פונדאַנען.

לעאָן איז רויט געוואָרן.

— נו, זייט אָפנהאַרציק! צי וועט איר לייקענען, אַז אין יאָנוויל?...

דער יונגערמאַן האָט אַ שטאַמל געטאָן:

— צי פּוצט איר זיך דען נישט צו אַ געוויסער פּערזאָן ביי דער מאַדאַם באָווארי אין שטוב?...

— צו וועמען?

— צו דער דינסט!

אָמע האָט נישט געשפּאַסט; אָבער אַזויווי ביי לעאָנען האָט די איידלקייט גובר געווען איבער דער פּאָרזיכטיקייט, האָט ער זיך פאַרענטפערט. און אויסער אַלעם האָט ער דאָך ליב גאָר ברונעטקעס.

— איך בין מסכּים מיט אייך, — האָט דער אַפּטייקער געזאָגט, — ברונעטקעס האָבן מער טעמפּעראַמענט.

און איינגעבויגן זיך איבערן אויער פון זיין פריינט, האָט ער אים דערקלערט די סימפּטאָמען, ווי אַזוי מען דערקענט, צי אַ פרוי האָט טעמפּעראַמענט. דער געשפּרעך האָט אָנגענומען אַן עטנאָגראַפישן כאַראַקטער: אַ דייטשקע איז פאַרחלומט, אַ פראַנצויזין — אויסגעלאַסן, אַן איטאַליענערין — תאווהדיק.

— און די נעגערינס? — האָט לעאָן א פרעג געטאָן.

— דאָס איז שוין אַ געשמאַק זאַך, — האָט אָמע געזאָגט. — קעלנער! צוויי האַלבע!

— אפשר וועלן מיר שוין גיין, — האָט לעאָן אויסגע־רופן, פֿאַרלירנדיק דעם געדולד.

— יעס.

אָבער פאַרן אוועקגאַנג האָט אָמע זיך געוואָלט זען מיטן באַלעבאָס פון דער צוקערניע, וועלכן ער האָט אויסגעדריקט עטלעכע קאָמפּלימענטן.

וועלנדיק זיך באַפרייען פון אים, האָט לעאָן אויסגעטראַכט אַ תּירוץ, אַז ער האָט עפעס צו דערליידיקן.

— אַך! איך באַגלייט אייך! — האָט אָמע געזאָגט.

און, גייענדיק איבער די גאַסן מיט לעאָנען, האָט ער מיט אים גערעדט וועגן זיין ווייב, וועגן זיינע קינדער, וועגן זייער צוקונפט און וועגן זיין אַפּטייק; ער האָט דערציילט, אויף וועלכן נידעריקן מצב זי האָט זיך געפונען און צו וואָסער מדרגה ער האָט זי היינט דערפירט.

צוקומענדיק צום האָטעל „בולאָן", האָט אים לעאָן פּלוצ־לונג פאַרלאָזן, אַרויף אויף די שטיגן און געטראָפן זיין גע־ליבטער אין אַ אויפגערעגטן צושטאַנד.

זי איז געוואָרן אַן אויפגעצאַפּלטע, ווען ער האָט דער־מאָנט דעם אַפּטייקערס נאָמען. אָבער לעאָן האָט זיך גוט פאַר־ענטפערט; ס'איז דאָך נישט זיין שולד; צי קען זי דען נישט דעם אַפּטייקער אָמע? ווי אַזוי קען זי גאָר טראַכטן, אַז אים איז ליבער אין זיין געזעלשאַפט? אָבער זי האָט זיך אָפּגע־קערט פון אים; ער האָט זי איינגעהאַלטן; און, אַוועקשטעלנ־דיק זיך אויף די קני, האָט ער מיט ביידע הענט אַרומגע־כאַפּט איר טאַליע, אין אַ פאַרחלושטער פּאָזע, פול מיט תּאווה און חרטה.

זי איז געשטאַנען און מיט אירע גרויסע פלאַמענדיקע אויגן האָט זי אויף אים געקוקט שטרענג, כמעט טראַגיש. נאָכדעם זענען זיי אָנגעפילט געוואָרן מיט טרערן, אירע ראָזע לעפּלעך האָבן זיך אַראָפּגערוקט, די הענט אַראָפּגעלאָזט, און לעאָן האָט זיי געדריקט צו זיינע ליפּן. מיטאַמאָל האָט זיך

באַווייזן אַ דינער און געמאָלדן, אַז עפּעס אַ הער פרעגט זיך אויף אים.

— דו קומסט תּיכּף צוריק? — האָט זי געפרעגט.

— יאָ.

— אָבער ווען?

— באַלד.

דאָס איז געווען אַ „שפּיצל״ פון מיין זייט, — האָט דער אַפּטייקער געזאָגט, דערזעענדיק לעאָנען. — איך האָב אייך געוואָלט איבעררייסן דעם וויזיט, וועלכער איז אייך, לויט מיין מיינונג, נישט אויף דער האַנט. קומט צו ברידו טרינקען אַ גלעזל גאַרוס.

לעאָן האָט זיך געשווירן, אַז ער מוז זיך צוריקקערן אין זיין קאַנצעלאַריע. דעמאָלט האָט דער אַפּטייקער אָנגעהייבן חוזק צו מאַכן פון זיינע פּאַפּירן און פון די אַקטן.

— צו אַלדע רוחות, לאָזט צורו אויף אַ ווײַלע קויאַסן און בערטאָלן! וואָס שטערט אייך? זייט אַ מאַן! לאָמיר גיין צו ברידו; איר וועט זען זיין הונט. ס'איז זייער אינטערעסאַנט!

און אַזוי ווי לעאָן האָט זיך פאַרעקשנט, האָט אָמע געזאָגט:

— איך גיי אויך מיט אייך, איך וועל דאָרט וואַרטן אויף אייך און ביני-לביני לעזן אַ צייטונג, אָדער בלעטערן אַ קאָדעקס.

לעאָן, צעחושט פון עמעס כעס, פון אַפּטייקערס פּלוידעריי און אפשר אויך פון זאַטן עסן, איז געשטאַנען און זיך געוואַקלט, פּונקט ווי ער וואָלט געווען פאַרכישופט פון אָמען, וועלכער האָט געחזרט:

— קום צו ברידון! ער איז צוויי טריט פונדאַנען, אויף מאַלפּאַלי-גאַס.

אויס פּחדנות, אויס נאַרישקייט, צי אפשר גאָר דורך-דעמדאָזיקן אומבאַשטימטן געפיל, וועלכער שטופּט אונדז צייטנווייז צו מיאוסע מעשים, האָט זיך לעאָן געלאָזט אָוועקפירן צו

ברידו; זיי האָבן אים געפונען אין אַ קליין הויפל, אָפּהיטנדיק דריי יינגלעך, וועלכע האָבן פאַרסאַפּעטערהייט געדרייט אַ גרויסן ראָד פון אַ מאַשין אויף אויסצופאַרטיקן סאָדע-וואַסער. אָמע האָט זיי תּיכּף געגעבן עצות, זיך צעקושט מיט ברידון און אויסגעטרונקען גאַרוס. אַמאָל צוואַנציק האָט לעאָן געוואָלט אַוועקגיין, אָבער אָמע האָט אים אָפּגעשטעלט פאַר דער האַנט, זאָגנדיק:

— באלד! איך גיי. מיר וועלן צוגיין אין דער רעדאַקציע „דאָס ליכט פון רואן", כּדי דאָרט צו כאַפּן אַ שמועס. איך וועל אייך פאָרשטעלן פאַר טאָמאַסענען.

דאָך האָט זיך לעאָן באַפרייט פון אים און מיט איין שפרונג איז ער שוין געווען אין האָטעל. עמע איז שוין דאָרט נישט געווען.

זי איז אַוועקגעפאָרן, שטאַרק אויפגערעגט. זי האָט אים איצט פיינט געקריגן. דאָס, וואָס ער האָט נישט געהאַלטן וואָרט און צו דער צייט נישט געקומען אויף דער זעונג, האָט זי באַטראַכט ווי אַ באַליידיקונג. זי האָט איצט געזוכט אויף אים נאָך אַנדערע עוולות, כּדי איבערצורייסן מיט אים: ער איז געווען נישט מסוגל אויף העלדישקייט, ער איז געווען שוואַך, באַנאַל, ווייכער פון אַ פרוי, קאַרג און אַ פּחדן דערצו.

נאָכדעם, ווען זי האָט זיך באַרויקט, האָט זי באַשלאָסן, אַז זי האָט אים בּלי ספק באַליידיקט. אָבער ווען מיר דערנידעריקן די, וועלכע מיר ליבן, ווערן מיר דערמיט אַליין פון זיי אַ ביסל דערווייטערט. מען טאָר זיך נישט צורירן צו געצן, ווייל די באַגילדונג בלייבט אויף די הענט.

ס'רוב האָבן זיי גערעדט וועגן זאַכן, וואָס האָבן געהאַט אַ קנאַפּע שייכות צו זייער ליבע; און אין די בריוו, וואָס עמע האָט אים געשיקט, פלעגט זי רעדן וועגן בלומען, לידער, וועגן דער לבנה און שטערן — נאַיווע מיטלען פון אַן אָפּגעשוואַכטער תּאווה, וועלכע זי האָט געוואָלט מאַכן אויפלעבן דורך אויסערלעכער הילף.

עמע האָט כסדר געהאָפט, אַז אין דער צוקונפטיקער נסיעה וועט זי געפינען עפעס אַן אויסערגעוויינלעך גליק, נאָכ־דעם האָט זי זיך געמוזט מודה זיין, אַז זי האָט קיין אויסער־געוויינלעכס נישט איבערגעלעבט. דידאָזיקע אנטטוישונג איז שנעל אויסגעמעקט געוואָרן צוליב אַ נייער האָפענונג, וואָס איז אַנט־שטאַנען, און עמע האָט זיך צו אים צוריקגעקערט מיט מער ברען און מיט מער תּאווה. זי פלעגט זיך האַסטיק אויסטאָן, צערייסן די דינע בענדלעך פון איר גאָרסעט, וועלכע האָבן געפייפט אַרום אירע לענדן, ווי אַ שלאַנג, וואָס קריכט. אויף די שפּיץ פינגער פון אירע נאַקעטע פיס פלעגט זי נאָכאַמאָל צוגיין אַ קוק טאָן, צי די טיר איז צוגעשלאָסן, נאָכדעם האָט זי מיט אַ פלעצלעכער באַוועגונג אַראָפּגעשליידערט פון זיך אַלע קליידער, — און אַ בלאַסע, אַ שווייגעוודיקע, אַן ערנ־סטע פלעגט זי מיט איר גאַנצער תּאווה צופאַלן צו זיין ברוסט, האַלטנדיק אין איין ציטערן.

אָבער אויפן שטערן, באַדעקט מיט קאַלטן שוויס, אויף די שטאַמלדיקע ליפּן, אין די בלאַנקענדיקע אויגן, אין דער דריקונג פון זייערע אָרעמס איז דאָך געווען עפּעס אַ מין משונהדיקייט, אומבאַשטימטקייט און טראַגישקייט; און ס'האָט זיך אויסגעדאַכט לעאָנען, אַז דאָס אַלץ גליטשט זיך אַריין צווישן זיי אומבאַמערקלעך, פּדי זיי פאַנאַנדערצושיידן.

ער האָט נישט געהאַט קיין העזה צו שטעלן איר שאלות; נאָר זעענדיק איר דערפאַרונג, האָט ער זיך געטראַכט, אַז זי האָט שוין געמוזט דורכגיין דידאָזיקע ליידן און תּאוות. דאָס, וואָס ס'האָט אים אַמאָל באַצויבערט, האָט אים איצט עטוואָס אָפּגעשראָקן. איבעריקנס, האָט ער זיך איטלעכן טאָג אַ ך מער און מער געבונטעוועט קעגן דער פאַרשקלאַפונג פון זיין אייגענער פערזענלעכקייט. ער איז געווען אין כעס אויף עמען דערפאַר, ווייל זי איז תּמיד געווען די זיגערין, ער האָט זיך אַפילו באַמיט איר אויפצוהערן צו ליבן; אָבער ווען ער האָט דערהערט די קלאַפּעריי פון אירע פּאַנטאָפל, איז ער

געוואָרן אָנמעכטיק, פונקט ווי שכורים, וואָס דערזעען שטאַרקן בראָנפן.

אמת, זי האָט אים באַשאָטן מיט פּלערליי אופמערקזאַמקייטן, אָנהייבנדיק פון גוטע מאכלים ביים טיש און געענדיקט מיט עלעגאַנטע קליידער און שפּילעוודיקע בליקן. זי פלעגט מיטברענגען פון יאָנוויל רויזן, צוגעטשעפּעט צום ברוסט; זי פלעגט אים זיי וואַרפן אין פּנים אַריין, אַרויסווייזן אַ געוויסע באַמערקונג בנוגע זיין געזונט, געגעבן אים עצות וועגן זיין אויפפירונג, און כדי אים שטאַרקער צוצובינדן צו זיך, האָט זי אים אָנגעטאָן אויפן האַלדז אַ מעדאַליאָן פון דער בתולה מאַריע, האָפנדיק, אַז אפשר וועט זיך דער הימל אַמאָל אַריינמישן. פונקט ווי אַ פרומע מאַמע, פלעגט זי זיך פאַנאַנדערפרעגן וועגן זיינע חברים. זי פלעגט צו אים זאָגן:

— זע דיך נישט מיט זיי, גיי נישט צו זיי, טראַכט נאָר פון אונדז; ליב מיך!

ס'וואָלט זיך איר געוואָלט קענען אכטונג געבן אויף זיין לעבן און ס'איז איר אַפילו אַריין אַ געדאַנק אונטערצושיקן עמעצן, מען זאָל אים נאָכגיין אין די גאַסן. ס'האָט זיך אַפילו תמיד געפונען איינער לעבן האָטעל, אַ מין שנאָרער, וועלכער פלעגט צושטיין צו יעדער רייזנדער און וועלכער וואָלט בלי ספק דערין נישט אָפּגעזאָגט.. אָבער איר גאווה האָט פּראָטעסטירט קעגן דעם.

— נו, איז וואָס? איז עס דאָך ערגער פאַר אים! זאָל ער מיך אָפּנאַרן! וואָס אַרט עס מיך!

איינמאָל, ווען זיי האָבן זיך צעשיידט גאַנץ פרי, און זי האָט זיך איינע אַליין צוריקגעקערט מיטן בולוואַר, האָט זי דערזען די מויערן פון איר קלויסטער. זי האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ באַנק, אונטערן שאָטן פון די אולם־ביימער. ס'איז אַ רויקייט ס'איז געווען אין יענע צייטן! ווי מקנא זי איז איצט געווען יענע בולטע ליבעס־סענטימענטן, וועלכע זי האָט זיך געפּרווט פאָרצושטעלן לויט די ביכער.

די ערשטע חדשים נאָך איר חתונה, אירע שפּאַצירן,

רייטענדיק אויף אַ פערד אין וואַלד, דער וויקאָנט, וואָס האָט מיט איר געטאַנצט און לאַגאַרדי, וועלכער האָט געזונגען, — דאָס אַלץ איז פאַרבייגעלאָפן פאַר אירע אויגן... און לעאָן איז איצט געשטאַנען פאַר אירע אויגן אַזוי ווייט אין עבר, ווי די אַלע אַנדערע.

— דאָך האָב איך אים ליב! — האָט זי געטראַכט.

אַלצאיינס! זי איז נישט געווען גליקלעך, זי איז עס קיינמאָל נישט געווען. פונוואַנען קומט צו איר דידאָזיקע אומ־צופרידנקייט פון לעבן, די צעפאַלונג פון אַלץ, אָן וואָס זי האָט זיך געוואָלט אָנלענען?... און אויב ס׳געפינט זיך ערגעץ אַ שטאַרקער פיינער וועזן, אַ דרייסטע נאַטור, פול מיט התלהבות און איידלקייט, אַ פּאָעטיש האַרץ אין דער פאָרם פון אַ מלאך, א לירע מיט בראָנזענע סטרונעס, וואָס שיקן צום הימל עלע־גישע ניגונים, — טאָ פאַרוואָס זאָל זי אַזעלכן נישט געפינען? אך, ווי אוממעגלעך דאָס איז! ס׳לוינט צו קיין זאַך נישט צו שטרעבן; אַלץ איז שקר! יעדער שמייכל פאַרבאָרגט אונטער זיך אַ פאַרגענעצטן אומעט, יעדע פרייד — אַ קללה, יעדער פאַרגעניגן — אַן עקל, און די בעסטע קושן לאָזן אייך תמיד איבער אויף די ליפּן אַן אומפאַרווירקלעכטן חשק פון עפּעס אַ העכערע תאווה.

ווי אַ כאָרכל, האָט זיך אַ מעטאַלישער קלאַנג דורכגע־טראָגן אינדערלופטן, און פון קלויסטער־טורעם האָבן זיך דער הערט פיר קלעפּ. פיר אַ זייגער! און ס׳האט זיך איר אויס־געדאַכט, אז זי איז אָפּגעזעסן אויף דער באַנק גאַנצע דורות, ווייל איינאיינציקע מינוט קען אין זיך איינשליסן גאַנצע ימים מיט תאוות, פונקט ווי אַ גרויסער עולם קען זיך אויפפרעסן אין אַ קליינעם שטח.

עמע איז לגמרי פאַרזונקען געוואָרן אין אירע געפילן, און זי האָט זיך אַזוי קנאַפּ געזאָרגט וועגן געלט, פונקט ווי זי וואָלט געווען א גרעפין.

אָבער איינמאָל איז געקומען איינער אַ מאָגערער, אַ רויטער, וועלכער האָט געמאָלדן, אַז אים האָט געשיקט דער מסיע

וועגסאַר פון רואַן. ער האָט אַרויסגעצויגן די שפּילקעס, מיט וועלכע ס'איז געווען צוגעשפּילעט די זייטיקע קעשענע פון זיין לאַנגן גרינעם סורדוט, אַריינגעשטאָכן זיי אין אַרבל און העפֿ־טעך איר דערלאַנגט אַ פּאַפּיר.

דאָס איז געווען אַ וועקסל אויף זיבנהונדערט פראַנק מיט איר אונטערשריפט, וועלכן לערע האָט, נישט געקוקט אויף זיינע אַלע הבטחות, אָפּגעשיקט וועגסאַרן.

זי האָט אַוועקגעשיקט צו לערען די דינסט. ער האָט אָבער נישט געקענט קומען.

דער אומבאַקאַנטער, וועלכער איז די גאַנצע צייט גע־שטאַנען און געוואָרפן אויף רעכטס און אויף לינקס זיינע ניי־געריקע בליקן, פאַרבאָרגן אונטער די געדיכטע בלאָנדע ברע־מען, האָט אַ פרעג געטאָן מיט אַ נאַיווער שטימע:

— וואָסער תשובה זאָל איך געבן וועגסאַרן?

— נו, זאָגט איט, — האָט עמע געענטפערט, — זאָגט אים... אַז איך האָב נישט... איך וועל האָבן די צווייטע וואָך... זאָל ער וואַרטן... יאָ, די צווייטע וואָך.

און דער שליח איז אַוועק, נישט אויסרעדנדיק קיין וואָרט.

אָבער אויף צומאָרגנס, מיטאָגצייט, האָט זי באַקומען אַ פּראָטעסט; און דערזעענדיק דאָס געשטעמפּלטע פּאַפּיר, ווו ס'איז געווען עטלעכע מאָל מיט גרויסע אותיות אָנגעשריבן: „מעטר האַראַן, דער קאָמאָרניק אין בישי", האָט זי זיך אַזוי שטאַרק איבערגעשראָקן, אַז זי איז שנעל אַוועקגעלאָפן צום הענדלער לערע.

זי האָט אים געטראָפן אין קראָם, בעת ער האָט גע־האַלטן ביים איינפּאַקן עפּעס אַ פּעקל.

— איך שטעל זיך תיכף צו אייער דינסט! — האָט ער געזאָגט.

לערע האָט ווייטער געטאָן זיין אַרבעט מיט דער הילף פון אַ דרייצן־יעריק מיידעלע, מיט אַ קליינעם הויקער, וועלכע האָט ביי אים געדינט גלייכצייטיק אין קראָם און אין קיך.

נאָכדעם, קלאַפנדיק מיט הילצערנע קלומפּעס אויף דער פּאָדלאָגע פון זיין געשעפט, האָט ער זיך אויפגעהייבן, געגאַנגען פאָרויס פאַר דער מאַדאַם באָוואַרי אויפן ערשטן שטאָק און זי אריינגעפירט אין אַ שמאָל צימערל, ווו אויף אַ גרויסן שרייבטיש פון סאָסנע-האָלץ זענען געלעגן עטלעכע רעכן-ביכער, פאַרזען מיט אַ קווערן שטאַנג אייזן אויף אַ שלאָס. לעבן וואנט, אונטער רעשטלעך לייוונט, האָט מען אַרויסגעזען אַן אייזערנעם קופער. אָבער לויט זיין גרויסער מאָס האָבן זיך דאָרט געמוזט געפינען אנדערע זאכן, ווי וועקסלען און געלט. מסיע לערע האָט, באמת, געגעבן געלט אויף משכּנות, און דאָרט אין קופער האָט ער אַוועקגעלייגט מאַדאם באָוואַריס גאָלדענע קייט, מיט די אוירינגלעך פון אָרעמען טעליע, וועלכער האָט סוף כּל סוף אַלץ געמוזט פאַרקויפן און קויפן אַ קליין בשמים-געוועלבל אין קענקאַמפּואַ, ווו ער איז ביסלעכווייז אויסגעלאָשן געוואָרן פון זיין שווינדזוכט, צווישן וואַקסענע ליכט, ווייניקער געל, ווי זיין פּנים.

לערע האָט זיך אריינגעזעצט אין זיין גרויסן שטרויענעם פאָטעל און געזאָגט:

— נו, וואָס זאָגט איר עפּעס נייס?

— זעט!

און זי האָט אים געוויזן דאָס פּאַפּיר.

— אַלזאָ, וואָס קען איך טאָן?

עמע האָט זיך אויפגערעגט. דערמאָנענדיק זיין וואָרט, וואָס ער האָט איר געגעבן, אַז ער וועט נישט לאָזן אין גאַנג דידאָזיקע וועקסלען. ער האָט עס נישט אָפּגעלייקנט.

— איך בין אָבער געווען געצוווּנגען עס צו טאָן, דער חלף איז מיר געלעגן אויפן האַלדז.

— און וואָס וועט איצט זיין? — האָט זי געפרעגט.

— אָך! גאַנץ איינפאַך: אַן אורטייל פון געריכט און נאָכדעם אַן ארעסט אויף אייערע זאכן... דאָס אַלעס!

עמע האָט זיך איינגעהאַלטן, כּדי אים נישט צו דערלאַנ

גען. פעטש זי האָט אים רויק געפרעגט, צי ס'איז נישטאָ קיין עצה איבערצורעדן מסיע ווענסאַר.

— אַך, יאָ! איבעררעדן ווענסאַרן? איר קענט אים מסתּם נישט. ער איז ווילדער פון אַן אַראַבער.

אָבער ס'העלפט דאָך נישט, מסיע לערע דאַרף זיך אַריינמישן.

— אַלוֹאָ, האָרכט! ס'דאַכט זיך מיר, אַז ביז איצט בין איך געווען זייער גוט פאַר אייך.

און אויפעפענענדיק איינעם פון זיינע רעכן-ביכער:

— קוקט!

נאָכדעם האָט ער אָנגעוויזן מיטן פינגער אויף אַ בלאַט:

— קוקט... קוקט... דעם 3-טן אויגוסט צווייהונדערט פראַנק... דעם 17-טן יוני הונדערט פופציק... דעם 23-טן מערץ זעקסאונפערציק... אין אַפּריל...

דאָ האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, פונקט ווי ער וואָלט מורא געהאַט, נישט אַרויסצוזאָגן עפּעס אַ נאַרישקייט.

— און היינט וויל זאָגן די וועקסלען, וואָס מסיע באָוואַרי האָט אונטערגעשריבן, איינעם אויף זיבנהונדערט פראַנק, דעם צווייטן אויף דרייהונדערט! און אייערע קליינע חובות און פּראָצענטער? דאָס האָט גאָר קיין סוף נישט, דאָ קען מען פאַרפאַלן ווערן! איך מיש מיך גאָרנישט!

זי האָט געוויינט, זי האָט אים גערופן: „מיין גוטער מסיע לערע". אָבער ער האָט אַלץ אַרויפגעוואָרפן אויף דעם „פאַסקודנעם ווענסאַר". איבעריקנס, האָט ער איצט קיין פּרוטה נישט, קיינער צאָלט אים איצט נישט, מען שינדט פון אים די הויט; אַזאַ אָרעמער קרעמער, ווי ער, קען נישט געבן קיין קרעדיטן.

עמע האָט געשוויגן; און לערע, בייסנדיק אַ גענדזענע פעדער, איז בלי-ספק געוואָרן גערירט פון איר שווייגן, ווייל ער האָט געזאָגט:

— אויב ס'וועט מיר די טעג אַריינפאַלן אַ ביסל געלט... איך מהיכא תיתי...

— איבעריקנס, — האָט זי געזאָגט, — ווי נאָר די צווייטע צאָלונג פון באַהעניוויל...

— וואָס?...

און דערוויסנדיק זיך, אַז לאַנגלואַ האָט נאָך נישט באַצאָלט, האָט ער זיך געמאַכט תמעוואַטע, פונקט ווי ער ווייסט פון גאָרנישט. נאָכדעם האָט ער מיט אַ זיסער שטימע ארויסגעזאָגט:

— און איר האַלט, אַז מיר וועלן דורכקומען?

— אַך, איך וועל איינגיין אויף אייערע אַלע באַדינגונגען!

ער האָט צוגעמאַכט די אויגן, זיך פאַרטראַכט, אָנגעשריבן עטלעכע ציפער, און, מעלדנדיק, אַז ער וועט דאָ נאָך האָבן צו זינגען און צו זאָגן, אַז דער ענין איז אַ שווערער, אַז ער בלוטיקט, האָט ער אויסגעשטעלט פיר וועקסלען צו צווייהונדערט פופציק פראנק אויף טערמינען — אַ חודש געריקט איינער פון צווייטן.

— זאָל נאָר וועגסאַר מסכים זיין! איבעריקנס, איז די זאַך פאַרענדיקט, איך האָב פיינט לאַנג זיך מיישב צו זיין, מיט מיר קען מען אַלץ מאַכן.

נאָכדעם האָט ער איר דרך-אגב באַוויזן נייע סחורות, און לויט זיין מיינונג האָט זיך קיין מוסטער נישט צוגעפּאַסט פאַר דער מאַדאַם.

— ווען איך טו אַ טראַכט, אַז די שטאָף קאָסט זיבן סו אַ מעטער! נו, אַז ס'איז שוין יאָ דאָ אַ גאַראַנטיע, אַז די סחורה קריכט נישט אָפּ, איז וואָס? אָבער זיי גלויבן אַלץ! ס'פאַרשטייט זיך, אַז מען דערציילט זיי נישט דעם גאַנצן אמת, — האָט לערע געזאָגט, און דערמיט, וואָס ער האָט מודה געווען יענעמס שווינדל, האָט ער איר געוואָלט איבערצייגן אין זיין אָרנטלעכקייט.

נאָכדעם האָט ער זי צוגערופן און איר געוויזן דריי איילן גיפּיור, וועלכער ס'האָט זיך אים געמאַכט צו קויפן אויף אַן „אויספערקויף".

— ווי שיין דאָס איז! — האָט לערע געזאָגט. — מען

באַנוצט עס איצט זייער פיל אויף ווענטלעך צו פּאַטעלן. דאָס איז די לעצטע מאָדע.

און שנעלער פון א קונצנמאַכער האָט ער איינגעוויקלט דעם גיפיור אין אַ בלויען פּאַפּיר און עס אַריינגערוקט אין עמעס הענט.

— איך וויל, לפּחות, וויסן!...

— אָך, שפּעטער, — האָט ער אָפּגעענטפערט, אָפּדרייענדיק זיך פון איר.

אָוונטצייט איז עמע צוגעשטאַנען צו איר מאַן, ער זאָל שרייבן אַ בריוו צו זיין מאַמען, זי זאָל זיי שנעל צושיקן דעם רעשט פון דער ירושה. די שוויגער האָט אָפּגעענטפערט, אַז זי האָט שוין מער גאָרנישט, אַז די זאַך איז שוין ליקווידירט, אַז אחוץ באַנוויל איז זיי מער נישט פאַרבליבן, ווי זעקסהונדערט פראַנק אַ יאָר הכנסה, וועלכע זי וועט זיי רעגלמעסיק צושיקן.

דעמאָלט האָט מאַדאַם באָוואַרי אַוועקגעשיקט חשבונות צו צוויי אָדער דריי פּאַציענטן און האָט אָנגעהייבן אויסצונוצן דעמדאָזיקן מיטל, וועלכער איז איר געלונגען. תּמיד פלעגט זי זיך נישט פאַרגעסן צוצוגעבן אין פּאָסט-סקריפּטום: „רעדט נישט דערפון מיט מיין מאַן, איר ווייסט דאָך, ווי שטאָלץ ער איז... זייט מיר מוחל... גרייט צו אייער דינסט...” ס'זענען אָנגעקומען עטלעכע פּראָטעסטן, האָט זי זיי איבערגעכאַפּט.

כּדי צו האָבן געלט, האָט זי אָנגעהייבן צו פאַרקויפן אירע אַלטע הענטשקעס, אירע אַלטע היט, אַלט אייזנוואַרג; און זי האָט זיך שטאַרק געדונגען, — איר פויערישע בלוט האָט איר געשטופּט נאָך פאַרדינסט. פאָרנדיק אין שטאָט, האָט זי אויפגעקויפט פאַרשידענע שמאָכטעס, שטיצנדיק זיך דערויף, אַז אויב קיינער וועט זיי נישט קויפן, וועט זיי, אין ערגסטן פאַל, לערע ביי איר צונעמען. זי האָט איינגעקויפט שטרויס-פעדערן, כינעזישן פאָרצעליי און שאַכטלעך; זי האָט געליִען געלט ביי פעליסיטען, ביי דער מאַדאַם לעפראַנסואַ, ביי דער באַלעבאָסטע פון „רויטן-קרייץ”, און ביי וועמען ס'האָט זיך נאָר געלאָזט. מיטן

געלט, וואָס זי האָט ענדלעך אָפּגעקריגן פאַר באַרנעוויל, האָט זי אָפּגעצאָלט צוויי וועקסלען, די איבעריקע טויזנט פינפהונדערט פראַנק זענען זיך פאַנאַנדערגעקראָכן. זי האָט געמאַכט נייע חובות און אַזוי אָן א סוף.

אמת, צייטנווייז האָט זיך איר געוואָלט וויסן אַ חשבון; אָבער זי האָט געפונען אַזעלכע אומדערהערטע זאַכן, אַז זי האָט זיך גאָרנישט געקענט גלויבן. זי האָט ווידער אָנגעהייבן, זי האָט זיך געפּלאָנטערט, און לסוף האָט זי אַלץ אוועקגע־וואָרפן און אויפגעהערט דערפון צו טראַכטן.

אַן אומעט האָט איצט געהערשט אין שטוב! מען האָט געזען, ווי סוחרים גייען אַרויס מיט בייזע פּני מער. נאָזטיכ־לעך האָבן זיך געוואַלגערט אויפן אויוון; און די קליינע בער־טע, ־צו דער גרעסטער באַדויערונג פון מאַדאַם אָמע, איז אַרומגעגאַנגען מיט צעפליקטע זאָקן. אויב שאַרל פלעגט צו־פעליק מאַכן אַ באַמערקונג, האָט זי גראָב אָפּגעענטפערט, אַז ס'איז נישט איר שולד!

— פונוואַנען נעמט זיך אַזאַ אויפרעגונג? מסתּם פון איר אַמאָליקער נערוון־קרענק, — האָט באָוואַרי געטראַכט, און ער האָט זיך געמאַכט פאָרווורפן, וואָס איר קרענק פאַררעכנט ער צו אירע חסרונות, ער האָט זיך באַשולדיקט אין עגאָאיזם, ער האָט געוואָלט כאַפּן זיך קושן מיט איר.

— אַך! ניין, — האָט ער צו זיך געזאָגט, דאָס וועט איר נישט זיין אָנגענעם.

און ער האָט זיך אָפּגעהאַלטן.

נאָכמיטאָג פלעגט ער איינער אַליין שפּאַצירן אין גאָרטן; ער האָט גענומען דער קליינער בערטען אויף די קני, און, פאַנאַנדערגעלייגט זיין מעדיצינישן זשורנאַל, האָט ער געפּרוווט איר לערנען לעזן. דאָס קינד, וועלכעס האָט נאָך קיינמאָל נישט געלערנט, האָט אויפגעעפנט אַ פּאָר גרויסע פאַרדאגהטע אויגן און זיך פאַנאַנדערגעוויינט. דעמאָלט האָט ער זי גע־טרייסט; ער האָט איר געבראַכט וואַסער אין אַ גיס־קאַן, כדי צו מאַכן טייכן אויפן זאַמד, אָדער ער האָט אָפּגעבראָכן צווייגן

פון האַרטריגל־קוסטעס, כדי אַריינצופּלאַנצןביימער אויף די בייטן, וואָס ס׳האָט נישט געשאַדט דעם גאָרטן, באַוואָקסן מיט גרויסע גראָזן. מען איז אַזויפיל געלט שולדיק געווען דער לעסטיבודואַ! צום סוף פלעגט זיך דאָס קינד באַקלאָגן, אַז ס׳איז אים קאַלט און זיך געבעטן צו דער מאַמען.

— רוף דיין באָנע, — פלעגט זאָגן שאַרל. — דו ווייסט דאָך, מיין קינד, אַז דיין מאַמע האָט פיינט, מען זאָל איר שטערן.

האַרבסט איז אָנגעקומען, און די בלעטער זענען שוין געפאַלן פון די ביימער, פונקט ווי מיט צוויי יאָר צוריק, ווען זי איז געווען קראַנק! ווען וועט עס זיך אַלץ ענדיקן?... און ער האָט געשפּרייזט איבערן גאָרטן, פאַרלייגט די הענט אויף דער פּלייצע.

די מאַדאַם איז געזעסן ביי זיך אין צימער. קיינער פלעגט דאָרט נישט אַריינשמעקן, זי איז דאָרט פאַרבליבן אַ גאַנצן טאָג, אין אַ שלעפערדיקן צושטאַנד, כמעט נישט אָנגעטאָן. און פון צייט צו צייט האָט זי געצונדן האַרעם־פּאַסטילעס, וועלכע זי האָט געקויפט אין רואַן, אין אַ קראָם פון אַן אַלזשירער. כדי נישט האָבן לעבן זיך ביינאַכט דעם מיזיקן מענטשן, וועלכער פלעגט שלאָפן ווי אַ געהרגעטער, האָט זי מיט גרימאַסן, ענדלעך, אים משלח געווען אויפן צווייטן שטאָק! און זי פלעגט ביזן קליינעם טאָג לייענען שרעקלעכע ביכער מיט בילדער פון אָרגיעס און בלוטיקע שלאַכטן. צייטנווייז פלעגט איר אַ פּחד אַרומנעמען, האָט זי אָנגעהייבן צו שרייען, און שאַרל פלעגט קומען צו לויפן.

— אַך! גיי! — פלעגט זי זאָגן.

אָפטמאָל, צעהיצט פון אינערלעכן פייער, וואָס דער פאַראַט האָט אַרויסגערופן, פלעגט זי אַ פאַרסאַפּעטע, אַן אויפגערעגטע, פול מיט תאווה אויפעפענען דעם פענסטער, זופן פרישע לופט, צעלאָזן אויפן ווינט אירע שווערע האָר און, באַטראַכטנדיק די שטערן, האָט זי געטרוימט וועגן אַ ליבע מיט אַ פּרינץ. זי האָט געטראַכט פון לעאָנען. זי וואָלט דע־

מאָלט אַלץ אַוועקגעגעבן פאַר איינע פון די זעונגען, וואָס האָבן איר געזעטיקט.

דאָס זענען פאַר איר געווען פייערלעכע טעג. זי האָט געוואָלט זיי זאָלן פאָרקומען מיט דער גאַנצער פּראַכט; און אויב ער אַליין האָט נישט געקענט באַצאָלן די גאַנצע הוצאות, האָט זי פאַרשווענדעריש צוגעגעבן די רעשט, וואָס ס'פלעגט פאַסירן כמעט יעדעס מאָל. ער האָט זי געוואָלט איבערצייגן, אַז ס'וואָלט זיי געווען פונקט אַזוי גוט אויך אויף אַן אַנדער אָרט, אין אַ מער באַשיידענעם האָטעל; זי האָט אָבער נישט געוואָלט מסכים זיין.

איינמאָל האָט זי אַרויסגעצויגן פון בייטל זעקס באַגילטע לעפעלעך (אַ מתנה פון פאָטער רואָ), בעטנדיק אים, ער זאָל זיי תיכף אַוועקטראָגן אין לאָמבאַרד; און לעאָן האָט געפאָלגט, הגם דידאָזיקע שליחות האָט אים שטאַרק נישט געשמעקט. ער האָט זיך דערמיט נישט געוואָלט קאָמפּראָמעטירן.

נאָכדעם, פאַרטראַכטנדיק זיך, האָט ער אויסגעפונען, אַז זיין געליבטע האָט משונהדיקע מאַנירן, און די, וועלכע האָבן אים געוואָלט צעשיידן מיט איר, זענען אפשר געווען אַ ביסל גערעכט.

באמת, עמעצער האָט אַוועקגעשיקט זיין מאַמען אַ לאַנגן אַנאָנימען בריוו, אָנזאָגנדיק איר, אַז לעאָן האָט זיך פאַרפלאָנטערט מיט אַן אשת־איש. און די זקנה האָט שוין פאַר אירע אויגן געזען דעם אייביקן שרעק־בילד פון געוויסע משפחות, דאָס הייסט, דעם פאַרנעפּלטן שרעקלעכן וועזן, דער סירענע, דער פאַרזעעניש, וואָס וווינט אויף אַ פאַנטאַסטישן אופן אין די אָפּגרונטן פון ליבע. זי האָט אָנגעשריבן אַ בריוו צום נאָטאַריוס דיבאָקאַזש, לעאָנס שעף, וועלכער האָט זיך גוט געטויגט צום דאָזיקן ענין. ער האָט לעאָנען אָפּגעהאַלטן דריי פערטל שעה, וועלנדיק אים אויפעפענען די אויגן, אָנווייזן אים, אַז ער שטייט אויפן ראַנד פון אַן אָפּגרונט. אַזאַ מין אינטריגע קען אים אין דער צוקונפט ברענגען גרויס שאָדן. ער האָט אים געבעטן איבערצורייסן דידאָזיקע באַציונגען, און

אויב ער וויל עס נישט טאָן אין זיינע אייגענע אינטערעסן, זאָל ער עס טאָן, לכל הפחות, פאַר אים, פאַר דיבאָקאַזשן!

לעאָן האָט, ענדלעך, געשוווירן, אַז ער וועט זיך מער נישט באַגעגענען מיט עמען; ער האָט זיך איצט געמאַכט פאָרווורפן, וואָס ער האָט נישט געהאַלטן וואָרט; ער האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז נישט ווייניק קלאָפּאָטן וועט זי אים נאָך פאַרשאַפן, נישט ווייניק נגישות וועט ער נאָך פון איר אויסשטיין, שוין אָפּגערעדט פון די לצנות, וואָס זיינע חברים זענען אים מכבד יעדן פרימאָרגן, שטייענדיק ביים אויוון. איבעריקנס, האָט ער געדאַרפט באַקומען אַ העכערן אַמט: ער האָט געמוזט ווערן ערנסטער. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דער פלייט, פון זיינע באַגייסטערטע סענטימענטן, פון זיינע פאַנטאַזיעס, ווייל יעדער בירגער טראַכט זיך, אַז אין ברען פון זיין יוגנט, מעג ער איין טאָג, כאָטש איין מינוט מקריב זיין אויף גרויסע תאוות, אויף תוכע מעשים. אַ ליאַדע הולטיי טראַכט וועגן דעם סולטאַנס ווייבער, דער קלענסטער אַדוואָקאַט טראָגט אין זיך די שפּראָצלען פון אַ פּאָעט.

איצט, ווען עמע האָט געכליפּעט אויף זיין ברוסט, האָט לעאָן זיך געלאַנגווייליקט. ער האָט געהערט צו די מענטשן, וואָס קענען איבערטראָגן בלויז אַ באַוווסטע דאָזע מוזיק, דעריבער איז זיין תאַרץ פאַרזונקען געוואָרן אין גלייכגילטיקייט, צווישן דער ברויזנדער ליבע, וועלכע האָט שוין פאַר אים פאַרלוירן דעם רייץ.

זיי האָבן זיך שוין צו גוט געקענט; און איצט ווען זי האָט זיך אים אָפּגעגעבן, האָט ער נישט געהאַט די תאווה, וואָס פאַרשטאַרקט דעם תענוג. און פונקט ווי איר אָנוועזנהייט האָט אים געלאַנגווייליקט, אַזוי איז ער איר אויך פאַרמיאוסט געוואָרן. אין איר פאַרעטערישער ליבע האָט עמע באַגריפן אַלע פלאַכקייטן פונם פאַמיליע-לעבן.

אָבער וויאַזוי קען מען זיך דערפון באַפרייען? הגם זי האָט זיך גפּפילט דערנידערט אין דער שמוץ פון דעמדאָזיקן גליק, אָבער אויס רגילות, צי אויס אויסגעלאַסנקייט, האָט זי

זיך דערפון נישט געקענט אָפּרייסן; און יעדן טאָג האָט זי זיך אַלץ מער און מער צעהיצט, אויסשעפּנדיק די זאַפּאַסן פון איר תאווה, אָנשטאָט צו פארשטארקן דידאָזיקע תאווה, ווי זי האָט געוואָלט. זי האָט באַשולדיקט לעאָנען אין אירע אַנטטוישטע האָפענונגען, פונקט ווי ער וואָלט זי פאַרראַטן; זי האָט אַפילו איצט זיך געווונטשן, ס׳זאָל פּאַרקומען צווישן זיי אַ קאַטאַסטראָפע, וואָס זאָל דערפירן צו זייער צעשיידונג, ווייל אַליין האָט זי זיך דערויף נישט געקענט באַשליסן.

און זי האָט אים נישט אויפגעהערט צו שרייבן ליבעבריוו, איינרעדנדיק זיך, אַז אַ פרוי דאַרף תמיד שרייבן איר געליבטן.

אָבער שרייבנדיק צו לעאָנען, איז זי אויסן געווען אַן אַנדער מענטשן, אַ געשפּענסט, אויסגעוועבט פון אירע וואַרעמסטע ערינערונגען, פון שיינע ראָמאַנען, פון אירע שטאַרקסטע תאוות; און ענדלעך איז דידאָזיקע אויסגעטראַכטע געשטאַלט געוואָרן אַזוי רעאַל, אַזוי דערלאָזבאַר, אַז זי האָט זיך געצצאַפּלט פון תענוג, הגם זי האָט זיך אים דייטלעך נישט געקענט פאָרשטעלן, ווייל ער האָט זיך פארבאָרגן, ווי עפּעס אַ גאָט אין דער שפע פון זיינע אַלע אַטריבוטן. איר אידעאַל האָט געוווינט אין אַ הימלישער מדינה, וווּ זיידענע לייטערס פלאַטערן לעבן באַלקאָנען, פאַרטרונקען אין בלומען-ריחות און אין דער העלער שיין פון דער לבנה. זי האָט אים געפילט לעבן זיך; אָט קומט ער און באַהערשט זי אינגאַנצן מיט איין קוש. נאָכדעם פלעגט זי פאַלן אַ פארחלשטע, אַ צעבראָכענע, ווייל אירע אומבאַשטימטע ליבע-עמפּפערונגען האָבן זי מער אָפּגעמאַטערט, ווי אירע אויסגעלאַסענע מעשים.

זי האָט זיך געפילט אָפּגעשוואַכט גייסטלעך און קערפּערלעך. עמע האָט כסדר באַקומען מעלדונגען, פּאַפּירן, וועלכע זי האָט לגמרי נישט געלייענט. זי האָט געוואָלט נישט לעבן מער, פאַרזונקען אין אַ טיפן שלאָף.

אינם טאָג פון צווישן-פּאָסט האָט זי זיך נישט צוריקגעקערט קיין יאָנוויל, זי איז אינאָוונט אַוועק אויף אַ מאַסקאַראַד.

זי האָט אָנגעטאָן סאַמעטענע פּאַנטאָפֿלען, רויטע זאָקן, א פּאַ־רוק מיט א צעפּל אויפן קאָפּ און א לעמפּל אויפן אויער. א גאַנצע נאַכט האָט זי געטאַנצט צווישן דער ווילדער מוזיק פון די טראָמבאָנען; מען האָט איר אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן; און באַגינען האָט זי זיך געפונען אין די קאָלאָנעס פון טעאַ־טער, אין דער געזעלשאַפט פון פינף־זעקס מאַסקעס, לעאָנס חברים, אין קאָסטיומען פון טרעגערס און מאַטראָזן, וועלכע האָבן איר פאַרגעלייגט צו גיין מיט זיי אויף א סעודהלע.

די אַרומיקע צוקערניעס זענען געווען איבערפולט. זיי האָבן אויסגעזוכט אין האפן עפּעס א רעסטאָראַן, ווו דער באַ־לעבאָס האָט זיי געגעבן א קליין צימערל אויפן פערטן שטאָק.

די מענער האָבן זיך געשושקעט אין א ווינקל, קענטיק, צוליב די הוצאות. צווישן זיי איז געווען איין באַאמטער, צוויי פעלדשערס און איין אָנגעשטעלטער. א פיינע געזעלשאַפט פאַר איר! וואָס שייך די פרויען, האָט זיך עמע תיכף אַרומגעזען, לויטן קלאַנג פון זייערע קולות, אַז זיי אַלע זענען פון דער נידעריקסטער מדרגה. זי האָט זיך דערשראָקן, אָפּגערוקט איר שטול און אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

די אַנדערע האָבן אָנגעהייבן צו עסן, אָבער זי האָט נישט געגעסן. דער שטערן האָט ביי איר געברענט, די ברעמען האָבן געציטערט און א קעלט האָט דורכגענומען איר קערפּער. אין איר קאָפּ האָט זי געפילט די פּאָדלאָגע פון באַל־צימער, וועל־כע האָט נאָך אַלץ געציטערט אונטער די ריטמישע קלעפּ פון טויזנטער טענצער. נאָכדעם האָט דער ריח פון פּונש און דער רויך פון ציגאַרן לגמרי זי פאַרשיכורט. זי איז געפאַלן אין חלשות; מען האָט זי אַוועקגעטראָגן צום פענסטער.

ס'האָט אָנגעהייבן צו טאָגן, און א גרויסער פּורפּור־פלעק האָט זיך געצויגן אויפן בלאַסן הימל איבערן באַרג פון דער הייליקער קאַטעדרע. די בלויע טייך־פלעס האָבן געציטערט אויפן ווינט; קיין איין מענטש האָט זיך נישט געפונען אויפן בריק; די גאַסן־לאַמטערנעס זענען אויסגעלאָשן געוואָרן.

דאָך איז עמע געקומען צו זיך און זיך פאַרטראַכט וועגן בערטען, וועלכע שלאָפט דאָרט אינם חדר פון איר ניאַנקע. ס'איז גראָד פאַרבייגעפאָרן אַ וואָגן מיט לאַנגע שטאַבעס אייזן, אָנפילנדיק די לופט מיט אַ הילכיקער מעטאַלישער טראַסקעריי.

עמע איז אויפגעשפרונגען, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם קאָסטיום, געזאָגט לעאָנען, אַז זי מוז אַוועקפאָרן, און ענדלעך איז זי אַליין פאַרבליבן אין „בולאָנער האָטעל". זי האָט געפילט אַן עקל צו אַלץ, אַפילו צו זיך אַליין. זי האָט געוואָלט אַוועקטראָגן זיך העט־ווייט, ווי אַ פייגעלע, אַוועקשוועבן ערגעץ ווייט אין די ריינע ספערן און דאָרט פונדאַסניי געבוירן ווערן.

זי איז אַרויס, דורכגעגאַנגען דעם בולוואַר, דעם קאַזשויאַזער פּלאַץ און די פאַרשטאָט ביז צו אַן אָפענער גאַס, פול מיט גערטנער. זי איז געגאַנגען שנעל; די פרישע לופט האָט זי באַרויקט; און דער בונטער עולם, די מאַסקעס, די קאַדרילן, די שפיגלען, די סעודה, די פרויען — אַלץ איז ביסלעכווייז פאַרשוווּנדן געוואָרן, פונקט ווי אַ נעפל, וואָס דער ווינט טראָגט אַוועק. נאָכדעם, קומענדיק אין „רויטן קרייץ", האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן בעט, אין אַ קליין צימערל, אויפן צווייטן שטאָק, וווּ ס'זענען געהאָנגען די בילדער פון „טור־רעם דע נעסל". פיר אַ זייגער פאַרנאַכט האָט איר היווער אויפגעוועקט.

אַריינקומענדיק צו זיך אַהיים, האָט פעליסיטע הינטערן זייגער איר באַוויזן אַ גרויען פּאַפּיר. זי האָט געלייענט:

„לויטן באַשלוס פונם געריכט, מיטן קראַפט פון אורטייל..."

וואָסער אורטייל? מיט אַ טאָג פריער האָט זי, ווירקלעך, באַקומען אַ פּאַפּיר, וועלכן זי האָט גאָרנישט איבערגעלייענט. זי איז געוואָרן דערשטוינט פון די ווערטער:

„אין נאָמען פון זיין מאַיעסטעט דעם קייזער, געזעץ און גערעכטיקייט, צו דער מאַדאַם באָוואַרי..."

זי האָט דורכגעלאָזט עטלעכע שורות, דערנאָך זיך אָפּגעשטעלט:

„אין פיראונצוואַנציק שעה, נישט אָפּגעלייגט".

— וואָס?

— באַצאָלן די גאַנצע סומע פון אַכטטויזנט פראַנק".

און נידעריקער:

„די עקזעקוציע וועט אויסגעפירט ווערן מיטן גאַנצן כּוח פון געזעץ, נעמלעך: פאַרקויפן דאָס מעבל דורך אַ ליציטאַציע".

וואָס זאָל מען טאָן?... בלויז פיראונצוואַנציק שעה! מאָרגן! לערע, — האָט זי געטראַכט, — האָט איר, מסתּם, געוואָלט אָנשרעקן, ווייל תּיכּף איז איר געוואָרן פאַרשטענדלעך זיינע אַלע מאַנעוורעס און דער ציל פון זיינע אַלע טובות. באַרויקט אַ ביסל האָט איר דאָס, וואָס די סומע איז געווען אַ צו גרויסע.

אָבער דערמיט, וואָס זי האָט געקויפט אויף קרעדיט, וואָס זי האָט געבאָרגט, אונטערגעשריבן וועקסלען, פאַרלענגערט די טערמינען פון די וועקסלען, וועלכע זענען כּסדר אָנגעשוואָלן געוואָרן, האָט זי, ענדלעך, צוגעגרייט דעם הער לערע אַ שפּאָר קאַפּיטאַל, אויף וועלכן ער האָט מיט אומגעדולד געוואַרט, כּדי אויסצונוצן אים צו זיינע ספּעקולאַציעס.

זי איז אַוועק צו אים מיט אַ פריילעכער מינע.

— איר ווייסט, וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט? ס'איז מסתּם אַ שפּאַס?

— ניין.

— וואָס הייסט, ניין?

ער האָט זיך פּאַמעלעך אויסגעדרייט, און איבערקרייצנדיק די הענט, האָט ער געפרעגט:

— צי האָט איר געמיינט, גנעדיקע פרוי, אַז ביזן סוף כּל חדורות וועל איך זיין אייער צושטעלער און באַנקיר, אויס ליבע צום אויבערשטן? איך מוז דאָך אַמאָל אָפּנעמען דאָס, וואָס מיר קומט! לאָמיר זיין אָפנהערציק!

זי האָט געשריען, אַז זי איז אַזויפיל נישט שולדיק.

— נו איז נאָך ערגער! דאָס געריכט האָט דעם הוב אָנערקענט! ס'איז אַרויסגעטראָגן געוואַרן אַן אורטייל! מען

האָט אייך אים איבערגעגעבן! איבעריקנס, איז עס נישט איך, נאָר װענסאַר.

— צי װאָלט איר אַמאָל געקענט?

— יאָ, אויסגעשלאָסן.

— אָבער... דאָך... מיר קענען דאָך רעדן...

זי האָט זיך געפּלאָנטערט; זי האָט נישט געוווּסט... דאָס איז פאַר איר געווען אַן איבעררעשונג...

— װעמענס שולד איז עס? — האָט לערע געפרעגט און איראָניש זיך פאַרנויגט. — בעת איך װער פאַרשװאַרצט װי אַ נעגער, לעבט איר אַ טאָג.

— אַך! נאָר אָן אַ מוסר־השכל!

— דאָס ברענגט קיינמאָל קיין שאָדן נישט, — האָט ער אָפּגעענטפערט.

זי האָט פאַרלוירן איר מוט. זי האָט זיך אָנגעהייבן ביי אים צו בעטן. זי האָט אפילו אַנידערגעלייגט איר שיינע ווייסע און לאַנגע האַנט אויף לערעס קני.

— לאָזט מיך צורו! מען קען נאָך מיינען, אַז איר ווילט מיך פאַרפירן!

— איר זענט אַן אויסוואורף! — האָט זי אויסגערופן.

— אַך! אַך! ווי היציק איר זענט! — האָט ער אָפּגע־ענטפערט מיט אַ שמייכל.

— איך וועל אויפווייזן, ווער איר זענט. איך וועל דער־ציילן וועגן אַלץ מיין מאַן...

— נו, און איך האָב אויך עפּעס צו ווייזן אייער מאַן!

און לערע האָט אַרויסגעשלעפּט פון זיין קופער אַ קבלה־צעטל אויף אַכצנהונדערט פראַנק, וואָס זי האָט אים אַרויסגעגעבן, נאָך דער דיסקאָנטע ביי ווענסאַרן.

— צי מיינט איר דען, אַז ער וועט זיך נישט פאַר־שטיין אויף אייער גנבהלע, דערדאָזיקער סימפּאַטישער מענטש!

זי איז געבליבן שטיין, ווי מען וואָלט איר דערלאַנגט מיט אַ שטעקן איבערן קאָפּ. לערע האָט אַרומגעשפּרייזט פון פענסטער ביז צום שרייב־טיש און כסדר געחזרט:

— יאָ, איך וועל אים ווייזן... איך וועל אים ווייזן...

נאָכדעם איז ער צוגעגאַנגען צו איר און מיט אַ זיס שטימעלע געזאָגט:

— איך ווייס גאַנץ גוט, אַז דאָס איז נישט קיין אנגענעמע זאַך, אָבער דאָך איז נאָך דערפון קיינער נישט געשטאָרבן; איבעריקנס, איז עס די איינציקע עצה, וויאַזוי איר קענט מיר באַצאָלן מיין געלט...

— אָבער ווו וועל איך זיי נעמען, — האָט עמע אויסגערופן, ברעכנדיק זיך די הענט.

— אָך, ווען אַ מענטש האָט אַזויפיל גוטע פריינט, ווי איר!

און ער האָט אויף איר אַ קוק געגעבן מיט אַזאַ דורכדרינגלעכן, שרעקלעכן בליק, אַז זי האָט אַ ציטער געטאָן מיט איר גאַנצן קערפּער.

— איך זאָג אייך צו, איך וועל אייך אונטערשרייבן... — האָט זי געזאָגט.

— איך האָב שוין גענוג אייערע אונטערשריפטן!

— איך וועל נאָך פאַרקויפן...

— וואָס וועט איר פאַרקויפן! — האָט ער געזאָגט, שאָקלענדיק מיט די אַקסלען. — איר האָט דאָך שוין מער גאָרנישט.

און דורכן פענסטערל האָט ער אַ געשריי געטאָן אין דער קראָם:

— אַנעט! פאַרגעס נישט וועגן די דריי רעשטלעך נומער 14.

די דינסט האָט זיך באַוויזן; עמע האָט פאַרשטאַנען און געפרעגט: „וויפל געלט דאַרף זי שאַפן, כדי אָפּצושטעלן די עקזעקוציע”.

— ס'איז שוין צו שפּעט!

— אָבער אויב איך וועל אייך ברענגען עטלעכע טויזנט פראַנק, אַ פערטל פון דער סומע, אַ דריטל, כמעט אינגאַנצן?

— אָך! ניין, ס'איז אוממעגלעך!

און ער האָט זי לייבט געשטופּט צו די שטיגן.

— איך בעט אייך, מסיע לערע, כאָטש נאָך עטלעכע טעג.

זי האָט געוויינט.

— נאָך דאָס האָט געפעלט! טרערן!

— איר דערפירט מיך צו פאַרצווייפלונג.

— איך לאַך מיך אויס דערפון! — האָט ער געזאָגט, צומאַכנדיק די טיר.

VII

עמע האָט אַרויסגעוויזן פיל פעסטקייט, ווען דער קאָמאָרניק האַראַן איז אויף צומאָרגנס געקומען מיט צוויי עדות, כדי אָפּצושרייבן דעם אינווענטאַר.

זיי האָבן אָנגעהייבן פון שאַרלס קאַבינעט און נישט אָפּגעשריבן האָבן זיי בלויז דעם פרענאָלאָגישן קאָפּ, וועלכן זיי האָבן באַטראַכט, ווי אַן אינסטרומענט פון זיין פּראָפעסיע. אָבער אין קיך האָבן זיי איבערגעציילט די טעלער, טעפּ, קעסלען, שטולן, לייכטער און אין שלאָף־צימער אַלע קליינקייטן אויף דער עטאַזשערקע. זיי האָבן באַטראַכט אירע בגדים, די וועש, איר טואַלעטקע; און איר גאַנץ לעבן, ביז די סאַמע אינטימסטע ווינקעלעך, איז געוואָרן אַנטבלויזט פאַר דידאָזיקע דריי מענטשן, ווי א טויטער קערפּער אין סעקציע־זאַל.

מסיע האַראַן, פאַרקנעפּלט אין אַ שוואַרצן פראַק, מיט אַ ווייסן קראַוואַט, מיט אָנגעצויגענע שטריפּקעס אונטער די הויזן, האָט פון צייט צו צייט געחזרט:

— איר וועט דערלויבן, מאַדאַם? איר וועט דערלויבן?

אָפט פלעגט ער אויסרופן:

— זייער פיין !... אויסגעצייכנט !

נאָכדעם האָט ער אָנגעהייבן צו שרייבן, נעצנדיק זיין פען אין אַ האָרן־טינטער, וואָס ער האָט געהאַלטן אין דער לינקער האַנט.

ווען זיי האָבן פאַרענדיקט מיט די צימערן, זענען זיי אַרויף אויפן בוידעם.

דאָרט איז געשטאַנען אַ שאַכטל, וווּ זי האָט געהאַלטן ראָדאָלפס בריוו. מען האָט זי געדאַרפט עפענען.

— אַך ! בריוו ! — האָט האַראַן געזאָגט מיט אַ באַשייַדענעם שמייכל. — אָבער דערלויבט ! איך דאַרף נאָכזען, צי אין שאַכטל געפינען זיך נישט קיין אַנדערע זאַכן.

און ער האָט עפּעס איינגעבויגן די פּאַפּירן, פּונקט ווי ער וואָלט אַרויסשיטן פון דאָרט רענדלעך.

דעמאָלט איז זי געוואָרן אויפגערעגט, צוקוקנדיק זיך, ווי די מגושמדיקע האַנט, מיט די רויטע ווייכע פינגער, ענלעך צו אַ שנעק, האָט זיך אַנידערגעלייגט אויפן פּאַפּיר, איבער וועלכן איר האַרץ האָט אַזוי שטאַרק געצאַפּלט.

ענדלעך זענען זיי אַוועק ! פעליסיטע איז אַריינגעקומען. עמע האָט איר אַוועקגעשיקט, זי זאָל אָפּהיטן, צי שאַרל קומט נישט אָן ; און זיי האָבן אַרויפגעפירט דעם שומר, וואָס האָט געהיט די פאַרנומענע זאַכן, אויפן בוידעם, און ער האָט געשוווירן, אַז ער וועט זיך נישט באַווייזן.

אַ גאַנצן אָוונט איז שאַרל געזעסן פאַרדאגהט. עמע האָט אויף אים געוואָרפן אומרויקע בליקן, זוכנדיק פאָרוווּרפן אויף זיין געקנייטשטן פנים. נאָכדעם, ווען זי האָט אָנגעצילט איר בליק אויפן קאַמין, באַפּוצט מיט כינעזישע פאָרהענגלעך, אויף די גרויסע פאָרטיערן, אויף די פאָטעלן, אויף אַלע זאַכן, וועלכע האָבן מילדער געמאַכט די ליידן פון איר לעבן, איז זי דורכגעדרונגען געוואָרן מיט געוויסן־יסורים, אָדער גיכער מיט אַן אומענדלעכער חרטה, וואָס זי האָט פאַנאַנדערגעפלאַמט איר תאווה, אַנשטאַט זי צו לעשן. שאַרל האָט רויק געמישט די קוילן, צוועקשטעלנדיק ביידע פיס אויף די קראַטעס פון קאַמין.

ס'זענען געווען מאָמענטן, ווען דעם שומר אין צוגעגעסן געוואָרן צו זיצן אינדערהיים, האָט ער זיך באַוועגט און געמאַכט א קליינעם גערויש.

— עמעצער גייט אַרום אינדערהויף? — האָט שאַרל געפרעגט.

— ניין! — האָט זי געענטפערט. — דאָס קלאַפּט דער ווינט אין אַן אָפענעם פענסטערל.

אויף צומאָרגנס, זונטיק, איז זי אַוועקגעפאָרן קיין רואַן, כדי צו באַזוכן אַלע באַנקירן, וועלכע זי האָט געקענט בלויז פון נאָמען; זיי זענען אַלע געווען אויפן לאַנד, אָדער אויף אַ נסיעה. זי האָט נישט אָפּגעטראָטן; וועמען זי האָט נאָר געטראָפן, האָט זי געבעטן געלט, טענהנדיק, אַז זי נייטיקט זיך, אַז זי וועט אָפּגעבן. אייניקע האָבן זיך אפילו אויסגעלאַכט פון איר, אָבער געלט האָט קיינער נישט געגעבן.

צוויי א זייגער איז זי אַוועקגעלאָפן צו לעאָנען און אָנגעקלאַפּט אין זיין טיר. קיינער האָט נישט געעפנט. ענדלעך, האָט ער זיך באַוויזן.

— נאָך וואָס ביזטו געקומען?

— אים שטער דיך?

— ניין... אָבער...

און ער האָט זיך מודה געווען, אַז זיין באַלעבאָס איז שטאַרק נישט צופרידן, וואָס מען נעמט אויף אין זיין וווינונג „פרויען”.

— איך דאַרף מיט דיר עפּעס איבעררעדן, — האָט זי געזאָגט.

לעאָן האָט גענומען דעם שליסל פון זיין טיר. זי האָט אים אָפּגעהאַלטן.

— אָ, ניין! נישט דאָ, ביי אונדז.

און זיי זענען אוועק אין זייער צימער אין „בולאָנער האָטעל”.

אין האָטעל האָט זי אויסגעטרונקען אַ גרויס גלאָז

וואַסער. זי איז געווען זייער בלאַס. זי האָט צו אים געזאָגט:

— לעאָן, דו מוזט מיר טאָן אַ טובה.

און שאָקלענדיק זײַנע ביידע הענט, וועלכע זי האָט געדריקט, האָט זי מוסיף געווען:

— האָרך, איך נייטיק זיך אין אכטטויזנט פראַנק!

— צי ביזטו חסר־דעה?

— פאָרלייפיק נישט!

און דערציילנדיק אים די גאַנצע געשיכטע וועגן דער עקזעקוציע אויף אירע זאַכן, האָט זי אים געשילדערט איר פאַרצווייפלטע לאַגע; ווייל שאַרל ווייסט פון גאָרנישט, איר שוויגער האָט זי פיינט; דער פאָטער רואָ קען איר גאָרנישט העלפן; אָבער לעאָן מוז זיך באַמיען צו באַקומען פאַר איר דידאָזיקע סומע...

— וואָס הייסט, דו ווילסט...?

— דו האָסט דיך שוין איבערגעשראָקן! — האָט זי אויסגערופן.

דעמאָלט האָט ער זיך נאַריש אַרויסגערעדט:

— די זאַך איז נישט אַזוי שרעקלעך, ווי דו מיינסט: דיין פאַרשווין וואָלט זיך אפשר באַרויקט מיט אַ טויזנט רענדלעך.

אויב אַזוי, האָט ער דאָך אַוודאי געדאַרפט מאַכן אַ פּרווו צו באַקומען געלט; ס'איז אוממעגלעך, אַז ער זאָל נישט קענען באַקומען אַ דריי אָדער פירטויזנט פראַנק. איבעריקנס, האָט דאָך לעאָן געקאָנט געבן זיין ערבות.

— גיי! פּרובּיר! איך מוז עס האָבן! לויף! באַמי דיך! איך וועל דיך אַזוי ליבן!

ער איז אַוועק. און ווען ער איז אין אַ שעה אַרום געקומען, האָט ער געזאָגט מיט אַ פייערלעכן טאָן:

— איך בין געווען ביי דריי מענטשן... אומזיסט מיין טירחה!

זיי זענען געבליבן זיצן אומבאַוועגלעך איינער קעגן

צווייטן בײַ ביידע זייטן פון קאַמין. און ער האָט קיין איינ-ציק וואָרט נישט אַרויסגערעדט. עמע האָט געצוקט מיט די אַקסלען און געטופּעט מיט די פיס. ער האָט געהערט, ווי זי שטאַמלט:

— ווען איך וואָלט געווען אויף דיין אָרט, וואָלט איך שוין יאָ באַקומען:

— ווו?

— אין דיין קאַנצעלאַריע!

און זי האָט אים אָנגעקוקט.

אַ העלישע דרייסטקייט האָט געשפּריצט פון אירע ברענענ-דיקע שוואַרצאַפּלען, און אירע ברעמען האָבן זיך אַראָפּגע-לאָזט מיט אַזויפיל תאווה און רייץ, אַז דער יונגערמאַן האָט דערפילט, ווי ער ווערט אָפּגעשוואַכט אונטערן שטומען ווילן פון דערדאָזיקער פרוי, וועלכע רעדט אים צו צו אַ פאַרברעכן. ער האָט זיך דערשראָקן, און כדי אויסצומיידן ווייטערדיקע דערקלערונגען, האָט ער זיך אַ קלאַפּ געטאָן אין שטערן, אויסרופנדיק:

— מאָרעל דאַרף קומען היינט ביינאַכט! איך האַלט, אַז ער וועט מיר נישט אָפּזאָגן (ס'איז געווען איינער פון זיי-נע פריינט, אַ זון פון אַ רייכן סוחר) און איך וועל דיר מאָרגן ברענגען דאָס געלט.

אַפּנים, אַז עמע האָט נישט אויפגענומען דידאָזיקע האָ-פענונגען מיט אַזויפיל שמחה, ווי לעאָן האָט זיך עס פאָר-געשטעלט. צי האָט זי פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ ליגן? מיט אַ רויטל אויפן פּנים האָט ער מוסיף געווען:

— דאָך, אויב איך וועל ביז דריי אַ זייגער נישט קו-מען, זאָלסטו אויף מיר נישט וואַרטן, מיין טייערע. נו, איך מוז גיין, אַנטשולדיק מיך, אַדיע!

ער האָט געדריקט איר האַנט, אָבער ער האָט געפילט, אַז זי איז פאַרגליווערט. עמע האָט שוין נישט געהאַט מער קיין כוחות אויף קיין שום געפילן.

ס'האָט געקלונגען פיר אַזייגער; און עמע האָט זיך אויפ-

געהייבן, כדי זיך צוריקצוקערן קיין יאָנוויל; זי האָט עס געטאָן, די אן אויטאָמאַט, אונטערוואַרפנדיק זיך דעם אימפּולס פון דער רגילות.

ס'איז געווען אַ שיינער ווינטער; ס'איז געווען איינער פון די קלאָרע, טרוקענע מערץ־טעג, ווען די זון שיינט אויף אַ העלן הימל. די רואַנער איינוווינער, אויסגעפּוצט אין יום־טוב־דיקע בגדים האָבן שפּאַצירט מיט גליקלעכע פּנימער. עמע איז ארויף אויפן פּלאַץ פון דער קאַטעדרע. דער אָוונט־געבעט האָט זיך פאַרענדיקט, דער עולם איז אַרויס דורך דריי ארויסגענג, ווי אַ טייך, וואָס טראָגט זיך דורך דורך דריי געוועלבן פון אַ בריק; און אומבאַוועגלעך, ווי אַ פעלז, איז אינמיטן געשטאַנען דער שמש.

און דעמאָלט האָט זי זיך דערמאָנט אָן דעם טאָג, ווען זי איז אַ פאַרדאגהטע און פול מיט האָפענונג אריינגעקומען אונטער דעמדאָזיקן גרויסן געוועלב, וועלכער האָט דעמאָלט אין איר אויגן אויסגעזען נישט אַזוי טיף, ווי איר ליבע; און זי האָט אָנגעהייבן צו שפּאַנען, וויינענדיק אונטער איר שלייער, אַ פאַרצווייפלטע, אַ וואַקלענדיקע, גרייט צו פאַלן אין חלשות.

— פאָרזיכטיק, — האָט זיך דערהערט אַ קול פון דעם אָפענעם טויער.

זי האָט זיך אָפּגעשטעלט, כדי אדורכצולאָזן אַ שוואַרצן פערד, וועלכער האָט געפאָרשקעט איינגעשפּאַנט אין אַ טילבערי, מיט וועלכן ס'האָט אָנגעפירט אַ הער אין אַ סאָבאָל־פוטער. ווער האָט דאָס געקענט זיין? זי האָט אים געקענט... דאָס עקיפּאַזשל האָט אַ פלי געטאָן און פאַרשוווּנדן געוואָרן.

יאָ, דאָס איז געווען דער וויקאָנט. זי האָט זיך ארומגעקוקט; די גאַס איז געווען פוסט. און זי האָט זיך געפילט אַזוי אָפּגעמאַטערט, אַזוי צעמישט, אַז זי האָט זיך אָנגעלענט אָן אַ וואַנט, כדי נישט אומצופאַלן.

נאָכדעם האָט זי אַ טראַכט געטאָן, אַז זי האָט זיך טועה געווען. זי האָט אַליין נישט געוווּסט, וואָס מיט איר טוט זיך. זי האָט געפילט אַ פוסטקייט אין זיך און אויסער זיך. זי האָט

זיך געפילט פאַרלוירן, גלייך ווי זי נידערט אַראָפּ אין אומ-ענדליכע תּהומות; און זי האָט זיך כמעט ווי דערפרייט, ווען זי האָט ביים „רויטן קרייץ" באמערקט דעם סימפּאטישן אָמע, וועלכער איז געשטאַנען און אַכטונג געגעבן, ווי מ'ן לייגט ארויף אויף דער „שוואַלב" א קאַסטן מיט מעדיקאַמענטן. איינ-געוויקלט אין אַ טוך, האָט ער אין דער האַנט געהאַלטן זעקס ברויטלעך פאר זיין ווייב.

די מאַדאַם אָמע האָט שטארק ליב געהאַט דידאָזיקע קליי-נע הארטע ברייטלעך, אין דער פאָרם פון אַ טיורבאַן, וואָס מען עסט אין פאָסט מיט געזאַלצענע, פּוטער, — דער לעצטער מוס-טער פון די גאָטישע מאכלים, און, מעגלעך, אז דאָס איז נאָך געבליבן אַ זכר פון קרייץ-צוג-צייטן; מיט זיי האָבן זיך מסתּם געמאָל אָנגעשטאָפּט די פעסטע נאָרמאַנער, וועלכע האָבן זיך געמאָלט אויף טיש, צווישן דעם שיין פון געלע שטורקאַצן, צווישן קריג מיט געוואָרעמטן ווין און ריזיגע קאַלבאַסעס, זעען זיי גאָרנישט קיין ברויטלעך, נאָר סאַ-ראַצינער קעפּ, כּדי אויפצופרעסן. דעם אַפּטייקערס ווייב האָט זיי גע-קריזשעט, פּונקט ווי זיי, דרייסט, נישט געקוקט אויף אירע שלעכטע ציין, און יעדעס מאָל, ווען אָמע איז געפאָרן אין שטאָט, האָט ער כּסדר מיטגעבראַכט דידאָזיקע ברייטלעך, קויפנ-דיק זיי ביים גרעסטן בעקער, אויף דער מאַסאַקר-גאַס.

— כ'בין שטארק צעפריי'ט, וואָס איך זע אייך! — האָט ער געזאָגט, שטעקנדיק די האַנט עמען, כּדי איר העלפן ארייינצו-שטייגן אין דער „שוואַלב".

נאָכדעם האָט ער אָנגעהאָנגען די ברויטלעך אויף די רימענס פונם אָמניבוס און, דעם קאָפּ אַנטבלויזט, די הענט געקרייצט, האָט ער זיך אַנידערגעזעצט אין דער פאַרטראַכטער נאַפּאָלעאָן-פּאָזע.

ווען דער בלינדער האָט זיך, ווי געוויינלעך, באַוויזן אונטערן באַרג, האָט אָמע זיך אָנגערופן:

איך קען נישט פאַרשטיין, ווי די מאַכט טאָלערירט נאָך אַזעלכע פאַרברעכערישע פּראַפעסיעס! מען דאַרף פאַרשליסן

דעמדאָזיקן אומגליקלעכן און אים צווינגען, ער זאָל זיך נע־מען צו עפּעס אַן אַרבעט. דער פּראָגרעס, אויף מיין ערנ־וואָרט, רוקט זיך מיט טריט פון אַ שילדקרעט. מיר בראָדזשען נאָך אַלץ אין דער עפּאָכע פון באַרבאַריזם!

דער בלינדער האָט אויסגעשטרעקט זיין הוט, וועלכער האָט זיך אונטערגעשאָקלט ביים זוים פון דער טירל, ווי אַ שטיקל אָפּגעריסענער טאַפּעט.

— אָט האָט איר דעם אמתן שקראָפל!

און הגם ער האָט גוט געקענט דעמדאָזיקן שנאָרער, דאָך האָט ער זיך געמאַכט, ווי ער זעט אים איצט צום ערשטן מאָל און האָט געמורמלט דידאָזיקע ווערטער: ה אָ ר ן - ג ע־וו ע ב, א ו מ ד ו ר כ ז י כ ט י ק ע ר ה אָ ר ן, ס ק ל ע ר אָ־ט י ק, ק ר י ש ט אַ ל י ק ע ס; נאָכדעם האָט ער געפרעגט מיט אַ העפלעכן טאָן:

— שוין לאַנג, מיין פריינט, טראָגסטו דיך אַרום מיט דער שרעקלעכער מחלה? אָנשטאָט צו וואַלגערן זיך אין שענק, וואָלסטו בעסער אָפּגעהיט אַ דיעטע.

ער האָט אים צוגערעדט צו טרינקען גוטן וויין, גוטע ביר, גוטע פלייש. דער בלינדער האָט כסדר געזונגען זיין לידעלע; ער האָט געהאַט אַן אויסזען פון אַן אידיאָט. ענדלעך, האָט מסיע אָמע אויפגעעפנט זיין בייטל.

— נאַ דיר אַ סו, גיב מיר צוויי ליאַרן רעשטע; און פאַרגעס נישט מיינע עצות, זיי וועלן דיר העלפן.

היוועך האָט זיך דערלויבט אויפן קול אויסצודריקן זיין ספק בנוגע דער ווירקונג פון זיינע עצות. אָבער דער אַפּטיי־קער האָט געחזרט, אַז ער וועט אים אליין אויסהיילן מיט דער הילף פון אַן אַנטיפלאָגיסטישער פּאָמאַדע, זיין אייגענע דערפינדונג; און ער האָט אים געגעבן זיין אַדרעס:

— מסיע אָמע, לעבן מאַרק, אַלע ווייסן.

— נו, און פאַר דער טירחה, — האָט היוועך געזאָגט, — ווייז אונדז עפּעס אַ קונץ.

דער בלינדער האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויף די פּיענטעס

און, פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אַהינטער, האָט ער געקווילערט מיט זיינע בלויע אויגן, אַרויסגערוקט דעם צונג, מיט ביידע הענט זיך געריבן דעם בויך און גלייכצייטיק אַרויסגעלאָזט אַ פאַרשטיקטע ריטשעריי, פונקט ווי אַן אויסגעהונגערטער הונט. פול מיט עקל צו דעמדאָזיקן פאַרשוין, האָט עמע אים איבערן אַקסל אַ וואָרף געטאָן אַ פינף-פראַנקשטיק, דאָס איז געווען איר גאַנץ פאַרמעגן: זי איז געווען זייער צופרידן פון דעמדאָזיקן זשעסט אירן.

דער אָמניבוס איז שוין ווייטער אָפּגעפאָרן, ווי מיטאַמאָל האָט זיך אָמע אַרויסגערוקט דורכן פענסטערל און אַ געשריי געטאָן:

— קיין שום ווייצן-און-מילך-מאַכלים! טראָגן וואָלענע זאַכן אויפן לייב און אונטערשטעלן די קראַנקע ערטער אונ-טערן רויך פון סכך-יאַגדעס!

דאָס בילד פון די באַקאַנטע זאַכן, וועלכע זענען פאַר-ביי געלאָפן פאַר זייערע אויגן, האָבן עמען אַ ביסל געמאַכט פאַרגעסן פון אירע צרות. זי האָט זיך געפילט שטאַרק אָפּגע-מאַטערט און זי איז אָנגעקומען אַהיים, אַ דערשלאָגענע, אַן אויסגעפייניקטע, כמעט פאַרשלאָפן.

— זאָל זיין, וואָס ס'וויל זיך! — האָט זי צו זיך געזאָגט. איבעריקנס, ווער ווייסט? ס'קען נאָך אַמאָל פאַסירן אַן אויסערגעוויינלעכער צופאַל! ס'קען נאָך פאַסירן, אַז לערע זאָל שטאַרבן!

ניין אַ זייגער אינדערפרי איז זי געוואָרן אויפגעוועקט פון קולות, וואָס האָבן זיך געהערט פון מאַרק. דאָרט האָט זיך פאַרזאַמלט אַ גרויסער עולם און געליינט אַ גרויסן אַפיש, צוגעקלעפּט צו אַ סלופּ; זי האָט געזען, ווי זשיסטען האָט זיך אויפגעשטעלט אויף אַ קלעצל און אַראָפּגעריסן דעם אַפיש. אָבער אין דערזעלבער רגע האָט אַ פּאָליציאַנט אים אָנגעכאַפּט פאַרן קאָלנער. מסיע אָמע איז אַרויס פון אַפטייק, און די מוטער לעפראַנסואַ האָט, אַ פּנים, געדרשנט צווישן עולם.

— מאַדאם! מאַדאַם! — האָט פעליסיטע אויסגערופן, אריינקומענדיק. — ס'אַרא נידערטרעכטיקייט!

און א צעחושטע, האָט איר דאָס אָרעמע מיידל דערלאַנגט אַ געל פּאַפּיר, וואָס זי האָט אַראָפּגעריסן פון דער טיר. אין איין אויגנבליק האָט עמע איבערגעלייענט, אַז דאָס גאַנצע מעבל ווערט פאַרקויפט.

שטילערהייט האָבן זיי זיך ביידע איבערגעקוקט. די דינסט און די באַלעבאָסטע האָבן קיין שום סעקרעטן נישט געהאַט צווישן זיך. ענדלעך האָט פעליסיטע מיט אַ זיפץ אַ זאָג געטאָן:

— ווען איך וואָלט געווען אויף אייער אָרט, מאַדאַם, וואָלט איך מיך געווענדעט צו מסיע גיליאָמען.

— דו רעכנסט אַזוי?

דידאָזיקע שאלה האָט באַטייט:

— דו, וועלכע ווייסט פונם דינער, וואָס ס'טוט זיך דאָרט אין הויז, צי האָסטו אפשר געהערט, אַז דער באַלעבאָס זאָל האָבן עפּעס גערעדט וועגן מיר?

— יאָ, גייט אַהין, ס'וועט גוט זיין.

זי האָט זיך אויסגעפּוצט, אָנגעטאָן איר שוואַרץ קלייד מיט איר מאַנטל, באַפּוצט מיט דזשעטעס; און כדי מען זאָל זי נישט באַמערקן (ווייל ס'זענען תמיד געווען אַ סך מענטשן אויפן מאַרק), איז זי אַרויס הינטערן שטעטל און אַוועק מיטן שטעגל ביים טייך.

אַ פאַרסאַפּעטע איז זי צוגעקומען צום פורטקע פון נאָטאַריוס; דער הימל איז געווען טריב און אַ קליינער שניי איז געפאַלן.

ווען זי האָט אָנגעקלונגען, האָט זיך טעאָדאָר אין אַ רויטער קורטקע באַוויזן אויפן גאַנעק; ער האָט איר אויפגעעפנט די טיר מיט אַ העפלעכער מינע, ווי אַן אַלטער באַקאַנטער, און ער האָט זי אַריינגעפירט אין עס-צימער.

אַ גרויסער קאַכלנער אויוון האָט געברוישט אונטער אַ קאַקטוס, וועלכער האָט אָנגעפילט די גאַנצע נישע; און אין

דאמען פון שווארצן האָלץ אויף טאַפּעטן מיט דעמב־צייכענונגען
איז געהאָנגען שטייבענס „עסטערהאָלדע״, און שאָפּענס „בוטיפרה״.
דער סערווירטער טיש, צוויי זילבערנע פאַנען, די קרישטאָלענע
קליאַמקעס פון די טירן, דער פּאַרקעט און דאָס מעבל, — אַלץ
האָט געגלאַנצט מיט אַן עכט ענגלישער ריינקייט. די שויבן
זענען אין די ווינקלען געווען באַצירט מיט קאָלירטן גלאָז.

— אָט דאָס הייסט אַן עס-צימער, — האָט עמע גע-
טראכט, — אַזעלכן וואָלט איך געדאַרפט האָבן.

דער נאָטאַריוס איז אַריינגעקומען. מיט זיין לינקער
האַנט האָט ער צוגעדריקט צו זיין ברוסט דעם שלאָפראָק, געמוסטערט
אין פּאַלמען און מיט דער רעכטער האַנט האָט ער שנעל אַראָפּ-
גענומען און צוריק ארויפגעטאָן אַ היטל פון ברוינעם סאַמעט,
וועלכע איז געווען ווילעריש אַראָפּגערוקט אויף דער רעכטער
זייט; פון אונטערן היטל זענען אַראָפּגעהאָנגען דריי בלאָנדע
לאָקנדלעך, וועלכע האָבן אַרו. גערינגלט זיין פּליכעוואַטן קאָפּ.

נאָכדעם, ווי ער האָט איר דערלאַנגט אַ שטול, האָט ער
זיך אַליין אַוועקגעזעצט פרישטיקן, בעטנדיק מחילה פאַר זיין
נישט העפלעכקייט.

— מסיע, — האָט זי געזאָגט, — איך האָב צו אייַך אַ
בקשה...

— וועגן וואָס, מאַדאַם? איך הער.

זי האָט אים אָנגעהייבן שילדערן איר לאַגע.

מסיע גילאָמען האָט איר געקענט, וויל בשתיקה איז
ער געווען פאַרבונדן מיטן סוחר לערע, ביי וועמען ער האָט
תמיד באַקומען הלוואות אונטער היפּאָטעקן פאַר זיינע קליענטן.

אַלזאָ, ער האָט געוווסט בעסער פון איר די לאַנגע געשיכטע
מיט די וועקסלען, צוערשט קליינע, טראָגנדיק אויף זיך פאַרשי-
דענע אונטערשריפטן, אויסגעשטעלט אויף לאַנגע דאטעס, דער-
נאָך, ווי מען האָט פאַרלענגערט די טערמינען ביז צו דער
צייט, ווען דער סוחר לערע האָט אויפגעזאַמלט אַלע פּראָטעסטן
און זיי איבערגעגעבן זיין פריינט ווענסאַר, כדי ער זאָל, אין

זיין גאָמפן, זיי אויפמאָנען, נישט וועלנדיק זיך אליין ארויס-שטעלן פאר אן אכזר צווישן זיינע לאנדסלייט.

דערציילנדיק די גאנצע מעשה פון אָנהייב ביזן סוף, האָט זי געשאָטן פעך און שוועבל אויף לערען, אויף וואס דער נאָ-טאריוס האָט פון צייט צו צייט אָפּגעענטפערט מיט א נישט וויכ-טיקער באמערקונג. עסנדיק דעם קאָטלעט און פארטרינקענדיק מיט טיי, האָט ער פארשטעקט זיין גאָמבע אין זיין הימל-בלויען קראוואט, צונויפגעטשעפּעט מיט צוויי בריליאנטענע שפּילקעס, וועלכע זענען געווען פארייניקט מיט א גאָלדן קייטעלע, און ער האָט געשמייכלט מיט אן אויסטערלישן זיסן צווייד׳יטיקן געלעכ-טערל. אָבער באמערקנדיק, אז זי האָט פייכטע פיס, האָט ער געזאָגט:

— גייט צו צום אויוון... נענטער... העכער... אויף די קאכלעס.

זי האָט מורא געהאט איינצושמוצן די קאכלעס. דער נאָ-טאריוס האָט זיך אָנגערופן מיט א העפלעכן טאָן:

— שיינע זאכן קענען קיין שום שאָדן נישט מאכן.

דעמאָלט האָט זי געוואָלט אים רירן; און, צעהיצט זיך, האָט זי אים דערציילט וועגן דעם טרויערדיקן מצב ביי איר אין שטוב, וועגן איר באאומרויקונג, וועגן איר נויט. ער האָט עס אַזוי פארשטאנען: אַזעלכע ווערטער פון אזא עלעגאנטער פרוי! און, נישט אָפּרייסנדיק זיך פון עסן, האָט ער זיך אויסגעדרייט צו איר, אויף אַזויפיל, אז מיט דער קני האָט ער זיך צוגערירט צו איר שוך, ביי וועלכן די פּאָדעשווע האָט זיך אויסגעבויגן און גערויכערט פון דער היץ.

אָבער ווען זי האָט ביי אים געבעטן טויזנט רענדלעך, האָט ער אויפגעדריקט די ליפּן, נאכדעם אויסגעדריקט זיין גרויסע באדויערונג, וואס זי האָט אים בשעתו נישט אָנפארטרויט די אָנפירונג פון איר פארמעגן, ווייל ס׳זענען געווען טויזנטער גוטע מיטלען, וויאַזוי א פרוי זאָל אפילו קענען גוט אויסנוצן איר קאפּיטאל. מען האָט געקענט אָן שום ריזיקע א שפּעקולירן טאָן מיט גרונטעגילער טאָרף-פעלדער, אָדער מיט

באָדן ביים האַווור; ער האָט איר שטאַרק צערייצט מיט די פּאַנטאַסטישע סומעס וואָס זי האָט געקענט פאַרדינען.

— פאַרוואָס זענט איר נישט געקומען צו מיר? - האָט ער געפרעגט.

— איך ווייס אַליין נישט, פאַרוואָס.

— פאַרוואָס? צי האָט איר זיך געשראָקן פאַר מיר? אדרבה, איך האָב מיך געדאַרפט באַקלאָגן! מיר קענען זיך כמעט נישט! און דאָך בין איך אייך זייער איבערגעגעבן: איך מיין, אַז איר צווייפלט נישט דערין?

ער האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט, אָנגעכאַפּט אירע, גייציק אַ קוש געטאָן, נאָכדעם אַוועקגעלייגט איר האַנט אויף זיין קני; און ער האָט זיך געשפּילט מיט אירע פינגער, באַשיטנדיק זי מיט טויזנטער קאָמפּלימענטן.

זיין זיסע שטימע האָט געריזלט, ווי אַ טייך, וואָס פליסט; פונקען האָבן געגלאַנצט אין זיינע אויגן דורך זיינע ברילן, און זיינע פינגער האָבן זיך געררוקט אין עמעס אַרבל, כדי צו גלעטן אירע אָרעמס. זי האָט דערשפּירט אויף איר באַק זיין שנעלן אָטעם. דערדאָזיקער מענטש האָט אין איר אַרויסגערופן פון עקל.

זי האָט זיך אַ הייב געטאָן און אַרויסגערעדט:

— מסיע, איך וואַרט!

— אויף וואָס? — האָט דער נאָטאַריוס אַ פרעג געטאָן, ווערנדיק בלאַס.

— אויף דעם געלט.

— אָבער...

אָבער אַ באַהערשט פון שטאַרקער תאווה, האָט ער אָפּגעענטפערט:

— יאָ, גוט!...

ער איז נעקראָכן צו איר אויף די קני, פאַרגעסנדיק פון זיין שלאָפראָק.

— האָט רחמנות, בלייבט! איך ליב אייך!

ער האָט זי אָנגעכאַפּט פאַר דער טאַליע.

אַ רויטער פלאַם האָט באַגאָסן מאַדאַם באָוואַריס פּנים. זי האָט אָפּגעטראָטן מיט אַ שרעקלעכן אויסזען, שרייענדיק:

— איר נוצט אויס אויף אַ שענדלעכן אופן מיין טרויערדיקן מצב, מסיע! איך בין צו באַדויערן, אָבער נישט צו פאַרקויפן!

און זי איז אַרויס.

דער נאָטאַריוס איז געבליבן שטיין אַ געפּלעפטער, מיט די אויגן צוגעשמידט אויף זיינע שיינע אויסגענייטע פּאַנטאָפל. דאָס איז געווען אַ ליבע-מתנה, וואָס ער האָט באַקומען. קוקנדיק אויף זיי, האָט ער זיך ענדלעך באַרויקט. איבעריקנס, האָט ער זיך באַרעכנט, אַז אַזאַ אַוואַנטורע האָט אים געקענט ווייט פאַרשלעפן.

—ס'אַראַ אויסוואורף! ס'אַראַ גראָבע בריאה!... ס'אַרא פרעכקייט! — האָט עמע צו זיך געזאָגט, לויפנדיק מיט נערוועזע טריט לעבן די יאַשען-ביימער פונם וועג. די אַנטטוישונג, וואָס איר מפּלה האָט אַרויסגערופן, האָט פאַרשטאַרקט דעם כעס פון איר באַליידיקטער שעמעוודיקייט; ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז איר מזל פאַרפאָלגט זי, און, אָננעמענדיק זיך מיט גאווה, האָט זי קיינמאָל נאָך נישט געפילט אַזויפיל אָפּשונג צו זיך און אַזויפיל שנאה צו אַנדערע. זי איז געוואָרן קריגעריש געשטימט. זי האָט געוואָלט שלאָגן מענער, שפייען זיי אין פּנים אַריין, צעררייסן זיי אויף שטיקער; און זי איז געגאַנגען שנעל פאָרויס, בלאַס, אויפגערעגט, געציטערט, נישטערנדיק מיט פאַרוויינטע אויגן דעם פוסטן שטח, פונקט ווי זי וואָלט געהאַט הנאה פון דער שנאה, וואָס האָט איר געשטיקט.

ווען זי האָט דערזען איר הויז, איז זי געבליבן שטיין, ווי אַ פאַרגליווערטע. זי האָט נישט געקענט גיין ווייטער, אָבער ס'העלפט נישט. וווּהין זאָל זי דען לויפן?

פעליסיטע האָט איר אָפּגעוואַרט ביי דער טיר

— נו, וואָס הערט זיך?

— ניין! — האָט עמע געזאָגט.

און בערך אַ פערטל שעה האָבן זיי ביידע אויסגערעכנט פאַרשידענע פערזאָנען פון יאָנוויל, וועלכע וואָלטן איר אפשר

געקענט חעלפן. אָבער יעדעס מאָל, ווי פעליסיטע האָט עטעצן אָנגערופן, האָט עמע געחזרט:

— ס'וועט גאָרנישט זיין! זיי וועלן נישט געבן!

— און דער הער, וועלכער קומט באַלד אָן!

— איך ווייס שוין... לאָז מיך איבער איינע אַליין.

זי האָט שוין אַלץ אויסגעפרוּווט. איצט איז שוין נישט פאַרבליבן קיין שום עצה, און ווען שאַרל וועט קומען, וועט זי צו אים זאָגן:

— גיי אַוועק. דערדאָזיקער טעפּיך, אויף וועלכן דו טרעטסט, איז שוין גישט אונדזערער. אין דיין הויז האָסטו שוין מער נישט קיין מעבל, קיין שפּילקע, קיין שטרויעלע, און דאָס האָב איך דיך רואינירט, אומגליקלעכער מענטש!

ער וועט זיך דעמאָלט פאַנאַנדערוויינען, גיסן ביטערע טרערן, אָבער שפּעטער וועט דער גרויל אַריבער, און ער וועט איר מוחל זיין.

— יאָ, — האָט זי געשטאַמלט, סקריפּענדיק מיט די ציין, — שאַרל וועט מיר מוחל זיין, ער, וועלכן איך וואָלט פאַר קיין מיליאָן נישט מוחל געווען דאָס, וואָס ער האָט מיך בשעתו דערקענט... קיינמאָל! קיינמאָל!

דער געדאַנק, אַז איר מאַן שטייט העכער פון איר, האָט איר שטאַרק אויפגערעגט. חוצדעם, צי זי וועט זיך איצט מודה זיין, אָדער ניין, אַלצאיינס וועט ער זיך פריער אָדער שפּעטער דערוויסן וועגן דער קאַטאַסטראָפע; אַלזאָ, דאַרף מען וואַרטן אויף דערדאָזיקער שרעקלעכער סצענע, און אי־בערטראָגן די לאַסט פון זיין גרויסמוטיקייט. ס'האָט זיך אין איר דערוועקט אַ געדאַנק ווידער אַוועקצוגיין צו לערען. אָבער נאָך וואָס? שרייבן אַ בריוו צו איר טאַטן? אָבער ס'איז שוין צו שפּעט. און ווער ווייסט, צי זי האָט נישט חרטה געהאַט דערויף, וואָס זי האָט זיך יענעם נישט אָפּגעגעבן... זי האָט פּלוצלונג דערהערט טריט פון אַ פערד אין דער אַלעע. דאָס איז ער געווען; שאַרל האָט אויפגע־עפנט די פורטקע און איז געווען בלאַסער פון קאַלך. זי האָט

זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די שטיגן און איז שנעל אַרויף-אויפן מאַרק; און דעם מערס ווייב, וועלכע האָט געשמועסט פאַרן קלויסטער מיט לעסטיבודואַן, האָט געזען, ווי זי איז אַריין צום אינקאַסענט פון די שטייערן.

מאַדאַם טיוואַש איז אַוועקגעלאָפן דערציילן דערפון דער מאַדאַם קאַראָן. ביידע דאַמען זענען אַרויף אויפן בוידעם און פאַרבאַהאַלטן זיך אונטער די וועש, וואָס איז געהאָנגען אויף שטעקנס; יי האָבן זיך אַנידערגעשטעלט קוקן, וואָס ס'טוט זיך ביי בינען.

ער איז געווען איינער אַליין אין זיין מאַנסאַרדע, קאָ-פירנדיק אויף האָלץ איינע פון די יעניקע אומבאַשרייבלעכע העלפאַנדביין - צאַצקעס, וועלכע זענען צוזאַמענגעשטעלט פון האַלבע לבנות און פון קייקעלעך איינס אין צווייטן; דאָס אַלץ ציט זיך אויף איין ליניע, ווי אַן אָבעליסק און ס'טויג צו גאָרנישט; ער האָט שוין אָנגעהייבן די לעצטע זאַך, און געהאַלטן ביים סוף. אין האַלב-טונקעלן וואַרשטאַט האָט אַ געלער שטויב זיך געצויגן פון זיין הובל, ווי אַ סנאָפּ פונקען אונטער די קאָפּיטעס פון אַ פעדד אין גאַלאָפּ; צוויי רעדער האָבן זיך געדרייט און געזשומעט; בינע האָט געשמייכלט, די גאָמבע אַראָפּגע-לאָזט, די נאָזלעכער אָנגעבלאָזן און געמאַכט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט געווען פאַרזונקען אין טיפן גליק; דאָס איז בלי ספק אַ מעסיקע אייגנשאַפט, וואָס ווײלט דעם פאַרשטאַנד ביים באַזייטיקן לייכטע שוועריקייטן און באַרויקן אים, בעת מען פאַרווירקלעכט אַ טרוים, נאָך וועלכן ס'בלייבט שוין גאָרנישט איבער צו טרוימען.

— אַך, אָט איז זי! — האָט געזאָגט די מאַדאַם טיוואַש.

אָבער צוליבן זשוזשען פון וואַרשטאַט איז אוממעגלעך געווען עפּעס צו דערהערן.

ענדלעך האָט זיך די פרויען אויפן בוידעם אויסגעראַכט אַז זיי הערן דאָס וואָרט פ ר אַ נ ק, און די מוטער טיוואַש האָט אַ שעפּטשע געטאָן:

— זי בעט אים אָפּצופֿליגן די שטייערן.

— בלויז אַן אָנשטעל! — האָט די צווייטע אָפּגע־ענטפערט.

זיי האָבן געזען, ווי זי שפּרייזט ארום הין און צוריק איבערן צימער, באַטראַכטנדיק אויף די ווענט די רינגעלעך צו די סערוועטקעס, די לייכטער, די קייקעלעך צו די פּאָרענטשעס; ביגע האָט מיט צעפרידנקייט זיך געגלעט די באָרד.

— צי איז זי נישט געקומען אמאָל צו אים עפּעס באַ־שטעלן? — האָט די מאַדאַם טיוואַש געזאָגט.

— אָבער ער פּאַרקויפט דאָך גאָרנישט, — האָט די צווייטע אָפּגעענטפערט.

בינע האָט, אַפּנים, זי אויסגעהאָרכט, אָבער ער האָט אויס־געגלאָצט אַ פּאָר אויגן, ווי ער וואָלט גאָרנישט פאַרשטאַנען. ער האָט כסדר גערעדט אויף אַ צאַרטן, נעבעכדיקן אופן. זי האָט זיך צו אים דערנענטערט; איר ברוסט האָט זיך געהייבן; זיי האָבן געשוויגן.

— זי לייגט אים אפשר פּאָר אַן „אַוואַנס״? — האָט די מאַדאַם טיוואַש געזאָגט.

בינע איז געווען רויט איבער די אויערן. זי האָט אָנ־געכאַפּט זיינע הענט.

— אַך! דאָס איז שוין צופיל.

זי האָט אים מסתּם פּאָרגעלייגט אַ נידערטרעכטיקייט, ווייל דער אינקאַסענט פון שטייערן (און געווען איז ער זיי־ער דרייסט, ער האָט אָנטייל גענומען אין קאַמף ביי באַוצען און לוטצען, ער האָט דורכגעמאַכט די פראַנצויזישע קאַמפּאַניע, האָט אַפילו קאַנדידאַטירט אויף אַ קרייץ), האָט פּלוצלונג אָפּ־געטראָטן, פונקט ווי ער וואָלט דערזען אַ שלאַנג און האָט אויסגערופן:

— מאַדאַם! צי האָט איר אַ טראַכט געטאָן?..

— מען דאַרף שמייסן אַזעלכע פרויען! — האָט מאַדאַם טיוואַש געזאָגט.

— ווו איז זי מיטאַמאָל אַהינגעקומען? — האָט געפרעגט מאַדאַם קאַראָן.

ווייל בעת דידאָזיקע ווערטער איז זי פאַרשוווּנדן געוואָרן; נאָכדעם, פּאַמעלעכדיק, אַז זי גייט אויף דער גראַנד-גאַס און פאַרקערעוועט אויף רעכטס, פּונקט ווי זי וואָלט זיך געלאָזן צום בית-עלמין, האָבן ביידע פרויען זיך פאַרלוירן אין חשערות.

— מוטער ראָלע, — האָט זי געזאָגט, אָנקומענדיק צו דער אַם, — איך שטיק מיך!... שנורעוועט מיר פאַנאַנדער.

זי איז אַנידערגעפאַלן אויפן בעט; זי האָט ספּאַזמירט. די מוטער ראָלע האָט איר איבערגעדעקט מיט אַ קלייד און געבליבן שטיין לעבן איר. זעענדיק, אַז זי ענטפערט נישט, האָט זיך די אַם דערווייטערט, זיך געזעצט לעבן שפּין-ראָד און אָנגעהייבן שפּינען.

— אַך! פאַרענדיקט שוין אַמאָל, — האָט זי געשטאַמלט, מיינענדיק, אַז זי הערט בינעס וואַרשטאַט.

— וואָס איז מיט איר? — האָט די אַם געטראַכט. — פאַרוואָס איז זי אַהער געקומען?

זי איז געקומען צולויפן, אויס פּחד צו בלייבן אין שטוב.

ליגנדיק אומבאַוועגלעך אויף דער פּלייצע מיט אַ פאַרגליווערטן בליק, האָט זי מיט פאַרנעפּלטע אויגן באַטראַכט אַלע זאַכן, חגם זי האָט אויף זיי צוגעפעסטיקט איר אויפמערקזאַמקייט מיט אַן אידיאָטישער דויערהאַפטיקייט. זי האָט באַטראַכט די שפּאַלטן אין וואַנט, צוויי ברענענדיקע גלאָוויעס און אַ גרויסן שפּין, וועלכער האָט זיך געצויגן איבער איר קאָפּ אין אַ שפּאַלט פון אַ באַלקן. ענדלעך איז זי געקומען צו זיך. זי האָט זיך דערמאָנט... איינמאָל מיט לעאָנען... אַך! ווי לאַנג דאָס איז שוין... די זון האָט געשיינט אויפן טייך און די פיאַלקעס האָבן געשמעקט... און אַוועקגעטראָגן ווייט

אין אירע ערינערונגען, פונקט ווי אין אַ וואַסער-ווירבל, האָט זי זיך שנעל דערמאָנט וועגן דעם נעכטיקן טאָג.

— ווי שפּעט איז? — האָט זי געפרעגט.

די מוטער ראָלע איז אַרויסגעגאַנגען, אויפגעהייבן די פינגער פון דער רעכטער האַנט, ווו דער הימל איז געווען העלער און איז רויק אריין צוריק, זאָגנדיק:

— אינגיכן דריי אַ זייגער.

— איך דאַנק! דאַנק!

ווייל ער וועט באַלד אָנקומען. ס'איז זיכער! ער וועט שאַפן געלט. אָבער אפשר וועט ער גיין אַהין, נישט אָנשלאָגנדיק זיך, אַז זי איז דאָ; און זי האָט געשיקט דער דינסט, זי זאָל אים ברענגען.

— איילט אייך!

— איך גיי שוין! איך גיי שוין, מיין טייערע.

איצט האָט זיך עמע געוווּנדערט, פאַרוואָס זי האָט וועגן אים פריער נישט אַ טראַכט געטאָן; ערשט נעכטן האָט ער איר געגעבן אַ וואָרט, וועלכן ער וועט בלי ספק האַלטן; און זי האָט זיך שוין געזען ביי לערען אין שטוב, ווו זי לייגט אַנידער דריי באַנקנאָטן. און שפּעטער דאַרף מען אויסטראַכטן דעם מאַן אַ געשיכטע, כדי צו באַרעכטיקן אירע מעשים. אָבער וואָס?

די אָם איז אַזוי גיך נישט געקומען. אַזוי ווי אין דער כאַטקע איז נישט געווען קיין זייגער, האָט עמע מורא געהאַט, אַז זי טרייבט אפשר איבער דעם דויער פון דער פאַרגאַנגענער צייט. זי איז אַרויס אין גאָרטן און אָנגעהייבן דאָרט אַרומשפּאַצירן טריט ביי טריט; זי איז אַוועק מיטן וועגל לענגאויס דעם פלויט און זי האָט זיך שנעל צוריקגעקערט, מיינענדיק, אַז די אָם איז שוין אָנגעקומען דורך אַן אַנדערן וועג. ענדלעך, אָפּגעמאַטערט צו וואַרטן, גענאָגט פון די פאַרדאַכטן, וועלכע זי האָט פון זיך געטריבן, נישט וויסנדיק, וויפל צייט זי געפינט זיך דאָ, צי גאַנצע הונדערט יאָר, צי א רגע, האָט זי זיך אַנידערגעזעצט אין אַ ווינקל, צוגעמאַכט די אויגן און פאַרשטאָפּט די אויערן. די פורטקע האָט אַ סקריפּ געטאָן; עמע איז אויפגעשפּרונגען פון איר אָרט:

אָבער איידער זי האָט נאָך אָנגעהייבן צו רעדן, האָט די מו־טער ראָלע צו איר געזאָגט:

— ביי אייך אינדערהיים איז קיינער נישטאָ!

— וואָס הייסט קיינער?

— אָך! קיינער! דער הער ווײנט. ער רופט אייך. מען זוכט אייך.

עמע האָט נישט אָפגעענטפערט.

זי האָט זיך געשטיקט, דרייענדיק די אויגן אַרום זיך, בעת די פויערטע, דערשראָקן פון איר פּנים, האָט אינסטינקטיוו אָפּגעטראָטן, מיינענדיק, אַז זי איז משוגע. פּלוצלונג האָט זיך עמע אַ קלאַפּ געטאָן אין שטערן, אַרויסגעלאָזט אַ געשריי, ווייל די ערינערונגען וועגן ראָדאָלפן האָבן זיך דורכגעטראָגן אין איר נשמה, ווי אַ בליץ אין אַ פינסטערער נאַכט. ער איז דאָך גע־ווען אַזוי גוט, אַזוי דעליקאַט, אַזוי איידל. און איבעריקנס, אויב ער וועט זיך וואַקלען, וועט זי אים קענען צווינגען, ער זאָל איר טאָן אַ טובה, דערמאָנענדיק אים וועגן זייער פאַרלוי־רענער ליבע. זי איז אַוועק אין דער ריכטונג צו הושעט, נישט באַרעכענענדיק זיך, אַז זי לויפט, כּדי זיך אָנצושטויסן דערויף, וואָס ס'האָט איר דאָ נישט לאַנג אַזוי אויפגערעגט; זי האָט אפילו אויך קיין טראַכט נישט געטאָן, אַז דאָס איז דיזעלבע פּראָ־סטיטוציע.

VIII

גייענדיק, האָט זי זיך געפרעגט: „וואָס וועל איך אים זאָגן? פון וואָס וועל איך אָנהייבן?" און לפּי־ערך ווי זי האָט זיך באַוועגט פאָרויס, האָט זי דערקענט די קוסטעס, די ביימער, די ים־שטעקעלעך אויפן היגל אין ראָדאָלפס שלאָס. זי האָט איצט איבערגעלעבט די געפילן פון איר ערשטער

ליבע. און איר אָרעם אָפּגעמאַטערט האַרץ האָט געקוואָלן פון תענוג. אַ וואַרעם ווינטל האָט איר אַ בלאָז געטאָן אין פּנים אַריין; דער שניי האָט זיך געשמאָלצן און טראָפּן ביי טראָפּן געפאַלן פון די צווייגן אויפן גראָז.

פונקט ווי אַמאָל, איז זי אַריין דורך אַ קליין טירל פון פּאַרק, נאָכדעם איז זי אַרויף אויפן הויפּט-הויף, וועלכער איז געווען באַדעקט מיט אַ טאָפּעלער ריי פון געדיכטע ליפּעס. ווייערע לאַנגע צווייגן האָבן זיך מיט אַ פּייפעריי געוויגט. די הינט אויף די קייטן האָבן זיך פאַנאַנדערגעבילט, אָבער נישט געקוקט אויף זייער געוואַלדיקער בילעריי, האָט זיך קיינער נישט באַוויזן.

זי איז אַרויף אויף די ברייטע גלייכע שטיגן מיט הילצערנע פּאָרענטשעס, וועלכע האָבן געפירט צום קאָרידאָר, באַדעקט מיט שטויביקע פּליטעס, פון וועלכן ס'האָבן זיך געצויגן עטלעכע צימערן, פונקט ווי אין קלויסטערס אָדער אין אכסניות. ווען זי האָט אָוועקגעלייגט איר האַנט אויף דער טיר-קליאַמקע, האָבן איר די כוחות פאַרלאָזט. זי האָט זיך געשראָקן, ער זאָל אַמאָל דאָרט נישט זיין. זי האָט עס אפשר געוואָלט, און דאָך איז עס געווען איר איינציקע האָפענונג, איר איינציקע ישועה. זי האָט זיך געשטאַרקט, און אָנשעפנדיק מוט אינם געפיל פון דער איצטיקער נויטווענדיקייט, איז זי אַריין.

ראָדאָלף איז געזעסן פארן קאַמין, געוואַרעמט די פיס און געריכערט אַ ליולקע.

— אַך, דאָס זענט איר! — האָט ער געזאָגט, אויפרייסנדיק זיך פון אָרט.

— יאָ, דאָס בין איך!... איך וואָלט געוואָלט, ראָדאָלף, מיט אייך זיך באַראַטן.

און נישט געקוקט אויף אירע אַלע אָנשטרענגונגען, האָט זי דאָך נישט געקענט אויפעפענען די ליפּן.

— איר האָט זיך גאָרנישט געענדערט, איר זענט תמיד רייצנד.

— אַך! — האָט זי ביטער געענטפערט. — דאָס איז אַ

פּראָווינציעלער רייץ, פון דער צייט אָן, וואָס איר האָט איהם פאַרנאַכלעסיקט.

ס'איז אַוועק אַ סדרה דערקלערונגען וועגן זיין אויפפיהרונג; ער האָט זיך אנטשולדיקט מיט אומבאַשטימטע אויסדריקען, נישט קענענדיק אויסגעפינען עפּעס בעסערס.

זי האָט זיך געלאָזט רעדן. מער פון אַלץ האָט אויף איר געווירקט זיין שטימע, זיין גאַנצע פּערזאָן; זי האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, ווי זי גלויבט אים, און, מעגלעך, אַז זי האָט טאַקע געגלויבט אינם תירוץ פון זייער צוזאַמענברוך. לויט זיינע ווערטער איז עס געווען אַ סוד, פון וועלכן ס'איז אפילו געווען אָפּהענגיק דער כבוד פון אַ דריטער פּערזאָן.

— נישט וויכטיק! — האָט זי געזאָגט, קוקנדיק פאַרטרויערט אויף אים. — איך האָב אַ סך געליטן!

ער האָט געענטפערט מיט אַ פילאָזאָפישן טאָן:

— אָט אזוי איז דאָס לעבן!

— צי האָט איר, לכל־הפחות, גוט פאַרבראַכט, נאָך אונדזער צעשיידונג? — האָט עמע געפרעגט.

— אַך! נישט גוט... און נישט שלעכט.

— ס'וואָלט אפשר בעסער געווען, מיר זאָלן זיך נישט האָבן צעשיידט.

— יאָ... מעגלעך!

— דו מיינסט אַזוי? — האָט זי געזאָגט, דערנענטערנדיק זיך צו אים.

און זי האָט אַ זיפץ געטאָן:

— אָ, ראָדאָלף! ווען דו וואָלסט געוווּסט!... איך האָב דיך שטאַרק געליבט!

דעמאָלט האָט זי אָנגענומען זיין האַנט און אַ ווייל־זענען זיי פאַרבליבן מיט איבערגעפלאָכטענע פינגער, פּונקט ווי אין ערשטן טאָג, בעת דעם צוזאַמענפאָר. מיט אַ גאַווהדיקן זשעסט האָט ער זיך באַפרייט פון דערדאָזיקער צערטלעכקייט. אָבער צודריקנדיק זיך צו זיין ברוסט, האָט זי צו אים געזאָגט:

— וויאַזוי האָט זיך דיר געלייגט אויפן זינען, איך

זאָל קענען לעבן אָן דיר? ס׳איז שווער זיך אָפּצוגעוויינען פון גליק! איך בין געווען אין פאַרצווייפלונג. איך האָב געמיינט, אַז איך שטאַרב! איך וועל דיר דאָס אַלץ דערציילן, דו וועסט זען. און דו... דו ביזט פון מיר אַנטלאָפן!...

ווייל זינט דריי יאָר צייט האָט ער זיך באַמיט איר אויסצומיידן מיט דערדאָזיקער איינגעבוירענער פחדנות, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן שטאַרקן געשלעכט; און עמע האָט געריכט ווייטער מיט צאַרטע קאָפּ־זשעסטן, פונקט ווי אַ פאַרליבטע קאַץ.

— דו האָסט ליב אַנדערע, זיי זיך מודה. אַך! איך פאַרשטיי זיי! איך בין זיי מוחל: דו האָסט זיי פאַרפירט. דו ביזט אַ מאַנסביל! דו האָסט אַלע איינגנשאַפטן, מען זאָל דיך ליבן. אָבער מיר וועלן ווידער אָנהייבן, האַ? מיר וועלן זיך נאָך ליבן. דו זעסט, איך לאַך, איך בין גליקלעך!... רעד־זשע!

זי איז געווען אויסטערליש שיין מיט איר בליק, ווו ס׳האָט געציטערט אַ טרער, פונקט ווי אַ טראָפּן רעגן אויף אַ בלויען בלימל.

ער האָט זי צוגעצויגן צו זיינע קני און מיט דער דלאָניע געגלעט אירע גלאַנציקע האָר, אויף וועלכע ס׳האָט אינם בין־השמשות־ליכט זיך אָפּגעגלאַנצט דער לעצטער זונען־שטראַל, פונקט ווי אַ גאָלדענער פייל. זי האָט איינגעבויגן דעם קאָפּ, און ער האָט מיט די שפּיצן פון זיינע ליפּן איר לייכט אַ קוש געטאָן אין די ברעמען.

— אָבער דו האָסט דאָך געוויינט! — האָט ער געזאָגט.— פאַרוואָס?

זי האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט מיט ביטערע טרערן. ראָדאָלף האָט געמיינט, אַז דאָס איז אַ מין השתפכות פון איר ליבע; ווען זי איז שטיל געוואָרן, האָט ער באַטראַכט איר שטילשווייגן, ווי אַ רעשטל פון איר חרפה, און דעמאָלט האָט ער אויסגערופן:

— אַך! זיי מיר מוחל! דו ביזט די איינציקע, וועלכע

בעפעלט מיר, איך בין געווען נאַריש און שלעכט! איך האָב דיך ליב, איך וועל דיך תּמיד ליבן! וואָס איז מיט דיר? זאָג!
ער האָט זיך געשטעלט פאַר איר אויף די קני.
— אַלזאָ!... איך בין רוינירט, ראָדאָלף! דו מוזט מיר לייען דרייטויזנט פראַנק!
— אָבער... אבער... — האָט ער געזאָגט, אויפהייבנדיק זיך עטוואָס, בעת זיין פּנים האָט אָנגענומען אַן ערנסטן אויסזען.
— דו ווייסט, — האָט זי ווידער גערעדט זייער שנעל, — אַז מיין מאַן האָט אַוועקגעלייגט זיין גאַנצן קאַפּיטאַל ביי אַ נאָטאַריוס; דער נאָטאַריוס איז אַנטלאָפן געוואָרן. מיר האָבן זיך פאַרבאָרגט; די פּאַציענטן צאָלן נישט. איבעריקנס, איז די ליקווידאַציע נאָך נישט קיין אַנטגילטיקע; מיר וועלן נאָך שפּעטער האָבן געלט. אָבער היינט, אויב מיר וועלן נישט האָבן די דרייטויזנט פראַנק, וועט מען אונדז ליציטירן. און איצט... אין דערזעלבער רגע... רעכן איך אויף דיין פריינט־שאַפט... דעריבער בין איך געקומען.
— אַך! — האָט ראָדאָלף אַ טראַכט געטאָן, ווערנדיק בלאַס, אָט דעריבער איז זי געקומען.
ענדלעך, האָט ער גאַנץ רויק געזאָגט:
— איך האָב נישט קיין געלט, טייערע מאַדאַם.
ער האט נישט געזאָגט קיין ליגן. ווען ער וואָלט גע־האַט, וואָלט ער איר בלי ספק געגעבן, הגם ס'איז זייער נישט אָנגענעם צו טאָן אַזעלכע איידעלע זאַכן. דער ענין פון פאָדערן געלט ביי ליבע איז איינע פון די אומאַנגענעמסטע זאַכן, וואָס מאַכט קאַלט און צעשיטערט די באַציונגען.
עטלעכע מינוט האָט זי אים אָנגעקוקט.
— דו האָסט נישט קיין געלט!
נאָכדעם האָט זי איבערגעחזרט עטלעכע מאָל:
דו האָסט נישט!... איך האָב געדאַרפט אויסמיידן די־דאָזיקע לעצטע חרפּה. דו האָסט מיר קיינמאָל נישט געליבט! דו ביזט נישט בעסער פון אַלע אַנדערע.
זי האָט זיך פאַרראַטן, זי האָט זיך פאַרלוירן.

ראָדאָלף האָט איר איבערגעריסן, טענהנדיק, אַז ער אַליין איז „געדריקט”.

— אַך! איך האָב רחמנות אויף דיר! — האָט עמע געזאָגט, — איך האָב שטאַרק מיטלייד מיט דיר!...

און האָט צוגעפעסטיקט איר בליק אויפן באַזילבערטן קאַראַבין, וועלכער האָט געגלאַנצט אויפן וואַנט:

— אָבער ווען מען איז אָרעם, באַזילבערט מען נישט די קאָלבע פון ביקס! מען קויפט נישט קיין זייגער, אינקרוסטירט מיט פערלמוטער! — האָט זי געזאָגט, אָנווייזנדיק אים אויפן בול-זייגער. — נישט קיין באַגילטע פייפלעך צו שפּיצרוטן. זי האָט זיך צוגערירט צו זיי. — נישט קיין ברעלאָקן צו אַ טאַשן-זייגער! אַך, ס׳פעלט אים גאָרנישט! ער האָט אפילו א קרישטאָלענע קאַראַפקע אין זיין צימער; ווייל דו האָסט זיך ליב, דו האָסט אַ שלאָס, פערמעס, וועלדער, דו טרייבסט יאַגדן, דו פאָרסט קיין פּאַריז... אַך, אָט דאָס צום ביישפּיל, — האָט זי אויסגערופן, נעמענדיק פון קאַמין זיינע שפּינקעס פון די מאַנזשעטן. — כאָטש די קלענסטע זאַך! מען קען דערפון מאַכן געלט!... אָבער איך וויל זיי נישט! האַלט דיך מיט זיי!

און זי האָט ווייט אַ שליידער געטאָן דיביידע שפּינקעס. אָנקלאַפּנדיק זיך אָן דער וואַנט, האָבן זיך די גאָלדענע קייטעלעך צעבראָכן.

— אָבער איך וואָלט דיר אַלץ אַוועקגעגעבן, איך וואָלט געאַרבעט מיט מיינע אייגענע הענט, איך וואָלט געשנאָרערט אויף די וועגן פאַר אַ בליק, פאַר דיין איינציקן שמייכל, פאַר דיין איינציק וואָרט „דאַנק!” און דו זיצסט זיך רויק אין דיין פאָטעל, פּונקט ווי איך האָב ווייניק געליטן צוליב דיר? דו ווייסט, אַז אָן דיר האָב איך געקענט זיין גליקלעך! ווער האָט דיך געצוווּנגען? צי האָסטו דיך מיט עמעצן געוועט? און דו האָסט נאָך געזאָגט, אַז דו האָסט מיך געליבט... און דאָ נישט לאַנג, מיט אַ רגע צוריק... אַך, דו וואָלסט בעסער געמאַכט, ווען דו פאַריאָגסט מיך! מיינע הענט זענען נאָך וואַרעם פון דיינע קושן, און אָט איז דאָס אָרט, אויפן טעפּיך, וווּ דו האָסט

אויף די קני מיר געשוווירן אין אייביקער ליבע. און איך האָב דיר געגלויבט! אין אַ משך פון צוויי יאָר האָסטו מיך גע-האַלטן אין אַ פּרעכטיקן און אין אַ זיסן טרוים!... און דו גע-דענקסט אונדזערע רייזע-פּלענער? אַך, דיין בריוו, דיין בריוו! ער האָט מיר צעריסן דאָס האַרץ! און איצט, ווען איך קום צו אים, צו אים, וועלכער איז רייך, גליקלעך, פריי און בעט ביי אים הילף, וואָס דער ערשטער בעסטער וואָלט עס מיר געטאָן, בעט ביי אים מיט רחמים, ברענגענדיק מיין גאַנצע ליבע, שטויסט ער מיך דעמאָלט אַוועק, ווייל דאָס וועט אים קאָסטן דרייטויזנט פראַנק.

— איך האָב זיי נישט! — האָט ראָדאָלף געזאָגט מיט דער אויסטערלישער רויקייט, אונטער וועלכער ס'באַהאַלט זיך, ווי אונטער אַ פּאַנצער, אַן איינגעהאַלטענער צאָרן.

זי איז אַרויסגעגאַנגען. די ווענט האָבן געציטערט, דער סופיט האָט זי געשטיקט. זי איז פאַרבייגעלאָפן אַ לאַנגע אַלעע, אָנשטויסנדיק זיך אויף חמרים טרוקענע בלעטער, וואָס דער ווינט האָט פאַנאַנדערגעשפּרייט. ענדלעך איז זי צוגעקומען צום גראָבן פאַרן פּלויט; זי האָט זיך צעבראָכן די נעגל ביים שלאָס, אַזוי שנעל האָט זי אים געוואָלט עפענען. נאָכדעם, אויף אַ הונדערט טריט ווייטער, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט אַ פאַרסאַפּעטע, שיער נישט פאַלנדיק פון די פיס. און אויס-דרייענדיק זיך, האָט זי נאָכאַמאָל אַ קוק געטאָן אויפן קאַלטן שלאָס מיט זיין פּאַרק, אויף זיינע גערטנער, זיינע דריי הויפן און אַלע פענסטער פון פאַסאַד.

זי איז געבליבן שטיין אין אַ מין פאַרגליווערונג; בלויז די אָדערן האָבן איר געגעבן צו וויסן פון איר עקזיסטענץ, ווייל זיי האָבן געקלאַפּט אין איר, ווי אַ הילכיקע מוזיק אויף די פעלדער. דער באָדן אונטער אירע פיס האָט זיך געוואַקלט, ווי אַ ים, און די לאַנגע בייטן האָבן געמאַכט אויף איר דעם איינדרוק פון אומגעהויערע שוואַרצע כוואַליעס, וועלכע האָבן גע-ברויזט. אַלץ, דער קאָפּ האָט אָנגעפילט אירע ערינערונגען, געדאַנקען; האָט זיך מיטאַמאָל פון איר אַרויסגעריסן, ווי טויזנטער שטיק-

לעך פייערווערק. זי האָט געזען פאַר זיך איר פּאָטער, לערס קאַבינעט, דעם צימער אין האָטעל און נאָך עפּעס אַ לאַנדשאַפט. זי האָט געפילט, אַז זי גייט אַראָפּ פון זינען, זי האָט באַקומען שרעק, נאָכדעם איז איר געלונגען צו קומען עטוואָס צו זיך אויף זייער אַן אומבאַוווסטזיניקן אופן, ווייל זי האָט זיך נישט געקענט דערמאָנען די סיבה פון איר שרעקלעכן צושטאַנד, דאָס הייסט, וועגן דער געלט=פראַגע. זי האָט בלויז געליטן פון איר ליבע, און זי האָט געפילט, אַז איר נשמה פאַרלאָזט זי ביי די דאָזיקע ערינערונגען, פּונקט ווי שטערבלעך פאַרווונדעטע ביי דער גסיסה, וועלכע פילן, אַז דאָס לעבן פליט זיי אַוועק דורך דער ווונד, וואָס בלוטיקט.

די נאַכט איז צוגעפאַלן; קראָען זענען געפלויגן.

ס'האָט זיך איר פלוצלונג אויסגעדאַכט, אַז אינדערלופטן פלאַצן פייער־בלאָזן, ווי ברענענדיקע קויקן, וואָס ווערן אויסגעצויגן, האַלטן זיך אין איין דרייען און ווערן נאָכדעם צעשמאָלצן אין שניי, צווישן צווייגן פון ביימער. צווישן זיי אַלע האָט תמיד דערשיינט ראָדאָלפס פנים. זיי האָבן זיך געמערט, זיי האָבן זיך דערנענטערט, איר דורכגעדרונגען; נאָכדעם איז אַלץ פאַרשוווּנדן געוואָרן. זי האָט דערקענט דאָס ליכט פון די הייזער, וועלכע האָבן פונדערווייטנס געלויכטן אינעם נעפּל.

איר לאַגע האָט זיך איר פאָרגעשטעלט, ווי אַן אָפּגרונט. זי האָט אַזוי געסאָפּעט, אַז איר ברוסט איז שיער נישט צעפלאַצט געוואָרן. מיט אַ העלדישן אימפּולס, וועלכער האָט איר כמעט דערפירט צו התלהבות, איז זי אַראָפּגעלאָפן פון באַרג, פאַרבייגעלאָפן די לאַנקע, ווו ס'האָבן זיך געפּאַשעט קי, דאָס שטעגל, די אַלעע, דעם מאַרק און אָנגעקומען פאַר דער אַפּטייק.

דאָרט האָט זיך קיינער נישט געפונען. זי האָט שוין געהאַלטן ביים אַריינגיין; אָבער ביים קלונג פון גלעקל האָט מען נאָך געקענט אַמאָל אָנקומען. און דורכשלויכנדיק זיך ביים פּלויט, איינהאַלטנדיק דעם אָטעם, טאַפּנדיק די ווענט, איז זי דערגאַנגען ביז צום שוועל פון דער קיך, ווו ס'האָט געברענט

אַ ליכט אויף דער פּליטע. אין איין העמד האָט זשיסטען געטראָגן אַ טאַץ מיט געקעכץ.

— אַך! זיי עסן. לאָמיר וואַרטן.

ער איז צוריקגעקומען. זי האָט אָנגעקלאַפּט אין שויב. ער איז אַרויס.

— דער שליסל! פון דערהויך, ווו איז ער?

— וואָס?

און ער האָט איר אָנגעקוקט, שטוינענדיק פון איר בלאַסקייט, וועלכע האָט זיך געווייסט אויפן שוואַרצן פאָן פון דער נאַכט. אין זיינע אויגן האָט זי אויסגעזען אויסטערליש שיין און מאַיעסטעטיש, ווי אַ געשפּענסט. נישט פאַרשטייענדיק, וואָס זי וויל, האָט ער געהאַט אַ פאָרגעפיל פון עפּעס שרעקלעכס.

אָבער זי האָט נאָכאַמאָל איבערגעחזרט מיט אַ ווייכער שטילער שטימע:

— נו, גיב מיר אים שוין אַמאָל!

אַזוי ווי דאָס ווענטל איז געווען דין, האָט מען אין עסצימער געהערט אַ קלאַפּעריי פון גאָפּל אויף טעלער.

זי האָט געזאָגט, אַז זי דאַרף עס האָבן פאַר שטשורעס, וועלכע לאָזן איר נישט שלאָפן.

— מען דאַרף אָבער דערפון אָנזאָגן דעם הער.

— ניין, מען דאַרף נישט.

און זי האָט מוסיף געווען מיט גלייכגילטיקייט:

— עך! ס'לוינט נישט, איך וועל אים שפּעטער זאָגן. קום, באַלייכט מיר!

זי איז אַריין אין קאָרידאָר, פונוואַנען ס'האָט געפירט אַ טיר אין לאַבאָראַטאָריע. אויפן וואַנט איז געהאָנגען אַ שליסל מיטן אויפשריפט: „קאַפאַרנאַום".

— זשיסטען! — האָט געשריען דער אַפּטייקער, פאַרלירנדיק דאָס געדולד.

— קום אינדערהויך!

און ער איז אים נאָכגעגאַנגען.

דער שליסל האָט זיך אַ דריי געטאָן אין שלאָס. און זי

איז אוועק גלייך צו דער דריטער פּאָליצע — אַזוי גוט האָט איר זכרון געאַרבעט — זי האָט א כאַפּ געטאָן אַ בלויען סלאָי, אריינגערוקט דאָרט די האַנט, און ארויסשלעפּנדיק אַ הויפן ווייסן פּראָשעק, האָט זי אים אָנגעהייבן צו עסן.

— שטייט! וואָס טוט איר! — האָט אויסגערופן זשיס־טען, וואַרפנדיק זיך צו איר.

— שווייג! מען וועט נאָך אָנקומען...

ער איז געווען אין פאַרצווייפלונג, ער האָט געוואָלט רופן נאָך הילף.

— קיין וואָרט זאָלסטו נישט רעדן, ווייל די גאַנצע שולד וועט פאַלן אויף דיין באַלעבאָס.

נאָכדעם איז זי אַוועק אַ בארויקטע, אין פולן באוווסטזיין פון איר אָפּגעטאָנענעם חוב.

ווען שאַרל, — אַן איבערגעשראָקענער פון דער ידיעה וועגן דעם אַרעסט אויף זיינע מעבל, — איז געקומען אַהיים, איז עמע פּונקט ארויסגעגאַנגען. ער האָט געשריען, געוויינט, געחלשט, אָבער זי איז נישט געקומען. ווו האָט זי געקענט זיין? ער האָט אַוועקגעשיקט פעליסיטען צו אָמען, צו טי־וואַשן, צו לערען, אין „גאָלדענעם לייב", אומעטום. און צווישן דעם פּיין פון זיינע איבערלעבונגען האָט ער געזען, ווי זיין רעפּוטאַציע איז צעשטערט, זיין פאַרמעגן פאַרלוירן און בערטעס צוקונפט צעקלאַפּט. צוליב וואָסער סיבה? ער ווייסט נישט. ער האָט געוואַרט ביז זעקס אַ זייגער אינאָוונט. ענד־לעך, נישט קענענדיק מער אויסהאַלטן און מיינענדיק, אַז זי איז אוועקגעפארן קיין רואַן, איז ער אוועק אויפן הויפּט־וועג, געמאכט א האלבן מייל, קיינעם נישט באַגעגנט, צוגעוואַרט אַ ביסל און אוועק צוריק.

עמע איז שוין געווען אין שטוב.

— וואָס האָט פּאַסירט?... וואָס?... דערקלער מיר?...

זי האָט זיך צוגעזעצט צום שרייבטיש און אָנגעשריבן

אַ בריוו, וועלכן זי האָט רויק פאַרקלעפּט, צוגעבנדיק די דאַטע און די שעה, נאָכדעם האָט זי געזאָגט מיט אַ פייערלעכער שטימע:

— דו וועסט אים לעזן מאָרן; פון איצט אָן, בעט איך דיך, דו זאָלסט מיר קיין שום שאלה נישט שטעלן!... קיין איין שאלה!

— אָבער...

— אַך! לאָז מיך צורו!

און זי האָט זיך אויסגעצויגן אויף איר בעט.

זי האָט דערפילט אַ שאַרפן בייגעשמאַק אין איר מויל און זי האָט זיך אויפגעכאַפּט. דערזעענדיק שאַרלען, האָט זי ווידער צוגעמאַכט די אויגן.

זי האָט מיט נייגעריקייט געלייגט אַכט אויף זיך, צי זי ליידט נישט. אָבער ניין! גאָרנישט. זי האָט געהערט דאָס קלאַפּן פון וואַנט־זייגער, דעם גערויש פונם פייער און דאָס אָטעמען פון שאַרלען לעבן איר געלעגער.

— אַך! דער טויט איז אַ קלייניקייט! — האָט זי געטראַכט. — איך וועל איינדרעמלען און ס'וועט נעמען אַ סוף!

זי האָט אויסגעטרונקען אַ ביסל וואַסער און זיך אויסגעדרייט צו דער וואַנט.

דערדאָזיקער העסלעכער געשמאַק פון טינט האָט גע־דויערט.

— ס'דורשט מיר!... אַך, ס'דורשט מיר! — האָט זי געקרעכצט.

— וואָס איז מיט דיר? — האָט שאַרל געזאָגט, אויס־שטרעקנדיק איר אַ גלאָז וואַסער.

— גאָרנישט!... עפן דאָס פענסטער... איך וועל דער־שטיקט.

ס'האָט איר מיטאַמאָל אָנגעהייבן צו נודזשען, און זי האָט קוים באַוויזן אַרויסצוכאַפּן דאָס טיכל פון אונטער דער קישן.

— נעם עס צו! — האָט זי שנעל געזאָגט. — וואַרף עס אַרויס.

ער האָט זי אָנגעהייבן אויסצופרעגן; זי האָט נישט געענטפערט. זי איז געלעגן אומבאַוועגלעך, מורא האָבנדיק, זי זאָל ווידער נישט אָנהייבן צו ברעכן. זי האָט געפילט אַ קעלט פון די פיס ביז צום האַרצן.

— אָט, ס'הייבט זיך שוין אָן! — האָט זי געשושקעט.

— וואָס זאָגסטו?

זי האָט פּאַמעלעך באַוועגט דעם קאָפּ, פול מיט טרויער און כסדר געעפנט דאָס מויל, פּונקט ווי אויפן צונג וואָלט געלעגן עפּעס אַ משא. אַכט אַ זייגער האָט זי ווידער אָנגעהויבן צו ברעכן.

שאַרל האָט באַמערקט, אַז אויפן דעק פון שיסל ווערט אַ מין ווייסער זאַמד, וועלכער האָט זיך אויך געהאַלטן בײַ די פּאָרצעלייענע ווענטלעך.

— דאָס איז אויסערגעוויינלעך! דאָס איז מאָדנע! — האָט ער געחזרט.

אָבער זי האָט זיך אָנגערופן מיט אַ פּוסטער שטימע:

— ניין, דו האָסט אַ טעות!

און דעליקאַט, כמעט גלעטנדיק זי, האָט ער אַדורכגע־פירט זיין האַנט איבער איר בויך. זי האָט געמאַכט אַ גע־וואַלד. ער איז אין שרעק אָפּגעטראָטן.

נאָכדעם האָט זי אָנגעהייבן צו קרעכצן, צוערשט זייער שוואַך. אַ שטאַרקער ציטער האָט אַ שאָקל געטאָן אירע אַקסלען און זי איז געוואָרן בלאַסער, ווי דער ליילעך. אין וועלכן זי האָט זיך איינגעטשעפּעט מיט אירע פינגער, איר נישט־גלייכער פּולס האָט זיך כמעט ווי אָפּגעשטעלט.

טראָפּנס שווייס האָבן אַרויסגעטראָטן אויף איר בלוילעכן פּנים, וועלכעס איז פּונקט ווי פאַרגליווערט געוואָרן אין אַ מין מעטאַלישן רויך. ס'האָט איר געקלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן, אירע פאַרגרעסערטע אויגן האָבן געקוקט אומבאַשטימט אַרום זיך און אויף יעדער שאלה האָט זי בלויז געשאָקלט

מיטן קאָפּ. זי האָט אַפילו אַ שמייכל געטאָן צוויי אָדער דריי מאָל. ביסלעכווייז האָבן זיך אירע קרעכצן פאַרשטאַרקט. זי האָט אַרויסגעלאָזט אַ טעמפּן וויי-געשריי; זי האָט געזאָגט, אַז זי פילט זיך שוין בעסער און אַז זי שטייט באַלד אויף. אָבער פּלוצלונג האָט זי באַקומען קאָנוווּלסיעס; זי האָט אויסגעשריען:

— אָך, מיין גאָט, ווי שרעקלעך דאָס איז!

שאַרל האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די קני לעבן איר בעט.

— זאָג! וואָס האָסטו געגעסן? ענטפער, אויב גאָט איז דיר ליב!

און ער האָט געקוקט אויף איר מיט אַזעלכע צאַרטע אויגן, וועלכע זי האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען.

— נו, דאַרט!.. דאָרט!... — האָט זי געזאָגט מיט אַן אָפּגעשוואַכטע שטים.

ער איז צוגעשפּרונגען צו זיין שרייבטיש, צעריסן דעם קאָנווערט און געלייענט אויפן קול: מען זאָל קיינעם נישט באַשולדיקן... ער איז געבליבן שטיין, דורכגעפירט די האַנט איבער די אויגן און איבערגעלייענט נאָכאַמאָל.

— וואָס?... הילף! ראַטעוועט!

און מער ווי איין וואָרט האָט ער נישט געחזרט: „אָפּגעסמט! אָפּגעסמט!" פעליסיטע איז אַוועקגעלאָפן צו אָמען, וועלכער האָט דידאָזיקע ידיעה תיכף פאַנאַנדערגעטראָגן אויפן גאַנצן מאַרק; וואַדאַם לעפראַנסואַ האָט דאָס דערהערט אין „גאָלדענעם לייב"; עטלעכע מענטשן האָבן זיך אויפגעהייבן, כדי דערפון צו וויסן געבן זייערע שכנים. און אַ גאַנצע נאַכט איז דאָס שטעטל געווען אויף דער וואַך.

אַ פאַרלוירענער, קוים האַלטנדיק זיך אויף די פיס, האָט זיך שאַרל אַרומגעדרייט אין זיין צימער. ער האָט זיך אָנגעשטויסן אויף די מעבל, זיך געריסן די האָר פון קאָפּ, און קיינמאָל וואָלט דער אַפּטייקער נישט געגלויבט, אַז ס'זאָל אים אויסקומען צו זען אַזאַ שרעקלעך בילד.

אָמע איז אַוועק צו זיך, כּדי אָנצושרייבן אַ בריוו מסיע קאַניווע און דעם דאָקטאָר לאַריוויער. ער האָט פאַרלוירן דעם קאָפּ; ער האָט אַמאָל פּונקט איבערגעשריבן דעם בריוו. היפּאָליט איז אַוועקגעפאָרן קיין נעווּשאַטעל, און זשיסטען האָט אַזוי שטאַרק געשלאָגן באָוואַריס פערד, אַז ער האָט עס געמוזט איבערלאָזן און גיליאָם־וועלדל אַ צעהורגטען, כּמעט אַ טויטן.

שאַרל האָט געוואָלט אַ קוק טאָן אין זיין מעדיצינישן ווערטערבוך; אָבער ער האָט גאָרנישט געזען, ווייל די שורות זענען געשפּרונגען פאַר זיינע אויגן.

— באַרויִקט אייך! — האָט געזאָגט דער אַפּטייקער. — מען דאַרף איר איינגעבן אַ שטאַרקע דאָזע קעגנגיפט. מיט וואָס האָט זי זיך אָפּגעסמט?

שאַרל האָט באַוויזן דעם בריוו. ס'איז געווען אַרשעניק.

— אַלזאָ, דאַרף מען מאַכן אַן אַנאַליז, האָט אָמע אויסגערופן.

ווייל ער האָט געוווּסט, אַז ביי אַלע פאַלן פון אָפּסמען זיך דאַרף מען מאַכן אַן אַנאַליז; אָבער שאַרל, וועלכער האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען, האָט זיך אָנגערופן:

— אַך! טוט! טוט, וואָס איר ווילט! ראַטעוועט זי...

און זערנענטערנדיק זיך צו עמען, האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן טעפּיך, און מיטן קאָפּ אָנגעלענט אויפן זוים פון דעם בעט, האָט ער שטאַרק געוויינט.

— וויין נישט! — האָט זי צו אים געזאָגט. — באַלד גיך וועל איך דיך אויפהערן צו מאַטערן.

— פאַרוואָס? וואָס האָט דיך געצוווּנגען?

זי האָט געענטפערט:

— אַזוי האָט געמוזט זיין, מיין פריינט.

— צי ביזטו נישט געווען גליקלעך? צי איז עס מיין שולד? איך האָב דאָך אַלץ געטאָן, וואָס איך האָב נאָר געקענט!

— יאָ... אמת... דו ביזט אַ גוטער!

און פּאַמעלעך האָט זי דורכגעפירט איר האַנט איבער זיינע האָר. די מתיקות פון דעמדאָזיקן צורירן זיך האָט נאָך

אידישע פאלקס ביבליאטעק
ווינדזאר, 814 אירי, איסט
ביי דער י. ל. פרץ-שול

פאַרשטאַרקט זיין טרויער. ער האָט געפילט, אַז זיין גאַנץ וועזן צערייסט זיך פון פאַרצווייפלונג ביים געדאַנק, אַז ער מוז זי פאַרלירן, בעת זי האָט אָנגעהויבן איס אַרויסצווייזן מער ליבע, ווי שטענדיק; און ער האָט גאָרנישט געקענט צו־טראַכטן. ער האָט נישט געוווסט, וואָס מען טוט. ער האָט זיך נישט געקענט אויף קיין זאַך באַשליסן; מען האָט געדאַרפט אָננעמען דרינגענדע מיטלען, אָבער ער האָט זיך לגמרי פאַר־לוירן.

עמע האָט געטראַכט, אַז אָט האָט זי שוין פאַרענדיקט מיט אַלע פאַררעטן, מיט אַלע געמיינקייטן, מיט אַלע תאוות, וועלכע האָבן זי געמאַטערט. איצט האָט זי שוין קיינעם נישט פיינט געהאַט. אירע געדאַנקען זענען פאַרטרונקען גע־וואָרן אין אַ מין דעמערונג. און פון אַלע עולם-הזה-גערוישן האָט עמע בלויז געהערט דאָס כסדרדיקע קרעכצן פון איר אָרעם האַרץ, שטיל און אומפאַשטימט, ווי דער לעצטער עכאָ פון אַ סימפאָניע, וואָס דערווייטערט זיך.

— ברענגט מיר דאָס קינד, — האָט זי געזאָגט, אויפ־הייבנדיק זיך אויף אַן עלנבויגן.

— דיר איז נישט ערגער, תא? — האָט שאַרל געפרעגט.

— ניין! ניין!

פעליסיטע האָט געבראַכט דאָס קינד אויף די הענט, אין אַ לאַנגער נאַכט-העמד, פון אונטער וועלכער ס'האָבן אַרויס־געשטעקט אירע נאַקעטע פיסעלעך; זי איז געווען אָנגעכמורעט און פאַרשלאָפן. מיט שטוינונג האָט זי באַטראַכט דעם צימער, ווז ס'האָט געהערשט גרויס אומאָרדענונג, און געזשמורעט מיט די אויגעלעך, קוקנדיק אויף די ליכט, וועלכע זענען געשטאַ־נען אויף די טישן. די ליכט האָבן איר, בלי ספק, דערמאָנט די פרימאָרגנס פון ניי-יאָר, אָדער פון מיטן-פאָסט, ווען זי פלעגט זיך אָט אַזוי אויפכאַפן גאַנץ פרי ביים שיין פון די ליכט און זי פלעגט אַריינקומען צו איר מאַמען אין בעט, כדי צו באַקומען מתנות. און אויך איצט האָט זי געפרעגט:

— ווו געפינט זיך דאָס, מאַמע?

אַזויחי אַלע האָבן געשוויגן, האָט זי מוסיף געווען:

— אָבער ווו געפינט זיך מיין קליין שיכעלע?

פעליסיטע האָט איר צוגעבויגן צום בעט, בעת דאָס קינד האָט געהאַלטן אין איין קוקן אויפן קאַמין.

— געוויס האָט עס די ניאַניע צוגענומען? — האָט זי געפרעגט.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם נאָמען זענען אויפגעלעבט געוואָרן אין איר זכרון אירע פאַרראַטן, אירע מפּלות, און מאַדאַם באָוואַרי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, פּונקט ווי זי וואָלט דערפילט אין מויל דעם טעם פון אַ שטאַרקערן סם. בערטע איז געזעסן אויפן בעט.

— אַך! ס׳אַראַ גרויסע אויגן דו האָסט, מאַמעלע! ווי בלאַס דו ביזט! ווי נאַס דו ביזט!...

די מוטער האָט איר אָנגעקוקט.

— איך שרעק מיך! — האָט געזאָגט דאָס קינד, אָפּרוקנדיק זיך.

עמע האָט אָנגענומען איר האַנט, כּדי זי אַ קוש צו טאָן; אָבער זי האָט זיך נישט געלאָזן.

— גענוג! זאָל מען זי אַוועקפירן! — האָט אויסגערופן שאַרל, וועלכער האָט געהאַלטן אין איין וויינען.

די געפערלעכע סימפּטאָמען האָבן זי אויף אַ רגע אָפּגעלאָזט; זי האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי זי וואָלט זיך אַ ביסל באַרויקט; און ביי יעדן נישטיקן וואָרט, ביי יעדן רויקערן הויך פון איר ברוסט, איז ער געוואָרן, פול מיט בטחון. ענדלעך, ווען קאַניווע איז אַריינגעקומען, איז שאַרל אַריינגעפאַלן צו אים אין די אָרעמס, נישט אויפהערנדיק צו וויינען.

— אַך! דאָס זענט איר! איך דאַנק אייך! איר זענט אַ גוטער! אָבער ס׳איז איר שוין בעסער. גיט אַ קוק...

דער קאָלעגע איז נישט געווען איינשטימיק מיט אים, און נישט מאַכנדיק קיין לאַנגע הכנות, ווי

ער אַליין האָט זיך אויסגעדריקט, האָט ער פאַרשריבן אַ ברעך־מיטל, כדי פולשטענדיק אויסצורייניקן דעם מאָגן.

אָבער זי האָט אָנגעהייבן צו ברעכן מיט בלוט. אירע ליפּן זענען מער אויפגעדריקט געוואָרן. אירע גלידער זענען געווען אויסגעקאָרטשעט, איר קערפּער באַדעקט מיט שוואַרצע פלעקן און איר פּולס האָט זיך געגליטשט צווישן די פינגער, ווי אַן אָנגעצויגענער פאָדעם, ווי אַ האַרפע־סטרונע, וואָס אָט־אָט פּלאַצט זי.

נאָכדעם האָט זי אָנגעהייבן צו שרייען, שרעקלעך צו שרייען. זי האָט געשאָלטן דעם סם, געזידלט אים, געבעטן אים, ער זאָל וואָס שנעלער ווירקן, און מיט פאַרגליווערטע הענט האָט זי אָפּגעשטויסן אַלץ, וואָס שאַרל האָט איר דערלאַנגט צו טרינקען. שאַרל האָט געליטן מער פון איר. ער איז געשטאַנען מיט אַ נאָזטיכל ביי די ליפּן, געכאָרכלט, געוויינט, געשטיקט זיך פון שלוכצן, ציטערנדיק פון קאָפּ ביז די פיס; פעליסיטע איז אַרומגעלאָפן הין און צוריק איבערן צימער; אָמע האָט זיך געהאַלטן אומבאַוועגלעך און שטאַרק געקרעכצט, און מסיע קאַניווע, וועלכער איז די גאַנצע צייט געווען זיכער ביי זיך, האָט אָנגעהייבן זיך צו טומלען.

— צום טייוול!... דאָך... ס'האָט איר דורכגערייניקט און אַזויווי די סיבה איז באַזייטיקט...

— ס'דאַרף ווירקן, — האָט אָמע געזאָגט, — מען זעט עס באַשיינפּערלעך.

— אָבער ראַטעוועט זי! — האָט שאַרל געשריען.

נישט אויסהאָרכנדיק דעם אַפּטייקער, וועלכער האָט אויסגעדריקט זיין השערה: „אַז דאָס איז מסתם דער קריזיס", האָט קאַניווע איר שוין געוואָלט איינגעבן טעריאַק, ווי מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּעריי פון אַ בייטש. אַלע שויבן האָבן אַ ציטער געטאָן, און אַ פּאָסט־קאַרעטע, איינגעשפּאַנט אין דריי פערד, פאַרשפּריצטע מיט בלאָטע פון קאָפּ ביז די פיס, האָט זיך פלוצלונג באַוויזן פון הינטערן מאַרק. דאָס איז געווען דער דאָקטאָר לאַריוויער.

ווען גאָט אַליין וואָלט זיך באַוויזן, וואָלט ער נישט געמאַכט קיין גרעסערן רושם. באָוואָרי האָט אויפגעהויבן די הענט, קאַניוויע איז געבליבן שטיין, און אָמע האָט אראָפּגענומען זיין גריכישע פּעסקע, איידער דער דאָקטאָר איז נאָך אַריינגעקומען.

דער דאָקטאָר לאַריוויער האָט געהערט צו דער גרויסער כירורגישער שולע, בישאַ, צו דער דאָזיקער גענעראַציע, וועלכע איז איצט פאַרשוווּנדן געוואָרן, צו די פילאָזאָפן-פּראַקטיקער, וועלכע האָבן פאַנאַטיש פאַרגעטערט זייער קונסט, אויספירנדיק עס מיט התלהבות און איבערגעבנקייט. ווען ער איז אין כעס געוואָרן, האָט אַלץ געציטערט אין זיין שפּיטאָל און אַלע תלמידים האָבן אַזויפיל דרך-ארץ פאַר אים געהאַט, אַז ווי נאָר זיי האָבן געענדיקט דעם קורס, האָבן זיי זיך באַמיט אים נאָכצומאַכן; אויף אַזאַ אופן פלעגט מען אין די ארומיקע שטעט אויף די תלמידים קענען טרעפן זיין שעפּסן-פּעלץ, זיין ברייטן שוואַרצן סורדוט, ווו די אָפּגעשפּילעטע מאַנזשעטן האָבן עטוואָס פאַרדעקט זיינע דיקלעכע שיינע הענט, וועלכע האָבן קיינמאָל נישט געטראָגן קיין הענטשקעס, פונקט ווי זיי וואָלטן געווען גרייט אַריינצוגראָבלען זיך אין די ווונדן פון עלנטע. ער האָט פיינט געהאַט אָרדענס, טיטלען און אַקאַדעמיעס; ער איז געווען פריינטלעך, פרייגיביק, גוט צו אָרעמעלייט, סתם זיך אויסגעצייכנט מיט מעשים-טובים, נישט גלויבנדיק אַליין דערין; ער וואָלט געקענט האָבן אַ שם פאַר אַ הייליקן, ווען נישט זיין גיפטיקער שכל, וועלכער האָט זיך געהייסן אָפּטרייסלען פון אים, ווי פון אַ טייוול. זיין בליק, שאַרפער ווי אַן אָפּעראַציע־מעסער, איז אייך אַריינגעדרונגען אין דער נשמה אַריין און אַרויסגעשניטן די פאַלשקייט פון יעדער צביעות און פון יעדער געקינסטלטער צניעות. און אָט אַזוי האָט ער געשפּרייזט אין לעבן, פול מיט דער דאָזיקער מאַיעסטעטישער גוטמוטיקייט, וואָס קומט אַ דאַנק דעם באַוווּסטזיין פון גרויסן טאַלענט, פון פאַרזיכערונג אין לעבן און פון שטרענגער אומדערמידלעכער טעטיקייט.

באַלד אויפן שוועל האָט ער אָנגעכמורעט זיינע ברעמען, ווי נאָר ער האָט דערזען ענ.עס טויט געזיכט, וועלכע איז מיט אַן אָפּענעם מויל געלעגן אויסגעצויגן אויף דער פּלייצע. און מאַכנ־דיק זיך, ווי ער הערט אויס קאַניוען, האָט ער נאָכדעם דורכ־געפירט אַ פינגער אונטער די נאָזלעכער און געהזרט:

— גוט, גוט.

אָבער ער האָט געמאַכט אַ לייכטע באַוועגונג מיט די אַקסלען. שאַרל האָט עס באַמערקט. זיי האָבן זיך ביידע דורכ־געקוקט; און אַפילו דערדאָזיקער מאַן, וועלכער איז געווען געוווינט צו מענטשלעכע ליידן, האָט נישט געקענט איינהאַלטן אַ טרער, וואָס איז אים אַראָפּגעפאַלן אויפן קאָלנער.

ער האָט פאַרבעטן דעם דאָקטאָר קאַניווע אין שכנותדיקן צימער. שאַרל איז זיי נאָכגעגאַנגען.

— זי איז גוט קראַנק, נישט אמת? אפשר זאָל מען איר צולייגן אַ זענעפט־פּליאַסטער? איך ווייס נישט וואָס! טראַפּט עפּעס אויס, איר האָט דאָך אַזויפיל מענטשן געראַ־טעוועט!

שאַרל האָט אים אַרומגעכאַפּט מיט ביידע הענט, און ער האָט אים באַטראַכט מיט אַן איבערגעשראָקענעם, גנבעכדיקן אויסזען, כמעט אַ פאַרחלשטער אויף זיין ברוסט.

— מוט! מיין אָרעמער יינגל! מען קען דאָ גאָרנישט העלפן.

און דער דאָקטאָר לאַריוויער האָט זיך אויסגעדרייט.

— איר פאָרט שוין אַוועק?

— איך וועל נאָך קומען צוריק.

ער איז אַרויס, גלייך ווי ער וואָלט געגאַנגען געבן עפּעס אַ באַפעל דעם פורמאַן; מסיע קאַניווע האָט אים באַגלייט, ווייל ער האָט אויך נישט געוואָלט, אַז עמע זאָל שטאַרבן אויף זיינע הענט.

דער אַפּטייקער האָט זיי דעריאָגט אויפן מאַרק. זיין נאַ־טור האָט אים נישט געלאָזט, ער זאָל זיך שיידן מיט באַרימטע

לייט. ער האָט זיך איינגעבעטן ביים דאָקטאָר לאַריוויער, ער זאָל אים פאַרשאַפן דעם כבוד און אָפּעסן ביי אים.

מען האָט שנעל געשיקט נאָך טויבן אין „גאָלדענעם לייב", מען האָט אויסגעראַמט אַלע קאָטלעטן אין דער יאַטקע, דעם גאַנצן קרעם ביי טיוואַשן און אייער ביי לעסטיבודואַ. דער אַפּטייקער אליין האָט גענומען אָנטייל אין די הכנות, בעת די מאַדאַם אָמע האָט געזאָגט, צוגויפּציענדיק די שנירלעך פון איר זשאַקעט:

— זייט מוחל, מסיע, ווייל אין אונדזער אומגליקלעכן געגנט, אויב מען איז נישט צוגעגרייט פון פריער...

— גלעזלעך! — האָט איר אַריינגעשושקעט אָמע.

— ווען מיר וואָלטן כאָטש געוווינט אין שטאָט, וואָלטן מיר געקענט באַקומען געפילטע פיסלעך.

— שווייג שוין אַמאָל!... מיר בעטן צום טיש, דאָקטאָר!

נאָכן ערשטן מאכל האָט אָמע געהאַלטן פאַר פּאַסיק צו געבן עטלעכע פּרטים וועגן דער קאַטאַסטראָפע:

— צוערשט האָט עס זיך אָנגעהייבן מיט אַ טרוקנקייט אין גאָרגל, נאָכדעם אויסערגעוויינלעכע יסורים אין אויבערשטן טייל פון בויך, שפּעטער אויבערשטע אויסרייניקונג און שלאָפשטאַנד.

— אָבער וויאַזוי האָט זי זיך אָפּגעסמט?

— איך ווייס נישט, דאָקטאָר, און איך קען אפילו נישט באַגרייפן, ווו זי האָט באַקומען אַרשעניק-זויער.

זשיסטען, וועלכער האָט געטראָגן אַ גאַנצן שטויס טעלער, האָט מיטאַמאָל אַ ציטער געטאָן.

— וואָס איז מיט דיר? — האָט דער אַפּטייקער געפרעגט.

ביי דערדאָזיקער שאלה האָט דאָס יינגל אַלץ אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד מיט אַ שטאַרקן טראַסק.

— בהמה! — האָט אויסגערופן אָמע. — שלימזלניק! פאַרשטאָפּטער מוח! פאַרשאָלטענער אייזל!

— אָבער ער האָט זיך תיכף באַהערשט.

— איך האָב, דאָקטאָר, געפּרווט צו מאַכן אַן אַנאַליז, אוּן פּ׳ ׳ מ אָ, האָב איך פאָרזיכטיק אַריינגעשטעקט אין אַ רערל...

— איר וואָלט בעסער געמאַכט, — האָט דער כירורג גע־זאָגט, — ווען איר וואָלט איר אַריינגעשטעקט אייערע פינגער אין האַלדז.

זיין קאָלעגע האָט געשוויגן, היות ער האָט נאָר וואָס באַקומען אין דער שטיל אַ פאָרציע פאַר זיין ברעך־מיטל; און דער באַרימטער קאַניווע, וועלכער איז געווען אַזוי העזה־דיק און רעדעוודיק בעת דער פוס־אַמפּוטאַציע, איז איצט גע־וואָרן זייער באַשיידן; ער האָט כסדר געשמייכלט און אויף אַלץ מסכים געווען

אָמע האָט געבליט, שמאָלץ מיט זיין ראָל פון אַן אַמ־פיטריאָן *), און דער טרויערדיקער געדאַנק וועגן דער מאַדאַם באָוואַרי האָט אים עטוואָס פאַרשאַפט פאַרגעניגן צוליב פאַר־שידענע עגאָיסטישע טעמים. חוצדעם, איז ער געווען באַגייסטערט פון דאָקטאָרס אָנוועזנהייט. ער האָט אַרויסגעוויזן זיין ערודיציע, ער האָט זיך פאַנאַנדערגערעדט וועגן קאַנטאַרידן **) וועגן אופּאַסן ***), וועגן מאַנצעניל־ביימער, וועגן שלאַנגען.

— איך האָב אפילו ערגעץ געלייענט, דאָקטאָר, אַז מען האָט זיך נישקשהדיק אָפּגעסמט פון וורשטלעך וועלכע זענען גע־ווען צו שטאַרק גערויכערט! אַזוי האָט, לפּחות, געמאָלדן אין אַ באַריכט איינער פון אונדזערע פאַרמאַצעווטישע שטערן, איי־נער פון אונדזערע לערער, דער באַרימטער קאַדע דעגאַסיקור!

מאדאַם אָמע איז אַריינגעקומען, האַלטנדיק אין האַנט אַ מאַשינקע, וואָס מען וואַרעמט אָן אויף שפּירט; ווייל אָמע האָט ליב געהאַט אויפצוקאָכן קאַווע אויפן טיש, וועלכע ער האָט אַליין געבראָטן, צעמאָלן און אויסגעמישט.

---

*) אמפיטראָן: מכניס־אורח.

**) שפּאַנישע פליגן.

***) אַ גיפט־בוים.

— ס אַ ק א ר ו ם, דאָקטאָר, — האָט אָמע געזאָגט, דערלאַנגענדיק צוקער.

נאָכדעם האָט ער אַראָפּגעבראַכט זיינע אַלע קינדער, וועלנדיק וויסן דעם כירורגס מיינונג איבער זייער אָרגאַניזם.

דער דאָקטאָר לאַריוויער האָט שוין געהאַלטן ביים אַוועקפאָרן, ווי מיטאַמאָל האָט די מאַדאַם אָמע געבעטן פון אים אַן עצה, בנוגע איר מאַן, ביי וועלכן ס'ווערט געדיכט דאָס בלוט, ווייל ער שלאָפט יעדן נאָכמיטאָג.

דער דאָקטאָר האָט אָן עפן געטאָן די טיר. די אַפּטייק איז געווען אָנגעפּאַקט מיט מענטשן, און ער האָט זיך קוים אָפּגעטשעפּעט פון מסיע טיוואַש, ביי וועלכן ס'האָט זיך פאַרגנבעט אַ חשד, אַז זיין ווייב האָט אַ לונגען־אָנצינדונג, ווייל זי שפּייט אין אַש; נאָכדעם איז צוגעקומען מסיע בינע, וועלכער פלעגט פלוצלונג דערפילן הונגער־שמערצן, די מאַדאַם קאַראָן, וועלכער ס'האָט געשטאָכן אין גאַנצן גוף, לערע מיט זיין קאָפּ־דרייעניש, לעסטיבידואַ מיט זיין רעוומאַטיזם, מאַדאַם לעפראַנסואַ מיט איר לייזן מאָגן. ענדלעך האָט די פּאָסט־קאַרעטע זיך גערירט, און אַלע זענען געקומען צום באַשלוס, אַז דער דאָקטאָר איז לגמרי נישט העפלעך.

די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט איז געוואָרן געווענדעט אויפן גלח בורניסיען, וועלכער איז פאַרבייגעגאַנגען אויפן מאַרק מיט די הייליקע שמירעכצן.

אָמע, געטריי זיינע פּרינציפּן, האָט פאַרגלייכט די גלחים צו קראָען, וועלכע ס'ציט צו דער ריח פון פּאַדלע; אים פּערזענלעך איז געווען נישט אָנגענעם צו קוקן אויף אַ גלח, ווייל זיין סוטאַנע האָט אים דערמאָנט אָן תכריכים, און ער האָט פיינט געהאַט די ערשטע אויס מורא פאַר דאָס צווייטע.

דאָך, נישט אָפּטרעטנדיק דערפון, וואָס ער האָט אָנגערופן „זיין שליחות", האָט ער זיך צוריקגעקערט צו דער מאַדאַם באָוואַרי צוזאַמען מיטן דאָקטאָר קאַניווע, וועלכן לאַ-

ריוויער, האָט פאַר זיין אווועקפאָר, שטאַרק צוגערעדט צו פאַר־בלייבן. ווען נישט זיין ווייב, וואָלט אָמע אפילו מיטגעבראַכט זיינע צוויי זין, כדי צוגעווינען זיי צו שטאַרקע איבערלע־בונגען, כדי דאָס זאָל זיין פאַר זיי אַ לעקציע, אַ ביישפּיל, אַ מאַיעסטעטיש בילד, וואָס זאָל אויף תּמיד איינגעקריצט ווערן אין זייער זכרון.

ווען זיי זענען אַריין, איז דער צימער געווען אָנגעפילט מיט אַ מין טרויערדיקער פייערלעכקייט. אויפן אַרבעט־טיש, באַ־דעקט מיט אַ ווייסן טישטוך, לעבן אַ גרויסן קרוציפיקס, צווישן צוויי אָנגעצונדענע ליכט, זענען אויף אַ זילבערנער טאַץ גע־לעגן פינף אָדער זעקס קויקן וואַטע. די גאָמבע צוגעדריקט צום ברוסט, האָט עמע שטאַרק צעעפנט אירע אויגן; און אירע בלאַסע הענט האָבן זיך געצויגן אויף דער קאָלדרע, מיט דעם שרעקלעכן און מילדן אויסזען פון גוססע, וועלכע מאַכן דעת איינדרוק, ווי זיי וואָלטן געוואָלט ארויפטאָן אויף זיך די תּכריכים. בלאַס, ווי אַ סטאַטוע, מיט אויגן רויט, ווי קויל, נישט געוויינט, איז שאַרל געשטאַנען לעבן די פיס פון איר בעט, בעת דער גלח, אויף די קני, האָט אינדערשטיל תּפילה געטאָן.

זי האָט פּאַמעלעך אויסגעדרייט איר פּנים, און זי האָט זיך, קענטיק, דערפרייט, דערזעענדיק פּלוצלונג די בלויע סטאָלע.*) אין דערדאָזיקער אויסטערלישער מנוחה האט זי בלי ספק געפונען מיסטישע שוונגען און די וויזיעס פון אייביקן גליק.

דער גלח האָט זיך אויפגעהייבן, כדי צו נעמען דעם קרוציפיקס; דעמאָלט האָט עמע אויסגעצויגן דעם האַלדז, ווי איינער, וואָס איז דורשטיק, און צודריקנדיק אירע ליפּן צום קערפּער פון יעזוסן, האָט זי מיט אירע גאַנצע גוססדיקע כּוחות אים געשאָנקען דעם גרעסטן ליבע־קוש, וועלכן זי האָט נאָר גע־קענט געבן. נאָכדעם האָט דער גלח אָפּגעזאָגט „מיזעראַטור"

*) סטאָלע; אַ שמאָלער שאַל, וואָס גלחים טראָגן אויף זייערע פּלייצעס.

און „אינדולגענציאַם", איינגעווייקט זיין גראָבן פינגער אין אייל און האָט שוין אָנגעהייבן צו זאַלבן. צוערשט די אויגן וועלכע האָבן אַזויפיל באַגערט די עולם-הזה-פראַכט; נאָכדעם די נאָזלעכער, וועלכע האָבן גענאשט די שמעקעוודיקע ווינטלעך און ריחות פון ליבע; נאָכדעם דאָס מויל, וועלכעס איז געווען אָפן פאַר יעדן שקר, געקרעכצט פון גאווה און געשריען פון תאווה; שפּעטער די הענט, וועלכע האָבן געהאַט תענוג פון תאוודיקע צורירונגען און, ענדלעך, די סטאָפּעס פון די פיס, וועלכע זענען אַמאָל אַזוי שנעל געלאָפן, כדי צו באַפרידיקן די תאווה און וועלכע וועלן שוין איצט מער נישט גיין.

דער גלח האָט אָפּגעווישט זיינע פינגער, האָט אַריינגעוואָרפן אין פייער די שטיקלעך וואַטע, פאַרנעצטע אין אייל, און זיך אַנידערגעזעצט לעבן גוסס, כדי איר אויפצוקלערן, אַז זי מוז איצט באַהעפטן אירע יסורים מיט די יסורים פון יעזוס-קריסטוס און זיך שטעלן אונטער גאָטס חסד.

פאַרענדיקט זיין דרשה, האָט ער געפּרוווט איר אַריינלייגן אין האַנט אַ הייליק ליכט, אַ סימבאָל פון הימלישן רום, מיט וועלכן זי וועט באַלד אַרומגערינגלט ווערן. עמע, אַן אָפּגעשוואַכטע, האָט נישט געקענט צודריקן אירע פינגער, און ווען נישט דער גלח, וואָלט דאָס ליכט אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד.

זי איז שוין איצט נישט געווען אַזוי בלאַס, און איר פנים האָט באַקומען אַ רויִקן אויסזען, פונקט ווי די סאַקראַמענטן וואָלטן איר געהאָלפן.

דער גלח האָט עס תיכף באַמערקט; ער האָט דערקלערט שאַרלען, אַז גאָט פאַרלענגערט צייטנווייז דאָס לעבן ביי חולאים, ווען ער געפינט איין, אַז דאָס איז נייטיק פאַר זייער ישועה; און שאַרל האָט זיך דערמאָנט, אַז זי האָט שוין איינמאָל אַזוי געהאַלטן ביים שטאַרבן און אַז זי האָט זיך שוין געהאַט מתוודה געווען.

— אפשר דאַרף מען נאָך נישט פאַרלירן דעם בטחון, — האָט ער געטראַכט.

און באמת, זי האָט געקוקט אַרום זיך, אַ צעחושטע, ווי איי=

נער, וואָס האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף; נאָכדעם האָט זי מיט אַ קלאָרער שטימע געבעטן איר שפּיגל, און קוקנדיק אין אים, איז זי אַזוי פאַרבליבן אַ לענגערע צייט, ביז ס'האָבן זיך באַוויזן גרויסע טרערן אין אירע אויגן. דעמאָלט האָט זי פאַרוואָרפן איר קאָפּ און מיט אַ זיפץ אַנידערגעפאַלן אויפן קישן.

איר ברוסט האָט אָנגעהויבן שווער צו אָטעמען. די צונג האָט זיך ארויסגערוקט פון איר מויל; אירע צוויי שטאַרע אויגן האָבן געבלייבט, ווי צוויי לאָמפּן, וואָס אָט-אָט גייען זיי אויס; מען וואָלט איר שוין געקענט אָננעמען פאַר אַ מת, אָבער זי האָט נאָך שנעל געאַרבעט מיט די זייטן, וועלכע האָבן געציטערט פון די שרעקלעכע הויכן, פּונקט ווי איר נשמה וואָלט געשפּרונגען, רייסנדיק זיך פון גוף. פעליסיטע האָט געקניט פאַרן קרוציפיקס; אפילו דער אפּטייקער אַליין האָט עטוואָס געבויגן זיינע קני, בעת מסיע קאַניווע האָט אומבאַשטימט געקוקט אויפן מאַרק. דער גלח בורניסיען האָט זיך ווייטער פאַרטיפט אין אַ תּפילה, איינגעבויגן איבערן ברעג פון בעט. און זיין לאַנגע שוואַרצע כוטאַנע האָט זיך נאָך אים געשלעפּט איבערן צימער. שאַרל איז געשטאַנען אויף די קני לעבן דער צווייטער זייט בעט, מיט די הענט אויסגעצויגענע צו עמען. ער האָט אָנגענומען אירע הענט און זיי געדריקט, ציטערנדיק ביי יעדן קלאפּ פון איר האַרץ, פּונקט ווי ביי די קלעפּ פון אַ חורבה, וואָס פאַלט איין. און לפי-ערך ווי דאָס כאָרכלען האָט זיך פאַרשטאַרקט, האָט דער גלח שנעלער תּפילה געטאָן; די תּפילות האָבן זיך אויסגעמישט מיט שאַרלס פאַרשטיקטן געוויין און צייטנווייז איז אַלץ פּונקט ווי פאַרשוווּנדן געוואָרן אין אַ שטומער שעפּטשעריי פון לאַטיינישע ווערטער, וועלכע האָבן געקלונגען, ווי גלאָקן נאָך אַ מת.

מיטאַמאָל האָט מען אויפן טראָטואַר דערהערט אַ גערויש פון גרויסע קלומפּעס מיט אַ קלאַפּעריי פון אַ שטעקן; און מען האָט דערהערט אַ הייזעריקע שטימע, וואָס האָט געזונגען:

צייטנווייז אין אַ הייסן זומערדיקן פרימאָרגן
קען דאָס מיידעלע איר ליבע גיכער פאַרבאָרגן!

עמע האָט זיך אויסגעגלייכט, ווי אַ גאַלוואַניזירטער מת, מיט צעפלוישטע האָר און מיט אומבאַוועגלעכע אָפענע אויגן.

אויפן פעלד איז זי געגאַנגען,
ביז דער ערד צו איינגעבויגן;
האָט געקליבן תבואה-זאַנגען
פונם סצרפ אַפּערגעפלויגן...

— דער בלינדער! — האָט זי אַ געשריי געטאָן.
און עמע האָט אָנגעהייבן צו לאַכן מיט אַ שרעקלעכן, ווילדן, בייזן געלעכטער, פונקט ווי זי וואָלט דערזען פאַר זיך די העסלעכע פיגור פונם שנאָרער, וועלכער איז ווי אַ געשפענסט אויסגעוואַקסן פאַר איר אין דער אייביקער חשכות.

דער ווינט האָט זיך היינט שטאַרק צעלאָזן
און האָט דאָס קורץ קליידעלע אַרויפגעבלאָזן!

אַ קאָנוווּלסיע האָט איר צוריקגעוואָרפן אויבן בעט. אַלע האָבן זיך דערנענטערט. זי האָט אויסגעהויכט איר נשמה.

IX

נאָכן טויט פון אַ מענטשן קומט תמיד אָן אַ מין פאַר־גליווערונג, אַזוי שווער איז צו באַגרייפן די דערשיינונג פון דעם „נישט־זיין" און אונטערוואַרפן זיך דעמדאָזיקן געדאַנק. אָבער באַמערקנדיק עמעס אומבאַוועגלעכקייט, האָט זיך שאַרל אַ וואָרף געטאָן אויף איר מיט אַ געשריי:

— אַדיע! אַדיע!

אָמע און קאַניווע האָבן אים אַרויסגעשלעפּט פון צימער.

— באַרויקט אייך!

— יאָ, — האָט ער געזאָגט, — אָפּשלאָגנדיק זיך פון זיי. — איך וועל מיך באַרויקן, איך וועל זיך קיין שלעכטס נישט טאָן.

אָבער לאָזט מיך! איך וויל זי זעֶן! זי איז דאָך מיין ווייב!
און ער האָט געוויינט.

— וויינט! — האָט געזאָגט דער אַפּטייקער, — זאָל די נאַטור זיך גיין מיט איר וועג, דאָס וועט אייך לייכטער מאַכן!
אָפּגעשוואַכט, ווי אַ קינד, האָט זיך שאַרל געלאָזט פירן אונטן, אין עס-צימער, און אָמע איז גיך אַוועק אַהיים.

אויפן מאַרק האָט אים אָנגעכאַפּט דער בלינדער, וועלכער האָט זיך דערשלעפּט קיין יאָנוויל, מיט דער האָפענונג צו באַקומען די אַנטיפלאָגיסטישע *) מאַשטש, אָפּשטעלנדיק אויפן וועג יעדן פאַרבייגייער, מען זאָל אים אָנווייזן, וווּ ס'וווינט דער אַפּטייקער.

— יאָ, נאָר דאָס פעלט מיר, פּונקט ווי איך האָב גאָר קיין אַנדערע געשעפטן נישט! אָבער ס'העלפט נישט, קום שפּעטער!
און ער איז האַסטיק אריינגעלאָפן אין אַפּטייק.

ער האָט געדאַרפט אָנשרייבן צוויי בריוו, צוגרייטן אַ באַרויקונגס=מיטל פאַר שאַרלען, אויסגעפינען אַ ליגן צו פאַרמאַסקירן די פאַרגיפטונג און אָנשרייבן דערפון אַן אַרטיקעלע אין „רואַנער ליכט“; און מען האָט דאָך געדאַרפט עפּעס מיטטיילן די בירגער, וועלכע האָבן געוואַרט אויף זיינע ידיעות! ווען די יאָנווילער האָבן אויסגעהערט זיין דערציילונג וועגן דעם אַרשעניק, וואָס עמע האָט איינגענומען אַנשטאָט צוקער, בעת זי האָט צוגעגרייט וואַניל=קרעם, איז אָמע ווידער אַוועק צו באָוואַרין.
קאַניווע איז שוין אַוועקגעפאָרן, און באָוואַרי איז געזעסן אין אַ פאָטעל, לעבן פענסטער, און באַטראַכט מיט אַ נאַרישן אויסזען די פּירעקן פון דער פּאָדלאָגע.

— איצט דאַרפט איר באַשטימען, — האָט אָמע געזאָגט,— די צייט פון די לוויה=צערעמאָניעס.
— וואָס? וואָספאַרע צערעמאָניעס?
און ציטערנדיק מיטן גאַנצן גוף, האָט ער געשטאַמלט:
— אָך, ניין, ניין! איך וועל זי איבערלאָזן ביי זיך.

*) אַ מיטל קעגן אַנצינדונג.

אויס העפלעכקייט האָט אָמע געגומען פון עטאַזשערקע אַ קאראפקע מיט וואַסער, כדי צו באַגיסן די גערעניום־בלומען.

— איך דאנק אייך, — האָט שארל געזאָגט. — איר זענט אַ גוטער.

און ער האָט נישט פארענדיקט, ווייל ס'האָט אים גע־שטיקט פון די חמרים ערינערונגען, וואָס דער אפטייקער האָט אים מיט דערדאָזיקער באַוועגונג דערמאָנט.

כדי אים צעשטרייען, איז דעם אפטייקער אריין אַ גע־דאַנק צו כאַפּן מיט אים אַ שמועס וועגן גערטנערײַ: צמחים נייטיקן זיך אין פייכטקייט. שאַרל האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, אַלס סימן פון הסכמה.

— איבעריקנס, וועלן מיר אינגיכן האָבן פיינע וועטערס.

— אַך! — האָט באָוואַרי געזאָגט.

ווען אָמע האָט שוין נישט געהאַט פון וואָס מער צו רעדן, האָט ער לייכט אָנגעהייבן פאַנאַנדערצורוקן די פאַרהאַנגען פון פענסטער.

— אָט גייט מסיע טיוואַש.

שאַרל האָט אומבאוווסטזיניק איבערגעחזרט:

— ס'גייט מסיע טיוואַש.

אָמע האָט שוין מער נישט געוואגט צו רעדן מיט אים וועגן דער לוויה; דער גלח האָט אים. ענדלעך, מכין געווען דערצו.

שאַרל האָט זיך פאַרשלאָסן ביי זיך אין קאַבינעט, גענו־מען אַ פען אין האַנט און נאָכדעם, ווי ער האָט זיך שטאַרק אויסגעוויינט, האָט ער אָנגעשריבן:

„איך וויל, מען זאָל זי מקבר זיין אין איר חופּה־קלייד, אין אירע ווייסע פאַנטאָפלי, מיט אַ קראַנץ. מען זאָל איר פאַנאַנדערלאָזן די האָר אויף דער פלייצע; ס'זאָלן זיין דריי טרומנעס: איינע פון דעמב, די צווייטע פון שוואַרץ-האָלץ, און די דריטע פון בליי. קיינער זאָל מיט איך וועל האָבן גענוג כוחות. מען זאָל זי איבערדעקן

מיט אַ גרויס שטיק גרינעם סאמעט. אַזוי וויל איך אַזוי מאַכט".

דידאָזיקע הערן האָבן געשטויגט איבער שאַרלס ראָמאַנ־טישע איינפאַלן, און דער אַפּטייקער איז אים תיכּף אַוועק זאָגן:

— לויט מיין מיינונג איז דער סאמעט אַן איבעריקע זאך, און חוצדעם, איז עס אויך אַן איבעריקע הוצאה...

— וואָס גייט עס אייך אָן? — האָט שאַרל אויסגערופן.— לאָזט מיך! איר האָט זי נישט געליבט! גייט אייך!

דער גלח האָט אים גענומען אונטערן אָרעם, כּדי זיך דורכשפּאַצירן מיט אים אין גאָרטן. ער האָט פאַרלייגט אַ דרשה וועגן דער אייטלקייט פון עולם־הזה זאַכן. דער אויבערשטער איז גרויס און גוט; נישט באַקלאָגנדיק זיך דאַרף מען זיך אונטערגעבן זיין משפּט; מען דאַרף אים אַפילו דאַנקען.

שאַרל האָט אָנגעהייבן צו לעסטערן:

— איך האָב פיינט אייער גאָט!

— דער צעבונטעוועטער גייסט לעבט נאָך אין אייך, — האָט דער גלח מיט אַ זיפץ ארויסגעזאָגט.

שאַרל איז שוין געווען ווייט פון אים. ער האָט גע־שפּרייזט מיט גרויסע טריט לענגאויס דער וואַנט, אונטער די שפּאַלערן; ער האָט געסקריפּעט מיט די ציין און האָט געשיקט אויפן הימל בליקן, פול מיט קללות; אָבער קיין איין בלעטעלע האָט זיך דערפון קיין ריר נישט געטאָן.

אַ קליין רעגנדל האָט אָנגעהייבן צו פאַלן. שאַרל, ביי וועמען די ברוסט איז געווען אָפן, האָט אָנגעהייבן צו ציטערן; ער איז אַריין און קיך און זיך צוגעזעצט.

זעקס אַ זייגער האָט זיך דערהערט אויפן מאַרק אַ מע־טאַלישער קלאַנג: דאָס איז „די שוואַלב" אָנגעקומען. צוגע־דריקט מיטן שטערן צו די שויבן, האָט ער געזען, ווי די פּאַסאַזשירן שטייגן אַרויס איינער נאָכן צווייטן. פעליסיטע האָט

אים אויסגעשפּרייט אַ מאַטראַץ אין זאַל; ער איז אויף אים אַנידערגעפאַלן און איינגעשלאָפן.

טראָץ זיין פילאָזאָפיע, האָט דאָך אָמע געהאַט דרך־ארץ פאַר מתים. נישט האָבנדיק קיין שום שנאה צום אומגליקלעכן שאַרלען, איז ער אינאָוונט געקומען, כדי צו וואַכן לעבן דער פאַרשטאָרבענער; ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך דריי ביכער און אַ פאַפּקע צו פאַרצייכענען זיינע באַמערקונגען.

דער גלח בורניסיען האָט זיך אויך דאָרט געפונען; צוויי גרויסע ליכט האָבן געברענט צוקאָפּנס ביים בעט, וואָס מען האָט אַרויסגעטראָגן אויפן מיטן צימער.

דער אַפּטייקער, וועמען דאָס שווייגן האָט געמאַטערט, האָט אַרויסגעזאָגט עטלעכע טרויערדיקע געדאַנקען איבער דער דאָזיקער „אומגליקלעכער יונגער פרוי", אויף וואָס דער גלח האָט אָפּגעענטפערט, אַז ער וועט איצט נישט אויפהערן תפילה צו טאָן פאַר איר נשמה.

— דאָך, — האָט אָמע אָפּגעענטפערט, — איינס פון די ביידע: אָדער זי איז געשטאָרבן אין אַ צושטאַנד פון חסד (ווי דער קלויסטער דריקט זיך אויס), און דעמאָלט נייטיקט זי זיך נישט אין אונדזערע תפילות, אָדער זי איז געשטאָרבן אָן תשובה (דאָס איז אויך, דאַכט זיך, אַ קלויסטער־אויסדרוק) דעמאָלט...

בורניסיען האָט אים איבערגעהאַקט, ענטפערנדיק בייז, אַז מען דאַרף דאָך תפילה טאָן.

— אָבער, — האָט זיך דער אַפּטייקער קעגנגעשטעלט, — אויב גאָט ווייס אונדזערע אַלע געברויכן, טאָ צו וואָס דאַרף מען אַלע תפילות?

— האַ, וואָס? — האָט דער גלח זיך אָנגערופן — תפילות! צי זענט איר נישט קיין קריסט?

— זייט מוחל! — האָט אָמע געזאָגט. — איך פאַרגעטער דאָס קריסטנטום. עס האָט צוערשט באַפרייט די שקלאַפן, אריינגעפירט אין דער וועלט מאָראַל...

— ס'האַנדלט זיך נישט דערין! אַלע טעקסטן...

— אַך! אַך! וואָס שייך טעקסטן, טוט אַ קוק אין דער

געשיכטע; ס'איז קלאָר ווי דער טאָג, אז זיי זענען אַלע געפעלשט דורך די יעזואיטן.

דאָ איז שאַרל אַריינגעקומען, און צוקומענדיק צו דעם בעט, האָט ער לאַנגזאַם פאַנאַנדערגעצויגן די פאָרהאַנגען.

עמעס קאָפּ איז לייכט געווען איבערגעבויגן אויפן רעכטן אקסל. איין ווינקל פון מויל, וואָס איז געווען אָפן, האָט אונטן אויפן פנים געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ שוואַרצער לאָך; די גראָבע פינגער זענען געווען איינגעדריקט אין די דלאָניעס; פונקט ווי מיט אַ ווייסן שטויב זענען געווען פאַרדעקט די ברעמען, און אירע אויגן האָבן אָנגעהייבן פאַרשווונדן צו ווערן אונטער אַ מין קלעפּעדיקער בלאַסקייט, ענלעך צו אַ דין הייטל, צו שפּינוועבס. דער ליילעך איז געווען איינגעפאַלן פון קאָפּ ביז צו די קני און ביי די פינגער פון די פיס האָט ער זיך ווידער אויפגעהייבן; און שאַרלען האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז עפּעס אַ שווערע משא דריקט זי.

דער קלויסטער-זייגער האָט אויסגעשלאָגן צוויי. מען האָט געהערט דאָס הויכע ריזלען פון טייך, וועלכער איז אין דער פינסטער פאַרבייגעפלאָסן לעבן דער טעראַסע. פון צייט צו צייט האָט זיך דער גלח בורניסיען הויך אויסגעשנייצט, און אָמע האָט געסקריפּעט מיט דער פעדער אויפן פאַפּיר.

— נו, גענוג, מיין פריינט, — האָט דער אַפּטייקער געזאָגט, — גייט אַוועק, דאָסדאָזיקע בילד קוועלט אייך.

ווי נאָר שאַרל איז אַוועק, האָט דער אַפּטייקער מיטן גלח ווידער זיך גענומען צום פריערדיקן שמועס.

— לעזט וואָלטערן! — האָט איינער געזאָגט. — לעזט האָלבאַכן, לעזט די ענציקלאָפּעדיע!

— לעזט די בריוו פון עטלעכע פּאָרטוגעזישע ייִדן! — האָט דער צווייטער געזאָגט. — לעזט דעם זין פון קריסטנטום, פאַרפאַסט דורך ניקאָלאַסן, אַ געוועזענער שופט!

זיי האָבן זיך צעהיצט, זיי זענען ביידע רויט געוואָרן, זיי האָבן גערעדט פאַראַמאָל, נישט אויסהאָרכנדיק איינער דעם צווייטן; בורניסיען איז געווען אויפגערעגט פון אַזאַ מין העזה;

אָמע האָט געשטוינט אויף אַזאַ שטותעריי. ס'האָט שוין געהאַלטן דערבײַ, אַז זיי זאָלן זיך אָנהייבן מכבד צו זיין מיט קללות, ווי פּלוצלונג האָט זיך שאַרל באַוויזן. עפּעס אַ מאַגישער כּוח האָט אים אַהער געצויגן. ער האָט זיך כּסדר אויפגעהייבן אויף די שטיגן.

ער האָט זיך געשטעלט קעגן עמען, כּדי זי בעסער צו באַטראַכטן, און וואָס מער ער האָט זיך פאַרטיפט, אַלץ ווייניקער האָט ער געליטן.

ער האָט זיך דערמאָנט אַלע מעשיות וועגן קאַטאַלעפּסיע*) וועגן נסים פון מאַגנעטיזם; און ער האָט געטראַכט, אַז ווען מען זאָל שטאַרק ווען, וואָלט אפשר געלונגען זי לעבעדיק צו מאַכן. איינמאָל האָט ער זיך אפילו איבערגעבויגן איבער איר און גאַנץ שטיל גערופן: „עמע, עמע!“ פון זיין הויך האָט אַ ציטער געטאָן דאָס פייער פון די ליכט, צוציענדיק זיך ביז צו דער וואַנט.

באַגינען איז געקומען צו פאָרן די אַלטע באָוואַרי; ווען שאַרל האָט זיך מיט איר געקושט, האָט ער זיך ווידער פאַנאַנדערגעוויינט. פונקט ווי דער אַפּטייקער, האָט זי אים געפּרוּווט צו מאַכן עטלעכע באַמערקונגען בנוגע די לוויה־הוצאות. ער איז אַזוי שטאַרק אויפגערעגט געוואָרן, אַז זי האָט אויפגעהערט צו רעדן, און לויט זיין באַפעל איז זי אפילו אַוועק אין שטאָט איינקויפן די נייטיקע זאַכן.

שאַרל איז פאַרבליבן אַליין אַ גאַנצן נאָכמיטאָג; בערטען האָט מען אַוועקגעפירט צו דער מאַדאַם אָמע; פעליסיטע איז געזעסן אינדערהויך צוזאַמען מיט דער מוטער לעפראַנסואַ.

אינאָוונט האָט ער אויפגענומען געסט. שאַרל איז אויפגעשטאַנען, געדריקט די האַנט, נישט האָבנדיק קיין כּוח צו רעדן; נאָכדעם האָט זיך דער גאַסט אַוועקגעזעצט לעבן די אַנדערע ביים קאַמין, ווו ס'האָט זיך פאָרמירט אַ האַלבער קרייזל. דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס, האָבן

*) קאַטאַלעפּסיע: אַ היסטערישע קראַנקייט, וואָס איז פאַרבונדן מיט שמערצן און קאַנוווּלסיעס.

זיי מיט די פיס געשאָקלט, אַרויסלאָזנדיק פון צייט צו צייט אַ זיפץ; ס'איז געווען שרעקלעך אומעטיק; דאָך איז קיינער נישט אוועק.

געקומען צוריק קעגן ניין אַ זייגער (שוין צוויי טעג האָט מען אים געזען ארומלויפן אויפן מאַרק), האָט אָמע מיט זיך געבראַכט קאַמפאָר, בענזאָל און אַראָמאַטישע גראָזן. ער האָט אויך געבראַכט אַ סלאָי מיט כלאָר, כדי צו פאַרטרייבן די גיפּ־טיקע ריחות. פּונקט דעמאָלט האָט די דינסט, די מאַדאַם לע־פראַנסואַ און די אַלטע באָוואַרי פאַרענדיקט אָנצוטאָן עמען, אַרויפגעצויגן אויף איר אַ לאַנגן אָנגעקראָכמאַלעטן שלייער, וועלכער האָט זי פאַרדעקט ביז איבער די סאַמעטענע פאַנטאָפל.

פעליסיטע האָט געשלוכצט:

— אַך! מיין אומגליקלעכע באַלעבאָסטע! מיין אומגליק־לעכע באַלעבאָסטע!

— קוקט אויף איר, — האָט געזיפצט די שענקערקע, — ווי שיין זי איז נאָך! פּונקט ווי אָט־אָט הייבט זי זיך אויף.

נאָכדעם האָבן זיי זיך איינגעבויגן, כדי אָנצוטאָן אויף איר אַ קראַנץ.

מען האָט געמוזט אַ ביסל אונטערהייבן דעם קאָפּ, און דעמאָלט האָט זיך ארויסגעגאָסן פון מויל אַ שטראָם מיט שוואַר־צער פליסיקייט.

— אַך! מיין גאָט! דאָס קלייד, פאַרזיכטיק! — האָט אויסגעשריען די מאַדאַם לעפראַנסואַ.—העלפט אונדז!—האָט זי זיך געווענדעט צום אַפּטייקער. — אפשר האָט איר אַמאָל מורא?

— איך, מורא? — האָט ער געענטפערט, צוקנדיק מיט די אַקסלען. — נו! אוודאי! נישט אַזעלכע האָב איך געזען אין שפּיטאָל, ווען איך האָב געלערנט פאַרמאַציע! מיר האָבן גע־מאַכט פּונש אין אַנאַטאָמישן טעאַטער! דאָס „נישט־זיין" שרעקט נישט דעם פילאָזאָף; און איך האָב אפילו נישט איינמאָל איבער־געחזרט, אַז איך האָב בדעה איבערצוגעבן מיין קערפּער פאַר אַ שפּיטאָל, כדי נאָך מיין טויט צו ברענגען נוצן דער וויסנשאַפט.

ווען דער גלח איז געקומען, האָט ער געפרעגט, וואָס מאַכט באָוואַרי; און אויפן אַפּטייקערס תשובה האָט ער געזאָגט:

— דער קלאַפּ, פאַרשטייט איר, איז נאָך פריש!

דעמאָלט האָט אים אָמע באַגריסט, אַז אים שטייט נישט פאָר די סכנה צו פאַרלירן זיין טייערע חברטע אין לעבן; דערפון האָט זיך אַנטוויקלט אַ שמועס איבער דער הייראַטסלאָזיקייט פון גלחים.

— ווייל, — האָט געטענהט דער אַפּטייקער, — ס'איז קעגן דער נאַטור, אַז אַ מענטש זאָל זיך באַגיין אָן ווייבער!... ס'זענען פאָרגעקומען פאַרברעכנס.

— אָבער אויף וויסטע פעלדער! — האָט דער גלח אויסגעוופן. — וויאַזוי ווילט איר, אַז אַ מענטש, וואָס איז פאַרבונדן מיט הייראַט, זאָל קענען, למשל, איינהיטן די סודות פון קאָנפעסיע?

אָמע איז אָנגעפאַלן אויף דער קאָנפעסיע. בורניסיען האָט זי פאַרטיידיקט. ער האָט אויסגערעכנט די גינסטיקע פאָלגן, וואָס די קאָנפעסיע האָט גורם געווען; ער האָט ציטירט פאַרשידענע מעשיות פון גנבים, וועלכע זענען פלוצלונג געוואָרן אָרנטלעכע לייט. מיליטער-לייט, דערנענטערנדיק זיך צום ווידוי-טריבונאַל, האָבן דערפילט, ווי שופן פאַלן זיי אַראָפּ פון די אויגן. אין פרייבורג איז געווען אַ גלח...

דער אַפּטייקער איז איינגעשלאָפן. היות די לופט איז געווען אַ פאַרשטיקטע אין צימער, האָט דער גלח אויפגעעפנט דאָס פענסטער, פון וואָס דער אַפּטייקער האָט זיך אויפגעכאַפּט.

— טוט אַ שמעק! — האָט בורניסיען געזאָגט, — דאָס פאַרטרייבט דעם שלאָף.

פונדערווייטנס האָט זיך געלאָזט הערן אַ געבילעריי פון הינט.

— איר הערט, אַ הונט וואָיעט? — האָט דער אַפּטייקער געזאָגט.

— ס'איז אַ סברה, אַז זיי שפּירן מתים, — האָט דער גלח געענטפערט. — דאָסזעלבע איז מיט בינען; זיי פליען אַוועק פון בינשטאָק, אויב עמעצער שטאַרבט אין שטוב.

אָמע איז נישט אָנגעפאַלן אויף דעמדאָזיקן אָבערגלויבן, ווייל ער איז ווידער איינגעשלאָפן.

בורניסיען, בטבע קרעפטיקער, האָט נאָך אַ צייט באַוועגט

מיט די ליפּן, נאָכדעם האָט ער אומבאַוועגלעך אַראָפּגעלאָזט די גאָמבע, אַרויסגעלאָזט זײַן גרויסן שוואַרצן ספר און אָנגעהויבן צו שנאָרכען.

זיי זענען געזעסן איינער קעגן צווייטן מיט אַרויסגערוקטע בייכער; דאָס פּנים אָנגעבלאָזן און אָנגעכרומעט; נאָך זייער לאַנגן וויכוח האָבן זיי זיך באַגעגנט אין דערזעלבער מענטשלעכער שוואַכקייט; ביידע האָבן זיי אויסגעקוקט אַזוי אומבאַוועגלעך, ווי דער מת, וואָס לעבן זיי, וועלכער האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי ער שלאָפט.

ווען שאַרל איז אַריינגעקומען, האָט ער זיי נישט אויפגעוועקט. דאָס איז ער געקומען צום לעצטן מאָל, כדי זיך מיט איר צו געזעגענען.

די שמעקעדיקע גראָזן האָבן זיך נאָך גערויכערט, און קנוילן בלוילעכן רויך האָבן זיך אויסגעמישט מיטן נעפּל, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן פון אויסנווייניק. עטלעכע שטערן האָבן שימערירט אויפן הימל; די נאַכט איז געווען אַ וואַרעמע.

דער חלב פון די ליכט האָט מיט גרויסע טראָפּנס געקאַפּעט אויפן בעט-געוואַנט. שאַרל האָט געקוקט ווי זיי ברענען, אָפּמאַטערנדיק זײַנע אויגן פון זייער געלן גלאַנצעדיקן פלאַם.

שטראַלן האָבן זיך געגאָסן אויף דער סאַמעטענער קלייד, ווייס ווי דאָס ליכט פון דער לבנה. עמע איז אין זיי פאַרשוווּנדן געוואָרן, און שאַרלען האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זי וואַקסט אַרויס אויסער די גרענעצן פון איר קערפּער, און מטושטש ווערט זי צונויפגעגאָסן מיט אַלע זאַכן, וואָס רינגלען זי אַרום: מיט דער שטילקייט, מיט דער נאַכט, מיטן ווינטל, וואָס האָט געבלאָזן, מיט די פײַכטע ריחות.

נאָכדעם האָט ער זי פּלוצלונג דערזען אין טאָסטער גאָרטן אויף אַ באַנק, לעבן דעם דאָרן-פּלויט, אָדער מיטאַמאָל גאָר אין רואַן, אויף די גאַסן, אויפן שוועל פון זייער שטוב, אויפן הויף פון בערטאָ. ער האָט אויך געהערט דאָס געלעכטער פון די פריילעכע יונגען, וועלכע האָבן געטאַנצט אונטער די עפּל-ביימער; דער צימער איז געווען דערמאָלט פאַרטרונקען מיט די

ריחות פון אירע האָר, און איר קלייד האָט געשורשעט אין די אָרעמעס, ווי דער שטילער גערויש פון פונקען. יאָ, ס'איז געווען דיזעל־בע עמע!

א לאַנגע צייט האָבן פאר אים אַרויסגעטויכט די פאַר־שווונדענע תענוגים, אירע פאָזעס, אירע זשעסטן, דער קלאַנג פון איר שטימע. נאָך איין פאַרצווייפלונג פלעגט אָנקומען אַ צווייטע, אַזוי כסדר, ווי די כוואַליעס פון אַ ברויזנדיקן ים.

ס'האָט אים באַהערשט אַ שרעקלעכע נייגעריקייט. פּאַמע־לעך, מיט די שפּיץ פינגער, ציטערנדיק, האָט ער אויפגעהייבן דעם שלייער. אָבער ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ מוראדיקן געשריי, וועלכער האָט אויפגעוועקט דעם אַפּטייקער און דעם גלח. זיי האָבן אים אַראָפּגעפירט אונטן אין זאַל.

נאָכדעם איז פעליסיטע געקומען בעטן אַ ביסל האָר פון דער פאַרשטאָרבענער.

— שניידט אָפּ! — האָט געזאָגט דער אַפּטייקער.

און אַזוי ווי זי האָט נישט געוואַגט, איז ער אַליין צוגעגאַנגען מיט דער שער אין דער האַנט. ער האָט זיך אַזוי שטאַרק געטרייסלט מיטן גאַנצן גוף, אַז ער האָט אין עטלעכע ערטער צעשניטן די הויט אויף די שלייפן. ענדלעך, אָננעמענ־דיק זיך מיט מוט, האָט ער געגעבן צוויי אָדער דריי גרויסע שניטן, פון וואָס ס'האָבן זיך צווישן דערדאָזיקער שיינער שוואַרצער שצוועליור געשאַפן אַ פּאָר ווייסע פלעקן.

דער אַפּטייקער און דער גלח זענען ווידער פאַרזונקען געוואָרן אין זייערע באַשעפטיקונגען, איינדרעמלענדיק פון צייט צו צייט און ביי יעדער אויפוואַכונג באַשולדיקט איינער דעם צווייטן. דעמאָלט האָט דער גלח באַשפּריצט דעם צימער מיט הייליקן וואַסער, און אָמע האָט געוואָרפן אַ ביסל כלאָר אויף דער ערד.

פעליסיטע האָט צוגעגרייט פאַר זיי אויפן קאָמאָד אַ פלאַש בראָנפן, קעז און א גרויסע בולקע.

קעגן פיר אַ זייגער פאַרטאָג, ווען דער אַפּטייקער האָט זיך געפילט אָפּגעמאַטערט, האָט ער אַ זיפץ געטאָן און געזאָגט:

— אויף מיין ערן וואָרט, איך וואָלט געדרן געשטאַרקט מיינע פּוחות!

דער גלח האָט זיך לאַנג נישט געלאָזט בעטן; ער איז אַרויס, כדי אָפּצוריכטן זיין מעסע, און נאָכדעם צוריקגעקומען. זיי האָבן געגעסן, געטרונקען, לייכט געשפּאַסט, נישט ווּיסנדיק פון וואָס, אויפגערייצט דורך דערדאָזיקער אומבאַשטימטער פריי־לעכקייט, וואָס כאַפּט אונדז אַרום נאָך אַן אומעט. און ביי דעם לעצטן גלעזל האָט דער גלח געזאָגט צום אַפּטייקער, קלאַפּנ־דיק אים רין דער פּלייצע:

— מיר וועלן זיך נאָך אַמאָל פאַרשטענדיקן!

אונטן, אין פאָדערהויז, האָבן זיי באַגעגנט אַרבעטער. גאַנצע צוויי שעה איז שארלען אויסגעקומען צו ליידן, אויס־האָרכנדיק די קלעפּ פונם האמער איבער די ברעטער. נאָכדעם האָט מען זי אַראָפּגעטראָגן אין דער דעמבענער טרומנע, וועל־כע מען האָט אַריינגעפּאַקט אין צוויי אַנדערע. היות די בלייע־נע טרומנע איז געווען צו גרויס, האָט מען די פּוסטע שטחים געמוזט פאַרפּאַקן מיט שטיקער מאטראַץ. ענדלעך, ווען אַלע דריי זיגקלעך זיינען געווען צוגעפּאַסט, צוגעשלאָגן און צוגעלייט, האָט מען די טרומגע אָוועקגעשטעלט פאַר דער טיר; מען האָט אויפ־געעפנט אַלע טירן, און די יאָנווילער איינוווינער האָבן זיך אָנ־געהייבן צונויפצוקומען.

ס'איז געקומען צו פאָרן דער פאָטער רואָ. דערזעענדיק די שוואַרצע דראפּירונגען, איז ער נאָך אויפן מאַרק געפאַלן אין חלשות.

X.

דעם אַפּטייקערס בריוו האָט רואָ באַקומען ערשט אין זעקסאונדרייסיק שעה אַרום נאָכן אומגליק; אָבער אָמע, נעמענדיק אין באַטראַכט דעם אלטנס פילבאַרקייט, האָט אַזוי צוזאמענ־געשטעלט דער בריוו, אַז רואָ האָט בשום אופן נישט געקענט פאַרשטיין אין וואָס ס'האַנדלט זיך.

דער אַלטער רואָ איז צוערשט אומגעפאַלן, פּונקט ווי אַ

האַרץ-שלאַג וואָלט אים געטראָפן. שפּעטער האָט ער פאַרשטאַנען, אַז זי איז נאָך נישט געשטאָרבן, אָבער דאָס האָט דאָך געקענט פּאַסירן... ער האָט ענדלעך אַרויסגעצויגן זיין בלוזע, געכאַפּט דעם הוט, צוגעטשעפּעט די שפּאָרן צו די שיך, אַרויף אויפן פערד און אַוועקגעטראָגן זיך. דער גאַנצן וועג האָט דער פּאַטער רואָ געשוויצט און זיך געפּייניקט פון גרויס דאגה. איינמאָל האָט ער אפילו געמוזט אַראָפּקריכן פון פערד. ער האָט שוין גאָרנישט געזען, ער האָט געהערט אַרום זיך שטימען; ס׳האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער ווערט משוגע.

ס׳האָט אָנגעהייבן צו טאָגן. אויף אַ בוים האָט ער באַמערקט דריי שוואַרצע הינער, וועלכע זענען געשלאָפן; ער האָט אַ ציטער געטאָן, איבערגעשראָקן פון דעמדאָזיקן פאָרצייכן. דעמאָלט האָט ער פאַרשפּראָכן דער הייליקער בתולה צוויי מעסע-געוואַנדן פאַרן קלויסטער, און נאָכמער, אַז ער וועט עולה-לרגל זיין באָרוועסערהייט פון בית-עלמין אין בערטאָ ביז צו דער קאַפּליצע אין וואַסאָנוויל.

ער איז אַריינגעפאָרן אין מאַראָם. אַרויסרופנדיק די מענטשן פון שענק, האָט ער אויפגעעפנט די טיר מיט אַ שטופּ פון אַקסל, צוגעשפּרונגען צום זעקל מיט האָבער, אַריינגעגאָסן אין קאָריטע אַ פלעשל זיסן עפּל-וויין, און ווידער אַרויף אויפן פערד, וועלכעס האָט זיך געטראָגן ווי אַ טייוול.

ער האָט צו זיך געזאָגט, אַז מען וועט זי נאָך בלי-ספק ראַטעווען; די דאָקטוירים וועלן זיכער אויסגעפינען אַ מיטל. ער האָט זיך דערמאָנט איבער די וווּנדער-רפואות, וועגן וועלכע מען האָט אים דערציילט.

נאָכדעם האָט ער זיך עמען שוין פאָרגעשטעלט אַ טויטע. זי איז געלעגן פאַר אים, אויסגעצויגן אויפן פלייצע, אויפן מיטן וועג. ער האָט געצויגן פאַר דעם צוימל און די וויזיע איז פאַרשוווּנדן געוואָרן.

כדי אָנצונעמען זיך מיט מוט, האָט ער אין קענקאַמפּוּאַ אויסגעטרונקען דריי גלעזלעך קאַווע נאָכאַנאַנד.

ער האָט געטראַכט, אַז מען האָט אפשר פאַרטוישט דעם

נאָמען, ער האָט געזוכט דעם בריוו אין קעשענע, ער האָט אים געפילט, אָבער ער האָט נישט געוואַגט אים אויפצועפענען.

ס'האָט זיך אין אים דערוועקט אַ חשד, אַז דאָס האָט אפשר עמעצער מיט אים אָפּגעשפּילט אַ נקמה־שפּאַס, — אַ שפּיצל פון עפּעס אַ לאַבוז; ווערים ווען זי וואָלט שוין געווען טויט, צי וואָלט מען דעריפון נישט געוווסט? אָבער ניין! אויף די פעלדער איז אַלץ ווי פריער: דער הימל איז בלוי, די ביי־מער שאָקלען זיך. ס'איז פאַרבייגעגאַנגען א סטאַדע שעפּסן. ער האָט באמערקט זאָס שטעטל. מען האָט געזען, ווי ער האָט זיך געטראָגן צוגעבויגן צום פערד, וועלכעס ער האָט גע־שמיסן מיטן גאַנצן כוח. ביי די רימענס האט געפלאָסן בלוט.

ווען ער איז געקומען צו זיך, האָט ער זיך מיט אַ גע־וויין געוואָרפן אין באָוואַריס אָרעמס.

— מיין טאָכטער! עמע! מיין קינד! דערקלערט מיר!..

און דער צווייטער האָט אָפּגעענטפערט מיט שלוכצן:

— איך ווייס נישט! איך ווייס נישט! ס'איז עפּעס אַ קללה!

דער אַפּטייקער האָט זיי מאַנאַנדערגעטיילט.

— דידאָזיקע שרעקלעכע פּרטים זענען איבעריק. איך אַליין וועל, מסיע רוא, אַלץ דערציילן. אָט קומען זיך שוין צונויף די מענטשן. מער מוט, צו אַלדע רוחות! מען דאַרף זיין אַ שטיקל פילאָזאָף!

דער אָרעמער שאַרל האָט געוואָלט מאַכן דעם אָנשטעל פון אַ שטאַרקן, האָט ער איבערגעחזרט עטלעכע מאָל:

— יאָ... מוט!

— נו! — האָט אויסגערופן דער זקן, — אַ פייער זוכט עס! איך וועל זי אוועקפירן ביזן סאַמע סוף.

דער גלאָק האָט געקלונגען. אַלץ איז שוין געווען פאַרטיק. מען האָט נאָר געדאַרפט זיך לאָזן אין וועג אַריין.

זיצנדיק אין די כאָר־שטולן, איינער לעבן צווייטן, האָבן זיי געזען, ווי לעבן זיי גייען כסדר פאַרביי דריי משוררים וועלכע האָבן געצויגן די פסאַלמען. דער אָרגל האָט געשפּילט מיט אַלע זיינע כוחות. דער גלח בו־ניסיען, אין יום־טובדיקן

בגדים, האָט געזונגען מיט אַ פּישטשענדיקער שטימע; ער האָט זיך געבויגט פאַרן מזבח, געהייבן די הענט אינדערהויך לעס־טיבוּזוּאָ האָט זיך אַרומגעדרייט אין קלויסטער מיט זיין פּיש־ביין־ברעטעלע; דער קאַטאַפאַלק איז געשטאַנען לעבן כאָר־טיש, צווישן פיר שורות ליכט. שאַרל האָט געהאַט חשק זיך אויפצוהייבן און זיי אויסלעשן.

ער האָט זיך באַמיט אַרויסצורופן אין זיך פרומקייט, איבער־געבן זיך דעם בטחון פון צוקונפטיקן לעבן, וווּ ער וועט זי זען. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז זי איז אַוועקגעפאָרן אויף אַ נסיעה, אויף זייער אַ לאַנגער נסיעה. אָבער ווען ער האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז זי געפינט זיך דאָ אונטן, אַז אַלץ איז פאַרענדיקט, אַז מען וועט זי באַגראָבן אין דער ערד, האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ ווילדער פאַרצווייפלטער כעס. צייטנווייז האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער פילט שוין גאָרנישט; זיס זענען אים איצט געווען זיינע יסורים, און וועלכע ער האָט זיך איינגעוויגט. ער האָט זיך אַליין אנגערופן אויסוואורף.

אויף די פּליטעס האָט מען דערהערט טרוקענע קלעפּ פון אַן אייזערנעם שטעקן, וועלכע האָבן זיך רעגלמעסיק איבערגע־חזרט. די קלעפּ האָבן זיך געלאָזט הערן פון אינעווייניק און אָפּגעשטאָרבן אין די הינטערשטע נאַוועס פון קלויסטער. אַ מענטש אין אַ דיקן שוואַרצן קאַפּטאַן האָט זיך מיט גרויס שווע־ריקייט געבויקט. ס'איז געווען היפּאָליט, דער משרת פון „גאָלדע־נעם לייב". ער האָט אָנגעטאָן זיין נייעם פוס.

איינער פון די משוררים איז אַרומגעגאַנגען איבערן קלויס־טער, כּדי אויפצוקלייבן נדבות, און די גרויסע מטבעות האָבן נאָכאנאַנד געקלונגען אין זילבערנעם טעלער.

— איילט אייך צו! ס'קאָסט מיר צופיל געזונט! — האָט באָוואַרי געשריען, אַריינוואַרפנדיק אים מיט כעס אַ פינף־פראַנ־קעדיקע מטבע.

דער משורר האָט אים אָפּגעדאַנקט מיט אַ נידעריקער פאַרנויגונג.

נאָכדעם האָט מען ווידער געזונגען, זיך געבויקט, זיך אויפ־געהייבן; ס'האָט קיין סוף נישט גענומען! ער האָט זיך דער־

מאָנט, ווי איינמאָל, תיכף נאָך זיין אָנקומען קיין יאָנוויל, זענען זיי ביידע צוזאַמען געשטאַנען רעכטס, אויף דער צווייטער זייט, לעבן דער וואַנט. דער גלאָק האָט ווידער אָנגעהייבן צו קלינגען. ס'איז געוואָרן אַ גרויסע באַוועגונג צווישן די שטולן. די טרעגער האָבן אַרונטערגערוקט זייערע דריי שטעקנס אונטער דער טרומנע, און מען איז אַרויס פון קלויסטער.

זשיסטען האָט זיך דעמאָלט באַוויזן אויפן שוועל פון דער אַפטייק. ער איז תיכף אַריין צוריק, אַ בלאַסער, נישט קענענדיק איינשטיין אויף די פיס.

מען איז געשטאַנען אויף די פענסטער, כדי צוצוקוקן זיך אויפן טרויער=צוג. שאַרל איז געגאַנגען פאָרויס, גלייך ווי אַ סטרונע. ער האָט זיך געמאַכט קוראַזש, און באַגריסט די, וועלכע זענען אַרויסגעקומען פון געסלעך, פון טירן און זיך אויסגעמישט צווישן עולם. זעקס מאַן, דריי פון יעדער זייט, זענען געגאַנגען מיט קליינע טריט, און לייכט צוגעסאַפעט. די משוררים, און צוויי קינדער פון כאָר האָבן געזונגען „דע פראָפונדיס"; און זייערע שטימען האָבן זיך אַוועקגעטראָגן איבער די פעלדער, מיט מאָדוליאַציעס, וועלכע האָבן זיך דאָ אויפגעהייבן, דאָ אַראָפגעלאָזט. עפטער זענען זיי פאַרשוווּנדן געוואָרן אויף אַן אויסבייג פון אַ שטעגל. אָבער דער גרויסער זילבערנער צלם האָט זיך תמיד געהייבן צווישן די ביימער.

די פרויען זענען נאָכגעגאַנגען, באַדעקט מיט שוואַרצע מאַנטלען, די קאַפּישאָנען אַראָפגעלאָזט; זיי האָבן געטראָגן אין די הענט גרויסע אָנגעצונדענע ליכט. און שאַרל האָט געפילט, אַז ער פאַלט אין חלשות פון די כסדרדיקע תפילות און פון די פלאַמען, פון די עקלדיקע ריחות פונעם חלב און פון דער גלחי=שער סוטאַנע. ס'האָט געבלאָזן אַ פרישער ווינטל; די קאָרן און די רעפּאַק האָבן געגאָסן אַ גרינקייט אַרום און אַרום; טראָפּנס טוי האָבן געגלאַנצט אויף די דערנער-פלויטן, ביים זוים פונעם וועג. די לופט איז געווען אָנגעפילט מיט פאַרשידנאַרטיקע פריילעכע קלאַנגען. מען האָט געהערט אַ הילכיקע קלאַפּערײ פון אַ וואָגן, וואָס האָט געשפּאַנט אויף אַ פעלד-וועג. אַ האָן האָט ערגעץ ווייט

געקרייט, און אַ זשערעבאַק, וועלכן מען האָט געזען לויפן צווישן די עפּלביימער, האָט געבריקעוועט מיט די פיס. דער ריינער הימל איז געווען דאָ און דאָרט געפלעקט מיט ראָזע וואָלקנס; בלוילעכע זומערפייגעלעך האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף כאַטקעס, באַדעקט מיט איריס. פאַרבייגייענדיק האָט שאַרל דערקענט די הויפן. ער האָט זיך דערמאָנט וועגן ענלעכע פריימאָרגנס, ווען ער פלעגט גיין צו אַ יר, צוריקקערנדיק זיך פון אַ באַזוך ביי אַ קראַנקן.

די שוואַרצע דעקע, באַזייט מיט ווייסע שטערנדלעך, האָט זיך צייטנווייז אויפגעהייבן און אויפגעדעקט די טרומנע. די אָפּגעמאַטערטע טרעגער האָבן פאַרלאַנגזאַמט זייערע טריט און די טרומנע האָט זיך באַוועגט מיט כסדרדיקע שטויסן, פונקט ווי אַ שיפל, געשטויסן דורך כוואַליעס.

מען איז אָנגעקומען.

די טרעגער זענען אַוועק אונטן אויף אַ באַגראָזטן אָרט, וווּ ס'איז געווען אויסגעגראָבן אַ קבר.

מען האָט דעם קבר ארומגערינגלט פון אַלע זייטן; און בעת דער גלח האָט גערעדט, האָט די רויטע ערד ביי די זייטן זיך כסדר געשאָטן אָן שום גערויש.

נאָכדעם, האָט מען צוגעטשעפּעט פיר שטריק און אָנגעהייבן אַראָפּלאָזן די טרומנע. שאַרל האָט זיך צוגעקוקט, ווי זי לאָזט זיך אַראָפּ. זי האָט זיך כסדר אַראָפּגעלאָזט אַלץ נידעריקער און נידעריקער.

מען האָט דערהערט אַ קלאַפּ; די שטריק האָבן מיט א סקריפּעריי זיך אויפגעהייבן. דעמאָלט האָט דער גלח בורניסיען גענומען אַ רידעל, וואָס לעסטיבודוואַ האָט אים דערלאַנגט, און שפּריצנדיק כסדר מיט דער רעכטער האַנט, האָט ער מיט דער לינקער אַראָפּגעוואָרפן אַ גרויסן רידעל ערד. און דאָס האָלץ פון דער טרומנע, אונטער די קלעפּ פון די שטיינדעלעך האָט אַרויסגעלאָזט דעמדאָזיקן שרעקלעכן געשריי, וועלכער קלינגט אין אונדזערע אויערן, ווי דער אָפּקלאַנג פון אייביקייט.

דער גלח האָט איבערגעגעבן דעם שפּריצער זיין שכן,

דאָס איז געווען דער מסיע אָמע. ער האָט אים פייערלעך אַ שאָקל געטאָן און אים איבערגעגעבן שארלען, וועלכער איז ביז די קני געווען פאַרזונקען אין זאַמד און, שיטנדיק גאַנצע הויפנס אין קבר, האָט ער געשריען: „אַדיע". ער האָט איר געשיקט קושן; ער האָט זיך געצויגן צום גרוב, ווי ער וואָלט געוואָלט זיך פאַרשיטן צוזאַמען מיט איר.

מען האָט אים אַוועקגעפירט; און ער האָט זיך אינגיכן באַרויקט, איבערלעבנדיק, מעגלעך, דאָסזעלבע, וואָס אַלע אַנדערע האָבן איבערגעלעבט — אַ מין אומבאַשטימטן פאַרגעניגן, אַז אַלץ איז שוין פאַרענדיקט.

צוריקגייענדיק האָט דער פאָטער רואָ רויק געראויכערט זיין ליולקע, וואָס אָמע האָט טיף אין הארצן געהאַלטן פאַר נישט פאַסיק. ער האָט אויך באַמערקט, אַז בינע האָט זיך לגמרי נישט באַוויזן, אַז טיוואַש האָט „געמאַכט פליטה" תיכף נאָך דער מעסע און אַז טעאָדאָר, דער דינער פון נאָטאַריוס, איז געקומען אין בלויען ראָק; „פונקט ווי ער וואָלט נישט געקענט געפינען קיין שוואַרצן ראָק, היות ס'איז שוין יאָ אַזאַ מנהג, צו אַלדע רוחות". און כדי איבערצוגעבן זיינע באַמערקונגען איז ער געגאַנגען פון איין גרופע צו דער צווייטער. אַלע האָבן באַדויערט עמעס טויט, באַזונדערס לערע, וועלכער איז אויך געקומען אויף דער לוויה.

— די קליינע, אומגליקלעכע דאַמע! ס'אַרע ווייטיק פאַר איר מאַן!

דער אַפטייקער האָט אָפגעענטפערט:

— ווען נישט איך, וואָלט ער זיך באַשטימט אַ מעשה אָנגעטאָן!

— ס'אַזאַ טייערער נפש! ערשט שבת האָב איך זי געזען ביי זיך אין קראָם!

— איך האָב נישט געהאַט קיין צייט, — האָט אָמע געזאָגט, — צוצוגרייטן אַ פאָר ווערטער, וועלכע איך וואָלט צוגעוואָרפן אויף איר קבר.

אינדערהיים האָט זיך שאַרל איבערגעטאָן און דער פאָטער

דואָ האָט ארויפגעצויגן זיין בלויע בלוזע. אזויווי די בלוזע איז געווען א נייע און דעם גאַנצן וועג האָט ער זיך מיט די אַרבל געווישט די אויגן, איז זי אָפּגעקראָכן אויף זיין פּנים; און שפּורן פון טרערן האָבן זיך שורותווייז געצויגן אויף שיכטן שטויב, מיט וועלכן דאָס פּנים איז געווען באַדעקט.

די אַלטע באָווארי איז געווען מיט זיי. אַלע דריי האָבן געשוויגן. ענדלעך, האָט דער אַלטער אַ זיפץ געטאָן:

— צי געדענקט איר, מיין פריינט, ווי איך בין געקומען צו אייך אין טאָסט, נאָכן טויט פון אייער ערשטער ווייב. איך האָב אייך דעמאָלט געטרייסט! איך האָב אייך דעמאָלט געהאַט וואָס צו זאָגן; אָבער איצט...

און נאָכדעם מיט אַ קרעכץ, וואָס האַט אונטערגעהייבן זיין ברוסט, האָט ער מוסיף געווען:

— אַך! איצט איז פאַר מיר אַלץ פאַרענדיקט! צוערשט איז געשטאָרבן מיין ווייב... נאָכדעם מיין זון... און איצט מיין טאָכטער!

ער האָט געוואָלט תּיכף צוריקפאָרן קיין בערטאָ, טענהנדיק, אַז ער קען אין דעמדאָזיקן הויז נישט שלאָפן. ער האָט אַפילו נישט געוואָלט זען זיין אייניקל.

— ניין! ניין! דאָס וועט מיר צופיל ליידן פאַרשאַפן. אָבער איר טוט זי אַ קוש פאַר מיר! אַדיע!... איר זענט אַ גוטער יונג! און זייט זיכער, אַז קיינמאָל וועל איך עס נישט פאַרגעסן, — האָט ער מוסיף געווען, קלאַפנדיק זיך אין פוס! — שרעקט אייך נישט! איר וועט תּמיד באַקומען מיין אינדיק, פונקט ווי פריער.

אָבער ווען ער איז ארויף אויפן שפּיץ באַרג, האָט ער זיך אויסגעדרייט און פונקט ווי אַמאָל האָט ער פאַרקערעוועט אויפן וועג קיין סען־וויקטאָר, אָפּזעגענענדיק זיך מיט איר. די פענסטער פון שטעטל זענען געשטאַנען אין פייער פון די קרומע שטראַלן פון דער זון, וועלכע האָט זיך געזעצט אויף דער לאָנקע. מיט דער האַנט האָט ער פאַרשטעלט די אויגן, און ער האָט אויפן האָריזאָנט באַמערקט אַ פאַרצוימונג, הינטער

וועלכער דיביימער האָבן זיך דאָ און דאָרט געפּרעסט אין שוואַרצע קופּעס, צווישן ווייסע שטיינער; נאָכדעם האָט ער זיך ווידער געלאָזט אין וועג אַריין מיט קליינע טריט, ווייל זיין פערד האָט געהונקען.

שאַרל און זיין מוטער, נישט געקוקט אויף זייער אָפּגע-מאַטערטקייט, האָבן אַ גאַנצן אָוונט געשמועסט. זיי האָבן גע-שמועסט פון דער פאַרגאַנגענער צייט און וועגן דער צוקונפט. זי וועט קומען צו אים וואוינען קיין יאָנוויל, זי וועט פירן זיין באַלעבאַטישקייט, זיי וועלן זיך קיינמאָל נישט שיידן. זי איז געווען רעדעוודיק, העפלעך און טיף אין האַרצן האָט זי זיך געפרייט, וואָס זי האָט געוואונען צוריק די ליבע, וועלכע האָט זיך זינט יאָרן פון איר אַרויסגעגליטשט. האַלב-נאַכט האָט גע-קלונגען. דאָס שטעטל איז, ווי געוויינלעך, געשלאָפן, און שאַרל איז געזעסן און געטראַכט וועגן א י ר.

כדי צו פאַרווײַלן זיך, האָט ראָדאָלף אַ גאַנצן טאָג אַרומ-געשפּרייזט איבערן וואלד און שפּעטער רויק געשלאָפן אין זיין שלאָס; און דאָרט ווייט, איז לעאָן אויך געשלאָפן.

ס'איז געווען נאָך איינער, אַ חוץ שאַרלען, וועלכער האָט אַ גאַנצע נאַכט דאָס אויג נישט צוגעמאַכט.

אויפן קבר, צווישן די סאָסנעס איז אַ קינד געשטאַנען אויף די קני, געקלאָגט, און זיין ברוסט, צעריסן פון געוויינען, האָט זיך געהויבן אינדערפינסטער אונטערן דרוק פון אומענד-לעכער בענקשאַפט, וועלכע איז געווען שטילער פון דער לבנה און טיפער פון דער נאַכט. מיטאמאל האָט דאָס טירל אַ סקריפּ געטאָן. דאָס איז געווען לעסטיבידואַ; ער איז געקומען זוכן זיין רידעל, וועלכן ער האָט דאָ איבערגעלאָזן. ער האָט דערקענט זשיסטענען, וועלכער האָט אַריבערגעקלעטערט די וואַנט, און איצט האָט ער פאַרשטאַנען, ווער ס'איז דער גנב, וואָס גנבעט כסדר זיינע קאַרטאָפל.

XI

אויף צומאָרגנס האָט שאַרל אפּגענומען בערטען. זי האָט זיך נאכגעפרעגט אויף איר מאַמען. מען האָט איר געענטפערט, אַז זי איז אוועקגעפאָרן און אַז זי וועט איר ברענגען צאַצקעס. בערטע האָט דערפון איבערגערעדט עטלעכע מאָל, אָבער דערנאָך האָט זי פארגעסן. דער מיידעלעס פריילעכקייט האָט געערגערט באָוואַרין; חוצדעם האָט אים אָמע געהאַקט אַ קאָפּ מיט זײַנע טרייסטונגען, וועלכע זענען אים ממש צוגעגעסן געוואָרן.

ווידער האָט ער זיך באַגעגנט מיט געלט-שוועריקייטן, ווייל לערע האָט ווידער אויף אים אנגעשיקט זיין פריינט ווענסאַר, און שאַרל האָט אויפדאָסניי אַרויסגעגעבן וועקסלען אויף גרויסע סומען; ווייל ער האט בשום אופן נישט געוואָלט דערלאזן מען זאָל אים פאַרקויפן די קלענסטע זאך, וואס האט געהערט צו „איר". זיין מאַמע איז געווען אויפגערעגט דערויף. ער איז געווען נאָכמער פון איר אויפגערעגט. ער האָט זיך אינגאַנצן געענדערט. זי האָט פאַרלאָזן זיין הויז.

דעמאָלט האט יעדערער אָנגעהייבן א ו י ס צ ו נ ו צ ן אים. מאַדמאַזעל לאַמפּערער האָט געפאָדערט לערנגעלט פאר זעקס חדשים, הגם עמע האָט פון איר קיין איין לעקציע מוזיק נישט בעקומען (נישט געקוקט אויף דער קוויטירונג, וואָס זי האָט דערלאַנגט שאַרלען); — אַזוי איז געוואָרן אָפּגעמאַכט צווישן זיי ביידן. די ביבליאָטעק האָט געפאָדערט פאַר דריי יאָר אַבאָנירן זיך; די מוטער ראָלע האָט געפאָדערט געלט פאר אָפּשיקן דרייסיק בריוו; און ווען שאַרל האָט געפאָדערט דערקלערונגען, האָט זי זייער דעליקאַט אָפּגעענטפערט:

— אך! איך ווייס נישט! מסתם געשעפטלעך.

ביי יעדער צאָלונג האָט שאַרל געמיינט, אַז ס'איז שוין אַ סוף. אָבער נייע חובות פלעגן כסדר אויפוואקסן.

ער האָט געפאָדערט זיינע חובות פאַר נישט-באַצאָלטע וויזיטן, האָט מען אים געוויזן די בריוו, וואָס זיין ווייב האָט צו זיי צוגעשיקט. ער האָט זיך געמוזט אַנטשולדיקן.

פעליסיטע האָט איצט געטראָגן די בגדים פון איר מאַדאַם, ווייל א סך פון זיי האָט שאַרל פאַרבאַהאַלטן און געגאַנגען קוקן אויף זיי אין עמעס טואַלעט־צימער, ווי ער פלעגט זיך פאַרשליסן. פעליסיטע האָט געהאַט דעמזעלבן וווּקס, וואָס עמע, און ווען שאַרל פלעגט זי אָפטמאָל דערזען פון הינטן פלעגט ער פאַרפירט ווערן דורך אן אילוזיע און ער פלעגט אויסרופן

— אָן! בלייב! בלייב!

אָבער שבועות־צייט האָט פעליסיטע פאַרלאָזן יאָנוויל; זי איז אַנטלאָפן געוואָרן מיט טעאָדאָרן און צוגעגנבעט די איבעריקע קליידער פון עמעס גאַרדעראָבע.

ס'איז געווען פונקט אין יענער צייט, ווען די מאַדאַם דיפּיאַי האָט געהאַט דעם כבוד צו מעלדן שאַרלען וועגן „דער חתונה פון איר זון לעאָן דיפּיאַי, דער נאָטאַריוס פון איוועטאָ, מיט דער מאַדמאַזעל לעאָקאַדי לעבעף פון באָנדעוויל". אין דער באַגריסונג, וואָס שאַרל האָט אַוועקגעשיקט, האָט ער דרך־אגב דערמאָנט דיראָזיקע פראַזע:

„ווי צופרידן מיין אָרעמע עמע וואָלט געווען!

איינמאָל, אַרומבלאָנקענדיק אין שטוב, האָט ער זיך פאַרקליבן אויפן בוידעם, און דאָרט האָט ער דערפילט אונטער זיין שוך א שטיקל דין פאַפיר. ער האָט עס פאַנאַנדערגעוויקלט און איבערגעלייענט: „שטאַרקט אייך עמע! שטאַרקט אייך! איך וויל נישט פאַרדאַרבן אייער לעבן". דאָס איז געווען א בריוו פון ראָדאָלפן, וועלכן איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד צווישן די קאַסטנס און וועלכער דער ווינט האָט אַוועקגעבלאָזן צו דער טיר. און שאַרל איז געבליבן שטיין א פאַרגליווערטער אויפן זעלבן אָרט, ווו עמע, בלאַסער פון אים, איז אמאָל געשטאַנען אין פאַרצווייפלונג און האָט אויף זיך געבעטן דעם טויט. ענדלעך האָט ער דערזען א קליינעם „R" ביים סוף פון דעם צווייטן זייטל. וואָס איז דאָס? ער האָט זיך דערמאָנט וועגן ראָדאָלפס אָפטע באַזוכן, ווי ער איז פלוצלונג פאַרשוווּנדן געוואָרן, און זיין אַנגעצוויגענע מינע, ווען ער האָט זיך מיט אים שפּעטער

באגעגנט צוויי אָדער דריי מאָל. אָבער דער בכבודיקער טאָן פונם בריוו האָט אים צעחושט.

— אפשר אמאָל האָבן זיי זיך פלאַטאָניש געליבט, — האָט ער צו זיך געזאָגט.

איבעריקנס, איז שאַרל נישט געווען פון די מענטשן, וואָס האָבן זיך ליב צו פאַרטיפן אין תוך פון דער זאך; ער האָט פאַרמאכט די אויגן פאַר די באַווייזן און זיין אומבאַשטימטע אייפערזוכט האָט זיך פאַרלוירן אין זיינע אומגעהויערע יסורים

— אַלע האָבן איר מסתם פארגעטערט, — האָט ער געטראַכט. אַלע מענער האָבן זי, בלי ספק באַגערט. און זי איז נאָך געוואָרן איצט שענער אין שאַרלס אויגן; ס'האָט זיך אין אים פלוצלונג דערוועקט אַ חשק צו איר, אַ ווילדע תאווה, וועלכע האָט אָנגעצונדן זיין פאַרצווייפלונג; און דידאָזיקע תאווה האָט קיין גבול נישט געהאַט, ווייל זי איז געשטאַנען אויסער די גרענעצן פון ווירקלעכקייט.

כדי איר געפעלן צו ווערן, — פונקט ווי זי וואָלט נאָך געלעבט, — האָט ער זיך אָנגעהייבן צוצופאסן צו אירע געשמאַקן, צו אירע אידעען. ער האָט זיך געקויפט לאַקירטע שיך און געטראָגן ווייסע קראַוואַטן. ער האָט זיך געפארבט די וואָנסעס און, פונקט ווי זי, האָט ער אויסגעשטעלט וועקסלען. אפילו פון קבר אַרויס האָט זי נאָך געהאַט אויף אים איר פאַרדערבלעכע השפּעה.

שטיק ביי שטיק איז אים אויסגעקומען צו פארקויפן די זילבער, די מעבל פון זאַל. אַלע צימערן זענען אויסגעליידיקט געוואָרן; אָבער דער צימער, איר צימער, איז פאַרבליבן ווי פריער. נאָכמיטאָג פלעגט שאַרל אַרויפגיין אַהין. ער פלעגט צורוקן צום קאמין דעם רונדיקן טישל און צושטעלן איר „פאָטעל". ער פלעגט זיך זעצן אַנטקעגן. אין איינעם פון די באַגילדטע לייכטערס האָט געברענט אַ ליכט. לעבן אים האָט בערטע זיך געפּאָרעט מיט בילדלעך.

דער אומגליקלעכער שאַרל האָט געליטן, צוקוקנדיק זיך ווי בערטע איז שלעכט געקליידט. אירע שיך זענען געווען אָן שנירלעך און אירע בלוזקעס צעריסן, ווייל די דינסט האָט גאָר

קיין אכט נישט געלייגט אויף איר. אָבער זי איז געווען אַזאַ שט·לע, אַזאַ צאַרטע, און ווען איר קעפּעלע האָט זיך שלאַנק איינגעבויגן, פאַרשיטנדיק אירע ראָזע בעקעלעך מיט אירע בלאָנדע האָר, איז שאַרלס האַרץ געוואָרן אָנגעפּילט מיט אַן אומאויסדריקלעכן תּענוג, — אַ תענוג אויסגעמישט מיט ביטערקייט, פּונקט ווי די שלעכטע ווײַנען, וואָס שמעקן מיט סמאָלע. ער האָט צורעכט געמאַכט אירע צאַצקעס, ער האָט פאַר איר אויסגעשניטן פּאַיאַצעס פון טאָוול, אָדער פאַרנייט די צעשניטענע בייכער פון אירע ליאַלקעס. נאָכדעם, ווען זיין בליק פלעגט פאַלן איבערן ארבעט-קעסטל, אויף אַ סטענגע, וואָס פלעגט זיך ערגעץ נאָכשלעפּן, אָדער אַ שפּילקע, וואָס איז צופעליק פאַרבליבן אין אַ שפּאַלט פון טיש, האָט ער אָנגעהייבן צו טרוימען, געוואָרן אומעטיק. און דאָס מיידעלע פלעגט ווערן אַזוי אומעטיק ווי ער.

קיינער פלעגט איצט נישט קומען זיי באַזוכן; זשיסטען איז אַנטלאָפן געוואָרן קיין רואַן, ווו ער איז אָנגעקומען אין אַ בשמים-געוועלבל, און דעם אַפּטייקערס קינדער האָבן זעלטענער באַזוכט בערטען, ווייל מסיע אָמע אַליין האָט נישט געוואָלט פאָרזעצן דידאָזיקע פריינטשאַפט, צוליבן אונטערשייד פון זייער סאָציאַלער לאַגע.

דער בלינדער, וועלכן ער האָט נישט געקענט אויסהיילן מיט זיין מאַשטש איז אַוועק צוריק אינם געגנט בוא-גילאָם, ווו ער האָט פאַנאַנדערגעפּלוידערט אַלע פּאַסאַזשירן וועגן דער אומזיסטער מירחה פון אַפּטייקער; ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז ווען אָמע פלעגט פאָרן אין שטאָט פלעגט ער זיך פאַרבאַהאַלטן אונטער די פאָרהאַנגען פון דער „שוואַלב“, כדי זיך נישט צו באַגעגענען מיטן בלינדן. ער האָט אים פיינט געקריגן; און אַזוי-ווי אָמען איז געגאַנגען אין לעבן פּטור צו ווערן פון אים, האָט ער בנוגע דעם בלינדן אָנגעווענדעט פאַרשידענע געהיימע פלענער. ווו ער האָט אַרויסגעוויזן זיין טיפע כיטרעקייט און דעם גאַנצן שקר פון זיין פוסטער גאווה. במשך פון גאַנ-

צע זעקס חדשים האָט מען געקענט לעזן אין „רוֹאַנער ליכט" פאָלגענדיקע נאָטיצן.

„יעדער איינציקער, וואָס פאָרט אין די פּרוכטבאַרע געגנטן פון פּיקאַרדיע, האָט בלי ספק באַמערקט אין די סביבות פון גילאָמער וואַלד אַ שנאָרער מיט אַ שרעקלעכן ווונד אויפן פּנים. ער מאַטערט אייך, ער פאַרפאָלגט אייך און ער נעמט אַ געהעריקן שטייער פון די פּאַסאַזשירן. צי דען זשע לעבן מיר נאָך אין די שרעקלעכע צייטן פון מיטלאַלטער, ווען ס׳איז דערלויבט געוואָרן אַלע שנאָרער אַרויסצושטעלן אין געזעל-שאַפטלעכע ערטער זייערע מגפות און ווונדן, וועלכע זיי האָבן מיטגעבראַכט פון די קרייץ-צוגן?"

אָדער:

„נישט געקוקט אויף די געזעצן, וואָס פאַרווערן שנאָרע-ריי, זענען די סביבות פון די גרויסע שטעט נאָך אַלץ פאַר-פּעסטעט מיט באַנדעס שנאָרערס. עטלעכע פון זיי שלעפּן זיך אַרום איינציקווייז, און אָט די זענען אפשר אַזוי געפערלעך ווי די אַלע אַנדערע. וועגן וואָס טראַכטן אונדזערע עדילן *)?"

נאָכדעם פלעגט אָמע אויסטראַכטן אַנעקדאָטן:

„נעכטן, אין די סביבות פון בוא-גילאָם, האָט אַ צעלאָזן פערדל..." און ווייטער איז אָוועק אַ מעשה מיט אַ צופאַל, וואָס די אנוועזנהייט פון אַ בלינדן האָט גורם געווען.

ער האָט אַזוי לאַנג געשריבן, ביז מען האָט דעם בלינדן אַריינגעזעצט. אָבער מען האָט אים ווידער אַרויסגעלאָזט. ער האָט זיך ווידער גענומען צו זיין פּראָפעסיע, און אָמע צום צום שרייבן. ס׳האָט זיך אַנטוויקלט אַ קאַמף. אָמע האָט געזיגט, ווייל זיין שונא האָט מען פאַרמשפּט אויף שטענדיקן אַרעסט אין אַ שפּיטאָל.

דערדאָזיקער דערפאָלג האָט אים צוגעגעבן מוט. און פון יענער צייט אָן האָט אָמע קיין שום געשעעניש נישט אַדורכ-געלאָזט. ער האָט געשריבן וועגן אַ חונט, וואָס מען האָט אי-בערגעפאָרן, וועגן אַ שייער וואָס איז פאַרברענט געוואָרן, וועגן

*) עדיל; אַ מין פּאָליצמייסטער אין אַמאָליקן רוים, וועלכער פלעגט אַכטונג געבן אויף קהלישע זאַכן.

אַ פרוי, וועלכער מען האָט צעשלאָגן. און פון אַלצדינג האָט ער געמאָלדן דער עפנטלעכקייט, תּמיד אויס ליבע צום פּראָגרעס און אויס שנאה צו גלחים. ער האָט געמאַכט פאַרגלייכונגען צווישן אָנפאַנגס-שולן מיט אומוויסנדיקע מאָנאַכן, צום שאָדן פון די לעצטע. ער האָט געבראַכט משלים פון דער באַרטאָלאָמיי-נאַכט, גערעדט וועגן אַ געוויסער נדבה פון הונדערט פראַנק לטובת דעם קלויסטער; ער האָט געמאַכט רעוועלאַציעס, געשאָטן מיט פיילן. דאָס איז געווען זיין פּרינציפּ. אָמע האָט זיך, אַזוי צו זאָגן, אונטערגעגראָבן; ער איז געוואָרן געפערלעך.

אָבער די ענגע ראַמען פון זשורנאַליסטיק האָבן אים גע-שטיקט. ער האָט אָנגעהייבן צו טראַכטן וועגן אַרויסגעבן אַ בוך, אַ ווערק! דעמאָלט האָט ער פאַרפאַסט „אַן אַלגעמיינע סטאַטיסטיק פון יאָנווילער קאַנטאָן, מיט קלימאַטאָלאָגישע באַ-מערקונגען", און די סטאַטיסטיק האָט אים אַ שטופּ געטאָן צו פילאָזאָפיע. אָט האָט ער זיך גאָר פאַראינטערעסירט מיט גרויסע פּראָבלעמען: מיט דעם סאָציאַלן פּראָבלעם, מיטן מאָראַל פון די אָרעמע קלאַסן, מיט פיש-פאַנג, מיט קאַוטשוק, אייזנ-באַנען א. אז. וו. ער האָט שוין אפילו גערויטלט דערפון, וואָס ער איז אַ בורזשוי. ער האָט זיך פאַראייגנט אַרטיסטישע זשעסטן, ער האָט גערויכערט! ער האָט זיך איינגעקויפט צוויי סטאַטועס, שיק פּאָמפּאַדור, כּדי צו באַפּוצן זיין זאַל.

זיין אַפּטייק אָבער, האָט ער נישט פאַרוואָרפן; אדרבה! תּמיד איז ער געווען אין קורס פון די נייע דערפינדונגען. ער האָט זיך אינטערעסירט מיט דער גרויסער באַוועגונג פון שאָקאָלאַד. ער איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט אַראָפּגעבראַכט אין דער געגנט פון דער אונטערשטער סענע קאַקאַאָ: שאָ-קאַ און רעוואַ-לענציאַ. ער איז געווען באַגייסטערט פון הידראָ-עלעקטרישע קייטן פּולווערמאַכער; ער האָט אַליין געטראָגן אַזאַ מין קייט; און אָוונטצייט, ווען ער פלעגט אויסטאָן זיין פלאַנעלענעם קאַפּטאַן, איז זיין ווייב געשטאַנען און געשטוינט פאַר דעמדאָזיקן גאָלד-פאַנצער, אונטער וועלכן ער איז פאַרשוונדן געוואָרן. און זי האָט געפילט, אַז איר תּאווה פאַרשטאַרקט זיך צום דאָזיקן מאַן

וועלכער איז געווען געפּאַנצערט ווי אַ פּציט *) און פּרעכטיק ווי אַ מאַגיקער.

ער האָט געהאַט שיינע איינפאַלן בנוגע אַ מצבה פאַר עמען. צוערשט האָט ער פאָרגעלייגט אַ צעבראָכענע קאָלאָנע מיט אַ דראַפּירונג, נאָכדעם אַ פּיראַמידע, שפּעטער אַ וועסטאַ-טעמפּל, א מין ראָטאָנדע... אָדער „אַ באַרג חורבה". און צווישן די אַלע פּראָיעקטן האָט ער קיינמאָל נישט פאַרפעלט קיין ווייַנענדיקע-ווערבע, וועלכער ער האָט באַטראַכט פאַר אַ נויטווענדיקן סימבאָל פון טרויער.

שאַרל האָט מיט אים געמאַכט אַ נסיעה קיין רואַן, כדי צו באַטראַכטן מצבות ביי אַ מצבה-אונטערנעמער; זיי האָט באַגלייט אַ קינסטלער, אַ געוויסער וואָפּריליאַר, אַ פריינט פון בּרידו, וועלכער האָט דעם גאַנצן וועג געשאָטן מיט קאַלאַמבורן. נאָכדעם ווי זיי האָבן באַטראַכט אַ הונדערט מוסטערן, צוזאַמענגעשטעלט אַ קאַלקוליאַציע און געמאַכט נאָך אַ רייזע קיין רואַן, האָט שאַרל ענדלעך באַשלאָסן צו באַשטעלן אַ מאַוזאָלעאום, וועלכער זאָל פון ביידע פראָנט-זייטן טראָגן אויף זיך אַ „זשעני מיט אַן אויסגעלאָשענעם שטורקאַץ אין דער האַנט".

וואָס שייך צום אויפשריפט האָט אָמע נישט געפונען קיין שום שענערן ווי: Sta viator (**; ער האָט זיך געבראָכן דעם קאָפּ און כסדר איבערגעחזרט: ...Sta viator ענדלעך האָט ער אויסגעפונען:

Amabilem conjugem calcas ! ***) און די אויפשריפט איז אָנגענומען געוואָרן.

אַ מאָדנע זאַך, וואָס שאַרל טראַכטנדיק כסדר וועגן עמען, האָט ער זי דאָך פאַרגעסן; און ער איז געווען שטאַרק פאַר-פאַרצווייפלט, פילנדיק ווי דאָסדאָזיק בילד אנטלויפט פון זיין זכרון, נישט געקוקט אויף אַלע זיינע אָנשטרענגונגען עס אויפ-

---

*) אַ פאַרצייטיק פאָלק.

**) שטיי פאַרבייגייער.

***) אויפן קבר פון אַ געליבטער ווייב טרעטסטו!

צוהאַלטן. דאָך האָט זי זיך אים יעדער נאַכט געחלומט. תמיד דערזעלבער חלום: ער דערנענטערט זיך צו איר, אָבער קוים וויל ער זי אַרומנעמען, ווערט זי תיכף צעשאָטן אין זיינע אָרעמס.

אַ גאַנצע וואָך פלעגט ער אָוונטצייט קומען אין קלויסטער. דער גלח בורניסיען האָט אים אפילו צוויי אָדער דריי מאָל באַזוכט, אָבער דערנאָך אויפגעהערט צו גיין. איבעריקנס, האָט דער גלח געהאַט אַ נטיה צו אומטאָלעראַנץ, צו פאַנאַטיזם, ווי אָמע האָט זיך אויסגעדריקט. ער האָט געשאָטן פעך און שוועבל אויפן מאָדערנעם גייסט און פונקט צוויי מאָל אַ חודש פלעגט ער דערציילן אין זיין דרשה וועגן וואָלטערס גסיסה, וועלכער האָט, ווי ס'איז באַוווסט, פאַרן טויט געפרעסן זיין אייגענע שמוץ.

נישט געקוקט אויף באָוואַריס שפּאָרזאַמקייט, האָט ער דאָך נישט געקענט אַרויסקריכן פון זיינע אַלטע חובות. לערע האָט זיך אָפּגעזאָגט צוזונעמען נייע וועקסלען. אַלזאָ די ליציטאַציע האָט אומבאַדינגט געמוזט פאָרקומען. דעמאָלט האָט זיך שאַרל געווענדעט צו זיין מוטער, וועלכע האָט מסכים געווען צו פאַרזעצן איר פאַרמעגן, נאָר דערביי האָט זי נישט געשפּאָרט קיין פאָרווורפן אויפן אַדרעס פון עמען; און פאַר איר טאַט האָט זי געפאָדערט אַלס באַלוינונג עפּעס אַ שאַל, וואָס איז פאַרבליבן נאָך פעליסיטעס גנבה. שאַרל האָט איר אָפּגעזאָגט. זיי האָבן זיך צעקריגט.

זי האָט געמאַכט דעם ערשטן טריט אויף איבערצוּבעטן זיך, פאָרלייגנדיק צוצונעמען צו זיך דאָס מיידעלע, וועלכעס וועט זיין איר טרייסט. שאַרל האָט מסכים געווען. אָבער פאַרן פאָרן האָט ער פאַרלוירן זיין מוט. דעמאָלט האָבן זיי זיך שוין ענטגילטיק צעקריגט.

וואָס שטאַרקער ער האָט געפילט זיין איינזאַמקייט, אַלץ שטאַרקער איז געוואָרן זיין ליבע צום קינד. אָבער דאָס מיידעלע האָט אים באַאומרויקט, ווייל זי האָט געהוסט און אויף אירע בעקעלעך האָבן זיך באַוויזן רויטע פלעקן.

אַנטקעגן אים האָט זיך פאַנאַנדערגעצווייגט די בליענדיקע

אין פרייליכע משפחה פון אַפּטייקער, ווען ס'איז אין אַלץ געגאַנגען. נאַפּאָלעאָן האָט אים צוגעהאָלפן אין לאַבאָראַטאָריע, אַטאַלי האָט אים אויסגענייט אַ גריכישע פעסקע, אירמע האָט אויסגעשניטן קיילעכדיקע שטיקער פּאַפּיר צו באַדעקן די קאָנפיטורן און פראַנקלין האָט מיט איין אָטעם איבערגעזאָגט אויף אויסנווייניק די גאַנצע פּופל-טאַבעלע. ער איז געווען דער גליקלעכסטער טאַטע, דער גליקלעכסטער שטערבלעכער.

אַ טעות! אַ שטילע תאווה האָט אים גענאָגט: אָמע האָט געהאַט חשק צו באַקומען אַ קרייץ. און פאַרדינסטן האָט ער, פאַרשטייט זיך, געהאַט אַ סך:

1) בעת דער כאָלערע האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט זיין אומבאַגרענעצטער איבערגעבנקייט; 2) ער האָט אַרויסגעגעבן אויף זיינע אייגענע הוצאות פאַרשידענע ווערק, וואָס טראָגן אַ געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער, נעמלעך... (און דאָ ער האָט דערמאָנט זיין באַריכט מיטן נאָמען: וועגן עפּל-ווייַן, זיין פאַבריקאַציע און ווירקונג; נאָכדעם האָט ער דערמאָנט וועגן זיינע באָבאַכטונגען איבער האָריקע לייז, וואָס זענען אָוועקגעשיקט געוואָרן אין דער אַקאַדעמיע, וועגן זיינעם א באַנד סטאַטיסטיק און אפילו וועגן זיין פאַרמאַציע-דיסערטאַציע), נישט רעכענענדיק שוין, וואָס ער איז געווען אַ מיטגליד אין פאַרשידענע געלערנטע געזעלשאַפטן (איינדעראמתן בלויז פון איין געזעלשאַפט).

— ענדלעך, — האָט ער אויסגעשריען, דרייענדיק זיך אויפן אָרט, — כאָטש בלויז דערפאַר, וואָס איך האָב זיך שטאַרק אויסגעצייכנט אויף שריפות!

אָמע האָט זיך אָנגעהייבן צוצולעקן צו דער מאַכט. ער האָט אינדערשטיל שטאַרק בייגעהאָלפן דעם פּרעפעקט ביי די וואַלן. ער האָט זיך פאַרקויפט, ער האָט געהאַנדלט מיט זיך. ער האָט זיך אפילו געווענדעט מיט אַ ביטע צום מאָנאַרך אליין, בעטנדיק רחמים וועגן גערעכטיקייט; ער האָט אים אָנגערופן אונדזער גוטער מלך און פאַרגליכט אים מיט העינריקן דעם IV.

און יערן פּרימאָרגן פלעגט זיך דער אַפּטייקער אָ־ויפ־וואַרפן אויף דער צייטונג, זוכנדיק אין איר זיין נאָמינאַציע ער האָט אָבער גאָרנישט געפונען. נישט קענענדיק מער אויס־האַלטן האָט ער געהייסן אין זיין גאָרטן מאַכן אַ קלומבע אין דער פאָרם פון אַ שטערן פון ערן־לעגיאָן מיט צוויי שורות גראָז אינדערהויך, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ לענטע. ער האָט ארומגעשפּאַצירט אַרום און אַרום, די הענט געקרייצט, טראַכטנדיק וועגן דער שלימזלדיקער רעגירונג און וועגן דער גומדאַנקבאַרקייט פון מענטשן.

אויס כבוד צו עמען אָדער צוליב אַ מין דעליקאַטן גע־פיל האָט שאַרל נאָך ביז איצט נישט אויפגעעפנט די געהיימע אָפּטיילונג אין עמעס פּאַליסאַנדער ביורקע. דאָך, איינמאָל, האָט ער זיך לעבן איר אַוועקגעזעצט, אַ דריי געטאָן דעם שליסל און צוגעדריקט די פּרוזשינע. אַלע לעאָנס בריוו האָבן זיך דאָרט געפונען. איצט האָט שוין קיין שום ספק נישט געקענט זיין! ער האָט זיי געשלונגען נאָך איינאַנדער, ער האָט זיך גע־גריבלט אין אַלע ווינקלען, איבערגעראָיעט דאָס גאַנצע מעבל, אַלע שופלאָדן, געזוכט צווישן די ווענט, געוויינט, געיאָמערט, פאַר־לוירן דעם קאָפּ, ווי אַ משוגענער. ער האָט געפונען אַ קעסטל, האָט ער עס צעבראָכן מיטן פוס. צווישן די צעוואָרפענע בריוו, האָט זיך אים אַ וואָרף געטאָן אין די אויגן ראָדאָלפס פּאָרטרעט.

אַלע האָבן זיך געחידושט פון זיין פאַרצווייפלונג. ער איז נישט אַרויסגעגאַנגען, קיינעם נישט אויפגענומען, נישט, באַזוכט אַפילו קיין קראַנקע. אַלע האָבן באַשלאָסן, אַז ער פאַרשליסט זיך, כדי צו שיכורן.

פון צייט צו צייט פלעגט אַ נייגעריקער כאַפּן אַ בליק דורכן פלויט פון גאָרטן און מיט שטוינונג באַטראַכט דעמ־דאָזיקן מענטשן, וועלכער האָט זיך פאַרלאָזט אַ לאַנגע באָרד, געטראָגן שמוציקע בגדים און, שפּרייענדיק אַהין און צוריק האָט ער אויפן קול געוויינט.

אין די זומערדיקע אָוונטן פלעגט ער מיט זיך מיטנע־מען זיין קליין מיידעלע און אַוועק מיט איר אויפן בית-עלמין.

זיי פלעגן קומען שפעט אין דער נאַכט, ווען אויפן מאַרק איז שוין אומעטום געווען פינסטער, און נאָר ביי בינען האָט זיך געלויכטן.

אָבער צו זיינע יסורים האָט אים געפעלט עמיצער, פאַר וועמען ער זאָל אַרויסרעדן זיין האַרץ, און ער פלעגט מאַכן וויזיטן ביי דער מאַדאַם לעפראַנסואַ, כדי צו קענען רעדן וועגן „איר”. אָבער די שענקערין האָט זיך צוגעהאָרכט קוים מיט איין אויער, האָבנדיק אירע אייגענע צרות; ווייל לערע האָט, סוף כל סוף, איינגעאָרדנט אַ „פאַרמיטלונגס-ביוראָ” און היווער וועלכער האָט געהאַט די פעסטע רעפּוטאַציע, אַלס אָנגע-שטעלטער, האָט געפאָדערט ביי איר אַ העכערע שכירות און געדראָט אַוועקצוגיין צו דער „קאָנקורענציע”.

איינמאָל, ווען שאַרל איז געפאָרן אויפן אַרגעלער יאַריד, כדי צו פאַרקויפן דאָס פערד — זיין לעצטן הילפסמיטל — האָט ער באַגעגנט ראָדאָלפן.

זיי זענען ביידע בלאַס געוואָרן. ראָדאָלף, וועלכער האָט נאָך עמעס טויט זיך באַנוגנט מיט זיין וויזיטקאַרטע, אויס-דריקנדיק דערמיט זיין באַדויערונג האָט צוערשט אַרויסגע-שטאַמלט עטלעכע אַנטשולדיקונגען; נאָכדעם האָט ער באַ-קומען מוט, געוואָרן זיכערער ביי זיך, און אַפילו אים פאַר-בעטן אין אַ שענק אויף אַ גלאָז ביר. ס'איז געווען אַ הייסער אויגוסט טאָג.

זיצנדיק אַנטקעגן אים מיט אָנגעלענטע עלנבויגנס האָט ער גערעט און געקייט אַ ציגאַר; שאַרל, ווידער, האָט זיך אַוועקגעטראָגן אין עולם-הדמיון, קוקנדיק אויף דעמדאָזיקן מאַן, וועלכן „זי” האָט געליבט. ס'האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער זעט אַ טייל פון איר. עפעס אַ מאָדנע זאַך: שאַרל האָט געוואָלט זיין דערדאָזיקער מענטש.

און יענער האָט כסדר גערעדט וועגן לאַנדווירטשאַפט, וועגן שאָף, וועגן מיסט, פאַרשטאָפּנדיק מיט פוסטע פראַזן אַלע בלויזן, וועלכע מען האָט געקענט צווייִדייטיק אויסטייטשן. שאַרל האָט אים נישט אויסגעהאָרכט; ראָדאָלף האָט עס באַמערקט, איז ער געזעסן און אָבסערווירט אויף שאַרלס באַוועגלעכן פּנים

דעם לויף פון זיינע ערינערונגען. דאָס פּנים האָט געריטלט, די נאָזלעכער האָבן זיך שנעל באַוועגט, די ליפּן האָבן געציטערט; ס'איז אַפילו געווען אַ רגע, ווען אָנגעפילט מיט אַ ווילדן כעס, האָט שאַרל צוגעפעסטיקט זיין בליק אויף ראָדאָלפן, וועלכער האָט פון שרעק אויפגעהערט צו רעדן. אָבער תיכף האָט זיך אויף זיין פּנים ווידער באַוויזן דיזעלבע שטערבלעכע אָפּגעמאַטערטקייט.

— איך בין אויף אייך נישט אין כעס, — האָט ער געזאָגט.

ראָדאָלף איז געבליבן שטום. און שאַרל, מיטן קאָפּ צווישן די הענט, מיט אַן אויסגעלאָשענער שטים, און מיט אַן אויסדרוק פון הכנעה און פון אומענדלעכע ליידן, האָט נאָכאַמאָל איבערגעחזרט:

— ניין, איך בין אויף אייך מער נישט אין כעס!

ער האָט אַפילו צוגעגעבן אַ הויכן וואָרט, אַ וואָרט, וועלכן ער האָט אפשר צום ערשטן מאָל אַרויסגעזאָגט אין זיין לעבן:

— דערין איז שולדיק דער מזל!

ראָדאָלף, וועלכער איז געווען דער אָנפירער פון דעמדאָזיקן מזל, האָט איינגעפונען, אַז ער איז זייער גוטמוטיק און פאַר אַ מענטש אין זיין לאַגע, איז ער אַפילו קאָמיש און עטוואָס נידערטרעכטיק.

אויפצומאָרגנס איז שאַרל געזעסן אויף אַ באַנק אין דער אַלטאַנע. די זון האָט זיך דורכגעשלאָגן דורך די שטאַכעטן; די וויין-בלעטער האָבן געצייכנט זייער שאָטן אויפן זאַמד. די זשאַסמין-בלומען האָבן צעגאָסן זייערע ריחות, דער הימל איז געווען בלוי, די שפּאַנישע פליגן האָבן געזשווזשעט אַרום צעבליטע ליליעס און שאַרל האָט שווער געאָטעמט, ווי אַ בחור אונטערן דעם אומבאַשטימטן צופלוס פון ליבע, וואָס האָט אָנגעפילט זיין צעווייטיקט האַרץ.

די קליינע בערטע, וועלכע האָט אים נישט געזען אַ

גאַנצן נאָכמיטאָג איז זיבן אַ זייגער געקומען אים רופן צום מיטאָג.

ער איז געזעסן מיטן קאָפּ אָנגעלענט צו דער וואַנט, די אויגן צוגעמאַכט, דאָס מויל אָפֿן, און אין די הענט האָט ער געהאַלטן אַ לאַנגן צאָפּ שוואַרצע האָר.

— פּאַפּאַ, קום! — האָט זי געזאָגט.

און מיינענדיק, אַז ער מאַכט עס צופּלייסן, האָט זי אים לייכט אַ שטופּ געטאָן. ער איז אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד. ער איז געווען טויט.

אין זעקסאונדרייסיק שעה אַרום איז אָנגעקומען דער דאָקטאָר קאַניוועט, וועלכן דער אַפּטייקער האָט אַרויסגערופן. ער האָט באַטראַכט דעם מת און גאָרנישט געפונען.

ווען אַלץ איז פֿאַרקויפט געוואָרן, איז נאָך פֿאַרבליבן צוועלף פֿראַנק פֿינפֿאונזיבעציק סאַנטים, וועלכע זענען פֿאַרווענדעט געוואָרן אויף אַוועקצופֿירן דער מאַדמאַזעל באָוואַרי צו דער באָבען. די זקנה איז געשטאָרבן אין זעלבן יאָר; אַזוי־ווי דער אַלטער רואָ איז געלעגן אַ פּאַראַליזירטער, איז דאָס מיידעלע אַריינגעפאַלן צו אַ מומען. די מומע איז געווען זייער אָרעם, האָט זי אַוועקגעשיקט בערטען אין אַ שפּינערייַ, כּדי זי זאָל דאָרט אויסאַרבעטן איר חיונה.

נאָך באָוואַריס טויט זענען אין יאָנוויל אָנגעקומען דריי דאָקטוירים איינער נאָכן צווייטן, אָבער אָן דערפאָלג, ווייל אָמע האָט זיי אַלעמען קאַליע געמאַכט די פּראַקטיקע. אָמע האָט אַ סך באַזוכער; די מאַכט איז אויף זיין זייט און די בעזעלשאַפטלעכע מיינונג שטיצט אים.

ער האָט באַקומען אַן ערן־קרייץ.

ס ו ף

אידישע פאלקס ביבליאטעק
ווינדזאר, 814 אידי, איסט
ביי דער י. ל. פרץ-שול

[illegible] אין צייט,